STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00578

DI ANDERSHKAYT FUN AMERIKANER YIDNTUM

Saul L. Goodman

Permanent preservation of this book was made possible by
Sara & Robert Friedman
in honor of
the 61st anniversary of Elizabeth & Joseph Friedman

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שואל גוטמאַן

✶

די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער ייִדנטום

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פונעם
פאָנד א.נ. פון משה אָדערבערג, לאָס אַנדזשעלעס.

שאול גוטמאן

די אנדערשקייט פון אמעריקאנער ייִדנטום

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תש״מ — 1980

Saul L. Goodman

DI ANDERSHKAIT FUN AMERIKANER IDNTUM

(THE UNIQUENESS OF AMERICAN JEWRY)

Essays

שואל גוטמאַן / די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער ייִדנטום

פאַרלאַג י. ל. פרץ, אלנבי 31, תל־אביב

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby Str., Tel Aviv

נדפס בישראל תש״מ

Printed in Israel 1980

דפוס „להב", תל־אביב, רח' המסגר 60, טל. 336564

מיט ליבשאַפט און יראת הכּבוד

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין פאָטער און לערער, דער חסיד־משׂכּיל און וועלט־מענטש, דער למדן און כּלל־טוער ר׳ אברהם־יעקב לעדערמאַן ז״ל (1862—1919), און מיין מוטער, דער שיינער און קלוגער אשת־חיל בריינע ז״ל (1884—1941?), וועמען די דייטשע רוצחים האָבן אומגעבראַכט, הי״ד.

אינהאַלט

דער אַני־מאמין פון אַ ייִדישן דערציִער 9

אַמעריקע און דער יידישער קיבוץ

צי איז די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע אַ דורכפאַל? 17
די אַמעריקאַנער אויפקלערונג און אונדזער השכלה 26
די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ 34
אַ פופציק־יאָריקער עקספּערימענט אין צוויי־קולטורישקייט 41
דער נייַער קולטור־פּלוראַליזם — צי איז ער גוט פאַר ייִדן? 57
די עטנישע באַוועגונג און דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום 62
צי ווערט דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ קאָנסערוואַטיוו? 78
וועלטלעכע ייִדישקייט פאַר די ייִנגערע דורות 86
בכל הגוייִמדיקייט אין אַ נייַער אויפלאַגע 98

ליטעראַטור און דיכטונג

רעדן, שווייַגן און אוממענטשלעכקייט 111
אהרן צייטלין — דער מעטאַפיזישער פּאָעט און זייַן צייַט 125
ש. ניגערס „טאָגבוך" 136
דוד אײנהאָרן — דער ראָמאַנטיקער און דער מקונן 144
א. לייעסין — דער דיכטער און פּובליציסט 150
אפרים אויערבאַך — זייַן ייִדישער וועלט־באַנעם 158
יעקב גלאַטשטיין — דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּאָעט 165
אהרן גלאַנץ־לעיעלעס — צו זייַן צענטן יאָרצייַט 168
מאיר זימל טקאַטש — דער דיכטער פון נגלה 174
„אין דרויסן פון דער וועלט" (וועגן דיכטער משה שטיינגאַרט) 180
יעקב גלאַנץ — מעקסיקאַנער ייִדישער פּאָעט 188
א. בערגער — דיכטער פון מינאָרע טענער 192
אלף בּץ — שפּילעוודיקער דיכטער 198
בינעם העלערס „דור און דויער" 202
ישראל גויכבערג — דיכטער און פּעדאַגאָג 208
אויף אייגענע סטעזשקעס (וועגן דער דיכטערין ביילע גאָטעסמאַן) 212
נאַכטיקע דיאַלאָגן (וועגן דעם דיכטער מנחם שטערן) 216

אינטעלעקטואַלן און אידעאָלאָגיעס

די אחריות פון אינטעלעקטואַלן 223
צי האַלטן מיר ביים אונטערגאַנג פון אידעאָלאָגיעס? 229
נישט־ייִדישע, אָדער אַנטי־ייִדישע אינטעלעקטואַלן? 237

האָראַס קאַלען — דער ייִדישער און אַמעריקאַנער דענקער 247
מאָריס ר. קאָהען — דער ייִדישער און אַמעריקאַנער פילאָסאָף 255
נאָרמאַן טאָמאַס — דער עטישער סאָציאַליסט 264
האַנס קאָהן — דער היסטאָריקער פון נאַציאָנאַליזם 269
וואָלטער ליפּמאַן — דער פּאָליטישער דענקער 276
ריינהאָלד ניבור — פון די חסידי אומות העולם 283
זשאַק מאַריטען און דער טעאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם 292
סידני הוק און דער קריזיס אין דעמאָקראַטיע 295
יודל מאַרק — פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער פון דער ייִדיש־
וועלטלעכער שול אין אַמעריקע 300
מאָריס סעמיועל — אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע 305
אברהם מענעס און וועלטלעכע ייִדישקייט 313
אברהם העשעל — פּאָעט פון מזרח־אייראָפּעישער ייִדישקייט 319
אירווינג האַו און די וועלט פון אונדזערע קינדער 324
אַלפרעד קייזין — ניו־יאָרקער ייִדישער קריטיקער 336
שלמה סיימאַן — דער שריפטשטעלער און שולטוער 344

די יוגנט און דער ייִדיש־וועלטלעכער סעקטאָר

אַ האַלבער יאָרהונדערט קולטור־ייִדישקייט 349
גערעכטע טענות פון אונדזער יוגנט 357
דער אַמעריקאַנער ייִדישער סטודענט 363
זוכונגען פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט 367
דער דריטער דור מיטן פּנים צו זיך 388
ייִדישע טאָגשולן אין אַמעריקע 398
די צוקונפט פון וועלטלעכער ייִדישקייט (אַן אינטערוויו) 406
די צוקונפט פון אַמעריקאַנער ייִדנטום 413
נאָכוואָרט 425
אינדעקס פון נעמען און ענינים 426
ביכער פון שאול גוטמאַן
ביבליאָגראַפיע וועגן ש. גוטמאַן 432

דער אַני־מאמין פון אַ ייִדישן דערציִער

איך געהער, ווי אַ סך פון מײַן דור, איןביידע וועלטן: אין דער ייִדישער, און אין דער אַלגעמיינער; בײַ מיר איז שוין נישט געווען דער דיס צווישן ייִדישקייט און אייראָפּעיִשקייט, אָדער אַמעריקאַנישקייט. איך האָב געלערנט גלײַכצײַטיק די אַלטע ייִדישע תּורה און די מערב־קולטור. ביידע האָבן מיך געהאַלטן געפאַנגען, און אין ביידע בין איך געווען פאַר־ליבט. אין ביידע האָב איך געזען חכמה, שאַרפזין, און שיינקייט. פון דער פריסטער יוגנט אָן בין איך געווען פאַרכּישופט פון דער פּאָעזיע פון תּנ״ך, פון אַ ריי תּפילות, פון די מיטלאַלטערלעכע פּײַטנים, וועמענס פּיוטים עס זײַנען אַרײַן אין מחזור. אויסוואַקסנדיק, אין פּוילן, אין אַ הויז פון אַ טאַטן אַ למדן, אַ חסיד, און שפּעטער אַ משׂכּיל, אַ כּלל־טוער, אַ מענטש וואָס האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק; אויסוואַקסנדיק אין אַ משפּחה ווו כ׳האָב נאָך אין די קינדער־יאָרן געהערט פון מײַן טאַטן די נעמען זשיטלאָווסקי, מאַסליאַנסקי, איז מיר קיין מאָל נישט פרעמד געווען די גרויסע וועלט.

איך האָב געגלויבט באמונה שלימה אין דער אידעע פון פּראָגרעס, אַז די קומענדיקע דורות וועלן באַשטיין פון בעסערע מענטשן ווי די פריִערדיקע; איך האָב געזען ליכט אויך אין דער נישט־ייִדישער וועלט. אַפילו ווי אַ יונג בחורל, ווען איך האָב זיך געגריבלט אין מאַרקסיסטישן „פּילפּול״ (דיאַלעקטיק, בלע״ז), האָב איך נאָך אַלץ געהאַט אַן אינטערעס אין קבלה און חסידות. אין מיר האָבן געלעבט בשלום בערטראַנד ראַסעל און דער בעל שם טוב; בײַראָן און ר׳ יהודה הלוי; ר׳ נחמן בראַצלאַווער און שעקספּיר. איך האָב געפילט שוין אין דער פריסטער יוגנט אַז איך מוז נישט אָננעמען די אידעען־וועלט פון די אַלע גרויסע פּערזענלעכקייטן, כּדי צו שעצן און הנאה צו האָבן פון זייערע שאַפונגען.

גאַנץ פרי האָב איך אײַנגעזען אַז מײַן פאָלק, מײַן קולטור איז דער קאַנאַל וואָס פירט צו דער מענטשהייט; אַז קודם כּל דאַרף איך זאָרגן וועגן גורל פון מײַן פאָלק; דאָס איז מײַן משפּחה. ביזן אויפשטײַג פון

נאַציזם האָב איך געהאָפּט אויף דער פאַרווירקלעכונג פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. די צווייטע וועלט־מלחמה, די מאָנסטעריעזע באַרבאַריזמען פון די סעקולערע רעליגיעס אין אונדזער יאָרהונדערט, פון קאָמוניזם און פאַשיזם, דער אומקום פון זעקס מיליאָן ייִדן, — דאָס האָט צעטרייסלט מײַן גלויבן אין אַלע איזמען, אוטאָפּיעס, אידעאָלאָגיעס. איך בין געוואָרן סקעפּטיש צו אַלע טאָטאַלע לייזונגען. איך בין געקומען צו דער איבערצײַגונג, אַז מענטשן וועלן אפשר קיין מאָל נישט דערגרייכן יענע שלימות, וואָס דאַרף דערפירן צו אַ וועלט פון שלום און יושר. מיר וועלן זיך מוזן צופרידנשטעלן מיט פּאַליאַטיוון, מיט טיילווײַזע לייזונגען. און יענע וואָס מיינען, אַז זיי האָבן טאָטאַלע לייזונגען צו אַלע פּראָבלעמען, זיי האָבן אונדז דערפירט צו פאַרצווייפלונג וואָרעם זייערע אוטאָפּיעס קען מען „דערגרייכן״ דורך טײַכן בלוט, דורך באַרבאַריזם, דורך אוממענטשלעכקייט, דורך אַראָפּהאַקן יעדן קאָפּ וועלכער בייגט זיך נישט.

אָבער, אויב מ׳קען נישט שאַפן קיין אידעאַלע וועלט, מיינט עס נישט אַז מ׳קען שוין גאָרנישט אויפטאָן. ניין! עפּעס אויפטאָן קען מען יאָ, און מ׳דאַרף נישט אויפהערן צו אַרבעטן פאַר אַ וועלט ווו ס׳וועלן זײַן ווייניקער מלחמות, ווייניקער אָרעמקייט, ווייניקער לײַדן; מער פרײַהייט פאַרן יחיד, מער מעגלעכקייט פאַר יעדן מענטש אַרויסצוברענגען די בעסטע פּאָטענצן אין זײַן פּערזענלעכקייט.

ווי אַ ייִד וואָס פילט זיך קרוביש צו אַלע ייִדישע דורות פאַר מיר, בין איך פול מיט פּיעטעט, און כ׳פיל זיך דערהויבן פּנים אל פּנים מיט אונדזער טראַגישער געשיכטע. איך גלויב אַז אונדזער קולטור איז אַזוי גראַנדיעז, אַז זי האָט אַ רעכט צו מאָנען יורשים. זי איז אַזוי אייגנאַרטיק, אַזוי פּראַכטפול, אַז מ׳דאַרף זײַן אַ וואַנדאַל זי צו לאָזן שטאַרבן. אויך די וועלטלעכע ייִדישקייט, וואָס מיר האָבן געשאַפן אויף ייִדיש און העברעיִש אין מזרח־אייראָפּע און אין אַמעריקע, און וואָס בליט זיך איצטער פאַנאַנדער אין מדינת־ישראל — די דאָזיקע ליטעראַטורן אין ייִדיש און העברעיִש זײַנען אַזוי רײַך און ווערטפול, אַז ס׳איז כּדאי צו ברענגען קרבנות אַז זיי זאָלן אַזוי ווײַטער לעבן און וואַקסן, און קרבנות וועט מען מוזן ברענגען, אויב מיר מיינען באמת מיט וועלטלעכער ייִדישקייט. ייִדישע עלטערן, וואָס מיינען ערנסט אַז זייערע קינדער זאָלן איבערנעמען דעם מזרח־אייראָפּעיִשן קאָמפּאָנענט אין דער ייִדישער קולטור, וועלן מוזן אַרויפלייגן

אַ גרעסערע משא אויף די פּלייצעס פון זייערע קינדער: זיי וועלן דאַרפן לערנען אין אַ ייִדישער מיטלשול און אַ סעמינאַר, אָדער קאָלעדזש. אַנ־דערש קענען מיר ווערן אַ סטערילער קיבוץ, און פאַרן אויפהאַלט פון אַ סטאַגנירנדיקן שבט לוינט נישט צו פירן אַן אומאויפהערלעכן קאַמף און כסדר צו ברענגען קרבנות.

ווי אַ ייִד בין איך אין שפּאַנונג צווישן סקעפּטיציזם און גלויבן. מיר ייִדן האָבן זיך צופיל אָנגעליטן פון דער שטיפמאַמען, דער וועלט, נישט צו זײַן סקעפּטיש צו אירע צוזאָגן, צו אירע פּײַערלעכע דעקלאַראַציעס בײַ יום־טובדיקע געלעגנהייטן. אָבער איך ווייס אויך אַז מיר קענען זיך נישט גטן מיט דער וועלט. אויב מיר ווילן זײַן געטרײַ צו זיך, צו אונדזער עטאָס, צו אונדזער גאַנג אין דער וועלט־געשיכטע, דאַן מוזן מיר מיט אַלע כוחות העלפן מתקן זײַן די וועלט. דאָס איז אויך אין אונדזערע אינטערעסן. ווי אַ מיטגליד פון אַ פאָלק, וואָס האָט געשאַפן די וויזיע פון אַ באחרית הימים, ווילט זיך מיר גלויבן, אַז בײַ די בעסטע קינדער פון אַלע פעלקער איז דאָ אַ געוויסן, וואָרעם די חסידי אומות העולם געהערן אויך צו די ל״ו צדיקים, אין וועמענס זכות די וועלט קען עקסיסטירן.

מיר ייִדן האָבן אַ טראַדיציע נאָך פון די צײַטן פון אברהם אבינו צו זײַן איקאָנאָקלאַסטן, צעברעכערס פון געצן, נאָן־קאָנפאָרמיסטן. אַ סך פון אונדזערע איבערגעגעבנסטע, שעפערישסטע זין און טעכטער קענען נישט אַפירמירן רעליגיע. מוזן מיר דערפאַר שאַפן פילאָסאָפיעס, ראַציאָנאַלן אַז די דאָזיקע פרײַדענקערס זאָלן קענען פאַרבלײַבן ערשטקלאַסיקע בירגערס פון ייִדישן פאָלק. אויב נישט, וועלן מיר מאַכן אוממעגלעך פאַר אַ סך סאָפיסטיקירטע ייִדישע אינטעלעקטואַלן זיך צו באַטייליקן אין אונדזער לעבן, און דאָס טאָרן מיר נישט טאָן. עס וואָלט געווען אַן אַבסורד אויס־צושליסן פון אונדזערע רייען יענע, וואָס זײַנען אין דער מאָדערנער צײַט געווען די גרינדערס און די באַגרינדערס פון אונדזערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען — די דובנאָווס, די אחד־העמס, די באָראָכאָווס, די שלמה מענדעלסאָנס, די האָראַס קאַלענס — די אַלע וואָס האָבן אויסגעצ־שמידט נײַע כלי־זיין אין קאַמף פאַר ייִדישער עקסיסטענץ, אין קאַמף מיט דער קנעכטישער אַסימילאַציע. אָט די אַלע דערמאָנטע, און נאָך מער דאָ נישט־דערמאָנטע ייִדישע דענקערס און קינסטלערס געהערן צום וועלטלעכן סעקטאָר פון ייִדישן פאָלק.

אָבער בעת איך טראַכט וועגן דער צוקונפט פון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע, געדענק איך גוט אַז די באַגרינדערס פון וועלטלעכער ייִדישקייט זײַנען אויסגעוואַקסן אין מזרח־אייראָפּע, ווו ייִדישע עקסיסטענץ איז געווען אין שטענדיקער פיזישער סכּנה; דאָרטן האָבן מיר, צוליב די רדיפות און פּאָגראָמען, געמוזט אָפּגעבן אונזער הויפּט־ענערגיע אויף פיזישן קיום־האומה; דערפאַר האָבן אונדזערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס זיך דער עיקר באַשעפטיקט מיט אונדזער קאָלעקטיווער עקסיסטענץ. זיי האָבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיט קיום־היחיד, מיטן אינהאַלט פון יחידס לעבן. דאָס איז אָבער נישט חל אויף אַזאַ תּפוצה ווי אַמעריקע — אַ פרײַ לאַנד, ווו דעם ייִדישן קאָלעקטיוו דראָט נישט קיין פיזישער אומקום, און אויך נישט קיין עקסטרעמער אַנטיסעמיטיזם. דאָ מוז מען זיך באַשעפטיקן מיטן זינען פון ייִדישער עקסיסטענץ. סתּם עקסיסטענץ איז נישט גענוג. ייִדישער עסענץ, ייִדישער אינהאַלט מוז באַזינען ייִדישן קיום.

מיר, די וועלטלעכע ייִדן, האָבן זיך ווייניק אָפּגעגעבן מיטן תּוכן פון ייִד־זײַן, מיטן אינהאַלט פון יחידס לעבן, און דאָס איז נישט ווייניקער וויכטיק ווי דער קיום פון כּלל. בלויז גאָט — האָט וויליאַם דזשיימס געזאָגט — מאַכט נאָך אַ פּריוואַטן וויזיט בײַם יחיד. דער נאַציאָנאַליזם איז פאַרנומען מיטן פאָלק, און דער סאָציאַליזם — מיטן קלאַס.

די רעליגיעזע ייִדן האָבן פאַרטיקע ענטפערס, פילאָסאָפיעס אויף אַלע לעבנס־פראַגן: וועגן זינען פון לעבן, וועגן דער וועלט און יענער וועלט, וועגן לעבן און וועגן טויט. און אויב אַפילו אין רויִקע צײַטן איז דער דורכשניטלעכער ייִד נישט באַשעפטיקט מיט „אייביקע פראַגן״ און ער גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון צי ער גלויבט יאָ, אָדער נישט אין אַלטע טעאָלאָגיעס; אויב דאָס איז אַזוי אין נאָרמאַלע צײַטן, איז עס גאָר אַנדערש אין אַן עת־צרה אין ציבורדיקן, אָדער אין יחידישן לעבן. דעמאָלט כאַפּט זיך אויף אין ייִדס לעבן אַן אַטאַוויזם, אַ צוריקקער צום גלויבן פון זײַנע אָבות, וואָס גיט אים אַ געפיל פון פאַרוואָרצלטקייט, פון זיכערקייט. די ייִדישע אמונה האָט במשך 3000 יאָר אויסגעפורעמט אַ לעבנסשטייגער, אַ ריטואַל, וואָס פאַרקייטלט דעם אינדיוויד אין אַ בונד מיט די פריִערדיקע דורות. אָט דאָס אַלץ האָט די ייִדישע וועלטלעכקייט נישט געקענט באַווײַזן אין ווייניקער ווי הונדערט יאָר. דער וועלטלעכער סעקטאָר, וואָס איז נאָך

אַזוי יונג, האָט נאָך נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען אַ זינפולן מאָדערן־דורותדיקן ריטואַל דורך וועלכן אַ וועלטלעכער ייִד זאָל זיך פילן עמאָציאָנעל פאַרקניפט מיטן כּלל־ישׂראל. דערצו איז דער וועלטלעכער ייִדישער סעקטאָר צעשפּאָלטן אָרגאַניזאַציאָנעל איבער אַלטע שטרײַט־פראַגן, וואָס זײַנען הײַנט־צו־טאָג נישט אַקטועל.

וואָרעם, ראשית, לעבן אַמעריקאַנער ייִדן אין אַ לאַנד וואָס האָט בײַגעשטײַערט צו דער וועלט די פילאָסאָפיע פון פּראַגמאַטיזם — אַ שיטה ווו אַלץ ווערט געמאָסטן לויט די קאָנסעקווענצן וואָס די אָדער יענע פילאָסאָפיע האָט פאַר אונדזער לעבן. דער פּראַגמאַטיקער גיט זיך נישט אָפּ מיט אייביקע פּרינציפּן, מיט אַבסאָלוטן; דער עיקר איז פאַר אים: אין וואָס וועט באַשטיין דער אונטערשייד אין מײַן אויפפיר, אָדער האַנדלונג, אויב אַ באַשטימטע פילאָסאָפיע איז אמת. אַמעריקע איז קיין מאָל נישט געווען פאַרקאָכט אין אידעאָלאָגיעס און נאָך ווייניקער איצט.

אַפילו אין אייראָפּע, וואָס איז געווען דער געבורטפּלאַץ פון אַלע מאָדערנע אידעאָלאָגיעס — אַפילו דאָרטן איז איצט פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז ס׳איז געקומען „דער סוף צו אידעאָלאָגיעס״, אוטאָפּיעס, צו משיחיזם. אין אַזאַ גײַסטיקן קלימאַט האָט נישט קיין זין אָנצוהאַלטן צעטיילונגען, סעפּאַראַטע אינסטיטוציעס אין נאָמען פון עבר־זמניקע אידעען, אין נאָמען פון אידעאָלאָגיעס און איזמען, אין וועלכע מ׳גלויבט נישט.

צווייטנס, שטייט פאַר אַלע שאַטירונגען פון ייִדישע הומאַניסטן די פּראָבלעם: וואָסער עקסטראַקט פון דער ייִדישער קולטור וועט זיך נישט אויפלייזן אין אַמעריקאַנער ים; וואָסער וועלטלעך־ייִדישע סובסטאַנץ וועט זײַן בכּוח אונדז צו סעפּאַרירן פון נישט־ייִדישן אַרום און גלײַכצײַטיק געבן גײַסטיקע יניקה די ייִנגערע דורות. דערצו מוז מען געדענקען, אַז מיר ייִדן זײַנען נאָך אַלץ אַן אוניקום צווישן די פעלקער, און אַלגעמיינע תּרופות זײַנען נישט אַלע מאָל אָנווענדבאַר אויף אונדז. די רוסן, די פראַנצויזן, די דײַטשן דאַרפן זיך נישט באַשעפטיקן מיט דער פראַגע: ווער איז אַ רוס, אַ פראַנצויז, אַ דײַטש? בײַ אונדז, אָבער, איז שווער צו געפינען אַ דעפיניציע, וואָס זאָל צופרידנשטעלן אַלערליי ייִדן.

אויך וועלטלעכע ייִדן קענען זיך נישט דערלויבן מבטל צו זײַן דעם צוגאַנג פון הלכה־ייִדן בנוגע דער פראַגע: ווער איז אַ ייִד?, ווײַל מיר האָבן ביז איצט נישט געפונען קיין סובסטיטוט פאַר דער הלכה, וואָס זאָל

אונדז געבן אַזעלכע קיום־גאַראַנטיעס, ווי די ייִדישע אמונה מיטן שולחן־ערוך האָבן עס באַוויזן אין משך פון צוויי טויזנט יאָר (פאַרשטייט זיך, אַז די אָרטאָדאָקסיע האָט נישט קיין מאָנאָפּאָל אויף דער אינטערפּרעטאַציע פון דער הלכה). אויף אָט די אַלע דילעמעס האָבן מיר נאָך נישט קיין ענדגילטיקע ענטפערס. מען מוז זיי זוכן מיט פאַראייניקטע כוחות פון די בעסטע מוחות, און דערפאַר דאַרפן וועלטלעכע ייִדן פון אַלע שאַטירונגען זיך פאַראייניקן אין איין מחנה.

(1974)

אמעריקע און דער
יידישער קיבוץ

צי איז די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע אַ דורכפאַל?

א

די דאָקטרין אַז יעדער פאָלק גייט דורך באַזונדערע סטאַדיעס פון שפּראָצן און וואַקסן; פון שטאַרקייט און ווירקונג; פון אויפלייזונג און אומקום — אָט די דאָזיקע דאָקטרין איז שיִער נישט אַ געזעץ בײַ אַ ריי היסטאָריקערס. לויט דעם איטאַליעניש ן דענקער וויקאָ (1668—1744) האָט יעדער פאָלק זײַן „טייל" אין דער וועלט־דראַמע, זײַן „טאָג" אויף דער געשיכטלעכער אַרענע, און נאָך דעם ווי עס האָט אָפּגעשפּילט זײַן „ראָלע" גייט עס אַרונטער פון דער סצענע. די באַבילאָניער, די עגיפּטער, די גריכן, די רוימער — יעדער האָט געהאַט זײַן ראָלע אין דער קאָסמישער דראַמע, און נאָך דעם ווי זיי האָבן זי אָפּגעשפּילט זײַנען זיי פאַרשוווּנדן. אין אונדזער צײַט האָבן מיר געזען ווי די בריטישע אימפּעריע איבער וועלכער מ׳האָט געמיינט אַז די זון גייט קיין מאָל נישט אונטער — איז ליקווידירט געוואָרן. אפשר איז אַ סברא, טראַכטן אייניקע, אַז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער באַרג־אַראָפּ פון אַמעריקע?

אין אָקטאָבער 1974, האָט אונדזער אויסערן־מיניסטער הענרי קיסינדזשער געזאָגט: „איך באַטראַכט זיך מער ווי אַ היסטאָריקער איידער אַ שטאַטסמאַן. ווי אַ היסטאָריקער דאַרף מען זײַן באַוווּסטזיניק וועגן פאַקט אַז יעדער ציוויליזאַציע וועלכע האָט ווען עס איז עקסיסטירט האָט צום סוף צוזאַמענגעבראָכן" („ניו־יאָרק טײַמס", 27סטער מאַי, 1976). מען קען אים פרעגן: צי ווייניק גלויבן קען נישט אָפּשוואַכן אונדזער ווילן און האָפע־נונג? און צי איז נישט זײַן דעפּיטיזם אַ פאַקטאָר אין באַרג־אַראָפּ פון אַמעריקעס ראָלע אין דער וועלט? און אפשר איז פונקט פאַרקערט: אפשר האָט אַמעריקע מיט אירע טעכנאָלאָגישע דערגרייכונגען, מיט אירע לאַנד־דונגען אויף דער לבנה, מיט איר גרויסער צאָל נאָבעל־פּריז־געווינערס אויף אַלע פעלדער פון מענטשלעכער שעפערישקייט — אפשר זײַנען די אַלע דערשײַנונגען אַ באַווײַז אַז אַמעריקע איז ערשט איצט אַרײַנגעטראָטן אין דער סטאַדיע פון רײַפקייט? און אפשר איז די אַמעריקאַנער פילאָ־

סאַפּיע פון פּראַגמאַטיזם אמתדיקער, ווען זי לערנט אונדז אַז דער אוניווערס איז פול מיט מעגלעכקייטן וואָס זײַנען אַן אַרויסרוף צום פרײַען ווילן?

אָבער אַפילו ווען מיר צווייפלען אין דער נביאות פון די אונטערגאַנג־היסטאָריקערס, איז פון דעסטוועגן כדאַי צו וויסן וואָס זיי האָבן אונדז צו זאָגן: זייער דעפעטיזם דאַרף מען קענען, כדי אָפּצושלאָגן זייערע אַטאַקעס אויף אונדזער ווילן. דערצו זײַנען זיי שטאַרק אין דער מאָדע אין געוויסע אינטעלעקטועלע קרײַזן. דער פּראָמינענטער דיפּלאָמאַט־היסטאָריקער דזשאָרדזש קענען, דער געוועזענער אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד, און שפּעטער אין יוגאָסלאַוויע, שטייט גאַנץ נאָענט צו דער פּעסימיסטישער שיטה. ער האָט לעצטנס געפירט אַ גאָר ברייטן שמועס מיט אַן ענגלישן זשורנאַליסט און געלערנטן — דזשאָרדזש אוירבאַן — וועגן דעם קריזיס אין דער מערב־ציוויליזאַציע, וועגן דער צוקונפט פון אַמע־ריקע, און וועגן אירע באַציִונגען מיט סאָוועט־רוסלאַנד — ענינים וואָס באַשעפטיקן יעדן ערנסטן מענטשן (זען: „ענקאָונטער", סעפּט. 1976). אַפילו אויב מען איז נישט מסכּים מיט קענענס אַרויסזאָגונגען, איז ער אָבער רעפּרעזענטאַטיוו פאַר אַן אײַנפלוסרייכן סעקטאָר פון דער אַמעריי־קאַנער עליטע און געזעלשאַפט. דערפאַר, מיינען מיר, איז ווערט זיך צו באַקענען מיט זײַן געדאַנקען־גאַנג.

באַלד אין אָנהייב פון אינטערוויו דערציילט אונדז קענען, אַז ער איז אויפגעוואַקסן מיטן גלויבן אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע; אַז דער אַמעריקאַנער עקספּערימענט איז אַ פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט, אָבער די דאָזיקע הנחות האָבן בײַ אים איצט געפּלאַצט; ער גלויבט מער נישט, אַז די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע פון די לעצטע 40־50 יאָר איז אַ דערפאָלג. ער מיינט, אַז אַמעריקע איז פאַרמשפּט אַרונטערצופאַלן ביז אַ באַנקראָט, וואָס וועט זײַן טראַגיש.

פאַר וואָס אַזאַ האַרבער פּסק־דין? ווײַל, טענהט דער דיפּלאָמאַט, די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע מיט אירע טעכנאָלאָגישע אויסבעסערונגען האָט מען נישט געטאָרט דערלאָזן אַז זי זאָל אָנגיין אומקאָנטראָלירט; מ'האָט געדאַרפט פאָרזיכטיק עקזאַמינירן יעדע פאַרבעסערונג אין דער טעכנאָלאָגיע און איר ווירקונג אויף דער געזעלשאַפט. אין די ראַמען פון אונדזער אור־באַניזירטער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט איז נישטאָ קיין לייזונג צו די פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע: „די דאָזיקע געזעלשאַפט

טראָגט אין זיך די קערנדלעך פון אירע אייגענע גרוילן. אַ לופט וואָס מען קען נישט אָטעמען, וואַסער וואָס מען קען נישט טרינקען, הונגערטויט — און ביז וואַנען מענטשן וועלן איינזען אַז מיר מוזן צוריקגיין צו אַ פּשוטערן לעבנס־שטייגער, אַ קלענערער באַפעלקערונג, אַ געזעלשאַפט אין וועלכער דער דאָרפישער קאָמפּאָנענט איז גרעסער אין פּראָפּאָרציע צום שטאָטישן קאָמפּאָנענט — ביז וואַנען די דאָזיקע אָפּשאַצונגען וועלן נישט ווערן ברייט אָנגענומען, און ווירקנדיק, זע איך נישט קיין ענטפער צו די צרות פון אונזער צייט".

קענען אידעאַליזירט נישט דאָס דאָרף. אָבער ער האַלט, אַז אַ געזעל־שאַפט וואָס איז איבערוועגנדיק אַגראַריש איז אַ געזינטערע ווי אַ געזעל־שאַפט וואָס ווערט דאָמינירט פון שטאָטישקייט. די באַן־מעטראָפּאָליע פון 19טן יאָרהונדערט, די אַלטע לאָנדאָן, בערלין, שיקאַגאָ, איז געווען אַ וווּנ־דערלעכע שטאָט, ווייל די באַן האָט פּאַראייניקט מענטשן אַרום דער סטאַ־ציע ווּ דאָס קאָמערציעלע און קולטורעלע לעבן איז געווען אין שכנות מיט די פּונקטן פון אָנקומען און אָפּפאָרן. דער אויטאָמאָביל אָבער איז דער היפּוך דערפון: ער צעברעקלט און צעשפּרייט זאַכן אין אַלע ריכ־טונגען. מיט 60 יאָר צוריק איז ניו־יאָרק געווען אַ גרויסע און אָנגענעמע שטאָט; הײַנט איז זי אומפּאַסיק פאַר אַ ציוויליזירט לעבן. ער מיינט אָבער נישט אַז מען קען די גרויסע שטאָט אָפּשאַפן; ער וויל בלויז אַז זי זאָל זײַן קלענער און מער קאָנצענטרירט.

ס'איז פּאַראַדאָקסאַל, ווײַזט אים אָן דער אינטערוויואירער אוירבאַן, אַז פון טאָמאַס דזשעפערסאָן ביז דעם אַרכיטעקט פראַנק לאָיד רייט זײַנען אַמעריקאַנער שטאָטישע אינטעלעקטואַלן אַרויסגעטראָטן קעגן די איבלען פון דער גרויסער שטאָט; עמערסאָן, טהאָראָ, פּאָ, הענרי אַדאַמס: „איך באַטראַכט גרויסע שטעט ווי אַ פּעסט פאַר דער מאָראַל, פאַרן געזונט, און פאַר דער פרײַהייט פון מענטש", האָט טאָמאַס דזשעפערסאָן געשריבן אין 1784. די אַנטי־שטאָטישע טראַדיציע אין אַמעריקע שטאַמט, הייסט עס, פון שטאָטישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן אײַנגעזען, אַז עמאַנציפּאַנעלע פרישקייט גייט פאַרלאָרן אין דער שטאָטישער סביבה.

אַ סך פון דער בעסטער מאָדערנער ליטעראַטור, דערקלערט קענען, איז געשאַפן געוואָרן פון מענטשן וואָס זײַנען געקומען פון דער פּראָווינץ, פון וואַנען זיי האָבן געבראַכט מיט זיך די פּסיכישע רײַכקייט וואָס איז

געלעגן אין זייער דערציִונג. די היינטיקע דערציִונג, האַלט דער דיפּלאָמאַט, איז אויסגעלײדיקט פון טיפערע ווערטן, און אין דער אַמעריקאַנער קולטור איז נישטאָ קיין אַפּשאַצונג פון דעם טראַגישן עלעמענט וואָס שטעלט מיט זיך אומפאַרמײַדלעך פאַר אַ צענטראַלן קאָמפּאָנענט פון דעם מענטשנס דילעמע; „דעם סטודענטס אָפּפרעמדונג פון דער נאַטור, זײַן אינטימקייט מיט דער מאַשין, זײַן באַקאַנטשאַפט מיט המצאהוואַרג, און זײַן קנאַפּע פאַרשטענדעניש פאַר די לאַנגזאַמע, שטאַרקע פּראָצעסן פון אָרגאַנישן וואַקסן — אַט די אַלע סיבות שטעקן אים אַן מיט אַן אומגעדולד און אַ דערוואַרטונג פון אַ באַלדיקער פאַרבינדונג צווישן סטימול און עפֿעקט״.

דער דיפּלאָמאַט באַטאָנט אַז די דערציִונג מוז נעמען אין באַטראַכט די פאַרשידנאַרטיקייט פון מענטשלעכע כאַראַקטערן, און שאַפן אַן עליטע פון יענע וואָס האָבן גרויסע פעיִקייטן; זיי דאַרפן דערצויגן ווערן מיטן באַוווּסטזיין אַז אויף זיי ליגט אַ מאָראַלישע אַחריות, און אַז זיי דאַרפן זיך אויפפירן אין הסכם מיט זייער טאַלאַנט. ס'איז אָבער גרינגער צו פאַרשרײַבן דעם רעצעפּט ווי אויסצוהיילן די קראַנקהייט. צי קען מען אין אַ סביבה, וווּ מענטשן ווערן געשאַצט לויט זייער פאַרמעגן און הכנסה, שאַפן אַ גײַסטיקע אַריסטאָקראַטיע וואָס וועט נישט אַרונטערפאַלן אונטער די אַלגעמיינע סטאַנדאַרדן און אויפפירונגען? און צי האָט קענען נישט קיין „טאָפּלטן סטאַנדאַרד״, ווען ער דערציילט אונדז אַז בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער האָט געזען ווי די קירכעס אין דײַטש־לאַנד זײַנען געפּאַקט מיט מענטשן וואָס האָבן געזוכט אַ טרייסט פאַר זייערע ליידן, און אים האָט זיך אויסגעוויזן אַז צרות מאַכן די מענטשן בעסער? צי האָט ער נישט איין מאָס פאַר דײַטשן, און אַן אַנדער מאָס פאַר ייִדן? וואָרעם די זעלביקע „לײַדנדיקע״ דײַטשן האָבן דאָך בעת די נאַצישע נצחונות אויף די מלחמה־פראָנטן נישט פּרובירט רעוואָלטירן קעגן זייערע הערשערס וואָס זײַנען דעמאָלט באַגאַנגען גרויזאַמע פאַר־ברעכנס קעגן ייִדן?

אָבער נישט געקוקט אויף קענענס איבערצײַגונג אַז די אַמעריקאַנער געזעלשאַפט לײַדט פון דעקאַדענץ און דעמאָראַליזאַציע — אַ גרויסן טייל פון דער שולד וואַרפט ער אַרויף אויף דער רעקלאַמע־אינדוסטריע וואָס געוויינט אָפּ מענטשן פון אויפמערקזאַמקייט צום אמת — ווייסט ער פון דעסטוועגן אַז אַמעריקע האָט זינט דער ערשטער וועלט־מלחמה פּראָדו־

צירט, און וועט ווײַטער פּראָדוצירן, אַ מערקווירדיקע גרופּע קינסטלערס, דענקערס און שרײַבערס.

ב

אין דער פראַגע פון אַמעריקעס ראָלע אין דער וועלט האָט קענען פאַר־נומען אַ פּאָזיציע וואָס איז נאָענט צו איזאָלאַציאָניזם — הגם ער זאָגט, אַז אים געפעלט נישט די דאָזיקע באַצייכענונג, און ער וויל נישט אויפ־געבן „נייטאָ", און די אַמעריקאַנער פאַרפליכטונגען לגבי די מערב־אייראָפּעישע לענדער. ער האַלט אָבער, אַז אַמעריקע דאַרף פאַרקלענערן אירע התחייבותן ביז אַ מינימום אויף אין נאָענטן מזרח.

אָבער, צי וועט אַזאַ שטעלונג נישט געבן אַ פרײַע האַנט סאָוועט־רוסלאַנד, און צי מיינט דאָס נישט איבערלאָזן מערב־אייראָפּע צו רוס־לאַנדס „חסד", און צו אַ מעגלעכער „פינלאַנדיזאַציע"? (ס'הייסט, צו אַזאַ מערכה ווי עס האָט פינלאַנד כלפּי רוסלאַנד). אויף דעם ענטפערט קענען, אַז ראשית איז פינלאַנדס פּאָזיציע אַנטקעגן רוסלאַנד נישט אַזוי שלעכט; צווייטנס, קען מערב־אייראָפּע זיך אײַנשאַפן די מיליטערישע כּוחות וואָס זײַנען נויטיק פאַר איר פאַרטיידיקונג, ווײַל זי איז אין פּרט פון איר באַפעלקערונג און אינדוסטריעלן פּאָטענציאַל זיכער נישט שוואַכער ווי רוסלאַנד. מערב־אייראָפּעס שוואַכקייט ליגט אין איר נייגונג צו מאַטע־ריעלער באַקוועמלעכקייט, און אין איר נישט גרייטקייט צו ברענגען די נייטיקע קרבנות. דערצו מיינט אויך קענען אַז מערב־אייראָפּעס גרעסטע געפאַר ליגט אין איר דעקאַדענץ און מאָראַלישער צעפאַלונג.

אָבער צי וועט סאָוועט־רוסלאַנד וואַרטן אויף אַ מאָראַלישער באַנײַונג פון מערב־אייראָפּע? צי וועט זי נישט אויסנוצן די איצטיקע לאַגע פאַר איר אייגענער פאַרשטאַרקונג, און אויסברייטערונג? קענען איז איבער־צײַגט אַז רוסלאַנד איז נישט אין אַ לאַגע צו קענען אויסנוצן אונדזערע שוואַכקייטן; זי האָט צו פיל אייגענע צרות. זי קען נישט אויסנוצן דעם קריזיס אין דער מערב־געזעלשאַפט און שטיצן די מלחמות פון „נאַציאָ־נאַלער באַפרײַונג", וואָס זי פּראָקלאַמירט, ווײַל איר אידעאָלאָגיע האָט זייער אַ שוואַכן אַפּעל אומעטום. זי איז, האַלט ער, אידעאָלאָגיש הינטער־שטעליק אויף 70־80 יאָר. פּאָרטוגאַל האָט צוגעשטעלט אַ וויכטיקע לעק־ציע; זי האָט באַוויזן, אַז מיר וועלן נישט האָבן אַן איבערחזרונג פון

אָקטאָבער, 1917, אין מערב־אייראָפּע. דער אויסערגעוויינלעכער ווידער־שטאַנד, וואָס די פּאָרטוגעזישע סאָציאַליסטן האָבן באַוויזן, באַשטעטיקט דעם געדאַנק אַז אַפילו אין אַן אָרעם לאַנד, ווו עס פעלט די דעמאָקראַטישע טראַדיציע — אַפילו דאָ קען מען זיך קעגנשטעלן אַ טאָטאַליטאַרער פּאַרטיי, וואָס פּרובירט פאַרכאַפּן די רעגירונג.

דערביַי באַטאָנט דער אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט, אַז די צוקונפט פון מערב־אייראָפּע ליגט אין די הענט פון מעסיקע סאָציאַליסטישע רעגירונגען און די דאָזיקע סאָציאַליזירונג פון מערב־אייראָפּע שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. די דאָזיקע סיטואַציע וועט שאַפן אַן אָנגעשטרענגטע לאַגע אין די באַציִונגען צווישן רוסלאַנד און אירע סאַטעליטן אין מזרח־אייראָפּע; די לעצטע וועלן טענהן: „פאַר וואָס דאַרפן מיר זיך אונטערוואַרפן צו אַיִך? אייראָפּע איז שוין מער נישט אין אַ צושטאַנד פון קאָנפראָנטאַציע; דער גרעסטער טייל פון מערב־אייראָפּע איז סאָציאַליסטיש, און אַמעריקע איז שוין מער נישטאָ דאָרטן ווי אַ גרויסע אימפּעריאַליסטישע מאַכט. ס'איז דעריבער מער נישטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַרן סאָוועטישן קאָנטראָל פון אַ העלפט פון אייראָפּע.״ קענען צווייפלט אויך אין דער פעיִקייט פון די רוסן צו קאָנטראָלירן מערב־אייראָפּע: זיי זיַינען צו מגושמדיק און אומגעלומפּערט, און ווייניק סאָפיס־טיצירט, אַז איצט האָבן זיי גרויסע שוועריקייטן צו קאָנטראָלירן יענע טיילן פון אייראָפּע, וואָס געפינען זיך אונטער זייער העגעמאָניע. און אויב אַמעריקע זאָל אַרויסקומען אין די „יונייטעד ניישאָנס״ און זיי זאָגן אַז מיר זיַינען גרייט נישט צו האָבן צו טאָן מיט אַפריקע, אויב איר וועט טאָן די זעלביקע זאַך, דעמאָלט, מיינט ער, וועלן מיר אויסאיבן אַ שטאַרקן דרוק אויף רוסלאַנד, מיט דער הילף פון דער אַפריקאַנער געזעלשאַפט־לעכער מיינונג.

ווען מען הערט אַזאַ לאָגיק, מוז מען זיַין שטאַרק מסופּק אין קענענס רעאַליזם. יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע און די מעטאָדן פון רוסישן קאָמוניזם ווייסט ווי ווייניק לעבינס חסידים ווערן באַווירקט דורך נאָבעלע ביַישפּילן פון זייערע קעגנערס. זיי וואָלטן אונדזער האַנד־לונג זיכער אויסגעטיַיטשט ווי אַ סימן אַז דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם צעפאַלט זיך און מען דאַרף אים דעריבער וואָס גיכער צעשטערן. צווייטנס, האָבן די רוסן באַוויזן אין מזרח־דייטשלאַנד, אין טשעכאָסלאָוואַקיע און

אין די אַנדערע סאַטעליטן־לענדער, אַז זיי פאַרמאָגן אומעטום געניג „סאָפיסטיצירטע" קאָמוניסטישע משרתים וואָס ווייסן, מיט דער הילף פון די רוסישע מיליטערישע דיוויזיעס, אַרויפצוצווינגען זייער ווילן אויף די נישט־רוסישע פעלקער.

ווי אַן ענטפער אויף אַזעלכע אײַנווענדונגען שפּרינגט ווידער אַרויס קענענס „פּרומער" איזאָלאַציאָניזם: „די אַמעריקאַנער דערפאַרונג", דער־קלערט ער קאַטעגאָריש, „איז אַזוי אַנדערש, אַזוי אייגנאַרטיק אַז מען קען איר פּאָליטישע פילאָסאָפיע און אינסטיטוציעס נישט אַריבערפלאַנצן אויף אַנדערע קאָנטינענטן. דער ריזיקער שטח פון אַמעריקע, מיט אירע נאַטיר־לעכע רײַכטימער, האָט געמוזט פירן צו אַן אייגנאַרטיקן וועלטבאַנעם, וואָס איז דעריבער נישט אַנווענדבאַר צו וועלכער עס איז אַנדער געזעל־שאַפט... ווײַז מיר פריער אַן אַמעריקע וואָס האָט דערפאָלגרײַך זיך אַן עצה געגעבן מיט די פּראָבלעמען פון פאַרברעכן, נאַרקאָטיקס, פאַרערגערטע דערציִערישע סטאַנדאַרדן, שטאָטישע צעפאַלונג, פּאָרנאָגראַפיע, און אַלער־ליי דעקאַדענץ — ווײַז מיר אַן אַמעריקע וואָס האָט זיך גענומען אין די הענט אַריין און איז געוואָרן וואָס זי דאַרף זיין, וועל איך דיר דעמאָלט זאָגן ווי אַזוי מיר וועלן זיך פאַרטיידיקן קעגן די רוסן".

בלי שום ספק איז קענען גערעכט, אַז די אַמעריקאַנער דערפאַרונג און קולטור זײַנען אַנדערש פון די אייראָפּעיִשע. אָבער מען טאָר דאָך אויך נישט פאַרגעסן אַז די אידעאַלן פון רעכט אויף לעבן, פרײַהייט, און גליק וואָס זײַנען פּראָקלאַמירט געוואָרן אין דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט" — אַז די דאָזיקע פּרינציפּן זײַנען אויסגעטראָגן געוואָרן אין די מוחות פון אייראָפּעיִשע דענקערס: דזשאָן לאָק, טאָם פּעין, רוסאָ, וואָלטער, און אַ סך אַנדערע נישט־אַמעריקאַנער. אונדזערע דעמאָקראַטישע אידעאַלן זײַנען אוניווערסאַלע פּרינציפּן פאַר אַלע מענטשן! און צי איז עס נישט אוטאָפּיסטיש, און „צידקותדיק" צו פאַרלאַנגען פון אַמעריקע פּערפעקציע, איידער זי האָט אַ רעכט זיך צו פאַרטיידיקן קעגן טאָטאַלי־טאַריער?! אַמעריקע פאַרמאָגט ליכט און שאָטן, מיאוסקייטן און שיינקייטן, דורכפאַלן און דערגרייכונגען. צי דאַרף זי טאַקע וואַרטן ביז זי וועט דער־גרייכן שלימות, אין אַ וועלט ווו קיין לאַנד איז נישט פּערפעקט, ביז זי וועט האָבן די מאָראַלישע רעכט צו פאַרפעסטיקן איר ציוויליזאַציע קעגן אירע שונאים? וואָלט אַזאַ פּאָליטיק פון „אַליין־אײַנצאַמונג" (לייען:

איזאָלאַציאָניזם) נישט צוגענומען ביי אַמעריקע איר מאַגנעטיזם פֿאַר אַנדערע פֿעלקער, מיט וועלכן דער „אַמעריקאַנער צוזאָג" האָט זיך אַלע מאָל אויסגעצייכנט?!

אויף די אַלע קשיות, וואָס מען מוז שטעלן, קריגן מיר אַ פּאָרציע בעל־תשובהדיקע אַליין־פֿאַרדאַמונג פֿון דעם אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַט: „אויב דער אידעאַליסטישער קאָמפּאָנענט אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק איז ווען עס איז געווען אַ כּוח, איז ער געוואָרן אַנולירט דורך די פֿאַרברעכנס און טעותן פֿון די לעצטע יאָרן: דורך וויעטנאַם, דורך די נאַרישקייטן פֿון דער סי־איי־עי, דורך עובר זיין אויפֿן דעמאָקראַטישן פּראָצעס, ווי דאָס האָט באַוויזן וואָטערגייט א.אַ.וו. עס וועט נעמען אַ לאַנגן פּעריאָד פֿון צוריקציען זיך, פֿון אין זינען האָבן אונדזערע אייגענע געשעפֿטן, און איבערטראַכטן אונדזער נאַציאָנאַלן ציל איבערצוצייגן די וועלט אַז מיר האָבן געהאַט, אויב מיר האָבן געהאַט, עפּעס וואָס איז ווערטפֿול איר צו זאָגן".

מ׳קען נישט לייקענען, אַז די אַלע אויסגערעכנטע געשעענישן האָבן נישט פֿאַרשאַפֿט קיין כּבֿוד אַמעריקע אין דער וועלט; דער אַמעריקאַנער פּרעסטיזש איז צוליב די אַלע פּאַסירונגען געפֿאַלן אין מערבֿ־אייראָפּע. אָבער מען טאָר אויך נישט פֿאַרגעסן, אַז בעת אַ יחיד קען און דאַרף לעבן לויט אַבסאָלוטע נאָרמען פֿון מאָראַל און עטיק — הגם דאָס איז ווייט נישט קיין אָפּטע דערשיינונג — מוז אַ קאָלעקטיוו אַ סך מאָל האַנדלען אין רעלאַטיווע עטישע טערמינען, און לויט זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, ווי זיי ווערן פֿאַרשטאַנען פֿון דער מערהייט פֿון פֿאָלק. עס זיינען נישטאָ קיין פּערפֿעקטע שטאַטן.

בעת דעם נאַצי־אויפֿשטייג אין אייראָפּע האָבן רעאַליסטישע פּאַציפֿיסטן געמוזט אויפֿגעבן זייער פּאַציפֿיזם כּדי צו באַזיגן דעם היטלעריזם. ווען מערבֿ־אייראָפּע און אַמעריקע וואָלטן זיך דעמאָלט צוגעהערט צו די „פֿרומע" פּאַציפֿיסטן, וואָס האָבן געפּריידיקט אַז די דעמאָקראַטישע לענדער זאָלן זיך איינזייטיק אַנטוואָפֿענען, וואָלטן די נאַציס זיכער אַרויסגעקומען די זיגערס. מיט פּאַסיוון ווידערשטאַנד וואָלט מען נישט ביי־געקומען די פֿאַשיסטן. פּונקט אַזוי טאָר מען איצט נישט פֿאַרגעסן, אַז די אַלע שווערע טעותן, וואָס אַמעריקע האָט במשך די לעצטע יאָרן געמאַכט, זיינען אַ דאַנק איר פֿרייער פּרעסע און אירע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס

אויפגעדעקט געוואָרן, און עס ווערן געמאַכט ערנסטע פּרוון אַז אַזעלכע זאַכן זאָלן זיך מער נישט איבערחזרן; בעת אין טאָטאַליטאַרע לענדער גייען כּסדר אָן סיסטעמאַטיש „געזעצלעכע" פאַרברעכנס, וואָס די מאַכט־האָבערס טראַכטן גאָר נישט אָפּצושאַפן — אַפילו נישט נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אונטערגעשריבן פּאַפּירלעך אין העלסינקי. נישט געקוקט אויף אירע חסרונות און פלעקן בלײַבט נאָך אַלץ אַמעריקע, צוזאַמען מיט אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער, אַ שײַנטורעם פאַר אַלע וואָס לעבן אונטער כּלומרשט „סאָציאַליסטישע" רעזשימען און דאָס מיינט פאַר מער ווי אַ העלפט פון דער מענטשהייט.

(1976)

די אַמעריקאַנער אויפקלערונג, די השכלה און רער אויפקום פון דער יידישער וועלטלעכקייט *

א

מיטן הײַנטיקן יאָר טרעטן מיר אַרײַן אין בײַסענטעניאַל (200־יעריקן יובל) פון דער „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענדענס״. ס׳איז אַ יאָר פון חשבון הנפש פאַר אַמעריקע, און דאָס מיינט אויך פאַרן היגן זעקס־מיליאָניקן יידישן קיבוץ, וואָס איז אַן אינטעגראַלער טייל פון אונדזער לאַנד. די „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענדענס״ איז, ווי באַקאַנט, אַ פּראָדוקט פון דער אויפקלערונגס־עפּאָכע, וואָס ווערט אין דער יידישער געשיכטע באַצייכנט ווי די השכלה. ווילן מיר דאָ אָפּפרישן עטלעכע גרונט־אידעען פון יענער תקופה וואָס זײַנען אויך איצט אַקטועל.

דער געדאַנקען־גאַנג פון דער אַמעריקאַנער אויפקלערונג שטימט אין זײַנע פונדאַמענטאַלע אידעען מיט דעם זעלביקן פּעריאָד אין דער אינטעלעקטועלער געשיכטע פון מערב־אייראָפּע, אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. דערבײַ דאַרף מען געדענקען אַז די היגע אויפקלערונג טראָגט אויף זיך דעם חותם פון די אַמעריקאַנער באַדינגונגען, און אַז נישט אַלע פּירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער אַמעריקאַנער אויפקלערונג זײַנען געווען אײַנשטימיק אין זייער קוק וועגן די הויפּט־פּראָבלעמען פון לעבן און געדאַנק.

ווי דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער קאַרל בעקער האָט עס באַוויזן אין זײַן בוך העווענלי סיטי אָוו די 18טינטה סענטשורי פילאָסאָפערס (די הימלישע שטאָט פון די פילאָסאָפן פון 18טן י. ה.), האָט דער גלויבן פון דער אויפקלערונג אַן עסכאַטאָלאָגיע וואָס איז אַזוי דעפיניטיוו ווי בײַ די רעליגיעזע: אַ הימל וואָס שטייט פאַר אונדז אַנגעגרייט ווי דער ענדציל פון אונדזער ערדישן קאַמף. אָבער די הימלישע שטאָט פון דער אויפקלערונג האָט געדאַרפט זײַן אויף דער ערד, נישט אויפן הימל.

---

* רעפעראַט געלייענט ביי דער קאָנפערענץ פון יידיש־פּראָפעסאָרן.

אַזוי למשל האָבן אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי בענדזשאַמין פראַנקלין, טאָמאַס פּעין, בעת יעדער האָט באַטאָנט אַנדערע עלעמענטן אין דער אויפקלערונג — דאָך האָט יעדער איינער פון זיי פעסט געגלויבט אין מענטשלעכן שכל, אין דעמאָקראַטיע, אין מענטשלעכן גליק ווי דער ציל פון מענטשלעכע אַנשטרענגונגען, אין דער שלימות פון מענטש, און אין פּראָגרעס, אין אַ דעיִסטישער טעאָלאָגיע און אין אַ די־וועלט־אינטערעס.

אַפילו פראַנקלין, וואָס איז געווען לויט זײַן טעמפּעראַמענט קאָנסער־וואַטיוו, האָט סימבאָליזירט אַ נײַעם סאָציאַלן אידעאַל, און זײַן לעבן איז אַ פאַרקערפּערונג פון אַ סעקולערן הומאַניטאַריאַניזם: עס איז געווען אַ לעבן פול מיט פּלענער לויט וועלכע דער בירגער האָט געקענט פאַר־בעסערן זײַן מערכה און די מערכה פון קאָלעקטיוו אָן דער פאַרמיטלונג מצד דער קירך אָדער דער אמונה. ער האָט רעפּרעזענטירט ראַציאָנאַליזם, באַפרײַונג פון קירכלעכער און פאַרעלטערטער פּאָליטישער אויטאָריטעט, דעמאָקראַטיע און אָפּטימיזם.

דזשעפערסאָן, דער מחבר פון דער „דעקלאַריישאָן אָוו אינדעפּענ־דענס", וועלכער איז געווען דער אידעאָלאָג פון דעמאָקראַטיע, האָט געגלויבט אַז עס זײַנען פאַראַן אַבסאָלוטע און אייביקע אמתן וואָס קענען דינען ווי וועגווײַזערס פאַר די שטרעבונגען פון דער מענטשהייט; אַז אינטעליגענץ איז איינגעבאָרן אין אַלע מענטשן; אַז אין אַ דעמאָקראַ־טישער געזעלשאַפט וועט דער פּראָגרעס זיך אַזוי אַנטוויקלען, אַז אין אַלע צווײַגן פון מענטשלעכער אַקטיוויטעט וועלן מענטשן ווערן געפירט פון שכל; און אַזוי ווי דער מענטשלעכער כאַראַקטער איז נישט זינדיק, נאָר נאַטירלעכערווײַז גוט, דערפאַר וועט בילדונג און דער אַפּעל צום שׂכל זײַן גענוג אַז עס זאָל באַקערן שלעכט־זיך־אויפפירנדיקע מענטשן צום נאַטירלעכן וועג פון גוטסקייט.

טאָמאַס פּעינס קרעדאָ איז באַזירט אויפן גלויבן אַז ס'איז פאַראַן אַ געזעצמעסיקייט אין דער נאַטור, און אַז ס'איז נישט וואַרשײַנלעך אַז דער דאָזיקער געזעצמעסיקער סיסטעם קען זיך פאַנאַנדערפאַלן; ער גלויבט אויך אין די גלײַכע רעכט פון אַלע מענטשן. ער האָט אַטאַקירט אַלע קירכעס, ווײַל ער האָט געגלויבט אַז נאָר דורך דעם וואָס דער מענטש וועט באַנוצן זײַן פאַרשטאַנד, וועט ער אַנטדעקן גאָט. פאַר דעם דעיִסט פּעין, איז גאָט דער „אַלמעכטיקער לעקטאָר" וועלכער דעמאָנסטרירט די

אייביקע פרינציפּן פון דער וויסנשאַפט אין דער סטרוקטור פון אוניווערס, אַזוי אַז דער מענטש זאָל קענען שטודירן זיינע געזעצן און אימיטירן דער נאַטורס אויפפיר אין מענטשלעכער טעכנאָלאָגיע.

די אַמעריקאַנער אויפקלערערס, פּונקט ווי זייערע אייראָפּעישע מיט־ציַיטלערס, מעגן אונדז הײַנט אויסזען פאַרעלטערט, אָבער קיין פאָרשער פון זייער אינטעלעקטועלער ירושה קען נישט לייקענען אַז זיי זײַנען געווען די „בויערס פון אַמעריקאַנער חלום" נאָך וועלכן מיליאָנען מענטשן איבער דער וועלט גאַרן נאָך אַלץ, און וואָס מערסטע פון אונדז האַלטן טײַער — ספּעציעל מיר ייִדן, פאַר ווען דער אַמעריקאַנער חלום איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט.

ב

און דאָ קומען מיר צו אונדזער ייִדישער השכלה.

די גרונט־אידעען פון דער אויפקלער־באַוועגונג זײַנען אויך געוואָרן באַשטאַנד־טיילן פון אונדזער ייִדישער השכלה. אָבער בעת אין מערב־אייראָפּע האָט די השכלה דערפירט צו אַ שיפלות־קאָמפּלעקס, צו קנעכט־שאַפט אין פרײַהייט (עבדות בתוך חירות — לויט אחד־העמס פאָרמולי־רונג) האָט זי אין מזרח־אייראָפּע מיט אירע קאָמפּאַקטע ייִדישע מאַסן, מיט איר אייגענעם לעבנס־שטייגער, אין מולטי־נאַציאָנאַלע שטאַטן, מיט אַ נידעריקער נישט־ייִדישער קולטור, אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער ווי אין מערב־אייראָפּע. אין מזרח־אייראָפּע איז די השכלה נישט געבונדן מיט אַסימילאַציע נאָר מיט נאַציאָנאַלע באַוועגונגען.

אין מזרח־אייראָפּע באַנוצט זיך די השׂכּלה־באַוועגונג מיט ייִדיש ווי אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן אירע אידעען. עס ווערן געשאַפן ליטעראַטור־סאַטירישע ווערק קעגן די חסידים. עס קומט אויך אויף אין מזרח־אייראָפּע אַ משׂכּילישע אויפקלער־ליטעראַטור, וואָס וויל דינען דעם פאָלק. משׂכּילים ווערן די קולטור־טרעגערס, וואָס באַמיען זיך אַרײַנצוברענגען וויסן און צו פאַרשפּרייטן זייערע נײַע אידעען. צווישן די קולטור־טרעגערישע ווערק דאַרפן דערמאָנט ווערן יצחק בער לעווינזאָנס (1788־1860) „הפקר וועלט", און „ספר חסידים"; אַקסנפעלדס „דער ערשטער רעקרוט" און שטערנ־טיכל".

די השׂכּלה־צייט איז די תּקופה ווען עס ווערט ווידערגעבוירן די ייִדישע

וועלטלעכקייט, די העברעיִשע און ייִדישע וועלטלעכע נאַציאָנאַלע ליטע־ראַטורן, ווען ס'קומט אויף דער ייִדישער נאַציאָנאַליזם, און סאָציאַליזם אין אַלע זייערע שאַטירונגען; ווידערגעבוירן, ווײַל מ'קען געפינען וועלט־לעכע עלעמענטן און מאָטיוון אויך אין פריערדיקע תּקופֿות פֿון דער ייִדישער געשיכטע: אין די צײַטן פון פילאָנען, דעם רמב"ם, אליהו בחור, שלמה מיימון און אַנדערע. דער משׂכּיל האָט אויך געהאָלפן פאַרוועלטלעכן און מאָדערניזירן די ייִדישע דערציִונג און גײַסט פון זײַן צײַט, וואָס איז געווען דער גײַסט פון ליבעראַליזם און אייראָפּעיִשקייט.

אַזוי האָבן י. ב. לעווינזאָן און זײַנע חברים געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער וועלטלעכער ייִדישער דערציִונג, וואָס האָט נישט געשטרעבט אַנצורירן דעם רעליגיעזן יסוד פון ייִדישן חינוך, נאָר צו פאַראייניקן אין קוריקולום תּורה און וועלטלעכע לימודים, וויסנשאַפט און שפּראַכן.

די השׂכּלה האָט אויך אַנטוויקלט אַן אַנדער אַספּעקט פון ייִדישער וועלטלעכקייט, ווי עס האָט באַוויזן נחום שטיף אין זײַן שטודיע: „הומאַ־ניזם אין דער עלטערער ייִדישער ליטעראַטור" (1922) — „זי האָט געהאָלפן דעם ייִדישן יחיד זיך באַפרײַען פון דער פאַריאָכונג בײַם כּלל, און זי האָט אויפגעוועקט בײַ אים דאָס רעכט אויף אינדיווידועלקייט: די עדה האָט געשטעלט צוועקן פאַרן מענטשנס לעבן, און... געפילט די אחריות פאַרן יחיד, און ממילא געהאַלטן זיך פאַרן אַפּוטרופּוס איבערן יחיד... דער אויפגעוועקטער יחיד האָט זיך געריסן פונעם כּלל... וואָס האָט געשטיקט און געוואָרגן יעדן פאַר זיך אַליין". דעם כּללס קאָנטראָל איז געבראָכן געוואָרן, און דער פּרט האָט אין דער ערשטער סטאַדיע פון דער השׂכּלה גענומען אידעאַליזירן די נישט־ייִדישע וועלט, זיך אויסטאָן פון אייגנס. און זיך צונױפגיסן מיט דער מענטשהייט; מען דאַרף נישט קיין שום מחיצה צווישן ייִדן און דער וועלט, צווישן מענטש און מענטש. אַזוי האָבן די ערשטע משׂכּילים געהאַלטן.

צווישן די וויכטיקסטע פונקטן אין דער נײַער לעבנס־פילאָסאָפיע פון דער השׂכּלה איז געווען דער אויפגעוועקטער אינטערעס אין דער וועלט, אין עולם הזה, און דאָס באַשאַפן אַן אַטמאָספער פאַר ליטעראַטור אין ייִדישן פאָלק. „די ייִדישע ליטעראַטור האָט דאָ געמוזט זײַן די קינסטלע־רישע פובליציסטיק, די בימה און די ראָמאַנטיק, אַ גאַנצע קולטור אין

בילדער, וואָרעם דאָס איז געווען דאָס איינציקע וועלטלעכע און מאָדערנע וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אויף ייִדיש" (שטיף).

ס'איז דעריבער נישט קיין איבערטרײַבונג צו זאָגן אַז דער ערשטער דור משׂכּילים, נישט געקוקט אויף זײַנע בלאָנדזשענישן, וואָס האָבן אים אַוועקגעפירט אויף פרעמדע וועגן, און אַ טייל פון אים אין גאַנצן אָפּגעריסן פון ייִדישן פאָלקס־לעבן — נישט געקוקט אויף דעם האָט ער פון דעסט־וועגן פאַרוועלטלעכט אונדזער לעבן און געדאַנק, און ווען דער פּאַסיקער מאָמענט איז געקומען — ביים סוף פון 19טן יאָרהונדערט — האָט דער נײַער דור משׂכּילים בלויז געביטן דעם טראָפּ, די וועגן און מעטאָדן; ער האָט געבויט דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַליסטישן בנין אויפן פונדאַמענט וואָס עס האָט געלייגט דער פּיאָנערן־דור. „די שטרעבונג וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השׂכּלה־באַוועגונג אין דעם ערשטן פּעריאָד פון איר אַנטוויקלונג, די שטרעבונג צונויפצוגיסן וועלטלעכקייט מיט רעליגיעזער ייִדישקייט, איז אין דעם צווייטן פּעריאָד פון דער השׂכּלה פאַרבונדן געוואָרן מיט אַן אַנדער שטרעבונג, מיט דער שטרעבונג צו שאַפן אַ סינטעז צווישן וועלטלעכקייט און נאַציאָנאַלער ייִדישקייט... מען האָט זיך באַפרײַט פון דער אַלט־משׂכּילישער אײַנרעדעניש אַז מען קאָן ראַטעווען דאָס פאָלק דורך דעם וואָס מען וועט אויפקלערן יחידים; מען האָט שוין, פאַרקערט, געשיקט דעם יחיד צום פאָלק, צו זײַנע היסטאָרישע אוצרות". (ניגער: אין קאַמף פאַר אַ נײַער דערציִונג, ז. 6).

אָט דער איבערבראָך אין דער אידעאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע פון דער ייִדישער אינטעליגענץ בײַם סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז, ווי באַקאַנט, דער רעזולטאַט פון אַ ריי פאַקטאָרן און פּראָצעסן — עקאָנאָמישע, פּאָלי־טישע, אינטעלעקטועלע — אויסערלעכע און אינערלעכע, וואָס האָבן זיך אויסגערײַפט אין ייִדישן לעבן אין דעמאָלטיקן מזרח־אייראָפּע, און וואָס האָבן דערגרייכט זייער הויכפּונקט אין ציוניזם, אין גלות־נאַציאָנאַליזם, און אין ייִדישן סאָציאַליזם אין אַלע זײַנע שאַטירונגען.

פאַר אונדזער טעמע איז נישט נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף אַלע סיבות וואָס האָבן געפירט צו דער אַנטוישונג אין דער עמאַנציפּאַציע און אַסימי־לאַציע ווי אַ מיטל צו פאַרענטפערן די „ייִדן־פראַגע". מען דאַרף אָבער יאָ דערמאָנען אַז דער אידעיִשער קריזיס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ מערקט זיך אָן פאַר די פּאָגראָמען פון 1881־1882, און אַז בײַ אַ טייל פון

דער ייִדישער אינטעליגענץ קומט אויף אַ מין ייִדיש־פֿאָלקיסטישע (נאַראָד־נישע) באַוועגונג; אַ טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ וויל זיך באַ־העפטן מיט דער ייִדישער מאַסע כּדי איר צו דינען. געווירקט האָבן דאָ, אַחוץ דעם עקאָנאָמישן קריזיס, דער אויפקום פון אַנטיסעמיטיזם אין מערב־אייראָפּע, די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, און נאָך מער: די שטעלונג צו זיי מצד דער געבילדעטער רוסישער געזעלשאַפט. די ייִדן־סאָציאַליסטן האָבן געהאַט אָנגענומען אַז ייִדן זײַנען נישט קיין נאַציע, און איצט האָבן זיי דערזען אַז די רוסישע געזעלשאַפט האַלט ייִדן פאַר אַ באַזונדער פאָלק, און נאָך ערגער, אַ טייל פון די רוסישע ראַדיקאַלן סימפּאַטיזירט גאָר מיט די פּאָגראָמשטשיקעס.

ג

צווישן די ערשטע אָנזאָגערס פון די נײַע שטימונגען איז געווען פּרץ סמאָלענסקין. ער איז נאָך אין 1872 אַרויס אין השחר מיט זײַן באַרימטן קאַמף־אַרטיקל „עם־עולם" (דאָס אייביקע פאָלק), וווּ ער קריטיקירט די „עמאַנציפּירטע" מערב־אייראָפּעישע ייִדישע אַסימילאַטאָרן. שפּעטער זײַנען געקומען נחום סאָקאָלאָוו מיט דער „שנאת־עולם לעם־עולם", און לעאָן פּינסקער מיט דער „אויטאָעמאַנציפּאַציע"; ביידע ביכער זײַנען דערשינען אין 1882, און ביידע זײַנען געווען די בולטסטע אויסדרוקן פון דער נײַער ווענדונג אין דער ייִדישער אינטעליגענץ. דעמאָלט איז אויפגעקומען צווישן ייִדן אין רוסלאַנד די גרויסע דעבאַטע: ווּהין — אַמעריקע, אָדער ארץ ישראל? און עס פאָרמירן זיך די צוויי אַוואַנגאַרדן: פון ציוניזם, פון איין זײַט, און פון אַמעריקאַנער ייִדישן ראַדיקאַליזם, פון דער אַנדערער זײַט — „בילו" און „עם עולם". ביידע זײַנען געווען אַנטוישט אין רוסלאַנד, ס'איז אָבער געווען אַן עיקרדיקער אונטערשייד צווישן זיי: די פירערס פון „עם־עולם" האָבן להיפּוך צו „בילו" זיך בעיקר אינטערעסירט מיט פאַרבעסערן דעם ייִדישן מצב סאָציאַל־עקאָנאָמיש — נישט נאַציאָנאַל־קולטורעל; דערפאַר זײַנען זיי אין אַמעריקע, פאַר אַ גאַנץ לאַנגער צייט פאַרבליבן רוסיפיצירטע אינטעליגענטן, אַזוי ווי אין מזרח־אייראָפּע.

גלײַכצײַטיק אָבער מיטן הויפּטשטראָם פון קאָסמאָפּאָליטיזם צווישן ייִדישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע מערקט זיך שוין דער אָנהייב פון אַן אַנדער שטרעמונג, וואָס וויל סינטעזירן נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם אַזוי

פרי ווי אין 1888. די ניו־יאָרקער „יודישע פאָלקס־צייטונג״, וואָס איז דער־שינען בלויז אין משך פון די צוויי יאָר 1888 און 1889, איז די ערשטע שוואַלב וואָס זאָגט אָן דעם פרילינג פון נאַציאָנאַלער יידישקייט אין אַמע־ריקע. צווישן די אַכט פונקטן אין איר פּראָגראַם אַקצענטירט זי שאַרף דעם יידישן מאָמענט צוזאַגנדיק אַז זי וועט זיך אָפּגעבן מיט דער יידישער פראַגע אין שייכות צו דער וועלט־קולטור, און מיט די הויפּט־מאָמענטן אין דער יידישער געשיכטע.

אָט די נאַציאָנאַלע שטרעמונג ווערט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט ביים סוף פון די 90ער יאָרן — סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אַמעריקע. אין דער אַלטער היים, ווו דער ציוניזם און דער יידישער סאָציאַליזם נעמען אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער, ווערן מצד די ציוניסטן געגרינדעט די חדרים־מתוקנים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר — לויט דובנאָוון — דעם ערשטן פרווו צו סעקולאַריזירן די יידישע דערציִונג. די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועג־גונג, ווידער, וואָס מער זי דרינגט אַריין צווישן די יידישע מאַסן, אַלץ מער מוז זי זיך רעכענען מיט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע נויטן פון יידישן פאָלקסמענטש, און בהדרגהדיק ווערט זיין שפּראַך אַ זעלבשטענדיקער ווערט, נישט בלויז אַ מיטל פאַר פּראָפּאַגאַנדע. אַזוי ווערט צוגעגרייט דער באָדן וואָס אויף אים וואַקסט אויס, אין ערשטן צענדליק פון 20סטן יאָר־הונדערט, סיי די בונדישע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, סיי די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — צוויי מאַניפעסטאַציעס פון אָן אויסגעקריס־טאַליזירטער וועלטלעכקייט־קאָנצעפּציע.

— אין דער אַלטער היים זיינען די באַגרינדערס פון גייסטיקן ציוניזם — אחד העם, און פון גייסטיקן נאַציאָנאַליזם — שמעון דובנאָוו, געווען די הויפּט־טעאָרעטיקערס פון וועלטלעכער יידישקייט. דאָ, אין אַמעריקע, ווו די הויפּט־טרעגערס פון יידישער וועלטלעכקייט זיינען געווען סאָציאַליסטן און פאָלקיסטן, דאָ זיינען די צוויי איינפלוסרייכסטע פאָרמולירערס פון יידיש־וועלטלעכן געדאַנק געווען דר. ח. זשיטלאָווסקי און דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. זשיטלאָווסקי האָט אין אַמעריקע געהאַט אַ גרויסע השפעה נאָך איידער ער איז אַהער געקומען, אין 1904 ; אַ דאַנק די אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענציעס וואָס ער האָט געדרוקט אין אַמעריקאַנער יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. שפּעטער, ווען ער האָט זיך דאָ באַזעצט, האָט ער דאָ אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אויך שמעון דובנאָוו, דער טעאָרעטיקער פון אַן אַנדער וואַריאַנט פון ייִדישער וועלטלעכקייט, האָט אַ דאַנק דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע, נאָך 1905, פון נײַע, מער נאַציאָנאַלע ייִדן־לערערס, שרײַבערס, און פאָלקס־אינטעליגענטן — דאָ געהאַט אַ גרויסע השפעה אין ראַדיקאַלן סעקטאָר פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. אַ דאַנק זײַן לעבנס־לאַנגן אָפּגעבן זיך מיט דער שטודיע פון ייִדישער געשיכטע איז דובנאָוו צוגעטראָטן צו אַלע ייִדישע פּראָבלעמען שורשדיק, און ייִדיש־היסטאָריש. גײַסטיקייט און העראָיִשקייט פאַר קולטורעלן און סאָציאַלן פּראָגרעס זײַנען צענטראַלע מאָטיוון אין דובנאָווס קאָנצעפּציע. ער ווײַזט אָן — אין זײַן ווערק „בריוו וועגן אַלטן און נײַעם ייִדנטום" — אויף דעם פלאָנטער וואָס די ערשטע סאָציאַליסטן האָבן געשאַפן בײַם צוזאַמענמישן די באַגריפן פון אינטער־נאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם. איצט אָבער, האַלט ער, אַז זיי האָבן אײַנגעזען זייער טעות, קענען די קעמפערס פאַר סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע זיך פאַראייניקן מיט די קעמפערס פאַר נאַציאָנאַלער פרײַהייט. „עס איז פּאַסיק און ריכטיק פאַר די אָפּשטאַמענדיקע פון די נביאים אויפצוהייבן אויף זייער פאָן דעם ריינעם נאַציאָנאַלן אידעאַל, וואָס פאַראייניקט די וויזיע פון די נביאים פון אמת און צדק מיט דעם דערהויבענעם חלום וועגן דער פאַראייניקונג פון דער מענטשהייט".

לויט דובנאָוון שטעלן ייִדן מיט זיך פאָר אַ נאַציאָנאַליטעט וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון אַ פאָלק וואָס האָט געשאַפן קולטור־ווערטן, וואָס האָט אַרויפגעלייגט זײַן חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. זײַן צוגאַנג צו ייִדישער וועלטלעכקייט שטרײַכט אונטער אַז מ׳קען זײַן אַ פאַרוואָרצלטער ייִד נישט אַקצעפּטירנדיק דעם רעליגיעזן עלעמענט אין דער ייִדישער ירושה, וואָרעם ייִדישקייט איז אַ קולטור־סיסטעם, און יעדער מין ייִד קען זיך אָפּקלײַבן פון אונדזער קולטור וואָסער טייל, אָדער שטרעמונג ס׳איז אים צו נאָענטסטן.

אָט די אַלע ייִדישע אימיגראַנטן וואָס האָבן זיך דערצויגן אויף דוב־נאָווס אידעען האָבן שוין פאַרמאָגט ברייטערע האָריזאָנטן און גרעסערע קולטורעלע אינטערעסן ווי די פריערדיקע אימיגראַנטן. אָבער די פאָרמו־לירונגען פון די וועלטלעכקייט־קאָנצעפּציעס פון זשיטלאָווסקין און דוב־נאָוון געהערן שוין צו אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד.

(1976)

די אַנדערשקייט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ

א

שוין אַ קיימא לן פון עטלעכע הונדערט יאָר זינט עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די טענדענץ צו באַטראַכטן די מענטשלעכע געשיכטע ווי אַ פּראָדוקט פון אומפּערזענלעכע כּוחות, וואָס מוזן „פאָלגן" אומפאַרענדערלעכע געזעצן. עס זיינען אויפגעבויט געוואָרן אימפּאָזאַנטע אינטעלעקטועלע בנינים, וואָס דאַרפן דערווייזן, אַז די געשיכטע גייט און אַנטוויקלט זיך נישט לויט דעם ווילן פון מענטשן, נאָר אַז ס'איז פאַראַן אַן אומפאַרמיידלעכקייט אין די געשעענישן, וואָס יחידים קענען בשום אופן נישט ענדערן. לויט די דאָזיקע היסטאָריאָסאָפיעס, הייסט עס, זיינען יחידים זעלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַ געשאַפענער סיטואַציע, מעג דאָס זיין אַ גינציקע, אָדער אַן אומגינציקע; וואָרעם דער אמתער שולדיקער איז דער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס קיין יחיד קען נישט פאַרקירעווען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

אַזאַ קוק אויף געשיכטע איז מחייב אַז היסטאָריע איז אַ שפּיל פון גרויסע אומפּערזענלעכע כּוחות: פיזישע, געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע, אָדער אַז געשיכטע באַשטייט פון קאַמף צווישן קאָלעקטיוון: ראַסן, פעלקער, קלאַסן. דער אויספיר פון אַזאַ שטאַנדפּונקט איז: געשיכטע אַנטוויקלט זיך לויט אייביקע געזעצן, וואָס מען קען אָפּלערנען, ווען מען שטודירט די פאַרגאַנגענהייט; און פון עבר קען מען פאָרויסזען דעם גאַנג פון געשעענישן אין דער צוקונפט.

דער ייִדיש־ענגלישער דענקער ישעיה בערלין האָט אין זיין בוך „היסטאָרישע אומפאַרמיידלעכקייט" פּרובירט באַווייזן אַז דער דאָזיקער איינשטעל איז נישט באַגרינדעט און נישט וויסנשאַפטלעך; אַז געשיכטע איז נישט קיין וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין און אַז דער סוביעקטיווער קוק פון היסטאָריקערס שפּילט אַ צענטראַלע ראָלע ביים שרייבן געשיכטע. דער היסטאָריקער איז נישט קיין אָביעקטיווער וויסנשאַפטלער, נאָר אַ מאָראַלישער ריכטער, וואָס מישפּט די האַנדלונגען פון היסטאָרישע פיגורן.

דאָס קען מען אָנווענדן אויף אַ העגעל, מאַרקס, ספּענגלער און טאָינבי — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון די פּאָפּולערסטע.

אין אונדזער עפּאָכע האָבן די דאָזיקע מעטאַפיזיש־טעאָלאָגישע טעאָריעס וועגן געשיכטע צוגעצויגן אַ סך מענטשן — ספּעציעל איז דאָס אמת אין שײַכות צו דער מאַרקסיסטישער אינטערפּרעטאַציע, אין אירע פאַר־שיידענע וואַריאַנטן: אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָדער קאָמוניס־טישער ווערסיע. פאַקטיש איז דאָס אַ מיטל אַרונטערצוּוואַרפן אַחריות פאַר די געשעענישן פון זיך און זיך צו באַהאַלטן הינטער קאָלאָסאַלע, אַמאָראַלישע, אומפּערזענלעכע, מאָנאָליטישע כּוחות, קעגן וועלכע מיר קענען כּלומרשט גאָרנישט טאָן. לויט ישעיה בערלין, איז אַזאַ שטעלונג אַ מיראַזש, וואָס דערשײַנט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט אין צײַטן פון אומרויִקייט, צעמישעניש און אינערלעכע שוואַכקייטן, ווען דער סטאַטוס־קוואָ איז אַזוי אָפּשטויסנדיק, אַז מענטשן זײַנען גרייט מיט אַלע מיטלען אים צו באַקעמפן. אין דער אמתן איז דאָס בלויז אַ תּירוץ פאַר יענע, וואָס ווילן אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט און זיך אויסדרייען פון אחריות. ס׳איז אַ מיטל זיך צו באַהאַלטן אין זאַמד און פאַרשטעלן זיך די ראיה פאַר דער רעאַלער וועלט.

אַנטקעגן וואָס איז דאָס „פלוצלינג״ צו רייד געקומען? אַנטקעגן די האַלב־אמתן, וואָס ווערן פאַרשפּרייט אויף דער ייִדישער גאַס אין אַמעריקע. אַ ריי ייִדישע זשורנאַליסטן סײַ דאָ, סײַ אין ישראל, ווילן אונדז, און זיך, אײַנרעדן, אַז זיי ווייסן, אַז זיי האָבן אויסגעפונען די „אייביקע געזעצן״ פון דער ייִדישער געשיכטע און זיי קענען אײַך דעריבער פּינקטלעך פאָרויסזאָגן די צוקונפט פון ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע. פאַרשטייט זיך, אויב איר וועט טאָן ווי זיי זאָגן אײַך, וועט אַלץ זײַן גוט; אויב אָבער איר וועט זיי נישט פאָלגן, וועט, חלילה, זײַן ביטער. זיי ווייסן אויף זיכער, אַז אין אַמעריקע וועט זיך איבערחזרן די אַסימילאַציע, דער אַנטיסעמיטיזם — אויב נישט נאָך ערגער — ווי אין מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, ווײַל אַמעריקע איז נישט אַנדערש, איז נישט קיין אויסנאָם פון די „אייביקע געזעצן״ אין דער ייִדישער געשיכטע. און אויב ס׳קומט נאָך דערצו אַרויס אַ גענעראַל מיטן אַנטיסעמיטישן פּיזמון אַז ייִדן האָבן „פאַרכאַפּט״ די באַנקען, די פּרעסע אאַז״וו — איז דאָך זיכער אַ באַווײַז, אַז מיר וועלן נישט אויסמײַדן דעם גורל פון די אייראָפּעיִשע ייִדן.

אַט דערפֿאַר, מיין איך, איז כּדאַי צו הערן וואָס צוויי אָנגעזעענע דענקערס, טיפּע קענערס פֿון געשיכטע, האָבן צו זאָגן וועגן דעם ענין. איינער איז דער באַרימטער ייִדיש־אַמעריקאַנער פֿילאָסאָף האָראַס מאיר קאַלען, וואָס איז אַוועק אויף אייביק מיט אַ יאָר צוריק — דעם 6טן פֿעברואַר 1974 — און דער צווייטער איז דער ייִדיש־פֿראַנצייזישער סאָציאָלאָג און פּובליציסט ריימאָן אַראָן.

ב

האָראַס מ. קאַלען איז, ווי באַקאַנט, דער עקספּאָנענט פֿון דער טעאָריע קולטור־פּלוראַליזם, וואָס שטרײַכט אונטער אַז די „אַמעריקאַנער אידעע" פֿון פֿרײַהייט און דעמאָקראַטיע שליסט אויך אײַן דאָס רעכט צו זײַן אַנדערש און אַז פֿאַרשיידנאַרטיקייט אין גלויבן, אין שפּראַך, פֿעיִקייט, באַשעפֿטיקונג און קולטור פֿון יחידים און פֿעלקער איז נאַטירלעך, שעפֿעריש און דערפֿאַר געוווּנטשן. „אַנדערשקייט און פֿרײַהייט", האַלט קאַלען, „זײַנען צוויי אויסדרוקן פֿאַר איין פּראָצעס, און דאָס ערשטע דעמאָנסטרירט דאָס צווייטע. אויב מיר פֿאַרלירן די רעכט צו זיין אַנדערש, פֿאַרלירן מיר אויך די רעכט צו זײַן פֿרײַ". פֿאַר קאַלענען איז אַסימילאַציע אַנטי־דעמאָקראַטיש און אַנטי־אַמעריקאַניש, וואָרעם דעמאָקראַטיע מיינט פּלוראַליזם, וואַריאַציע, פֿילמינימדיקייט.

דער קולטור־פּלוראַליזם איז אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס וואָרצלט אין דער אַמעריקאַנער פֿילאָסאָפֿיע פֿון פּראַגמאַטיזם, אין דער פּאָליטישער געשיכטע און אין דער סאָציאַלער סטרוקטור פֿון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט. ווילן מיר זיך דאָ מיט אַלע אַספּעקטן פֿון קאַלעניזם נישט פֿאַרנעמען. מיר ווילן זיך בלויז דאָ אָפּשטעלן אויף קאַלענס בליק אין שייכות צו אַמעריקאַנער אַנדערשקייט בנוגע מינאָריטעטן.

דער טיפֿער דענקער און באַהאַוונטער אין דער היגער ווירקלעכקייט האַלט אַז דאָ, אין אַמעריקע, קען מען נישט טראַכטן אין טערמינען פֿון טאָפּלטער לאָיאַליטעט, ווײַל אַמעריקע באַשטייט פֿון פֿרײַוויליקע פֿאַרבאַנדן פֿון יחידים, וואָס קומען זיך צונויפֿ צוליב פּאָליטישע, רעליגיעזע אָדער עסטעטישע צילן. די דאָזיקע פֿילמינימדיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט, פֿון פֿאַראייניגן פֿאַר אַלערליי צוועקן, ווו יעדער מענטש קען זיך אָנשליסן, צייכנט אויס דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ פֿון אַנדערע ייִדישע קיבוּ־

צים: „עס איז דער פּרינציפּ פון אַ פּלוראַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס איר אייניקייט איז נישט באַזירט אויף „טאָפּלטער לאָיאַליטעט", נאָר אויף אַ סך לאָיאַליטעטן. ווי דע טאָקוויל האָט באַמערקט מער ווי הונדערט־פינף און־צוואַנציק יאָר צוריק, איז אין קיין שום לאַנד אין דער וועלט דער פּרינציפּ פון אַסאָציאַציעס נישט אַזוי הצלחהדיק אַנגעווענדט אָדער גענוצט געוואָרן ווי אין אַמעריקע און, פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם דערפאָלג נעמען אַנטייל די ייִדישע געמיינדעס אין אַמעריקע".

אַוודאי ווייסט קאַלען, אַז דער אידעאַל שטימט נישט אָפט מיט דער רעאַליטעט; אַז די געדאַנקען וואָס עס האָבן אויסגעדריקט די בעסטע פאַרשטייערס פון אַמעריקע, ווערן נישט אַלע מאָל פאַרקערפּערט אין דער פּראַקטיק. אָבער ער פאַרגעסט אויך נישט — און מיר דאַרפן עס געדענקען — אַז אַמעריקע איז נישט קיין האָמאָגעניש, מאָנאָליטיש, נאַציאָנאַליסטיש לאַנד, ווו אַלע יוונים האָבן אָדער דאַרפן האָבן איין פּנים; אַז סײַ היס־טאָריש, סײַ קעגנוואַרטיק איז די סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער געזעל־שאַפט אַנדערש פון אַ פּוילן אָדער דײַטשלאַנד. אַמעריקע איז אַנדערש, און עס איז נישטאָ קיין שום געזעץ, אַז דאָ מוז זיך איבערחזרן, אין שייכות צו ייִדן, די געשיכטע פון מיזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע.

ג

און איצט וועגן ייִדיש־פראַנצייזישן דענקער ריימאָן אַראָן, וואָס איז גוט באַקאַנט אין אַמעריקאַנער אַקאַדעמישע קרײַזן און איז אַ מומחה סײַ אין דער פראַנצייזישער, סײַ אין דער אַמעריקאַנער קולטור. מיט עטלעכע חדשים צוריק איז דער דאָזיקער געלערנטער אינטערוויואירט געוואָרן דורך עדווין ניומאַן אויף דער טעלעוויזיע־פּראָגראַם פון היגן ייִדיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, אין משך פון אַ שעה צײַט האָבן ביידע געשמועסט וועגן אַ סך וויכטיקע, אַקטועלע ענינים, און ערשט בײַם סוף זײַנען זיי אַריבער אויף ייִדישער טעמאַטיק. דער פראַנצייזישער סאָציאָלאָג און פּובליציסט אַראָן האָט דערקלערט זײַן סאָלידאַריטעט־געפיל לגבי ייִדן אין ישראל און אַז ער — הגם ער האַלט זיך פאַר אַ פראַנצויז — קען זיך פון דעם געפיל נישט באַפרײַען, וואָרעם אַזוי פאַרלאַנגט זײַן ווערדע און דערצו וויל ער נישט אָפּהאַקן זײַנע וואָרצלען מיטן ייִדישן פאָלק. די

דאָזיקע וואָרצלען מײַנען פֿאַר אים אַ ספּעציעלע באַציִונג צו ישׂראל, און „די דאָזיקע ספּעציעלע באַציִונג איז אַן עמאָציאָנעלע התחייבֿות לגבי דעם קיום פֿון ישׂראל, און ווען ישׂראל איז אין געפֿאַר, פֿיל איך אינטענסיוו די דאָזיקע פֿאַרפּליכטונג".

אַראָן האָט צוגעגעבן, אַז עס קען טרעפֿן, אַז ייִדישע איבערגעגעבנ־קייט צו ישׂראל זאָל זײַן אין סתּירה צו דער אָפֿיציעלער פֿראַנצייזישער אויסערלעכער פּאָליטיק, אָבער — האָט ער אונטערגעשטראָכן — ער האָלט מיט מאָנטעסקיע, אַז אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד דאַרף אַ בירגער זײַן גרייט צו פֿאַרטיידיקן, אַפֿילו צו שטאַרבן פֿאַר זײַן לאַנד, אָבער נישט צו ווערן אַ ליגנער. ער מיינט דעריבער, אַז אין אַנהאַלטן זײַן לאָיאַליטעט צו אידעען אָדער צו אַן עטנישער גרופּע, אָדער צו מדינת ישׂראל איז נישטאָ קיין ווידעראַנאַנד מיט זײַנע פֿליכטן ווי אַ פֿראַנצייזישער בירגער. ער איז אָבער מודה, אַז עס זײַנען דאָ פֿאַלן, ווען די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון פֿראַנקרײַך זײַנען געווען אין סתּירה צו די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פֿון ישׂראל. אין אַזאַ פֿאַל, טענהט ער, מוז ער זײַן ערלעך מיט זיך און צוגעבן דעם אינעווייניקסטן קאָנפֿליקט, נישט קענענדיק געפֿינען אַ לײַכטן אויס־וועג פֿון דער לאַגע. ווי איר זעט, האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אַסימי־לירטן, אָבער געוויסנדיקן אינטעלעקטואַל, וואָס האָט אַ וואַרעמע באַציִונג צו מדינת ישׂראל.

עס איז דעריבער אינטערעסאַנט צו הערן זײַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע, וואָס ניומאַן פֿרעגט אים: צי מיינט ער נישט, אַז עס איז פֿאַראַן צו פֿיל אומקריטישע אונטערשטיצונג מצד ייִדן אין די תּפֿוצות פֿאַר ישׂראל? אויף דעם ענטפֿערט אים אַראָן אַזוי: אין פֿראַנקרײַך איז עס אַנדערש. אין דער צײַט פֿון דער 1967־מלחמה זײַנען פֿראַנצייזישע ייִדן געווען שטאַרק אַקטיוו לטובֿת ישׂראל, אָבער בעת דער יום־כּיפּור־מלחמה פֿון 1973 איז די מדרגה פֿון עמאָציאָנעלער צוגעבונדקייט געווען אַנדערש.

וואָס שייך אָבער דער אַמעריקאַנער ייִדישער געמיינדע, באַטאָנט אַראָן, איז איר סאָלידאַריטעט מיט ישׂראל געווען כּמעט אַן אײַנשטימיקע. דעם אונטערשייד צווישן דער פֿראַנצייזיש־ייִדישער און דער אַמעריקאַניש־ייִדישער געמיינדע דערקלערט אַראָן דערמיט, וואָס די צוויי ייִדישע קיבוצים שיידן זיך אונטער אין זייער כאַראַקטער איינער פֿון אַנדערן.

ווען די פראַנצייזישע ייִדן וואָלטן געוואָרן אַ פּאָליטישע דרוקגרופּע („פּרעשור־גרופּ״), וואָלט עס זיכער אַרויסגערופן אַ שטאַרקע רעאַקציע מצד דעם פראַנצייזישן פאָלק, ווײַל אין אַ געוויסן זין איז די פראַנצייזישע „יאַקאָבינער נאַציע״ אַ טאָטאַליטאַרע נאַציע. אויב די פראַנצויזן רעדן אַזוי פיל וועגן טאָפּלטער לאָיאַליטעט, איז עס דערפאַר, וואָס דאָס פראַנצייזישע פאָלק האָט זיך אַלע מאָל באַמיט צו דערגיין צו אַ סאָרט גײַסטיקער אײַנשטימיקייט. דערפאַר, פירט פראָפעסאָר אַראָן אויס, דאַרף דער פראַנצייזיש־ייִדישער קאָלעקטיוו נישט זײַן אָרגאַניזירט אויף דעם זעלביקן אופן ווי דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָלעקטיוו, הגם דער ייִדישער קיבוץ אין פראַנקרײַך דאַרף פילן אַ צוגעבונדנקייט צו ישראל און איר העלפן מיט אַלץ וואָס ער קען נאָר.

מיט אַנדערע ווערטער: דער פראַנצייזישער ייִדישער דענקער קומט צום זעלביקן אויספיר, ווי דער אַמעריקאַנער ייִדישער דענקער האָראַס קאַלען, אַז אַמעריקע איז אַנדערש פון פראַנקרײַך אין שײַכות צו ייִדן; אַז די פלוראַליסטישע אַמעריקע איז אַנדערש פון דער מאָנאָליטישער פראַנקרײַך, וואָס האָט זיך נאָך נישט באַפרײַט פון איר טאָטאַליטאַרער טראַדיציע: איין אידעאָלאָגיע, איין איבערצײַגונג, איין לאָיאַליטעט פאַר אַלע אירע בירגערס. אין אַמעריקע, אָבער, ווי עס האָט אַרטיקולירט האָראַס קאַלען — דעמאָקראַטיע און גלײַכהייט מיינט דאָס רעכט צו זײַן אַנדערש, די גלײַכהייט פאַרן געזעץ פון אַלע עטנישע, רעליגיעזע, שפּראַכלעכע מינאָריטעטן, ווײַל „אויב מיר פאַרלירן דאָס רעכט צו זײַן אַנדערש, פאַרלירן מיר דאָס רעכט צו זײַן פרײַ״.

אויב דאָס איז דער כאַראַקטער און די סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט — און מיר מיינען, אַז די צוויי טיפּע דענקערס פון אַמעריקע און פראַנקרייך קענען גרינטלעך זייערע לענדער און קולטורן — דעמאָלט מוז זיך נישט איבערחזרן אין אַמעריקע דאָס, וואָס עס איז געשען אין פוילן, אין דײַטשלאַנד און אַפילו אין פראַנקרײַך. ס׳איז אַוודאי נישטאָ קיין גאַראַנטיע, אַז די פלוראַליסטישע אַמעריקע וועט קיין מאָל נישט אַרונטער פון איר דרך; ס׳איז זיך אָבער נישטאָ וואָס צו שרעקן פאַר די „אייביקע געזעצן״ פון דער געשיכטע, וואָס זײַנען כלומרשט אומפאַרענדערלעך אין יעדער צײַט און אין יעדן אָרט. ניין. לענדער זײַנען אַנדערש איינס פון

אַנדערן, און אונדזער ווילן שפּילט אויך נישט קיין קליינע ראָלע אין דעם, ווי אונדזער צוקונפט וועט אויסזען. ווי דער ריכטער בראַנדייס האָט געזאָגט: „דאָס, וואָס מען קען זיך נישט שטעלן קעגן דעם, איז אָפט בלויז דאָס, וואָס מען שטעלט זיך נישט קעגן דעם".

(1975)

אַ פופציק־יאָריקער עקספּערימענט
אין צוויי־קולטורישקייט אין אַמעריקע

פון לאַנג צוריק, געדענקט זיך מיר אַן אַרטיקל פון שמואל ניגער, ווו ער דריקט אויס זײַן האָפענונג, אַז אין אַמעריקע קומט אויף אַ דאָ־געבוי־רענע ייִדישע אינטעליגענץ. ווי אַ ראיה ברענגט ער דעם ענגלישן „מנורה־זשורנאַל״, וואָס איז דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין צען יאָר. אָט די וואָגיקע אַנגלאָ־ייִדישע שריפט האָט — נאָך אַן עקזיסטענץ פון קנאַפּע פופציק יאָר (1915־1962) — אויפגעהערט דערשײַנען. „מנורה־זשורנאַל״ איז געווען גאָר אַ פרוכטבאַר קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אינטעליגענץ אין אַמעריקע. אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט האָבן אָנגעזעענע ייִדישע אַמעריקאַנער דענקערס, פילאָסאָפן, סאָציאָלאָגן, עסיי־יִסטן און קינסטלערס געמאַכט אַ פּרוּוו צו שאַפן אין ביידע קולטורן — אין דער ייִדישער און דער אַמעריקאַנער. מען האָט געשטרעבט אָנצוהאַלטן אַ צוגעבונדנקייט צו ייִדישער קולטור און גלײַכצײַטיק זיך צו באַטייליקן אין אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלן לעבן. דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, דער ענערגישער און אויפטוערישער העברי הורוויץ, האָט געגלייבט, אַז פונקט ווי ס׳איז געווען מעגלעך אַ פרידלעך צוזאַמענלעבן צווישן יהדות און העלעניזם (אין דער אַלטערטימלעכער אַלעקסאַנדריע), דערנאָך מיטן איסלאַם (אין שפּאַניע), דאַרף אויך זײַן מעגלעך צו שאַפן אַ שותפות מיט דער אַמעריקאַנער קולטור — און נישט ווערן פאַרשלונגען פון איר. דער־פאַר האָט ער זיך באַמיט אויפצובויען אַן אינטעלעקטועלע טריבונע פאַר די באַגאַבטסטע פאַרשטייערס פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער אינטעליגענץ.

אין סאַמע לעצטן נומער פון „מנורה־זשורנאַל״ (דערשינען אין 1962) שילדערט פאַר אונדז דער באַרימטער אַמעריקאַנער ייִדישער פילאָסאָף האָראַס קאַלען, — אַ הויפטפירער פון דער „מנורה־באַוועגונג״ צווישן ייִדישע סטודענטן אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, — דעם גײַסטיקן קלימאַט אין אַמעריקע, אין די ערשטע יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, און די צילן וואָס די באַוועגונג האָט זיך דעמאָלט געשטעלט, דערבײַ

דערציילט ער אויך טשיקאַווע פּרטים אין זײַן אייגענעם דעמאָלטדיקן ייִד־באַוווסטזײַן. די גרינדונג פון דער „האַרוואַרד מנורה געזעלשאַפט" אין יאָר 1906, האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן „מנורה־זשורנאַל" — וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ יאָר שפּעטער — איז געווען דער אויסדרוק פון אַ נײַער שטימונג און אַ נײַעם בליק אויף דער אַמעריקאַנער ייִדישערווירקלעכקייט. מ'האָט געשטרעבט צו באַפרײַען דעם ייִדישן סטודענט פון זײַן שפּלות־קאָמפּלעקס, און אים איבערצײַגן, אַז די ייִדישע ירושה איז ווערטפול, אַז מע דאַרף זי קולטיווירן, אויפהאַלטן און איבערגעבן די קומענדיקע דורות.

נישט לאַנג צוריק האָט דער ייִדיש־אַמעריקאַנער שריפטשטעלער לעאָ שוואַרץ אָפּגעקליבן די בעסטע אַרבעטן אין זשורנאַל, און אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון קנאַפּע טויזנט זײַטן *. איינער מעג זײַן מחולק מיטן אײַנשטעל פון דער רעדאַקציע פון זשורנאַל; איינער מעג האַלטן, אַז דער זשורנאַל איז פון סאַמע אָנהייב געווען צו סאַלאָן־מעסיק, צו עלי־טיסטיש, אָריענטירט אויף אַ גײַסטיקער אַריסטאָקראַטיע, און צו ווײַט פון מאַרקפּלאַץ מיט זײַנע נויטן און פּראָבלעמען; צו איבערפּאַרטייִיש צו זײַן אַקטועל און זינפול פאַר מענטשן וואָס האָבן געהערט צו פאַר־שיידענע אידעאָלאָגישע גרופּירונגען.

אָבער אַפילו ווען די קריטיק איז אַ באַרעכטיקטע, מוז מען אויך צוגעבן, אַז דער זשורנאַל האָט באַאיינפלוסט עטלעכע דורות אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן; אַז ער האָט געמאַכט אַ בלײַביקן צושטײַער צו ייִדישער געלערנטקייט און צום ייִדישן געדאַנק. מיר האָבן דערווײַל נישט קיין יורש — אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּעריאָדיק — וואָס קען זיך פאַרגלײַכן צום „מנורה־זשורנאַל" אין פאַרנעם, אין טיפקייט, אין איינגנאַרטיקייט, אין עלעגאַנץ און געשליפנקייט פון געדאַנק און סטיל. אַרום 200 פון די אָנגעזעענסטע דענקערס און קינסטלערס האָבן זיך באַטייליקט אין זשורנאַל. די שריפט איז במשך עטלעכע צענדליק יאָר געווען אַ פּערמענטירער פון ייִדישן געדאַנק דאָ און מעבר לים. נײַע אָרײַנבליקן און אינטערפּרעטאַציעס פון היסטאָריקערס און פילאָסאָפן

* The Menorah Treasury, edited by Leo W. Schwarz, Jewish Publ. Society, Phila, Pa, 1964, 961 pp.

האָבן באַצירט דעם זשורנאַל. מיר באַגעגענען דאָ עסייען פון האַראָס קאַלען, סאַלאָ באַראָן, מאַרווין לאָונטאַל, לווי גינזבורג, ישראל זאַנגוויל, מאָריס ר. קאָהען, מרדכי מ. קאַפּלאַן, אוירווין עדמאַן, מילטאָן סטיינבערג, הערי וואָלפסאָן, מאָזעס האַדאַס, מאָריס סעמיועל און אַנדערע ייִדישע גייסטמענטשן.

15 יאָר האָט דער זשורנאַל געבליט. אָבער מיטן אָנקום פון דער דעפּרעסיע, אָנהייב פון די 30סטער יאָרן, הייבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ. ער אין לכתּחילה דערשינען ווי אַ צוויי־חדשימניק; שפּעטער, אין די 20סטער יאָרן ווערט ער אַ חודשלעכער; אָבער בעת דעם עקאָנאָמישן קריזיס דערשיינט ער ווי אַ קוואַרטאַלניק. וואָס האָט אונטערגעגראָבן דעם קיום פון דער שריפט? אַ גאַנצע ריי סיבות, וואָס מיר האָבן שוין אָנגעוווּנקען און אַנדערע, וואָס מיר וועלן שפּעטער באַטראַכטן געניוער. איצט לאָמיר זיך באַקענען מיט עטלעכע אינטרינזיקאַליש־ווערטפולע אַרבעטן וואָס זיינען אַ צושטייער צו דער ייִדישער מחשבה, און זיי כאַראַקטעריזירן אויך דעם מהות פון דער שריפט.

אין ערשטן נומער „מנורה״ (יאַנואַר 1915) דערקלערט דער רעדאַק־טאָר, אַז די שריפט וועט זיין אומפּאַרטייאיש, אומדערשראָקן, און זי וועט זאָגן דעם אמת; זי וועט שטרעבן צו זיין שכלדיק און באַלאַנסירט; זי וועט זיין אַ פּלאַטפאָרם צו דיסקוטירן אַלע וויכטיקע דעבאַטירבאַרע פּראָגעס, זי וועט זיך אָפּגעבן מיט שטיצן און פאַרשפּרייטן ייִדישע „הומאַניסטיק״ כּדי צו דינען דעם יחיד.

עס קען נישט זיין קיין ספק אַז די ייִדישע „הומאַניסטיק״, אויף די העכסטע מדרגות פון וויסן און טאַלאַנט, איז פאַרקערפּערט אין די גייסט־רייכע, פּאַרטיפּטע עסייען פון מאָריס קאָהען וועגן ספּינאָזעס אינטעלעק־טועלער ליבע צו גאָט; אין סאַלאָ באַראָנס שטודיע איבער דער געטאָ און די עמאַנציפּאַציע; אין אוירווין עדמאַנס אַרבעט איבער ראַסע און קולטור; אין גינזבורגס עסיי ווי די ייִדישע מחשבה שפּיגלט זיך אָפּ אין דער הלכה; אין האַראָס קאַלענס אַנאַליז ווּהין גייט דאָס ייִדישע פאָלק?; אין מרדכי קאַפּלאַנס שטודיע וועגן גלויבנס און באַדערפענישן, אין לוסי דאַווידאָוויטשעס איבערזיכט איבער „די עפּאָפּעע פון דער וואַרשעווער געטאָ״, און אין אַ סך אַנדערע. איך וויל זיך דאָ אָפּשטעלן אויף עטלעכע

תּמציתדיקע אַרבעטן וואָס שפּיגלען אָפּ די נשמה, דעם אינטעלעקטועלן ניוואָ פון זשורנאַל, און אין דער זעלביקער צײַט ווײַזן זיי אונדז דעם שרײַבערס באַציִונג צו דער ייִדישער קולטור.

דער היסטאָריקער מאַרווין לאָונטאַל, איינער פון די הויפּט־מיטאַר־בעטערס אין זשורנאַל, צייכנט אָן, אין אַ גײַסטרײַכן עסיי איבער ייִדישן הומאַניזם, די פּאַראַלעלן און קאָנטראַסטן צווישן העלעניזם און יהדות און ער דעפינירט די הויפּט־אייגנשאַפטן פון ייִדישן הומאַניזם. לויט אים ליגט דער תּמצית פון ייִדישן הומאַניזם נישט אין אַ פּראָגראַם, פאָרמולע, אָדער טעטיקייט, נאָר אין אַ באַציִונג, אין אַ צוגאַנג — אַ צוגאַנג וואָס איז קריטיש און באַפרוכפּערנדיק. אָט אַזאַ אײַנשטעל קריגט מען דורך אַן ערלעכן ענטוזיאַסטישן פּאַרטיפן זיך אין דער ייִדישער קולטור און דורך דעם וואָס די דאָזיקע קולטור קאָנפראָנטירט אַ ריי פרעמדע וועלטן, אײַנשליסנדיק די הײַנטיקע וועלט. ער שטרײַכט אונטער, אַז מיט ייִדישער קולטור מיינט ער די גאַנצע ייִדישע דערפאַרונג, וואָס איז כּולל, אַחוץ די תּנכישע און תּלמודישע ליטעראַטורן, אויך די ייִדישע ליטעראַטורן אין אַלע שפּראַכן, וואָס גיבן איבער די איבערלעבונגען פון ייִדישן פאָלק. צו דער קאַטעגאָריע געהערן די גריכישע ספרים פון פילאָנען, די אַראַבישע פון רמב״ם, די ייִדישע פון נחמן בראַצלאַווער און שלום עליכם, די דײַטשע פון צונץ און גייגער; און אַוודאי די העברעיִשע פון ביאַליק און טשער־ניכאָווסקי.

אַז מען פאַרטיפט זיך אין דער ייִדישער קולטור, אַרגומענטירט ער, באַקומט מען אַ סקעפּטישן צוגאַנג צו אַלערליי אָנגענומענע באַגריפן וועגן געשיכטע; מ׳הייבט אָן פאַרשטיין ברייטער דעם אויפפיר פון דער מענטשהייט; מען קריגט אַ נײַע פּערספּעקטיוו אין שייכות צו אונדזער צײַט; און ווײַל ייִדן האָבן געלעבט במשך צוויי טויזנט יאָר, אי אין מיטן פון דער מערבדיקער וועלט, אי אָפּגעזונדערט פון איר, איז דערפאַר די ייִדישע היסטאָרישע דערפאַרונג ספּעציעל בכּוח אונדז צו געבן פרישע, קריטישע אויסבליקן. אַז אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרטיפט אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט באַקומען אַ צוויי־טויזנטיאָריקן זכּרון אין שייכות צו דעם וואָס עס מיינט צו ווערן שלעכט פאַרשטאַנען, צו ווערן פאַראורטיילט נישט־יושרדיק, און צו ווערן אונטערגעדריקט — אַזאַ מענטש קען נישט באַגיין דעם טעות אָנצווענדן ענלעכע מעטאָדן קעגן די

הײַנטיקע אָרטאָדאָקסאַלע אידעאָלאָגיעס. ער וועט אָנווענדן רחמנות און פֿאַנטאַזיע אין זײַן פּסק־דין, און דאָס איז הומאַניזם.

אַוודאי פֿאַרשטייט לאָונטאַל, אַז אויך כינעזישע, גריכישע און רוימישע קולטור האָבן אַ הומאַניזירנדיקן אײַנפֿלוס אויף איטלעכן, וואָס שטודירט זיי. אָבער פֿאַר אַ ייִד, האַלט ער, וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין דער ייִדישער טויזנט־יאָריקער דערפֿאַרונג, איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע מעלה; ס'איז די דערפֿאַרונג פֿון זײַן פֿאָלק און ער אַליין, ווי אַ ייִדישער יחיד, האָט איבערגעלעבט טיילן פֿון דעם — אַפֿילו ווען ער מיינט, אַז ער איז ווײַט פֿון ייִדישקייט — און ער האָט זיך מיטבאַטייליקט אין דעם ווי אין אַ לעבעדיקער זאַך — דערפֿאַר קען ער גיכער און סימפּאַטישער אַרײַנלעבן זיך אין דער ייִדישער געשיכטע. אַז אַ ייִד וועט באַגעגענען דאָס וואָרט רשעות, וועט דער זין דערפֿון פּולסירן, לעבן אין זײַנע אָדערן. ער וועט נישט דאַרפֿן קיין ווערטערבוך דאָס אים צו פֿאַרטײַטשן. דורך זײַן אייגענער דערפֿאַרונג איז אַ ייִד בעסער צוגעגרייט צו פֿאַרשטיין פֿון אינעווייניק די לייט־מאָטיוון פֿון דער ייִדישער געשיכטע, איידער די כינעזישע געשיכטע. לאָוענטאַל פֿירט אויס, אַז דער רוף פֿאַר יושר, דאָס זוכן סאָציאַלע צופֿאַסונג, די האָפֿענונג אויף אינטערנאַציאָנאַלער אחדות, און צוזאַמען דערמיט אַ ברענענדיקע לאָיאַליטעט צו זײַן גרופּע — אָט דאָס אַלץ ווערט געטיילט דורך יעדן ייִדישן יחיד. דעריבער, אַז אַ ייִד באַגעגנט די דאָזיקע הומאַניזירנדיקע עלעמענטן אין דער ייִדישער קולטור, זענען זיי נישט אַ פֿרעמדע זאַך וואָס ער דאַרף ערשט פֿאַרדײַען, נאָר עפּעס וואָס איז אײַנגעבוירן אין אים, וואָס לעבט אין אים און קען זיך פֿאַנאַנדערבליִען.

אָט די שטודיע, וואָס איז דערשינען אין 1924, שפּיגלט אָפּ דעם גײַסט, וואָס אין אים איז דער זשורנאַל געפֿירט געוואָרן די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָרן. אַ צווייטער עסיי, פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1926, גיט איבער אין אַן עלעגאַנטן, אַפֿאָריסטישן סטיל אַ קאָלעקטיוון פּאָרטרעט פֿון די בעסטע פֿאָרשטייערס פֿון דער אַמעריקאַניזירטער ייִדישער אינטעליגענץ אין יענעם פּעריאָד. דאָס איז די אַרבעט פֿון ספּינאָזע־פֿאָרשער אַדאָלף ס. אָקאָ: די זוכונגען פֿון אַ ייִדישן אינטעלעקטואַל. אָט דער, מיט איראָניע־געצייכנטער פּראָפֿיל פֿון דער דעמאָלטדיקער ייִדישער אינטעליגענץ (לייען: פֿון זיך אַליין), איז טיילווײַז נאָך איצט אויך אָנגעמאָסטן

אויף אַ דינעם שיכט פון די בעסערע אַמעריקאַנער ייִדיש־סענסיטיווע אינטעלעקטואַלן.

אָקאָ כאַראַקטעריזירט ווי אַן אינטעלעקטואַל אַזאַ איינעם, וואָס פאַרמאָגט אַ באַשטימטע נשמה־קוואַליטעט און טעמפּעראַמענט; האָט אַן ערנסטע פילאָסאָפישע באַציִונג צו וויסן; איז אַן אייביקער אויטאָדידאַקט און דעריבער אַ געלערנטער מענטש, איינער פון זײַנע זיידעס איז געווען אַ תּלמיד־חכם אין מזרח־אָדער צענטראַל־אייראָפּע, — אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. מ׳קען אָננעמען אַז דעם זיידנס ווילן־צו־גלויבן איז טראַנספאָרמירט געוואָרן בײַם אייניקל אין אַ ווילן־צו־טראַכטן, צו זוכן דעם אמת.

אָקאָ האַלט, אַז כאָטש דער „טיפּישער” ייִדישער אינטעלעקטואַל איז אַן אַמעריקאַנער בירגער, לעבט אין אַ לאַנד ווו אַ באַנאַלער אָפּטימיזם איז דער אָנגענומענער סטאַנדאַרד פון ריכטיקן אופן טראַכטן, קוקט ער פון דעסטוועגן אויפן לעבן מיט אַ טיפן אומצוטרוי. אין לעצטן סך־הכל איז ער גיכער אַ תּלמיד פון ספּינאָזאַן איידער פון שאָפּענהאַוערן... „אַ לעבן אָן טרויער וואָלט געווען אַזוי נאַקעט ווי אַ לעבן אָן גליק”. טעאָלאָגיע אָן אונטערשיד פון וועלכער שיטה, אָדער ווי ליבעראַל זי זאָל נישט זײַן, האָט פאַר אים נישט קיין ממשות; די בעסטע רעדנערס, לויט זײַן מיינונג, געפינט מען צווישן פּראַקטיצירנדיקע טעאָלאָגן; אָבער גאָרנישט זאָגן, כאָטש מ׳זאָגט עס גוט, איז אַן אויפטו... ער איז נישט פײַנטלעך צו רעליגיע, וואָס מ׳האָט דעפינירט ווי פּאָעזיע, וואָס מיינט, על פּי טעות, אַז זי איז וויסנשאַפט. דער פאַקט, וואָס רעליגיע איז געשאַפן פון מענטשן, אַרט אים נישט, וואָרעם אויך קונסט, וויסנשאַפט און פילאָסאָפיע זענען געשאַפן פון מענטשן. רעליגיע איז די פילאָסאָפיע פון דעם גלייביקן פונקט ווי פילאָסאָפיע איז אפשר די רעליגיע פון דעם נישט־גלייביקן. וואָס שייך רעליגיע אין ייִדישן זינען, — רעליגיע ווי לעבן, ווי טוונג, נישט בלויז ווי אַ מיינונג, — האָט ער נישט קיין פאַר־אורטייל קעגן איר. דער געדאַנק פון אחד, האַלט ער, איז מיט טויזנטער פעדים צוזאַמענגעפלאָכטן מיט דער מאָראַלישער גרויסקייט פון די נביאים און די ייִדישע חכמים, מיט דער משיח־האָפענונג פון ייִדישן פאָלק און מיט זײַן בענקשאַפט נאָך גאולה. דעם ייִדנס חלום פון אידעאַל איז אפשר דער גראַנדיעזסטער געדאַנק פון יהדות.

אונדזער ייִדישער אינטעלעקטואַל — ווי אָקאָ צייכנט אים, — איז אויך אַ סקעפּטיקער, אי לויט זײַן איבערצײַגונג, אי לויט זײַן געמיט. „אָבער הגם ער ווייס, אַז סקעפּטיציזם איז נישט די דאָמינירנדיקע קאָנ־צעפּציע פון מאָדערנעם מענטש, — איז ער פון דעסטוועגן נישט גײַסטיק היימלאָז, ווײַל ער קען האָבןביידע וועלטן — אי דאָס ווייטיקדיקע געפיל בנוגע דער רעלאַטיווקייט פון זאַכן, אי ליב האָבן די אייביקע אילוזיע וואָס וויקלט אונדז אַלע אַרום: ער קען אָפּוואַרפן (אינטעלעקטועל) די וועלט, און דאָך לעבן אין איר (פּסיכאָלאָגיש) מיט אַ שמייכל, מיט אַ מיסטישן צווייפל, מיט אַ האָפענונג. די וועלט איז אפשר נישט „רעאַל", און דאָס לעבן אַ טאַנץ פון אַטאָמען אין אַ פּוסטקייט. דאָך איז פאַראַן געוויס שיינקייט אין איר, אַז אַ פרײַער מענטש זאָל זי פאַרגעטערן". אַפילו ווען דער ייִדישער אינטעלעקטואַל ראַציאָנאַליזירט זײַנע „ווערטן" — אַרט עס אים נישט. ווײַל ער אַקצעפּטירט דעם גורל פון ייִד־זײַן — כאָטש ער איז נישט זיכער וועגן זײַנע ספּעציפישע ייִדישע מעלות. ער נעמט אָן אינערלעך זײַן ייִדישקייט און וויל נישט אַנטלויפן דערפון. אַ סך קולטורן, ווייסט ער, האָבן בײַגעטראָגן זייער חלק צו פורעמען דעם ייִדישן גײַסט. די ייִדישע קולטור איז אַלע מאָל געשטאַנען אונטערן צייכן פון „סימביאָסיס". בלויז דאָס ייִדישע פאָלק האָט געקענט לעבן און אַנטוויקלען דאָס אייגענע לעבן צווישן פרעמדע, אָפט פײַנטלעכע סביבות; און גלײַכצײַטיק זיך באַטייליקן אין דער קולטור פון די דאָזיקע אומ־געבונגען. אָקאָ קומט דערפאַר צו דער מסקנה, אַז כאָטש די ייִדישע מחשבה איז אַלע מאָל געווען אָפּהענגיק פון דער סביבה און דעם באַזונדערן „צײַטגײַסט", איז זי פון דעסטוועגן אומאָפּהענגיק. זײַענדיק אַ סקעפּטיקער, וואָלט ער געזאָגט אַז ס׳איז אפשר לײַכטער צו גלייבן אין יודאַיִזם, איידער אים צו דעפינירן. דער באַגריף „יודאַיִזם" איז נישט קיין סינאָנים פאַר „ייִדישער רעליגיע". „די ייִדישע אמונה איז די ראָם פון דעם בילד, וואָס באַשטייט פון אַ דרײַ־טויזנטיאָריקער זוכונג מצד דעם ייִדישן פאָלק. ס׳איז אַ נישט־פאַרענדיקטע מאָלערײַ; אַזוי נישט פאַרענדיקט ווי ס׳איז דער הינטערגרונט — די וועלט. איז יודאַיִזם אמת? פאַר אַ סקעפּטיקער איז נישטאָ אַזאַ זאַך, ווי דער אמת, אָבער ס׳קענען זײַן אַ סך אמתן — מענטשלעכע אמתן, פּאָעטישע, פילאָסאָפישע, — און קיין איינער פון זיי זאָל נישט זײַן דער איינציקער אמתער אמת".

אָקאָ פאַרענדיקט זײַן פּאָרטרעט פון ייִדישן אינטעלעקטואַל, אַ פּאָר־טרעט געצייכנט ליריש, שאַרפזיניק, ראַפינירט, אַז ייִדישקייט גיט דעם ייִדן אַ לעבן פון פאַרשטאַנד, וואָס איז גרעסער ווי לאָגיק, פשוטער פון לאָגיק, און אמתער פון לאָגיק. דער שרײַבער ווענדט זיך צו יענע, וואָס האָבן אַ בייגונג צו ראַטעווען די וועלט, זיי זאָלן עס נישט טאָן דורך מיסטיציזם אָדער נירוואַנע, נאָר מיטן אינטעלעקט. „די פּראָבלעם וואָס שטייט פאַר ייִדישקייט פונקט ווי פאַר דער גאַנצער מענטשהייט איז נישט: צו זײַן — אָדער נישט צו זײַן? צו טראַכטן — אָדער נישט צו טראַכטן? דאָס איז די פּראַגע".

מיר ווייסן נישט ווי גרויס ס'איז געווען די צאָל פון אַזעלכע ייִדישע סאָפיסטיצירטע אינטעלעקטואַלן, פּאָזיטיוו אָריענטירטע צום ייִדישן לעבן, אין די 20סטער יאָרן, — אָבער זייער צאָל איז מסתמא געווען דעמאָלט גרעסער ווי איצט. בעת דעמאָלט ווען אָקאָ האָט געשריבן זײַן עסיי — ווי ער דערמאָנט אונדז — איז איינער פון די זיידעס פון היגן ייִדישן אינטעלעקטואַל געווען אַ תּלמיד־חכם, אַ משכּיל אָדער אַלטמאָדישער למדן, פאַר וועמען תורה אין ברייטסטן זינען פון וואָרט איז געווען דער סם־החיים, דער זינען פון זײַן עקזיסטענץ — קען דער הײַנטיקער ייִדיש־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַל, פון סוף זעכציקער יאָרן, נישט באַצירן זיך מיט אַזאַ יחוס. אין רוב פאַלן האָט זײַן זיידע עמיגרירט קיין אַמע־ריקע אין דער יוגנט, און ער האָט אָפּגעגעבן די בעסטע יאָרן זײַנע, נישט אויף לערנען תורה לשמה, נאָר אויף מאַכן אַ לעבן אָדער מאַכן אַ קאַריערע אין אַ פּראָפעסיע. אָקאָ, וואָס איז געווען פאַר אַ צײַט אַ רעדאַקטאָר פון „מנורה־זשורנאַל", און שפּעטער פון „קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש רעקאָרד", שפּיגלט אָפּ אין זײַן אַרבעט דעם הויכן ניוואָ פון דער שריפט און גלײַכצײַטיק זײַן אָלימפּיש ווײַטע באַציִונג צו ייִדישן קיום. צי קען מען מיט אַזאַ סקעפּטישער „נישט־אידעאָלאָגישער" קילקייט דערציִען אַ יונגע אינטעליגענץ פאַר דער ייִדישער מינאָריטעט־קולטור אין אַמעריקע? איידער מיר ענטפערן אויף דער פראַגע, ווילן מיר באַטראַכטן נאָך אַן אַרבעט, וועלכע שטעלט אַוועק אַ צענטראַל קיום־פּראָבלעם, וואָס איז איצט אַזוי ברענענדיק־אַקטועל ווי דעמאָלט, ווען זי איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט (אין 1959). איך מיין דעם עסיי פון היסטאָריקער און ספּעציאַליסט אין גריכישער קולטור, פּראָפעסאָר מאָזעס

האַדאַס: דער ערשטער צונויפטרעף פון יודאַיזם מיט אייראָפּעיִשקייט.

זײַן היסטאָרישער עטיוד איז באַזירט אויף אַזאַ הויפּטטעזע: דאָס פּראָבלעם פון דערגרייכן אַ „מאָדוס־וויוועגדי" צווישן דער ייִדישער און אַרומיקער קולטור איז אַנטשטאַנען אין דער העלעניסטישער תּקופֿה, און ווײַל דעמאָלט איז פֿאָרגעקומען דער ערשטער צונויפטרעף צווישן יודאַיזם און אייראָפּעיִשקייט, גיט עס אונדז דעם בעסטן מוסטער פֿאַר דער לייזונג פון פּראָבלעם. די שפּעטערדיקע דערפאַרונגען זײַנען נישט אַזוי באַלערנדיק, ווײַל אַז געוויסע אָפּרופן אויפן פּראָבלעם האָבן זיך דערוואָרבן פּרעסטיזש, זײַנען די דאָזיקע אָפּרופן געוואָרן גיכער אַ טייל פון דער טראַדיציע איידער אַ טאַקטיק צו באַגעגענען אַ נײַעם קריזיס. דערצו נאָך האַלט ער, אַז די העלענסטישע תּקופֿה איז שטאַרק ענלעך צו אונדזער צײַט, און דערפֿאַר װעלן די פאַרגלײַכן זײַן פּרוכטבאַר.

נאָך דעם ווי האַדאַס גייט איבער די גוט באַקאַנטע היסטאָרישע געשעענישן, וואָס האָבן געפירט צום אויפקום פון דער חשמונאים־מלוכה, דערקלערט ער, אַז די פּרושים האָבן באַקעמפט די „אוזורפּירנדיקע" ייִדישע מלכים, אָבער נישט דעם הומאַניזם (גריכישע חכמה): אַזוי לאַנג ווי ארץ־ישראל איז געווען סוווערען, האָט אַ ייִד געקענט זײַן אַ ייִדישער פּאַטריאָט און גלײַכצײַטיק אַ הומאַניסט. ערשט נאָכן חורבן זײַנען די פּרושים, אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ יוחנן בן זכאי, געוואָרן דער דאָמינירנדיקער עלעמענט אין ייִדישן לעבן. זיי האָבן טראַנספאָרמירט די מלוכה־לאָיאַליטעט אין אַ לאָיאַליטעט פון אַן אורח־חיים. און אַזוי ווי די קריטעריע פון לאָיאַליטעט איז איצט געווען אָפּצוהיטן אַ לעבנס־שטייגער, האָט מען דערפאַר אויסקריסטאַליזירט און באַפעסטיקט אַלע געבאָטן, ביז וואַנען יעדער אַקט אין יחידס לעבן איז געוואָרן רעגולירט. ערשט נאָך דעם ווי ייִדן האָבן פאַרלאָרן זייער זעלבסשטענדיקייט, איז דאָס שטרענגע אָפּהיטן אַלע מצוות און סייגים געוואָרן פאַרהאַרטעוועט; און ערשט נאָכן חורבן ירושלים און דעם אויפקום פון קריסטנטום, איז דער הומאַניזם געוואָרן אָפיציעל אָפּגעוואָרפן. האַדאַס ווײַזט אָן אויך, אַז דער נאָרמאַטיווער יודאַיזם (הלכה), אויפגעבויט אין משך פון דער גאַנצער גלות־געשיכטע, איז געווען אויסגערעכנט צו געבן אויטאָריטעט די פאַראָרדענונגען וואָס מ׳האָט זיי געהאַלטן פאַר לעבנסוויכטיק צו פאַרזיכערן ייִדישן קיום אין קריזיסצײַט. הגם דער דאָזיקער הלכה־בנין

האָט באַפּעסטיקט דעם לאָיאַלן קאַדער, האָט ער, אָבער, אויך פאַרטריבן אַ גרויסע צאָל ייִדן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן דער נייַער, שטרענגער אויטאָריטעט. אַ סך פון די דאָזיקע ייִדן אַרום מזרחדיקן טייל פון מיטלענדישן ים, וואָלטן אפשר נישט פאַרלאָרן געגאַנגען פאַרן ייִדישן פאָלק, ווען די טראַדיציע וואָלט נישט געוואָרן אַזוי שטרענג און עקסקלוזיוו. ער מיינט אויך, אַז דאָס וואָס די טראַדיציע איז באַשטאַנען אויף העברעיִש, האָט אויסגעשלאָסן פון ייִדישן גדר אַ רייַכע ייִדישע ליטעראַטור אין גריכיש, און זי איז געווען אין איכות און אין באַלערנדיי־קייט נישט קלענער ווי די רבנישע ליטעראַטור. פון אָט דער דערפאַרונג דרינגט האָדאָס אַרויס, אַז בעת דעם ערשטן צונויפטרעף פון יודאַיִזם און אייראָפּעיִשקייט האָבן ייִדן, אי זיך באַטייליקט אין קולטור־לעבן פון אַרום, אי אָנגעהאַלטן לאָיאַליטעט צום תוך פון זייער טראַדיציע. ער שטעלט דעריבער אונטער אַ פרעגצייכן דעם שטאַנדפּונקט, אַז העראָיִשע מאָסמיטלען, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן אין צייַט פון אַ קריזיס כדי צו פאַרזיכערן דעם קיום פון פאָלק, האָבן געדאַרפט ווערן אַ טייל פון פערמאַנענטן בנין פון יהדות. עס איז אַלע מאָל פאַראַן אַ סכּנה, אַז צענטראַליזירטע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, מיט גרויסע פרעטענסיעס אויף אויטאָריטעט, וועלן פאַרווישן דעם אונטערשייד צווישן זייער אייגענעם קיום און ווילזייַן, און דעם קיום און ווילזייַן פון דעם ציל צוליב וועלכן זיי זענען געשאַפן געוואָרן.

ס'איז אַוודאי אומבאַשטרייַטבאַר דער גרונטגעדאַנק, אַז אין אַ קריזיס־צייַט, ווען דער ייִדישער קאָלעקטיוו איז געווען אין סכּנה, האָט דער נאָרמאַטיווער יודאַיִזם זיך פאַרשטייַפט אין אַ שווערער, פאַרן יחיד, נאַציאָנאַלער דיסציפּלין. פון דעם איז אָבער נאָך נישט געדרונגען, אַז ווי אַ מינאָריטעט אין אַ נישט־ייִדיש לאַנד (אין אַלע תּפוצות), וואָלט דאָס ייִדישע פאָלק געקענט אָנהאַלטן די אייגענע עקזיסטענץ אויפן יסוד פון פרייַער ליבע: אָן אַן אייגענעם לעבנס־שטייגער מיט זייַנע „מ'מעג"... און „מ'טאָר נישט!" מיר פרעגן: צי איז דען ייִדישער קיום אין גלות נישט אין פערמאַנענטן קריזיס — זינט דער העלעניסטישער תּקופה ביז איצט? ס'איז זייער צווייפלהאַפט, דעריבער, צי בלויז הומאַניזם — אָן דעם שולחן־ערוך, אָן אַן אייגענער שפּראַך, אָן אַן אייגן לאַנד — וואָלט געהאַט דעם כּוח צו פאַרזיכערן אַ ייִדישע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ.

די שײנע ליטעראַטור — בעלעטריסטיק און פּאָעזיע — אַרײַנגערעכנט איבערזעצונגען פון ייִדיש און העברעיִש, איז אויך פאַרטראָטן אין זשורנאַל. אָבער די אויף ענגליש געשריבענע שאַפונגען קענען נישט, מיט אייניקע אויסנאַמען, זיך פאַרגלײַכן אין ניוואָ צו דער געדאַנקלעכער עסטעטיק.

✶

במשך די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון זײַן עקזיסטענץ האָט דער זשורנאַל געוועקט די האָפענונג, אַז דאָ אין אַמעריקע האַלטן מיר בײַ אַ קולטורעלן רענעסאַנס נישט נאָר בײַ די ייִדיש־ייִדן — נאָר אויך בײַ די אַמעריקאַניזירטע און אַקאַדעמיש געשולטע ייִדיש־ענגלישע געלערנטע און שריפטשטעלערס. אין די 30סטער יאָרן, מיטן אָנקום פון דער ווירטשאַפטלעכער דעפּרעסיע, מיט דער ראַדיקאַליזירונג פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער אינטעליגענץ, הייבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ פון זשורנאַל. הומאַניסטיק, סתם קולטור, אָן אַ גרויסן אַלץ אַרומנעמענדיקן אידעאַל, הערט אויף צו אינטערעסירן די ראַדיקאַלע אינטעליגענטן. אַ סך פון די מיטאַרבעטערס גייען אַריבער צו די ראַדיקאַלע, אַלגעמיינע זשורנאַלן (ווי „פּאַרטיזאַן רעוויו“). מיט אויפקום פון נאַציזם, און דעם באַגלייטנדיקן קריזיס אין דער מערב־ציוויליזאַציע בכלל, ווערן די הויפּטצילן וואָס די שריפט האָט זיך געשטעלט, אומרעאַל, נישט־אַקטועל, אַקאַדעמיש, אַריסטאָקראַטיש. די צײַט מאָנט ברייט פאַרמאַסטענע, ווײַט גרייכנדיקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס, איבערשאַצונגען פון ווערטן, איבער־פאָרמולירונגען פון געזעלשאַפטלעכע פּראָגראַמען, — און דאָ פאַרנעמט מען זיך גאָר מיט אַן עליטע־הומאַניזם, אָדער מיט ייִדישער אַפּאָלאָגעטיק! שוין אין אָנהייב פון איר עקזיסטענץ האָט די שריפט זיך צו ווייניק באַשעפטיקט מיטן צענטראַלן פּראָבלעם פון ייִדישן קיום אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט, ווען רעליגיע האָט נישט מער דעם כּוח צו סעפּאַרירן און פּרעזערווירן די ייִדישע מינאָריטעט, ספּעציעל פּנים אל פּנים מיט אַזאַ רײַכער און אַלץ דורכדרינגענדיקער אַמעריקאַנער קולטור.

אָבער אין יענע יאָרן איז די דאָזיקע פאַרנאַכלעסיקונג פון פּראָבלעם „ישׂראל בין העמים“ — ייִדישער קיום אין אַמעריקע — געווען פאַרגעבלעך; אין יענער צײַט פון ייִדישער מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע,

איז דער ענין נאָך נישט געווען אַזוי ברענענדיק־אַקטועל ווי נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה. די ייִדיש־רעדנדיקע מאַסן האָבן זיך נאָך נישט געהאַט אינטעגרירט, און זיי האָבן געשטרעבט אַרויפצוגיין אויפן ברייטן שליאַך פון אַמעריקאַנער קולטור־לעבן. די אינטעליגענץ ווידער, ווי דאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין די דעמאָלטיקע ווערק פון אַ לודוויק לויסאָן, וואַלדאָ פראַנק, מאיר לעווין, העגרי ראָטה — האָט געליטן פון אַ צעשפּאָלטנקייט, אַן אַמביוואַלענץ אין שייכות צו איר ייִדישקייט און אַמעריקאַנישקייט. איצט, אָבער, אין די 50ער יאָרן, זײַנען די ייִדיש־אַמעריקאַנישע שרײַבערס שוין מער נישט געווען קיין דרויסנדיקע אין שײַכות צו דער אַמעריקאַנער קולטור: זיי האָבן זיך איבערגערוקט פון דער פּעריפעריע צום צענטער פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, טעאַטער, פון דער פּובליציסטיק און פון דער וויסנשאַפט. דער ייִדיש־אַמעריקאַנער קיבוץ איז שוין געווען, אין זײַן ווײַט גרעסטן רוב, אַקולטורירט אין דער נישט־ייִדישער אַמע־ריקע. בײַ דעם איצטיקן גײַסטיקן קלימאַט, בײַ די ראַדיקאַלע שינויים אין ייִדישן און אין אַלעגמיינעם אַמעריקאַנער לעבן, פאַרלירט דעריבער דער „מנורה־זשורנאַל" דעם באָדן.

אויפן אָרט פון די וועלטלעכע אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן פריער פאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן די מיטאַרבעטערס פון זשורנאַל, קומען איצט אַרײַן ראַבינערס (ראַביים); זיי עקזאַמענירן נישט ערשטע פּרינ־ציפּן, זיי האָבן, אין רוב פאַלן, פּאַרטיקע, אַ־פּריאָרי אמתן און לייזונגען פאַר די דילעמעס פון ייִד און מענטש. מיר זעען דאָס טאַקע אין די אַרבעטן פון ראָבערט גאָרדיס (איבער רעליגיע און מאַרקסיזם); עמנואל ראַקמאַן (דער רעליגיעזער וואָרצל פון דעמאָקראַטיע); יעקב אייגוס (צילן און מיטלען פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע). די אַלע דרײַ דער־מאָנטע טעאָלאָגן, מענטשן מיט אַלגעמיינער ערודיציע און ייִדישער לומדות, זײַנען רעליגיאָניסטן, וואָס שטעלן זיך פאָר די צוקונפט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ ווי אַ רעליגיעזע געמיינדע. איי וואָס זאָל מען טאָן מיט די נישט־רעליגיעזע און נישט־אַפּיליִרטע ייִדן וואָס קענען זיך נישט צווינגען צו גלייבן, און פילן נישט קיין באַדערפעניש זיך אָנצושליסן אין אַ סינאַגאָגע? אויף דעם גיט יעקב אייגוס אַן ענטפער, וואָס דער תמצית זײַנער איז: ערשטנס, שליסט ער זיי נישט אויס פון כּלל ישראל; צווייטנס, זײַנען זיי פאַרבלאָנדזשעטע, וואָס „מיר" וועלן

זיי מיט דער צייַט אַרויפפירן אויפן דרך־הישר!... „מיר דאַרפן אָנערקענען אַז פאַר עטלעכע דורות האָט מען סובסטיטויִרט ייִדישע נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעטן פאַר רעליגיעזע לאָיאַליטעטן... די מאָראַלישע אויפגאַבע פאַר אונדז באַשטייט אין טראַנספאָרמירן אַ טיפן עטנישן באַוווסטזייַן אין אַ צוריק אויפגעוועקטער איבערגעגעבנקייט צו די אידעאַלן און ווערטן פון ייִדישן גייַסט. מיר מוזן אָנצייכענען אַ וועג וואָס פירט פון זייַן אַ טייל פון אַ קעמפנדיקן לאַגער, צו ווערן אַ שותף פון כביכול, און באַשאַפן אַ וועלט וואָס איז געפורעמט לויט זייַן וואָרט". (זייַט 911). אַזאַ „ענטפער" פאַרענטפערט גאָרנישט פאַר וועלטלעכע ייִדן.

✶

מיר קענען איצט, נאָכן באַטראַכטן די עטלעכע אַרבעטן, און די הויפט־עטאַפּן אין לעבן פון דער שריפט, סומירן די סיבות, וואָס האָבן געפירט צום אָפּשלוס פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון צוויי־קולטורישקייט אין אַמעריקע. אַז דאָס איז געווען אַן ערנסטער פּרווו מצד אַ וויכטיקער גרופּע אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעליגענץ צו שאַפן אין ביידע קולטורן — אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער — אין דעם קאָן קיין שום אָביעקטיווער אָפּשאַצער נישט צווייפלען. פאַר וואָס זשע איז די שריפט אונטערגעגאַנגען? די דערקלערונג פון לעאָ שוואַרץ, אַז די דעפּרעסיע האָט געגעבן אַזאַ קלאַפּ דעם זשורנאַל, אַז ער האָט זיך אָנגעהייבן קייַקלען באַרג אַראָפּ — דאָס איז בלויז אַ טייל פון אמת. אַ סימן: עס זייַנען דאָך במשך די לעצטע דרייַ־צענדליק יאָר אויפגעקומען עטלעכע נייַע זשורנאַלן — מיט אַנדערע צילן, — און אַ ריי מיטאַרבעטערס פון „מנורה" זייַנען אין זיי אַרייַנגעטראָטן. עס זייַנען געווען אַ גאַנצע ריי סיבות, וואָס האָבן דערפירט צום אונטערגאַנג פון „מנורה־זשורנאַל". אַזוי ווי מיר וועלן זיך נאָך לאַנג דאַרפן ראַנגלען מיטן פּראָבלעם: צוויי־קולטורישקייט, איז כדאַי צו פּרוּוון זיך דערגרונטעווען וואָס עס האָט גורם געווען דעם סוף פון „מנורה־זשורנאַל".

ראשית, ווי איך האָב אין אָנהייב פון דער אַרבעט מרמז געווען, האָט די איבערפּאַרטייִישקייט, נישט־אידעאָלאָגישקייט פון זשורנאַל, אים לכתחילה פאַרמשפּט צו אַ באַגרענעצטן קרייַז. די גרונט־הנחות פון זשורנאַל זייַנען געווען אַלגעמיינער ליבעראַליזם, דער אחד־העמיסטישער ציוניזם,

מיטן אַקצענט אויף הומאַניסטיק. כּל־זמן די „לעבנסשיף״ האָט געזעגלט אין פאַרהעלטענישמעסיק שטילע וואַסערן, האָבן אַזעלכע איינשטעלונגען געקענט צופרידנשטעלן אַ באַדײַטנדיקן סעקטאָר פון דער ייִדיש־אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע וועטער האָט זיך געביטן, און די וואַסערן זײַנען געוואָרן שטורמיש, — דער היטלעריזם, דער באַנקראָט פון קאָמוניזם, דער אָנקומענדיקער חורבן אין מזרח־אייראָפּע, דער קאַמף פאַר אַ ייִדישער מדינה — אָט די אַלע נײַע דערשײַנונגען האָבן אומפאַרמיידלעך געפירט צו אַן אידעאָלאָגישער דיפערענצירונג בײַ דער אינטעליגענץ. פאַר מיליטאַנטע ציוניסטן, פאַר איבערגעגעבענע קיומיסטן, פאַר אַנטוישטע קאָמוניסטן, איז די „מנורה״־אידעאָלאָגיע געווען צו לעבלעך, נייטראַל, אַנעמיש, דרויסנדיק פון אַלע אַקטועלע ייִדישע נויטן.

מיטן אָנקום פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זײַנען די ראַדיקאַלע שינויים אין דער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער לאַנדשאַפט געלאָפן מיט אַ האַסטיקער שנעלקייט. די ראַדיקאַל געביטענע לעבנס־תּנאים האָבן אַרויפגעשטעלט אויפן סדר־היום אַ נײַע פּראָבלעמאַטיק, וואָס אויף איר האָט דער זשורנאַל כּמעט נישט רעאַגירט; ער האָט זיך גאָר ווייניק באַשעפטיקט מיט די צענטראַלע קיום־פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער ייִדישן קאָלעקטיוו, און ער האָט אויסגעמיטן קאָנטראָווערסאַלע פראַגן — בעת דאָס לעבן איז געווען פול מיט זיי! דווקא די דאָזיקע קאָנטראָווערסאַלע פראַגן, ווי למשל: ארץ ישׂראל, רעליגיעזע אָדער וועלטלעכע ייִדישקייט, דער אינהאַלט פון ייִדישער דערציִונג, האָבן געקענט געבן דעם זשורנאַל אַן אינהאַלט און אויסדויער. צווייטנס, אונטערן דרוק פון דריטן חורבן און דעם קריזיס אין דער גאַנצער מערב־ציוויליזאַציע, אין ליכט פון די טראַומאַטישע איבערלעבונגען במשך די יאָרן 1948־1939, האָט די ראַדיקאַליזירטע ייִדישע אינטעליגענץ געזוכט עיקרדיקע לייזונגען. דער עלעגאַנטער, מעסיקער, אַנעמישער „מנורה״־ליבעראַליזם האָט אין אַזאַ גײַסטיק־פּאָליטישן קלימאַט פאַרלאָרן זײַן באַדייט.

דריטנס, די רעדאַקטאָרן פון זשורנאַל האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין לײַדנשאַפט פאַר ייִדיש־שעפערישן קיום אין אַמעריקע. אין די עסייען, וווּ מ׳האָט זיך באַשעפטיקט מיט ייִדישן המשך אין אַמעריקע, האָט זיך געקענט אויסווײַזן, אַז די שרײַבערס מיינען, אַז זיי לעבן אין פּילאַנס

אָדער דעם רמב״מס צײַטן, ווען רעליגיעזע אַנדערשקייט איז געווען דער סימן מובהק פון ייִדישן לעבן און האָט מחייב געווען אַן אַנדער לעבנס־אויפפיר ווי בײַ די גויִים. מ׳האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, אַז אין דער איצטיקער סעקולאַריזירטער וועלט, וווּ ס׳דאָמינירט אַ סקעפּטיציזם, אַ פילאָסאָפישער רעלאַטיוויזם, — אַז איצט מוז מען אויפסנײַ מאָטיווירן ייִדישן קיום. מ׳האָט נישט אויפגענומען דעם אַרויסרוף, וואָס די אַמעריקאַנער קולטור שטעלט פאַר ייִדישער קרעאַטיווער עקזיסטענץ.

פון די אַלע טעותן דאַרף מען עפּעס אָפּלערנען; און אָפּלערנען דאַרפן מיר, קודם כּל, אַז דאָס פּראָבלעם: צוויי־קולטורישקייט וועט פאַרבלײַבן מיט אונדז אַזוי לאַנג ווי ייִדן וועלן לעבן אין די פרײַע תּפוצות, ווו אַסימילאַציע איז נישט קיין פּראָגראַם נאָר אַ סטיכיע, אַ לעבנספאַקט. און אויב די סכּנה איז אַ רעאַלע, אַ פּערמאַנענטע, אַן אומפאַרמײַדלעכע, דאַרף מען זי כּסדר באַקעמפן, זיך באַמיִען מיט אַלע כּוחות זי אָפּצושוואַכן. ס׳איז אויך קלאָר פאַר אַלע, וואָס האַלטן די אויגן אָפן, אַז דער גרעסטער רוב פון אַמעריקאַנער ייִדן — אַחוץ די גאָר־פרומע — לעבן פאַקטיש אין צוויי קולטור־ספערעס: אין דער אַמעריקאַנישער און אין דער ייִדישער. דאָס איז חל אויך אויף די מיטגלידער פון די דרײַ אַמעריקאַנער ייִדישע דענאָמינאַציעס: די אָרטאָדאָקסן, די קאָנסערוואַטיוון און די רעפאָרמירס.

פון דער אַנדערער זײַט, דאַרף מען געדענקען, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ האַלט נישט, חלילה, בײַם אויפלייזן זיך. אַלע פאָרשונגען באַשטעטיקן אַז, נישט געקוקט אויף די אַסימילירנדיקע כּוחות, וואָס ווירקן דאָ אין אַמעריקע, וועלן ייִדן פאַרבלײַבן אַ באַזונדערע עטנישע גרופּע; ייִדישע באַזונדערקייט איז אַ צענטראַלע טענדענץ אין דער סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די פּראָבלעם באַשטייט אָבער אין כאַראַקטער, אין דער קוואַליטעט, אין אינהאַלט פון דער היגער ייִדישער אַנדערשקייט. ווי גרויס און ווי וואָגיק וועט זײַן דער ייִדישער באַשטאַנדטייל אין דעם ביקולטוריזם? ייִדישער המשך אין אַמעריקע ווערט אַלץ מער רעדוצירט צו דער ראָלע פון אַ סובקולטור, וואָס פאַרנעמט אַ קלײנעם שטח אין לעבן פון אַמעריקאַנער ייִד. אַזאַ מינימאַלע ייִדישקייט, צוזאַמען מיט אַ ריי צענטריפּעטאַלע פאַקטאָרן, זײַנען גענוג נישט צו דערלאָזן אונטערגאַנג; אָבער דאָס איז ווײַט נישט גענוג צו

פֿאַרזיכערן אַ שעפֿערישן המשך; און וואָס ווייניקער שעפֿעריש דער ייִדישער קאָלעקטיוו וועט זײַן אין אַמעריקע, אַלץ ווייניקער צוזיִעזנדיק וועט ער זײַן פֿאַר די ייִנגערע דורות — ספּעציעל פֿאַר דער בישט־רעליגיעזער ייִדישער יוגנט און אינטעליגענץ. אָן אמונה, אָן אַן אייגענער שפּראַך, אָן אַ נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, — ווי עס איז געווען פֿאַר אונדזערע עלטערן הלכה־ייִדישקייט, — וועלן מיר אַראָפּזינקען צו גײַס־טיקער סטאַגנאַציע. פֿאַרגרעסערן דעם ייִדישן עקסטראַקט אין דער שותּפֿות מיט דער אַמעריקאַנער קולטור, איז דעריבער אַ מוז, אַ סינע־קוואַ־נאָן.

דערווײַל זײַנען נישטאָ — ווי מיר האָבן אין אָנהייב פֿון דעם עסיי געזאָגט — קיין פּרעטענדענטן אויפֿן טראָן פֿון „מנורה־זשורנאַל". אַ סך פֿון די טאַלאַנטפֿולע פֿאַרשטייערס פֿון דער היגער שעפֿערישער ייִדישער אינטעליגענץ שווימען איצט אין די ברייטע אַמעריקאַנער טײַכן; זיי זײַנען אָפּגעפֿרעמדט פֿון אונדזער לעבן. אָבער לא אלמן ישׂראל. עס איז אויך דאָ אַ באַדײַטנדיקער שיכט אינטעלעקטואַלן, רעליגיעזע און וועלט־לעכע, וואָס זײַנען פּאָזיטיוו אָריענטירט צו אונדזער לעבן. עס זײַנען פֿאַראַן אַ ריי „מנורהלעך", אין דער אַנגלאָ־ייִדישער פּעריאָדיק — און מיר האָפֿן, אַז מיט דער צײַט וועט זיך ווידער אָנצינדן אַ נײַע, פּרעכטיקע „מנורה".

(1970)

דער נײַער קולטור־פּלוראַליזם — צי איז ער גוט פֿאַר ייִדן?

מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס אָנגענומען דעם שווייקער „עטנישן ירושה שטודיעס פּראָגראַם־אַקט" — אַ געזעץ וואָס אויטאָריזירט דעם פֿעדעראַלן קאָמיסיאָנער פֿאַר דערציונג צו סובסידירן פּראָגראַמען, צו אַנטוויקלען קוריקולום־מאַטעריאַלן און צו פֿאַרשפּרייטן אינפֿאָרמאַציע אין שײַכות צו דער געשיכטע, קולטורן און טראַדיציעס פֿון די פֿאַרשיידענע עטנישע מינאָריטעטן אין אַמעריקע.

דאָס דאָזיקע געזעץ איז דער רעזולטאַט פֿון נײַעם גײַסטיקן קלימאַט אין אַמעריקע. במשך די לעצטע יאָרן האָבן אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן פֿעסטגעשטעלט אַז עטנישקייט איז אַ פּערמאַנענטע כאַראַקטעריסטיק פֿון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט: אַז די דערוואַרטונגען פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אַז אָט, אָט, וועלן זיך אַלע אימיגראַנטישע גרופּעס אויפֿלייזן, זײַנען נישט געוואָרן פֿאַרווירקלעכט: די עטנישע גרופּעס לעבן און זיי אַנטוויקלען זיך ווײַטער — הגם נישט אין דער זעלביקער פֿאָרם ווי די עקספּאָנענטן פֿון קולטור־פּלוראַליזם האָבן זיך פֿאָרגעשטעלט. איצט האָט די אָפֿיציעלע אַמעריקע — דער קאָנגרעס — אָנערקענט צום ערשטן מאָל אַז עטנישקייט איז אַ פּאָזיטיווער קאָנסטרוקטיווער כּוח אין אונדזער אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט הײַנט־צו־טאָג. דער סענאַטאָר שווייקער האָט, בײַם מאָטיווירן דאָס געזעץ, דערקלערט אין אַמעריקאַנער סענאַט אַז די „שמעלצטאָפּ"־טעאָריע פֿון אַסימילאַציע איז באַנקראָט, וואָרעם אַ סך מענטשן האָבן פֿאַרלוירן די וויכטיקע ווערטן פֿון געמיינשאַפֿט, אידענטיטעט, טראַדיציעס און משפּחה־סאָלידאַריטעט. דערפֿאַר וועט דאָס נײַע געזעץ דערמוטיקן עטנישע אידענטיטעט, און עס וועט דורך די קורסן וואָס וועלן אײַנגעפֿירט ווערן אין די אַמעריקאַנער דערציִונגס־אַנשטאַלטן באַקענען די פֿאַרשיידענע מינאָריטעט־גרופּעס מיט זייערע אייגענע קולטור־ירושות, כּדי זיי זאָלן זיך בעסער פֿאַרשטיין.

וואָס מיינט אָן עטנישע גרופּע? דער באַגריף ווערט אין געזעץ נישט דעפֿינירט, כּדי נישט אויסצושליסן קיינעם וואָס איז באַרעכטיקט צו ווערן

אײַנגעשלאָסן אין דער קאַטעגאָריע. אָבער אונטער דער קאָנצעפּציע „עטניש" ווערט פֿאַרשטאַנען יעדער קולטורעלע, היסטאָרישע, אָדער ראַסן־גרופּע וועמענס מיטגלידער עס באַטראַכטן זיך ווי קינדער פֿון אַ פֿאָלק וואָס פֿאַרמאָגט היסטאָרישע פֿאָלקישקייט.

אין געזעץ ווערט בפירוש דערקלערט אַז די „שמעלצטאָפּ"־טעאָריע איז פֿאַלש. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע ראַסן און קולטורן וואָס שטעלן צוזאַמען אַמעריקע האָבן נישט געשאַפֿן איין האָמאָגענע אַמעריקאַנער קולטור; זיי האַלטן אָן זייערע באַזונדערע סוב־קולטורן. קאָנפֿליקטן און מיספֿאַרשטענדענישן צווישן די פֿאַרשיידענע סוב־קולטורן האָבן אָפֿט געשאַפֿן שפּאַנונגען אין דער געזעלשאַפֿט און האָבן אָפֿט בײַגעטראָגן צו שנאות, און פֿאָראורטיילן צווישן די פֿאַר־שיידענע פֿעלקער און גרופּעס. פּאָבליק־סקולס און הײַ־סקולס האָבן איגנאָרירט די געשיכטע, די קולטור און די טראַדיציעס פֿון אַלע אַמערי־קאַנער מינאָריטעטן. גאַנץ אָפֿט זײַנען קינדער אין די סקולס געוואָרן דערמוטיקט אַרונטערצוקוקן אויף זייער עטנישן הינטערגרונט און ירושה. דערפֿאַר צילט דאָס געזעץ צו שאַפֿן אַ מעגלעכקייט אַז די אַלע אַמערי־קאַנער מינאָריטעטן זאָלן אויסנוצן זייערע קולטור־ירושות פֿאַר אַליין־זיכערקייט, פֿאַר ווערדע, פֿאַר גרופּן־סאָלידאַריטעט, און פֿאַר קעגנזײַטיקער קאָאָפּעראַציע.

לויט דעם געזעץ וועלן געשאַפֿן ווערן צענטראַלע פּונקטן און אַן אַל־אַמעריקאַנישע קאָאָרדינאַציע צו שטודירן די פֿאַרשיידענע מינאָריטעט־קולטורן. די פֿעדעראַלע דערציִונגס־ביוראָ וועט זײַן די רעגירונגס־ אַגענ־טור, וואָס וועט דורכפֿירן דאָס געזעץ. עס ווערט געגרינדעט אַ נאַציאָ־נאַלער ראַט פֿון בעלי־יועצים („נעשאַנאַל אַדווייזאָרי קאָונסיל") וואָס וועט באַשטיין פֿון 15 מיטגלידער. פֿאַרן קומענדיקן יאָר האָט די רעגירונג באַשטימט 20 מיליאָן דאָלאַר, כּדי צו סובסידירן אַלע אַנשטאַלטן וואָס וועלן קאָאָפּערירן בײַם דורכפֿירן די אָנגעצייכנטע אויפֿגאַבעס.

שוין איצט זײַנען פֿאַראַן אַ צאָל ניו־יאָרקער הײַסקולס (15 אין צאָל) וואָס האָבן אײַנגעפֿירט און וועלן פֿאָרזעצן אין סעפּטעמבער 1972, יידישע שטודיעס. אויסער ניו־יאָרק האָבן אויך אַן ערך 15 הייסקולס אײַנגעפֿירט יידישע קורסן. „די אַמעריקאַנער געזעלשאַפֿט פֿאַר יידישער דערציִונג" צוזאַמען מיט פֿאַרשטייערס פֿון דער ניו־יאָרקער באָאַרד אָוו עדיוקיישאָן,

און מיט דער „פּאַראייניקטער פעדעראַציע פון לערערס אין ניו־יאָרק" האָבן געשאַפן אַ קאָמיסיע פאַר ייִדישע שטודיעס אין די עלעמענטאַרע און מיטעלע עפנטלעכע שולן, וואָס גרייט צו פּראָגראַמען, קאָנספּעקטן און ביבליאָגראַפיעס פאַר די פּראָספּעקטיווע קורסן.

איז דאָס גוט פאַר ייִדן? עס ווענדט זיך פאַר וועלכע ייִדן. ייִדן זײַנען נישט פון איין גוס, פון איין שטעלונג צו אַלע לעבנספּראָגעס. מיר זײַנען אַן אַלט קולטור־פאָלק מיט אַ גײַסטיק דיפערענצירט לעבן, מיט מיינונגס־פאַרשיידנהייטן אין שײַכות צו אַ ריי קאַרדינאַלע פּראָבלעמען. פאַר וועלטלעכע ייִדן, פאַר ייִדיש־ייִדן קענען מיר אויף דער פראַגע ענטפערן מיט אַן עמפאַטישן: יאָ! ענדלעך האָט די אָפיציעלע אַמעריקע אָנגענומען אונדזער ייִדיש־נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט אַז אַמעריקאַנער ייִדן געהערן נישט בלויז אין דער רעליגיעזער קאַטעגאָריע — פון פּראָטעסטאַנטן, קאַטאָליקן און ייִדן — נאָר אַז זיי זײַנען אַ פאָלקישע אָדער עטנישע גרופּע אין דער קאַטעגאָריע פון איטאַליענער, אירלענדער, און פּאָליאַקן. דער פאַקט וואָס מע וועט אונדז אויפהערן צו רעדוצירן צו אַ רעליגיעזער דענאָמינאַציע — ווי אַ סך ייִדישע רעליגיאָניסטן האָבן ביז איצט געטאָן — און מע וועט באַטאָנען די וועלטלעכע באַשטאַנדטיילן פון דער ייִדישער קולטור־ירושה — אָט דאָס איז גוט פאַר ייִדן. וואָרעם דאָס איז עלול צו ברענגען „אַהיים", צום אייגענעם פאָלק, אַ סך אָפּגעפרעמדטע און דער־ווײַטערטע ייִדישע אַגנאָסטיקערס, און יונגע ייִדישע אינטעלעקטואַלן. ד"ר סימאָר לאַקמאַן, דער וויצע־פּרעזידענט פון דער ניו־יאָרקער באָאַרד אָוו עדיוקיישאַן, האָט טאַקע דערקלערט אַז די דאָזיקע פּלאַנירטע קורסן וועלן זיך באַשעפטיקן מיט דער ייִדישער דערפאַרונג פון אַ היסטאָרישן און קולטורעלן שטאַנדפּונקט, און עס וועט דעריבער נישט זײַן קיין שום קאָנפליקט אין שײַכות צו דער אָפּזונדערונג פון קירך און מלוכה.

מיט אַנדערע ווערטער הייסט עס אַז דורך די פּראָספּעקטיווע קורסן וועט מען נישט פּרובירן אינדאָקטרינירן די תּלמידים מיט ייִדיש־רעליגיעזע גלויבונגען, נאָר מ'וועט זיי באַקענען מיט אַמעריקאַנער ייִדישער גע־שיכטע, מיטן ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע; מיט דער ייִדישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע און מיט איר השפּעה אויף היגע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען; מיטן חורבן און מיט ישראל.

אַוודאי וועלן זיך הערן — און עס הערן זיך שוין — פאַרשיידענע

השערות וועגן די ווײַט־גרייכנדיקע אימפּליקאַציעס פון דעם נײַעם קולטור־פּלוראַליזם פאַרן היגן ייִדישן ישוב. אַזוי ספּעקולירן שוין אייניקע וועגן דער סכּנה פון באַלקאַניזאַציע פאַר אַמעריקע, ווי מ'האָט אַ מאָל — אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט — פאַרגעוואָרפן האָראַס קאַלענען, ווען ער האָט פאָרמולירט זײַן טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם. אָבער די דאָזיקע מורא איז גרונטלאָז. איצט, ווען אַלע מינאָריטעטן זײַנען שוין אַקולטורירט, אינטעגרירט אין געבוי פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, דראָט נישט אַמעריקע די געפאַר פון פּאָלאַריזאַציע, פון דיסאינטעגראַציע. אויב די תּלמידים אין די עפנטלעכע שולן וועלן אויסגעפינען וועגן די ספּעציפישע פּראָבלעמען, וועגן די פאַרשיידענע לעבנסטילן, וועגן די פּרנסות, וועגן צושטײַער צו אַמעריקע מצד די אַלע היגע מינאָריטעטן — וועט עס זיכער נישט צעברעקלען אַמעריקע.

אויך די מורא פון אייניקע אַז די דאָזיקע עטנישע שטודיעס קענען אונטערמינירן די ייִדישע שולן פון אַלע ריכטונגען, און ווערן אַ סובסטיטוט פאַר דער ייִדישער דערציִונג וואָס ייִדן מכּל המינים גיבן זייערע קינדער, איז נישט באַרעכטיקט. וואָרעס אַ ייִדישע דערציִונג — סײַ אין די רעליגיעזע, סיי אין די וועלטלעכע ייִדישע שולן — שליסט אײַן אַ סך מער לימודים און עלעמענטן ווי די עטנישע שטודיעס וואָס ווערן פּלאַנירט. דאָ איז מען אויסן דער עיקר צו אינפאָרמירן, נישט אינספּירירן; בעת אין ייִדישע דערציִונגס־אינסטיטוציעס ווילן מיר געווינען די לאָיאַליטעט פון ייִדישע קינדער פאַרן ייִדישן פאָלק, אָדער פאַר דער ייִדישער אמונה — ביי די רעליגיעזע ייִדן. מיר ווילן אַז די קינדער זאָלן קריגן נישט בלויז ידיעות, נאָר זאָלן ווערן דערצויגן ווי ייִדן, לעבן מיט ייִדישקייט און ייִדישע אינטערעסן. אָבער די תּלמידים וואָס לערנען אין ייִדישע שולן וועלן קענען דערגאַנצן און באַרײַכערן זייער ייִדיש וויסן ווען זיי וועלן זיך פאַרשרײַבן אויף די עטנישע שטודיעס. יענע ייִדישע קינדער וואָס לערנען אין גאַנצן נישט אין קיין ייִדישער שול, וועלן אַ דאַנק די דאָזיקע עטנישע קורסן אין די עפנטלעכע שולן און מיטלשולן כאָטש קענען עפּעס טועם זײַן פון ייִדישקייט. פאַר די דאָזיקע בייטראַגע און אָפּגעפרעמדטע — און ס'איז נאָך אַלץ דאָ אַ היפּשער פּראָצענט אַזעלכע ייִדישע קינדער אין אַמעריקע — קען עס זײַן דער ערשטער טראָט צו אַפירמאַציע פון זייער קולטור־ירושה.

דער דאָזיקער אויפשוווּנג און אינטערעס פאַר ייִדישע שטודיעס, און די אָפיציעלע אָנערקענונג דאַרפן באַגריסט ווערן פון דער גאַנצער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, און אין דער ערשטער ריי פון ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר. די ייִדיש־ייִדן וואָלטן געדאַרפט זײַן די הויפּט־מחותּנים אויף דער דאָזיקער שמחה, וואָרעם זיי זײַנען דאָך די קאָנסעק־ווענטסטע עקספּאָנענטן פון דער אידעע אַז ייִדן זײַנען אַ פאָלק — נישט בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע — אויך דאָ אין אַמעריקע. מיר, די נאַציאָנאַל־קולטורעלע ייִדן, דאַרפן זיך אַקטיוו באַטייליקן בײַם אויסאַרבעטן די פּראָגראַמען, די טעקסטן, די ביבליאָגראַפיעס פאַר די עטנישע שטודיעס אין שײַכות צו ייִדן. ווי די צענטראַלע קערפּערשאַפט פון ייִדיש־וועלט־לעכן סעקטאָר וואָלט דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס זיך געדאַרפט אַקטיוו באַטייליקן אין דער דאָזיקער וויכטיקער אַנטוויקלונג לטובת אַ ייִדישן קולטור־המשך אין אַמעריקע. אונדזער באַטייליקונג אָדער אָפּוועזנ־קייט קען דעצידירן דעם אינהאַלט, דעם פּאַרנעם, און אפשר אויך דעם דערפאָלג פון די עטנישע שטודיעס, וואָס זײַנען אַ מײַלשטיין אויפן וועג פון צוריקגעווינען אַ סך אָפּגעפרעמדטע יונגע ייִדן פאַר אונדזער פאָלק און זײַן קולטור.

(1972)

די עטנישע באַוועגונג און דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום

א

צווישן אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגן איז ברייט אָנגענומען די מיינונג, אַז דער איצטיקער יאָרצענדלינג — די זיבעציקער יאָרן — איז קוואַליטאַטיוו אַנדערש פון די זעכציקער יאָרן. פריִער האָט דאָ דאָמינירט דער „שמעלצטאָפּ"־ציל, אַז די באַזונדערע פעלקערשאַפטן וואָס האָבן איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע זינט איר אויפקום אין אַכצעטן יאָרהונדערט, זאָלן זיך אַסימילירן מיט דער דאָמינירנדיקער אַנגלאָ־סאַקסישער קולטור, און מיט דער צײַט פאַרשווינדן ווי באַזונדערע עטנישע מינאָריטעטן. דאָס איז אָבער ביז איצט נישט געשען. אין די 60ער יאָרן זײַנען אויפגעקומען אַ ריי פאַקטאָרן וואָס האָבן געפירט צום אויפשטײַג פון עטנישקייט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די דאָזיקע נײַ־עטנישע באַוועגונג צווישן די שוואַרצע, פּאָרטאָריקאַנער און אַנדערע מינאָריטעטן האָט, אָן ספק, אויך באַווירקט, אויף פאַרשידענע אופנים, דעם היגן ייִדישן קיבוץ און פאַרשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוווּסטזײַן בײַ אַ באַטײַטיקן שיכט פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט.

ווילן מיר דאָ באַטראַכטן דעם דאָזיקן סאָציאַלן פענאָמען — אי זײַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אי זײַן ספּעציפיש־ייִדישן אַספּעקט. אָבער איידער מיר פּרוּוון אָפּשאַצן דעם באַטייט פון דעם פענאָמען פאַר אַמעריקע, און זײַנע מעגלעכע קאָנסעקווענצן פאַר דער צוקונפט פון היגן ייִדישן ייִשוב, איז נייטיק צו באַשטימען קודם־כּל וואָס מיר מיינען מיט עטנישקייט. אינעם „ווערטערבוך פון די סאָציאַלע וויסנשאַפטן" (ניו־יאָרק, 1964) ווערט עטנישקייט דעפינירט ווי „אַ סאָציאַלע גרופּע — אין אַ גרעסערער קולטורעלער און סאָציאַלער סיסטעם — וואָס פאָדערט, אָדער וואָס איר ווערט צוגעטיילט אַ ספּעציעלער סטאַטוס, אין טערמינען פון אַ קאָמפּלעקס אייגנשאַפטן וואָס די עטנישע גרופּע ווײַזט אַרויס, אָדער וואָס מע גלייבט, אַז זי ווײַזט אַרויס". אין פּשוטערע ווערטער, איז אַן עטנישע גרופּע אַ

קאָלעקטיוו, וואָס איז באַזירט אויף דער הנחה, אַז אַלע זײַנע מיטגלידער פאַרמאָגן אַ בשותּפותדיקן אָפּשטאַם.

אַ מאָל האָט מען געמיינט אַז עטנישקייט איז אַן איבערבלײַב פון אַ פריִערדיקער תּקופֿה, וואָס קען באַטראַכט ווערן ווי אַ פאַרבײַגייענדיקער פענאָמען, וואָס מע דאַרף אים טאָלערירן, ווײַל אָט, אָט פאַרשווינדט ער. איצט אָבער זעען סאָציאָלאָגן אײַן אַז נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין אַ סך לענדער האָבן זיך פאַרשטאַרקט די טענדענצן בײַ מענטשן צו באַטאָנען זייער עטנישע ספּעציפֿישקייט און אידענטיטעט, און דעריבער צו פֿאָדערן געוויסע רעכט וואָס דרינגען אַרויס פונעם מינאָריטעט־כאַראַקטער. אַזאַ וויכטיקן פענאָמען, צי ער געפעלט אונדז אָדער נישט, קען מען נישט איגנאָרירן, אַפילו ווען ער פּאַסט זיך נישט אַרײַן אין אונדזערע אידעיִשע אײַנשטעלונגען. און אויב עטנישקייט איז באמת געוואָרן אַ צענטראַלער פענאָמען פון אונדזער עפּאָכע — און אַזוי איז עס טאַקע — וועט מען אפשר דאַרפן רעווידירן אַ ריי אָנגענומענע דאָקטרינען בײַ אַלטמאָדישע ראַדיקאַלן.

עס איז, ווי באַוווּסט, געווען אַן אָנגענומענער, אומאָפּרופֿלעכער אמת אין ראַדיקאַלע קרײַזן, אַז קלאַסן־אונטערשיידן וועלן זײַן די הויפּטליניעס פון צעטיילונגען צווישן פעלקער; אַז די פריִערדיקע צעשייד־ליניעס פון שפּראַך, רעליגיע, נאַציאָנאַלער אָפּשטאַם וועלן ווערן אָפּגעמעקט, אָדער לכל־הפּחות אָפּגעשוואַכט. מאַרקסיסטן האָבן אַראָפּגעקוקט אויף נאַציאָנאַלע צוגעבונדנקייטן און קאַמפן. עקאָנאָמישע אינטערעסן, האָבן זיי געטענהט, דאַרפן קערעווען מיט די סאָציאַלע האַנדלונגען פון ראַציאָנעלע מענטשן, און עקאָנאָמישע אינטערעסן ווערן באַשטימט פון קלאַסן־אונטערשיידן. אויב אָבער עטנישקייט איז אַן עצמדיקער ענין אין סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן, מוז מען עס אַרײַנרעכענען, פּונקט ווי קלאַס און נאַציע, ווי אַ נײַעם הויפּטצענטער פאַר אינטערעסן.

לויטן פּראָמינענטן סאָציאָלאָג דאַניעל בעל איז עטנישקייט געוואָרן אָנזעעוודיקער ווי קלאַסן־באַוווּסטזײַן, ווײַל עס קאָמבינירט אי אינטערעסן אי געפילן. אין דער וועלט, האַלט ער, קומען פאַר תּוכיקע איבער־אַנדערשונגען אין דער ווערטן־סקאַלע און אין מאַכט־פאַרהעלטענישן, אַזוי אַז עטנישע אידענטיפיקאַציע האָט פאַרן יחיד אַן עפעקטיווע קוואַ־ליטעט — דערפאַר איז עס געוואָרן אַזוי וויכטיק. „עטנישקייט שטעלט

צו אַ ממשותדיקן סכום בשותּפותדיקע אידענטיפיקאַציעס — אין שפּראַך, אין עסנוואַרג, אין מוזיק, אין נעמען — בעת אַנדערע סאָציאַלע ראַלעס ווערן אַבסטראַקט און אומפּערזענלעך. אויב מע וויל, קען מען פאַרשטיין עטנישקייט ווי אַן אַרויסקומענדיקער אויסדרוק פון תּחילתדיקע געפילן, וואָס זײַנען לאַנג געוואָרן אונטערגעדריקט און איצט האָבן זיי זיך צוריק אויפגעוועקט, אָדער ווי אַ 'סטראַטעגישער פּלאַן' וואָס עס האָבן אויס־געקליבן באַוואוסטע מענטשן ווי אַ נײַעם אופן צו זוכן פּאָליטישע פאַר־גיטיקונג אין דער געזעלשאַפט".[1]

בעל זעט דרײַ גורמים פאַרן אויפשטײַג פון עטנישקייט איבער דער וועלט. ערשטנס, דאָס פאַרגרעסערטע אויסמישן זיך פון פאַרשידענע פעלקער אין איין מדינה, וואָס שוואַכט אָפּ יעדנס אידענטיטעט. ווי אַ רעזולטאַט פון דער אָפּשוואַכונג קומט אויף בײַ מענטשן דער שטאַרקע־רער פאַרלאַנג צו ווערן טיפער פאַראַנקערט אין דער אייגענער גרופּע. מענטשן ווילן באַלאַנגען צו „קלענערע" איינסן, און דאָס געפינען זיי אין דער עטנישער גרופּע. צווייטנס, דער צוזאַמענבראַך פון דער טראַ־דיציאָנעלער אויטאָריטעט און די אָפּשוואַכונג פון די פרײַערדיקע עמאָצ־יאָנעלע איינסן, ווי נאַציע און קלאַס. אָט דאָס מאַכט די עטנישע צוגע־בונדנקייט שטאַרקער און, דריטנס, דער פאַקט וואָס די באַשלוסן אין שײַכות צום קאָמונאַלן לעבן פון יחידים ווערן אַלץ מער פאַרקניפּט מיט פּאָליטיק. די דאָזיקע סיבות האָבן פאַרשאַרפט די נייטיקייט צו עטנישער אָרגאַניזירונג, און די עטנישע גרופּע איז געוואָרן אַ מיטל צו פאָדערן מינאָריטעט־רעכט.

בעל און אַנדערע אַמעריקאַנער ייִדישע סאָציאָלאָגן און אינטעלעק־טואַלן זײַנען נישט באַגײַסטערט פאַרן אויפשטײַג פון דער עטנישער באַוועגונג. זיי זײַנען שוין שפּראַכלעך אַסימילירט און פאַרוואָרצלט אין דער אַנגלאָסאַקסישער קולטור, וווּ זיי שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע ווי „אוניווערסאַליסטן". הגם פון צײַט צו צײַט כאַפּט זיך אין זיי אויף דאָס „פּינטעלע ייִד", קומט זיי די עטנישקייט אויס ווי אַ רעגרעס צו שבטימ־דיקייט, פּראָווינציעלקייט. בעל דריקט זיך אויס, אַז צו ווערלן פאַרבײַטן די פּאָליטיק פון אידעאָלאָגיע אויף דער פּאָליטיק פון עטנישקייט וועט אפשר מיינען ווײַטער פירן די מלחמה מיט אַנדערע מעטאָדן.

אָבער, צי איר זענט סימפּאַטיש אָדער אַנטיפּאַטיש צו דער נײַער

עטנישקייט, איז עס אַ פֿאַקט, אַז נישט נאָר בײַ אונדז אין לאַנד, נאָר אין אַ סך אַנדערע לענדער זײַנען איצט די הױפּטקאָנפֿליקטן נישט קיין אידעאָלאָגישע, נאָר שבטימדיקע אָדער עטנישע. די אַלטע נאַציאָנאַליזמען פֿון שאָטלאַנד, פֿון װײלז, ברעטאַניע, קאַטאַלאָניע, פֿלאַנדערן, קװיבעק — און אין די לענדער פֿון אַפֿריקע און אַזיע — זײַנען אױפֿגעשטאַנען תּחית־המתים. פּונקט װי דער צוזאַמענבראָך פֿון דער עסטרײַך־אונגערי־שער מאָנאַרכיע, נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה, האָט נישט אָפּגעשאַפֿט די שטענדיקע קאָנפֿליקטן צװישן די פֿעלקער װאָס האָבן פֿריִער צוזאַמענ־געשטעלט עסטרײַך־אונגערן, אַזױ האָט דער פֿונאַנדערפֿאַל פֿון די אַלטע קאָלאָניאַלע אימפּעריעס געעפֿנט פֿאַנדאָרעס קעסטל פֿון שבטימדיקע — לינגװיסטישע, רעליגיעזע און קולטורעלע — קאָנפֿליקטן. די סעפּאַראַטע נאַציאָנאַליזמען אין די גרױסע מדינות זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג שטאַר־קער װי זײ זײַנען געװען מיט 25 יאָר צוריק. ס'איז קלאָר, אַז דיפֿערענ־צירטקייט, פֿאַרשידן־מיניקייט איז אַ דױערנדיקער פּענאָמען.

אַװדאי קען דיװערסיפֿיקאַציע, פֿאַרשידן־מיניקייט אױך דערפֿירן צו צרות אין דער װעלט — אױב מע זאָל נישט טאָלערירן יעדנס אַנדערש־קייט — אָבער אָן דעם כּוח צו דיװערסיפֿיצירן און זיך געפֿינען אין דער פֿאַרשידן־מיניקייט, װעט דער מענטש אפֿשר בכלל זיך נישט קענען אַן עצה געבן מיט דער װעלט. אין אַמעריקע װערט דער קולטור־פּלוראַליזם — אַז פֿאַרשידנקייט אין רעליגיע, אין קולטור, אין שפּראַך, אין לעבנס־שטייגער איז נישט שעדלעך, נאָר פֿאַרקערפּערט אמתע דעמאָקראַטיע — אָט דער געדאַנק װערט שױן כּמעט פֿון אַלעמען אַקצעפּטירט — אָבער בלױז אין טעאָריע. אין דער פּראַקטיק פֿאַרלאַנגט מען נאָך אַלץ װאָס מער אַסימילאַציע. אַפֿילו די מערסטע אַמעריקאַנער עטנישע מינאָריטעטן זײַנען אידעיִש געשפּאָלטן אין דער פֿראַגע פֿון פֿאַרשידן־מיניקייט: פֿון איין זײַט זײַנען זײ שטאָלץ מיט דער ירושה פֿון זײער אייגענער מינאָרי־טעט, און פֿון דער אַנדערער זײַט פֿאַרדריסט זײ, װאָס זײ זײַנען „פֿאַר־פּאַקט" אין דער ירושה.

ב

אַ גרױסן אױפֿזען אין די היגע אינטעלעקטועלע קרײַזן האָט געמאַכט דאָס בוך פֿון ליבעראַלן קאַטױלישן דענקער מײַקל נאָװאַק [2] װאָס האָט

אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון עטנישקייט אויף אַ פילאָסאָפיש־פסיכאָ־לאָגישער פלאַך. ווי איינער וואָס שטאַמט פון סלאָוואַקישע אימיגראַנטן, קען ער גוט די מענטאַליטעט און דעם הינטערגרונט פון די דרום־צענטראַל־אייראָפּעישע מינאָריטעטן, וואָס לעבן אין אַמעריקע, און ווי אַ פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט איז ער אַן אינעווייניקסטער אין דער היגער אַקאַדעמישער וועלט.

פּראָפ׳ נאָוואַק האָט אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם פון עטנישקייט אויף גאָר אַ שאַרפן און קאָנטראָווערסיאַלן אופן, און דאָס האָט ממילא געמוזט אַרויסרופן אַ היפשע קעגנערשאַפט ביי אַלטמאָדישע ראַדיקאַלן, וואָס האָבן געמיינט, אַז די פּראָבלעם עקסיסטירט שוין מער נישט. אָבער הגם אין זיין געדאַנקען־גאַנג זיינען פאַראַן געוויסע „קאָנסערוואַטיווע" מאָמענטן, איז זיין פּאָליטיש־עקאָנאָמישע פילאָסאָפיע גאָר נאָענט צו די גרונט־איינשטעלונגען פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און ער באַטראַכט זיך ווי אַ פירשפּרעכער פון די „עטנישע" אַרבעטסמענטשן. זיינע אידעען, נישט געקוקט אויף זייער קאָנטראָווערסיאַלקייט, זיינען פון אַלע זיינע קעגנערס אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ערנסט, ווייל ער דריקט אויס די שטימונגען פון אַ סך אומצופרידענע מיט דער היינטיקער טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע און איר דעהומאַניזירונג פון יחיד. און הגם ער איז נישט מחדש קיין חידושים — אַ סך פון זיין קריטיק אויף דער האָמאָגעניזירונג פון אַמעריקע האָבן מיר שוין פריער געהערט פון האָראַס קאַלען און אַנדערע דענקערס — פון דעסטוועגן איז ער דער עקספּאָנענט פון דער נייער עטנישקייט אין דער ראַם פון אונדזער צייט און אין קאָנטעקסט פון דער אינטעלעקטועלער יוירונג, וואָס קומט פאָר אין דער איצטיקער תקופה. בעת קאַלען האָט באַגרינדעט דעם קולטור־פּלוראַליזם אויפן יסוד פון דער פּראַגמאַטישער פילאָסאָפיע, דערגרייכט נאָוואַק דעם זעלביקן ציל אַ דאַנק זיין פילאָסאָפיע וואָס וואָרצלט אין הומאַניזם, און דערביי באַפעסטיקט ער זיין קריטיק אויף דער „וואַספּ"־קולטור (ווייס־אַנגלאָסאַקסיש־פּראָטעסטאַנטיש) מיט פיינע, סובטילע אַריינבליקן אין איר מהות.

קודם־בל, האַלט נאָוואַק, אַז ס׳איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי אַן אַמעריקאַנער מענטש; ס׳איז דאָ נישטאָ איין קולטור און אויך נישט קיין הויך אַנטוויקלטע קולטור וועמענס סימבאָלן, אימאַזשן און אידעען מיר זאָלן קענען אויס־אַרבעטן; אויף וויפל ס׳איז דאָ אַן אַלגעמיינע קולטור וואָס אינטעלעקטואַלן

פּאַרמאָגן, איז זי מער אַן אידעאַל צו וועלכן מע שטרעבט, איידער אַ דערגרייכטער ציל. דאָ איז פאַראַן דער אָנבליק פון ענלעכקייט, ווייל מיר טראָגן ענלעכע קליידער, ווייל עס ווייזט זיך אויס, אַז מיר רעדן, זעען אויס און גייען אויפן זעלביקן שטייגער. די אונטערשיידן וואָס עס זיינען פאַראַן צווישן אַמעריקאַנער — אַחוץ ראַסן־אונטערשיידן — זיינען דער עיקר אינעווייניקסטע, און זיי דריקן זיך נישט אויס אין אונדזערע אידעען, נאָר אין אונדזערע ליבשאַפטן, צוגעבונדנקייטן, פאַנטאַזיעס און היסטאָרישע איבערלעבונגען. דאָס וואָרט „קוואָטע" האָט אַן אַנדער באַטייט ביי ייִדן, ביי שוואַרצע, ביי סלאַוון. די באַגריפן ‚מרידה׳, ‚פּאָלגן׳, ‚מאָראַל׳, ‚לאָיאַ־ליטעט׳ האָבן אַנדערע אָפּקלאַנגען אין פאַרשידענע קולטורעלע טראַדיציעס. דאָס נייע עטנישע באַוווסטזיין איז צופרידן צו אָנערקענען די דאָזיקע סובטילע נשמה־באַוועגונגען, אָבער עס רופט נישט צו סעפּאַראַטיזם, נאָר צו אַליין־באַוווסטזיין; עס שטרעבט נישט צו צעטיילן, נאָר צו קעגנזייטיקער אָנערקענונג און אָפּשאַצונג.

געוויסע אַמעריקאַנער, טענהט נאָוואַק, ליידן פון היסטאָרישער אַמ־נעזיע. זיי זיינען אָן וואָרצלען, אָן אַ קולטורעלן זכרון, נישט לאָיאַל צו קיין שום טראַדיציע. אַנדערע אַמעריקאַנער, ספּעציעל די הויך־געבילדעטע מיטגלידער פון דער סופּער־קולטור — זיי האָט מען געלערנט, אַז עט־נישקייט איז דער מקור פון שלעכטס, דאַרפן זיי דעריבער זיין „אוניווער־סאַליסטן", וואָס טאָרן נישט סימפּאַטיזירן מיט אַנדערשקייט. אָט די דאָזיקע „אויפגעקלערטע" קאָסמאָפּאָליטן זיינען שיער נישט אַליין אַן עטנישע גרופּע, וואָס איז פול מיט פאַראורטיילן לגבי די „נישט־אויפגעקלערטע". אין דער אמתן, באַטאָנט נאָוואַק, דאַרף מען אויסברייטערן דאָס באַוווסטזיין פון די „אויפגעקלערטע" אַז פאַרשיידן־מיניקייט איז נישט קיין סכנה פאַר דער מענטשהייט און נישט פאַר אַמעריקע. די נייע עטנישקייט איז פּאַקטיש אַ פאָרעם פון היסטאָרישן באַוווסטזיין: ווער ביסטו? פון וועלכער געשיכטע קומסטו, און וווהין גייסטו?

ציינטנוויינז דערמאָנט אייך נאָוואַקס אַרגומענטאַציע אין דעם אונדז גוט באַקאַנטן וויכוח צווישן אַמאָליקע ייִדישע קאָסמאָפּאָליטן און נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע ייִדישע סאָציאַליסטן. אין אַמעריקע, גלייבט ער, זיינען ייִדן צוליב דער אָנגייענדיקער אַסימילאַציע געוואָרן אָפּגעשוואַכט אויף איין פּונקט: די כלל־טראַדיציע פון דער ייִדישער מחשבה האָט צו פיל

נאָכגעגעבן דעם אַנגלאָסאַקסישן אינדיווידואַליזם: „אָבער מענטשלעך לעבן איז אַ נעץ, און ס'איז נישטאָ קיין ,איך' און קיין פּריוואַטער שטח, אין וועלכן די נעץ געפינט זיך נישט. יעדעס מענטשלעכע לעבן באַטייליקט זיך אין די לעבנס פון אַ סך אַנדערע, און זיי באַטייליקן זיך אין אים... סײַדן מע באַגרענעצט זיך, האָט מען נישט קיין פרײַהייט. יאָגן זיך נאָך פרײַהייט אָן התחייבותן, מיינט יאָגן זיך נאָכן אומבאַגרענעצטן... נישטאָ קיין פרײַהייט אָן ענדלעכקייט".[8]

ווי איינער, וואָס שאַצט אָפּ נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, דריקט נאָוואַק אויס אָנערקענונג די אַמעריקאַנער יידישע שרײַבערס, וואָס האָבן מיט זייערע שאַפונגען צעבראָכן די אַנגלאָסאַקסישע „וואַספּ"־העגעמאָניע איבערן אַמעריקאַנער כּוח־הדמיון און פילעוודיקייט. יידן האָבן פּראָדוצירט אַזוי פיל דענקערס, פּאָעטן, טעאָרעטיקערס, ליבהאָבערס פון וואָרט, און אַ דאַנק זיי זײַנען זיי געבליבן לעבן. די אַלע קולטור־שטראָמען, וואָס דער יידישער זשעני האָט געשאַפן, זײַנען די קוואַלן פון דער יידישער עטנישער אידענטיטעט; אָן זיי וועט דער יידישער אינטעלעקטואַל נישט זײַן יידיש און אויך נישט קיין אינטעלעקטואַל.

רעזומירנדיק זײַן ראַציאָנאַל פאַר עטנישער אָנגעהעריקייט אין אַמע־ריקע, באַטאָנט נאָוואַק, אַז אין אַ צײַט פון קריזיס און צעמישונג וועלן יענע וואָס וואָרצלען אין אַן עטנישער קולטור און געשיכטע האָבן אַ קלאָרן חוש פאַר רעאַליטעט; זיי וועלן האָבן אַ געשיכטע, וואָס אין איר וועלן זיי זיך קענען אויסלעבן, און קלאָרע סימבאָלן. מענטשן, וואָס באַטייליקן זיך אין עטנישע אַקטיוויטעטן, וועלן האָבן וויניקער פּאָרורטיילן קעגן אַנדערע ווי דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער. מענטשן וואָס זײַנען פאַרוואָרצלט אין זייער גײַסטיקער ירושה זײַנען זיכער מיט זיך, אָבער מענטשן וואָס זײַנען נישט זיכער אין זייער אייגענער אידענטיטעט, זיי זײַנען נישט אין גאַנצן פרײַ. די וועלט ווערט פאַרמיטלט צום מענטש דורך שפּראַך און קולטור, און דאָס מיינט דורך עטנישער אָנגע־העריקייט. הײַנט זײַנען מיר אויסגעשטעלט אויף דער סכּנה פון אַן אונטער־דריקערישער ניוועלירונג, וואָרעם די אַזוי גערופענע אוניווערסאַלע, „ראַציאָנאַלע" ווערטן צעטרייסלען די אינטעגרירטע פּערזענלעכקייט, וואָס מע קען זיך אײַנשאַפן בלויז אין היסטאָרישע געמיינשאַפטן.

אַ ריי אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן האָבן געפּרוווט אָפּפרעגן

געוויסע הנחות אין נאַוואַקס געדאַנקען־גאַנג. טייל האָבן געטענהט אַז ער פאַרהערלעכט דעם עבר און איז קעגן מאָדערניזם; ביי אים איז עמאַציע בילכער פון ראַציאָנאַלקייט; דער קאָלעקטיוו איז בילכער פונעם יחיד — און דאָס זײַנען אַלץ קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן אין זײַן ראַציאָנאַל. אַנדערע האָבן אָנגעוויזן אַז מע דאַרף באַשיצן דעם יחיד, וואָס וויל נישט באַלאַנגען צו קיין שבט. זיי האָבן אויך אַרגומענטירט, אַז די חסרונות און די מעלות פון אַמעריקע קען מען נישט צושרײַבן אויפֿן חשבון פון די אַנגלאָסאַקסן, ווײַל דאָס אינדוסטריעלע, שטאָטישע פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און יאַפּאַן האָבן אויך פּראָדוצירט סאָציאַלע פּאַטאָלאָגיעס וואָס זײַנען ענלעך צו אונדזערע.

אָבער צי אײַך געפעלט יאָ אָדער נישט דער אויפשטײַג פון דער נײַ־עטנישער באַוועגונג, איז עס אַ פּאַקט, אַז די „שמעלצטאָפּ"־טעאָריע האָט צוזאַמענגעבראָכן, און אַמעריקאַנער ייִדן וועלן זיך דאַרפן אַרײַנטראַכטן אין די אימפּליקאַציעס פאַרן היגן ייִדישן המשך פונעם נײַעם גײַסטיק־פּאָליטישן קלימאַט אין אַמעריקע. מיר וועלן דאַרפן זײַן אויף דער וואַך, אַז אונדזערע קאָלעקטיווע און ייִדישע רעכט און אינטערעסן זאָלן זײַן געזיכערט, און אויב מעגלעך אויסגעברייטערט ווערן.

ג

דער „אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט" איז, ווי באַקאַנט, די השפּעה־דיקסטע נישט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקאַניזירטע ייִדן. אין זײַן אָנפירערשאַפט שטייען נישט קיין ציוניסטן אָדער פאָלקיסטן. דווקא אָט די דאָזיקע „יאַהודישע" אָרגאַניזאַציע האָט אַנטוויקלט אַ ברייטע אַקטיוויטעט אין שײַכות צום נײַעם עטניציזם. זי גיט אַרויס אַחוץ דעם חודש־זשורנאַל „קאָמענטאַרי" — ווו דער ענין קולטור־פּלוראַליזם איז ברייט דיסקוטירט געוואָרן — בילכער און בראָשורן געווידמעט דעם ענין; זי רופט קאָנפערענצן און אַראַנזשירט סימפּאָזיומס וואָס באַהאַנדלען אַלע אַספּעקטן און אימפּליקאַציעס פונעם עטנישקייט־פענאָמען פאַר אַמעריקע און פאַרן היגן ייִדישן קיבוץ. ווען איר באַקענט זיך מיט אָט דער „ליטעראַטור", זעט איר אײַן, אַז דער רוב פון די באַטייליקטע אין די דיסקוסיעס זײַנען ווײַט נישט באַגײַסטערט פאַרן נײַעם פענאָמען, אָבער זײַענדיק רעאַליסטן מוזן זיי קענען די ווירקלעכקייט און שטודירן די

מעגלעכע קאָנסעקווענצן פונעם קולטור־פּלוראַליסטישן אויפשטייג.

וואָס זיינען די ספּעציפישע סיבות, וואָס האָבן געפירט צום אויפשטייג פון עטניציזם אין אַמעריקע? דער סאָציאָלאָג אַנדרו גרילי, איינער פון די בעסטע קענערס פונעם ענין, האַלט אַז דאָס עקאָנאָמישע וווילזיין, וואָס אַמעריקע האָט דערגרייכט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מיט זיך געבראַכט אַן עקספּאַנסיע פון העכערער בילדונג, וואָס אַ דאַנק איר האָבן די שוואַרצע באַקומען אַן אייגענע עליטע, וואָס האָט געפאָדערט מער רעכט און גרעסערע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פאַר זייער ראַסע. מיטן אָנערקענען און לעגיטימירן די באַזונדערע רעכט פאַר די שוואַרצע, האָט אַמעריקע גלייכצייטיק לעגיטימירט קולטורעלע פאַרשידנאַרטיקייט פאַר אַלע עטנישע גרופּעס. דערצו האָט מען פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער אָפּטימיסטיש־ראַציאָנאַלער וויזיע וואָס דער פריערדיקער דור האָט פאַרמאָגט, און דאָס ווידער האָט פאַר דער יוגנט געשאַפן די פראַגע פון אידענטיטעט: ווער בין איך? פאַראַן דריי צוגאַנגען צום פּראָבלעם פון עטנישקייט: (1) געוויסע סאָציאָלאָגן מיינען, אַז עטנישע אונטערשיידן זענען דער עיקר קלאַסן־אונטערשיידן; (2) אַנדערע סאָציאָלאָגן אַרגומענטירן, אַז די עטנישע גרופּעס אין ניו־יאָרק זיינען אין תוך גרופּעס וואָס זיינען אויסן פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אינטערעסן; (2) אַנדערע ווידער זיינען איבערצייגט, אַז עטנישע קאָלעקטיוון זיינען די טרעגערס פון באַזונדערע קולטורעלע ירושות וואָס זיי ווילן פּרעזענטירן.[4]

דער באַקאַנטער סאָציאָלאָג נייטן גלייזער באַלאַנגט צו דער צווייטער גרופּע, וואָס איז נישט באַגייסטערט פאַר דער עטנישער באַוועגונג, פון דעסטוועגן גיט ער צו, אַז די „שמעלצטאָפּ״־אידעאָלאָגיע וועט פאַר אַ לאַנגער צייט נישט שפּילן די הויפּטראָלע אין אַמעריקאַנער לעבן ווי זי האָט געשפּילט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס זיינען דאָ אַ סך באַווייזן, אַז די דאָזיקע פּאָזיציע איז צעשטערט געוואָרן. אַ סימן: צוויישפּראַכיקע דערציונג ווערט איצט געשטיצט פון דער פעדעראַלער רעגירונג. ווי איינער וואָס זעט די מינוסן פון נייעם עטניציזם, שלאָגט גלייזער פאָר אַ גערעם וואָס דאַרף אין זינען האָבן אי וואָס די באַזונדערע עטנישע גרופּעס זיינען שולדיק איינע דער אַנדערער, אי וואָס יעדער גרופּע איז שולדיק זיך אַליין, און אַמעריקע בכלל. דער תמצית פון דער באַוואָרעניש איז אַזאַ: (א) דער יחיד, נישט די גרופּע, איז דאָס וויכ־

טיקסטע; אויב דער יחיד וויל נישט זײַן קיין מיטגליד אין דער עטנישער גרופּע, האָט די גרופּע נישט קיין שום רעכט אין שײַכות צו אים, (ב) די אַלגעמיינע געזעלשאַפט האַלט אויף די הויפּט־אינסטיטוציעס וואָס זײַנען נישט באַפאַרבט פון ראַסע אָדער עטנישקייט. איר ציווילע דינסט און אירע שטעלעס מוזן זײַן אָפן פאַר אַלעמען; (ג) אויב עטנישע אָדער ראַסנדיקע גרופּעס ווילן ממשיך זײַן זייער עקסיסטענץ, דאַרפן זיי דאָס טאָן פּריוואַטליך, (ד) איצט ווערט דער עיקר פאַרנאַכלעסיקט דער טייל, וואָס מיר זײַנען שולדיק דער גאַנצער געזעלשאַפט, פון וועלכער מיר זײַנען אַ טייל. אַ געוויסע מינימאַלע מאָס פון אַ בשותּפותדיקער קולטור, פון אַ בשותּפותדיקער שפּראַך, אַ בשותּפותדיקער לאָיאַליטעט איז נייטיק כּדי צו שאַפן אַן אַלגעמיינע געזעלשאַפט.

אונדז דוכט זיך, אַז גלייזער איז מגזם די סכּנה פון פּאָלאַריזאַציע, ווײַל נישט געקוקט אויפן אויפשטײַג פון אַן עטנישן באַוווסטזײַן, איז שוין איצט פאַראַן בײַם רוב פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג אַן אַלגעמיינע לאָיאַליטעט צו אַמעריקע און אַ בשותּפותדיקער גורל־באַוווסט־זײַן וואָס קיין שבטימדיקייט וועט נישט צעשטערן אָדער אָפּשוואַכן. דאָס איז אמת אי בנוגע דעם ערשטן דור אין אַמעריקע, אי בנוגע די פריערדיקע דורות. עס איז אויך נשיט ריכטיק, ווי טייל פּאָסיליזירטע ראַדיקאַלן מיינען, אַז די עטנישע באַוועגונג באַשטייט פון ראַסיסטן אָדער רעאַק־ציאָנערן. יעדער וואָס איז אַ ביסל באַהאַוונט אין דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק ווייסט, אַז די עטנישע מינאָריטעטן — איטאַליענער, אירלענדער, סלאַוון — שטימען אין זייער רוב בײַ פּרעזידענט־וואַלן פאַר דער דעמאָ־קראַטישער פּאַרטיי, וואָס איז לכל־הדעות ליבעראַלער פון דער רעפּוב־ליקאַנער פּאַרטיי.

דער אַמעריקאַנער עטאָס וואָס איז פאַרקערפּערט אין דער „דעקלאַ־ראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", אין דער קאָנסטיטוציע און אין אַ ריי וויכטיקע היסטאָרישע דאָקומענטן, האָט אַרויפגעצוווּנגען אויף דער געזעל־שאַפט צו טאָלערירן רעליגיעזע און עטנישע פאַרשידנקייט, אַפילו ווען ס'איז איר נישט געפעלן. דערפאַר האָבן די עטנישע גרופּעס דאָ געקענט ממשיך זײַן זייער עקסיסטענץ און אַנטוויקלען אידעאָלאָגיעס, אַז מע קען פאַרבלײַבן אַן אירלענדער, אַן איטאַליענער אָדער אַ ייִד און אין דער זעלביקער צײַט אַ גוטער אַמעריקאַנער.

אינעם פּראָצעס פון אַקולטוראַציע, וואָס עטנישע גרופּעס האָבן דורכגעמאַכט אין אַמעריקע, קען מען אָבסערווירן זעקס סטאַדיעס: (א) ווען די אימיגראַנטישע גרופּע איז נאָר וואָס אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן: איר הויפּטזאָרג איז דעמאָלט פיזישע עקסיסטענץ; (ב) ווען די גרופּע אָרגאַניזירט זיך און הייבט אָן שאַפן אירע אינסטיטוציעס — עקאָנאָמישע, קולטורעלע, רעליגיעזע; (ג) אין דער דריטער פאַזע פון דער אַקולטוראַציע, הייבט זיך אָן אַרויסשיילן אַ געוויסע אַמביוואַלענץ — אַ סתּירות־דיקייט וואָס דריקט זיך אויס אין אַ צעריסנקייט צווישן יאָ און נישט וועלן אָנהאַלטן די היסטאָרישע קולטור־ירושה; (ד) אין דער פערטער סטאַדיע ווערט די אימיגראַנטישע גרופּע עטניש־מיליטאַנטיש; (ה) אין דער דאָזיקער פאַזע אַנטוויקלט זיך אָן אַליינהאַס און אַ שאַרפע קריטיק אויף דער אייגענער קולטור־ירושה; (ו) אין דער לעצטער פאַזע קומט אויף דער נײַער דור וואָס איז באַוווסטזיניק וועגן זײַן אָפּשטאַם. מע שעמט זיך שוין מער נישט מיטן אייגענעם שטאַם, אָבער מען איז אויך נישט מיליטאַנטיש בנוגע דער אייגענער עטנישקייט. דער נײַער דאָ געבוירענער דור זעט נישט אײַן פאַר וואָס ער קען נישט זײַן אי אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, אי לאָיאַל צו זײַנע אייגענע טראַדיציעס.

די דאָזיקע אַלגעמיינע סכעמע, הגם זי לאָזט זיך נישט אין אַלע פּרטים אָנמעסטן אויף דער אַמעריקאַנער ייִדישער דערפאַרונג, און אַוודאי נישט אויף דער מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער אימיגראַציע — ווײַל ייִדן האָבן אין משך פון זייער גלות־געשיכטע זיך אויסגעלערנט אָנהאַלטן זייער אייגענע קולטור אין מיטן אַ פרעמדער וועלט — איז פון דעסטוועגן כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ סעגמענט פון ייִדיש־אַמעריקאַנער קיבוץ: אַ באַדײַטיקער טייל פון יינגערן דור אין אַמעריקע געבאָרענע ייִדן געפינט זיך איצט אין דער זעקסטער סטאַדיע. עס איז אויך נישט קיין ספק, אַז די הײַנטיקע ייִדישע קאַטאַסטראָפע און דער אויפקום פון מדינת־ישראל האָבן פאַרשטאַרקט די נאַציאָנאַליזירנדיקע פאַקטאָרן אין היגן ייִדישן קיבוץ. אַפילו די סקעפּטיקערס בנוגע דער דויערדיקייט פון דער נײַער עטנישקייט מוזן אָנערקענען דעם פאַקט, אַז דער היגער ייִדישער קיבוץ מאַכט גרעסערע אָנשטרענגונגען ווי וועלכע עס איז אַנדערע אימיגראַנטישע גרופּע אויפצוהאַלטן איר אייגענע קולטור.

ד

פאַר ייִדיש־וועלטלעכע ייִדן איז זייער מאָדנע צו לייענען וועגן די דיסקוסיעס וואָס עס גייען אָן אין די קרײַזן פון היגע שפּראַכלעך אַסימי־לירטע ייִדן בנוגע עטנישקייט. ווען איר דערמאָנט זיך אין די אַמאָליקע סיימיסטן, טעריטאָריאַליסטן, פאָלקיסטן, בונדיסטן און פּועלי־ציון, מוזט איר קומען צום אויספיר, אַז דזשאָרדזש סאַנטאַיאַנאַ איז געווען גערעכט: די וואָס ווילן נישט לערנען פון געשיכטע זײַנען פאַראורטיילט זי איבער־צוחזרן. שוין אַ שיין ביסל יאָרן זינט ייִדישע דענקערס האָבן אויס־געפונען, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סתּירה צווישן פּאַרטיקולאַריזם און אוניווערסאַליזם, צווישן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן און סאָציאַלן באַוווּסט־זײַן, צווישן דער ליבע צום אייגענעם פאָלק און ליבע צו דער מענטש־הייט. דובנאָוו, זשיטלאָווסקי, באָראָכאָוו, מעדעם האָבן אויסגעהאַמערט אידעאָלאָגיעס וואָס האָבן באַשײַמפּערלעך באַוויזן, אַז דער קאַמף פאַר ייִדישן פאָלקס־קיום איז נישט אין סתּירה צום סאָציאַליזם. און דאָך איז מען זיך ווידער מפלפּל אין דעם לעצטן פערטל פון 20סטן יאָרהונדערט צי „אַנטלויפט איינער פון זײַן גלויבן אין סאָציאַלער גערעכטיקייט, אויב ער קעמפט פאַר ׳שמאָלע׳ גרופּע־אינטערעסן? קען מען בלײַבן „קאָסמאָ־פּאָליטיש״ אויב מען איז אַן עטנישער אַקטיוויסט?״.

אַוודאי וויל קיינער נישט פאַרגלײַכן די פרײַע אַמעריקע מיטן צאַרישן רוסלאַנד ווו די סינטעזן פון די אַמאָליקע סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע טעאָריעס זײַנען פאָרמולירט געוואָרן; ס׳איז אַ ווײַטער מהלך פון יענעם פאַרמבולדיקן טיראַנישן רוסלאַנד מיט זײַנע פּאָגראָמען און גזירות ביז דער הײַנטיקער ייִדישער מערכה אין דער פּלוראַליסטישער, אָפענער אַמעריקע, ווו ייִדן שפּילן אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין אינטעלעקטועלן, אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישן און קינסטלערישן לעבן פון לאַנד. מיר ווייסן אַוודאי, אַז דער היגער וואָלונטאַריסטישער ייִדישער קיבוץ, און אַז די סטרוקטור פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט שטעלן מיט זיך פאָר אַ נײַעם פענאָמען אין דער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט נישט קיין היס־טאָרישע אַנאַלאָגיעס: אין דער גאַנצער ייִדישער גלות־געשיכטע איז נישט געווען אַזאַ פרײַער ייִדישער קיבוץ ווי דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום. מיר ווייסן אויך, אַז די אינטערעסן פון ייִדן און שוואַרצע זײַנען נישט

אַלע מאָל אידענטיש. פון דעסטוועגן איז אין לעצטן סך־הכל דאָך נישטאָ קיין פונדאַמענטאַלע סתּירה צווישן וועלן אויפהאַלטן אַן אַנדערשדיק יידיש קולטור־לעבן אין אַמעריקע און אַן אויסברייטערונג פון דער ווילשטאַנד־מדינה; ביידע קאָנצעפּציעס שליסן נישט אויס איינע די אַנדערע.

אין די זעלביקע קרייזן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט ווערט נאָך אַלץ דיסקוטירט די „נייע" פראַגע וואָס עס איז אין די בעסטע אינטערעסן פון אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ: צי זאָל מען דערקלערן, אַז יידן זיינען אַן עטנישע גרופּע — ס'הייסט יידישע פאָלקישקייט — אָדער אַז מיר זיינען בלויז אַ רעליגיעזער קיבוץ — אַ דיסקוסיע וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז זי איז שוין לאַנג פאַרענדיקט. דער ריכטער לויִס בראַנדייס, אַן אַסימילירטער ייִד, האָט נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווּסט, אַז יידן שטעלן מיט זיך פאָר אַ נאַציאָנאַליטעט. אָבער ווי עס קוקט אויס, הייבט זיך די דעבאַטע אָן אויף ס'ניי. צום טייל איז דאָס צוליב דעם וואָס די רעלעגיאָניסטן דאָמינירן איצט די היגע יידישע עפנטלעכקייט און קיין יידיש־וועלטלעכע פּובליציסטיק איז כמעט נישט בנימצא. די וואָרטזאָגערס פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט באַטאָנען, אַז מיר דאַרפן אויסאַרבעטן אַ נייעם פּלוראַליזם, וואָס אַקצעפּטירט אַנדערשקייט און באַלאַנסירט אידענטיפיקאַציע מיט אַ קליינער גרופּע אַקעגן התחייבותן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, און גלייכצייטיק באַשיצט ער דעם יחיד, וואָס וויל זיך נישט אידענטיפיצירן מיט זיין עטנישער גרופּע.

אָט די לעצטע פראַגע — דער יחיד וואָס וויל נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ מיטגליד פון זיין עטנישער גרופּע — באַאומרויִקט די אַסימילירטע אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא אַז מע קאָן זיי חלילה צווינגען צו ווערן באַטראַכט ווי מיטגלידער פון זייער שטאַם, בעת זיי ווילן גילטן ווי סתּם אַמעריקאַנער אָדער סתּם מענטשן. ווידער אַ מאָל: צי דערמאָנט עס אייך נישט אין די אַמאָליקע „קאָסמאָפּאָליטן" פון דער אימיגראַנטישער עפּאָכע אין אַמעריקע? אָבער, מיר דוכט זיך, אַז די היינטיקע „קאָסמאָפּאָליטן" שרעקן זיך אומזיסט: אין דער אַמעריקאַנער אָפענער געזעלשאַפט, וווּ קלאַסן־גרענעצן זיינען מטושטש, און אינעם וואָלונטאַריסטישן יידישן קיבוץ, קען מען — אַזוי

לאַנג ווי די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציאָנעלע סטרוקטור ווערט נישט געביטן — קיינעם נישט צווינגען צו געהערן צו אַן עטנישן קאָלעקטיוו.

קיינער וועט נישט לייקענען, אַז די נײַע עטנישקייט קען אויך האָבן געוויסע מינוסן פאַר דער היגער ייִדישער מינאָריטעט, אויב זי זאָל ווערן אַ שפּרינגברעט פאַר פּאָליטישע מאַכט־אינטערעסן און פּראָצענט־נאָרמעס. קוואָטעס קענען ווערן אַ תּוכיקער טייל פונעם פּענאָמען, און דאָס וואָלט געוועזן שעדלעך פאַר אַמעריקאַנער ייִדן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאַר אַ קליינעם פּראָצענט (קנאַפּע דרײַ פּראָצענט) אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. פאַר ייִדן וואָלט דאָס אויפגעבן פון „מעריטאָרישן סיסטעם״ — אַז יעדער מענטש ווערט געשאַצט לויט זײַנע אינדיווידועלע פעיִקייטן, נישט לויט דער גרייס פון זײַן גרופּע — געמיינט אַ פאַרערגערונג פון ייִדישן סטאַטוס. עס קומען אויך אויף אַזעלכע פראַגעס: ווער וועט באַשליסן די גרענעצן פון די „לעגיטימע״ גרופּעס־אינטערעסן, און וועלכע עטנישע רעכט זאָלן ווערן אַ טייל פון מלוכה־געזעץ? מיט אַנדערע ווערטער: איז דער נײַער עטניציזם גוט פאַר ייִדן?

ראשית, מוז מען פרעגן: גוט פאַר וועלכע ייִדן? פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלע אָדער רעליגיעזע ייִדן? אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען נישט אייניק אין דער פראַגע פון מלוכה־פינאַנסירונג פון די רעליגיעזע טאָגשולן בײַ ייִדן, אָפּהענגיק פון זייער אַלגעמיינעם און ייִדישן וועלטבאַנעם. נישט־געקוקט אויף דעם וואָס אין דער היגער ייִדישער עפנטלעכקייט הערן זיך די לעצטע יאָרן ווייניק מחלוקות לשם שמים, און ס׳קען זיך אויסווײַזן דעם אויבנאויפיקן אָבסערוואַטאָר, אַז מיר זײַנען געוואָרן „גלײַכגעשאַלטעט״, פון דעסטוועגן עקסיסטירן בײַ אונדז מיינונגס־פאַרשידנקייטן בנוגע אַ ריי קאַרדינאַלע פּראָבלעמען, הגם די דאָזיקע אידעיִשע שטרײַטן גייען בלויז אָן אין קרײַזן פון אינטעלעקטואַלן, ראַבײַס, און שריפטשטעלערס — אַלץ קליינע גרופּעס אין דער היגער ייִדישער עליטע. אידעאָלאָגישע דיפערענצירונגען זעען זיך ווייניק אָן אויף דער „אייבערפלאַך״ פון היגן ייִדישן לעבן, אָבער אַז איר באַקענט זיך מיט דער בעסערער היגער ייִדישער פּובליציסטיק — אויף ענגליש מער, אויף ייִדיש ווייניקער — זעט איר אײַן, אַז עס זײַנען פאַראַן פאַרשידענע „אונטערערדישע״ אידעיִשע שטרעמונגען. וועלטלעכע ייִדן, פון אַלע פּאָליטישע, נאַציאָנאַל־ייִדישע שאַטירונגען, וואָלטן על־פּי זייערע אידעאָ־

לאָגיעס פון פאַרן אויפקום פון מדינת־ישראל געדאַרפט זײַן צופרידן מיטן אויפשטײַג פון נײַעם עטניציזם. דער פאַקט וואָס מיר וועלן מער נישט רעדוצירט ווערן צו אַ רעליגיעזער דענאָמינאַציע, נאָר מיר וועלן אָנער־קענט ווערן ווי אַן עטנישע מינאָריטעט, אין דער קאַטעגאָריע איטאַל־יענער, אירלענדער, פּאָליאַקן און מען וועט באַטאָנען אַז מיר זײַנען אַ נאַציאָנאַליטעט מיט אַ רײַכער, נישט בלויז רעליגיעזער קולטור — אָט דער פאַקט איז עלול צו ברענגען אַהיים, צום אייגענעם פאָלק, אַ סך אָפּגעפרעמדטע, אַגנאָסטיקערס און „אוניווערסאַליסטישע" ייִדן.

אָבער, ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, זײַנען פאַראַן אויך מעגלעכע נעגאַטיווע אימפּליקאַציעס פון נײַעם עטניציזם, און דער ראש־המדברים אין דער פראַגע איז „דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט". נישט די ייִדיש־ייִדן וואָס האָבן צענדליקער יאָרן זיך געאַמפּערט איבער טעריטאָריעלער, פּערסאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע; די דאָזיקע ייִדן... שווײַגן דערווײַל. אָבער ווי אונדזער שטעלונג זאָל נישט זײַן צום נײַעם קולטור־פּלוראַליזם, דאַרפן מיר אים קענען, און וויסן צי מיר קענען פון אים געווינען אָדער פאַרלירן ווי אַ קאָלעקטיוו און ווי יחידים. און הגם די אַמאָליקע „יאַהודים", די אָנפירנדיקע מענטשן פון „אַמערי־קאַנער ייִדישן קאָמיטעט", זײַנען בײַ הײַנטיקן טאָג אַ סך ייִדישלעכער און אידעיִש נענטער צו די ייִדיש־ייִדן, ווי זיי זײַנען עס געווען פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון דעסטוועגן טאָרן מיר זיך נישט פאַר־לאָזן בלויז אויף זיי. די נײַע עטנישע באַוועגונג איז אַ פענאָמען וואָס וועט באַווירקן די צוקונפט פון גאַנצן ייִדיש־אַמעריקאַנער כּלל, און נאַציאָנאַל־קולטורעלע ייִדן דאַרפן אויך צוטראָגן זייער חלק צו דער פאַרענטפערונג פונעם דאָזיקן פּראָבלעם.

(1976)

הערות:

1. Daniel Bell in: Ethnicity — Theory & Experience. Edited by Nathan Glazer & D. P. Moynihan, Harvard University Press, 1975, p. 169.

2. The Rise of the Unmeltable Ethnics, by Michael Novak. The Macmillan Co. N. Y. 1972.

3. Ibid. p. 201.

4. Ethnicity in the United States, by Andrew M. Greeley, New York, 1974.

5. Nathan Glazer, „Pluralism Beyond the Frontier", 1971, Amer. Jew. Committee.

6. Why Can't They Be Like Us? by Andrew M. Greeley, 1969, Amer. Jew. Committee, pp. 35--36.

7. Group Conflict, Group Interest, and Group Identity by I. M. Levine & Judith Herman, N. Y., 1973. American Jew. Com.

צי ווערט דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ קאָנסערוואַטיוו?

א

אַמעריקאַנער ייִדישע און נישט־ייִדישע סאָציאָלאָגן באַשעפטיקן זיך שוין אַ סך יאָרן מיטן פּראָבלעם: צי ווערט די ייִדישע מינאָריטעט אין אַמעריקע אַלץ ענלעכער אין אירע אידעאַלן און לעבנס־שטייגער צו דער נישט־ייִדישער מאַיאָריטעט, אָדער האַלט זי נאָך אַלץ אָן איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, ספּעציעל אין שייכות צו פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיעס. שוין לאַנג אַז עס גייט אָן די דעבאַטע צי דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישוב ווערט קאָנסערוואַטיווער, אָדער פאַרקערט: אַז ער שטעלט אַלץ צו אַ גרויסע צאָל — פיל גרעסער ווי זיין פּראָפּאָרציע אין דער באַפעלקערונג — באַטייליקטע אין אַלע היגע ראַדיקאַלע גרופּירונגען. דער ענין גייט פאַקטיש קיין מאָל נישט אַראָפּ פון דער סצענע. במשך די לעצטע יאָרן, וואָס האָבן געליפערט אַזוי פיל דראַמאַטישע געשעענישן און ענדערונגען, סיי אין אַלגעמיינעם, סיי אין ייִדישן לעבן, איז די פראַגע געוואָרן אַזוי אַקטועל, אַז ס׳האָבן זיך מיט איר באַשעפטיקט, ווי באַקאַנט, גרויסע אַמעריקאַנער צייטונגען און „גאַלאָפּ־פּאָלס". בעת די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן, אין 1972, האָבן די פּאָליטישע סטראַטעגן פון די דעמאָקראַטן, און די רעפּובליקאַנער געחשבונט וויפל ייִדישע שטימען ס׳וועלן גיין צו ניקסאָנען און וויפל צו מאַקגאָווערן (קאַנדידאַט פון די דעמאָקראַטן).

דער דאָזיקער ענין ווערט אויספירלעך באַהאַנדלט אין אַ לענגערער אַרבעט פון אירווינג האַו און בערנאַרד ראָזענבערג, אין דער פערטליאָר־שריפט „דיסענט" („ניינזאָגן", פון ווינטער, 1974). דער ערשטער — דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל — איז דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער קריטיקער און קענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור; דער צווייטער איז אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון זשורנאַל.

לאָמיר איצט איבערגעבן די עיקר־געדאַנקען פון דער אַרבעט. די מחברים הייבן אָן מיט דעם באַקאַנטן פאַקט, אַז דער אַמעריקאַנער ראַדיקאַליזם איז שטאַרק אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די היגע ייִדן, אָבער לעצטנס זעט מען סימנים, אַז ייִדישע אינטעלעקטואַלן באַוועגן זיך רעכטס, צום קאָנסערוואַטיזם. אויבנאויפיקע סימנים זעען זיי אין דעם פאַקט וואָס דער זשורנאַל „קאָמענטאַרי" איז געוואָרן קאָנסערוואַטיווער, און אין דעם וואָס אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון זשורנאַל — מילטאָן הימעלפאַרב — האָט פאָרמולירט אַ קאָנסערוואַטיווע אידעאָלאָגיע פאַר אַמעריקאַנער ייִדן. לויט דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע קומט אויס אַז ס'איז נישט גוט פאַר ייִדן צו זײַן אויף דער זײַט פון סאָציאַלע ענדערונגען. אַנטיסעמיטיזם, ווײַזט אָן הימעלפאַרב, בליט אין די מערסטע קאָמוניסטישע לענדער, און די „נײַע לינקע", אין אַמעריקע און אין אויסלאַנד, האָבן אָנגענומען דעם אַנטיסעמיטיזם. ייִדישער קיום איז דעריבער ענג פאַרבונדן מיט סאָציאַלער סטאַבילקייט, מיט אָרדענונג און מיט מעסיקייט. דער אוניווערסאַליסטישער וועלטבאַנעם פון פּראָגרעסיווע ייִדן איז אַ מאָראַלישע און פּראַקטישע קאַטאַסטראָפע. די „אוניווערסאַליסטן" זײַנען סימפּאַטיש צו אַלע עטנישע גרופּעס אַחוץ צו ייִדן; פון ייִדן פאַרלאַנגען זיי, אין נאָמען פון ייִדישע „טראַדיציעס" אַז זיי זאָלן ברענגען „מאַזאָכיסטישע" קרבנות.

ראָזענבערג און האָו זײַנען מודה אַז ס'איז פאַראַן אַ טראָפּן אמת אין דער דאָזיקער אַרגומענטאַציע: די קאָמוניסטישע לענדער זײַנען אַנטי־סעמיטיש, און מ'דאַרף אָפּוואַרפן דעם אָפּגעבליאַקירטן אוניווערסאַליזם פון געוויסע „פּראָגרעסיווע" ייִדן אין אַמעריקע. אָבער ביז איצט זײַנען ייִדן געבליבן פּאָליטיש ליבעראַל, ווײַל אַ דאַנק זייער אַקולטוראַציע ווערן ייִדן אַלץ מער באַטראַכט ווי אַ טייל פון דער מאַיאָריטעט, און דערצו ווייסן ייִדן אַז ייִדישער קיום ווערט אַמבעסטן פאַרזיכערט אין אַן אָפּענער געזעלשאַפט וואָס פּראָטעזשירט סאָציאַלע גערעכטיקייט. די פראַגע איז צי די דאָזיקע פאַקטאָרן ווירקן נאָך הײַנט צו טאָג.

ב

ביידע מחברים פאַרשטייען די קאָמפּליצירטקייט פון דעם פּראָבלעם. זיי באַטאָנען אַז אין דער איצטיקער נאָך־חורבן־תקופה מוז מען נעמען

אין באַטראַכט די „טאָפּלקייט" פון ייִדישן לעבן. פון איין זײַט האָט זיך די ייִדישע מערכה אין אַמעריקע עקאָנאָמיש און סאָציאַל פּאַרבעסערט; פון דער אַנדערער זייט, האָט דער אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן אַרויסגערופן שולד־געפילן און אַפּאָקאַליפּטישע שטימונגען. יעדער ייִד לעבט מיט דער דאָזיקער טאָפּלקייט, און יעדער ייִד איז סענסיטיוו צו דער מעגלעכקייט אַז זײַן זיכערקייט איז אין סכּנה. ראָזענבערג און האַו הייבן אַרויס פינף הויפּט־שטריכן אין ייִדישן גאַנג צו קאָנסערוואַטיזם:

1. אַ סך ייִדן פילן זיך שוין מער „אין דער היים" אין אַמעריקע. דער משיחישער עלעמענט אין דער ייִדישער מענטאַליטעט ווערט אַלץ שוואַכער, און דער געדאַנק אַז מיר לעבן אין גלות ווערט אַן אַבסטראַקציע. ייִדן קומען דעריבער צום אויספיר אַז זיי מעגן האַנדלען אין הסכּם מיט זייערע קלאַסן־אינטערעסן. אָבער דערבײַ אָנערקענען ביידע שרײַבערס אַז דער ייִדישער גאַנג צו קאָנסערוואַטיזם ווערט געהאַמעוועט, אַ דאַנק דעם וואָס אַ גרויסע צאָל ייִדן איז קאָנצענטרירט אין די פּראָפעסיעס, אין די אוניווערסיטעטן און אין דער קאָמוניקאַציע־אינדוסטריע — געביטן ווו עס איז קאָנצענטרירט דער ליבעראַלער לאַגער.

2. אַ צווייטער שטריך אין דער טענדענץ צו קאָנסערוואַטיזם איז דער באַרג־אַראָפּ פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע. דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס שרימפּט אײַן, ווערט עלטער און פאַרגייט. די ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז נישט ווי אַ מאָל, און צוזאַמען מיט איר ווערט שוואַכער די ייִדישיסטישע וועלטלעכע טראַדיציע. יונגע מענטשן וואָס זוכן אַ ייִדישע אידענטיטעט גייען צו די רעליגיעזע „חבורות" (קאָמונעס). די אַלע דערשײַנונגען פאַרשטאַרקן — לויט האַו און ראָזענבערג — די קאָנסערוואַטיווע טענדענצן אין היגן ייִדישן לעבן.

דאָ מוזן מיר זאָגן, אַז הגם די פאַקטן שטימען, קען מען אָפּפרעגן די אינטערפּרעטאַציע. די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך שוין לאַנג צוריק „באַפרײַט" פון די ראַדיקאַלע „קייטן"; זי האָט זיך מיט יאָרן צוריק „אַמעריקאַניזירט" און אָנגענומען גאָמפּערסעס מאָטאָ: „צו באַשטראָפן די שונאים און באַלוינען די פרײַנד". אַ ריי „ייִדישע" יוניאָנס האָבן אין די לעצטע פּרעזידענט־וואַלן, און אין די ניו־יאָרקער שטאָטישע וואַלן פאַר מאַיאָר (ווען די קאַנדידאַטן זײַנען געווען לינדזי און פּראָקאַטשינאָ) נישט אינדאָרסירט „זייערע" ליבעראַלע קאַנדידאַטן. באַווײַזט דאָך

דאָס אַז דער ייִדישער אַרבעטער־קלאַס איז מער נישט קיין פעסטונג פון ראַדיקאַליזם. אפשר דאַרף מען זוכן די סיבה דערפאַר נישט אין דער סימפּליציסטישער טעזע־אַנטיטעזע: קאָנסערוואַטיזם־ראַדיקאַליזם, נאָר אין די טיפע ענדערונגען אין אַמעריקאַנער לעבן, וואָס האָבן באַווירקט אַלע אַמעריקאַנער ייִדן: אין דעם אַמעריקאַנער ווילשטאַנד־שטאַט, וואָס איז אַ סך „ראַדיקאַלער" ווי עס האָט זיך געחלומט די אַמאָליקע ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן?... אויך בנוגע די „חבורות" מוז מען מחולק זײַן מיט די מחברים. די ייִדישע יוגנט, וואָס טרעט אַרײַן אין „חבורות", איז אַנטי־עסטאַבלישמענט און אַנטי־סטאַטוס־קוואָ סײַ אין שײַכות צום היגן אָרגאַניזירטן ייִדנטום, סײַ אין שײַכות צו אַמעריקע. זייער רעליגיעזקייט איז נישט קיין אָפּלייקענונג פון זייער ראַדיקאַליזם, פּונקט ווי נאָרמאַן טאָמאַסעס און א. דזש. מאַסטיס קריסטלעכע רעליגיעזקייט האָט נישט אָפּגעשוואַכט זייער סאָציאַליסטישקייט.

3. אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן פילן, במשך די לעצטע 6־7 יאָר, אַז אויב עס איז דאָ אַ סכנה פאַרן ייִדישן ווילזײַן אין אַמעריקע, קומט די דאָזיקע געפאַר פון די שוואַרצע, ועלכע דריקן — אין די סקולס, אין די יוניאָנס, אין געוויסע אינדוסטריעס — צו נישט צו מאַכן ייִדישע פּאָזיציעס און דערגרייכונגען; ספּעציעל ווילן זיי אונטערמינירן דעם מעריטאָרישן סיסטעם (אַז יעדער מענטש ווערט געמישפּט לויט זײַן אייגענעם ווערט) — אַ דאַנק וועלכן ייִדן האָבן אַזוי פיל דערגרייכט. דער שוואַרצער אַנטי־סעמיטיזם האָט דערשראָקן אַמעריקאַנער ייִדן, וועלכע האָבן אין די 60ער יאָרן שטאַרק געהאָלפן די שוואַרצע אין דער ציווילער־רעכט־באַוועגונג. נאָך דר. מאַרטין לוטער קינגס טויט זײַנען ווײַסע — און דאָס האָט אָפּט געמיינט ייִדן — אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער באַוועגונג. און אָט דער שוואַרצער אַנטיסעמיטיזם „האָט ברייט געעפנט פּאַנדאָרעס קעסטל פון עטנישקייט, און ייִדן פון נידעריקע קלאַסן האָבן געפונען פאַרבינדעטע צווישן טיילן פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ייִדישער אינטעליגענץ, צווישן ראַבינאַט, צווישן שאָוויניסטישע אידעאָלאָגן — אַלע צוזאַמען האָבן פּראָק־לאַמירט אַן עטנישן באַוווסטזײַן, וואָס איז לײַכט אַרײַנגעפאַלן אין אַ כּעס, וואָס איז עלול צו ווערן פײַנדלעך, אָדער וויינקסטנס פאַרדעכטיק לגבי אַנדערע גרופּעס".

ווילט זיך פרעגן די צוויי ראַדיקאַלע שרײַבערס: זאָל זײַן אַז אַ טייל

פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט האָט געפונען אַן אידעאָלאָגישן מקום־מיקלט אין דער „ייִדישער דעפּענס־ליגע", האָט דאָך אָבער אַן אַנדער טייל זיך פאַראינטערעסירט אין פּרצן, אין באָראָכאָוון, אין מעדע־מען, ביי וועמען ייִדיש־נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז געגאַנגען געפּאָרט מיט סאָציאַלן באַוווסטזיין? וואָס האָט געדאַרפט זיין, פרעגן מיר, די ייִדישע רעאַקציע צום שוואַרצן אַנטיסעמיטיזם? ייִדן האָבן געדאַרפט אונטערשטעלן די צווייטע באַק? ביי שטאָלצע ייִדן האָט דער דאָזיקער אַנטיסעמיטיזם אַרויסגערופן אַ שטימונג פון „גיין אַהיים", צום אייגענעם פאָלק. ביי אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט איז טאַקע אַזוי געשען. איר לייענט עס אין די קעמפּוס־זשורנאַלן, וואָס ייִדישע סטודענטן גיבן אַרויס; איר הערט עס אין די סימפּאָזיומס וואָס ייִדישע אַקאַדעמי־קערס אַראַנזשירן; איר זעט עס אויף די ייִדיש־ און ייִדישקייט־קורסן, וואָס זיינען איינגעפירט געוואָרן אין אַ ריי אַמעריקאַנער קאָלעדזשעס. הייסט עס, אַז פון דער צרה איז אַרויסגעקומען... אַ טובה פאַר ייִדן. אַזוי מיינען מיר. אָבער די שרייבערס פון „דיסענט", ווייזט אויס, זעען אין דעם אַ קער צו שאָוויניזם. אמת, שפּעטער זאָגן די מחברים (אויף זייט 43) אַז „בלויז געוויסע אַפּאָסטאָלן פון אַבסטראַקטן אינטערנאַציאָנאַליזם — ייִדן וואָס לויבן עטנישקייט ביי אַלע פעלקער, אַחוץ ביי זייער אייגן פאָלק, — בלויז אַזעלכע ייִדן קענען זיך דערלויבן צו פאַרדאַמען דעם קער צו ייִדישן פּאַרטיקולאַריזם". אָבער ווי שטימט דאָס מיט דעם אויבן ציטירטן אויסגוס וועגן „פּאַנדאַרעס קעסטל פון עטנישקייט?"

אָבער לאָמיר געבן דאָס וואָרט די צוויי שריפטשטעלערס. נאָך דעם ווי זיי שילדערן דעם שוואַרצן אַנטאַגאָניזם צו ייִדן, וועלכער ווערט ביי די לעצטע פאַרבונדן מיט גלאָבאַלן אַנטיסעמיטיזם, מיט דער מורא צו גיין אין גאַס, און מיט די ריבונגען צווישן די שוואַרצע און ייִדישע געמיינדעס (קאָמיוניטיס) אין אַמעריקע, פירן די מחברים אויס: ביי אַזאַ סיטואַציע זיינען די עלטערע ייִדן מער באַזאָרגט וועגן קאָלעקטיוון ייִדישן קיום, און פערזענלעכער זיכערקייט ווי וועגן ליבעראַליזם. „ווער קען ליכט אָפּטיילן אין די דאָזיקע רעאַקציעס באַרעכטיקטע זאָרג פון פּאַראַ־נאָישע איבערטרייבונגען?" לויט דעם צוגאַנג פון די מחברים באַקומט זיך, אַז ייִדישער קיום און פיזישע זיכערקייט פון יחיד זיינען ווייניקער וויכטיק ווי ראַדיקאַלע איינשטעלונגען. צי הייסט דאָס נישט מקריב זיין

דעם מענטש פאַרן איזם? צי וואָלט נישט געווען יושרדיקער צו רעווידירן דעם איזם, כּדי צו ראַטעווען דעם מענטש? צי קען מען די דאָזיקע דילעמע אָפּפטרן מיטן תּירוץ: „אפשר איז נישטאָ קיין ענטפער אויף דער פראַגע פון דעם עלטערן ייִדישן שניַידער־אַרבעטער, אָדער קליינעם קרעמער אין קראַון־הייטס און אין די בראָנקס, וועלכער איז שרעקלעך דערשראָקן אַז ער וועט ווערן באַפאַלן — און אָפּט איז די מורא אַ באַרעכטיקטע" (זייט 36).

אויב אַזוי, אויב האָו און ראָזענבערג האָבן נישט קיין ענטפער אויף אַ פראַגע פון לעבן און טויט, איז פאַר וואָס האָבן טענות צו יענע וואָס זוכן אַן ענטפער, און ווילן נישט וואַרטן ביז די ראַדיקאַלן וועלן אים געפינען?!

4. נאָך אַ סיבה אויף וועלכער די צוויי מחברים שטעלן זיך אָפּ איז די אַנטוישונג פון ייִדישע ראַדיקאַלן צוליב דעם קאָמוניסטישן אַנטי־סעמיטיזם אין רוסלאַנד און אירע סאַטעליטן־לענדער. די דאָזיקע דער־שיַינונג איז טראַומאַטיש פאַר „פּראָגרעסיווע" ייִדן, און דאָס דערמוטיקט קאָנסערוואַטיווע שטימונגען. פאַר אַ סך „לינקע" ייִדן האָט דער סטאַלין־היטלער־אָפּמאַך, די מאָסקווער מישפּטים, ווי בכלל די גרויזאַמקייטן פון דער סאָוועטישער מלוכה געהאַט אַזאַ אימפּאַקט ווי דער צוזאַמענבראָך פון דער שבתי־צבי־באַוועגונג אין 17טן יאָרהונדערט. דער סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם שטויסט אָפּ ייִדן פון אַלע וואַריאַנטן פון ראַדיקאַליזם.

5. די לעצטע סיבה פון דעם קער צו קאָנסערוואַטיזם מצד אַמערי־קאַנער ייִדן, אויף וועלכער די צוויי אויטאָרן שטעלן זיך אָפּ, שטאַמט פון דעם וואָס דער היגער ייִדישער קיבוץ איז שטאַרק באַזאָרגט וועגן גורל פון מדינת ישראל און ישראלס עקסיסטענץ ווי אַ מלוכה איבט אויס אַ קאָנסערוואַטיווע השפּעה אויף אַמעריקאַנער ייִדן; וואָרעם כּדי ישראל זאָל קענען עקסיסטירן מוז זי זיַין פּראַגמאַטיש אין איר באַציִונג צו אַנדערע לענדער. זי מוז קריגן הילף פון אַמעריקע, כּדי זי זאָל קענען עקסיסטירן, און דערפאַר דאַרף זי „צוריקצאָלן" מיט דעקלאַראַציעס וואָס האָבן געשטיצט די אַמעריקאַנער ראָלע אין וויעטנאַם.

ג

ס׳איז אמת אַז אַחריות פאַר דער עקסיסטענץ פון מדינת ישראל מוז זײַן אַ קאָמפּאָנענט אין דעם חשבון־הנפש וואָס יעדער ראַדיקאַלער ייִד פירט הײַנט צו טאָג. ס׳איז אָבער אויך אמת אַז אַלע — נישט נאָר מדינת ישראל — קליינע מלוכות מוזן זײַן פּראַגמאַטיש און צאָלן אַ פּרײַז פאַר דער „פרײַנדשאַפט״ פון די גרויסמאַכטן. (אַז די גרויסמאַכטן זײַנען פּראַגמאַטיש איז דאָך אַ טרואיזם). אָבער איז דען דער דאָזיקער אמת נישט אָנווענדבאַר אויך אויף די גרויסע אייראָפּעיִשע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען וועלכע זײַנען ראַדיקאַלער, און פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטענער ווען זיי זײַנען אין דער אָפּאָזיציע, איידער דעמאָלט ווען זיי שטייען בײַ דער מאַכט, און זיי טראָגן די אַחריות פאַר זייערע לענדער? דאָס איז דער פאַל מיט דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי און מיט דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע האָבן פּונקט אַזוי ווי די ישראל־דיקע מפא״י געשטיצט די אַמעריקאַנער פּאָליטיק בנוגע וויעטנאַם. אויב עס איז „כּשר״ פאַרן סאָציאַליסטישן געוויסן פון דײַטשישע און ענגלישע סאָציאַליסטן „צוריקצוצאָלן״ אַמעריקע פאַר אירע טובות, פאַר וואָס איז עס נישט כּשר פאַר ייִדישע סאָציאַליסטן?

צווייטנס, צי קענען דען ייִדישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע נישט האָבן צווישן זיך מיינונגס־פאַרשידנקייטן בנוגע ישראלדיקע פּראָבלעמען, פּונקט ווי זיי האָבן בנוגע אַמעריקאַנער פּראָבלעמען? ייִדישע ראַדיקאַלן אין אַמעריקע קענען און מעגן זײַן צעטיילט אין זייער צוגאַנג צו תּוכיקע ישראל־פּראָבלעמען, פּונקט ווי די שותּפים אין „מערך״ זײַנען נישט אייניק אין אַ סך פראַגן. דער אמת איז דאָך אַז נישט געקוקט אויף די „טובות״ פון דער ניקסאָן־אַדמיניסטראַציע, און נישט געקוקט אויף דער שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג בנוגע וויעטנאַם, האָבן אָנגעזעענע ייִדיש־אַמעריקאַנער וואָרטזאָגערס שאַרף אַטאַקירט אי די אַמעריקאַנער וויעט־נאַם־פּאָליטיק, אי ניקסאָנען גופא אין שײַכות מיט דער וואָטערגייט־געשיכטע. ווי אַן אילוסטראַציע איז גענוג צו דערמאָנען זיך אַז דער פאַרשטאָרבענער ראַבײַ אייזענדראַט און זײַן איצטיקער נאָכפאָלגער ראַבײַ שינדלער —ביידע פירערס פון רעפאָרם־ראַבינאַט, די כּהנים פון רײַכסטן סעקטאָר אין אַמעריקאַנער ייִדנטום — האָבן נאָך דעם וואָטערגייט־

סקאַנדאַל געפאָדערט ניקסאָנס רעזיגנאַציע, הגם ביידע זײַנען איבערגעגעבענע פרײַנד פון מדינת־ישראל.

ניין! אַמעריקאַנער ייִדן האָבן ווײַט נישט אויפגעגעבן זייערע ליבעראַלע אידעען, נישט געקוקט אויפן שוואַרץ־רויטן אַנטיסעמיטיזם, און נישט געקוקט אויף די מלוכה־אינטערעסן פון ישראל. זיי האַלטן נישט בײַ ווערן אַ פרימיטיווער שבט ווו אַלע יוונים האָבן איין פּנים. זיי האַלטן אויך נישט בײַם פאַרלירן זייער מאָראַלישע סענסיטיווקייט צו אומיושר און אוממענטשלעכקייט. סאָציאַלער אידעאַליזם ווער, גלויבן מיר, פאַרבלײַבן אַ צענטראַלער קאָמפּאָנענט אין ייִד־זיין פאַר אַלע מאָדערנע ייִדן וואָס קענען און שעצן אונדזער ראָלע אין דער וועלטגעשיכטע. אָבער מיר מעגן געדענקען אָטאָ באַוערס זאָג: „מיר סאָציאַליסטן קענען נישט לעבן צוזאַמען מיט די קאָמוניסטן, אָבער מיר וועלן באַגראָבן ווערן צוזאַמען". דער באַנקראָט פון גרויזאַמען, אַנטי־מענטשלעכן און אַנטי־ייִדישן קאָמוניזם האָט געמוזט ברענגען צו אַן אומצוטרוי אויך צו זײַן „שטיף־ברודער", דעם סאָציאַליזם, אָדער ראַדיקאַליזם. דער סעקולאַריזירטער משיחיזם וואָס טראָגט דעם נאָמען מאַרקסיזם לאָקט מער נישט מיט זײַנע ספּעקטאַקולערע אוטאָפּיעס. עס וועט וואַרשײַנלעך נעמען אַ לאַנגע צײַט ביז וואַנען ראַדיקאַלע אידעאָלאָגיעס וועלן זיך רייניקן פון זייערע אילוזיעס און פּסולת, פון זייערע האַלב־אמתן און פאַנטאַזיעס. ביז דעמאָלט וועלן ייִדן דאַרפן געדענקען, אַז „ווער עס לערנט נישט פון געשיכטע איז פאַרמישפּט זי איבערצוחזרן".

(1974)

וועלטלעכע ייִדישקייט פֿאַר די ייִנגערע דורות

צווישן ענגליש־רעדנדיקע ייִדן אין אַמעריקע איז פֿאַרשפּרייט דער געדאַנק אַז די פֿילאָסאָפֿיעס און אידעאָלאָגיעס וועגן ייִדישער עקסיסטענץ, וואָס זײַנען אויפֿגעקומען אין מזרח־אייראָפּע מיט 75 יאָר צוריק, זײַנען שוין איצט מער נישט גילטיק. די דאָזיקע אידעאָלאָגיעס, מיינט מען, זײַנען געבאָרן געוואָרן, האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעבליט, און געשטאָרבן צוזאַמען מיטן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום וואָס האָט זיי פּראָדוצירט. די פֿאַרשידענע וואַריאַנטן פֿון וועלטלעכער ייִדישקייט ווערן איגנאָרירט, אפֿשר דערפֿאַר ווײַל די עקספּאָנענטן פֿון אַ רעליגיעזן וועלטבאַנעם דאָמינירן איצט אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער געזעלשאַפֿט. נישט געקוקט אָבער אויף דעם, איז דאָ אין היגן ייִדישן קיבוץ אַ באַדײַטנדיקער סעגמענט וועלטלעכע ייִדן וואָס ווילן נישט פֿאַרשווינדן. גלײַכצײַטיק זײַנען פֿאַראַן אַ סך דאָ־געבוירענע ייִדישע אינטעלעקטואַלן, אַקאַדעמיקערס און סטודענטן, וועלכע ווייסן גאָר נישט וועגן דער עקסיסטענץ פֿון וועלטלעכער ייִדישקייט, אָבער זיי קענען נישט אַקצעפּטירן די רעליגיעזע ייִדישקייט אין אירע עטלעכע וואַריאַנטן. ווי אַ רעזולטאַט ווערן זיי אין גאַנצן אָפּגעפֿרעמדט פֿון אונדזער ייִדישער סביבה.

מײַן בוך „דער גלויבן פֿון וועלטלעכע ייִדן" (אין ענגליש) איז אַ פּרווו צו דעמאָנסטרירן אַז וועלטלעכע ייִדישקייט איז אַ דירעקטער יורש פֿון דער השׂכּלה, איז לעבנספֿעיִק און רעלעוואַנט הײַנט צו טאָג פֿאַר ייִדישע הומאַניסטן, וואָס גלויבן אין ייִדישן קיום און זײַנען גרייט צו ברענגען קרבנות פֿאַר אַ ייִדישן המשך אין די תּפֿוצות. אין דעם אַרײַנפֿיר צו מײַן בוך האָב איך אָנגעצייכנט דעם אויפֿקום, די אַנטוויקלונג, און דעם כאַראַקטער פֿון ייִדישן סעקולאַריזם, נישט ווי אַן אַבעראַציע, נאָר ווי אַן אינטעגראַלער עלעמענט און הויפּט־שטראָם פֿון ייִדישן געדאַנק, און ווי אַ לעגיטימע אינטעלעקטועלע שטרעמונג אין דער ייִדישער קולטור.

צוערשט, לאָמיר דעפֿינירן ייִדישקייט און וועלטלעכקייט. ראשית, דאַרף מען געדענקען, אַז אַזעלכע קאָמפּליצירטע ענינים ווי רעליגיע און

סעקולאַריזם, פּונקט ווי נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, האָבן עטלעכע שאַטירונגען; פּונקט ווי עס איז דאָ אַ שאָוויניסטישער און אַ פּראָגרעסיווער נאַציאָנאַליזם, אַ דיקטאַטאָרישער און אַ דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם, אַזוי איז פאַראַן אַן עקסטרעמער און מעסיקער סעקולאַריזם. צווייטנס, האָט וועלטלעכע ייִדישקייט פּונקט ווי יהדות, דורכגעמאַכט אַן עוואָלוציע במשך איר געשיכטע, און האָט אַריינגעפירט שינויים אין איר אינהאַלט און פאָרם, ווי אַ רעזולטאַט פון די ענדערונגען אין דער וועלט און אין ייִדישן לעבן.

וואָס איז ייִדישקייט? ייִדישקייט איז פאַר מיר אַ סינאָנים פאַר ייִדישער קולטור; אַלע עמאַנאַציעס פון ייִדישן זשעני: יהדות (בין אדם למקום), תנ"ך, דער תלמוד, די ייִדישע ליטעראַטורן אויף העברעיִש, אַראַמעיִש, און ייִדיש, די ייִדישע געשיכטע, מנהגים, פאָלקלאָר, אאַ"וו — דאָס אַלץ איז ייִדישקייט. וועלטלעכע ייִדישקייט מיינט: אַלץ וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אין שייכות צו דער וועלט. דאָס שליסט איין אַלע קאָמפּאָנענטן פון דער ייִדישער קולטור (אַחוץ רעליגיע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט יענוועלטיקע, בין אָדם למקום־ענינים) ווי ייִדישע שפּראַכן, ליטעראַטור, געשיכטע, פּאָליטיק אדג"ל. אַלץ וואָס ייִדן האָבן געשאַפן אין שייכות צום מענטשנס לעבן אויף דער וועלט באַצייכענען מיר ווי וועלטלעכע ייִדישקייט.

די קאָנצעפּציע סעקולאַריזם באַשטייט פון עטלעכע טיילן: א) אַ סעפּאַראַציע פון מלוכה און סינאַגאָגע, ד"ה, אַז רעליגיע איז אַ פּריוואַטע זאַך וואָס דער קאָלעקטיוו טאָר נישט אַרויפצווינגען אויפן יחיד; ב) סעקולאַריזם איז אויך אַ קולטור־קאָנצעפּציע וואָס באַצייכנט אַלץ וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט רעליגיעזע אינסטיטוציעס, און האָט אַ שייכות צום מענטשנס לעבן אויף דער וועלט; ג) וועלטלעכקייט איז נישט קיין שונא פון רעליגיע, פּונקט ווי רעליגיע דאַרף נישט זיין קיין שונא פון וועלטלעכקייט; סעקולאַריזם באַקעמפט קלעריקאַליזם, נישט רעליגיע. דער אַטעיִזם איז נאָר איין ריכטונג אין סעקולאַריזם, אָבער נישט דער תמצית זיינער.

לויט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, פּראָמינענטער עקספּאָנענט פון וועלטלעכער ייִדישקייט, איז די קאָנצעפּציע וועלטלעכקייט קיין מאָל נישט געבונדן מיט אַנטי־רעליגיע: „אין דער דערציִונג־סיסטעם, און אין דער

פריַיער קולטור־טעטיקייט באַצייכנט סעקולאַריזם דאָס אויסשליסן אַלצדינג וואָס קומט אין נאָמען פון אַן אַנטפּלעקטער, איבערנאַטירלעכער, איבער־מענטשלעכער אויטאָריטעט, אַ „געטלעכקייט" וואָס פאַרלאַנגט אַזאַ, אָדער אַן אַנדער זאַך פון מענטשן, כּדי אויסצופירן דעם ווילן פון דער דאָזיקער איבערנאַטירלעכער אויטאָריטעט, אָדער צו געפינען חן אין זײַנע אויגן. דער אַטעיִסטישער מאַטעריאַליזם איז בלויז איין וואַריאַנט אין סעקו־לאַריזם."

אין סעקולאַריזם, ווי אין רעליגיעזער ייִדישקייט, זײַנען דאָ, ווי כ'האָב פריער אָנגעוויזן, פאַרשידענע שאַטירונגען. ס'איז אָבער דאָ אַ צד השווה, אַ צענטראַלער שטריך, צווישן די וואַריאַנטן אין סעקולאַריזם אַזוי ווי ס'איז דאָ אַ צד־השווה צווישן די רעליגיעזע דענאָמינאַציעס. למשל: סײַ אַן אָרטאָדאָקסישער, סײַ אַ רעפאָרם־ייִד, נישט געקוקט אויפן ווײַטן מהלך וואָס עס טיילט אָפּ איינעם פון אַנדערן, האַלטן, אַז רעליגיע איז דער סימן־מובהק פון ייִד־זײַן; בעת וועלטלעכע ייִדן האַלטן אַז ייִד־זײַן איז נישט אָפּהענגיק פון אמונה; אַז אַ ייִדישער אַטעיִסט איז נישט קיין צווייט־קלאַסיקער בירגער אין ייִדישן פאָלק. אַזוי לאַנג ווי אַ ייִד פאַרבינדט זיך נישט מיט אַ נישט־ייִדישער רעליגיע געהערט ער צום ייִדישן קאָלעקטיוו. עס מוז זײַן אין רשות פון יחיד יאָ, אָדער נישט צו גלויבן אין יהדות. אַנדערש וועלן מיר אויסשליסן פון ייִדישן פאָלק די שעפערישע ייִדן פון אונדזער צײַט: אַן איינשטיין, אַ פרויד, אַ האַראַס קאַלען, אחד־העם, ליבמאַן הערש.

און אפשר טאַקע דערפאַר וואָס מיר האָבן אין עבר נישט פאַנאַנ־דערגעטיילט די צוויי באַגריפן: פאָלק און רעליגיע, דערפאַר האָבן מיר פאַרלאָרן אַ ריי פון אונדזערע גרעסטע ייִדן: אַ שפּינאָזאַ, אַקאָסטאַ, שלמה מיימון און אַ סך אַנדערע. מיר מוזן דעריבער סעפּאַרירן די רעליגיעזע ייִדישקייט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. אין אונדזער סעקו־לאַריזירטער תּקופה דאַרף רעליגיע דערקלערט ווערן ווי אַ פּריוואַטזאַך, וואָס איז נישט אָבליגאַטאָריש פאַרן ייִדישן יחיד; אַזוי פירט זיך בײַ אַלע קולטור־פעלקער. אַן אָבליגאַטאָרישע וועלט־אַנשויונג מיינט דאָך בינדן דעם יחיד אין דאָגמאַטישע קייטן, וואָס וועלן אים נישט לאָזן לעבן אין הסכּם מיט די אידעען פון טאָלעראַנץ און פרײַהייט פון געוויסן.

ווי אַן אָנהענגער פון פילאָסאָפישן אידעאַליזם האָט דער סעקולאַריסט זשיטלאָווסקי אָפּגעשאַצט די דויערנדיקע ווערטן וואָס זײַנען פאַרקערפּערט אין דער יהדות און ער האָט פאַרגעלייגט אַז וועלטלעכע ייִדן זאָלן אַרויס־נעמען פון יודאַיזם און אַקצעפּטירן יענע באַשטאַנדטיילן וועלכע זײַנען נישט אין סתירה צום סעקולאַריזם. לויט זײַן מיינונג דאַרף אַ וועלט־לעכער ייִד פּײַערן מערסטע ייִדישע ימים־טובים, און רוען אום שבת. ער האָט אַנאַליזירט די געשיכטע, די סימבאָלן, דעם באַטײַט פון יעדן ייִדישן יום־טוב, און איז געקומען צום אויספיר אַז כמעט אַלע אַנטהאַלטן נאַציאָ־נאַלע, דערהויבנדיקע מאָמענטן, וואָס מאַכן זיי ווערטפול פאַר וועלטלעכע ייִדן: „מיר, וועלטלעכע ייִדן, האָבן נישט קיין 'מען מעג', אָדער 'מ'טאָר נישט', מיר מעגן אַפילו זײַן טרויעריק אום תשעה באב, פאַסטן יום־כּיפּור, אָנצינדן ליכט לכבוד שבת, און טאָן „ערגערע" זאַכן, אויב מיר דערזעען אין זיי אַ נאַציאָנאַל־פּאָעטישן אינהאַלט, אַ מענטשלעכן געדאַנק, וועמענס לאָגיק און געךעכטיקייט עס פאַרשעמט אונדז נישט."

זשיטלאָווסקי איז געווען אומגערעכט בנוגע ראש־השנה און יום־כּיפּור, וועלכע ער האָט אויסגעשלאָסן פון די ימים־טובים פאַר וועלטלעכע ייִדן, ווײַל זיי זײַנען „ריין רעליגיעזע". ער האָט נישט אָפּגעשאַצט אַז דער סאַמע תּוך פון די צוויי ימים־טובים איז זייער נאַציאָנאַל־עטישער כאַראַקטער, ווען דער ייִד מאַכט אַ חשבון־הנפש צי ער לעבט אין הסכם מיט זײַנע גלויבונגען. אויך אַ וועלטלעכער ייִד דאַרף זיך אָפּגעבן אַ חשבון צי ער לעבט און פּראַקטיצירט זײַנע נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע אידעאַלן, און טאָן דאַרף ער עס טאָקע אין די „הייליקע טעג" פאַרן רוב פון פאָלק — אום ראש־השנה און יום־כּיפּור. ער דאַרף דעמאָלט נישט אַרומבלאָנקען פאַריתומט אין פאַרקן, אָדער מוזעומס, נאָר שאַפן פאַר זיך אַ ריטואַל, אַ וועלטלעכן „מחזור" פון נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלן אינהאַלט. פּרוּוון אין דער ריכטונג זײַנען געמאַכט געוואָרן מצד דעם שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, דעטראָיט, און אפשר אויך מצד אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע שטעט, פאַר קינדער און דערוואַקסענע.

ב

נישט עצמדיק אַנדערש פון זשיטלאָווסקין, נאָר בלויז אין ניואַנסן, האָט אינטערפּרעטירט ייִדישע וועלטלעכקייט דער היסטאָריקער שמעון

דובנאָוו. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק אַז רעליגיע איז פֿאַראַנט־וואָרטלעך פֿאַרן יידישן קיום אין די תּפוצות. יידן, האַלט ער, זײַנען געבליבן צוליב זייער נאַציאָנאַלן ווילן צו לעבן, אַ ווילן וואָס איז געשטאַרקט געוואָרן דורך אַ געמיינזאַמען היסטאָרישן גורל: „מיר ווערן צוזאַמענגעשמידט דורך אונדזער גלאָררײַכן עבר, מיר זײַנען אַרום־גערינגלט דורך אַ מעכטיקער קייט פֿון ענלעכע היסטאָרישע אײַנדרוקן וואָס אונדזערע אורעלטערן האָבן געליטן הונדערטער יאָרן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט אויף דער יידישער נשמה, איבערלאָזנדיק אַ וויכטיקן אָפּזאַץ. רעליגיע און ראַסע זײַנען נישט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אונדזער קיום, ווײַל אַגנאָסטיקערס זײַנען אין די ערשטע רייען פֿון אַלע אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען. דער „עפּעס" וואָס האַלט אונדז צוזאַמען איז דער בשותּפֿותדיקער היסטאָרישער גורל פֿון אַלע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק."

ווי אַ קאָנסעקווענץ פֿון דער גרונט־הנחה, האָט דובנאָוו אַנטוויקלט זײַן שטעלונג צו יהדות. יידישקייט איז פֿאַר אים דער גאַנצער היקף פֿון דער יידישער קולטור, פֿון וועלכער רעליגיע איז בלויז איין אַספּעקט, הגם זייער אַ וויכטיקער. ער באַשטייט דערויף אַז אַ ייד קען נישט אָננעמען אַן אַנדער רעליגיע און נאָך אַלץ בלײַבן אַ ייד: „אין אונדזער שטרעבן צו וועלטלעכקייט, צו דער סעפּאַראַציע פֿון דער נאַציאָנאַלער אידעע פֿון רעליגיע, צילן מיר בלויז צו נעגירן דעם סופּרעמאַט, די הער־שאַפֿט פֿון רעליגיע, אָבער מיר ווילן נישט עלימינירן די יהדות פֿון פֿאָלקס־אוצר. אויפֿצוגעבן יהדות און אָנצונעמען דאָס קריסטנטום מיינט פֿאַרלאָזן דאָס יידישע פֿאָלק."

לויט דובנאָוון זײַנען די פֿאָלקישע און די רעליגיעזע עלעמענטן אין יהדות במשך דער גאַנצער יידישער געשיכטע געווען צונויפֿגעפֿלאָכטן אַזוי, אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן אַז ס'איז הײַנו־הך. אָבער דאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דעם צופֿאַסן זיך מצד דעם נאַציאָנאַלן אָרגאַניזם צו די אויסנאַמאַרטיקע היסטאָרישע באַדינגונגען. דובנאָוון איז קלאָר, אַז מ'קען זײַן אַ פֿאַרוואָרצלטער ייד, נישט אַקצעפּטירנדיק דעם רעליגיעזן עלעמענט אין דער יידישער ירושה; ווייל יידישקייט איז אַ קולטור־סיסטעם, און יעדער מין ייד קען זיך אָפּקלײַבן פֿון אונדזער קולטור וואָסער טייל, אָדער שטרעמונג ס'איז אים צום נאָענטסטן.

דובנאָווס און זשיטלאָווסקיס קאָנצעפּציעס פֿון יידישן סעקולאַריזם

זײַנען געווען וויכטיקע פאַקטאָרן בײַם פאָרמירן די ייִדיש־וועלטלעכע סביבה און אירע אינסטיטוציעס אין מזרח־אייראָפּע און אַמעריקע.

ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די ייִדיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע געווען דער דאָמינירנדיקער כּוח אין היגן ייִדישן ישוב. דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ איז דעמאָלט געווען שיער נישט אַ קאָפּיע פון מזרח־אייראָפּע, און ייִדיש איז דעמאָלט געווען די הויפּט־שפּראַך פון היגע ייִדן. די ייִדישע ליטעראַטור, די פּרעסע און טעאַטער האָבן געבליט. אין יענער תּקופה איז וועלטלעכע ייִדישקייט, נוסח זשיטלאָווסקי־דובנאָוו, געוואָרן אָנגענומען פון ברייטע ייִדישע קרייזן. אָבער אין מיטן די דרײַסיקער יאָרן, ווען די מזרח־אייראָפּעישע ייִדישע עמיגראַציע איז געווען אָפּגעשטעלט, הייבט זיך אָן אַ קריזיס אין דער אַמעריקאַנער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור־באַוועגונג.

ג

אַחוץ דעם אָפּשטעל פון אימיגראַציע זײַנען געווען אויך אינערלעכע סיבות וואָס האָבן גורם געווען דעם קריזיס. דער וווּקס פון דער הי־געבוירענער ייִדישער באַפעלקערונג, און איר אָוועקרוקן ייִדיש פון צענטער צו דער פּעריפעריע, האָט דעמאָנסטרירט ווי ווייניק מען קען זיך סומך זײַן אויף ייִדיש ווי אַ דאַמבע קעגן אַסימילאַציע. מען האָט דערזען אַז בײַ אַ גרויסן טייל פון צווייטן דור איז די היים אויסגעליידיקט פון ייִדישן אינהאַלט; ס'איז נישטאָ קיין שבת און קיין יום־טוב. עס איז אויך געקומען אַן ענדערונג אין גײַסטיקן קלימאַט פון דער וועלט: דער מאָדערנער מענטש האָט זיך דערפילט אַנטוישט אין טעכניש־מאַטעריעלן פּראָגרעס, וואָס האָט נישט געשטילט זײַן הונגער נאָך יום־טובדיקייט, און האָט איבערגעלאָזט אַ נשמה־פּוסטקייט אויפן אָרט פון דער אַלטער אמונה. אַ סך צעטרייסלטע געמיטער אין אַן אומזיכערער וועלט האָבן געגאַרט זיך פאַראַנקערן אין אַ פּערמאַנענטן באָדן, ווו דורות פאַר זיי האָבן געפונען גײַסטיקע מנוחה און שלווה. אָבער דער מאָדערנער ייִד, ווי דער מאָדערנער מענטש בכלל, האָט פאַרלאָרן די פעיִקייט צו גלויבן דאָג־מאַטיש. ער ווערט צעפרעסן פון סקעפּטיציזם און עטישן רעלאַטיוויזם, וואָס מינירן אונטער מעטאַפיזישע און רעליגיעזע אַבסאָלוטן. דערפאַר קען ער נישט אָננעמען די אמונה מיט אירע אַלטע אני־מאמינס.

אויף אָט דעם הינטערגרונט זײַנען אויפגעקומען אַ ריי רעוויזיִעס, אָדער מאָדיפיקאַציעס אין דער אַמעריקאַנער וועלטלעכער ייִדישקייט. ווי אַ פּועל־יוצא פון די זוכונגען האָט מען אָנגעהויבן אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן צו באַטאָנען דורותדיקע ייִדישע ווערטן, טראַדיציעס און פײַערונגען. די „נאַציאָנאַל־פּאָעטישע ווערטן" פון דער ייִדישער רעליגיע, וואָס זשיטלאָווסקי האָט אַרויסגעהויבן נאָך אין 1909, ווערן איצט פאַרקערפּערט אין די שבת־יום־טוב־פײַערונגען פאַר קינדער און דערוואַקסענע. וועלטלעכע ייִדישקייט, באַטאָנט מען איצט, מיינט נישט נעגירן אַלדאָס טראַדיציאָנעלע, נאָר אָפּקלײַבן פון דער אַלטער קולטור אַלץ וואָס קען האַרמאָנירן מיט די השגות פון אַ מאָדערנעם ייִד, און וואָס איז נישט אין סתירה צו די גרונט־פּרינציפּן פון סעקולאַריזם.

איצט, ווען ייִדן אין אַמעריקע זײַנען אינטעגרירט אין דער אַלגעמיינער קולטור, ווען די ייִנגערע, דאָ־געבוירענע דורות זײַנען שפּראַכלעך אַסימילירט — איצט מוזן וועלטלעכע ייִדן אײַנזען אַז סעקולערע ייִדישקייט דאַרף פאַרמאָגן אַ וואָגיקן ייִדישן עקסטראַקט; עס קען נישט גילטן בלויז נעגאַטיוויזם, אָדער טאָלעראַנץ אין שײַכות צו רעליגיע. מיר מוזן אַקצעפּטירן דאָס פּאָזיטיווע פון אַלע תּקופֿות, און אַלע גײַסטיקע שטרע־מונגען אין אונדזער עבר. מען דאַרף אָפּקלײַבן פון דער רײַכער גײַס־טיקער ירושה אונדזערער אַלץ וואָס איז זיִנפול, אַלץ וואָס קען באַרײַכערן דעם ייִדישן יחיד און כּלל; און ס'איז דאָ גאָר אַ סך וואָס איז רעלעוואַנט פאַר מאָדערנע ייִדן — אין אַלע שטראָמען אין דער ייִדישער געשיכטע: אין נביאישן, אין תּלמודישן, אפילו אין קבלה און חסידות, און אַוודאי אין דער השׂכּלה, און אין אונדזער מאָדערנער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור — די קרוינשאַפּונג פון וועלטלעכע ייִדן.

און דאָ קומען מיר צום אַמעריקאַנעם ייִדישן דענקער, פּראָפ' האָראַס קאַלען, וועלכער האָט מיט זײַן טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם פאָרמו־לירט אַ וועלטלעכע פילאָסאָפיע פאַר אַמעריקאַנער ייִדן, וואָס סינטעזירט ייִדיש־נביאישע ווערטן און אַמעריקאַנער פּלוראַליזם. ער האָט באַטאָנט אַז די אידעע פון דעמאָקראַטיע איז אָנווענדבאַר נישט בלויז צו יחידים, נאָר אויך צו עטנישע גרופּעס. לויט אים איז די עטנישע גרופּע דער צענטער ווו דער יחיד שטייט. „דער פּונקט פון זײַנע אינטימסטע סאָציאַלע רעאַקציעס, דעריבער פון זײַן אינטענסיווסטן סאָציאַלן לעבן." ער איז

איבערצײַגט, אַז אַסימילאַציע פון ייִדן מיינט פאַרקריפּלען דעם יחידס פּערזענלעכקייט אינטעלעקטועל און גײַסטיק. אַחוץ דעם מיינט אַסימי־לאַציע אַנטי־דעמאָקראַטישקייט, ווײַל דעמאָקראַטיע שליסט אײַן פּלוראַ־ליזם, פאַרשידנאַרטיקייט, וואַריאַציע. „די דאָזיקע פאַרשידנאַרטיקייט, און פּילצאָליקייט פון אָנגעהעריקייט, ווען יעדער יחיד קען פרײַ באַלאַנגען צו פאַרשידענע גרופּעס, איז אַ קוואַליטעט וואָס צייכנט אויס דעם אַמעריקאַנעם ייִדישן קיבוץ פון יעדן אַנדערן קיבוץ. דאָס איז דער פּרינציפּ פון אַ פּלוראַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס באַזירט איר אַחדות נישט אויף צוויי לאָיאַליטעטן, נאָר אויף אַ סך לאָיאַליטעטן.״

דער אויפשטײַג לעצטנס פון אַן עטנישן באַוווסטזײַן צווישן אַמערי־קאַנער מינאָריטעט־גרופּעס האָט דעמאָנסטרירט די לעבנס־פעיִקייט פון קאַלענס אידעען אין דער הײַנטיקער אַמעריקע. וואָס עס זאָלן נישט זײַן די סיבות פון עטנישן אויפשטײַג, איז עס אַן אומבאַשטרײַטבאַרער פאַקט, אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע געמיינדע מאַניפעסטירט אַ שטאַרקן ווילן אָנצוהאַלטן אַ ספּעציפישן קולטורעלן ייִדישן המשך.

ד

הײַנט־צו־טאָג זײַנען פאַראַן אין אַמעריקע אַ סך מענטשן וואָס אידענטיפיצירן זיך ווי ייִדן דורך זייער אָנגעהעריקייט צו ייִדישע וועלט־לעכע אינסטיטוציעס, ווי: דער אַרבעטער־רינג, דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָנגרעס, אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט, דער ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד, בני ברית, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, און אַנדערע. אַ סך פון די מיטגלידער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס זײַנען נישט רעליגיעז, און אַוודאי נישט קיין שומרי־מצוות. זיי זײַנען פאַקטיש וועלטלעכע, אָדער נאַציאָנאַל־קולטורעלע ייִדן, אפילו ווען זיי ווייסן נישט דעם טײַטש פון די דאָזיקע טערמינען.

ייִדישער סעקולאַריזם אין די תּפוצות פאַר ייִדן וואָס קענען נישט אַפירמירן טעיִסטישע רעליגיע — און יהדות איז גאָט־צענטריש — צילט אונטערצושטרײַכן אַז ייִדישקייט איז אַזוי קאָמפּליצירט, אייגנאַרטיק און אַרומנעמענדיק אַז יעדער ייִדישער יחיד קען געפינען אין דער סימפּאָניע די מעלאָדיע וואָס פאַנגט אים, און די מאָטיוון וואָס געפינען דעם טיפסטן

אָפּקלאַנג אין זײַן פּערזענלעכקייט. און אויב אַ וועלטלעכער ייִד בענקט אַ מאָל נאָך יענע ווערטן וואָס האָבן געגעבן אַ זין דער עקסיסטענץ פון זײַנע אָבות, זאָגט ער זיך נישט אָפּ דעריבער פון זײַנע וועלטלעכע איבערצײַגונגען, נאָר ער מאַניפעסטירט דערמיט אַז ייִדישער סעקולאַריזם מוז טראָגן דעם חותם פון דער קאָלעקטיווער ייִדישער דערפאַרונג, און אַז אַ וועלטלעכער ייִד קוקט אויף דער וועלט, לויט פּרצעס אויסדרוק, מיט ייִדישע אויגן. מען דאַרף אויך געדענקען אַז סעקולאַריזם איז נישט געבונדן מיט קיין פּאָליטישער אידעאָלאָגיע. עס איז אַן אוניווערסאַלער פענאָמען אין דער מאָדערנער געשיכטע פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער, אַ שטראָם וואָס ווערט אַלץ ברייטער. די העברעיִסטן אחד־העם און יעקב קלאַצקין, דער פאָלקיסט דובנאָוו, דער פּראַגמאַטיסט קאַלען, הגם פאַר־שיידן אין זייערע אַנשויונגען, זײַנען אַלע געווען סעקולאַריסטן. ייִדישער סעקולאַריזם איז נישט אומצערײַסבאַר פאַרבונדן מיט איין סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע.

אַ צענטראַלער מאָטיוו אין רעליגיע בכלל, פּונקט ווי אין דער ייִדישער אמונה, איז דער גלויבן אין אַ העכערן כּוח וואָס קאָנטראָלירט דעם מענטשנס גורל; ועמען מען דאַרף פאָלגן און גלאָריפיצירן — און מען קען זיך נישט צווינגען צו גלויבן. אָבער דאָס מיינט נישט אַז ס'איז דעם וועלטלעכן ייִד, וואָס איז באַקאַנט מיטן אין־סוף פון ייִדישקייט — אַז ס'איז אים פרעמד די דערהויבנקייט, די פּאָעזיע, די קאָסמישע אָנונגען, דער נשמה־ציטער וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אַרײַנגעוועבט אין דער היסטאָרישער יהדות. און ווען ער דערגייט אַ מאָל צו התרוממות הנפש, וועט אים די גאָט־קאָנצעפּציע פון די נביאים, פון די מקובלים, פון די פּייטנים, פון די חסידים, נישט זײַן פרעמד. אָבער די ייִדישע אמונה קען נישט זײַן פאַר אים נאָרמאַטיוו, ווי זי איז דאָס פאַרן פרומען ייִד. וועלט־לעכקייט הייסט זען דאָס גוטע און ווערטפולע אין די קולטורן פון די אומות העולם, אָבער דורך דעם פּריזם פון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט אויסגעפורעמט דעם ייִדישן כּלל און פּרט.

אַוודאי ווייס איך אַז רעליגיע באַשטייט נישט בלויז פון אַ מעטאַ־פיזישן און אינטעלעקטועלן קאָמפּאָנענט; זי שליסט אויך אײַן ריטואַלן און סימבאָלן. אָבער די לעצטע צוויי: צערעמאָניאַלן און סימבאָלן זײַנען

לחלוטין נישט קיין סתּירה צו דעם וואַריאַנט פון סעקולערער ייִדישקייט וואָס איך האָב דאָ אַרטיקולירט. אַזאַ באַרימטער קעגנער פון אַלע פאָרמען פון טעיִזם ווי עס איז געווען דער אַמעריקאַנער ייִדישער פילאָסאָף מאָריס רפאל קאָהען — אגב אַ ליבהאָבער פון ייִדיש — ער האָט אַרויס־געוויזן אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו דער סימבאָליק פון אמונה. אין זײַן אויטאָביאָגראַפיע, „די נסיעה פון אַ בעל־חלומות״, דערציילט ער אונדז ווי אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעשאַצט די ראָלע פון ריטואַל אין מענטשנס עקזיסטענץ: „כאָטש איך בין קיין מאָל נישט צוריקגעגאַנגען צו טעאָלאָגישער איבערנאַטירלעכקייט, בין איך געקומען דערצו, אַז איך זאָל אָפּשאַצן מער ווי אַ מאָל דעם סימבאָליזם דורך וועלכן מיר פּײַערן די מענטשלעכע נויטווענדיקייט צו געטרויען זיך צו אַ גרעסערער וויזיע לויט וועלכער קאַטאַסטראָפעס קומען און גייען אַוועק, אָבער די קאָנטינויִטעט פון לעבן, און דער גלויבן אין בעסערע מעגלעכקייטן האָבן אַ תּקומה.״

און אויב מיר זאָלן אָנווענדן דעם פּראַגמאַטיש־פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג צו רעליגיע, וואָלטן מיר אונדזער נוסח וועלטלעכקייט געמעגט אָנרופן טראַדיציאָנאַליסטישע, אָדער רעליגיעזע וועלטלעכקייט. דאָ איז נישט פאַראַן קיין סתּירה, הגם אויבנאויפיק קען זיך אַזוי אויסדאַכטן; ווײַל לויט דזשאָן דיואיס דעפיניציע באַצייכנט דער אַדיעקטיוו רעליגיעז אַ באַציִונג, אַ דיספּאָזיציע, אַ גרייטקייט צו מאָביליזירן אַלע מענטשלעכע כּוחות לטובת אַן אידעאַל. אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט איז אַלץ וואָס מיר טוען פאַר קיום האומה, פאַר אונדזערע סאָציאַלע אידעאַלן, פאַר דער ייִדישער דערציִונג פון אונדזערע קינדער, פאַרן אויפהאַלט פון מדינת ישראל — אָט די אַלע טוונגען זײַנען לויט דיואיס קריטעריע רעליגיעז אין כאַראַקטער.

אַ וועלטלעכע ייִדישקייט, וואָס שליסט אײַן שבת און יום־טוב־פּײַע־רונגען, איז אַ טראַדיציאָנאַליסטישע; זי איז מחייב צוגעבונדקייט צו ייִדישע ווערטן — ווערטן וואָס זײַנען פאַרקערפּערט אין אונדזער גע־שיכטע, אין אונדזער אַלטער און נײַער ליטעראַטור; צום אידעאַל פון באחרית הימים, צו די הומאַנע און דערהייבענע אויסשטראַלונגען פון ייִדישן גײַסט. עס איז אַ פּרווו פאַר יענע וואָס ווילן זיך אידענטיפיצירן מיטן כּלל ישראל דורך מאָדערנע מיטלען, צו האַרמאָניזירן די דאָמינירנ־

דיקע אידעען פון דער הײַנט־צײַטיקער קולטור מיט דער היסטאָרישער ייִדישקייט. זי פליסט אַרײַן אין ייִדיש־אוניווערסאַליסטישן שטראָם וואָס עס האָבן דורכגעבראָכן פילאָן, דער רמב״ם, מענדעלסאָן און קראָכמאַל, משה העס און אחד־העם, פּרץ און זשיטלאָווסקי, דובנאָוו און ש. ניגער — אָט די אַלע און אַ סך אַנדערע מאָדערנע תּנאים און אמוראים האָבן געלייגט די גרונטשטיינער פאַר אַ וועלטלעכער ייִדישקייט, וואָס אויב מיר וועלן אין יעדער תּקופה צושטעלן נײַע עטאַזשן צו דעם בנין, קען זי געבן אַן אינהאַלט און אַן אָנהאַלט די ייִנגערע דורות.

אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט זײַנען די פירערס פון אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען בײַ ייִדן געווען וועלטלעכע ייִדן: דער פּאָליטישער ציוניסט הערצל, דער גײַסטיקער ציוניסט אחד־העם, דער אויטאָנאָמיסט דובנאָוו, דער ייִדישיסט זשיטלאָווסקי, דער פּועלי־ציוניסט באָראָכאָוו, דער בונדיסט שלמה מענדעלסאָן, דער טעריטאָריאַ־ליסט בן־אדיר, דער פֿאָלקיסט נח פּרילוצקי — פּונקט ווי דער רוב פון די חלוצים, די בויערס פון ארץ־ישראל, זײַנען אַלע געווען וועלטלעכע ייִדן; זייער אני־מאמין איז נישט געווען טעאיסטיש, נאָר פֿאָלקיש. זייער אהבת ישראל, זייער אַחריות און קרבנות־גרייטקייט פאַרן כּלל־ישראל איז אָבער נישט געווען קלענער ווי פון די גאָט־צענטרישע רבי יהודה הלוי, קרעסקאָס, מהר״ם ראָטענבערג, בעל־שם־טוב, רבי לוי יצחק בער־דיטשעווער. צום טייל דערפאַר האָבן אַלע ייִדישע סעקולאַריסטן איבער־געפּורעמט די ייִדישע געשיכטע און אַרײַנגעשריבן אין איר גאָלדענע בלעטער. זיי, די אַנטי־שטראָם־מענטשן אין זייער צײַט, האָבן געשאַפן נײַע שטראָמען אין דער ייִדישער קולטור. זיי זײַנען געווען מאַקסימאַ־ליסטן, מוטיקע וועגווײַזערס, פּאָרויסגייערס; נישט קיין מינימאַליסטן, און אידעיִשע שיריים־קלײַבערס פון קאָנפאָרמיסטישע טישן.

איצט, דרײַפערטל יאָרהונדערט שפּעטער, טאָרן מיר, זייערע יורשים, נישט ווערן קיין מינימאַליסטן, וואָס וועלן זיך צופרידנשטעלן מיט אַ טיי־לעפעלע־ייִדישקייט, מיט אַן אייַנטאָגיקער ייִדישער שול. דאָס איז אַוודאי בעסער ווי גאָרנישט, אָבער ווײַט נישט גענוג צוצוגרייטן טרעגערס פון דער רײַכער ירושה וואָס די מזרח־אייראָפּעיִשע תּקופה האָט פּראָדוצירט, און אַוודאי נישט פאַרן גאַנצן ייִדישן אוצר פון אַלע

תקופות. פונקט ווי די פרומע ייִדן האָבן דאָ געשאַפן אַ נעץ ישיבות, וועלכע גרייטן צו רבנים און לערערס, אַזוי מוזן מיר בויען טאָגשולן וואָס זאָלן צוגרייטן פאַר אונדזער וועלטלעכן סעקטאָר ייִדישע געלערנטע, שרײַבערס און לערערס. מיר דאַרפן ווערן מאַקסימאַליסטן, וואָס שטעלן זיך גרויסע ווײַט גרייכנדיקע צילן — אויב מיר ווילן זײַן דער אַוואַנגאַרד אין ייִדישן לעבן, ווי מיר זײַנען עס געווען אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

(1978)

כּכל־הגוייִמדיקייט אין אַ נייער אויפֿלאַגע

זינט דער השׂכּלה־עפּאָכע, אַ קיימא־לן פֿון צוויי הונדערט יאָר, הערט די ייִדישע מחשבה נישט אויף זיך צו ראַנגלען מיטן פּראָבלעם פֿון ייִדישער אַנדערשקייט, נאָרמאַליזאַציע, כּכל־הגויימדיקייט. נישט נאָר די דײַטשישע רעפֿאָרם־ייִדן האָבן געהאַלטן אַז מיר דאַרפֿן זיך פֿרייער „אויסמענטשלען”, ווערן מיט לײַטן גלײַך, איידער מיר פֿאַרדינען זיך עמאַנסיפּאַציע; אויך נאַציאָנאַלע ייִדישע באַוועגונגען אין מזרח־אייראָפּע האָבן אין אָנהייב פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט געפּריידיקט אַז מיר דאַרפֿן זיך אייראָפּעיִזירן, נאָרמאַליזירן, און — שפּעטער אין אַמעריקע — אַמעריקאַניזירן.

אויב אין יענער צײַט, ווען ייִדן זײַנען נאָר וואָס געוועזן אַרויס פֿון זייער אָפּגעזונדערטער עקסיסטענץ, איז געוועזן אַ באַרעכטיקונג פֿאַר דעם דראַנג צו נאָרמאַליזירונג, איז עס איצט, אין דער נאָך־חורבן־וועלט, ווען מיר האָבן זיך שוין לאַנג וועסטערניזירט, פֿון איין זײַט און פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן מיר פֿאַרלאָרן אַלע אילוזיעס וועגן דער „ציוויליזירטער וועלט” (דאָס פֿאָלק פֿון „דיכטערס און דענקערס” האָט דאָך געגאָלטן ווי אַ זײַל פֿון דער מערבֿ־קולטור), איצט האָט זיך אויסגעוויזן אַז מיר ווילן זיך מער נישט יאָגן נאָך „זאַגראַניטשנע” סחורות; אַז מיר האָבן זיך נישט וואָס צו שעמען מיט אונדזער אייגענער גײַסטיקער ירושה; אַז מיר האָבן עפּעס אייגנס וואָס איז ווערט ממשיך צו זײַן.

אַזוי האָט זיך אויסגעוויזן אונדז, ד.ה. יענע וואָס זײַנען אויפֿגעוואַקסן און רײַף געוואָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אָבער, אָט איז דערשינען אַ בוך פֿון איינעם, וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און ער חזרט אין תּוך איבער כּמעט אַלץ וואָס מיר האָבן געהערט פֿון די פֿאַרמבולדיקע שוללי־הגלות. אמת, ער באַנוצט זיך מיט די נײַסטע סטאַטיסטיקעס, מיט אויסגעפּשטלטע אַרגומענטן און אַ לײַדנשאַפֿטלעכן פֿאָלעמישן טאָן.*

* Letters to An American Jewish Friend by Hillel Halkin, Jewish Public. Society, Philad. 1977.

הלל האַלקין, דער מחבר פון בוך, איז אַן אַמעריקאַנער ייִד (געבאָרן אין 1939, אין ניו־יאָרק) וועלכער האָט זיך באַזעצט אין 1970 אין ישׂראל, ווו ער פאַרנעמט זיך מיט איבערזעצן העברעיִשע ליטעראַטור אויף ענגליש. אין דעם בוך, וואָס איז געשריבן אין דער פאָרם פון בריוו צו אַן אויסגעטראַכטן אַמעריקאַנער ייִדישן פרײַנד, באַהאַנדלט ער די פּראָב־לעמען פון ייִדישן קיום און די שפּאַנונגען צווישן ישׂראלים און ייִדן אין די תּפוצות. דער פרײַנד זײַנער דאַרף זײַן רעפּרעזענטאַטיוו פאַרן ייִנגערן אַמעריקאַנער ייִדישן דור, וועלכער האָט אַ פּאָזיטיווע באַציִונג צו ישׂראל און איז גלײַכצײַטיק איבערצײַגט אין דער לעבנספּעיִקייט פון אַמעריקאַנער ייִדנטום. אין בוך לייענען מיר בלויז האַלקינס בריוו, אָבער פון צײַט צו צײַט ציטירט ער פון זײַן פרײַנדס כּלומרשטע ענטפערס, מיט וועלכע ער פּאָלעמיזירט.

די צוויי פרײַנד אַרגומענטירן וועגן דער ייִדישער הײַנטצײַטיקער פּראָבלעמאַטיק; וועגן די שפּאַנונגען צווישן אַמעריקאַנער ייִדנטום און ישׂראל; וועגן ציוניזם, ייִדישער געשיכטע, וועגן מהות פון ייִדישקייט, וועגן דער צוקונפט פון מדינת ישׂראל און די ייִדישע צעשפּרייטקייטן. ווי אַן עקסטרעמער פאַרניינער פון די תּפוצות, שטעלט זיך דער מחבר אויפן שטאַנדפּונקט, אַז יעדער ייִד וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דער צוקונפט פון ייִדישן פאָלק איז מחויב זיך צו באַזעצן אין ישׂראל. אַז אָט דער אײַנשטעל איז דער דאָמינירנדיקער בײַ די ישׂראלדיקע ציוניסטן ווייסט יעדער איינער. אַלע ציוניסטישע קאָנגרעסן זינגט דעם אויפקום פון מדינת ישׂראל באַשעפטיקן זיך מיט דעם ענין עליה פון אַמעריקע און יעדער מאָל ענדיקט עס זיך מיט אַ קאָמפּראָמיס־פאָרמולע, וואָס שטעלט קיינעם נישט צופרידן: נישט די ישׂראלים, נישט די אַמעריקאַנער ציוניסטן.

לאָמיר דאָ גלײַך פעסטשטעלן אַז אין לעצטן סך־הכּל איז דער מחבר גאָרנישט מחדש; ס'איז דער באַקאַנטער אַלטער נעגאַטיווער צוגאַנג צום ייִדישן לעבן אין די תּפוצות; „נײַ" איז בלויז דער עקסטרעמער סעקולאַריזם וואָס שאַקירט אײַך מיט זײַן פאַרלייקענען די גרויסקייט פון ייִדישן עטאָס, די צענטראַלקייט פון אוניווערסאַליזם אין יהדות, און די אייביקע ווערטן פון דער ייִדישער קולטור. „נײַ" איז אויך דאָס מאַכן צו קליינגעלט נישט בלויז דאָס ייִדישע גײַסטיקע לעבן אין אַמעריקע,

נאָר אויך דעם איצטיקן קולטור־מעמד אין ישראל. „ניי" זײַנען אויך די סתירות אין וועלכע דער מחבר פאַרפּלאָנטערט זיך, ווי מיר וועלן עס באַלד באַווײַזן.

באַלד אין ערשטן בריוו אַרטיקולירט דער אויטאָר, אַז ייִדן אין ישראל ווערן צוזאַמענגעהאַלטן נישט פון אַ געמיינזאַמער קולטור, נאָר פון אַ ריי איבערצײַגונגען וואָס זיי האָבן וועגן זיך און וועגן זייער אַרבעט אין לאַנד: „ווײַל ווי קען מען אָנרופן קולטור דעם מישמאַש פון אַ דערנידעריקטער עטנישער טראַדיציע, פאַרשטיינערטער אָרטאָ־דאָקסיע, אַ סעקולאַריזם אָן וואָרצלען". און אַ ביסל שפּעטער דערדערט ער זיך צו אַזאַ שיער נישט אַליינהאַס: „דער נידעריקסטער אַראַבישער פּויער אין ישראל, וועלכער קען נישט לייענען און נישט שרײַבן, פאַר־מאָגט מער אמתע קולטור אין זײַן לעבן ווי אַ ישראלדיקער פּראָפעסאָר". ווי אַן אילוסטראַציע פון דער ישראלדיקער קולטורלאָזיקייט דערציילט אונדז האַלקין אַז ווען מיר ווילן ווײַזן אַ טוריסט עפּעס אייגנאַרטיקס, נעמען מיר אים אין אַראַבישן טייל פון ירושלים, אָדער אין אַלטן געגנט פון יפו, אָדער צפת; אָדער ווען מיר ווילן געבן אַ טוריסט אַ מתנה, סוגערירן מיר אים אַן אַראַביש קופּערווערק, אַ קלייד — נישט פאַר־געסנדיק דערבײַ צוצוגעבן אַז מיר ייִדן האָבן געדאַרפט אויפבויען דאָס לאַנד פון יסוד אָן, ווײַל ווען מיר זײַנען אַהערגעקומען איז דאָ גאָרנישט נישט געווען.

דאָס איז דאָך אָבער קוים אַ האַלבער אמת. פירט מען דען נישט דעם גאַסט אויך צו דעם כותל מערבי, צום הר־ציון, אין מסדה? ווײַזט מען דען נישט דעם גאַסט אויך דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, דעם ווייצמאַן־אינסטיטוט, די קיבוצים, די אַלע וויסנשאַפטלעכע און קונסט־אינסטיטוציעס וואָס די ייִדן אין ישראל האָבן אין דער נײַער צײַט געשאַפן? און צי האָבן ייִדן אין אַלטערטום, און אין מיטלעלטער אויך אין די תפוצות נישט געשאַפן אייגנאַרטיק־נאַציאָנאַלע קונסטווערק וואָס האַלקין לייקנט אָפּ? וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די אַרכיטעקטור פון די סינאַגאָגעס, זייערע וואַנט־מאָלערייען, די אילומינירטע הגדות אין מיטל־עלטער, די אילומינירונג פון ספרי־תורות, פּרוכתן, חנוכּה־לאָמפּן כתובות א.א.וו.? דאָס אַלץ שליסט האַלקין אויס פון נאַציאָנאַלן אוצר, מסתמא — ווי ער פּסקנט בנוגע נאַציאָנאַל־ייִדישע מאכלים — ווײַל זיי זײַנען געבונדן

מיט רעליגיע... מיר האָבן אָבער נישט געהערט אַז גוייִשע סעקולאַריסטן זאָלן אויסשליסן פון זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן אַלע קאַטעדראַלן, אַלע קונסטבילדער און סקולפּטורן אויף קריסטלעך־רעליגיעזע מאָטיוון, מיט וועלכע עס זײַנען פול די אייראָפּעיִשע מוזייען.

פאַר וואָס אַזאַ האַרבער פּסק־דין? ווײַל דער מחבר האָט זיך געשאַפן אייגענע אַרביטראַרע דעפיניציעס וועגן קולטור, לויט וועלכע עס באַקומט זיך אַז ייִדן זײַנען ממש אַ קולטורלאָז פאָלק. נישט די ייִדישע ליטעראַטורן אין ייִדיש און העברעיִש, נישט די קבלה, נישט חסידות, נישט דער ייִדישער סאָציאַליזם, אויך נישט די ייִדישע אוניווערסיטעטן אין ישראל — דאָס אַלץ שאַפט נאָך נישט, לויט האַלקינען, קיין קולטור, ווייל — דערקלערט ער קאַטעגאָריש — אַ פאָלק וואָס האָט נישט קיין אמתע נאַציאָנאַלע מאכלים, אַ פאָלקסמוזיק, אָדער פאָלקסקונסט; וואָס האָט נישט קיין אמתע פאָלקסשפּראַך, נישט קיין טיפע ליבע פאַר דער נאַטור, נישט קיין לעבנס־חכמה וואָס איז נאָר זײַנס — אַזאַ פאָלק האָט נישט קיין אייגענע קולטור.

לאָמיר דערווײַל אָננעמען אַז די אַלע אויסגערעכנטע אַטריבוטן זײַנען דער סימן מובהק פון אַ נאַציאָנאַלער קולטור. פאַרמאָגן מיר זיי טאַקע נישט? האָבן דאָך ייִדן געשאַפן אין גלות אַן אייגענע פאָלקסשפּראַך — ייִדיש, אַן אויפּטו פון אַזאַ ריזיקן פאַרנעם וואָס דער שריפטשטעלער מאָריס סעמיועל האָט באַנוצט אין זײַן פּאָלעמיק קעגן טאָינבי ווי אַ ראיה פון ייִדישער גרויסער שעפערישקייט אין די תפוצות! האָבן דאָך ייִדן געשאַפן אַן אוצר פון אייגנאַרטיקע פאָלקסלידער, און אַ ספּעציפישן הומאָר וואָס שפּיגלט אָפּ די באַזונדערקייט פון דעם ייִדנס לעבנס־חכמה! און האָבן דען ייִדן אין מזרח־אייראָפּע נישט געהאַט אייגענע ייִדישע מאכלים, אַן אייגענע הלבשה, און אַן אייגענע פיזיאָנאָמיע? אָבער אונדזער איקאָנאָקלאַסט פּסלט ייִדישע מאכלים ווי אַ נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט ווײַל... זיי זײַנען געווען געבונדן מיט רעליגיעזע ייִדישע יום־טובים! און טאָמער וועט איר לאַכן פון אַזאַ איסור אין סעקולערן שולחן־ערוך, אַרגומענטירט דער מחבר ווײַטער, מיט אַן ערנסט פּנים, אַז אונדזער אייגענע מוזיק איז אויך נישט כשר, על פּי וועלטלעכקייט, ווײַל זי איז געווען דער עיקר אַ ליטורגישע, חזנות, געקניפּט מיט רעליגיעזע געלעגנהייטן.

פון דעסטוועגן גיט האַלקין צו אַז דער יידישיזם איז געווען אַ וויכטיקער פרווו צו סעקולאַריזירן דאָס יידישע לעבן, און אַז ער האָט באַוויזן צו פּראָדוצירן אַן אומפאַרגלייכלעכע ליטעראַטור, אַ בליִענדיק טעאַטער, אַ רייכן פאָלקלאָר, אַ קולטורעלע און אידעאָלאָגישע ראַם פאַר אַ סך יידן. אָבער, זאָגט ער מיט באַדויער, אַזוי ווי יידיש האָט נישט געהאַט קיין טעריטאָריעלע באַזע, דערפאַר דאַרף מען זאָגן קדיש נאָך דער וועלטלעכער יידישער קולטור אין חוץ לארץ.

מעגן מיר דאָך אים פרעגן: און וואָס הערט זיך מכּוח יידיש אין דער אייגענער מדינה? אָט איז דאָך איצט דאָ אַ טעריטאָריעלע באַזע פאַר יידיש, און אַ סך יידן אין ישראל לעבן זיך אויס אין דער שפּראַך, טאָ פאַר וואָס דערלאָזט נישט דער ישראלדיקער עסטאַבלישמענט צו לעגיטימירן יידיש כאָטש ווי די צווייטע אָפיציעלע שפּראַך? עקסיסטירט דאָך אַזאַ פיינע דעמאָקראַטישע מדינה ווי בעלגיע, און זי ווערט נישט פּאָלאַריזירט צוליב איר צוויי־שפּראַכיקייט! און די דריי־שפּראַכיקע שווייץ איז דאָך לויט אַלע סטאַנדאַרדן אַ הויך קולטורעלע מדינה.

ב

ווי עס פּאַסט פאַר איינעם וואָס זעט דאָס יידישע פאָלק אין צוויי קאָלירן, שוואַרץ און ווייס: אונטערגאַנג אין דער דיאַספּאָראַ און אויפגאַנג אין ישראל — אין דער צוקונפט — קאָנצענטרירט דער מחבר זיינע שאַרפסטע פּאָלעמישע פיילן אויפן אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ. דאָ זעט ער נישט קיין טראָפּן ליכט, נאָר בלויז פינצטערניש. אַלע אַמעריקאַנער יידישע אינסטיטוציעס, די רעליגיעזע און וועלטלעכע, זיינען פאַר אים אַ ליידיקע שאָלעכץ, און באַלד, באַלד וועלן זיי סיי ווי איינשרומפּן צוליבן אָנקום פון אַן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע, אַזעלכע קאָשמאַרן און נאָך ערגערע זעט ער אין זיינע חלומות וועגן אַמעריקאַנער יידן. אָבער ער זאָגט זיי נישט בלויז אָפּ דעם עולם הזה, נאָר אויך דעם עולם הבא. אַנדערע יידישע קיבוצים, ספּעקולירט ער, האָבן כאָטש נאָך זייער אונטערגאַנג איבערגעלאָזט אַ גרויסע גייסטיקע ירושה פאַר די אַנדערע ישובים, אָבער דאָס אַמעריקאַנער יידנטום וועט גאָרנישט איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות.

פאַר דעם העברעיִסטישן דאָגמאַטיקער עקסיסטירט, פאַרשטייט זיך,

נישט דאָס גרויסע קאַפּיטל וואָס אַמעריקאַנער־ייִדן האָבן אַרייַנ־געשריבן אין דער געשיכטע פון ייִדישער שעפערישקייט — די ייִדישע פּאָעזיע פון מאָריס ראָזענפעלד ביז ה. לייוויק; דאָס ייִדישע טעאַטער, די ייִדישע פּרעסע, די ייִדישע בעלעטריסטיק און עסייאיסטיק. פאַר אים באַטייַטן אויך גאָרנישט די אַלע ווערק פון חכמת ישראל, וואָס ייִדישע געלערנטע האָבן דאָ געשאַפן אין ייִדיש, העברעיִש און ענגליש. ער זאָגט אַליין אַז ס׳איז אַ חוצפה פון אַ ישראלי אַזוי צו רעדן: „בעת ישראל וואָלט אָן דער שטיצע פון די תּפוצות געווען אין געפאַר עקאָ־נאָמיש צוזאַמענצוברעכן; ווען זי לעבט זיך אָן אַזוי שטאַרק אויף ייִדיש־אַמעריקאַנער פּאָליטישער הילף... זי האָט אַנטדעקט אַז די ייִדישע וועלט־געמיינדע איז איר איינציקע ראַיעלע פאַרבינדעטע אין איר קאָנפליקט מיט די אַראַבער; זי נעמט און נעמט פון די תּפוצות, און גיט ווייניק ממשותדיקס צוריק״. ער גיט צו אַז ס׳איז גרויזאַם אַזוי צו רעדן וועגן אַמעריקאַנער ייִדן, און זייַן פאַרענטפערונג איז אַז ס׳איז כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער יוגנט צו פאָדערן, און צו זייַן אומדאַנקבאַר צום עלטערן דור. ער פאַרגעסט אָבער, אַז ער איז נישט „די יוגנט״ נאָר אַ פּרעטענ־דענט אויף דער פּאָזיציע פון אַ מורה־דרך, וועלכער מעג וויסן אַז צו אַלע טעאָריעס מעג מען אויך צוגעבן אַ ביסל סקעפּטיציזם און לעבנס־דערפאַרונג.

דערווייַל, הייסט עס, נעמט ער זיך די רעכט צו זייַן חוצפּהדיק־יוגנטלעך, און אין זייַן דריטן בריוו לאָזט ער אונדז וויסן אַז מען דאַרף זיך נישט אייַנרעדן, אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז אַ רינגעלע אין דער גאָלדענער קייט, אַ המשך פון יבנה, פומפּדיתא, טאָלעדאָ, אָדער מאַיִנץ, ווו ייִדישע קולטור האָט געבליט. פאַר וואָס? ווייַל אונדזער אידעען־וועלט, אונדזער קוק אויף זיך איז אַנדערש פון די פריערדיקע דורות. און צווייטנס, די פאַרשפּרייטע מיינונג אַז דער אידעאַל פון יושר און צדק איז אַ צענטראַלער קאָמפּאָנענט אין יהדות איז פאַלש; ער איז, לויט האַלקינען, בלויז מאַרגינאַל אין ייִדישקייט. אָבער ביידע אַרויס־זאָגונגען זייַנען באַשיימפּערלעך נישט אמת. אויב מיר זאָלן אין יעדן דור דאַרפן איבערנעמען די גלויבונגען פון די פריערדיקע דורות כּדי זיך צו קענען באַטראַכטן ווי אָנגעהעריקע צום זעלביקן פאָלק, דעמאָלט זייַנען די הייַנטיקע נישט־רעליגיעזע ענגלענדער, פראַנצויזן, און דייַטשן

נישט קיין אַנגעהעריקע צו זייערע פעלקער. דאָס איז דאָך אַן אַבסורד. מיר דאַרפן נישט אָננעמען די אידעען פון די תּנאים, פון ר׳ יהודה הלוי, פון ווילנער גאון, און פון בעש״ט כּדי צו זײַן שטאָלץ מיט זיי, און זיך צו פילן ווי זייערע קרובים; פּונקט אַזוי וועט אַ פרײַדענקערישער פראַנצויז אָדער ענגלענדער זיך פילן שטאָלץ וואָס זייערע פעלקער האָבן פּראָדוצירט אַ רעליגיעזן דענקער ווי פּאַסקאַל, און אַ רעליגיעזן פּאָעט ווי דזשאָן דאָן. אַ חוץ זייערע טעאָסטישע אָנשויונגען האָבן די אַלע דערמאָנטע שעפערישע פּערזענלעכקייטן אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן, און באַזינט דאָס לעבן פון אַ סך דורות.

וואָס שייך דער צווייטער טענה אַז דער אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט איז כּלומרשט אַ נעבנזאַך אין יהדות, מוזן מיר ענטפערן אַז אויב דאָס וואָלט אַפילו געווען אמת, מעג יעדער דור באַטאָנען אין ייִדישקייט יענע ווערטן און אידעען וואָס זײַנען אים צום נאָענטסטן. מען מוז אָבער אָפּפרעגן דעם פּירוש אויף יהדות. זײַנען טאַקע נישט עמוס, נישט ישעיה, נישט מיכה צענטראַל אין ייִדישן וועלטבאַנעם? איז טאַקע דער אידעאַל פון באחרית הימים מאַרגינאַל אין ייִדישקייט? האָבן טאַקע ערשט די דײַטשישע רעפאָרם־ייִדן אויסגעטראַכט די אידעע אַז ייִדישקייט איז אַ ליכט פאַר די פעלקער? און משה העס און אחד העם, און אַ סך אַנדערע ייִדישע דענקערס, וועלכע האָבן איבערצײַגנדיק געשריבן — און זייערע אינטערפּרעטאַציעס האָבן געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג בײַ ייִדן — וועגן דער נביאישער עטיק, זײַנען זיי טאַקע געווען אַזעלכע שאָוויניסטישע נאַציאָנאַליסטן ווי דער מחבר וויל אונדז אײַנרעדן?

אַ ביסל שפּעטער זעט האַלקין אײַן אַז ער איז צו ווײַט פאַרקראָכן אין זײַן אַרונטערדײַסערישקייט. כאַפּט ער צוריק, אַז „פאַרשטייט זיך״ אין יהדות זײַנען דאָ אַלערליי מאָטיוון, און שטימען; ס׳איז אויך פאַראַן אַ „נביאישע אוטאָפּישקייט״, און אוניווערסאַלער יושר, אָבער זיי זײַנען נישט דאָמינירנדיק, און ס׳איז נישט טיפּיש פאַר דער ייִדישער טראַדיציע צו האָבן רחמנות אויף די גויים.

ג

ס׳איז כּדאַי אָנצווײַזן כאָטש אויף אייניקע סתירות אין וועלכע דער מחבר פאַרפּלאָנטערט זיך, אַט האָט ער ערשט דערקלערט פריִער (זײַט 89

אַז משה העס און אחד־העם זײַנען געווען שיער נישט שאָוויניסטן מיט „פּראָזנדרעשערײַ וועגן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, גורל, און ענלעכס״; אַ ביסל ווײַטער הערן מיר אַזאַ שפּאָגל נײַע טעאָריע: ווײַל עטיק איז אוניווערסאַל, דעריבער איז אַלע מאָל דאָ אַ פּאָטענציעלע שפּאַנונג צווישן ייִד־זײַן און זײַן אַן עטישער מענטש; צווישן אָפּגעבן איינעמס לאָיאַלי־טעט צו אַ נאַציע און צום אייגענעם געוויסן. יאָ, עס קענען זײַן קאָנ־פליקטן צווישן נאַציאָנאַלע אינטערעסן און די פּרינציפּן פון יושר. אַזוי, למשל, האָט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל זיך געשפּאָלטן ווייל די דײַטשישע אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן האָבן נישט געוואָלט — צוליב זייערע פּרינציפּן — שטימען פֿאַר די קריגס־קרעדיטן פון דער קייזערלעכער דײַטשישע רעגירונג. דערפֿאַר זײַנען פֿאַראַן אין מדינת ישראל פּאָליטישע גרופּירונגען וועלכע פּרובירן האַרמאָניזירן זייערע ציוניסטישע אײַנ־שטעלונגען מיט זייערע עטישע פּרינציפּן. פון דעם איז אָבער נישט געדרונגען אַז ייִדישקייט און עטיק האָבן נישט קיין שײַכות איינס מיטן אַנדערן. עטישע ייִדן ווי משה העס, ווי מאַרטין בובער, ווי יהודה לייב מאַגנעס, — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע — האָבן טאַקע ענג פאַרבונדן און האַרמאָניזירט זייערע עטישע פּרינציפּן מיטן קאַמף פון ייִדישן פֿאָלק פֿאַר זײַן עקסיסטענץ... דער אויפקום פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם אין מערב־אייראָפּע, פון וועלכן דער ציוניזם איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן, איז דאָך געווען געבונדן מיט דער באַוועגונג פֿאַר יחידישער פרײַהייט, פֿאַר די רעכט פון בירגער. יאָהאַן הערדער, דער פֿאָטער פון דײַטשישן נאַציאָנאַליזם, האָט פײַנט געהאַט דעם פּרײַסישן מיליטאַריזם. מאַדזיני, דער באַגרינדער פון איטאַליענישן נאַציאָנאַליזם, האָט געהאַלטן אַז דעם מענטשנס ערשטער חוב איז צו דער מענטשהייט, און אַז מאָראַל איז נישט באַגרענעצט צו לאַנד און פֿאָלק. אונדזערע אייגענע נאַציאָנאַלע דענקערס חיים זשיטלאָווסקי און שמעון דובנאָוו האָבן פֿאַרקניפּט דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם מיט נביאישער עטיק. זשיטלאָווסקיס מאָטאָ איז געווען: וואָס מער ייִד אַלץ מער מענטש, און וואָס מער מענטש אַלץ מער ייִד. אחד־העם האָט געטרוימט אַז אונדזער פֿאָלק וועט ווערן אַן עם עליון — אַן איבער־פֿאָלק — און עס וועט זיך אויסצייכענען מיט דעם וואָס עס וועט פֿאַרקערפּערן אין זיך דעם אידעאַל פון די נביאים — די אַבסאָלוטע גערעכטיקייט.

פאַר דעם ככל־הגויימניק האַלקין איז גענוג מיר זאָלן שאַפן אין ישראל אַ קולטור ווי די אַלבאַניער, גוואַטעמאַלער, אָדער פינלענדער. די אַלע פריער דערמאָנטע ייִדישע דענקערס, און מיר אַלע וואָס זײַנען אויף זייערע אידעען דערצויגן געוואָרן, האָבן גרעסערע אַספּיראַציעס פאַר ישראל־סבא. צום גליק עקסיסטירט שוין איצט, סײַ אין אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ, סײַ אין דער ייִדישער מדינה, אַ סך אַ רײַכער גײַסטיק ייִדיש לעבן ווי האַלקין וויל אונדז אײַנרעדן.

אָדער אַ צווייטע סתירה. דער אויטאָר, וועלכער וויל גילטן ווי אַ „ווערטן־איבערשאַצער", ניוועלירט אין גאַנצן די שעפערישקייט פון דער דיאַספּאָראַ; ער מאַכט צו נישט אונדזער שטאָלצירן מיט די אײַנשטיינס, פרוידס, באַבעלס, בעלאָוס, און מאַנדעלשטאַמס, און ער פרעגט חכמהדיק: „צי קענען מיר לייענען פון אַ לעווי־סטראָוס, אָדער אַ טשאָמסקי אין אונדזערע סינאַגאָגעס?" (זײַט 104); פלוצלינג האָט דער עקסטרעמער סעקולאַריסט גענומען פאַר אַ קריטעריע פון ייִדישער ווערטפולקייט די סינאַגאָגע, און מעסט אײנעמס ייִדישן אויפטו מיט איר מאָס! ווי פּאַרט זיך דאָס? גלײַך ווי ייִדן וואָלטן נישט געהערט צום מענטשלעכן מין, און די באַרײַכערונג פון דער וועלטקולטור מיט וועלכער זיי לעבן וועט נישט אויך באַרײַכערן זייערע געפילן און געדאַנקען. איז דאָס נישט שמאָל־קעפיקער פּראָווינציאַליזם וואָס מיינט אַז מיט אַזאַ לאָגיק קען מען עמעצן איבערצײַגן. איך מיין אַז, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די זאַנגווילס, די הײַנעס, די באַבעלס און בעלאָוס האָבן געשריבן אויף נישט־ייִדישע שפּראַכן, האָבן זיי עפּעס בײַגעשטײַערט אויך צו דער ייִדישער ליטעראַטור, און אויב עס וועט אַ מאָל אויפשטיין אַ נײַער ישראל ציננבערג וואָס וועט שרײַבן די געשיכטע פון אַ ייִדישער ליטעראַטור אויף פרעמדע שפּראַכן — מיר האָבן שוין איצט אַזעלכע אַנטאָלאָגיעס — וועט ער אײַנשליסן אין איר די דערמאָנטע און אַ סך אַנדערע ייִדן־שרייבערס.

געערכט איז האַלקין אַז די ייִדישע קולטור איז נישט געווען אויס־שליסלעך רעליגיעז; ייִדן האָבן זיך נישט אַלע מאָל באַשעפטיקט מיט דער גאָט־אידעע, און זי האָט נישט שטענדיק פאַרנומען דעם הויפּטפּלאַץ אין זייער לעבן. ווי אַלע מענטשן זײַנען אויך ייִדן געווען פאַרנומען מיטן קאַמף פאַר עקסיסטענץ, ליבן, האָבן קינדער, זיך אַמוזירן, א.א.וו.

עס איז אויך אומאָפּפרעגלעך אַז מע קען און מע דאַרף ספעקולאַריזירן די טראַדיציאָנעלע ייִדישע קולטור אויף אַן אופן אַז זי זאָל אי פאַרבלײַבן ייִדיש אין אַלע אַספּעקטן, אי גלײַכצײַטיק דינען ווי אַ יסוד פֿאַר אַלע מענטשן. דאָס, מיינט ער, קען מען דערגרייכן, ווײַל דער יסוד איז שוין אויפגעבויט געוואָרן. ער באַקלאָגט זיך, מיט רעכט, אַז ישראל האָט אַרויסגעוואָרפן אין גאַס כאַפּ־לאַפּ טיילן פון אונדזער פאָלקסקולטור, אַזוי אַז עס בלײַבן בלויז פראַגמענטן; דאַרף מען זײַן שפּאָרעוודיק מיטן איבעריקן. נאָר אויב אַזוי, וווּנדערט אונדז פֿאַר וואָס ער שטעלט זיך נישט אײַן מע זאָל אין דער ייִדישער מדינה פּרעזערווירן, דורך אײַנפירן דעם לימוד אין די פאָלקשולן, דעם גערעדטן ייִדיש, דאָס ייִדישע פאָלקס־ליד, דעם ייִדישן פאָלקלאָר. פֿאַר וואָס נעמט מען נישט אַרײַן אין די כרעסטאָמאַטיעס פון די דאָרטיקע פאָלקסשולן — כאָטש אין העברעיִשער איבערזעצונג — די רײַכע ייִדיש־ליטעראַטור? בלויז עטלעכע קלאַסיקערס האָבן זוכה געווען צו זײַן אַ ביסל פאַרטראָטן אין די ישראלדיקע שולביכער.

אין לעצטן בריוו לאָזט האַלקין זײַן פיקטיוון קאָרעספּאָנדענט אים פרעגן אַ האַרבע שאלה: אויב דו זעסט, אין בעסטן פאַל, פאַר אונדז פאָרויס אין דער צוקונפט, אין ישראל, אַ נאַציאָנאַלע קולטור ככל־הגויים ווי אַלבאַניע און גוואַטעמאַלאַ, וועט דאָס זײַן דער תּכלית פון דער ייִדישער געשיכטע? צוליב דעם האָבן מיר געליטן און געשטאָרבן? וועט דאָס אונדז געבן אַ זכות־הקיום? אויף דעם ענטפערט ער, אַז מע דאַרף פילן מ'איז אַ ייִד; אַז מיר אַליין דאַרפן זיך, אויב מיר ווילן, זײַן געטרײַ צו זיך. נאָר אויב אַזוי, וואָס וועט דער מחבר אויפטאָן מיט זײַן אַרונטער־רײַסן בײַ אַמעריקאַנער ייִדן זייער גלויבן אין דער צוקונפט פון אַ ייִדישן המשך אין אַמעריקע? מען מוז שטאַרק צווייפלען צי דאָס וועט פירן צו אַן עליה קיין ישראל.

דער אַמאָליקער געשריי ככל־הגויים, איז געווען דער אויסדרוק פון אַ שפּלות־קאָמפּלעקס, און אויך בײַ האַלקינען זעט עס זיך שטאַרק אָן. דערצו הערט מען אין זײַנע „בריוו" אָפּקלאַנגען פון מיכה יוסף בערדי־טשעווסקיס (1922־1865) „איבערשאַצונג פון ווערטן", מיט זײַנע ניטשע־אַנישע איבערטרײַבונגען און איינזײַטיקייטן. און נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער מחבר מיינט אַז ער איז געוואַלדיק סאָפיסטיצירט און אָריגינעל אין זיין צוגאַנג צו דער הײַנטיקער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק,

איז ער פּאַקטיש אַ דאָגמאַטישער, סימפּליציסטישער „אָדער־אָדער״־דאָק־טרינער: אָדער תּפוצות, אָדער ישׂראל. אין דער אמתן, האָבן ייִדן שוין איצט סײַ אין ישׂראל — ווי אַ מערהייט־קולטור — סײַ אין אַמעריקע, ווי אַ מינדערהייט־נאַציאָנאַליטעט, אויפגעבויט אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק רײַך גײַסטיק לעבן וואָס איז פֿול מיט מעגלעכקייטן און צוזאָגן פֿאַר דער צוקונפֿט.

(1979)

(פון רעכטס): שואל גוטמאַן, קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, י. מעצקער, יעקב גלאַטשטיין.

שטייען (פון רעכטס): ל. פיינבערג, ב. רעסלער, פישל בימקאָ, י. לאַנדאַו, א. שעכטער, ש. גוטמאַן, ח. בעז.
זיצן (פון רעכטס): יוסף רובינשטיין, י. י. שוואַרץ, רחל קאָרן, א. גלאַנץ־לעיעלעס, יעקב פאַט.

ליטעראַטור און דיכטונג

רעדן, שווייַגן און אוממענטשלעכקייט

אין דער אַזוי גערופֿענער ציוויליזירטער וועלט גייט אַרום אַ לעגענדע, וואָס איז שוין ווייניקסטנס צוויי הונדערט יאָר אַלט. די לעגענדע וואָס האָט זיך שטאַרק אַנגענומען, אי בײַ ייִדן, אי בײַ גויים — אָנהייבנדיק פֿון דער השׂכּלה־עפּאָכע — באַשטייט אין דעם אַז וויסן, בילדונג, אינפֿאָר־מאַציע פֿירט דירעקט צו חכמה, צו גוטסקייט, צו אַחריות פֿאַרן מיטמענטש. און כאָטש אונדזערע ביטערע דערפֿאַרונגען במשך דעם הײַנטיקן יאָר־הונדערט, ווען הויך־געבילדעטע מענטשן האָבן געפּריידיקט און פּראַקטי־צירט — אין טאָטאַליטאַרע מלוכות — ברוטאַליטעט און אַכזריות, כאָטש אָט די דאָזיקע דערפֿאַרונגען האָבן צעלעכערט און אונטערמיגירט דעם גלויבן אין וויסן ווי אַ טיר צו מענטשלעכקייט און רחמנות, וויל פֿון דעסטוועגן די לעגענדע נישט שטאַרבן.

נישט ווייניקער פֿאַרשפּרייט איז די צווייטע הנחה, וואָס איז דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער ערשטער, אַז די ליטעראַטור, די מוזיק, די קונסט הומאַניזירט, פֿאַראיידלט דעם מענטש, און מאַכט אים סענסיטיוור צו יענעמס לײַדן. צי קענען מיר נאָך איצט, פּנים אל פּנים מיט דעם באַר־באַריזם פֿון אונדזער צײַט, אַזוי טראַכטן? צי קענען מיר איצט גאָר רעדן וועגן אַ ליטעראַרישער, הומאַניסטישער קולטור — הײַנט ווען פּייניקונגען, טאָרטורן זײַנען געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך אין פּאָליטישן לעבן פֿון די מערסטע לענדער? מיר ווייסן דאָך, אַז אַ טייל פֿון די מענטשן וואָס האָבן פּלאַנירט און פֿאַרוואַלטעט מיט אוישוויץ און בוכענוואַלד האָבן געלייענט שעקספּירן און געטען. „די שוואַרצקייט פֿון סאַדיזם איז נישט אויפֿגע־קומען אין גאָבי־מדבר, אָדער אין די וועלדער פֿון אַמאַזאָן. זי איז אויפֿגעקומען פֿון אינעווייניק, אין האַרץ פֿון דער אייראָפּעיִשער ציוויליי־זאַציע. דעם געשריי פֿון די דערמאָרדעטע האָט מען געקענט הערן אין די אוניווערסיטעטן; דער סאַדיזם איז אַנגעגאַנגען איין גאַס ווײַטער פֿון די טעאַטערס און מוזייען. בײַם סוף פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט האָט וואָלטער געגלייבט אַז עס נעמט אַ סוף צו פֿיזישע פּײַניקונגען... אין אונדזער

צײַט זײַנען די הויכע פּענצטער פון ליטעראַטור, פילאָסאָפיע, קונסט געוואָרן די ראַם פאַר בעלזען". אַזוי דערקלערט אונדז דזשאָרדזש סטיינער אין אַרײַנפיר צו זײַן בוך: „שפּראַך און שווײַגן"* — אַ בוך וואָס הערט נישט אויף צו זײַן אַרויסרופעריש, מאָנענדיק און ברענענדיק אַקטועל.

„שפּראַך און שווײַגן" באַשטייט פון עסייען איבער ליטעראַטור, פּאָליטיק, און דער קאָרופּציע פון שפּראַך צוליב טאָטאַליטאַרע ליגנס און קולטורעלער צעפאַלונג. אָבער די אַלע ענינים זײַנען אונטערגעוואָרפן איין צענטראַלער טעמע: דאָס לעבן פון שפּראַך, און די ענערגיע פון וואָרט אין אונדזער קולטור; די שײַכות פון שפּראַך צו די פאַלשקייטן וואָס זי איז געוואָרן געצוווּנגען אויסצודריקן אין טאָטאַליטאַרע רעזשימען. סטיינער פּרובירט ענטפערן אויף דער פראַגע: צי פאַרלאָזן מיר אַן עפּאָכע פון ווערבאַלן פּרימאַט און מיר גייען אַרײַן אין אַ פּעריאָד פון שפּראַך־צעפאַלונג, פון נאָך־לינגוויסטישע פאָרמען, און אפשר גאָר פון טיילווײַזן שווײַגן? ס'איז אַן אײנהײַטלעך בוך, נישט געקוקט אויף דער פאַרשידנקייט פון די טעמעס וואָס ווערן באַהאַנדלט, ווײַל אין יעדער עסיי הערן מיר דעם זעלבן לייטמאָטיוו וואָס ווערט כּסדר וואַריאירט, ניואַנסירט און פאַרשטאַרקט.

ב

דזשאָרדזש סטיינער איז געבאָרן געוואָרן אין פּאַריז ביי ייִדישע עלטערן, וואָס האָבן געשטאַמט פון ווין. אין עלטער פון 11 יאָר האָט זײַן פאַמיליע אים געבראַכט קיין אַמעריקע, ווו ער האָט באַקומען זײַן בילדונג. אין 1959, ווען ער איז אַלט געווען 30 יאָר, האָט ער פאַר־עפנטלעכט אַ בוך אין ענגליש: טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, וואָס האָט אַ דאַנק דער אָריגינעלקייט און מײַסטערשאַפט געמאַכט אַ רושם אין דער אינטעלעקטועלער וועלט. הײַנט־צו־טאָג איז ער פּראָפעסאָר אין קעמברידזשער אוניווערסיטעט (ענגלאַנד) און אַן אינטערנאַציאָנאַל אָנ־ערקענטער ליטעראַטור־קריטיקער, וועמענס עסייען מען באַגעגנט אָפט אין אַמעריקאַנער און בריטישע ליטעראַרישע זשורנאַלן. אָבער, נישט

* Language and Silence; George Steiner, Atheneum, New York, 1967, 426 pp.

געקוקט אויף זײַן באַרימטקייט אין דער נישט־ייִדישער אינטעלעקטועלער וועלט, הערט ער נישט אויף זיך צו באַשעפטיקן און צו גריבלען אין זײַן ייִדישער אידענטיטעט, אין די קאַשמאַרן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אין קריזיס אין דער מערב־ציוויליזאַציע. ער קען נישט, ווי אַ סך אַנדערע פון־ייִדן־אָפּשטאַמענדיקע אינטעלעקטואַלן, יוצא זײַן מיטן פּזמון „איך קען עס נישט פאַרשטיין" — און גלײַך אַריבערגיין צו דער פאַרמבולדיקער אידעאָלאָגיע פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער איזם. ער האַלט אַז „מענטשן זײַנען מיטבאַטייליקטע אין דעם וואָס לאָזט זיי גלײַכגילטיק".

זײַן גרונטטעזיס וועגן דער שײַכות צווישן שפּראַך און אוממענטש־לעכקייט קען מען אַזוי סומירן: די דײַטשישע שפּראַך איז נישט מער דאָס לשון פון גטעט, הײַנע און טאָמאַס מאַן; אַ שרעקלעכע דעסטרוקציע איז אין איר פאָרגעקומען. שפּראַכן זײַנען לעבעדיקע אָרגאַניזמען וואָס האָבן אין זיך אַ פעיִקייט אײַנצוזאַפּן לעבנס־כּוחות, צו וואַקסן און זיך אַנט־וויקלען, אָבער זיי קענען אויך וועלקן, זיך צעפאַלן און שטאַרבן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן די נײַע דײַטשישע ליגנוויסטן, פּונקט ווי די פריערדיקע ערב־מלחמהדיקע פילאָלאָגן, פאַרוואַנדלט דײַטש אין אַ פּאָליטיש געווער כּדי צו דעגראַדירן די ווערדע פון מענטשלעכער שפּראַך צו דער מדרגה פון בילנדיקע וועלף. דער נאַציזם האָט געפונען אין דער שפּראַך פּינקטלעך דאָס וואָס ער האָט געדאַרפט כּדי אויסצודריקן זײַן ווילדקייט.

אַוודאי וויסט סטיינער, אַז אַ היטלער וואָלט געפונען רעזערוואַרן פון האַס און מאָראַלישן אַנאַלפאַבעטיזם אין יעדער שפּראַך, אָבער צוליב דער דײַטשישער געשיכטע, ספּעציעל נאָכן אויפקום פון דײַטשישן שאָוויניזם אין ביסמאַרק־פּעריאָד, איז אין ערגעץ נישט געווען אַזאַ רעזערוואַר פון האַס נאָענט צו דער אייבערפלאַך פון דער פאָלקסשפּראַך ווי אין דײַטש. ווי קען, למשל, דאָס וואָרט „שפּריצן" (אין „האָרסט וועסל ליד") צוריק־קריגן אַ לײַטישן זין נאָך דעם ווי עס האָט באַצייכנט פּאַר מיליאָנען מענטשן דאָס שפּריצן פון ייִדיש בלוט אונטערן מעסער? ביסלעכווײַז האָבן ווערטער פאַרלאָרן זייער לכתּחילהדיקן זין, און אַנגענומען קאַש־מאַרע באַדײַטונגען. אָדער „ענדגילטיקע לייזונג", וואָס האָט אָנגעהויבן מיינען דער טויט פון זעקס מיליאָן ייִדן אין גאַזאויוונס. שפּראַכן האָבן טאָקע גרויסע לעבנס־רעזערוון, און זיי קענען אײַנזאַפּן אַ סך היסטעריע,

ביליקייט, אַנאַלפאַבעטיזם, אָבער עס קומט אַ פּונקט ווען עס מוז פּלאַצן; באַנוץ די שפּראַך צו פּלאַנירן און באַרעכטיקן אוישוויץ; באַנוץ זי צו אַנטמענטשן דעם מענטש אין משך פון צוועלף יאָר אויסגערעכנטער בעסטיאַליטעט — און עפּעס וועט געשען מיט דער שפּראַך; עפּעס פון די ליגנס און סאַדיזם וועט אַרײַן און זיך באַזעצן אין דער נשמה פון דער שפּראַך.

אין זײַן טאָגבוך פון 1940 האָט קלאַוז מאַן באַמערקט, אַז ער קען מער נישט לייענען די נײַע דײַטשישע ביכער: „קען עס זײַן — פרעגט מאַן — ווײַל היטלער האָט פאַרפּעסטעט די שפּראַך פון ניטשע און העלדער־לין?" יאָ, ענטפערט סטיינער, אַזוי איז עס טאַקע. הערמאַן בראָך וואָס איז געווען אין גלות האָט בײַם סוף פון זײַן לעבן געפילט, אַז מיר וועלן דאַרפן צווישן זיך קאָמוניקירן נישט דורך שפּראַך, נאָר אפשר דורך מאַטעמאַטיק — די אַנדערע זײַט פון שווײַגן.

דער זעלביקער טעזיס ווערט ווײַטער אַנטוויקלט אין דער עסיי „שטילקייט און דער פּאָעט". דאָ פּרובירט סטיינער אָנווענדן זײַן קרי־טעריע אויף אַ ברייטערן שטח, נישט נאָר אויף דײַטשלאַנד. ער מיינט, אַז די ווערבאַלע רעסורסן פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע בכלל זײַנען אויסגעשעפּט; אַז די מאַסן־ און רעקלאַמע־קולטור פון אונדזער צײַט האָט דעוואַלווירט דאָס וואָרט. ווי קען דאָס נײַע, דאָס דיסקרימינירנדיקע וואָרט וואָס איז ווערט געזאָגט צו ווערן; ווי קען אָט דאָס וואָרט קריגן אַ געלעגנהייט געהערט צו ווערן אין מיטן דעם טומל פון אַ ווערטער־אינפלאַציע?

און אפשר, פרעגט סטיינער, איז דאָ אַן אַנדער דרך: די שפּראַך זאָל אין גאַנצן אויפהערן? דער פּאָעט זאָל אין גאַנצן ווערן שטיל? ער דערמאָנט אונדז, אַז די פּאָעטן אַרטור רעמבאָ און העלדערלין האָבן אויסגעקליבן דאָס שווײַגן. אין עלטער פון 30 יאָר האָט דער דײַטשישער פּאָעט, וועלכער האָט געלעבט ביז 66, פאַרענדיקט זײַן שאַפן, און דער פראַנצויזישער דיכטער האָט אָנגעשריבן זײַן ווערק „אַ סעזאָן אין גיהנום", אין עלטער פון 18, און מער נישט געשריבן, אַחוץ זײַנע בריוו. אָבער דער ערלעכסטער ניסיון צו לעבן און שווײַגן הייבט זיך ערשט באמת אָן אין אונדזער צײַט, ווײַל די אוממענטשלעכקייט פון 20סטן יאָרהונדערט

און געוויסע עלעמענטן אין דער מאַסן־געזעלשאַפט האָבן געשעדיקט דער שפּראַך.

אין קאַפקאַס בריוו צו זיין געליבטער מילענאַ זעט סטיינער אַ באַ־שטעטיקונג פון זיין טעזיס. פראַנץ קאַפקאַ האָט געהאַלטן אין איין באַטאָנען ווי האָפענונגסלאָז ס׳איז פאַרן שרייבערס אויפגאַבע צו געפינען אַ נישט־פאַרפלעקטע, נישט־אויסגעהוילטע, נישט־קלישייען־שפּראַך. נישט בלויז אַלעגאָריש, נאָר מיט פּינקטלעכער העלזעערישקייט האָט קאַפקאַ דערהערט דעם זשאַרגאָן פון טויט ווי ער ווערט אַלץ העכער אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך. ער האָט פאַרשטאַנען און פאָרויסגעזאָגט, אַז אַ גרויסע אוממענטשלעכקייט ליגט אָנגעגרייט פאַרן אייראָפּעיִשן מענטש, און אַז טיילן פון דער שפּראַך וועלן מיטהעלפן אין דעם און וועלן במשך דעם פּראָצעס ווערן דעגראַדירט. דערפאַר האָט קאַפקאַ געפונען אַ מעטאַ־פאָרישן אופן זיך אויסצודריקן. דאָס זעלביקע האָט אויך געטאָן הוגאָ פאָן האָפמאַנסטאַל, און ניין יאָר נאָך קאַפקאַס טויט — אין 1933 — האָט אַרנאָלד שיינבערג אָפּגעשלאָסן זיין אָפּערע „משה און אהרן" מיטן אויסגעשריי: „אָ וואָרט, דו וואָרט וואָס איך פאַרמאָג נישט!" ענלעכס הערן מיר פון דראַמאַטורג יאָנעסקאָ: „עס זיינען נישטאָ קיין ווערטער פאַר דער טיפסטער דערפאַרונג. וואָס מער איך וויל זיך דערקלערן, אַלץ ווייניקער פאַרשטיי איך זיך. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלץ איז אומ־אויסדריקבאַר אין ווערטער, נאָר בלויז דער לעבעדיקער אמת".

צי האָט אונדזער ציוויליזאַציע צוליב איר אוממענטשלעכקייט פאַר־לאָרן איר רעכט צו האָבן ליטעראַטור? נישט אויף אייביק און נישט אומעטום, ענטפערט דער קריטיקער סטיינער. אין אַ צייט פון בעסטיאַ־ליטעט איז שוויַיגן אַן אַלטערנאַטיווע צו רעדן: „ווען די ווערטער אין דער שטאָט זיינען פול מיט ווילדקייט און ליגן, דעמאָלט רעדט קיין זאַך נישט העכער ווי די נישט־געשריבענע פּאָעמע". מיט די דאָזיקע פּאָעט־טישע ווערטער פאַרענדיקט סטיינער זיין פּאָעטישע עסיי וועגן דיכטונג און אונדזער צייט. אָן ספק קען מען מיט לאָגישע אַרגומענטן אָפּפרעגן דעם טעזיס — און אונדזערע יידיש־פּאָעטן האָבן אין לידער און עסייען געפירט דיאַלאָגן מיט זיך, און זיך געמוסרט וועגן דער זינלאָזיקייט צו קענען אויסדריקן דורכן וואָרט אונדזער דריטן חורבן — אָבער זיי האָבן די דאָזיקע דיאַלאָגן... אָנגעשריבן.

דער דיכטער אַהרן צייטלין, אפשר מער ווי יעדער אַנדערער יידישער פּאָעט, וואַרפט זיך כּסדר פּאַר „די זינד פון לידער״:

מחבר, הער אויף מיט דיינע וויסטע ריידערייען.
אויף די חורבות פון מיין נייעם,
מיין גרעסטן, מיין שרעקלעכסטן
חורבן ירושלים,
לאָז מיך דאָס געשריי פון וועלטן שרייען.
שטער מיר נישט מיט דיין ווערעמדיקער ריידעריי,
מיט דיין ליטעראַטורעכץ
שטום און שוידער ווען איך שריי.

און ווען דער דיכטער דערמאָנט זיך, אַז אויך נאָכן חורבן ירושלים האָט פון דעסטוועגן ירמיה פאַרפאַסט, לויט די כּללים פון דער פּאָעזיע אין יענער צייט, זיין עלעגיע איכה, פילט נאָך אַלץ דער היינטצייטיקער יידישער פּאָעט, אַז דעם דריטן חורבן קען מען אין ווערטער נישט אויס־דריקן:

ווען ירמיה זאָל איצט זיצן אויף ישראלס אַשן
וואָלט ער נישט אויסגעקלאָגט קיין איכה
און וואָלט די חורבות מיט קיין טרערן נישט געוואַשן.
עפּענען דעם קוואַל פון זיינע טרערן וואָלט נישט קאָנען
גאָט אַליין. צוגלייך מיט די מיליאָנען
פון פאַרברענטן פאָלק וואָלט ער געשוויגן
דאָס געהיימסטע שוויגן.
איצט איז דאָך געשריי אַפילו ליגן,
אַפילו טרערן זענען נאָר ליטעראַטור,
אַפילו תּפילות ליגן.

ג

זיין „מדרש״ וועגן שפּראַך, רעדן און שווייגן זעצט סטיינער פּאָר אין דער עסיי איבער פראַנץ קאַפקאַ. קאַפקאַ, האַלט ער, שטעלט אַוועק די פראַגע פון שווייגן אויפן ראַדיקאַלסטן וועג, ווייל ער איז געווען אַ

נביא וועלכער האָט פאַרויסגעזאָגט, מיט אַלע איינצלהייטן, די אָנקומענ־דיקע גרוילן. זײַן „פּראָצעס" צייכנט אָן דעם מאָדעל פון דער טעראָר־מלוכה, און ער מאָלט אונדז אויס דעם מענטש וועלכער איז רעדוצירט געוואָרן צו אַ געמאַטערטן וואָרעם. דער גרויסער קינסטלער קאַפקאַ האָט פאַרמאָגט די אַנטענעס וועלכע האָבן דערגרייכט צום ראַנד פון דער קעגנוואָרט, און ער האָט געקענט זען אין דער פינצטערניש. די מיט־גלידער פון קאַפקאַס פאַמיליע זײַנען אומגעקומען אין די דײַטשישע גאַז־אויוונס.

אַז די וועלט פון אוישוויץ ליגט אויף יענער זײַט פון שפּראַך און פאַרשטאַנד — דאָס איז אַ טרויזם פאַר אַלע מענטשלעכע מענטשן. אויב מען רעדט וועגן דעם וואָס לאָזט זיך נישט רעדן, ריזיקירט מען דערבײַ מיט דעם המשך פון שפּראַך ווי דער באַשאַפער און טרעגער פון אַ הומאַנעם און ראַציאָנאַלן אמת. ווערטער וואָס זײַנען אָנגעזאָפּט מיט ליגן און גרויזאַמקייט קענען נישט צוריקקריגן זייער לעבנספונק. קאַפקאַ פרעגט דעריבער: צי איז מעגלעך אָנצוהאַלטן פּאָעזיע, ליטעראַטור, אין אַ צײַט ווען מענטשן קענען אַפילו נישט אויסשרײַען זייערע ווייטיקן? און אין דער פראַגע, האַלט סטיינער, זעט מען קאַפקאַס ייִדישקייט. ס'איז באַקאַנט, אַז קאַפקאַ האָט אַ סך געלערנט פון דער חסידישער טראַדיציע; אַז ער האָט געהאַט אַן אינטערעס אין ציוניזם; אַז ער האָט מקנא געווען די עמאָציאָנעלע גאַנצקייט פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן. אָבער, מען דאַרף אָוועקשטעלן קאַפקאַס אויפטוען און שטילקייטן אין קאָנטעקסט פון דער ייִדישער סענסיביליטעט אין שײַכות צו אייראָפּעיִשע שפּראַכן און ליטעראַטורן; און דאָס פּרובירט סטיינער טאָן.

קאַפקאַ איז, לויט סטיינערן, געווען צעריסן צווישן דער דײַטשישער טשעכישער און ייִדישער קולטור; ער האָט זיך געפילט שולדיק מיט זײַן דײַטשישקייט, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז דער פּאַקט וואָס די פּראַגער ייִדן האָבן זיך אַסימילירט מיט דער דײַטשישער קולטור איז געבויט אויף דער פאַלשער האָפענונג, אַז זיי וועלן ווערן שותפים אין די אייראָפּעיִשע ליבעראַלע ווערטן, און דורך דעם וועלן זיי אויסדריקן זייער עמאַנצי־פּירטקייט. אָבער דער אייראָפּעיִשער ייִד, וואָס האָט אויפגעגעבן העברעיִש און ייִדיש, האָט אין דער זעלביקער צײַט געדאַרפט אָנטאָן זײַן ייִדישע סענסיביליטעט אין לבוש פון זײַנע אונטערדריקערס — ווען ער האָט זיך

אַסימילירט מיט זייערע שפּראַכן. אָבער, באַטאָנט סטיינער זייער ריכטיק, אַ דרויסנדיקער קען באַהערשן אַ פרעמדע שפּראַך, אָבער ער ווערט זעלטן אינטים פאַרקניפּט מיט איר אומדעפינירבאַרער און אונטערערדישער באַוועגונג. די ייִדיש־דײַטשישע שרײַבערס האָבן געשטרעבט צוזאַמענצוגיסן זייער ייִדישע ירושה, די אייגנאַרטיקייט פון זייערע סאָציאַלע און היס־טאָרישע באַדינגונגען מיט אַ געבאָרגטער שפּראַך, און דאָס האָט געמוזט פירן צו אַן אינערלעכער צעשפּאַלטנקייט.

אין זײַן טאָגבוך פון 24סטן אָקטאָבער, 1911, שרײַבט קאַפקאַ אַזוי: „נעכטן האָב איך אײַנגעזען אַז איך האָב נישט אַלע מאָל ליב געהאַט מײַן מאַמע ווי זי פאַרדינט עס, און ווי איך קען — בלויז ווײַל די דײַטשישע שפּראַך האָט עס נישט דערלאָזט. די ייִדישע מאַמע איז נישט קיין ‚מוטער׳. צו רופן זי ‚מוטער׳ מאַכט זי קאָמיש... פאַר אַ ייִד איז ‚מוטער׳ ספּעציפיש דײַטש; עס באַצייכנט אומבאַוווּסטזיניק צוזאַמען מיט קריסטלעכן גלאַנץ אויך קריסטליכע קאַלטקייט... איך גלייב, אַז ס׳זײַנען בלויז די זכרונות פון געטאָ וואָס פרעזערווירן די ייִדישע פאַמיליע, וואָרעם דאָס וואָרט ‚פאַטער׳ איז אויך נישט ענלעך צום ייִדישן ‚טאַטע׳.״ סטיינער קומט דעריבער צום אויספיר אַז קאַפקאַ האָט זיך געפילט אין דער דײַטשישער שפּראַך ווי אַ רײַזנדיקער אין אַ האָטעל: „פאַר וואָר, מען קען זען אין קאַפקאַן אַ וואָרענונג צום ייִדישן זשעני, אַז וואָרשײַנלעך אין העברעיִש, נישט אין געבאָרגטן לבוש פון אַנדערע שפּראַכן, וועט אַ ייִדישע ליטע־ראַטור שלאָגן וואָרצלען״.

ס׳איז אָבער מאָדנע אומפאַרשטענדלעך און סתּירהדיק וואָס סטיינער ווענדט נישט אָן די זעלביקע לאָגיק אויף זיך אַליין און זײַנס גלייכן, וואָס שאַפן אויף אַ פרעמדער שפּראַך — אויף ענגליש. אַוודאי האָט די ייִדישע קולטור און איר עטאָס אַ סך מער פאַרשטענדעניש באַקומען ביי דער אַנגלאָ־סאַקסישער עליטע, ווי זי האָט ווען עס איז געהאַט אין די דײַטשישע לענדער. דאָך איז ענגליש נישט קיין ייִדישער אידיאָם וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף אונדזער גײַסטיקן באָדן און פאַרוועבט אין אונדזער היסטאָרישער דערפאַרונג. עס איז אויך ווייטיקדיק וואָס אַזאַ אויטענטישער און טיף ערלעכער שרײַבער ווי סטיינער האָט נישט פּרובירט ביז איצט זיך ווידמען — ווי ער טוט עס צו באַרימטע ייִדן אין פרעמדע שפּראַכן — צו עכט ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס אין

ייִדיש און העברעיִש. אָבער, ווער ווייסט? דער קריטיקער איז נאָך יונג גענוג צו קענען זיך דערטראַכטן צו די קאָנסעקווענצן פון זײַנע אייגענע מחשבות... אפשר?

ד

„אַ סאָרט לעבנגעבליבענער" געהערט צו די סאַמע צענטראַלע און אַקטועלע עסייען אין בוך, און זי האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג צווישן היגע ייִדישע סטודענטן און אין די אַקאַדעמישע קרײַזן פון מדינת־ישראל. ס'איז אַ חשבון־הנפש פון אַ סענסיטיוון ייִדישן אינטעלעקטואַל בײַ וועמען אונדזער דריטער חורבן האָט צעטרייסלט די יסודות פון זײַן וועלט און האָט געפירט צו אַן איבערשאַצונג פון דער מערב־אייראָפּעיִשער קולטור, איר קונסט און ווערטן. און הגם סטיינער שטרײַכט אונטער, אַז ער פּרעטענדירט נישט צו רעדן פאַר אַנדערע; אַז ער איז נישט דער פירשפּרעכער פון קיין שום אידעאָלאָגישער ריכטונג אין ייִדישן לעבן — פון דעסטוועגן האָבן זײַנע רייד געפונען אַן אָפּקלאַנג בײַ אַ סך בלאָנ־דזשענדיקע און זוכנדיקע, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם קאָמפּאַס אין אונדזער צערודערטער צײַט. דאָ דערציילט אונדז דער קריטיקער, אַז כאָטש ער אַליין האָט נישט געליטן פון די נאַציס, דאָך פילט ער זיך ווי אַ ניצול געוואָרענער, ווי אַ באַשעדיקטער, ווײַל דאָס וואָס עס איז געשען אין אייראָפּע בעת דעם חורבן קען ער נישט אָפּטיילן פון זיך, פון זײַן אידענ־טיטעט. „דאָס צעשטערטע ייִדישע לעבן אין אייראָפּע האָט פאַרקערפּערט אַ ספּעציעלע גאונות, אַ קוואַליטעט פון אינטעליגענץ און געפיל, וואָס קיין שום איצטיקער ייִדישער קיבוץ האָט נישט פּרעזערווירט און נישט צוריק אויפגעשטעלט. און ווײַל איך פיל די דאָזיקע ספּעציפישע ייִדישע ירושה אין אַלע מײַנע רעפלעקסן, אין דער אַרבעט וואָס איך פּרוביר טאָן, דערפאַר בין איך אַ געוויסער סאָרט לעבנגעבליבענער".

אין פּרט פון סעקולערן געדאַנק און אויפטוונגען האָט די תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אוישוויץ אַריבערגעשטיגן די גאָלדענע תקופה אין שפּאַניע. אָן דעם צושטײַער וואָס ייִדן האָבן געגעבן דער מערב־קולטור אין די הונדערט יאָר פון 1830 ביז 1930 וואָלט זי געווען אַ סך אָרעמער. דער ייִדישער הומאַניזם — ווי סטיינער באַצייכנט דעם ייִדישן בײַטראָג — איז אָפּגעווישט געוואָרן;

דאָס אייראָפּעיִשע ייִדנטום און זײַן אינטעליגענץ זײַנען דערשטיקט געוואָרן צווישן די צוויי מערדערישע כוואַליעס פון נאַציזם און סטאַליניזם. אָט דאָס האָט געמוזט פירן דערצו, אַז ייִדן זאָלן ווערן פאַרדעכטיק בנוגע דער מערב־ציוויליזאַציע, אירע אידעאַלן און היסטאָרישע טראַדיציעס.
ווי אַ „ראַדיקאַלער הומאַניסט" זעט סטיינער די געפאַרן פון הײַנטצײַטיקן נאַציאָנאַליזם וואָס דעגענערירט אָפט ביז שאָוויניזם. אַ ייִד, וועלכער שטעלט זיך קעגן דער פּראָווינציעלער גרויזאַמקייט, צו וועלכער נאַציאָנאַליזם דערפירט, צאָלט דערמיט אָפּ אַן אַלטן חוב, ווײַל דער אידעאַל פון מענטשלעכער ברידערלעכקייט שטאַמט פון ייִדן. און כאָטש קאַרל מאַרקס איז געווען אומגערעכט מיט זײַן ראָמאַנטישן אינטערנאַציאָנאַליזם און דער אידעאַל פון אַ נישט־נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט איז ווײַט פון דער ווירקלעכקייט, פון דעסטוועגן איז נישטאָ, קיין אַנדער אויסוועג, אויב דער מענטש וויל זיך נישט צעשטערן. „די ערד ווערט צו ענג, צו געפּלאָגט פון שאָטן פון הונגער צו פּטרן באַדן אויף שטעכיקע דראָטן... און דער ייִד וואָס וועט רעווידירן זײַן שײַכות צווישן געוויסן און התחייבות און ער וועט בנוגע זײַן נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט זײַן אַחריות־דיק און אויך סקעפּטיש און מענטשלעך, דער ייִד קען ווירקן ווי אַ ווערטפולער מאַנער".

אָט דערפאַר, פירט סטיינער אויס אין זײַן „ווידוי־עסיי", קען ער זיך נישט באַזעצן אין ישראל. ער ווייסט, אַז מדינת־ישראל וואָס איז געבאָרן געוואָרן צוליב אַנטיסעמיטיזם און אוממענטשלעכקייט מוז, כּדי זי זאָל בלײַבן לעבן, ווערן אַ באַוואָפנטע פעסטונג; שאָוויניזם איז שיער נישט אַ נייטיקער תּנאַי פאַר איר עקסיסטענץ און „הגם דער קיום פון ייִדישן פאָלק איז אפשר אָפּהענגיק פון ישראל, איז די נאַציע־מלוכה אַן אַבסורד אין יאָרהונדערט פון איבערגעפּאַקטע מענטשן און דאָס איז פּרעמד פאַר אַ טייל פון די ראַדיקאַלסטע הומאַנע עלעמענטן אין ייִדישן גייסט". דערפאַר וויל סטיינער בלײַבן אין דרויסן, אין דער קעלט, ס׳הייסט אין די תּפוצות.

אויפן גרונט פון איבער אַ פערטל יאָרהונדערט עקסיסטענץ פון מדינת־ישראל איז לײַכט אָפּצופרעגן סטיינערס הנחות, הגם מ׳קען נישט לייקענען, אַז די סכּנה פון אַן עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם שוועבט דער־ווײַל איבער ישראל. אָבער נישט געקוקט אויף דעם וואָס מדינת־ישראל

איז געצוווּנגען צוליב אירע שונאים צו לעבן מיט דער שווערד אין איין האַנט, לאָזט זי אויך נישט אַרויס דעם ספר פון דער אַנדערער האַנט. די מדינה, וואָס מוז אָפּגעבן אַ גרויסן טייל פון איר בודזשעט, ענערגיע און חכמה, אויף אַליין־פאַרטיידיקונג, שמידט פון דעסטוועגן ווײַטער „די גאָלדענע קייט" פון וועלטלעכער און רעליגיעזער ייִדישער קולטור. אַ גרויסער טייל פון דער ישראל־געזעלשאַפט שאַפט, קולטיווירט און לעבט מיט די ווערטן פון „ראַדיקאַלן הומאַניזם", פאַר וועמענס יורש און פירשפּרעכער סטיינער באַטראַכט זיך מסתּמא.

ה

ווי אַ הומאַניסטישער ייִדישער דענקער דערגרייכט אפשר סטיינער דעם הויכפּונקט אין זײַן טראַכטן אין בוך „אין בלויבאַרדס שלאָס" * — אַ סעריע לעקציעס וואָס ער האָט געהאַלטן אין יעיל־אוניווערסיטעט, וועלכע ער באַצייכנט באַשיידן ווי „געוויסע נאָטיצן וועגן איבערדעפינירן קולטור". אין 1970 איז סטיינער געווען דער פּראָפעסאָר אין יעיל־אוניווערסיטעט וואָס האָט געגעבן די „ט.ס. עליאָט־לעקציעס" פאַר יענעם יאָר, און דאָס בוך איז טאַקע, צום טייל, אַ פּאָלעמיק קעגן עליאָטס אָנשויונגען וועגן קולטור, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין 1948. אין דעם בוך פּרובירט סטיינער באַגרינדן זײַן רעיון, אַז דער קריזיס פון אונדזער צײַט, אַז דער אָפּשטאַם פון געוויסע עלעמענטן אין דער אומ־מענטשלעכקייט פון אונדזער תּקופה וואָס צווינגען אונדז איבערצושאַצן די קולטור — אַז אָט די עלעמענטן קען מען שוין געפינען אין ניינצנטן יאָרהונדערט אין סאַמע האַרץ פון דער ציוויליזאַציע.

אין ייִדישן חורבן — 1939—1945 — זעט סטיינער די צענטראַלע געשעעניש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אַ געשעעניש וואָס מיר טאָרן נישט פאַרגעסן. די דימענסיעס פון חורבן זײַנען אַזוי ווײַט־גרייכנדיק, אַז ס'איז אוממעגלעך זיי צו באַנעמען מיטן שׂכל און מיר מוזן זיך דער־גרונטעווען צו אַלע אימפּליקאַציעס פון דער קאַטאַסטראָפע און צו דעם עטאָס פון דער מערב־ציוויליזאַציע. דער קריטיקער פאַרפעלט נישט

* In Bluebeard's Castle; George Steiner. Some notes towards redefinition of culture. Yale University Press. New Haven, 1971. 141 pp.

אויסצודריקן זײַן דערשטוינונג וועגן פּאָעט (עליאָט) וועלכער האָט אין 1948, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די גרוילן פון די דײַטשישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן זײַנען געוואָרן פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט, זיך דערלויבט אין זײַן בוך וועגן קולטור אַוועקצושטעלן דאָס קריסטנטום ווי דעם זײַל אויף וועלכן דאָס „הויז פון קולטור" דאַרף זײַן געבויט, בעת דאָס קריסטנטום האָט פולשטענדיק באַנקראָטירט מיט זײַן פּאַסיווי־טעט פּנים אל פּנים מיט די דײַטשישע גאַזאויוונס. ווי האָט עליאָט געקענט דעמאָלט פאַרשווײַגן און זיך מאַכן נישט־וויסנדיק וועגן דעם אומקום פון זעקס מיליאָן ייִדן — באַלד נאָך דער קאַטאַסטראָפע ?

די גרונט־סיבה וואָס האָט צוגעגרייט די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע, האַלט סטיינער, איז געווען די אָנגעזאַמלטע פרוסטראַציע, די צעשטערנ־דיקע זאָרג וואָס מיר האָבן געירשנט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט איבערגענומען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַ האָפענונג, אַז אָט־אָט וועט אומגערעכטיקייט, אָבערגלויבן, אָרעמקייט, אָפּגעשאַפט ווערן. מענטשן האָבן געפילט, אַז באַלד ווערן זיי באַנײַט, רענאָווירט און די נאַכט ענדיקט זיך. נאָך נאַפּאָלעאָנען איז אָנגעקומען אַ לאַנגע רעאַקציע און סטאַגנאַציע. דער צוזאַמענבראָך פון די אַלע רעוואָלוציאָנערע האָפע־נונגען, נאָך 1815, האָט איבערגעלאָזט אַ רעזערוואָאַר פון נישט־גענוצטער שטורמישער ענערגיע. אָט די דאָזיקע פרוסטראַציע האָט בהדרגה צוגע־גרייט פאַנטאַזיעס פון אַן אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע. אין די שפּאַנונגען פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, מיינט סטיינער, קען מען געפינען דעם אָנהייב פון דעם וואָס עס איז שפּעטער געשען.

בלויז מיט פּאָליטיש־עקאָנאָמישע, אָדער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע מאָ־טיוון קען מען, לויט דעם קריטיקער, נישט דערקלערן דעם נאַציסטן מערדערישן האַס קעגן ייִדן. היטלערס ווערטל, אַז „געוויסן איז אַ ייִדישע דערפינדונג" איז אַ שליסל צו דער רעטעניש. סטיינער מיינט, אַז דער ייִדישער חורבן איז געווען דער רעפלעקס, די רעאַקציע פון אינסטינקט־טיוו, פּאָליטעיסטישע באַדערפענישן ביי די נישט־ייִדן. דורך הרגענען די ייִדן האָבן די דײַטשן געוואָלט אָפּמעקן יענע וואָס האָבן „דערפונדן" גאָט. דרײַ קאָנפראָנטאַציעס צווישן ייִדישע אידעאַלן און דעם נישט־ייִדישן מענטש האָבן געפירט צום קריזיס אין דער קולטור. ייִדן האָבן פּראָדוצירט אַן אויפפאָדערונג צו מענטשלעכער שלימות און האָבן עס

פּרובירט אַרויפוואַרפן אויף די אומות העולם. די נביאישע יהדות, דאָס אור־קריסטנטום און דער משיחישער סאָציאַליזם — אָט דאָס זײַנען די דרײַ קאָנפראָנטאַציעס, וועלכע האָבן געשאַפן אַ דיכאָטאָמיע צווישן די פאָדערונגען פון מאַנאָטעיִזם מיט זײַן אַלטרויִזם, פון איין זײַט און דעם מענטשלעכן עגאָיִזם, פון דער אַנדערער זײַט. די דאָזיקע דיאַלעקטיק האָט פּראָדוצירט אַ טיפע אומבאַלאַנסירטקייט אין דער מערב־קולטור, וואָס איז געוואָרן אַ צעשטערנדיקער דרוק אויפן אונטערבאַוווסטזיין פון די נישט־ייִדן. די אַרויספאָדערונג צו שלימות האָט געוווּגן שווער אויפן יחידס לעבן און אויף סאָציאַלע סיסטעמען, אין וועלכע מ׳האָט די פאָדערונגען נישט געקענט דורכפירן. די צווייטע קאָנפראָנטאַציע, דאָס אור־קריסטנטום, האָט געשטעלט דעם גוי ענלעכע אַלטרויִסטישע פאָדערונגען און אויך דער משיחישער סאָציאַליזם — די דריטע קאָנפראָנטאַציע צווישן אוטאָפּיע און דעם געוויינלעכן לעבן — האָט פאַרשאַרפט דעם קריזיס אין דער מערב־קולטור. אַ טיפער האַס איז אויפגעקומען בײַ דער נישט־ייִדישער וועלט צו יענע וואָס ווײַזן אַ ציל, אַ וויזיע וואָס מען קען נישט דערגרייכן, „און דאָך — בלײַבט עס ווינטשנסווערט... דער ייִד איז געוואָרן דאָס שלעכטע געוויסן פון דער מערב־געשיכטע". אויך אין סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם זעט סטיינער דעם זעלביקן פּאַראַדאָקסאַלן אויסדרוק פון אַ האַס וואָס די מאַסן פילן צו דער דורכגעפאַלענער אוטאָפּיע. דער ראַציאָנעלער דענקער סטיינער דערגייט צום שיער־נישט מיסטישן אויספיר, אַז אונדזער דריטן חורבן קען מען אינטערפּרעטירן ווי דאָס פאַרלאָזן דעם גן־עדן און פאַרברענען אים, כּדי זײַן אָנדענק זאָל נישט אָנשטעקן די באַרבאַרן מיט אָפּשוואַכנדיקע חלומות, אָדער מיט חרטה.

*

אַ סך פון אונדז וועלן נישט קענען אָננעמען סטיינערס אַנאַליז וועגן אַנטיסעמיטיזם און אַוודאי נישט וועגן זײַן דײַטשישן בעסטיאַלישן וואַריאַנט. אויך אין אַנדערע טעזיסן זײַנע קען מען געפינען לעכער: ס׳איז אַ טעות צו מיינען, ווי סטיינער טרייסט זיך, אַז די מוזיק און די מאַטעמאַטיק נעמען איבער די פונקציעס פון דער ליטעראַטור. סטיינערס בקיאות אין דער וועלט־ליטעראַטור, אין מוזיק און אין אַ ריי וויסנשאַפטלעכע דיס־

ציפּלינען שטערט אים צו קאָנצענטרירן זיך אויף איין געביט; ער ווערט צײַטנווײַז אָוועקגעטראָגן פון זײַן פּאַטעטישער עמאָציאָנעלקייט, אַז ער פּאַרערט אַזש די מיטהעלפּערס און פּאַרשפּרייטערס פון סאַדיזם און אומ־מענטשלעכקייט — דעם דײַטשישן פילאָסאָף הײַדעגער און דעם ווילדן אַנטיסעמיט עזרא פּאַונד, מיט וועמענס אַ פּערזן ער שליסט אָפּ זײַן בוך „אין בלויבאָרדס שלאָס״.

אָבער נישט געקוקט אויף זײַנע נישט־באַגרינדעטע טעאָריעס, באַ־לײַכט סטיינער אָפּט טונקלקייטן, אַפילו ווען ער איבערצײַגט אײַך נישט, אַז ער האָט געפונען דעם וועג צום אַרויסגאַנג פון לאַבירינט. ער ווײַזט אײַך נישט קיין אויסוועג פון איצטיקן גײַסטיקן קריזיס, אָבער זײַנע זוכונגען, זײַנע אַרייַנבליקן אין אונדזערע דילעמעס, זײַן דרייסטקייט צו קוקן דעם גרויזאַמען אמת אין פּנים אַרײַן און אים אָפּן פּראָקלאַמירן צו דער קריסטלעכער וועלט — אָט די אַלע מעלות זײַנע מאַכן אונדז קלאָר, אַז מיר מוזן ווײַטער זוכן און אפשר וועלן מיר ווען עס איז געפינען נײַע לייזונגען פון פּראָגעס וואָס האָבן זיך אונדז אויסגעוויזן צו זײַן פּאַרענטפערט.

(1976)

אהרן צייטלין — דער מעטאַפיזישער פּאָעט און זײַן צײַט

(צו זײַן ערשטן יאָרצײַט)

כ׳בין מעטאַפיזיקער און זשורנאַליסט:
איך זוך דעם גראַם
פון אייביקייט מיט מיסט.
איך בין די גאָטבאַדערפטיקייט פון אַ כופר,
די מעלאַנכאָליע פון אַ הומאָריסט.

א. צייטלין

א

עס ווערט אַ יאָר זינט עס איז פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן אַ שטערן אויפן יידישן הימל — אַ גרויסע שעפערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ווערסאַטילן טאַלאַנט: פּאָעט און דענקער; זשורנאַליסט און דראַמאַטורג; עסייִסט און בעלעטריסט; קענער פון דער אייראָפּעיִשער קולטור, און שריפטשטעלער אין יידיש און העברעיִש. אין אָט די אַלע אויסגערעכנטע זשאַנערן איז אַהרן צייטלין געווען ערשטראַנגיק און אייגנאַרטיק, סיי אינהאַלטלעך, סיי סטיליסטיש, אַזוי אַז אַפילו יענע וואָס האָבן נישט געקענט אָננעמען זײַן איינשטעל, האָבן פון דעסטוועגן אים אַרויסגעוויזן אָנערקענונג און פאַרערונג. איז ער טאַקע געווען דער ליבלינג פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט אים געלייענט און באַלוינט מיט אַ סך ליטעראַרישע פּריזן.

ב

אַהרן צייטלין, דער זון פון באַרימטן יידישן רעליגיעזן דענקער, פּובליציסט און מנהיג הלל צייטלין, איז אויפגעוואַקסן אין אַ הויז, אין וואַרשע, וואָס איז געווען אַ בית־וועד־לחכמים. ער איז געבאָרן געוואָרן

שואל גוטמאַן

אין אַ ווײַסרוסיש שטעטל, אין 1898. די קינדער־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין האָמעל און אין ווילנע. אין יאָר 1907 איז זײַן משפחה אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע, ווו אַהרן האָט פאַרענדיקט אַ גימנאַזיע און שפּעטער געלערנט עטלעכע יאָר אין אוניווערסיטעט. במשך די יאָרן 1920־1921 האָט צייטלין געלעבט אין ארץ־ישׂראל. סוף 1921 איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע, ווו ער איז געוואָרן מפורסם ווי אַן אָריגינעלער דיכטער און עסייִסט. ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1939, איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, ווו ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון „מאָר־גען־זשורנאַל" און שפּעטער פון „טאָג־מאָרגען־זשורנאַל", גלײַכצײַטיק איז ער געווען פּראָפעסאָר פון העברעיִשער ליטעראַטור אין ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער געלעבט ביזן סוף פון זײַנע טעג.

אין 1914, ווען צייטלין איז אַלט געווען בלויז 16 יאָר האָט ער, ווי באַקאַנט, דעביוטירט — אין ייִדיש — מיט אַ פּאָעמע אויף אַ קבלה־מאָטיוו, און פון דעמאָלט אָן האָט ער געשעפּט די הויפּט־מאָטיוון פאַר זײַנע לידער פון דער קבלה, פון זוהר און פון חסידות. דאָ, אין מיסטע־ריעזן ברונעם פון ייִדישן מיטלעלטער, שטילט ער זײַן דורשט; פון דאַנען שעפּט ער סימבאָלן, אימאַזשן, באַגריפן און אויסדרוקן, וואָס ווערן דורך אים פאַרהײַנטצײַטיקט, מאָדערניזירט, אַזוי אַז אַפילו אַ נישט־רעליגיעזער ייִד — אויב ער האָט נאָר אַ חוש פאַר שיינקייט און אָריגי־נעלקייט — קען אין צייטלינס פּאָעזיע פאַרקליידט אין לבוש פון קבלה, געפינען זײַנע אייגענע דילעמעס, זײַנע תּרעומות צו דעם וועלט־סדר, צו דער מערב־ציוויליזאַציע, צו גאָט. און פּונקט ווי די מיטלעלטערלעכע מקובלים האָבן פּרובירט באַזינען ייִדישע לײַדן דורך דעם וואָס זיי האָבן פאַרבונדן דעם ייִדישן גלות מיט גלות־השכינה און זיי האָבן געפּרוּווט געפינען אַ תּיקון פאַרן יחיד דורך מתקן זײַן די וועלט — אַזוי פּרובירט צייטלין פאַרבינדן דעם הײַנטיקן ייִדס חיי־שעה מיט חיי־עולם. צייטלין דער מאָדערניסט קען גוט דעם הײַנטיקן ייִדס אינערלעכע צעשפּאָלטנ־קייט; זײַן סקעפּטיציזם און זײַן הונגער נאָך אַבסאָלוטן; זײַנע ירידות און עליות; זײַן פאַרגענגלעכקייט און זײַן נישט קענען שלום מאַכן מיטן טויט; זײַן זוכן אַ זין אין אַבסורדאַלן לעבנס־יאַריד:

ווײַל אַ וועג האָב איך געזוכט
צווישן ייִדישע און גוייִשע היכלות
און ווײַל געירשנט האָב איך אַזאַ טבע
צו וועלן וואַרפן בריקן
צווישן תּהום און תּיקון
און אויך אין קליפּות צו אַנטפּלעקן עולם־מלאָס...

(זייט 107, 1טער באַנד „לידער פון חורבן
און לידער פון גלויבן")

באַלד ווי צייטלין איז אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט מען גלײַך דערזען אַז ס'איז דערשינען אַ דיכטער מיט אַן אייגן פּנים, אַן אייגענעם גאַנג; אַ פּאָעט וואָס גייט קעגן דעם שטראָם פון זײַן צײַט — אַ צײַט פון סאָציאַלע איבערקערענישן און משיחישע דערוואַרטונגען, ווען דער רוסישער מיראַזש האָט פאַרנאַרט אַ האַלבע וועלט. צייטלין האָט קיין מאָל נישט פאַרבלאָנזשעט צו יענעם פאַטאַ־מאָרגאַנאַ. ער האָט גלײַך אָנגעזאָגט, אַז נאָך אַלע לייזונגען פון סאָציאַלע פּראָבלעמען — אויב אַזאַ צײַט וועט אַ מאָל קומען — וועט דער מענטש זיך ערשט נעמען מאַטערן מיט „אייביקע פאַרוואָסן".

ווען אַלע וועלן האָבן סײַ די אַרבעט, סײַ די זעט
וועלן אַלץ נאָך זײַן די נישט־ווי־אַליקע
די נישט־ווי־די־אַרומיקע;
די געקריוודעטע, וואָס נאָר דער הימל זעט
די טרערן זייערע; די בענקערס וואָס אַנטלויפן
פון די גרויע בלאָטעס די נאָרמאַליקע
צו די נאָכנישטן די שטראַליקע, די קומיקע;
די וואָס צערטלען אַ באַגער אַ יוצא־דופן —
און זוכן עפּעס וואָס איז נישט צום קויפן;
די איובס און די פרעגערס פון די אייביקע פאַרוואָסן.

(זייט 454)

ג

ווײַל מען אַרײַנדרינגען אין די שאַפונגען פון דעם פּאָעט־מעטאַ־פיזיקער צייטלין, מוז מען געדענקען זײַן שורש און זײַן צײַט. ער איז דערצויגן געוואָרן ביי אַ טאַטן, וואָס איז געווען שטאַרק באַווירקט פון די באַרימטע ניין־זאָגערס דאָסטאָיעווסקי און ניטשע, וואָס האָבן אָפּגע־וואָרפן דעם אָפּטימיזם פון דער אויפקלערונגס־תקופה מיט איר גלויבן אין פּראָגרעס, אין שׂכל, אין דער וויסנשאַפט, אין אַן אָנקומענדיקער וועלט פון שלום ושלווה. די דאָזיקע איבערשאַצערס פון אַלע ווערטן האָבן אַרויסגעהויבן דעם טראַגיזם פון יחידס לעבן און זײַנע קאָנקרעטע לײַדן. הלל צייטלינס פּעסימיזם און זײַנע פאָראויסזאָגונגען פון דער אָנקומענדיקער קאַטאַסטראָפע פאַר ייִדן האָבן אים שפּעטער דערפירט אויפצוהויבן אַ קאַמף קעגן די פאַרשידענע דאָגמאַטיזמען אויף דער דעמאָלטיקער ייִדישער פּאַרטייגאַס אין פּוילן.

אָט אַזאַ ירושה און סביבה האָבן געלענקט דעם יונגן דיכטער אין דער ריכטונג פון אַנטי־קאָנפאָרמיזם, אַנטי־מאַטעריאַליזם; צו זוכן ענט־פערס אויף די אייביקע רעטענישן אין אמונה, וואָס איז אויסגעקומען „אַזוי משונה דעם איצטערדיקן דור״. באַלד ביים אָנהייב פון זײַן פּאָעטישן גאַנג האָט ער זיך געשטעלט קעגן דער אַלגעמיינער וועלטלעכער ליניע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ווי צייטלין אַליין דערציילט אונדז (אין זײַן זשורנאַל „גלאָבוס״, אָקטאָבער 1932), האָט ער זיך געטרייסט דער־מיט, וואָס דער קאַמף פון די בעזבאָזשניקעס אין סאָוועטן־רוסלאַנד קאָן דינען ווי אַ באַווײַז אויף דער נישט־אויסגעלאָשנקייט פון דער גאָט־באַדערפעניש. אים האָט געשטאַרקט אין זײַן גאָט־זוכעניש דאָס באַוווסט־זײַן, וואָס אַ רײַ פון די וועלט־באַרימטע פילאָסאָפן און וויסנשאַפטלערס — אַן אײַנשטיין, עדינגטאָן, אַנרי בערגסאָן, מיליקאַן — זײַנען אַלע געווען קעגנערס פון מאַטעריאַליזם.

אַוודאי האָט ער גאָר פרי דערקענט דאָס ברוטאַלע און פאַלשע פּנים פון קאָמוניזם, ווו „איוואַן״ וועט ווערן דער ממונה איבער דער „פּראָ־לעטאַרישער קולטור״. און ווײַל דער רוב פון דער ייִדישער שרייבער־וועלט איז אָדער געגאַנגען „אין שפּאַן״, אָדער מיטגעפאָרן אויפן וואָגן — דערפאַר איז ער געוואָרן אָפּגעשטויסן און אָפּגעזונדערט פון הויפּט־

שטראָם אין דער ייִדישער ליטעראַטור. פֿאַר אים זײַנען די „אייביקע פֿראַגן געוווען זײַנע טעגלעכע פֿראַגן״:

זײַן אָדער **נישט** זײַן? נישט דאָס איז פֿראַגע.
זײַן אָדער **נישט** זײַן? אָט דאָס וויל איך וויסן.
...אַ פּײַן אַזעלכע האָט זיך נישט געחלומט
די פֿילאָסאָפֿן דײַנע, פֿילאָסאָף;
די פּײַן פֿון זוכן איז נאָר שפּיל פֿון קינדער
אַקעגן פּײַן פֿון גלויבן אין אין־סוף.

ס׳איז אַ ווולקאַן דאָס גלויבן מײַנס, האָראַציאָ.
עס ליגט, מיין איך, אַ נישט־דערקוילעטע עוף,
אין בלוט אין אייגענעם — און וואַרט אויף רחמים.

...די אייביקע פֿראַגן, האָראַציאָ, די אייביקע פֿראַגן
זײַנען געווען מײַנע טעגלעכע פֿראַגן,
מײַנע מעת־לעתדיקע פֿראַגן —
כ׳האָב נישט געפֿונען קיין ענטפֿער אויף זיי ביז די מאָגן.

...מיר אָבער עפֿנט זיך
אין מיטן גאָס אַ תּהום
און כ׳פֿרעג בײַ דנאָען:
און ווי, און ווי,
אַז אין די דאָרטנס,
פּונקט ווי אין די דאָען,
היטלערן זיך היטלערס?
ווי אַז ס׳פֿרעסן דאָרט ישׂראלס שׂר די פֿרעסער —
און אַז אין דער אייביקייט אַליין
שפּריצט בלוט, שפּריצט בלוט פֿון מעסער?

(ז״ז 24—29)

ד

בעת צייטלין האָט באַקומען — אין 1971 — דעם ליטעראַטור־פּריז פֿון אינסטיטוט פֿון העברעיִשע סטודיעס בײַם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט.

האָט ער געזאָגט אין זײַן קרעדאָ, אַז ר׳האָט געפּאָלגט עמערסאָנס מאָטאָ: „טשעפּע צו דײַן פור צו אַ שטערן״ — און דאָס איז פּאַר אים דער שטערן פון גלויבן, אָבער נישט גלויבן ווי אַ באַרויִקונגס־מיטל, נאָר גלויבן ווי אַ פּראָצעס, ווי אַ מעטאַפיזישער אַנגסט (זע: „דזשואיש ספּעקטייטאָר״, אַפּריל 1971). דאָס איז דער גלויבן פון אַ קיערקעגאַרד, פון אַ ר׳ מענדל קאָצקער. ס׳איז דער גלויבן פון דעם איינזאַמען יחיד, וואָס קען נישט שלום מאַכן מיט דער פינאַליטעט פון טויט, מיט דער זינלאָזיקייט פון מאָדערנעם מענטש, וועלכער איז צעריסן צווישן אמונה און וויסן, צווישן „זינדיקע״ פאַרלאַנגען און אייביקייט־בענקשאַפט; און פון אַזאַ סתירה־דיקייט איז אויך אַ וועלטלעכער ייד נישט פרײַ. אַ גאַנץ לעבן — דער־ציילט אונדז צייטלין אין זײַן שמועס מיט א. טאַבאַטשניק — האָט אים, צייטלינען, געפּײַניקט דער ענין גאָט. פּאַר אים „איז אמונה אַ גאָט־געפינען און אַ גאָט־פאַרלירן; ס׳איז אַן אמונה וואָס מוז אין זיך האָבן טראַגיזם, איובדיקייט, אינעווייניקסטע שטורמישקייט״.

און דאָ ווילט זיך איבערגעבן אַ פּערזענלעכן מאָמענט אין שײַכות מיט צייטלינס לידער. אין משך פון יאָרן בין איך געווען קעגנעריש געשטימט צו אַ טייל פּובליציסטישע מיינונגען און אידעען פון אַהרן צייטלין. דאָך פּלעגט אין מיר פאַרקומען אַ מעטאַפאָרמאָזע בײַם לייענען זײַנע לידער. אַ סך מאָל ווען איך בין געווען אין אַ יאוש־שטימונג און איך האָב געדאַרפט גיין צו אַ פאַרזאַמלונג כדי צו דערמוטיקן, צו שטאַרקן די הענט פון לערערס און שול־טוערס, פלעגט מיר קומען צו הילף אַהרן צייטלינס פּאָעזיע. לייענענדיק זײַנע לידער פלעג איך זיך אָנשעפּן מיט אמונה, מיט דערהויבנקייט, אַז איך בין געוואָרן בכוח צו אינספּירירן און צו הייבן די הענט בײַ אַנדערע; און דעם דאָזיקן פּאָעטישן כוח מיך צו באַפליגלען האָבן פאַרמאָגט אויך אַזעלכע לידער צייטלינס, וועמענס געדאַנקלעכער אינהאַלט, וועמענס מוסר־השׂכּל ס׳איז פּאַר מיר נישט געווען אָננעמבאַר, ווי, למשל, זײַן פּאָעמע „אַני מאמין״:

האָב איך דען אַ ברירה נישט צו גלייבן
אין יענעם לעבעדיקן גאָט, וואָס טויט מיך צוליב צוועקן,
וואָס כ׳קאָן זיי נישט אַנטדעקן,
און נאָך דעם ווי ער מאַכט מײַן לײַב צו אַש —

נעמט ער מיך ווידער וועקן?
און ווער איך שטורעם קעגן אים און בונט,
איז ער דער וואָס בלוטיקט אין מײַן ווונד,
און מײַנע ווײ־געשרייען זײַנען זײַנע שבחים.

...אַפֿילו איצט — צי האָב איך דען אַ ברירה
נישט צו גלייבן אין דעם גאָט פֿון תּהילים און פֿון סידור,
אַז נאָר צו אים אַליין, צו אים אַליין
קאָן איך שרײַען דאָס געשריי פֿון אַלע מײַנע גלידער!
דווקא ווײַל ער לעבט און ווײַל ער וויל,
ווײַל ער שלאָפֿט נישט אין געזעץ דעם שטײַפֿן,
קאָן איך זײַנע מעשׂים נישט באַגרײַפֿן —
און מײַן נישט־באַגרײַפֿן איז אַ ראיה, אַז ער איז.
ס׳ליגט מײַן אַש צו זײַנע פֿיס.
אַני מאַמין, איך גלייב, אַז דאָס גיט ער
מיר גיהנומס נישט־געדאַכטע,
ווײַל ערגעץ היט ער
נישט־געדאַכטע גן־עדנס פֿאַר זײַנע געשלאַכטע.

...צי איך וויל נישט, צי איך וויל אים —
זײַנע עקספּערימענטן
פֿירט ער דורך דורך מיר,
דעם אייביק געברענטן.
קיינעם לאָזט ער נישט אַזוי אונטערגיין ווי מיך
און קיינעם טוט ער נישט אַזוי אין פֿײַער מאָדולירן;
קיינעם וויל ער נישט אַזוי געפֿינען;
קיינעם טוט ער נישט אַזוי פֿאַרלירן.
אויך איך געפֿין אים און פֿאַרליר אים —
אַ, רצוא־ושוב פֿון חסדים און פֿון דינים!
איכה און שיר השירים!

איך בין נישט געבענטשט מיט אַזאַ טיפֿער אמונה און הכנעהדיקער רעזיגנאַציע, וואָס זאָל קענען מצדיק זײַן דעם גזר פֿון זעקס מיליאָן קרבנות. איך קען אויך נישט אַקצעפּטירן די טעאָלאָגישע פּילפּולים און

פּאַראַדאָקסן פון די סאָפיסטיצירטע רעליגיאָניסטן. פון דעסטוועגן האָט צייטלינס ליד „אַני מאַמין" אויף מיר געמאַכט אַ רושם. מסתמא ווירקט דאָ נישט בלויז דער עסטעטישער עלעמענט, נאָר אויך אַן אַטאַוויזם, וואָס איז טיף פאַרבאָרגן אין יעדן ייִד וואָס וואָרצלט אין ייִדישן גייסטיקן באָדן. אָבער דער אַטאַוויסטישער אימפּולס שווימט אַרויס אויף דער אייבערפלאַך אַ דאַנק צייטלינס פּאָעטישער גבורה. פונקט אַזוי ווערט איר פאַרכישופט פון זײַן צען שורותדיק ליד „זײַן אַ ייִד":

זײַן אַ ייִד הייסט אייביק לויפן צו גאָט,
אַפילו אַז מ'איז אַן אַנטלויפער;
דערוואַרטן צו הערן אַ ליאַדע טאָג
אַפילו אַז מ'איז אַ כופר
ס'קול פון משיחס שופר.

זײַן אַ ייִד הייסט נישט קענען אַרויס פון גאָט
אַפילו אַז מ'וויל עס;
נישט קענען אויפהערן תפילה צו טאָן
אַפילו נאָך אַלע תפילות
אַפילו נאָך אַלע אַפילוס. (זייט 216)

איר מעגט זײַן אַ וועלטלעכער ייִד, אַ הומאַניסט, אַ כופר בעיקר, וועט איר פון דעסטוועגן אַלץ ווערן געפאַנגען אין צייטלינס פּאָעטישן נעץ; און מעג דער קריטיש־אַנאַליטישער קאָפּ זאָגן: ניין! וועט דאָס האַרץ זיך אַלץ נישט אונטערגעבן, און דאָס האַרץ האָט זיך — ווי פּאַסקאַל האָט געזאָגט — זײַן שכל, וואָס דער שכל קען נישט פאַרשטיין... אָבער צייטלין, דער גאָטזוכער, הערט זיך נישט אויף צו ראַנגלען מיט זײַנע ספקות, מיט זײַנע סתירות, מיט זײַנע טענות און אַנטיטעזן. ער צווייפלט אי אין כביכולס אַלמעכטיקייט, אי אין זײַן גערעכטיקייט:

און אפשר איז ער לײַדנדיק ווי מענטשן?
און אפשר האָט ער גאָרנישט אַזאַ מאַכט?
און אפשר קלאַפּט ער ווי אַ מידער בעטלער,
אין טויער פון די וועלטן יעדע נאַכט? (זייט 24 און זייט 89)

אַזוי רעדט נישט איינער, וואָס האָט אין זײַן אמונה שוין געפונען די אייביקע, אומאָפּפרעגבאַרע ענטפערס אויף אַלע קשיות און אַבעיות. אַזוי רעדט אַן אייביקער פרעגער, אַן אייביקער זוכער, וואָס אָט געפינט ער אים, און אָט פאַרלירט ער אים; וואָס איז צוגלײַך „אַן אַפּיקורס פון די אַפּיקורסים, וואָס האָבן אויף אים טויזנט האַרבע קשיות".

ה

עס איז לײַכט צו באַצייכענען צייטלינען ווי אַ געדאַנקלעכן פּאָעט, ביי וועמען אינטעלעקטואַליזם, אידעען, קאָנטעמפּלאַציע פאַרנעמען אַ צענטראַלע פּאָזיציע. דאָס איז צום טייל אמת וועגן צייטלינען, ווי וועגן אַ סך באַרימטע מאָדערנע פּאָעטן — ט.ס. עליאָט, פּאָל וואַלערי, וו.ה. אָודען. אויך די דאָזיקע נישט־ייִדישע פּאָעטן זײַנען באַרימט מיט זייערע מעדיטאַטיווע געדאַנקלעכע לידער. ס'איז אָבער נישט בלויז אַבסטראַקטע געדאַנקלעכקייט, נאָר אַזאַ וואָס איז געפּאָרט מיט בילדערישקייט, מיט מוזיקאַלישקייט, מיט עמאָציאָנעלקייט. אויך בײַ צייטלינען איז פאַראַן די דאָזיקע האַרמאָניע פון בילד, געדאַנק און עמאָציע. און אויב מען געדענקט, אַז פּאָעזיע מיינט אַ ספּעציעלע קאָמבינאַציע פון ווערטער, וואָס שאַפן בײַם לייענער אַ שטימונג און אַן עסטעטישע איבערלעבונג — דעמאָלט קענען אויך אַפילו אַבסטראַקטע געדאַנקען ווערן פאַרוואַנדלט אין לידער — און צייטלין דערגרייכט דאָס אָפט, הגם נישט אַלע מאָל. פאַר אים „איז גאָט — רעאַליטעט; נשמה איז פאַר אים ממשות, קאָנקרעט, דער טײַוול און דער חטא"; גיט זיך אים אָפט אײַן זיי צו פאָרוואַנדלען אין ממשותדיקע פּאָעטישע רעאַליטעטן. ער איז גײַסטרײַך, זײַן פערז איז געשליפן און גלייכצייטיק זײַנען אַ סך פון זײַנע לידער אָנגעלאָדן מיט עמאָציאָנעלקייט און זיי וויברירן אין אײַער געמיט. דאָס איז אמת וועגן אַזאַ פרעכטיק ליריש נאַטורליד „אויפן וועגן צווישן גרענד ראַפּידס און דעטראָיט", אָדער „צווישן פּלאָצק און וואַרשע", „אַ מענטש פאַר־נאַכט"; די פּאַטעטיש־רירנדיקע עלעגיע „גיב מיך פון ערגעץ בײַם נאָמען אַ רוף", „מדרש אַהרן אויף קהלת" און צענדליקער אַנדערע לידער. צייטלין איז אַ פּאָעט־ווירטואָז סײַ שפּראַכלעך, סײַ אינהאַלטלעך. ער האָט באַרײַכערט די ייִדישע פּאָעזיע מיט אידעען, מיט נײַע אימאַזשן, מיט קבלה־באַגריפן, מיט נײַע אָריגינעלע גראַמען. ער איז אַ פּאָעט־

פילאָסאָף, וואָס דערמאָנט אײַך אין די מיטלאַלטערלעכע פּאָעטן פילאָ־סאָפן: ר׳ יהודה הלוי און שלמה איבן גבירול — אי לויט זײַן פּאַרנעם, אי לויט זײַנע צענטראַלע מאָטיוון, אי לויט זײַן שורשדיקייט.

אָבער ווײַל ער איז אַזוי אַלזײַטיק, שאַרפזיניק, איראָניש, פּאַראַ־דאָקסאַל און דערצו אַ פּעיִקער זשורנאַליסט, האָט ער אויך נישט ווייניק זשורנאַליסטישע קופּלעטן, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען אין לידער, הגם זיי פאַרקערפערן אינטערעסאַנטע אידעען און שטימונגען. צו דעם מין געהערן „ערגעץ מוז זיך אַלץ מיט אַלעם טרעפן״, „קליינע פּאָעמע וועגן געטע און פרוי הילדע״, „פּאַראַן אַ פּאַרלאַמענט״ און אַנדערע.

ו

אין די צוויי בענד „לידער פון חורבן און לידער פון גלויבן״, וואָס זײַנען דערשינען אין די יאָרן 1969 און 1970. האָט דער דיכטער צונויפ־געזאַמלט אַלע ביז דעמאָלט פון אים געשריבענע לידער אין ייִדיש. די לידער זײַנען אויסגעסדרט טעמאַטיש אין אָפּטיילונגען, וואָס צייטלין האָט אַזוי באַצייכנט: לידער פון דריטן חורבן; נצח ישראל; צווישן תּוהו און תּיקון; משיח־לידער; ייִדנלאַנד; יאָנוש קאָרטשאַקס לעצטער גאַנג; מטטרון; פון די אָראָפּן צו די אַרויפן; לאַנד ישראל; אָדם־וחוה, און אַנדערע. שוין פון די קעפּלעך אַליין קען מען זען די רײַכקייט פון די מאָטיוון, וואָס האָבן אינספּירירט דעם דיכטער; אָבער עס וואַרפט זיך אויך גלײַך אין די אויגן דער פאַקט, אַז דער לייטמאָטיוו פון זײַנע שאַפונגען איז דאָס פאָלק ישראל און דאָס לאַנד ישראל, וואָרעם די אַלע קעפּלעך און אונטערקעפּלעך זענען וואַריאַנטן אויף דער טעמע: ישראל. אויך דער מעטאַפיזישער ייִדישער פּאָעט פאַר וועמען אייביקע פראַגן זײַנען אַקטועלע ענינים, אויך ער, און דווקא ער, האָט אײַנגעזאַפּט אין זײַן נשמה דעם צער, די טראַגיק, דעם זין פון ייִדישער אייביקייט, און עס גליט אין אים די איבערצײַגונג, אַז אָן ייִדן וועט די וועלט אָרעמער ווערן; אַז עס קען נישט זײַן קיין תּיקון־העולם אָן דער גאולה פאַר ייִדן. אַהבת־ישראל איז דער קווינטעסענץ פון דער ייִדישער ליטעראַטור, און דער לייטמאָטיוו בײַ יעדן ייִדישן שעפערישן מענטש.

ווען די ייִדישע מדינה איז געבוירן געוואָרן, אין 1948, האָט דער אייביקער ייִד אהרן צייטלין זיך געווענדט מיט אַ ליד צו די „נײַע ייִדן״,

די סאַבראַס, ווו ער האָט זיי דערמאָנט, אַז אויך זיי מוזן זײַן אייביקע ייִדן, וואָס וואַרפן נישט אָפּ די ייִדישע גלות־געשיכטע, נאָר זיי נעמען זי אַרײַן אין זיך:

ס'לאָזן דיך גריסן
די דורות הינטער מיר. זיי ווילן דו זאָלסט וויסן,
וויפל הייליקע טרערן פון ייִדן
סע זידן
אין די אותיות: **ישראל.**

...דאַרפסט זײַן דער זין־געבער, דאַרפסט זײַן דער טרייסטער,
און דערפאַר
מוזסטו אַרײַנאייביקן אין דײַן טרייסט
דעם גזר, דעם קאָשמאַר —
דערפאַר!

מיר האָבן צוויי יאָרטויזנטער געדענקט ירושלים
ביז מיר האָבן אויסגעבלוטיקט דיך,
דעם נײַעם.
איצט וועלן מיר מוזן געדענקען מאַידאַנעק.
פאַרגעסטו — ביסטו דער פאַרשווועכער פון אַ סוד
און נאָר אַן עפּיזאָד
וועט זײַן די מדינה.
אין יעדער שמחה דײַנער, אין דײַן גרעסטער פרייד,
וועסטו נישט טאָרן פאַרגעסן די קינה,
נישט טאָרן פאַרגעסן די איכה.
אם אשכּחך **מאַידאַנעק** — תּשכּח ימיני!
תּדבק לשוני לחכּי, אם לא אזכּרכי!

...נישט לשם אַ גליק,
וואָס איז פרעכע פאַרשוועכונג פון אומגליק,
ווערט געבוירן אַ מאַן;
נישט לשם אַזאַ גליק איז ישראל פאַראַן —
פון אַ ייִד פאָדערט גרויסקייט אַפילו דער שטן!

(1974)

ש. ניגערס „טאָגבוך״

דער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס האָט הײַיאָר און פאַר אַ יאָרן אַרויס־געגעבן דרײַ ווערק פון ש. ניגערן: צוויי בענד „ייִדישע שרײַבער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט״ און דעם קריטיקערס „טאָגבוך״. אָבער בעת די אַלע עסייען וועגן ייִדישע שרײַבערס זענען שוין געווען פריער געדרוקט אין צײַטונגען און זשורנאַלן — נאָר איצט האָבן זיי באַקומען אַ תּיקון צווישן טאָוולען — האָט דאָס „טאָגבוך״ ערשט איצט צום ערשטן מאָל דערגרייכט די עפנטלעכקייט.

צום „טאָגבוך״ האָט חיים בעז אָנגעשריבן אַן אַרײַנפיר וועגן ניגערן, ווי ער גיט, אַחוץ אַן אָפּשאַצונג איבער דעם קריטיקער, אויך הערות צו די פאַרצייכענונגען אין „טאָגבוך״.

איז איידער איך גיי איבער צום „טאָגבוך״, איז כּדאי צו דערמאָנען וואָס ניגער האָט געמיינט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און מיט וואָס ער האָט זיך אַרײַנגעשריבן אין דער ייִדישער אייביקייט. עס ווערט באַלד 18 יאָר זײַט ניגער איז אַוועק (1883־1955). במשך פון 50 יאָר — 1905־1955 — האָט ער געבויט, געפּורעמט, געמײַסטערט די ייִדישע ליטעראַטור. ער האָט אַרויסגעפירט אויף דער אַרענע פון ייִדישן וועלטפאָלק יעדן וויכטיקן ייִדישן שרײַבער; ער האָט פאַרטײַטשט זייערע ווערק; ער האָט אָנגעוויזן אויף זייער קינסטלערישן און נאַציאָנאַל־אוניווערסאַלן מהות. ער האָט פאַקטיש מיטגעשאַפן די ייִדישע ליטעראַטור.

אין דעם ייִדיש־רענעסאַנס, וואָס ניגער האָט פּראָקלאַמירט אין 1908, איז ער אַליין געווען אַ צענטראַלע פיגור. אין יענעם יאָר האָט ער אין די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן״ דערקלערט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז נישט קיין מיטל צו בילדן די מאַסן, נאָר אַ ציל פאַר זיך; אַז די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף זײַן אַ ברענפּונקט פון דער ייִדישער נשמה, אַז דער אומגעוויינלעכער ייִדישער גורל האָט געשאַפן אַ ספּעציפיש ייִדישן עטאָס וואָס דאַרף געפינען אויסדרוק אין דער ליטעראַטור.

אין דעם זעלביקן יאָר פאַרצייכנט ער אין זײַן „טאָגבוך": „די ייִדישע פערזענלעכקייט טרינקט זיך אין דעם אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישן איר גוף און איר נשמה. אין דער ליטעראַטור זוכט זי אַ בריק, וואָס זאָל פאַראייניקן דעם גוף מיט דער נשמה, דעם שבת מיט דער וואָך. זי זוכט אַ גאָט, וואָס זאָל צונויפגיסן אין איין תּפילה, אין איין האַרמאָניע אירע ערדישע און הימלישע בענקשאַפטן. די ייִדישע ליטעראַטור מוז ווערן אַ היכל, אַ נייער בית־המקדש... דער ייִדישער שרײַבער מוז ווערן אַ כּהן, אַ נביא... ער מוז דינען צו אַ גאָט, ער מוז מקריב זיין קרבנות צו אים, אויב ער וויל מען זאָל זיך וואַרעמען בײַם פײַער פון זײַן מזבח". (זײַט 144).

דער פובליציסט ניגער האָט, ווי מיר וויסן, פאַרמאָגט אַ ייִדישן און אַלגעמיינעם וועלטבאַנעם, אָן אַרומנעמענדיקע פילאָסאָפיע וועגן ייִד, מענטש און וועלט, און פון אָט דער יסודותדיקער וועלט־השקפה איז אַרויסגעקומען זײַן קוק אויף דער ייִדישער ליטעראַטור און קונסט. און ווײַל זײַן וועלטבאַנעם איז געווען ראַדיקאַל־הומאַניסטיש, דערפאַר האָבן די פריער דערמאָנטע דערהויבענע צילן, וואָס ער האָט געשטעלט דער ייִדישער ליטעראַטור, נישט דערפירט ניגערן צו אַ שמאָלן, ענגהאַרציקן נאַציאָנאַליזם, וואָס זעט בלויז גרויסקייט און שיינקייט בײַ אונדזער פאָלק.

אָנערקענען אונדזער אייגנאַרטיקן גורל און עטאָס, מיינט נישט פאַר ניגערן, אַז מיר האָבן אַ העכערע עטיק. לויט אים איז עס אומעטיש צו האַלטן, אַז יעדער פאָלק שאַפט אַ באַזונדערע עטיק. דער ייִדישער דרך איז אין דער אמתן דער וועג פון געוויסע עפּאָכעס אין אונדזער געשיכטע און פון באַשטימטע יחידים — אָבער נישט נאָר בײַ ייִדן. עס איז נישטאָ קיין נאַציאָנאַלער מאָנאָפּאָל אויף גערעכטיקייט און שיינקייט, און ס'איז נישטאָ קיין ריס צווישן עטישן און עסטעטישן חוש. קינסטלערישע שעפע־רישקייט איז פּיעטעט פאַר גאָט און מענטש.

ניגער איז דער הומאַניסט פאַר עקסעלאַנס, פאַר וועמען דער מענטש איז די מאָס און די סאַנקציע פון אַלצדינג, אָבער זײַן הומאַניזם שטראָמט אַרויס פון ייִדישן מקור און וואָרצלט אין אונדזער קאָלעקטיווער דער־פאָרונג. אין דער זעלביקער צײַט געדענקט ער, אַז מיר טאָרן זיך נישט גטן מיט דער מערב־קולטור, נאָר מיר מוזן טראַנספאָרמירן אונדזער

פיזישע שוואַכקייט אין גײַסטיקער גבורה, ווײַל עס קען נישט זײַן קיין ייִד אָן קדושה, ווי עס איז נישטאָ קיין ייִדישע געשיכטע אָן קדושים.

אַ וועלטפאָלק ווי אונדזערס, ווייסט דער פּלוראַליסט ניגער, קען נישט זײַן פון איין גוס — שפּראַכלעך, רעליגיעז, קולטורעל. פאַר אים איז אויך נישט פאַראַן קיין ספּעציפיש נאַציאָנאַל־ייִדישע וויזיע: פאַראַן ייִדישע וויזיעס — אין דער מערצאָל. יעדע ייִדישע לעבנס־פילאָסאָפיע מעג און מוז קעמפן פאַר איר עקסיסטענץ. ער איז אַ בילינגוויסט — פאַר ייִדיש און העברעיִש, און די אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס נוצט ענגליש ווי איר מעדיום פאַר שאַפן, איז אין זײַנע אויגן ייִדיש־קרעאַטיוו, אויב זי באַציט זיך פּאָזיטיוו צו ייִדיש לעבן.

אַוודאי איז ניגער אַן אָנהענגער פון דעמאָקראַטישן לעבנס־באַנעם, אָבער ער פאַלט נישט כּורעים פאַר אַלץ, וואָס דאָס פאָלק וויל און טוט; ער איז אַ פאָלקיסט, און אין דער זעלבער צײַט אַ גײַסטיקער אַריסטאָ־קראַט: „דער דעמאָקראַטיזם, וואָס האָט אַ צעמישעניש אַרײַנגעטראָגן אין אַלע העכערע אידעען, האָט צונויפגעמישט די נאַציע מיט דעם פאָלק. דאָס פאָלק אָבער איז דער טרעגער פון די נאַציאָנאַלע פאָרמען; דער נאַציאָנאַלער „אינהאַלט", די נאַציאָנאַלע נשמה איז טיף באַהאַלטן אין די „יחידי־סגולה", אין די העכערע פאַרשטייערס פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע. נאָר זיי פילן די פּגימות פון דער נאַציאָנאַלער נשמה" (טאָגבוך, זייט 125).

ווי אַ גײַסטיקער אַריסטאָקראַט, מיט כאַראַקטער און אומאָפּהענגי־קייט אין טראַכטן, ווערט ער נישט נתפּעל פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. זײַן שטעלונג צו דערשײַנונגען איז נישט אָפּהענגיק פון „צײַט־גײַסט" אָדער פון אַ „גאַלאָפּ־פּאָל", „פאַראַן צווייערליי מענטשן, וואָס אויף זיי ווירקט די „געזעלשאַפטלעכע מיינונג": די, וואָס האָבן נישט קיין אייגענע מיינונג און די, וואָס נייטיקן זיך אין דעם, אַז זייער מיינונג, זאָל זײַן... אַלעמענס מיינונג. ס'איז אייגנטלעך איינס און דאָס זעלבע" (זײַט 138).

דער טיפּזיניקער דענקער ניגער ווייסט דעם ווערט פון אמונה — אין ברייטן זינען פון וואָרט. ער פאַרשטייט, אַז אויף סקעפּטיציזם קען אַ פאָלק נישט לעבן און אַוודאי נישט שאַפן קיין גרויסע ווערטן. שאַצט ער דערפאַר אָפּ אין שלום אַשן און אין פּרצן זייער ראָמאַנטיזם, זייער

גלאָריפיצירן ייִדישן מסירת־נפש, קידוש־השם, די העראָישע ייִדישע פּערזענלעכקייט. ער איז אַ רעאַליסט, אָבער ס׳איז „דער רעאַליזם פון אַ ייִד״. לויט אהרן צייטלינס אויסדרוק, דער חריפותדיקער טראַכטער וואָרנט אונדז, אַז „מיר ייִדן טאָרן נישט טראַכטן, אויב מיר ווילן נישט פאַרלירן דעם לעצטן פונק גלויבן... דער גלויבן, די אילוזיע, דאָס איז אונדזער איינציקע טרייסט. דער רעאַליסטישער אינסטינקט אונדזערער איז אונדז מתרה מיר זאָלן נישט דענקען רעאַליסטיש. אונדזער איינציקע רעאַליטעט איז די אוטאָפּיע. פאַרלירן מיר די אוטאָפּיע — אמונת־המשיח — פאַרלירן מיר אַלץ. מיר זײַנען געבוירן צו זײַן ראָמאַנטיקערס און רעוואָלוציאָנערן״ (זײַט 130).

בײַם לעבן האָט ניגער פאַרעפנטלעכט מאָנאָגראַפיעס איבער פינף זײַלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור: מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אַש און לייוויק. אין די צוויי בענד: „ייִדישע שרייבער פון 20סטן יאָרהונ־דערט״ באַהאַנדלט ער 34 פּאָעטן און נאָוועליסטן. אין 1958 האָט דער קולטור־קאָנגרעס אויך אַרויסגעגעבן ניגערס עסייען איבער ייִדיש־סאָווע־טישע שרײַבערס.

מיר האָבן פּאַקטיש פון ניגערן — ווען מען שליסט אײַן זײַנע אַרבעטן אין דער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע — די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביז 1955. בײַ דעם איצט שטײַגנדיקן אינטערעס פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור מצד אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן, איז עס דרינגלעך־נייטיק אַרויסצוגעבן אויף ענגליש — אין 2־4 בענדער — אַן אָפּקלײַב פון ניגערס ווערק. מען וואָלט דעמאָלט דערזען דאָס אמתע, אויסדרוקפולע פּנים פון דער ייִדישער ליטעראַטור; נישט דאָס פלאַכע, צוויי־דימענסיאָנעלע פּנים, וואָס מיר זעען אין טייל „ליטעראַטור־געשיכטעס״ אויף ענגליש, וואָס דערשײַנען לעצטנס. דאָס זענען קאָמ־פּילאַציעס, דרשות, אַפּאָלאָגעטיק, וואָס דאַרף „באַווײַזן״, אַז ייִדיש איז אַ שפּראַך און אַז די ייִדישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע האָבן אַחוץ די נאָדלפאַבן און די פילם־אינדוסטריע אויך עפּעס „גײַסטיקס״ בײַגע־שטײַערט צו אַמעריקע — איידער זיי האָבן זיך „אויסגעמענטשלט״, ס׳הייסט אַמעריקאַניזירט און אויפגעגעבן ייִדיש. (אויסנאַמען אין דעם פּרט זײַנען די אַנטאָלאָגיעס פון אירווינג האָו און אליעזר גרינבערג). עס וואַרטן נאָך אויסגעלייזט צו ווערן פון זשורנאַלן און צײַטונגען

ניגערס עסייען וועגן ייִדישע פּראָבלעמען, וועגן ייִדישע דענקערס און קינסטלערס, וואָס האָבן דערווייל נישט זוכה געווען אַרײַנצוגיין צווישן צווײ טאָוולען.

ווי יעדע קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט איז ניגער פול מיט כּלומר־שטע „סתירות" — סתירות בלויז פאַר דאָגמאַטיקערס און סימפּליציסטן:

1) ער איז מיושבדיק, משׂכּיליש־ראַציאָנאַליסטיש און אין דער זעלביקער צייט פּאָזיטיוו צו חסידות. אין איר ערשטן שפּעדישן פּעריאָד. זײַן אויסשעפּנדיקע שטודיע וועגן דעם פּאָעט־מיסטיקער ר' נחמן בראַצלאַווער ווײַזט אונדז ניגערס טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די אויפטועון פון חסידיזם. ער איז אַ ראַציאָנאַליסט, וואָס שאַצט אָפּ די וויכטיקייט פון איראַציאָנעלן. „דאָס נאַציאָנאַלע געפיל", פאַרשרײַבט ער אין זײַן „טאָגבוך", „איז איראַציאָנעל; אפשר דערפאַר איז אין דער ראַציאָנאַליסטישער ייִדישער אינטעליגענץ אַזוי אָפּגעשוואַכט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל?" (זייט 122).

2) ער איז וועלטלעך און גלײַכצייטיק ווייסט ער דעם ווערט פון רעליגיע, ספּעציעל פאַר שאַפערישע מענטשן. אָט איז זײַנס אַ טיפּזיניקער אַרײַנבליק: „יעדער מענטש, בעת די שכינה רוט אויף אים, מוז פילן אָכן יש אלהים במקום הזה. אויב נישט, איז ער — גאָט. אונדזער גאָט־גלויבן — דאָס איז אונדזער עניוות" (זייט 156).

3) ער איז אַ מאָדערניסט, וואָס וואָרצלט אין דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע. 4) ער איז אַ ייִדישיסט און ער באַציט זיך פּאָזיטיוו צו העבּרעיִש. ער פּסלט אויך נישט די לאַנדשפּראַך ווי אַ מעדיום פון ייִדישער שעפערישקייט. ער וואָלט נישט אויסגעשלאָסן פון ייִדישן קולטור־אוצר אַ זאַנגוויל, אַ לודוויק לואיסאָן, אַן אברהם קליין, אַ מאָריס סעמיועל און אַנדערע ייִדישע קינסטלערס, וואָס שאַפן אין נישט־ייִדישע שפּראַכן.

דער קינסטלער ניגער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז גאָר באַזונדערס אין זיין „טאָגבוך", ווו ער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן; ווו ער דערלויבט זיך אין השתּפּכות־הנפש, צײַטנווײַז אין פּערזן, אויסצודריקן זײַנע שטי־מונגען וועגן מענטש און וועלט, וועגן קונסט און נאַטור, וועגן ייִדישע און נישט־ייִדישע שרײַבערס. דאָ, אין זײַנע אינטימע פאַרצייכענונגען, אין זײַנע קאָמענטאַרן אויף קינסטלערס און מנהיגים, אין זײַנע כאַראַק־טעריזירונגען און רעאַקציעס אויף זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן, אויף

זייער קנאת סופרים, אויף זייער עגאָצענטרישקייט — דערזעען מיר דעם מענטשן־קענער ניגער, דעם סובטילן טראַכטער, נישט נאָר דעם ליטעראַטור־אָפּשאַצער. אין „טאָגבוך״, ווו דער קריטיקער שטייט נישט פאַרן עמוד, דערלויבט ער זיך צו זײַן ליריש, צו באַקלאָגן זיך אויף זײַן אייגענער דאָליע, אויף זײַן איינזאַמקייט, אויף דער ביטערער מערכה פון אַ רײַ באַרימטע יידישע פּאָעטן און דערציילערס. מיר זעען דאָ און דערקענען דעם אַפּאַריזמען־מײַסטער, דעם געדאַנקען־ווירטואָז, דעם שאַרפֿזיניקן אָבסערוווירער פון מענטשן און דערשײַנונגען.

ניגער קען אַ סך יידישע שרײַבערס פון דער נאָענט, און דאָס מיינט מיט זייערע פּגימות און קליינלעכקייטן. ער איז אויך נישט בלינד צו די שאָטנזײַטן פון זײַנע גוטע פרײַנד — שלום אַש, ליעסין, זשיטלאָווסקי. פון דעסטוועגן פאַרמינערן נישט די דאָזיקע דעפעקטן אין זײַנע אויגן אַלע זייערע אויפטוען, זייערע מעלות ווי קינסטלערס אָדער דענקערס. ער ווייסט אַז „דער גרעסטער מענטש איז אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע נישט גרויס, וואָרעם ווען ער איז גרויס, דאַן בלײַבט ער אַליין, און קיינער זעט אים נישט, מען וווּנדערט זיך, וואָס דער שרײַבער מאַכט אַ מאָל אַן ערגערן אײַנדרוק ווי די ווערק זײַנע. מען פאַרגעסט, אַז די ווערק האָט ער געשאַפן אין דער שטיל, ווען ער איז געווען אַליין, בײַ זיך; און אים זעען מיר אין טומל, צווישן אַנדערע, ווען ער איז ווײַט פון זיך... דאָס גרויסע, וואָס איז אין דעם מענטשן, איז אינטים, און נישט פאַר יעדן אַנטפּלעקט עס זיך״. (זײַט 131).

און אויב איר ווילט זיך איבערצײַגן אויף ס׳נײַ — וואָס מיר ווייסן פון זײַנע קריטישע אַרבעטן — אַז דער מיושבדיקער קריטיקער איז אַ קינסטלערישע נאַטור, דעמאָלט לייענט אַזאַ אַליין־כאַראַקטעריזאַציע: „צו פיל פאַרטון, פאַרהאַוועט, פאַרזאָרגט... און אויב אין מײַן לעבן האָט שטענדיק עפּעס געפעלט — איז עס אָט דאָס מותרותדיקע, דאָס „נישט־נייטיקע״, דאָס „ליידיק־גייערישע״; דאָס איז אַ גרויסער חסרון. ליידיק־גיין איז אַזוי נייטיק ווי אַרבעט. נייטיק פאַר דער אַרבעט גופא... עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי מאַזאָליעס אויף דער נשמה. מען דאַרף איר לאָזן שפּילן זיך, מאַכן גײַסטיק־גימנאַסטישע איבונגען. שפּיל איז שאַפן, אָבער שאַפן איז נישט אַלע מאָל שפּיל״ (זײַט 262). אים פאַלט שווער צו גיין אין שפּאַן, צו דאַרפן רעגולער פּראָדוצירן פאַר דער צײַטונג. ער נייטיקט

זיך ווי יעדער קינסטלער אין „ליידיק־גייערישע" מעדיטאַציעס, אין הרחבת־הדעת, אין אינספּיראַציע, אין שטימונג, כּדי צו קענען שאַפן.

עס מאַטערט אים אָפּט דער ריס, די דיכאָטאָמיע צווישן קינסטלערס סוביעקטיוויזם און דעם אָביעקטיוויזם אין די שאַפונגען זײַנע. ניגער פּרובירט זיך דערקלערן פאַר וואָס דער פּאָעט איז אַזוי דערהויבן אין זײַנע לידער און אַזוי ענגהאַרציק אין זײַן אויפפיר מיט מענטשן: „מוז דער שאָטן פון עגאָצענטריזם" — פרעגט ער — „באַגלייטן דאָס ליכט פון קינסטלערישער אָביעקטיוויקייט? איז עס אַן אומפאַרמײַדלעכע קאָמ־פּענסאַציע פאַר דעם קונסט־אָביעקטיוויזם אָט דער קינסטלערישער סוב־יעקטיוויזם?" די פּראָבלעם לאָזט אים נישט אָפּ.

אַן אַנדערש מאָל פּרובירט ער פאַרענטפערן דאָס רעטעניש להיפוך צו אָסקאַר ווײַלדס מיינונג, לויט וועלכער ער (ווײַלד) זאָל האָבן זײַנע ווערק בלויז געשענקט זײַן טאַלאַנט, בעת זײַן לעבן האָט ער געשענקט זײַן זשעני. ניגער האַלט, אַז ס'איז פונקט פאַרקערט: יעדער אמתער שרײַבער גיט אָפּ זײַנע כּוחות — זײַנע ווערק, בעת אין זײַן אינעווייני־ניקסטן לעבן איז ער אָפּט מאַכטלאָז, און טאַלאַנטלאָז: „מען קאָן קיין מאָל נישט וויסן, אין וואָס פאַר אַ פּראָפּאָרציע עס געפינט זיך דעם שרײַבערס לעבן צו זײַן שאַפן — אין אַן איינפאַכער אָדער אין אַ פאַר־קערטער פּראָפּאָרציע. שלום אַש גיט אונדז אין זײַנע ראָמאַנען דעם אידעאַליזם וועלכן ער אַליין האָט נישט". (זײַט 264).

מיינט דאָס, אַז ניגערס קריטעריעס, אַז זײַן פּסק־דין בנוגע שרײַבערס און זייערע ווערק איז אומאָפּפרעגלעך? ניין! וואָרעם נישט געקוקט אויף ניגערס סובטילן און מאָדערניסטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור און קונסט; נישט געקוקט אויף זײַן עמפּאַטיע צו יעדן שעפערישן מענטש — איז ער פון דעסטוועגן געוועזן צו שטאַרק פאַרוואָרצלט אין יידישן עטאָס און אין דער רוסישער אינטעלעקטועלער טראַדיציע, ווו ליטעראַטור איז געוועזן אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן אידעען, אַז ער זאָל זיך גרינטלעך אָפּגעבן מיט פאָרעם, מיט ריטעם, מיט מוזיקאַלישקייט אין פּאָעזיע. אפשר דערפאַר האָט ער אונטערגעשאַצט די אַמעריקאַנער „יונגע" און אינזיכיסטן און זייער גרויסן צושטייער צו דער אויסברייטערונג פון די האָריזאָנטן, און צו דער ניואַנסירונג פון דער שפּראַך אין דער יידישער פּאָעזיע.

אָבער דאָס פֿאַרקלענערט נישט ניגערס ראָלע און זײַנע דויערנדיקע אויפֿטוען ווי דער דיריגענט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט ווי אַ געניטער דיריגענט געהאַלטן אַן אויג אויף יעדן אינסטרומענט אין אָרקעסטער און ער האָט זיך געפֿרייט, ווען יעדער שפּילער האָט פּערפֿעקט באַהערשט זײַן אינסטרומענט און די פּאַרטיטור. ער האָט געוווּסט, אַז קונסטווערק זײַנען פּילפּאַכיק; אַז אַ „קונסטווערק, וואָס האָט נאָר איין זינען, האָט קיין זינען נישט... און אַז אַ קינסטלער האָט ווי אַ פֿרוי ליב צו זײַן פֿאַרשלייערט. זיין ערגסטער פֿיינד איז דער קריטיקער. פֿאַראַן נאָר איין מיטל — די קריטיק זאָל זיך אויך פֿאַרשלייערן" (זײַט 176).

ניגערס דרך אין קריטיק איז ווײַט נישט געווען פֿאַרשלייערט; ער האָט קלאָר אַרטיקולירט זײַנע געדאַנקען און אָפֿט אילומינירט די טונקל־קייטן און פֿאַרהוילנקייטן אין קינסטלערס שאַפֿן. ער האָט דער ייִדישער ליטעראַטור, פּונקט ווי י. ל. פּרץ, געשטעלט גרויסע פֿאָדערונגען און דערהויבענע צילן. אַ דאַנק זײַנע האַרבע מאָנונגען; אַ דאַנק זײַן שטענ־דיקער וואַכיקייט האָט ער באַווירקט דעם ייִדישן קינסטלער צו שאַפֿן אויף די העכסטע מדרגות. ער האָט אונדז דערמאָנט, אַז די ייִדיש־ליטעראַטור ציט איר ייִחוס־בריוו פֿון די גרויסע ייִדישע קינסטלערס — די נביאים; פֿון תּהלים, פֿון די מקובלים, פֿון חסידות, און אַזאַ ייִחוס איז מחייב צו גרויסקייט. נאָבלעס אָבליזש!

אַוודאי איז ניגער געווען באַוווּסטזיניק וועגן זײַן ראָלע און ער האָט זי דורכגעפֿירט מיט טיפֿער אַחריות במשך אַ האַלבן יאָרהונדערט. „נאָר ווען מען האָט אַליין אין זיך שיינקייט, געניסט מען די שיינקייט פֿון דער נאַטור... צום געניסן מוז מען האָבן ניט ווייניקער טאַלאַנט ווי צום שאַפֿן און עס זײַנען פֿאַראַן געניאַלע געניסערס, פּונקט אַזוי ווי געניאַלע שאַפֿערס. דאָס זײַנען די גרויסע קריטיקערס" (זײַט 156). אָן שום ספֿק באַלאַנגט ניגער אין דער קאַטעגאָריע. ער איז געווען אַ סענסיטיווער געניסער, וואָס האָט עטלעכע דורות ייִדן געמאַכט פֿילעוודיק צו דער שיינקייט פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אָט דערפֿאַר וועט ער אַלע מאָל פֿאַרבלײַבן דער גרויסער ייִדישער קריטיקער.

(1973)

דוד איינהאָרן — דער ראָמאַנטיקער און מקונן

When there are so many we shall have
to mourn... Of whom shall we speak?
For every day they die among us, those
who were doing us some good.

W. H. Auden

דוד איינהאָרן איז געשטאָרבן זאַט מיט יאָרן — אין עלטער פון 87 יאָר — אָבער נישט זאַט מיט אָנערקענונג מצד דער ייִדישער קריטיק, אין דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. זייט ש. ניגער איז אַוועק מיט 17 יאָר צוריק, האָט, דוכט מיר, קיינער נישט דערמאָנט און נישט אָפּגעשאַצט דעם דיכטער פון „בעריאָזקעלע" און פון „לעצטן בעל תפילה". און איינ־האָרן איז דאָך אַרײַנגעקומען אין דער ייִדישער פּאָעזיע מיט אַזאַ רײַכן פּאַרמעגן, מיט אַן עכט־ייִדישן, מעלאָדישן פערז וואָס האָט פאַרכאַפּט די ייִדישע יוגנט ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אַפילו שפּעטער.

ווי אַ סך פון מײַן דור האָב איך זיך באַקענט מיט איינהאָרנס לידער דאָ, אין אַמעריקע, אין די צוואַנציקער יאָרן, און אויך דעמאָלט, ווען ס'איז געווען אַ צײַט פון רעוואָלוציעס און צעשטערטע אילוזיעס; אַ פּעריאָד פון אַנטי־ראָמאַנטיזם און עקספּרעסיאָניזם — אַפילו אין יענעם שטורמישן גײַסטיקן קלימאַט האָבן זײַנע „שטילע געזאַנגען" מיך געפּאַנגען אין זייער נעץ. ווער האָט געקענט בלײַבן גלײַכגילטיק צו דער צאַרטער ליריק, צו די אָריגינעלע ייִדישע אימאַזשן פון איינהאָרנס ליד?

מײַן ליד איז געפּאַנגען אין ריטם פון טרויעריקע, שטילע געזאַנגען,\
עס סודן די ווערטער, ווי בלעטער וואָס וועלקן און פאַלן פון בוים;\
עס ציען זיך פערזן נאָך פערזן, ווי בײַטן מיט שפּעטיקע זאַנגען,\
פון אונטער אַ הימל, אַ גראָען וואָס זיפּט מיט אַ רעגעלע קוים.

אַזוי ווי אַ מחנה יתומים וואָס בלאָנדזשען אָן טאַטן, אָן מאַמען\
אַזוי זוכן אום מײַנע לידער אַ נשמה וואָס זאָל זיי פאַרשטיין.\
און שטיל אין דער וועלט, מיט דער עלנטער, איינזאַמער שכינה צוזאַמען\
באַקלאָגן זיי פאַר זיך דעם חורבן, און זוכן אַ טרייסט אין געוויין.

פאַרוואָגלט אײַך לידער, פאַרוואָגלט! געפינט ווו אַ שול אַ פּאַרלאָזטע,
וווּ ס׳דאַוונען די פייגעלעך שחרית און מעריב — דער נאַכטיקער ווינט.
פאַרוואָגלט אײַך! טאָמער געפינט זיך נאָך דאָרטן אַן אויג אַ פאַרטרערטע
און ס׳מורמלט נאָך „טאַטע" און „מאַמע" אויף יידיש אַ ייִדיש קינד.

(ווילנע, 1910)

זײַנע לידער האָבן נישט געדאַרפט דעמאָלט „זוכן אַ נשמה וואָס זאָל זיי פאַרשיין". יעדער וואָס האָט געהאַט אַ סענסיטיוון געהער איז געוואָרן באַווירקט פון אײַנהאָרנס אייגנאַרטיקן מוזיקאַלישן פערז, און פון זײַן ספּעציפיש ייִדישן חן.

★

דוד איינהאָרן איז געבוירן געוואָרן אין 1886 אין שטעטל קאָרעליטש, מינסקער גובערניע, ביי אַ טאַטן אַ דאָקטאָר און אַ רב — בנימין קדיש איינהאָרן. אַט דער ד"ר און רב, בנימין קדיש, האָט געהאַט אַן עלטערן ברודער, יוסף איסר, וואָס האָט זיך געשמדט. די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אַזוי צעטרייסלט דוד איינהאָרנס טאַטן, אַז ער איז געוואָרן אַ פרוש אין גאונס קלויז אין ווילנע, ווו ער איז געזעסן און געלערנט דרײַ יאָר צייט. ערשט ווען דער פעטער יוסף איסר איז געשטאָרבן, האָט דודס פאָטער באַשלאָסן צו זײַן אַ דאָקטאָר בײַ ייִדן אין קליינע שטעטלעך. אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער גובערניע, האָט זיך דודס פאַמיליע באַזעצט אויף לענגער, און זײַן פאָטער איז דאָרטן געווען סײַ אַ דאָקטאָר, סײַ אַ רב.

דוד האָט באַקומען אַ פרום־ייִדישע דערציונג אין חדרים און אין אַ ווילנער ישיבה. צו 13 יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אויף העברעיִש, אָבער צו 18 יאָר איז ער אַריבער אויף ייִדיש. זײַנע ערשטע לידער האָט ער געדרוקט אין דער בונדישער „אַרבעטער שטימע" און אין ס.ס.ישן „אונדזער וועג", וואָס ש. ניגער האָט רעדאַקטירט.

מיט זייער צאַרטקייט, מעלאָדישקייט און פאַרנעפּלטקייט האָבן איינהאָרנס ערשטע לידער געמאַכט אַ רושם אויפן אינטעליגענטערן ייִד אין די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען. אין די ראָמאַנטישע „שטילע געזאַנגען" האָבן זיך דורכגעפלאָכטן יחידישע און נאַציאָנאַל־סאָציאַלע מאָטיוון — מאָטיוון וואָס האָבן פאַרנומען אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין לעבן פון יענעם דור.

שואל גוטמאַן

איך וויל אַז מײַן ליבע זאָל ווערן געשלאָסן
אין ערגעץ אַן ענגעס אַ יידישעס געסל,
וווּ ס׳שטייען די הײַזלעך געדריקט, ווי אַ סטאַדע
פון שעפסן, ווען ס׳שרעקן זיי וועלפישע ציינער.

— — — — — — — — — — —

און זײַן, וויל איך, זאָל זי אַ טאָכטער פון יענע
געבויגענע, פינצטערע, אָרעמע הײַזלעך,
וווּ ס׳לעבט און עס לײַדט די נשמה פון מײַן אומה,
וווּ ס׳רעדן פון לײַדן נאָר בליקן נאָר שטומע.

אין 1912 איז דוד איינהאָרן אָוועקגעפאָרן פון פוילן, און ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער מערסטע יאָרן געלעבט אין מערב־אייראָפּע — אין פראַנקרייך און שווייצאַריע. פון איין זײַט באַקענט ער זיך נאָענט מיט דער אייראָפּעיִשער קולטור — אי מיט אירע דערגרייי־כונגען, אי מיט אירע פּרעטענזיעס און אויסגעהוילטקייטן; פון דער אַנדערער זײַט לעבט ער איבער טראַגיש — ווי יעדער סאָציאַליסט וואָס האָט פאַרויסגעזען דעם אָפּגרונט צו וועלכן עס פירט דער קאָמוניזם — די גרויליקע סאָוועטישע משפטים, דעם טעראָר פון דער באָלשעוויסטישער דיקטאַטור און עס איז געווען נאַטירלעך אַז דער אַמאָליקער ראָמאַנטיקער זאָל איצט ווערן פאַרביטערט, סאַטיריש, פאַרצווייפלט.

אין יאָר 1938 פרעגט ער אין אַ ליד:

און אפשר איז די קראָ געווען גערעכט ?..
דײַן ווערק, אָ, גאָט, איז קלאָגעדיק און שלעכט.
צו וואָס דאָס גלויבן, חלומען און שטרעבן ?
אַז יעדער פרידן ברענגט אַ נײַעם קריג.

און יעדער אויפשטאַנד ברענגט אַ נײַע נויט!
עס איז אַ וועלט פון צאָרן, האַס און טרערן,
און יעדער טראָגט אין זיך דעם טויט,
ווי ס׳טראָגט די פרוכט אין זיך דעם ביטערן קערן.

ביים אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1940, האָט זיך דוד איינהאָרן אוּן זיין משפחה געראַטעוועט קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט זיך באַזעצט. דאָ, האָב איך אים עטלעכע מאָל באַגעגנט אין דער היים פון ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג.

ווען ס׳איז דערשינען, אין 1943, זיין בוך לידער „אָב הרחמים״ האָט עס געמאַכט אויף מיר אַזאַ רושם אַז איך האָב דעמאָלט אָראַנזשירט אַן אָוונט לכבוד דעם דערשיינען פון בוך. איינהאָרן האָט אויפן אָוונט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון דיכטער, ווו ער האָט באַוויזן אַז ער איז אַן אינעוויניקסטער אין דער פּאָעטישער לאַבאָראַטאָריע, און אַז ער ווייסט אַלע סודות און כּוחות וואָס ליגן באַהאַלטן אין וואָרט.

דאָס בוך „אָב הרחמים״ פאַרמאָגט אַ ריי רירנדיקע קינות ווו עס קומט צום אויסדרוק דער ייִדישער צער און צאָרן אויפן אומקום פון די זעקס מיליאָן קדושים. אין עטלעכע לידער — „אָב הרחמים״, „אין די פעלדער פון רוסלאַנד״ — דערגייט איינהאָרן צו דעם שטורעמדיקן פּאַטאָס פון „שפוך־חמתך״, און ער פאַרענדיקט די פּאָעמע „דייטשער פרילינג״ מיט דער דאָזיקער עלעגישער תּוכחה:

ווו זייט איר, מיינע ליבע און געטריַיע? — —
צווישן זיבן וועלף די שטילע שאָף.
ווער פירט אייך צו דער אייגענער לוויה? — —
איר, וואָס טראָגט פאַר אַלעמען די שטראָף.

אַ דייטשער פרילינג איז אויף מיין לאַנד געקומען...
דער אייזערנער גולם מיט די שטאָלענע הענט, — —
דער דייטשער גולם אָן האַרץ און אָן געפילן,
ווי אַ מאַשין געיאָגט פון פרעמדן ווילן,
צעשטערט ער אַלץ, דערהרגעט און פאַרברענט.

אָ, גאָט, גיס אויס אויף אים דיין פלאַמען־צאָרן.
הייב אויף אויף אים דיין שווערן ריכטער־אָרעם!
זאָל זיין פון אים, וואָס ס׳איז פון אונדז געוואָרן — —
אַ לאַנד פון חורבות און נאָמענלאָזע קברים,
אַן אויסגעברענטעס לאַנד פון אייגענע הענט פאַרברענט,
פון אַלעמען געמיטן, פון קיינעם ניט דערקענט!

אין דעם זעלביקן בוך איז פֿאַראַן אַ סעריע „פּליטים־לידער" ווו דער דיכטער גיט איבער די האָפֿנונגסלאָזיקייט, דעם עלנד און דעם יאוש פֿון די מיליאָנען מענטשן וואָס זײַנען אויסגעוואָרצלט געוואָרן פֿון זייערע היימען צוליב די מלחמות און רעוואָלוציעס.

אָ, מײַן גאָט, גיב מיר רו!
גיב מיר רו וווּ־ניט־וווּ!
ניין, איך בעט ניט קײַן סך,
בלויז אַ שטרויענעם דאַך
בלויז אַ שטרויענעם דאַך
אויפֿן קאָפּ איבער מיר
און ווענט אַרום פֿיר,
און אַ זיכערע טיר,
און אַ פֿענצטער אַ קליינס
בלויז געווענדט צו דיר,
און אַ טיש און אַ בעט,
און אַ שטול, און אַ קרוג,
און אַ ליכט אויף בײַנאַכט
ווען די איינזאַמקייט וואַכט.

אויב אַ מאָל אין ערשטן פּעריאָד פֿון זײַן שאַפֿן — פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה — האָט זיך אײַנהאָרן צײַטנווײַז איבערגעחזרט, איז געווען סענטימענטאַל־צעגאָסן, נישט געגנוג קאָנדענסירט אין זײַן פֿערז, באַווײַזט ער אין „אָב הרחמים" אַז זײַן קרעאַטיווער כּוח איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, אַז זײַן ליד איז געוואָרן רײַף, בצימצומדיק, מענלעך:

אָ האַרץ, דו מײַן האַרץ,
זײַ פֿון שטאָל, זײַ פֿון אײַזן,
קאָן אָט דער וועלט
דײַן פֿאַראַכטונג באַווײַזן.
באַהאַלט דײַנע טרערן
אין הייליקן לאָגל,

מײַן טראָט זאָל זײַן רויִק,
און ווירדיק מײַן וואָגל.
געהויבן מײַן קאָפּ
און דאָס אויג צו די שטערן,
אָט די גרויזאַמע וועלט
ניט צו זען, ניט צו הערן.
דעם בליק איבער איר,
ווי זי וואָלט ניט עקזיסטירן
מיט אירע פּאַלאַצן,
פֿאַרשלאָסענע טירן,
מיט הערצער אָן רחמים,
מיט הערצער אָן ליבע,
מיט ווילדע אינסטינקטן,
פֿאַרטונקלטע, טריבע
פֿון בלוט און פֿון ערד,
און פֿון מאַכט, און פֿון מאָרדן
אין רוישיקן טומל
פֿון חיהשע האָרדן.

מיט אָט דעם ווירדיקן, שטאָלצן פּראָטעסט קעגן דער אכזריותדיקער וועלט, פֿאַראייביקט אין אַ מעטאַלענעם, פּשטותדיק־געשליפֿענעם פֿערז, האָט דוד איינהאָרן באַוויזן אַז ער איז נישט בלויז דער פּאָעט פֿון אַ דור — דער דור פֿון ערשטן פֿערטל פֿון אונדזער יאָרהונדערט — נאָר דער דורותדיקער ייִדישער מקונן, וואָס וועט אויף אַלע אייביקייטן פֿאַרנעמען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער ייִדישער פּאָעזיע.

(1973)

אברהם ליעסין — דער דיכטער און פובליציסט

צווישן די צענטראַלע פיגורן וואָס האָבן געווירקט אין, און באַווירקט דעם גאַנג פון יידישן לעבן אין אַמעריקע — אין היינטיקן יאָרהונדערט — זיינען געווען פאַרשיידנאַרטיקע פערזענלעכקייטן; אַנדערש אין אידעאָלאָגיע, אין כאַראַקטער, אין טאַלאַנט, אין טעמפּעראַמענט. צו דערמאָנען בלויז עטלעכע: אייזיק־מאיר וויינ, ביי די רעפאָרמער; סאָלאָמאָן שעכטער ביי די קאָנסערוואַטיוון, און סטיווען ווייז ביי די אַמעריקאַניזירטע ציוניסטן. יעדער פון די פריער דערמאָנטע האָט משפּיע געווען אויף אַ געוויסן סעקטאָר פון היגן יידישן קיבוץ, און יעדער איינער פון זיי האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף אַ סעגמענט פון היגן יידישן קאָלעקטיוו. אָבער קיינער פון די וואָרטזאָגערס פון די היגע ענגליש־רעדנדיקע יידן האָט נישט איבערגעלאָזט אַזאַ פאַרמעגן פון אַ פּערמאַנענטן ווערט ווי די שאַפערס פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור, און צווישן די ראָזיקע ראשונים פאַרנעמט ליעסין אַן אָרט ביי דער מזרח־וואַנט.

אַוודאי איז ליעסין געווען אַ פּראָדוקט פון זיין צייט, און נישט אַלץ פון זיין גייסטיקער ירושה איז איבערצייטלעך; דאָך — נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר לעבן איצט אין אַ גאָר אַנדער אידעישן קלימאַט ווי אין ערשטן דריטל פון היינטיקן יאָרהונדערט, האָט ליעסין איבערגעלאָזט אַ באַדייטנדיקע ירושה ווי אַ דיכטער און ווי אַ פובליציסט.

אברהם וואָלט־ליעסין (1872—1938) איז געבוירן געוואָרן אין מינסק, אין אַ מיוחסדיקער משפחה, ביי אַ פּאָטער אַ למדן. ווי אַ יינגל איז ער שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון יידיש־געשיכטלעכע ספרים: פון „שבט יהודה", פון יוסיפון, פון שולמאַנס „דברי ימי עולם", און אַנדערע. צו 9־10 יאָר שרייבט ער שירים. אין עלטער פון 13 יאָר שיקט מען אים אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. ער ווערט דאָרטן אַן „אַפּיקורס", און ווען מ׳כאַפּט אים מיט אַ פּאַפּיראָס אום שבת, מוז ער פאַרלאָזן די ישיבה. ער פאָרט קיין ווילנע, וווּ ער לערנט וועלטלעכע לימודים. שפּעטער

פּאָרט ער אַהיים, קיין מינסק, ווו ער ווערט טעטיק ווי אַ סאָציאַליסט. אָבער ער גיט זיך גלײַכצײַטיק אָפּ מיט אָנפירן קורסן פון ייִדישער געשיכטע. ער באַקעמפט, אין אָנהייב 90ער יאָרן, די ייִדישע קאָסמאָפּאָליטן וואָס האָבן דעמאָלט דאָמינירט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז שוין אין יענע בראשית־יאָרן פון ייִדישן סאָציאַליזם אַ ייִדישער „נאַראָד־ניק" (פאָלקס־סאָציאַליסט), וואָס פאָדערט אַז עס זאָלן גענומען ווערן אין אַכט די ספּעציפישע באַדינגונגען פון די ייִדישע מאַסן, וואָס זײַנען גאָר אַנדערש ווי בײַ די אַרומיקע פעלקער. ער האַלט אַז ייִדישע סאָ־ציאַליסטן וואָס „גייען אין פאָלק" דאַרפן פאַרשפּרייטן זייערע ראַדיקאַלע אידעען אין דער שפּראַך פון פאָלק, אין ייִדיש. ער טרעט אַרויס קעגן דער רוסיפיקאַציע און קעגן דער דאָגמאַטישער אָנווענדונג פון מאַר־קסיזם אויף דער ייִדישער גאַס. ליעסין שרײַבט אין יענע יאָרן אי סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע לידער ווי „אויפן ווײַטן צפון", „אַ טראָפּן בלוט", אי פּאַטאָספולע נאַציאָנאַלע לידער ווי „דער אייביקער ייִד".

אין פרילינג 1897 קומט ליעסין אָן קיין ניו־יאָרק, ווו ער ווערט אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". שפּעטער, אין 1913, נעמט ער איבער די רעדאַקציע פון דער „צוקונפט". ווען ליעסין איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק איז די ייִדיש־ראַדיקאַלע גאַס געווען באַהערשט פון די קאָסמאָ־פּאָליטן. געווען בלויז איין שוואַלב וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז ס'קען קומען אַ „פרילינג": מאָזעס מינץ. אין דער ניו־יאָרקער „יודישע פאָלקס־צייטונג", רעדאַקטירט פון מאָזעס מינץ, הערן מיר, אין פּראָגראַם־אַרטיקל, דעם 25סטן יוני, 1886, אַז דער ייִדישער אַרבעטער דאַרף זיך פילן פאַרבונדן אי מיט אַלע אַרבעטער פון דער וועלט, אי מיט דער לאַגע פון ייִדישע אַרבעטער: „אין פעלד־קאַמף אַלס אַרבעטער האָט ער זייער פיל מיט־ברידער; אין פעלד־קאַמף אַלס ייִד האָט ער זייער ווייניק". דאָס איז אָבער געווען אַן אויסנאַם. אין ערשטן נומער „צוקונפט", יאַנואַר, 1892, רעדט זיך אין פּראָגראַם־אַרטיקל וועגן דער וואַקסנדיקער צאָל ייִדישע אַרבעטער וואָס קענען נישט קיין אַנדערע שפּראַכן חוץ ייִדיש, און וואָס „ווילן זייער גרינטלעך לערנען די סאָציאַלע פראַגע פון אונדזער צײַט, און איבערהויפּט זיך אויסבילדן". אַזוי ווערט מאָטיווירט די נויטווענ־דיקייט אַרויסצוגעבן די „צוקונפט"; פון נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, אָדער וועגן אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור אויף ייִדיש — פון דעם איז נאָך

נישטאָ קיין רייד אין דער אידעאָלאָגיע פון דער „צוקונפט״. ערשט אין דער צווייטער העלפט פון די 90ער יאָרן איז די לופט געוואָרן גינסטיקער פאַר אַ סינטעז פון נאַציאָנאַלער ייִדישקייט און סאָציאַליזם. דער דרייפוס־פּראָצעס און דער אויפקום פון ציוניזם האָבן בײַם סוף פון די 90ער יאָרן געהאַט אַ ווירקונג אויף אַ טייל פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. עס האָבן זיך שוין געלאָזט הערן נאַציאָנאַליסטישע שטימען אין לאַגער פון קאָס־מאָפּאָליטישן ראַדיקאַליזם.

אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט איז, ווי באַקאַנט, געוואָרן שטאַרקער דער אינטערעס צו ייִדישער קולטור־שאַפונג, נישט נאָר ווי צו אַן אויפ־קלער־ און אַמוזיר־מיטל, נאָר ווי צו אַ ווערט פאַר זיך אַליין. די הויפּט־פאַקטאָרן וואָס האָבן דאָס גורם געווען זײַנען: א) די בהדרגהדיקע נאַ־ציאָנאַלע און סאָציאַלע אויפוואַכונג פון די ייִדישע מאַסן און אינטעליגענץ אין מזרח־אייראָפּע; ב) דער אויפקום פון בונד; ג) זשיטלאָווסקיס און דובנאָווס אויטאָנאָמיזם; ד) דער וווּקס פון דער ייִדישער פּרעסע. נאָכן קישינעווער פּאָגראָם, אין 1903, איז נאָך בולטער געוואָרן די נײַע טענדענץ פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויפלעבונג.

מיט ליעסינס איבערנעמען די רעדאַקציע פון דער „צוקונפט״, אין 1913, איז דער זשורנאַל געוואָרן דער צענטראַלער אָרגאַן פון ייִדישן און ראַדיקאַלן געדאַנק, און פון דער שיינער ליטעראַטור. ליעסין פלעגט דאָ שרײַבן זײַנע חודשלעכע, גײַסטרײַכע אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס, און דאָ האָט ער פאַרעפנטלעכט זײַנע פּאָעמעס און לידער. ליעסינס פּובליציסטישער נוסח איז, אין אָנהייב פון הײַנטיקן י.ה., געווען אַן אינאָוואַציע מיט זײַן פּאָזיטיוון צוגאַנג צו ייִדישער טראַדיציע, צו ייִדיש־היסטאָרישע ווערטן און צום ייִדיש־געשיכטלעכן העראָיזם און מאַרטירער־טום. זײַן בקיאות און זײַן פאַרליבטקייט אין דער ייִדישער געשיכטע האָט באַפאַרבט זײַן פּובליציסטיק מיט פּאַטאָס, מיט שווונג, מיט וויזיאָ־נערישקייט.

באַלד אין סאַמע אָנהייב, ווען ליעסין האָט געשטעלט זײַנע ערשטע טריט ווי אַ דיכטער, איז בײַ אים געגאַנגען געפּאָרט רעוואָלוציאָנער־רישקייט און טיף ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוווסטזײַן. אין 1894 שרײַבט ער „דער אייביקער ייִד״, און אין 1896 — „אין לאַנד וווּ עס קייקלט די לענאַ״; ער גלאָריפיצירט דעם ייִד „וואָס איז שטאַרקער פון וואַסער פון

פײַער, פון שטורעם, און שטאַרקער אַפילו פון צײַט״. און מיטן זעלביקן אייפער פאַרהערלעכט ער די מאָדערנע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן, ווײַל ביידע טראָגן אַ ליכט פאַר דער וועלט. אין קרעפטיקע פערזן דריקט ליעסין אויס די ייִדישע טראַגיק אין גלות, און די שיינקייט, דאָס ליכט פון ייִדישן גײַסטיק־דערהויבענעם לעבן אין מיטלאַלטערלעכן געטאָ. ער האָט געפילט און געגלויבט „אַז קיין שיינקייט איז ניט אַזוי שיין, ווי די שיינקייט פון מענטשלעכע זעלן, ווי שטענדיק די שיינקייט פון פאָלקסזעל אַליין״. (אין דער רינדיקער, לירישער פּאָעמע „ייִדיש״).

אין ליד: „שמחת תּורה בײַטאָג״ שילדערט ער אַן עפּיזאָד פון זײַן אייגענער יוגנט, ווען דער טאַטע קומט אַהיים פון שול אום שמחת־תּורה און ליעסין קומט פון אַ געהיימען מיטינג. בײַם טיש הערשט אַן אָנגע־שטרענגטע אַטמאָספערע; דער טאַטע זינגט אַ ניגונדל און דער זון ברומט אַ רעוואָלוציאָנער לידל. אָבער דעם דועל צווישן די צוויי וועלטן שליסט אָפּ דער פּאָעט מיט אַזאַ רעפריין:

אָ, טאַטע! ווי וווּנדערלעך העל
איז אָפּט אין מײַן האַרץ אויפגעגאַנגען
אַט דער שמחת־תּורה־דועל
פון אונדזערע ביידנס געזאַנגען.

אָ, טאַטע! ווי האָבן מיר פיל
געקריגט זיך, ווי שונאים, פערזענלעך
און האָבן געהאַט דאָך איין ציל,
און זײַנען געווען אַזוי ענלעך.

אָ, טאַטע מיר זײַנען דעם וועג
געגאַנגען אין גאַנצן באַזונדער,
און ביידע אין גראַ פון די טעג
געזוכט אַליין דעם יום־טוב, דעם וווּנדער.

דרײַ הויפּט־מאָטיוון זעען זיך אָן אין ליעסינס לידער, ספּעציעל אין יענע, וואָס ער האָט געשריבן ווען ער איז געשטאַנען אויף די רײַפסטע שטאַפּלען פון זײַן טאַלאַנט: א) דער ייִדישער מאַרטירערטום אין גלות;

ב) די פאַרהערלעכונג פון ייִדישן גײַסטיקן לעבן אין נאָענטן עבר; ג) זײַן עקסטאַז פאַר ייִדישן העראָיִזם במשך דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע. די דאָזיקע דרײַ מאָטיוון זײַנען פּאַקטיש איין לייטמאָטיוו אין ליעסינס גאַנצן פּאָעטישן גאַנג. ער זעט דעם פּאַטאָס און די הערלעכקייט אין ייִדישן לעבן וואָס פאַרשווינדט. ער איז פאַרכּישופֿט פון דעם ליכט פון ייִדישקייט — פּאַראייביקט ער עס אין זײַנע פּערזן. ליעסין איז דער פּאָעט פון דער ייִדישער געשיכטע; זײַנע לידער זײַנען אַן עקזאַלטירטער אַקאָמפּאַניאַמענט צו אונדזער היסטאָרישער סימפאָניע; און וואָלטן מיר געהאַט ייִדישע יוגנט און ייִדישע מיטלשולן, וואָלטן ליעסינס לידער געווען די פּאַסיקסטע באַגלייטערס צום געשיכטע־טעקסט־בוך.

אָבער ליעסין איז נישט קיין ראָמאַנטיקער וואָס אַנטלויפט צום נעכטן. ער גלאָריפיצירט דעם העראָיִזם פון גײַסטיקע ריזן: פון רב עקיבא, פון ר׳ יהודה בן־בבא, פון מהר״ם פון ראָטענבערג. ער פאַרהערלעכט אויך די מוסטער־געשטאַלטן פון אונדזער צײַט: די הירש לעקערטס, די פאַר־שיקטע קיין סיביר ייִדישע רעוואָלוציאָנערן. אָט ווי ער שילדערט אין זײַנע זכרונות די צוויי גרונטטענער אין זײַן וועזן. נאָך דעם ווי ער גיט איבער דעם רושם וואָס ראש־השנה און יום־כּיפּור פלעגן אויף אים מאַכן אין די קינדער־יאָרן, שרייבט ער: „אַפילו אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען איך בין שוין אַוועקגעגאַנגען ווײַט פון רעליגיעזן ייִדנטום... האָב איך נאָך אַלץ געקענט אַנטדעקן אַ ווינקל אין האַרצן ווו דאָס ייִדישע מאַרטירערטום איז מיר נאָך אַלץ געווען טײַער און הייליק. די פּראַכט פון דעם ייִדישן דאַרנקראַנץ צווישן די פעלקער האָט נאָך אַלץ אויף מיר געווירקט באַצויבערנדיק, און כאָטש אַלע מײַנע אידעאַלן זײַנען שוין דאַן דורכאויס געלעגן אין דער צוקונפט, כאָטש איך האָב שוין דאַן מיט דער פאַרגאַנגענהייט אין גאַנצן אָפּגעשניטן, פון דעסטוועגן האָב איך זיך געפילט אין אַ געוויסער מאָס צו איר צוגעבונדן״.

ליעסינען איז טאַקע אייגן אַלץ וואָס איז ייִדיש, אָבער ער איז אַ גוטער אָבסערוואַטאָר פון דער ייִדישערווירקלעכקייט, און ער ווייסט וועגן די קרומקייטן און קראַנקייטן אין ייִדישן לעבן. שוין אין איינעם פון זײַנע פריִע לידער (געשריבן אין 1896) זעט איר דעם ניכטערן אָבסערוואַטאָר, און דעם סאַטיריקער:

אַ ייִדישע מלוכה רבותים!
צי קענט איר דאָס גרונטיק פאַרשטיין?
דאָס הייסט דאָך אַ מלוכה פון גאונים
אַ מלוכה פון מלכים אַליין!

עס זעען פון ווײַטן די לייזונג
די הונדערטער קרעמער אין גאַס,
און פרעסן עס אויף מיט די אויגן,
מיט אויגן פון קנאה און האַס.

זיי קוקן אַרויס פון די טירן;
זיי זעען ניט אָבער ווי שווער
דער בעל־פּרנסה צעזיפּצט זיך
און קאַפּעט אַ טרער נאָך אַ טרער.

עס וואָלט געווען פאַלש ווען מען זאָל אַזאַ קאָמפּליצירטע פּערזענ־לעכקייט ווי ליעסין וועלן רעדוצירן בלויז צו נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע מאָטיוון אַליין. עס ברויזן אין אים, ווי אין יעדן טיפן קינסטלער, קאָנ־פליקטן און סתירות און קאָנטראַסטן. ער איז אַן עפּישער פּאָעט, אָבער מיט לירישקייט; ער איז עקזאַלטירט און ניכטער; ער איז סאָציאַל און יחידיש. אַוודאי איז ליעסין געבליבן הינטערשטעליק אין זײַן פּערזקונסט אין פאַרגלייך מיט די דערגרייכונגען פון די „יונגע" אין דער ייִדישער פּאָעזיע. זײַן שפּראַך איז פאַרעלטערט, דעקלאַמאַטאָריש, צו פיל דערזאָגט, נישט פאַרשלייערט, נישט סוגעסטיוו. ער קען נישט אויסדריקן די דינקייטן, סובטילקייטן, די האַלבטענער, די ניואַנסירטקייטן פון די „יונגע".

אָבער ווי אַלע אמתע קינסטלערס איז ליעסינען נישט פרעמד די קאָסמישע פּיעטעט, די ערפורכט פאַר דער אייביקייט, פאַר דער אומענד־לעכקייט, פאַר די סודות פון זײַן — אָט דאָס וואָס מיר באַצייכענען ווי רעליגיאָזיטעט. אָט דער פאַרעקשנטער, היסטאָרישער ייִד ווייסט וואָס עס מיינט אינערלעכע הכנעה, סטאָיִציזם, ביטול היש. אין דעם ליד „ממעמקים" — איינס פון זײַנע שענסטע לידער — גיט דער דיכטער אויסדרוק צו זײַן בענקשאַפט, צו זײַן גאַרן נאָך דעם גלויבן פון זײַן קינדהייט. ער זוכט אין פאַרצווייפלונג דעם טויער צו דעם „פאַרלאָרענעם גן־עדן".

שואל גוטמאַן

איך האָב פון דער טיפעניש ווייסט
גערופן צו דיר:
אַוווּ נאָר דײַן ליכטיקייט פליסט,
זאָל לויכטן אויך מיר.
איך גיי אין די שאָטנס פון שטאַרבנדע טעג
נאָך בלאָנדזשענדע פלעמלעך וואָס ווערן ניט באַלד —
ווי איינזאַם, ווי לער און ווי שווער איז דער וועג,
און קאַלט, אַזוי קאַלט!

איך האָב פון דער טיפעניש ווייסט
גערופן צו דיר:
אַוווּ נאָר, אַוווּ נאָר דו ביסט,
באַווײַז זיך פאַר מיר.
איך זאָל, ווי אַ מאָל, אין מײַן קינדהייט דיך זען.
ווי אָפגיין וואָלט אַלץ, וואָס אין מיר איז פאַרשטיינט;
ווי פרום, און ווי הייס וואָלט מײַן תפילה געווען —
ווי וואָלט איך געוויינט!

איך האָב פון דער טיפעניש ווייסט
גערופן צו דיר:
געזוכט דיך, געבעטן אומזיסט
צו ענטפערן מיר.
און איצט בײַם סוף וועג, ווען איך גיי פון דער וועלט,
פון טרוים פון אַ וועלט, שוין אויף אייביק אַוועק,
צי בלײַבסטו נאָך אַלץ אַזוי ליכטיק פאַרשטעלט —
אַ פרעמדקייט, אַ שרעק?

דעם פאַרלאָרענעם גן־עדן, דעם גלויבן פון זײַן יוגנט, האָט ער מסתמא נישט געפונען, אַזוי ווי מיר אַלע, וואָס האָבן פאַרזוכט פון עץ־הדעת, קענען אים נישט געפינען.

אונדזער אַטאָמישע עפּאָכע האָט דראַמאַטיזירט דעם פאַקט אַז וויסנשאַפט, טעכניק אָן מאָראַל, אָן עטישקייט, וועט ברענגען אומגליק און חורבן. מיר האָבן דעריבער פאַרלאָרן דעם דרך־ארץ פאַר טאַלאַנט, אָדער וויסן וואָס גייט נישט געפאָרט מיט אחריות, מיט מאָראַל און אידעאַליזם.

די איינציקע עליטע וועמען מיר רעספעקטירן איז די גײַסטיקע אַריסטאָקראַטיע וואָס באַווײַזט אונדז מיט אירע מעשים, מיט איר כאַראַקטער, מיט איר אײַנשטעלן זיך פאַרן אמת וואָס פאַר אַ זינען דאָס לעבן האָט פאַר איר. דורך איר בײַשפּיל שטעקט זי אָן מיט אירע אמתן אַנדערע. ליעסין האָט געהערט צו דער דאָזיקער עליטע. אין לעסינען איז געווען פאַראייניקט דער מענטש פון טאַלאַנט און כאַראַקטער; דער קינסטלער און די מאָראַלישע פּערזענלעכקייט וואָס בייגט זיך נישט און ברעכט זיך נישט איַין פאַר מאַכטהאָבערס, אָדער פאַר דער מערהײַט — אויך נישט אין זײַן אייגענער סביבה. — אַזאַ כאַראַקטער איז נישט קיין קלענערע שאַפונג ווי אַ — קונסטווערק, און אָט די דאָזיקע קאָמבינאַציע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט ליעסין. ווי אַ ריי אַנדערע ייִדיש־אַמעריקאַנער קינסטלערס איז ער געווען אַ מענטש פון וואָרט און פון טאַט; ער האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די אידעיִשע און ליטעראַרישע שטרײַטן פון זײַן צײַט. זײַן פּאָעטישער אויפטו און זײַן צושטײַער צום ייִדישן געדאַנק פאַרזיכערן ליעסינען אַ בכּבודיק אָרט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

(1973)

אפרים אויערבאַך — דער דיכטער און זײַן וועלטבאַנעם

(צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג)

שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט ווי אפרים אויערבאַך לעבט אין אַמעריקע. ער איז דאָ אַהערגעקומען אין יאָר 1915, ווען די שיטה פון די „יונגע" מיט זייער עסטעטיציזם און קעגנערשאַפט צו פּראָגראַמאַטישקייט אין ליד, האָט ביסלעכווײַז „אײַנגענומען" די אַמעריקאַנער יידישע פּאָעזיע. שפּעטער זיינען געקומען די אינזיכטן מיט זייער באַטאָנען אורבאַ־נישקייט, מאָדערניזם, דעם פרײַען פערז. אויערבאַך האָט נאָענט געקענט און זיך געחברט אי מיט די פירנדיקע „יונגע", אי מיט די אינזיכסטן. ער איז אַפילו אַ באַשטימטן פּעריאָד געווען נאָענט צו די „יונגע", און ער איז אָן ספק מושפּע געוואָרן פון די פאַרשיידענע פּאָעטישע שולן אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס.

און דאָך ווייסט יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט אויערבאַכס פּאָעטישן גאַנג, אַז ער איז קיין מאָל נישט געוואָרן קיין איינזײַטיקער חסיד פון אַ ליטעראַרישער ריכטונג, פּונקט ווי ער איז אין זײַן יידישן וועלטבאַנעם אַלע מאָל געווען אַלזײַטיק, באַלאַנסירט: ער האָט פון זײַן פריסטער יוגנט אָן געהערט צו דער מחנה וואָס האָט געאַרבעט פאַרן אויפבוי פון ארץ־ישראל, און גלײַכצײַטיק האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין יידישן קולטור־לעבן אין אַמעריקע; ער איז געווען אַ לערער אין די שלום־עליכם־שולן, און אַ מיטבאַטייליקטער — מיט זײַן וואָרט, מיט זײַן פּען — אין די צענטראַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע. ער איז אַן אינטימער בן־בית אין תּנ"ך, און ביבלישע מאָטיוון געהערן צו די גרונטטענער אין זײַן שאַפן. אָבער דאָס פאַרקלענערט נישט זײַן וועלטיק אויף דעם גורל פון ר' לוי יצחקס דערבאַרעמדיק וואָרט, און ער ווענדט זיך צו אונדז:

> לאָמיר אַלע ווײַנען, לאָמיר אַלע ווײַנען אַ זמרל,
> ליגט צעבראָכן דאָס הייליקע העמערל,

אונדזער ייִדיש געזאַנג: „קום צו מיר אין קעמערל״,
איז מיט שמע ישראל, אין דער גאַזקאַמער אויסגעגאַנגען,
לאָמיר אַלע ווייִנען, לאָמיר אַלע ווייִנען אַ זמרל.

אויערבאַכן איז באַשערט געווען צו גיין אין משך פֿון זײַן גאַנצן לעבן מיטן ייִדישן הויפּטשטראָם, אָן אָפּנייגן, אָן זיגזאַגן, אָן פֿאַרדרייע־נישן אויף לינקס, אַפֿילו ווען די „עפּידעמיע״ האָט פֿאַרכאַפּט אַ סך פֿון די אָנגעזעענסטע חברים זײַנע. ער האָט זיך אויך נישט פֿאַרקערעוועט אויף רעכטס צו די בעלי־תשובה; ער האָט נישט געדאַרפֿט תשובה טאָן, ווײַל ער איז קיין מאָל נישט אַוועק ווײַט פֿון דרך־הישר. ער האָט נאָך אין דער יוגנט זיך אָנגעשלאָסן אין ייִדישן לעגיאָן; ער האָט געלעבט אַ צײַט אין ארץ־ישׂראל, און איז במשך אַלע יאָרן געבליבן געטרײַ זײַן יוגנט־אידעאַל. אָבער גלײַכצײַטיק מיט זײַן ליבשאַפֿט פֿאַר ארץ־ישׂראל און זײַן פֿאַרוואָרצלטקייט אין אַלטן לשון־קודש און אין נײַעם העברעיִש, איז ער געוואָרן אַ זײַל אין דער ייִדיש־ליטעראַטור, אַ דיכטער „וואָס טראַכט מיט עברי־טײַטש״. ייִדיש איז פֿאַר אים נישט סתּם אַ לשון נאָר אַ לעבנסקוק, אַ פֿאָלקסגעמיט, אַ מענטאַליטעט וואָס נעמט אַרײַן — ווי ער דריקט זיך אויס — הלכה און אַגדתא, מוסר און לעבנס־חכמה, מעשׂהלעך און משלים, ליריזם און דראַמאַטיזם. ער זעט נישט קיין סתּירה צווישן ייִדיש און העברעיִש, און ווייסט אַז „דער תּנך אַליין אָן דער ייִדישקייט וואָס איז אויף אים אָנגעוואַקסן אין גלות איז נישט קיין באַוואָרעניש קעגן אַסימילאַציע. צו פֿיל אוניווערסאַל איז דער תּנך געוואָרן אַז ער זאָל זײַן דער איינציקער קעגנצייכן אונדזערער אין די תּפֿוצות. מיט חכמה און אינטויִציע האָט דאָס פֿאָלק אויפֿגעבויט דעם נוסח־אשכּנז״.

און טאָמער וועט איר פּרובירן — ווי עס טוען עקסטרעמע העברעיִסטן — פֿאַרגלײַכן ייִדיש צו גריכיש, צו אַראַביש, וואָס ייִדן האָבן אין באַ־שטימטע לענדער און עפּאָכעס גערעדט — ענטפֿערט אויף דעם דער דיכטער אויערבאַך: „גריכיש און אַראַביש האָבן ייִדן גערעדט, אָבער קיין ייִדישע שפּראַכן זײַנען זיי נישט געווען. דער ייִדישער געדאַנק האָט אַ מאָל פֿאַרבלאָנדזשעט אין יענע שפּראַכן, אָבער נישט דאָס ייִדישע האַרץ. די חומש־ווערטער האָב איך געקענט, אָבער דעם חומש אַליין האָב

איך איבערגעלעבט אויף ייִדיש. גמרא האָב איך אויסגעייִדישט, אַפילו ישעיהן און ירמיהן האָב איך אַרײַנגענומען אין זיך מיט ייִדיש־אַרײַנזונג".

רירנדיק און ווערדיק דריקט אויערבאַך אויס זײַן פאַרליבטקייט און פאַרקניפּטקייט מיט דער ייִדיש־פאָלקסטימלעכקייט — און ער גרענעצט זיך אָפּ פון די כּנעניסטישע שטימונגען פון טשערניכאָווסקי און שניאור — אין איינעם פון זײַנע לעצטע לידער:

אַז דער העלעניסט־פּאָעט האָט נאָך געקניט
פאַר שטיינערנעם אַפּאָלאָ דער סטאַטוע,
האָט פרום אין מיר דער ייִדישפונק געטליט
מיט פאַסטעך דודס הללויה.

אַז פּײַטנים זענען אין עברית
פון שטעטלדיקער אָרעמשאַפט אַנטרונען,
האָב איך די צוויטן זײַד אירע אויפגעהיט
און ליד פון זיי מיט פריידיקייט געשפונען.

נאָר אין פאַרנאַכטן — אַ מאָל אויך אַ קאַיאָר —
אַז אַלטמאָדיש באַזעליקט מיך די שכינה,
לויכט אויף מיר אין די שיטער־ווײַסע האָר
די זון, צעשפּרענקלט מיט ייִדישפונקען דינע.

אויערבאַכס ליד איז באַשיידן, ערלעך, עניוותדיק; ער חנדלט זיך נישט מיט מאָדערניזמען. ער איז דער דיכטער פון פּשטות, פון עכטקייט, פון אחריותדיקייט פאַרן גורל פון פאָלק און יחיד. דער ראַפינירטער, שטאָלצער פּאָעט, וואָס איז געטרײַ זיך און זײַנע איבערצײַגונגען, דאַרף נישט, און קען נישט זײַן פאַררײסן, גאַווהדיק; ער פאַרמאָגט אַ פּנימיות־דיקע הכנעה, אַ שטילע פיעטעט. ער ווייסט זײַן אויפטו ווי אַ פּערזענ־לעכקייט, ווי אַ דיכטער. אָבער גלײַכצײַטיק איז ער באַוווּסזיניק וועגן זײַן באַגרענעצטקייט, זײַן ענדלעכקייט. דערפאַר איז זײַן ליד שטיל, בקול־דממה־דקה.

אַז דער אייבערשטער וועט מיר די רו זײַנע ברענגען
און זײַן וואַרעמע ערד וועט מיר זײַן אַ געשאַנק,

וועט אַ קינד מײַנס אַ מאָל מײַנס אַ ליד געדענקען,
וועט אַ לײַכט טון אין עמעצן מײַנס אַ געדאַנק.

מײַן פאַרהאָרעוועט וואָרט וועט נישט צינדן געמיטער,
נאָר ווי שטערן אַ שײַן טון פאַרחלומט און קלוג;
כ׳וועל בײַ קיינעם נישט זײַן קיין מאָנער, קיין היטער,
נאָר אַ מענטשלעכער ציטער וועט זײַן מיר גענוג.

כ׳האָב זיך ערלעך פאַרדינט מײַנע קלײַנע ווערטער,
כ׳האָב די שורות געאַקערט אַליין, און געזייט.
כ׳בין געווען דער געטרײַער, פאַרמידיקטער גערטנער
איבער מײַנע געזאַנגיקע, זאַנגיקע רייד.

כ׳האָב געוווסט אַז מײַן שטח איז עטלעכע איילן,
אַז די זון איבער מיר האָט פאַרטונקלט איר גאָלד,
אַז אַ מאָל וועט אַ קינד מײַנס דאָס ליד מײַנס דערציילן,
וועט ער זאָגן: דער טאַטע האָט מער נישט געוואָלט.

אויערבאַכס שפּראַך איז רײַך און ניואַנסירט. ער האָט פאַרהײַנט־צײַטיקט אַלטע יידישע תפילות, און זיי איבערגעגאָסן אין מאָדערנער יידישער פּאָעזיע; דערבײַ האָט ער באַוויזן אָנצוהאַלטן זייער אַרכאַישן אַראָמאַט.

אין פּרט פון פּאָעטישער אַנטוויקלונג, איז אויערבאַך אָפּגעגאַנגען אַ ווײַטן מהלך פון זײַן ערשטן בוך לידער קאַראַוואַנען **ביז** גילדענע שקיעה **און** וואַך איז דער סטעפּ. **דאָס וואָרט זײַנס איז געוואָרן געלײַטערט, דער אימאַזש אָריגינעל, די שורה מוזיקאַליש און אייגנאַרטיק. דאָך געהערט ער צו די „אַלטמאָדישע" פּאָעטן וואָס שרײַבן פערזן אין גע־גראַמטע סטראָפעס. ער אַליין איראָניזירט וועגן דעם:**

מײַנע געזאַנגען, פון ערד אויסגעקנאָטן,
זענען אין מיר מיט אַלצדינג געראָטן,
אָבער נישט איך, און נישט די געזאַנגען
זענען נאָך אַלץ צו דער וועלט נישט דערגאַנגען.

שואל גוטמאַן

כ׳בין נאָך אַלטמאָדיש, ווי דאָרפישע קוויטן,
כ׳גראָב נאָך די ווערטער ווי גויים די בייטן.
ס׳האָט שוין די וועלט נײַע ווערטער געפונען,
איך אָבער האַלט נאָך בײַ ווינטן און זונען.

ס׳איז מיר אַ חרפה פאַר מײַנע קאָלעגן
הײַנטיקע צײַט צו דערמאָנען דעם רעגן.
לעיעלעס, גלאַטשטיין און אַהרן צייטלין
שמייכלען אַוודאי: ער האַלט נאָך אין קוויטלען.

אָבער בעת אויערבאַכס רייד זײַנען „פשוטע, רויע״, ווי ס׳איז פשוט און רוי מענטשלעכער טרויער און פרייד, לעבן און טויט, יוגנט און עלטער, עלנט און גליק — דער רווישטאָף פון פּאָעזיע — איז שוין גאָרנישט פשוט דער טאַלענט צו קענען אויסדריקן די קאָמפּליצירטע סענסיביליטעט פון אַ מאָדערנעם ייִדן אין געשליפענע פערזן. און לייענט איר זײַנע לעצטע לידער, וואָס גייען אַרײַן אין דער אָפּטיילונג „אין שפּעטן נאָכזומער״, אין זײַן נאָר וואָס דערשינענעם בוך אַ לעבן צווישן טאָוולען, וועט איר זען ווי דער דיכטער קען סינטעזירן זײַנע סידור־אַסאָציאַציעס מיט די שטימונגען פון זײַן איצטיקן שפּאַציר אין ירושלים:

צונויפגעגאָסן האָט זיך נידער מיט הייך
און שײַן אויף סטעזשקעס געוווען איז בלייך.
געזונגען האָב איך ווי מײַן פרומער טאַטע
דאָס אייביקע ייִדישע אמונה־געזאַנג,
אַז גאָט וועט מיך היטן אויף מײַן נאַכטיקן גאַנג
צו ירושלים של מעלה פון ירושלים של מטה.

אָט די דאָזיקע דערהייבונג פון ירושלים של מטה צו ירושלים של מעלה נאָך וועלכער דער דיכטער גאַרט, שטערט אים נישט צו פירן אַ שאַרפן וויכוח מיטן בורא עולם, און צו ווענדן זיך צו אים מיט דער טענה:

— — — איז דאָס מײַן געצאָלטס,
אַז אָנטרינקען זאָל מײַן בלוט גאָר די ערד

און זײַן זאָל דער אַנטרינקער אַ געצל אַ געמאָלטס ?

און מיר ? אַ מאָל אין אַ נאַכט פון גענאָד,
פון אַש וועלן מיר אויפשטיין, פון געליטערטן שטויב
אַ קוק צו טון: ווו איז דער גרויסער גאָט,
וואָס אויסגעביטן האָט ער זיך אַליין אויף דרויב.

(אַ לעבן צווישן טאָוולען, זײַט 425)

אין דער ייִדישער פּאָעזיע האָט אויערבאַך אַרײַנגעבראַכט די בעסאַ־ראַבער ווײַניקייט און ערדישקייט. ס׳איז אַ ספּעציפישער, חנעוודיקער ניואַנס וואָס באַצווינגט אײַך מיט אַן עכטקייט, אַ געזונטקייט, אַ חומש־דיקייט, וואָס גיט אײַך דעם אײַנדרוק אַז אַזוי האָבן די בעסאַראַבער טוביהס גערעדט. אין דער אמתן שפּיגלט זיך דאָ אָפּ, אַחוץ דער בעסאַ־ראַבער שפּראַכלעכער רויערד, די וואָרט־מײַסטערשאַפט פון דיכטער:

ייִדיש מײַנער, מײַן בעסאַראַבער,
אויפגעכאָוועט האָט דיך דער ייִד
וואָס אין איינעם מיט וידבר
האָט אין אים די שוואַרצערד געבליט.

האָסט צונויפגעקניפּט די דאָינע
מיט בעל־שם־טובס פאָדעם זײַד,
אויפגעהאָנגען אויף ביימער־קרוינען
האָסטו אונדזער תנכישע ווײַט.

פאַראַן אין אויערבאַכס לידער אַן עלעמענטישקייט, אַ קאָנקרעטקייט, אַ געשליפענע פשטות, וואָס נאָר אַ וואָרטמײַסטער האָט אין זײַן קונשניע געקענט אויסשמידן. ער איז אַ וואָרט־האָרעפּאַשניק וואָס האָט זיך אויף אייביק פאַרשריבן אין אוצר פון דער ייִדישער פּאָעזיע.

איך בין נאָך אַלץ אַ האָרעפּאַשניק אַ באַלוינטער
בײַם וואָרט, וואָס האָט מיך אָנגעדונגען אויף דער שעה.
דער מעסטער מאָנט. ס׳איז נאָך קיין פולע מאָס נישטאָ,
כאָטש עלטער בין איך, און אַ ביסל אַ באַקרוינטער.

שואל גוטמאַן

מײַן קאָפּ איז װי פּאַר נאַכט אין װינטער גראָ,
נאָר, ייִדיש װאָרט, איך בין בײַ דיר נישט קיין געשװינטער,
אַ מאָל קוק איך אויף שורות מײַנע אַ דערשטױנטער
װאָס זומערדיקע גרינקייט איז אין זיי נאָך דאָ.

ס'איז דאָ בײַ אויערבאַכן אי זומערדיקע גרינקייט, אי האַרבסטיקער, שטילער טרויער און קהלתדיקע רײַפקייט. ער איז דער גראַדליניקער, גלייביקער ייִדישער דיכטער; אָבער ער ווייסט אויך פון צווייפל, פון סתירות.

ער געדענקט אַז דער ייִדישער הימל איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי ליכטיק די ייִדישע זון, „אַז דער אָפּשײַן אירער האָט געוואָרעמט אונדז — די קרישקעלעך גלייבער". דאָס איז אַלץ געווען אַ מאָל, ווען ייִדן האָבן געגלייבט אין זייער שליחות, ווען זיי האָבן געלעבט מיט דער גאולה־בענקשאַפט, אָבער וואָס זאָלן מיר זאָגן איצט — איצט ווען אונדזער ייִדיש־פאַרוואָרצלטער דור לעשט זיך, ווי דער דיכטער לאַמענטירט:

לעשסט זיך, דור מײַנער, דו ווייטיקדיקער בויער
פונעם פלאַם דײַנעם צעשפּרינגט זיך פונק נאָך פונק...

ווער ווייסט איצט אויפהיטן די פונקען? צי זײַנען מיר דערוואַקסן צו דער העכסטער מדרגה פרײַהייט — אין די פרײַע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטקייט? צי זײַנען מיר פּנימיותדיק פרײַ צו שאַפן אַן אייגענעם ייִדישן קלימאַט, אַן אייגענעם הימל איבער זיך? „צי זײַנען מיר פרײַ צו זײַן אין גלות?"

יאָ, כּל־זמן מיר וועלן האָבן מיט זיך די שכינה אין גלות; כּל־זמן ייִדישע גײַסטיקייט, ייִדישע שעפערישקייט וועט לעבן צווישן אונדז, וועט אונדזער קיום זײַן געזיכערט און באַזיניקט. כּל־זמן ייִדישע דיכטערס ווי אפרים אויערבאַך וועלן צונויפמעמען די ייִדישע פונקען, און זיי פאַרוואַנדלען אין פּאָעטישע פלאַמען, אַזוי לאַנג וועט די זון פון ייִדישן קיום שײַנען איבער אונדז.

(1968)

יעקב גלאַטשטיין — דער אַמעריקאַנער יִידישער פּאָעט

(צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג)

די יִידישע וועלט פײַערט איצט דעם געבוירנטאָג פון איינעם פון די גרויסע יִידישע פּאָעטן פון אונדזער צײַט, איינעם וואָס האָט טיף, און אייגנאַרטיק געגעבן אויסדרוק אונדזער תּקופֿה. ער האָט עס געטאָן און טוט עס ווי אַ דורותדיקער יִיד, ווי אַן אַמעריקאַנער יִיד, און ווי אַ מאָדערניסטישער דיכטער. וואָרעם גלאַטשטיין פּאַרקערפּערט אין זײַן ליד: זיך, זײַן צייט, און די גרויסע וועלט.

דער קינסטלער גלאַטשטיין — דער יִיד פון לובלין וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון 18 יאָר, איז אַ בן־בית אין ביידע וועלטן: ער קען די מערבֿ־קולטור, און ער איז טיף פּאַרוואָרצלט אין יִידישן גײַסטיקן באָדן. ער איז, ווי יענער גרויסער יִדיש־שפּאַנישער פּאָעט־פילאָסאָף, אין מערבֿ, און זײַן האַרץ איז אין מזרח. די גרויסע וועלט איז אויך זײַן וועלט, אָבער ווי אַ סך פון אונדז, דערצויגענע אויף ביידע קולטורן — דער יִדישער, און דער מערבֿדיקער — פילט ער צײַטנווײַז ווי צו געבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר, און זיך אָפּגטן מיט דער שטיפמאַמען, דער וועלט.

ווי אַלע לייענערס פון יִדישער פּאָעזיע ווייסן, איז גלאַטשטיין אַ נאָוואַטאָר אין דער יִדישער פּאָעזיע; ער איז אַ באַנײַער פון ריטמען, אויסדרוקן, פאָרמען; ווײַל ווי אַן עכטער אָריגינעלער, סענסיטיווער דיכטער מוז ער רעאַגירן אויף זײַן באַזונדערן אופן אויף דערשײַנונגען. ווי אַ מאָדערניסט ווייסט ער אַז אונדזער צעכראָסטעטע תּוהו־ובֿוהודיקע וועלט קען נישט אַרײַנגעפּרעסט ווערן אין די אַלטע אָרדענונגספּולע ריטמען און פערזן. ער איז אַ מאָדערנער מענטש און דאָס מיינט צע־שפּאָלטן, פול מיט ריסן און סתּירות. די סענסיביליטעט פון דעם הײַנ־טיקן פּאַריתומטן, אָפּגענאַרטן מענטש, וואָס איז סקעפּטיש־גלויביק, צע־ברעקלט, און דאָך גאַנץ מיט זיך — אָט דער מענטש קען נישט געבן זיך

אין געלאַסענע טאַקטן פון געגראַמטע שורות. שרײַבט ער דערפאַר אין פרײַע פערזן.

גלאַטשטיין, דער אַמעריקאַניזירטער ייִד, דער קענער פון דער ענגליש־ער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע איז אַן אינעווייניקסטער אין דער לאַבאָ־ראַטאָריע פון דיכטונג, און ספּעציעל פון מאָדערנער דיכטונג. זײַנע גײַסטרײַכע עסייען איבער דיכטערס און נאָוועליסטן זאָגן עדות אויף זײַן ראַפינירטן געשמאַק, און טיפן אַרײַנבליק אין דער אינטימער וועלט פון פּאָעט.

דווקא גלאַטשטיין דער מאָדערניסט גיט אין זײַן ליד אַ תּיקון, און דריקט אויס דאָס געמיט און די מחשבות פון אויטענטישן, הײַנטצײַטיקן, ייִד. וואָרעם ער, דער וועסטערניזירטער ייִד, איז דאָך געוואָרן מער שאָקירט ווי דער פרומער ייִד, וואָס האָט אַלע מאָל מבטל געווען די נישט־ייִדישע קולטור, פון דער אַנטי־מענטשישקייט, פון דער געוויסנס־לאָזיקייט מצד דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע. דער רעספּעקט, דער שטאָלץ, דער אמת האָט געמאַנט אַזאַ קלאַפּ מיט דער טיר ווי גלאַטשטיין האָט אויסגעדריקט אין זײַן צאָרן־און־צער־ליד: „אַ גוטע נאַכט וועלט״.

נעם צו די יעזוס מאַרקסעס, ווערג זיך מיט זייער מוט
קראַפּיר איבער אַ טראָפּן פון אונדזער געטויפט בלוט.
— — — — — — — — — —
איך דאַרף קיין טרייסט נישט
איך גיי צוריק צו דלד אמות,
פון וואַגנערס געץ־מוזיק, צו ניגון־ברומען.

ווי אַ צעריסענער, מאָדערנער מענטש קען זיך גלאַטשטיין נישט באַפרײַען פון זײַן אומגלויבן, און אויך נישט פון גלויבן, און ער בלאָנ־דזשעט צוזאַמען מיט גאָט.

דער גאָט פון מײַן אומגלויבן איז פּרעכטיק,
ווי ליב איז מיר מײַן פאַרשלאָפטער גאָט,
איצט ווען ער איז מענטשלעך, און אוממעכטיק.
— — — — — — — — — —
דורך יבשות, און ימען,
וועלן מיר שוין אַזוי בלאָנדזשען צוזאַמען.

דער מאָדערנער ייִד גלאַטשטיין קען נישט אָננעמען דעם סדר־העולם, און ער וואָגט צו זאָגן אַז אויך דער כּביכול בלאָנדזשעט.

גלאַטשטיין איז דער נאָוואַטאָר אין דער ייִדישער פּאָעזיע. זײַנע שפּראַכלעכע חידושים, זײַנע נעאָלאָגיזמען, זײַנע וואָרטשפּילן, זײַן חריפות, זײַנע אָריגינעלע אימאַזשן זײַנען ברייט באַקאַנט. ער איז דער ווירטואָז אין דער ייִדישער פּאָעזיע. ער קען צייכענען פּאָלקסטיפּן, און גלײַכצײַטיק קען ער איבערגעבן די דינסטע ניואַנסן און נשמה־קאָנפליקטן אין דער קאָמפּליצירטער פּערזענלעכקייט פון פּאָעט־מיסטיקער ר׳ נחמן בראַצלאַווער.

אהבת־ישראל און אהבת־ייִדיש זײַנען לייטמאָטיוון אין גלאַטשטיינס פּאָעטישן גאַנג און די דאָזיקע צוויי מאָטיוון גייען געפּאָרט אין אַ סך פון זײַנע לידער. ס׳איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַז איינס פון זײַנע לידער־ביכער טראָגט דעם נאָמען: „די פרייד פון ייִדישן וואָרט״. גלאַטשטיין איז נישט אומזיסט דער ייִדיש־ווירטואָז. ער איז דער לײַדנשאַפט־לעכער ליבהאָבער פון — און קעמפער פאַר ייִדיש.

נעם מיך אַרום מיט ווערגנדיקער געטרײַשאַפט
לשון מײַנס, ווער מיר אַן אייפערזיכטיק ווײַב,
בינד מיך צו צום געצעלט,
לאָז מיך ווערן שטום־לשון פאַר דער וועלט,
אַפילו אין דער בעסטער איבערזעצונג.

— — — — — — — — —

פאַרשווער מיך אַ געטרײַען,
צו דיר מיט גורלדיקער באַשערטקייט,
אַז ס׳זאָל מיך קיינער פון דײַנע אָרעמס נישט באַפרײַען.
אמת, איך וועל נישט זײַן אוניווערסאַל,
אָבער אַז איך וועל אַוועק,
וועל איך ווערן אַ וואָלקנזײַל
אַ ליכטשטראַל,
איבער אונדזער קליינעם מישכּן.

(1971)

אהרן גלאַנץ־ליעלעס — צו זײַן צענטן יאָרצײַט

א

איצט, ווען מיר זײַנען אָפּגערוקט אויף אַ שטח פֿון צען יאָר פֿון דעם דיכטער און פּובליציסט אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס; הײַנט, ווען מיר האָבן שוין באַלד נישט קיין אומאָפּהענגיקע, נישט־רוטיניזירטע יידישע פּוב־ליציסטיק אין אַמעריקע, איצט קען מען בעסער זען דעם חלל, וואָס עס איז געבליבן מיטן אַוועקגיין פֿון דעם פּאָעט־נאָוואַטאָר, דעם אומקאָמ־פּראָמיסלעכן שטרײַטער פֿאַר יידיש, און מע קען בעסער אָפּשאַצן די ראָלע, וואָס עס האָט געשפּילט אין אונדזער ליטעראַטור און געזעל־שאַפֿטלעכקייט דער מוטיקער קעמפֿער אַהרן גלאַנץ־לעיעלעס.

עס איז שוין איצט אַ טרויזם בײַ אַלע, וואָס זײַנען באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, אַז די אינזיכיסטן האָבן „צערוקט די ווענט" פֿון דער יידישער פּאָעזיע און האָבן זי אַרויסגעפֿירט אויפֿן ברייטן שליאַך פֿון דער וועלט־פּאָעזיע; אַז זיי האָבן אין דער צײַט פֿון דער אורבאַניזירונג און קאָמפּליצירונג פֿון יידישן לעבן אין אַמעריקע אומ־געהײַער באַרײַכערט דאָס יידישע לשון און אינטעלעקטואַליזירט די יידישע דיכטונג. פֿאַר די אינזיכיסטן, וואָס האָבן אַקצעפּטירט די גרויסע שטאָט, איז דער פֿרײַער פֿערז געווען דער בעסטער מיטל אויסצודריקן דעם טעמפּאָ פֿון דער אורבאַנישער, מעכאַניזירטער ציוויליזאַציע. דער אינזיכיסטישער טריאָ — לעיעלעס, גלאַטשטיין, מינקאָוו — וואָס האָט אין 1920 פּראָקלאַמירט זײַן פּאָעטישן קרעדאָ, איז געקומען פֿון גרויסע שטעט, און דערצו מיט וועלטלעכער בילדונג, און ער האָט זיך שנעל פֿאַרהיימישט מיט ניו־יאָרק. און אינעם קליינעם אינזיכיסטישן אָרקעסטער איז לעיעלעס געווען, בײַם אָנהייב, די ערשטע פֿידל.

ווען גלאַנץ־לעיעלעס איז סוף 1909 געקומען פֿון לאָנדאָן קיין אַמעריקע, איז ער שוין געווען אַ בן־בית אין דער ענגלישער פּאָעזיע.

דערפאַר הערן מיר שפּעטער אָפּקלאַנגען פון די ענגלישע און אַמעריקאַנער פּאָעטן — ספּעציעל די אימאַזשיניסטן — אין זײַנע לידער און עסייען. די „יונגע" האָבן, ווי באַקאַנט, באַפרײַט דאָס ייִדישע ליד פון דינסט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, און זיי האָבן מיט טאַלאַנט און ליבשאַפט קולטיווירט דאָס ייִדישע וואָרט. אָבער אַזוי ווי די מערסטע פון זיי האָבן געשטאַמט פון שטעטל, האָבן זיי זיך נישט געקענט אַרײַנפּאַסן און אײַנלעבן אין דער גרויסער אַמעריקאַנער שטאָט מיט איר אַנאָנימקייט און כאַאָטישקייט. אָבער לעיעלעס, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין לאָדזש און אין דער פּריסטער יוגנט איז ער געקומען קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט געלערנט אין אוניווערסיטעט — ער האָט זיך נישט געפילט פאַריתומט און איבערגעוועלטיקט פון ניו־יאָרק.

לעיעלעס, דער באַהאַוונטער און פאַרליבטער אין דער ענגליש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור און קולטור, האָט אָן שוועריקייטן געקענט באַנוצן די ענגלישע שפּראַך ווי זײַן מעדיום פון שאַפן. פון דעסטוועגן איז ער געבליבן אויף אייביק פאַרקנסט צו זײַן יוגנט־געליבטער ייִדיש. אין אַ סך פון זײַנע לידער — און זיי געהערן צו די שענסטע און רירנדיקסטע פון זײַנע געזאַנגען — הערט ער נישט אויף צו שווערן אייביקע געטרײַשאַפט צו זײַן „געליבטער", און אויסצודריקן זײַן טיפע אמונה אין איר צוקונפט.

אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען דער דיכטער מאַכט אַ חשבון־הנפש און שילדערט פאַר אונדז, אין זײַן אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „אַמעריקע און איך", זײַנע ראַנגלענישן, זײַנע דערגרייכונגען, זײַנע קאָלעגן־פּאָעטן, און זײַן באַוווּנדערונג פון אַמעריקע, פירט ער אויס:

איך האָב אויך געבויט דאָ בריקן, קנופּן, בענדער
פון די דראָבנע טראָפּן ייִדישע צום היגן ברייטן שליאַך.
כ'האָב געשפּרײַזט אַריבער שטעט און שטעטלעך, שטאַטן, לענדער.
כ'האָב אַ נײַע וואָר געצונדן און געחלומט אויף דער וואָך.
אָפּט מאָל מיט דעם קאָפּ אין וואַנט, נאָר כ'האָב געהיט דעם שטענדער
פאַר דעם קול דעם אייגענעם דורך לאַנגער צײַטס פאַרענדער.
מײַנע ייִדישטראָפּן האָבן זיך געגלײַכט מיט רײַכסטער שפּראַך.

ב

לעיעלעס, וואָס איז אויך געווען אַ גײַסטרײַכער עסייִסט, האָט געקענט אַרטיקולירן זײַנע געדאַנקען קלאָר און שאַרף, און ער כאַראַקטעריזירט טאַקע זײַן פּאָעטישן גאַנג: „ווער עס וועט זוכן אין מײַן ליד דאָס העלענישע, וועט עס מסתּמא געפינען, אָבער דאָס טיף ייִדישע איז אַ בולטער יסוד פון מײַן ליד. איך בין ייִדיש ביזן מאַרך פון די ביינער". אויף דעם זאָגן עדות אַ סך פון זײַנע לידער. אָבער, אין דער זעלבער צײַט, פּאָלעמיזירט ער מיט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, און איז נישט מסכּים מיט איר, אַז אין דעם ווערק פון אַ ייִדישן שאַפער דאַרף מען זוכן דעם ייִדישן אינהאַלט, די באַרעכטיקונג פון המשך, די ייִדישע אידעע. „די דאָזיקע ייִדישע אידעע — טיפסטע מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט צווישן מענטש און מענטש, און שלום צווישן פעלקער, האַלט ער, דאַרף אַרויספליסן ספּאָנטאַן פון שרײַבערס פּערזענלעכקייט. דער שרײַבער קען זיך עס נישט שטעלן פאַר אַ ציל, מאַכן דאָס פאַר אַ מין באַשטעלונג צו זיך אַליין. מיר פאַרשטייען גרינטלעך גויִישע ליטעראַטור, ווײַל דער קווינטעסענץ פון קינסטלערישער ליטעראַטור איז איר אוניווערסאַלע מענטשלעכקייט. וועגן וואָס אַ ייִדישער פּאָעט זאָל נישט שרײַבן איז עס ייִדיש. מען דאַרף נישט קיין ספּעציפיש־ייִדישע טעמעס".

אַוודאי האָט לעיעלעס, ווי אַלע מאָדערנע ייִדישע פּאָעטן אין אַמעריקע — סײַ די אימפּרעסיאָניסטן, סײַ די אינטראָספּעקטיוויסטן — פאַרמאָגט זייער אַ באַגרענעצטע לייענער־אוידיטאָריע, און פּונקט ווי אַנדערע ייִדישע דיכטערס, לאַמענטירט ער מער ווי איין מאָל וועגן גורל פון ייִדיש־פּאָעט, ווײַל, ווי אורוווינג האַו האָט ריכטיק באַמערקט, אַ ייִדיש־פּאָעטישער אַוואַנגאַרד האָט לאַנג נישט געקענט בליִען אין אַמעריקע, צוליב דעם וואָס די קינדער פון די ייִדישע אימיגראַנטן, קאַלעדזש־סטודענטן, האָבן זיך אומגעקערט מיט דער פּלייצע צו ייִדיש. די פּאָטענציעלע לייענערס פון לעיעלעסן און גלאַטשטיינס זענען געוואָרן די לייענערס פון ט. ס. עליאָט.

ווי אַ קענער פון דער היגער ייִדישער געזעלשאַפט און ווי אַ פּובליציסט איז גלאַנץ־לעיעלעס געווען גוט באַהאַוונט מיט אַלע נעגאַטיווע שטריכן און טענדענצן בײַ די ייִנגערע דורות לגבי ייִדיש. ער איז

דאָך געווען אַן אַקטיווער קולטור־טוער במשך זײַן גאַנץ לעבן, אַ גרינדער פון די ערשטע ייִדיש־וועלטלעכע שולן אויפן היגן קאָנטינענט, אַ פירער און אַ טעאָרעטיקער בײַ די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן. ער האָט כּסדר געהאַלטן די האַנט אויפן פּולס פון דער היגער ייִדישער קולטור־ווירטשאַפט. פון דעסטוועגן פאַרלירט ער נישט זײַן גלויבן אין דער צוקונפט פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור, און ביז דער לעצטער מינוט הערט ער נישט אויף צו וועקן און צו מאָנען מיט לידער, דראַמעס, אַרטיקלען און רעדעס.

ער ווייסט זייער גוט וואָס די פּראַקטישע לײַט טראַכטן וועגן זײַן אמונה אין ייִדיש: נישט קיין כּבוד, נישט קיין געלט, און דרײַפּאַכע קבצנות:

שרײַב פּאַר אַלע אין דעם לאַנד, און יאָג אַוועק ס׳בטלנות,
קענסט די לאַנדשפּראַך, און זי איז דאָך האַניק צו דעם גומען דיר.
ס׳אַרט מיך גאָרנישט. כ׳זע דעם בלישטש פון בלויז איין פּינטל:
ייִדיש. דאָס מײַן שליחות, לײַדנשאַפט און גאָרער לעבנסזין.
כ׳קאָן אַ פּאַס מיט לאָגיק אויסגיסן ביז לעצטן קווינטל
צו באַוואָסערן די קוויט פון ליבשאַפט צו דעם וואָרטגעשפּין
פון אַן אומה אין געוואָגל.

ג

בעת דער לייענער־קרײַז פון די „יונגע" — ווי מיר האָבן פריִער אָנגעוויזן — איז שוין געווען גאָר אַ קליינער, האָבן כאָטש אייניקע פון זיי שפּעטער באַקומען אַ ביסל אָנערקענונג פון דער קריטיק. די אינזי־כיסטן אָבער האָבן, אין דעם פּרט, געהאַט גאָר ווייניק מזל. זייערע לידער זײַנען געווען צו „פּראָזאַיִש", צו נײַ אין פאָרעם, צו פרעמד־ווערטערדיק, אַז די קאָנסערוואַטיווע ייִדישע קריטיק זאָל זיי אָפּשאַצן און וואַרעמען. מען איז נישט געוווינט געווען צו הערן אין דער ייִדישער דיכטונג אַזעלכע נײַע גראַמען ווי: פּורפּורן מיט צעזורן, מיראַזשן מיט קאַמו־פלאַזשן, שפּורן מיט קרעאַטורן. דער ייִדישער לייענער איז נישט גרייט געווען פאַר לעיִעלעסס „קאַלטע" לידער:

שואל גוטמאַן

מײַנע לידער קאַלטע זענען
און פון זיי מיט ווײַטקייט בלאָזט.
האָט קיינער נישט געהערט פון קאַלטן ברענען,
ניט געלעקט דעם פלאַם פון פראָסט?

מײַנע לידער האַרטע זענען,
שטײַפער, פעלדזיקער מאַרשרוט.
קאָן קיינער ניט אין האַרטן פעלדז דערקענען
קיל פאַרטײַעט לאַוואַבלוט?

מע האָט געזוכט אין ליד לירישקייט, אויבנאויפיקע עמאָציאָנעלקייט און מעלאָדישקייט. די נײַקייט, די אַנדערשקייט, די נאָוואַטאָרישקייט פון לעיעלעסעס ליד האָט פאַרפאַמעלעכט זײַן אָנערקענונג מצד דער אָפּיציעלער קריטיק. אָבער דאָס מינערט נישט דעם דיכטערס אויפטו און פאַרדינסטן פאַר דער ייִדישער פּאָעזיע. ער האָט אויסגעמײַסטערט סאָנעטן, ראָנדאָס, טריאָלעטן, טערצינען און באַלאַדעס וואָס זײַנען מוסטערדיק אין זייער פערפעקטקייט פון פאָרעם און אינהאַלט. אַפילו איינער וואָס איז פאַרליבט אין אונדזערע אימפּרעסיאָניסטן וועט מוזן דערשפּירן די מוזיקאַלישקייט, און קאָלירפולקייט פון זײַן סאָנעטן־קראַנץ „האַרבסט“:

מײַן לויב דיר, האַרבסט, סעזאָן פון רײַפן גאָלד,
אָראַנזש, וויאָלעט און טרוימענדע פּורפּורן.
אין דײַנע צאַרטע, שטראַליקע קאָנטורן
ווערט גאָר מײַן זעלן־פּלאָנטער אויפגעראָלט.

זכרונות, בילדער, זעונגען, פיגורן
דער פאַרבן־זאַטער האַרבסט מאָלט אַלץ און מאָלט
יעטוועדעס בילד דערציילט: געקאָנט, געזאָלט.
אין אַלץ מײַן איכס פאַרגאַנגען־ווײַטע שפּורן.

וואָס אַצינד, אין שײַנבאַרער אַנטראַקט,
ס'איז דאָס פאַרגיין נאָר ערב־נײַעם מאָרגן.
דו פילסט, עס איז נאָך ניט דער לעצטער אַקט.
פאָרויס איז ס'גרויסע וווּנדער ערשט פאַרבאָרגן.

בײַ היינטיקן טאָג, ווען די מערכה פון ייִדיש און ייִדיש־וועלטלעכער דערציִונג רופט אַרויס בײַ אונדז טונקעלע מחשבות, ווען ייִדישע פּרעסע איז געוואָרן שטאַרק פאַראָרעמט סײַ אין כמות, סײַ אין איכות, איצט איז שווער צו טיילן דעם טיפן גלויבן אין דער צוקונפט פון ייִדיש פון אַהרן גלאַנץ־לייעלעס. אָבער אויב עס וועט אַ מאָל קומען אַ צײַט, ווען די ייִדישע יוגנט אין אַלע אונדזערע צעשפּרייטקייטן און אין מדינת־ישראל וועט דערגיין צו זיך און צו איר שורש, ווען זי וועט זיך וועלן פאַר־וואָרצלען אין גײַסטיקן באָדן פון אירע זיידעס און באָבעס, דעמאָלט וועט זי אײַנזען וויפל שיינקייט און אמתדיקייט ס׳איז פאַרבאָרגן אין זײַן אַנדערשדיק ליד. דעמאָלט וועט זי אויך אָנערקענען, אַז דער מאָנע־דיקער און הומאַנער דיכטער, דראַמאַטורג און פּובליציסט לעיעלעס האָט אַ חלק אין איר דערוואַכונג, ווײַל אין שווערע צײַטן האָט ער דערמאָנט, אַז „ס׳איז נאָך נישט דער לעצטער אַקט" און ער האָט געוועקט דעם גלויבן, אַז:

ווי לאַנג אַ צונג וועט בלוטיקן מיט וואָרט אויף ערד,
וועט צווישן טויט און לעבן ייִדיש זײַן געהערט.
וועט מאָנען לאַנג אַזוי די אויסטערלישע ווידוי
פון מײַנע אַנדערשדיקע, אומרויִקע לידער.
זיי וועלן אייביק עדות זײַן, ווי כ׳האָב געבריט
דעם שימל און די קאַלטע פאַלשקייט פון געמיט.
מען וועט געדענקען, אַז אין לשון פון דער געטאָ
האָב איך צערוקט די ווענט פון געסל און פון שטעטל.

(1977)

מאיר זימל טקאַטש — דער דיכטער פון נגלה

שוין אַ סך יאָרן אַז איך קען טקאַטשן — אָבער ביז עס איז דערשינען זײַן בוך „בלעטערפאַל" (1960), האָט ער מיך נישט „פאַרטשעפּעט". צום דערשײַנען פון בוך האָבן אַ גרופּע ייִדישע שרייבערס און קולטור־טוערס אַראַנזשירט אַ מסיבה אין אַ הויז. אויף דער מסיבה — נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלייענט דאָס בוך — האָב איך בקול רם אויסגעדריקט מײַן לויב דעם דיכטער. איך בין פון דעמאָלט אָן געוואָרן פאַראינטריגירט אין טקאַטשעס פּאָעטישן גאַנג, און איצט, צו זײַן 75סטן געבוירנטאָג, האָב איך געבלעטערט און איבערגעלייענט דעם „האָב און גאָב", ווו דער דיכטער האָט צונויפגעזאַמלט זײַן גאַנץ פּאָעטיש פאַרמעגן *.

ווי באַקאַנט האָט טקאַטש אָנגעהויבן שרײַבן אין רוסיש — אין עלטער פון 17 יאָר. מיט צוויי יאָר שפּעטער, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט ער פאַרעפנטלעכט רוסישע לידער אין אַ ניו־יאָרקער רוסישער צײַטונג. אונטערן אײַנפלוס פון דר. חיים זשיטלאָווסקיס אַגי־טאַציע פאַר דער ייִדישער קולטור — בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — איז טקאַטש אַריבערגעגאַנגען צו שרײַבן אויף ייִדיש. ער וווינט אַלע יאָרן אין ניו־יאָרק און ער איז במשך זײַן גאַנץ לעבן אַן אַרבעטער (אַ פאַרבער). ביז איצט האָט ער פאַרעפנטלעכט 11 ביכער מיט לידער, מעשיות אגדות און משלים.

טאַקע אין דער פאַבל — דאָס מעשהלע מיט אַ מוסר־השכּל, וואָס לערנט דורך אַ משל און נמשל — דאָ האָט טקאַטש אַרויסגעוויזן אַ סך טאַלאַנט און לעבנס־חכמה. און ס'איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס אַט דער דאָזיקער ליטעראַרישער זשאַנער איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן דיכטער, און האָט אַרויפגעלייגט זיין חותם אויף זײַן גאַנצן פּאָעטישן ווער. נישט אומזיסט שטעלט ער זיך אַזוי שטאַרק אײַן פאַר דער פּאָזיציע און

---

* „מיין האָב און גאָב" פון מאיר זימל טקאַטש, 2 בענד, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, 1962־1963.

פאַרן כבוד פון דער פאַבל. ער גייט אַזוי ווײַט אַז צו דערקלערן דעם פאַבוליסט פאַר אַ גרעסערן טאַלאַנט ווי דעם ליריקער: „דער צוועק פון דער פאַבל איז אַנצוטאָן אין פלייש און בלוט די אַבסטראַקטע מאָראַל, צו געבן איר בולטע געשטאַלטונג אַז זי זאָל איבערצײַגן און ווירקן. דער פאַבל־דיכטער דאַרף באַזיצן מער טאַלאַנט פון דעם לירישן פּאָעט וואָס זינגט מיט אַלע פאַרשידענע שטימעס פון אַ כאָר... די פאַבל איז אַ דראַמע אין מיניאַטור". טקאַטש גיט צו אַז די פאַבל איז לויט איר מהות טענ־דענציעז, „אָבער זי דערהויבט די טענדענץ צו קונסט". איר מעגט זײַן מסופק אין דער גרעסערקייט פון פאַבוליסט לגבי דעם ליריקער, פון דעסטוועגן קענט איר אָבער „פאַרשטיין" פאַר וואָס טקאַטש נעמט אַזאַ שאַרפע שטעלונג, וואָרעם אין דעם שטרײַט צווישן די אָנהענגערס פון דידאַקטישער פּאָעזיע און „ריינער" פּאָעזיע, געהערט טקאַטש, לויט זײַן גאַנצן פּאָעטישן מהות, צו די ערשטע, און דער פּאָעטישער זשאַנער איז דאָך אַ נאָנטער קרוב מיט דער פאַבל. דער פאַבל־דיכטער טקאַטש איז טאַקע לויט זײַן פּאָעטישן מהות דער דיכטער פון נגלה.

פּאָעטן רעדן שיינע רייד,
איך זוך אין שיינקייט אַ באַשייד;
פאַר זיי איז דער באַשייד טריף־פּסול,
פאַר מיר איז כשר אויך אַ משל.

אַוודאי ווייסט דער דיכטער אַז ווערטער זײַנען נישט בלויז לאָגישע סימבאָלן, נאָר אויך מוזיקאַלישע קלאַנגען און עמאָציאָנעלע אָנרעגונגען. אין איינעם פון זײַנע לידער („ווייל איז מיר אין קליינקייט") דערציילט ער אונדז אַז ער זעט אין אַלצדינג ניסים, און אַז ס'איז פאַראַן און ס'וועט אַלע מאָל זײַן אויף וואָס צו גאַפן, און וואָס צו באַוווּנדערן — אָבער פון דעסטוועגן בלייבט ער איבערצײַגט אַז דאָס ליד דאַרף זײַן קלאָר, פאַרשטענדלעך, אָפנהאַרציק. אָט ווי ער דעפינירט עס שאַרף, אין „מײַן גאַנג":

דעם רייצטאַנץ פון די זיבן שלייערן
קאָקעטיש טאַנצט נישט מײַן גטאַנג
און נישט ווי אַ גטאַנג אַ גייערן
איז מײַן אומיטלבאַרער גאַנג.

שואל גוטמאַן

א, ליריש ליד מײַנס, לאָז דערפילן זיך,
זינג אָפנהאַרציק, פּרעמד ניט בלײַב,
ווי ס׳ווייסט נישט וועגוס פון פאַרהילן זיך
און ס׳רוט אַ צניעות אויף איר לײַב.

פון צײַט צו צײַט שווימט אַרויף אין דער יידישער קריטיק אַ דיס־קוסיע אויף דער טעמע: פאַר וואָס ווערט די יידישע פּאָעזיע אַזוי ווייניק געלייענט — דווקא איצט ווען זי האָט דערגרייכט אַזעלכע הויכן וואָס מען האָט נישט געקענט חלומען אַפילו אין די צײַטן פון אברהם רייזען, שמעון פרוג אָדער מאָריס ראָזענפעלד. אייניקע ווילן עס דערקלערן דערמיט וואָס די פּאָעזיע איז געוואָרן אומפאַרשטענדלעך, אומקלאָר, עזאָטעריש. אַנדערע דערקלערן עס מיט אַנדערע סיבות.

דער סאָפיסטיצירטער מאָדערנער דיכטער קען די דאָזיקע אומקלאָר־קייט דערקלערן זייער פּשוט: ס׳איז נישט מעגלעך אַלע מאָל צו מאַכן ליכטיק אין דער טונקלקייט. דער פּאָעט וואָס איז אַ מענטש פון אומ־געוויינטלעכער סענסיטיווקייט, קען נישט אויסדריקן „קלאָר״ זײַנע רעאַק־ציעס צו די פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער עקזיס־טענץ. און דאָרטן ווו מען קען נישט זיין דײַטלעך ווערט דער דיכטער געטריבן צו אינטויטיווע אַנונגען און זיך אויסצודריקן דורך סימבאָלן, מעטאַפאָרן און אַלעגאָריעס.

דער עקספּאָנענט פון קלאָרקייט ווייסט אַז:

ניטאָ קיין ווערטער פאַר די זאַכן,
וואָס ווערטער קענען קלאָר ניט מאַכן.

הייסט עס, אַז אויך דער דיכטער פון ניגלה ווייסט אַז עס איז דאָ אַ ניסתר וואָס איז ניט מעגלעך אויסצודריקן מיט ווערטער; אויך אים איז נישט פאַרהוילן דער סוד אַז עס זײַנען פאַראַן קאָמפּליצירטע דער־שײַנונגען וואָס זעען אויס אויבנאויפיק פּשוט און קלאָר און זײַנען דאָך נישט קלאָר — נישט פאַרן פּאָעט, און אויך נישט פאַרן פילאָסאָף.

אין דעם געדאַנקלעך־לירישן ליד „קלאָרקייט איז ווי זוהר״, דער־קלערט ער בפירוש אַז ניגלה איז ווי ניסתר אָן באַשייד, אַז אויך כלומרשט „קלאָרע״ זאַכן זײַנען פאַרהוילן.

איך ווייס אַ צער וואָס גרענעצט זיך מיט פרייד;
איך ווייס אַ פרייד וואָס טיפער איז פון טרויער;
און כ'ווייס אַ טיפקייט אונטער קלאָרע רייד.

איך ווייס אַ טיפקייט אונטער קלאָרע רייד,
נאָר כ'ווייס מיט צער, אַז קלאָרקייט איז ווי זוהר,
אַז ניגלה איז ווי ניסתר אָן באַשייד.

דאָך ווונדערלעך איז אַלץ אָן אונטערשייד —
אין זונשטראַל פינקלט אויך דער שטויב דער גרויער.
די גרויקייט איז דעם ווונדערס פּראָסטע שייד.

אין די אַלע שווערע, פּײַנפולע, טראַגישע שטורעמס פון זײַן דור האָט דער דיכטער — ווי יעדער פון אונדז — געהאַט אַן אינטערעס, און ער האָט פאַרמאָגט זײַנע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס — און עכאָס דערפון הערן מיר צײַטנווײַז אין זײַנע לידער און פּאָבלען, אָבער סײַ דירעקט, סײַ דורך זײַן ליד האָט ער זיך אין די סאָציאַלע און ייִדיש־נאַציאָנאַלע קאַמפן ווייניק באַטייליקט, הגם ביבלישע טעמאַטיק איז שטאַרק פאַר־טראָטן אין זײַנע לידער און פּאָבלען. ער איז זיך זײַן פּאָעטישן וועג געגאַנגען ביי דער זײַט, און געזונגען זײַן שטיל, ערלעך, יחידיש ליד. אין זײַנע רייפסטע לידער — אין „בלעטערפאַל", ווו ער איז פול מיט רעזיגנאַציע, מיט אינערלעכער הכנעה — דונערט ער נישט און בליצט נישט קעגן סדר־העולם. ער האָט תרעומות צום כביכול, און ער וואַגט אים אָנווײַזן אויף די טראַגישע סתירות מיט וועלכע זײַן וועלט איז פול;

...נאָר איך בין ניט בלינד, — ווײַל איך זע
דאָס פייער, דאָס האָלץ און די שׂה.
דאָס לעמעלע ווײנט פאַרן טאַטן פון טאַטעס:
— פאַר וואָס איז דער תּמים אַ קרבן פון חטאת?
און איך, אַן אַנטרונענער פון דער עקדה
ווי יצחק מײַן זיידע
(נאָר גאָט האָט פאַר מיר ניט גענומען קיין ווידער,
גענומען האָט ער מיינע שוועסטער און ברידער) —

שואל גוטמאַן

איך אויך ווי דאָס לעמל האָב טענות צו גאָט:
פאַר וואָס איז דײַן ייִם זיך מקדש
אין בלוט פון די הייליקע סטאַדעס?
פאַר וואָס בײַסט אין טראָט
דײַן שליח, דער עקדיש,
ווען איך צי אַרונטער
די שיך פאַר דײַן ווונדער
און צווייפל נישט, פרעג נישט?

זײַן העכסטע פּאָעטישע דערגרייכונג האָט דער דיכטער, דוכט מיר, באַוויזן אין זײַן סאָנעטן־קראַנץ „ווײל איז מיר אין קליינקייט". נישט צו יעדן פון אונדז וועט אָפּעלירן אַזאַ ביטול היש, אַזאַ אויפלייזנדיקע אַליין־פאַרלייקענונג ווי טקאָטש דריקט אויס אין דעם פּאָעטישן קרעדאָ זײַנעם. מיט אַ זעלטענער פּשטות, אוממיטלבאַרקייט און מוזיקאַלישקייט; אין אַ לויטערער אינטעלעקטועלער ליריק גיט ער אונדז איבער זײַן אני־מאמין און אַליין־פּאָרטרעט:

אני הקטן, — ווײל איז מיר אין קליינקייט
אַ גרויסער ווערן ווײל אַ קינד און וויינט.
איך בין דערוואַקסן שוין צו זײַן פאַרקליינט
און צו אַנטוויינט זײַן פון אַ קינדס פאַרוויינטקייט.

ניט רייץ מיך, גײַסט פון גרויסקייט און געקרענקטקייט,
כ׳האָב שוין אַנטגרויסט זיך און מײַן **איך** פאַרניינט.
אין אחדות מיט דעם רבים זיך פאַראיינט
און אויסגעמישט זיך מיט דער אַלגעמיינקייט.

אַ קליינער בראָכטייל פון אַ גאַנצקייט בין איך.
פאַרליר איך זיך, די גאַנצע וועלט געפין איך.
מײַן וויניקייט פילט ערגעץ אויס אַ בלויז.
כ׳בין קליין, נאָר ניט קיין איבעריקער שפּליטער,
און ווײַל כ׳בין קליין, איז גאָט אַליין מײַן היטער —
אַ קינד אין שויס פון טאַטן, וואָס איז גרויס.

אָ לאָז מיך בלײַבן, גאָט, אַזוי ווי כ'בין —
אַ ווינקלמענטש, וואָס זינגט זיך שטיל אַ לידל.
איך זינג לשמה, מײַן ליד איז ניט קיין רידל,
עס איז די זאַלץ און ברויט, וואָס איך פאַרדין.
פון לויב ניט פעט, איך גוידער ניט מײַן קין;
פון שפּאָט ניט קראַנק, איך ענטפער ניט מיט זידל.
זאָל דוד שפּילן דיר די ערשטע פידל,
איך אײַפער ניט ווי שאול, איך פאַרגין.

צי איר נעמט אָן זײַן אני־מאמין אָדער נישט, ווערט איר אַלץ באַווירקט פון דער שיינקייט און עכטקייט פון דעם סאָנעטן־קראַנץ. דער פּאָעט האָט באַוויזן צו פאַרוואַנדלען זײַנע מעדיטאַציעס אין געשליפענער גערדאַנקלעכער ליריק. ער האָט אונדז דאָ געוויזן אויף זײַן אייגנאַרטיקן אופן דעם ניסתר און ניגלה אַז מיר אַלע וועלן „קיין מאָל ניט ווערן אַזוי קלוג, אַז מיר זאָלן אין אַלץ, וואָס פשוט איז אין פלוג, ניט זען דעם ווונק פון עפּעס אַ געהיימקייט"...

(1970)

„אין דרויסן פון דער וועלט"

(וועגן דיכטער משה שטיינגאַרט)

יעדעס מאָל, ווען איך דאַרף שרײַבן וועגן אַ ייִדישן דיכטער, וואָס איז נישט פּאָפּולער, פיל איך זיך אַ ביסל אַפּאָלאָגעטיש; איך פיל אַז איך דאַרף אויפסנײַ באַווײַזן מיט וואָס פּאָעזיע איז אַ וויכטיקער צווײַג פון דער ייִדישער קולטור, און וואָסער פונקציע זי פילט אויס אין לעבן פון אַ פאָלק ווי אונדזערס — זאַכן וואָס וואָלטן געדאַרפט זײַן איבעריק צו באַווײַזן.

אונדזער עולם האָט געקענט און ליב געהאַט די לידער פון די אַרבעטער־פּאָעטן עדעלשטאַט, באָווּשאָווער און מאָריס ראָזענפעלד; שפּעטער דעם פאָלקס־דיכטער אברהם רייזען. די אַלע דערמאָנטע און נאָך אַנדערע דיכטערס אין יענער עפּאָכע האָבן געגעבן אויסדרוק אין זייערע לידער דעם פאָלקס דעמאָלטיקע נויטן, בענקשאַפטן און שטרעבונגען. ס'איז צום גרעסטן טייל געווען אַ סאָרט זשורנאַליסטישע פּאָעזיע, וואָס יעדער איינער האָט „פאַרשטאַנען", און דערצו האָט מען זי געקענט דעקלאַמירן בײַ עפנטלעכע געלעגנהייטן. אָבער וואָס ראַפינירטער און סובטילער די ייִדישע פּאָעזיע איז געוואָרן, אַלץ ווייניקער פּאָפּולער איז זי געוואָרן. מאַני־לייב, זישאַ לאַנדוי, גלאַטשטיין און לעיעלעס — צו דערמאָנען בלויז עטלעכע פון די באַרימטסטע — האָבן שוין נישט געהאַט קיין ברייטן לייענער־עולם. לייוויק איז געוואָרן פּאָפּולער דער עיקר אַ דאַנק זײַנע דראַמעס, וואָס זײַנען אויפגעפירט געוואָרן אין טעאַטער: „שמאַטעס", „מהר"ם פון ראָטענבערג", „די חתונה אין פערנוואַלד"; צום טייל אויך אַ דאַנק זײַן רעדנערישן טאַלאַנט, און זײַנע משיחישע גאולה־מאָטיוון וועגן ייִד־ און וועלט־דערלייזונג, מיט וועלכע זײַנע ווערק זײַנען געווען דורכגעדרונגען. גלאַטשטיינס פּאָפּולאַריטעט האָט אַ סך צוגעהאָלפן זײַן זשורנאַליסטיק אין די טאָגבלעטער, וואָס מע פלעגט אָפט לייענען.

לויט דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קריטיקער אורוויִנג האַו, האָט דער ייִדיש־ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד אין אַמעריקע, וואָס איז באַשטאַנען פון רעבעלן און נאָן־קאָנפאָרמיסטן, זיך נישט געפילט פרײַ צו שרײַבן מיט

אַן אויג צו די האָריזאָנטן פון זייער פאַנטאַזיע, נאָר גיכער צו די באַגרע־נעצונגען פון זייערע לייענערס. איך בין מסופק צי האָט איז גערעכט בנוגע אַלע „יונגע", און נאָך ווייניקער בנוגע די אינזיכיסטן, לעיעלעס און גלאַטשטיין האָבן זיך ווייניק גערעכנט מיט די באַגרענעצטע השׂגות פון דורכשניטלעכן צייטונגס־לייענער, אַ סימן: זיי זיינען געווען נאָוואַטאָרן אין פאָרם און אין אינהאַלט פון זייערע לידער.

אָבער, צי איר זייט מסכּים מיט האָוס מיינונג, אָדער נישט, איז עס זיכער נישט אָנוועגדבאַר אויף משה שטיינגאַרט, וועלכער געהערט צום אַוואַנגאַרד פון דער יידישער פּאָעזיע. זיין ליד איז שטיל, נישט דעקלאַ־מאַטאָריש; די שפּראַך איז רייך אין חידושים, פול מיט אָריגינעלע וואָרט־שאַפונגען, און דאָך פּאַלקסטימלעך־פּשוט, דורכזיכטיק. ער געהערט צו די אינטעלעקטואַליסטישע דיכטערס, וועלכע קענען טראַנספאָרמירן אַ געדאַנק אין אַ שטימונגספול ליד, וואָס איז דורכגעשנירלט מיט געצוימטער, נישט צעגאָסענער עמאָציע.

2

משה שטיינגאַרט איז געקומען פון פוילן קיין אַמעריקע, אין עלטער פון פופצן יאָר. ער האָט דאָ געלערנט און איז אַן אינעווייניקסטער אין ביידע וועלטן: אי אין דער יידישער, אי אין דער אַמעריקאַנער קולטור. ער איז אַ קענער פון דער אייראָפּעישער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע, און במשך אַ ריי יאָרן איז ער געווען דער רעדאַקטאָר פון ליטעראַרישן זשורנאַל „וויטער". דאָס איצטיקע בוך לידער „אין דרויסן פון דער וועלט" איז דאָס צווייטע בוך, וואָס דער דיכטער האָט פאַרעפנטלעכט. זיין ערשט בוך „אַליין", דערשינען אין 1950, האָט באַוויזן אַז שטיינגאַרט איז אין זיין דיכטערישן מהות קרוביש צו די „יונגע" און די אינזיכיסטן, און אַז ער פאַרמאָגט טאַלאַנט און פּאָעטישע קולטור. הגם צוויי אָפּטיילונגען אין ערשטן בוך זיינען באַטיטלט „אַליין", געפינען מיר דאָרט אַ סך ווייטיקדיקע אָפּרופן אויף אונדזער דריטן חורבן.

אין איצטיקן בוך איז קענטיק אַז דער דיכטער איז געוואָרן במשך דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט פאַרטיפטער, רעזיגנירטער, „אַליינזאַמער", ווי ער האָט ליב צו זאָגן; און זיין פערז — דינער, פאַרהוילענער, רמזימדיק. ער איז דאָ דער עיקר באַשעפטיקט מיט זיין אינעווייניקסטער וועלט, מיט

זײַן יחידישער עקזיסטענץ, מיט זײַנע ראַנגלענישן מיט די אייביקייט־דילעמעס, וואָס זײַנען נישט בלויז זײַנע, נאָר אונדזער אַלעמענס, וואָס לעבן אין אַ וועלט פון אַנגסט, שפּאַנונג, פאַרלוירענע אילוזיעס און ברוטאַליטעט.

מײַנע טעג מיט אַזוי פיל האָפן אויסגעציטערט
זײַנען שוין דאָ —
זיי קוקן מיט גרויל פון מײַנע אויגן אַרויס.

די וועלט איז אַזוי קליין געוואָרן
אַ יעדן איז ענג — —
נאָר איך קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן.

דער שטורעם און דראַנג פון שווינדלדיקע דזשעטן
וויכערן און טרייסלען
דאָס ציטעריקע דרויב הינטער מײַן דינער הויט.

דער פּחד פון יאָגען און אָטאָמען איז געפאַלן אויף מיר
דער מאָרגן איז אָפּגעשטעלט — —
גאָט, גיב מיר כּוח פאַר דיר תּהילים צו זאָגן.

פאַר אַ דיכטער, אַן אַליינגייער איז כאַראַקטעריסטיש דער נאָמען פון בוך „אין דרויסן פון דער וועלט". נאָך דעם ווי ער, ווי מיר אַלע, האָבן פאַרלוירן אַ סך פון אונדזערע אַמאָליקע אילוזיעס, פילט ער זיך אין דער וועלט אַ פרעמדער, און אין דער אָפּגעפרעמדקייט, פאַרלוירנקייט און פאַרצווייפלונג דערמאָנט ער שטאַרק אין דעם דענישן דיכטער־פילאָסאָף קיערקעגראַד, וועמען ס׳האָט פאַרפאָלגט די טראַגיק פון מענטשלעכן לעבן. אַ גאַנצע ריי לידער אין דעם בוך רופן זיך איבער מיט קיערקעגאַרדס אַנונגען און אַרײַנבליקן אין דעם מענטשנס קלעם. דער דענישער העלזעער האָט געהאַלטן אַז דער יחיד לעבט אויף צוויי פלאַכן: אין צײַט און אין דער אייביקייט. אין זײַן צײַט עקסיסטירט ער ווי אַ מיטגליד פון כּלל, אָבער אין דער אייביקייט עקסיסטירט בלויז דער יחיד אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. צוליב דער שטענדיקער שפּאַנונג, אין וועלכער דער מענטש לעבט. דערפאַר איז ער אָנגעפילט מיט פּחד און ציטערניש. דעריבער דאַרף זיך דער מענטש ווענדן מיטן פּנים צו זיך, צו אינטראָספּעקציע:

אַזוי אַליין ווי דו ביסט אַצינד — —
איז נאָר די נאַכט אין וואַלד
די נאַכט, וואָס הויבט זיך איצט איבער דיר,
דער דינער טרויער,
וואָס גייט איצט אויף אין דיר,
איז דײַן אָפּגעשפּאָרטער לוין — —
לעב זיך אַרײַן, אי אין דער נאַכט,
אי אין דעם טרויער.

די שטילקייט, וואָס שרעקט דיך אַצינד,
נענטערט זיך צו דיר פון בוים,
פון גראָז דעם אויפגעגרינטן,
וואַרט, באַלד וועט די שטילקייט אויך אַריין אין דיר,
די נאַכט וועט זיך אַריבערבייגן איבער דיר,
דער טרויער פון אַלע דרימלענדיקע זאַכן
וועט דיך דורכדרינגען — —
און דו וועסט זײַן.

ווי אַ דיכטער־מאָדערניסט איז שטיינגאַרט אומאויפהערלעך פאַרנומען מיט דער יחידישער עקסיסטענץ, מיט דעם זין פון מענטשנס לעבן, מיט זײַן פאַרגענגלעכקייט, מיט די אולטימע רעאַליטעטן פון זײַן גורל. פאַר אים איז זײַן ליד אַן אויסדרוק פון אַן אינערלעכן קריזיס, וואָס איז אויך אַ סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון אַלגעמיינעם קולטור־קריזיס אין דער וועלט, און ספּעציעל בײַ אונדז ייִדן. דער מעטאַפיזישער דיכטער, וועלכער קען נישט שלום מאַכן מיט דעם מענטשנס צײַטווײַליקער עקסיסטענץ, געפינט נישט קיין טרייסט, און קיין שלווה אין דעם „סאָציאַלן מענטש”. ווי אַ סך פון אונדז האָט ער פאַרלוירן די אמונה און דעם דרך־ארץ פאַר די מאַסן, פאַרן המון מיט זײַנע קליקעס:

קער זיך אָפּ פון זיי,
גיי אַוועק מיט שטילע טריט,
דײַן באַזונדער איז זיי אין וועג,
זיי דערקאָנען זיך נאָר אין צוזאַמענס,
אין זשומיקן פּרעפּל פון זייער ענגן ציבור

ווערן פון גאָרער פרומקייט אַלע ריינקייטן פאַרשוועכט.

הינטער דיר וואַיוועט אַ ווערטער־ווינט,
דײַן מויל וועט מיט זאַמד פאַרפּרישטשעט ווערן,
ווען דו וועסט אַ זילב אויף דער צונג אַרויפנעמען.
זיי האָבן פאַרמעקלערט דאָס וואָרט אויף לויטן און קווינטן
און פאַרלויפן די מאָרגנס מיט געלויב צו אייגענע געביינען — —
די אייביקייט זאָל אַ בלאָט געפינען
די שרײַענדיקע נאַקעטן צו פאַרדעקן.

נאָך שאַרפער איז דער מאָטיוו אויסגעדריקט אין ליד „דער שד". אָבער ס'וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען אַז דער דיכטער לעבט ערגעץ אין אויסנוויייניקסטן רוים, אָדער אין אַ חלל; ניין! ער לעבט אין אונדזער צערודערטער צײַט און אויף אונדזער זיך טרייסלענדיקן פּלאַנעט. און דווקא דערפאַר וואָס זײַנע לידער פאַרנעמען זיך מיט „אייביקע" פּראָבלעמען, דערפאַר שפּיגלען זיי אָפּ אונדזער דור, אַ דור וועלכער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַלע צוגעזאָגטע גן־עדנס — די־וועלטיקע און יענעוועלטיקע.

דער דיכטער ווייסט אַז די בעסטע סאָציאַלע אָרדנונג וועט נישט אויסהיילן אַלע מענטשלעכע וווּנדן, און נישט אָפּשאַפן די טראַגישע דימענסיע אין יחידס עקסיסטענץ; אָבער דאָס מיינט נישט אַז ער זעט נישט די וועלט מיט אירע טאָג־טעגלעכע נויטן. ער איז אַ ייִדישער דיכטער ווי ער זאָגט אין זײַן ליד צו י. ל. פּרצן:

האָסט מיך געלערנט זען די וועלט
מיט ייִדישע אויגן,
איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געווען
די וועלט איז נאָך אין ערגעץ געווען,
ווען כ'האָב זי מיט ייִדישע אויגן דערזען
איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף איר געוואָרן.

3

ווי אַן עכטער, ראַפינירטער פּאָעט וואָס שלײַפט יעדע שורה אין ליד, ווייסט שטיינגאָרט דעם סוד פון וואָרט, און ער אַנטלויפט פון קאָנווענ־

ציאַנעלע פאָרמען און שאַבלאָנען. ער שרײַבט אין פרײַען פערז, און זײַן ליד איז פול מיט אָריגינעלע מעטאַפאָרעס און אימאַזשן. עס איז קענטיק אַז ער איז שטאַרק באַוווּסטזיניק וועגן דעם אַז פּאָעזיע איז קודם כל די קונסט פון שפּראַך, פון ווערטער־קאָמבינאַציעס, וואָס פּראָדוצירן אין לייענער אַן איבערלעבונג, אַ שטימונג, אַ דערהייבונג. און ווי יעדער עכטער פּאָעט זינגט ער אין אַ ריי לידער — און זיי זײַנען צווישן די לירישסטע — ווי די מוזע האָט זיך צו אים באַוויזן:

און ס'איז געווען, הײַנט — מיט אור, אור צוריק,
האָב איך דערזען מײַן שאָטן ציטערן אין ליכט,
דאָס ליכט האָט לויטער געבלענדט אין מײַן בליק — —
כ'האָב דערזען מײַן געשטאַלט גאָר אומגעריכט.

ס'וואָרט האָט צו מיר אין פײַער זיך באַוויזן,
איך האָב געזען דעם פלאַם קריצן אות נאָך אות,
זײַן העלע שײַן האָט מײַן געזיכט באַלויכטן — —
מײַן פּנים האָט אין קלאָרן פלאַם מיך דערזען.

דער פלאַם איז געשטיגן און האָט מיך דערהויבן,
די הייך פון הימל איז נאָנט געוואָרן מיט מיר,
כ'האָב זיך דערזען אין אָנבליק פון דער וועלט
און דערשפּירט דעם פלאַטער פון זײַן געפּאָרכט.

מײַן טראָט האָט מיט ציטער געגנענט צום פלאַם — —
איך האָב דערהערט דעם קלאַנג פון מײַן אייגן קול.

יאָ, דעם קלאַנג פון זײַן אייגן קול הערן מיר אין אַלע לידער פון בוך. פאַראַן דאָ אַ סך שיינע, לירישע לידער: „אין וואַלד", „פאַראָן", „דאָס וואָרט", „זײַ שטיל", „דער דור פאַר מיר", און נאָך אַנדערע. ווי שוין געזאָגט, האָט שטיינגאַרט אַ סך נײַע אויסדרוקן, און שפּראַכלעכע אײַנפאַלן. אָט זײַנען עטלעכע מוסטערן: איך רעשטל זיך טעגלעך אויס; פון די צווײַגן טראָפּנט אַראָפּ די זון; פרילינג וויטערט זיך אַרײַן אין דער וועלט; אַלע אויסגעוואָרענע צוזאַמענשאַפטן. ווי אַ מומחה אין דער פערזקונסט ווייסט ער און ער באַווײַזט דאָס אין די לידער אַז „בלויז מיט ציטער פאַר יעדן אות באַזונדער, איז דיר באַשערט צום גאַנצן וואָרט צו דערגרייכן".

צײַטנווײַז באַפאַלט אים, ווי אַנדערע ייִדישע דיכטערס, אַ דערדריקנדיק געפיל אַז עס האַלט בײַם סוף, אַז ס'איז כּלו כּל הקיצין, ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע האָפנונגען:

פון אבילות ביז אבילות
שטאַרב איך אויס מײַן דור.
אַ שוידער טראָפּנט מײַן הויט
און מערט דעם גרויל אין מיר
דער לעצטער פון אַ דור צו זײַן.

כ'ווייס גאַנץ וויל ס'איז נישטאָ
קיין ערשטער און קיין לעצטער — —
יעדערער לעצטער ווערט אַן ערשטער
מיט וועמען ער הייבט זיך אָן פונסנײַ — —
אַזוי איז די וועלט געגרונטפעסטיקט געוואָרן.

אַוודאי איז אים גוט באַוווסט ווי פאַראָרעמט די ייִדיש־שאַפערישע־סביבה איז געוואָרן במשך די לעצטע יאָרן, און ווי שווער ס'איז די מערכה פון ייִדישן פּאָעט. פון דעסטוועגן פאַרענדיקט ער זײַן פּראָכטפולן פּראָפיל פון „ריטער פון ייִדיש" („מיט לעיעלעסן אין סענטראַל פּאַרק") מיט אַ טרייסטוואָרט פון זײַן עלטערן קאָלעגע, אַז ס'האַלט נאָך נישט חלילה בײַם סוף, אַפילו ווען ס'ווײַזט זיך אונדז אויס אַז מיר האַלטן שוין בײַם האַרבסט פון אונדזער ייִדיש־קולטור:

דער האַרבסט נעמט איבער די פאַרבן פון זומער,
צעבלענדט זיך איבער הימל מיט געפּאַלענער זון
און ווײַזט זיך פאַר אונדז מיט אייגענעם קאָליר — —
נאָר דער וואָס זעט, ווייסט ווי ס'גלײַכט זיך אויס
דער ווידעראַנאַנד, וואָס גייט פאַרבײַ זײַן אָפּן אויג.

נישט געאײַלט, מיר בלײַבן נאָך אַלץ וואַכע היטער,
וואָס קוקן אַלענע אומעטן פונעם האַרבסט אַריבער.
האַרבסט איז נישט קיין סימן, האַרבסט איז נאָר אַ זמן.
מיר קאָנען גאַנץ שמיאַלע שטעלן אונדזערע טריט,
און מיט גלײַכן קאָפּ די מאָרגנס אַנטקעגן גיין.

יאָ, ייִדישע פּאָעטן זײַנען וואַכע היטערס, „וואָס קוקן אַלענע אומעטן פון האַרבסט אַריבער"; דער ייִדישער דיכטער, דער טרעגער פון ייִדישן נצח, פון ייִדישער שעפערישקייט, איז, אַפילו ווען ער איז דער יחידישסטער דיכטער, אַפילו ווען זײַן ליד פאַרנעמט זיך מיט אוניווערסאַלע, אייביקע דילעמעס, אַפילו דעמאָלט איז ער דער פאַרקערפּערער און דער אָפּהיטער פון אונדזער אַנדערשקייט, פון אונדזער נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט, פון אונדזער לשון. דעריבער ווילט זיך באַגריסן דעם דיכטער משה שטיינגאַרט, וועלכער האָט זיך „דערהערט צום דינסטן קלאַנג פון וואָרט".

(1979)

יעקב גלאַנץ — מעקסיקאַנער ייִדישער פּאָעט

עס איז מיר באַשערט געווען צו זײַן אין מעקסיקע גראָד דעמאָלט ווען דער מעקסיקאַנער ייִדישער ישוב האָט געפּײַערט יעקב גלאַנצס 70סטן געבוירנטאָג. האָט עס מיר הנאה געטאָן, וואָס איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַגריסן דעם טאַלאַנטירטן, אייגנאַרטיקן, דיכטער און עסייִסט — אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז, צום באַדויערן, שטאַרק פאַרזען געוואָרן פון דער ייִדישער קריטיק.

יעקב גלאַנץ איז אַ דיכטער־מאָדערניסט, דאָס הייסט דער עיקר איז בײַ אים נישט דער מאי קא משמע לן, די אידעע, דער מאָטיוו, נאָר די מוזיקאַלישקייט, דאָס בילד, דער אימאַזש, די שטימונג, וואָס דאָס ליד רופט אַרויס בײַם לייענער. ווײַל וואָס איז אין טיפסטן תּוך קונסט? נישט אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן פון דערווירקלעכקייט, נישט בלויז פאַרווײַלונג, נאָר אַן עמאָציאָנעל־בילדערישער מעטאָד פון לעבנס־דער־קענטעניש. דורך דער פּריזמע פון פּאָעט ווערט די וועלט איבערגעשאַפן בצלמו ודמותו; און וואָס איז פּאָעזיע? פון אַלע אומצייליקע דעפיניציעס, וואָס פּאָעטן און קריטיקירס האָבן געגעבן, איז דוכט מיר, די פּשוטסטע: מוזיק געפּאָרט מיט געדאַנק, קלאַנג, ריטם, סוגעסטיווקייט. דער פּאָעט איז סענסיטיוו ווי אַ דעליקאַטע אַנטענע, וואָס קען אויפכאַפּן די ווײַטסטע, אַנפּאָרעמדיקסטע גרענעצן פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ.

אָט אין דער קאַטעגאָריע פּאָעטן־מאָדערניסטן געהערט יעקב גלאַנץ. ער איז אַ דיכטער מיט פּאָעטישער קולטור; ער איז אַ בן־בית אין דער וועלט־פּאָעזיע און ראשית־כּל אין דער רוסישער פּאָעזיע. ער איז אַ ווערטער־ווירטואָז, און ווי אַ באַוווּסטזיניקער שאַפער קען ער אַלע פּאָטענ־ציעלקייטן פון וואָרט. ער איז עכט, אָריגינעל און גלײַכצײַטיק פּשטותדיק־ראַפינירט. ווי אַ ייִדישער מאָדערניסט איז גלאַנץ אַ רינגעלע אין דער קייט פון אונדזער ייִדישער קאָלעקטיווער דערפאַרונג. דערפאַר זײַנען זײַנע סוביעקטיווע „איך״־לידער דער שפּיגל פון דער פילטרירטער דער־

פאַרונג פון דורות; שילדערנדיק דאָס לעבן, די חלומות, די איבער־לעבענישן פון אַ ייִדישן יחיד (פון פּאָעט), שילדערט גלאַנץ, אין דער זעלביקער צײַט, דאָס לעבן, די חלומות, די איבערלעבונגען פון ייִדישן כּלל. דערפאַר איז גלאַנצס ליד עכט ייִדיש אין גײַסט און אין תּוך.

אָט איז אַן אילוסטראַציע פון דעם. אין זײַן וווּנדערלעכער עפּישער פּאָעמע „אַ כּזית ערד״ שילדערט דער דיכטער די מערכה פון זײַן העלד:

וויִ רופט מען מעזיניק ר׳ זאַנוולס?
זײַן נאָמען איך ווייס ניט אַליין ווי.
אַ פעדעמל איז ער פון בײַנוול
פון קנײַלעכל ייִד. בענקט אויס זײַן היימוויי
אויף פרעמדע, אויף וועלטישע שליאַכן.
און שלאָגט ער זיך אויפעט אַ דאַך ווו,
איז לויערן וועלפישע ציינער,
און צווישן אַ סך איז ער איינער.

אָדער ווען ער דערציילט אונדז, אין דער זעלביקער פּאָעמע, ווי דער רבי לערנט מיט די קינדער די מעשה פון דער עקידה:

געווען איז דער מלאך דאָ נאָר וואָס,
דער ווידער פאַרפּלאָנטערט אין צווײַגן.
איצט שאַרט זיך די שטילקייט דאָ באָרוועס,
און ס׳הערשט אַזאַ וווּנדערלעך שווײַגן.
די גמראס פאַרדרעמלען פאַרמאַכטע
און ס׳בלײַבט נישט פאַרענדיקט אַ קשיה.
מיט טריטעלעך דריבנע, פאַרטראַכטע
שלײַכט זיך אַרײַן איצטער רש״י...

דאָ האָבן מיר עכט ייִדישע בילדער פון אונדזער אַמאָל, פאַרצייכנט אין אַ ראַם פון גמרא און רש״י און אויסגעדריקט אין אַ פאָלקסטימלעך־לירישן פערז.

עס איז באַקאַנט, אַז יעקב גלאַנץ איז אַ ווערסאַטילע, שעפערישע פערזענלעכקייט: ער איז דיכטער, פּובליציסט, עסייִסט און אויך אַ קינסטלער־מאָלער. אויף די אַלע פאַזן פון זײַן טאַלאַנט וועל איך זיך

דאָ איצט נישט אָפּשטעלן. דאָ האָב איך בלויז געוואָלט, בחיפּזונדיק, כאַראַקטעריזירן דעם פּאָעט.

אין אַ ליד, וואָס גלאַנץ האָט געשריבן אין 1969, — „דער פּאָעט״ — לאַמענטירט ער אַזוי:

דער פּאָעט איז אַליין געבליבן,
זײַן ליד ניט דערשריבן,
אַ רײַטער, אַלץ ווײַטער אין נאַכט.
אַ ציפּער,
דערשיפּער,
דערטראַכט.
...שטערן צעשאָטן
אין אַלע פיר ווינקלען.
און ס'האָבן צעטראָטן
זײַן וואָרט די המונים,
זיי קענען אים ניט,
אַ פּלוני בן פּלוני,
אַ פאַרוואָגלטער ייִד.

יעדער קינסטלער, ווי יעדער שעפערישער מענטש, איז אַליין. ער מוז זײַן אַליין, אויב ער וויל זיך דערגרונטעווען צו זײַן אמתן מהות; און אין זײַן אַליינקייט זעט אים נישט די וועלט. ווען ער איז צווישן מענטשן, איז ער נישט „דער זעלביקער״, ווי בשעת ער שאַפט אין זײַן איינזאַמקייט.

אָבער אויב די המונים קענען אים נישט, קענען אים יאָ די יודעי־חן, די קענערס און ליבהאָבערס פון ייִדישער פּאָעזיע בכל תפוצות ישראל. ווען גלאַנץ וועט צונויפזאַמלען זײַנע לידער, — ווי מיר האָפן, אַז ער וועט טאָן — און וועט זיי אַרויסגעבן צווישן טאָוולען, וועלן אַ סך מער ייִדן אים קענען.

אָסקאַר ווײַלד האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז „אַ צעבראָכן האַרץ גייט אַרויס אין אַ סך אויפלאַגעס״. און דאָס איז די טרייסט פון אַלע קינסטלערס. יעקב גלאַנץ ווייסט דאָס, און אָט ווי ער דריקט עס אויס אין אַ ליד:

אַ לויב דעם צער, וואָס דו האָסט געשאָנקען מיר,
און פֿאַר דער מנוחה כאָטש דערוויַליקער
בײַם בוים דעם נאַקעטן אָן שאָטן.

און מיר דאַרפֿן זאָגן: אַ לויב דעם דיכטער, וואָס האָט געקענט, אַ דאַנק זײַן טאַלאַנט, פֿאַרוואַנדלען זײַן צער אין פּראַקטיקע, רירנדיקע לידער — לידער, וואָס באַזינען און דערהייבן דאָס לעבן פֿון ייִדישן מענטש.

(1974)

א. בערגער — פּאָעט פון מינאָרנע טענער

א

יעדערער, וואָס איז באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּאָעזיע, ווייסט, אַז די „יונגע", האָבן באַנײַט, באַרײַכערט און אויסגעברייטערט די האָריזאָנטן פון ייִדישן ליד. צום באַדויערן, איז שוין גאָר ווייניק פּאַרבליבן מיט אונדז פון יענעם וווּנדערלעכן דור: פון מאַני לייב, זישע לאַנדוי, משה לייב האַלפּערן, ה. לייוויק. איז גוט, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן מיט אונדז אַהרן בערגער — אַ דיכטער, וואָס איז מיטגעגאַנגען און וואָס האָט מיטגעשאַפן מיט „יענע זייער פונעם פעלד — וואָס האָבן זייער מי, און ליכטיקן געזאַנג, פריידיקע געלאָזן אונדז צו אַרבן".

בערגער איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1902, ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר. ער האָט דאָ געלערנט אין שולן, די מערסטע יאָרן געלעבט אין ניו־יאָרק און מיטגעלעבט דעם אויפבלי פון דער ייִדישער פּאָעזיע. ער איז געשטאַנען נאָענט צו די „יונגע", און זיך געדרוקט אין זייערע זשורנאַלן: אין „אינדזל", אין די „שריפטן", אין „ליטעראַטור און לעבן", און אַנדערע. במשך זײַן גאַנצן שאַפונגוועג איז בערגער נישט אָפּגעטראָטן פון יענעם פּאָעטישן דרך, וואָס עס האָבן אויסגע־פּלאַסטערט די „יונגע".

די „יונגע" האָבן פּראָקלאַמירט דאָס רעכט פון פּאָעזיע אויף איר אייגן לעבן, אַז דיכטונג האָט איר ספּעציפישע פונקציע אין לעבן און איז נישט קיין הילפסמיטל פאַר דעם אָדער יענעם „איזם". זיי זײַנען געווען מאָדערניסטישע דיכטער־אימפּרעסיאָניסטן, וואָס האָבן אַרײַנגעבראַכט אין ייִדישן ליד ראַפינירטע פּשטות, אַלטעגלעכקייט און גלײַכצײַטיק געשליפנ־קייט, שטימונג־פולקייט, ניואַנסירונג. בערגער, ווי די „יונגע", איז אימ־פּרעסיאָניסטיש־סוביעקטיוו: די וועלט ווי ער זעט זי איז אַ פּריוואַטע רעאַליטעט, אָבער זי קען אויך זײַן רעאַל פאַר אַנדערע סענסיטיווע

מענטשן. ווי יעדער עכטער דיכטער, זעט בערגער די וועלט דורך דער פּריזמע פון זײַן פּערזענלעכקייט. אין זײַן ליד קומט צום אויסדרוק זײַן פרייד, זײַן טרויער, זײַן וויזיע, זײַן אופן פון זען די וועלט און דעם מענטש.

ווי אַ מאָדערנער דיכטער, וואָס איז געפאַנגען אין אַ מעכאַנישער ציוויליזאַציע, וואָס רעגימענטירט און ניוועלירט דעם יחיד, שטרעבט ער, דורך זײַן ליד, אונדז און זיך צו באַפרײַען פון אָט דער שטײַג; דערבײַ נוצט ער אַ ראַפינירט־פּשוט לשון, וואָס ער דערהייבט צו אַ העכערער טעמפּעראַטור. וואָרעם דער פּאָעט איז אַ מענטש מיט איבער־סענסיטיווקייט, וואָס זײַנע רעאַקציעס אויף די לעבנס־קאָמפּליצירטקייטן זײַנען אינטויִציעס, עמאָציעס, אַנונגען, סימבאָלן, וואָס ווערן טראַנספאָרמירט אין לידער. זיצנדיק אין זײַן ביורא, אין אַ ניו־יאָרקער „וואָלקן־קראַצער"

קומט אָפּט אַריבער מיר
די רו און קילקייט,
ווי פון שפּיצן בערג
אין קלאָרן שניי...

און פאַר די פענצטער דאָן אַזוי,
שטיל — אין וואָלקנגאַנג —
וואַנדערט מײַן געדאַנק
דורך הייכן,
אַריבער לענדער, וועלטן,
דורות טויזנטער,
וואָס זײַנען אויפגעגאַנגען
און פאַרגאַנגען,
אַ יעדער אין זײַן מי...

(„אין סוף פון טעג")

אויף אָט דעם מאָטיוו — בענקשאַפט זיך צו באַפרײַען פון דעם „בבל־טורעם פון אונדזערע טעג" — טרעפן מיר זיך אַ סך מאָל אָן בײַ בערגערן. ער האָט זײַנע טעג „פאַרבראַכט" אין ביורא פון אַ פאַרזיכער־געזעלשאַפט, בעת זײַן נשמה האָט געצויגן צו דער נאַטור, צום ים, צו

מוזיק. דער דיכטער בערגער איז אַ לײַדנשאַפטלעכער מוזיק־ליבהאָבער, ספּעציעל פון קאַמער־מוזיק; דערפאַר טרעפן מיר ביי אים לידער ווי: „פראַנץ שובערט״; „מוזיק־אימפּרעסיעס״; „סען־סאַן״, און אַנדערע — אַלע צאַרטע, מוזיקאַלישע, ליריש־דורכזיכטיקע געזאַנגען:

אויף מײַן געמיט,
ווי אויף טרויבן־בלעטער,
האַרבסטיק־קילע רעגן־טראָפּן
טריפן שטיל און ציטערן:
טענער פון אַ פלייט.

אויף מײַן געמיט:
ווי אויף אַ זוניקער
גאָלד־געזוימטער אָזערע —
פּאַר נאַכט צווישן וואַסערגראָזן
שווימט און שטאַרבט שטיל
זינגענדיק זײַן שוואַן.

(„סען־סאַן״)

ב

ווי מאַני לייב און זישע לאַנדוי, געהערט בערגער צו די „אידעען־לאָזע״, צו די האַלבטענער, צו די „ריינע פּאָעזיע״־דיכטערס, וואָס ניואַנס, שטימונג, געלײַטערטקייט זײַנען דאָס תּוכיקע אין זייער ליד. בערגערס ליד איז טאַקע געטאַקט, זינגעוודיק־מוזיקאַליש, דין־ליריש. זײַנע גוטע לידער — און ער פאַרמאָגט זיי אַ סך — זײַנען גרויסאַרטיקע מוסטערן פון „אַלטמאָדישער״ פּאָעזיע, וואָס בלײַבט אַלע מאָל נײַ — ווי ס׳איז אַלט־נײַ דאָס לעבן, די נאַטור, די ליבע.

אָבער כאָטש בערגער איז דיכטער פון „ריינער״ — נישט פּראָגראַמאַ־טישער — פּאָעזיע, איז ער אָבער אַ יידישער אימפּרעסיאָניסט, פאַר וועמען דאָס לעבן בכלל, און ספּעציעל דאָס ייִדישע לעבן, דאַרף האָבן אַ זינען און אַ ציל. ער קען זיך נישט באַנוגענען בלויז מיט באַזינגען די נאַטור,

דעם ים, אַ זון־אונטערגאַנג. ער זוכט דעם זין פון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ; ער ווייטיקט איבער דעם אומזין פון ייִדישע לײַדן, און דער „שטילער" דיכטער ווערט פלוצלינג דראַמאַטיש, צעשטורעמט, און ער גייט אַריבער פון זײַנע מינאָרנע טענער צו די שטאַרקסטע לידער זײַנע: „אין סוף פון טעג". דער דיכטער שילדערט דאָ זײַן יוגנט אין דער „אַלטער היים", זײַן גלויבן אין „וועלט־באַפרייונג" און שפּעטער די פאַרלענדונג פון זײַן דור אין די גאַזקאַמערן. ער פאַרענדיקט זײַן חשבון־הנפשדיקע לידער־סעריע מיט די דאָזיקע סקעפּטיש־פילאָסאָפישע פערזן:

וויִ האָט דער כּישוף — „נײַע צײַט" — אַ מאָל דיך אין זײַן
גאָלדן רינג געפאַנגען
און דורך די יאָרן אויף די וועגן לאַנג אַזוי אַ גלויביקן געפירט...
געבענטשטע שעה, געבענטשטער ברעג, אין סוף פון טעג דערפירט,
דער דערנערוועג שוין הינטער מיר אין לעצטע שקיעה־שטראַלן.
און נאָענט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, און רו דײַן יעדער גליד
דערשפּירט,
דאָס לאַנגע בלענדעניש פון אייביק נעמט לאַנגזאַם פאַלן...
ווער האָט געפירט דײַן טאָג, און ווער פון נאַכט די שעהען?
די אײַלנדיקע טריט אַזוי געיאָגט דורך גאַס פאַרלוירן?
אַ פרעמדע ערד, אַ פרעמדער הימל, געשפּילט האָט דורך
די ווײַטע בלאָען.
אָ, אומרו! ירושה פון אַ וועלט — מיט שווערד אין האַנט געבוירן.
און נאָכגעגאַנגען איז דײַן האַרץ דעם בלענד פון ווײַטע שײַנען,
און ס'האָבן דײַן געמיט געריצט די פאַלשע געטער־הייכן.
ניט פון דײַן טיש בארוישט דיך האָבן די שוימענדיקע ווײַנען,
און ניט באַנומען פון די וואונט אַרום אין פײַערשריפט דעם צייכן...

ג

כּמעט אַלע ייִדישע פּאָעטן האָבן לאַמענטירט וועגן דער ביטערער מערכה פון ייִדיש. אָבער נישט אַלע האָבן געקענט סובלימירן זייער טרויער אין לידער; דערפאַר זײַנען אַ סך לידער אויף דעם מאָטיוו

געגראַמטע לייט־אַרטיקלען, פּראָפּאַגאַנדיסטישע דעקלאַמאַציעס, וואָס מיר קענען זיך אונטערשרײַבן אונטער זיי, אָבער זיי רירן אונדז נישט, און מיר בלײַבן צו זיי גלײַכגילטיק. אין בערגערס לידערבוך: „אין סוף פון די טעג" זײַנען פאַראַן געזאַנגען, אין וועלכע דער דיכטער דריקט אויס זײַנע רעאַקציעס צו אַקטועלקייטן אין ייִדישן לעבן, איבער וועלכע יעדער ייִד ווייטיקט: „אָ, וועלט"; „גלויבן"; „אויף אונדזער וועג"; „אין גאַנג פון דורות"; „מײַן ייִדיש וואָרט"; די אַלע דערמאָנטע און אַנדערע פערזן דריקן אויס נישט בלויז געדאַנקען, נאָר ווי עכטע פּאָעזיע צינדן זיי אײַך, רירן אייך און וויברירן אין אײַער געמיט. איינס פון די שענסטע און פּערפעקטסטע לידער אין דער קאַטעגאָריע איז: „איך בין דער ייִדיש־זינגער":

איך בין דער ייִדיש־זינגער — טרובאַדור,
וואָס זינגט פאַר שלעסער — אין רויִנען,
און וויין אויף ביימער פון אַן אויסגעברענטן וואַלד,
וואָס וועלן מער ניט גרינען.
פאַרנאַכטיקע זון אויף שטילע פעלדער גליט
און שקיעה גאָלדיקט אַריבער שפּליטער־שטאַמען;
די פייגל־מחנות פון אַרום — אין פײַערן אַוועק
אַריבער אַלע ימען.
איך שטיי בײַם וועג, וווּ בייז די וועלט
האָט באַלד שוין אַלץ אַזוי פאַרנומען,
און אין דער אָוונטקייט אַליין
מײַן ליד דאָרט זינגט אין ליידיקע אַרומען.

ד

די צײַט, אין וועלכער מיר לעבן איז אַ צעשטורעמטע, אַן אומרויִקע, ווען גלויבנס און אידעאַלן ווערן אונטערמינירט און אויף ס'נײַ עקזאַמענירט. בײַ אונדז ייִדן איז דאָס אַ הרת־עולמדיקע תקופה, ווען עס גייט אַרונטער פון דער סצענע, סײַ דאָ, סײַ אין מדינת־ישראל, דער דור, וואָס האָט געשאַפן די מאָדערנע ייִדישע קולטור און האָט געפורעמט דעם מאָדערנעם ייִד. אין אַזאַ צעטרייסלטער וועלט בענקט דער מענטש נאָך

אייביקע אמתן, נאָך אַ פֿעסטן גלויבן, נאָך נשמה־רו. דערפֿאַר קריגט אַזאַ אָפּקלאַנג בײַ אַ גרויסן עולם די באַרויִקנדיקע מוזיק פֿון באַך, וויוואַלדי, הענדעל. בערגער דערמאָנט אָפֿט אין זײַנע לידער דעם האַרפּסי־קאָרד — דער אינסטרומענט פֿון יענער באַראָק־עפּאָכע, ווען די דער־מאָנטע מוזיקערס האָבן געלעבט און געשאַפֿן.

בערגערס לידער, צום גרעסטן טייל אין מינאָרנע טענער, וואָלטן דערפֿאַר געדאַרפֿט געפֿינען אַן אָפּקלאַנג בײַ אַלע „פּריוואַטע" ייִדן, וואָס זײַנען אויטענטיש, וואָס ווייסן, אַז נישט אין שטורעם געפֿינט מען גאָט נאָר אין קול דממה דקה; אין שטילן גאַנג אויף בערג „ווו אין דער שטיל אַ פֿויגל דײַן נאָמען רופֿט — און פֿונעם גראָז אים ענטפֿערט אַן איינ־זאַמער גריל". און אויב מיר זענען באַזאָרגט און פֿרעגן צוזאַמען מיטן דיכטער:

> ווער וועט זינגען פֿונעם וואַלד דעם הוילן?
> און אין די ווײַטע טעג דערמאָנען:
> יענע יונגע בלעטערדיקע קרוינען,
> פֿרילינגס־גרין צעוויטע פּאָנען,
> דורך די שטורעמס אַלע אויסגעשטריטן.
> און ווער וועט בענטשן אונדזער דור,
> די רייען העלדישע
> אין אַלע אוראַגאַנען אַזוי פֿאַרשניטן?

מעגן מיר ענטפֿערן ערלעך, אַז דער דיכטער בערגער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע טאַלאַנטירטע ייִדישע פּאָעטן, האָט מיט זײַנע לידער פֿאַראייביקט אונדזער דור און אונדז געוויזן „וויפֿל שיינקייט און וויפֿל טרויער ס'איז פֿאַראַן אין גרויסן וווּנדער פֿון אונדזער ייִדיש לעבן, וואָס ציט אַרום די רינגען פֿון דער גרויסער וועלט אַ „פֿייער־פֿויגל" דורך טונקעלע געוועבן".

ווינטשן מיר דעם דיכטער צו זײַן 85סטן געבוירטאָג, אַז ער זאָל נאָך אַ סך יאָרן באַשטראַלן אונדזער וועלט מיט זײַן ערלעך, געלײַטערט ליד.

(1974)

אַלף כּץ — שפּילעוודיקער ייִדישער פּאָעט

דעם 23סטן יאַנואַר 1969 — איז אַוועק אויף אייביק דער ייִדישער דיכטער, דער זשורנאַליסט, דער ליבער, פֿרײַנדלעכער מענטש אלף כּץ. ווער עס האָט געקענט דעם פּאָעט, זײַן איידלקייט, זײַן חבֿרישע באַציִונג צו קאָלעגן, זײַן גרייטקייט צו העלפֿן מיט אַן עצה, דער האָט געמוזט אים ליב האָבן.

אלף כּץ איז געבוירן געוואָרן אין מלינאָוו, אַ שטעטל אין וואָלין, אוקראַינע — אין יאָר 1898. זײַן פֿאָטער חיים ירוחם, אַ משׂכּיל, האָט אײַנגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין יאָר 1906. אלף כּץ איז צוזאַמען מיט זײַן מוטער געקומען אַהער פֿון רוסלאַנד אין יאָר 1913 — ווען ער איז אַלט געווען 15 יאָר. דאָ האָט ער געלערנט אין אַן אָוונטשול, און שפּעטער אין „סיטי־קאָלעדזש״.

צו ערשט האָט אלף כּץ געשריבן שירים אין העברעיִש. אין ייִדיש האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד אין „גרויסן קונדס״ סוף 1917. פֿון דעמאָלט אָן האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אַ סך לידער אין אַלע וויכטיקע ייִדישע צײַטשריפֿטן, און ספּעציעל אין די קינדער־זשורנאַלן. ער האָט זיך געקענט אויף אַ חנעוודיקן אופֿן שפּילן אין גראַמען — גראַמען און ריטמען מיט אײַנפֿאַלערישקייט, מיט המצאות אויפֿן שטייגער פֿון די אַמאָליקע פּײַטנים. צײַטנווײַז האָט זיך געקענט אויסדוכטן אַז דער דיכטער איז אַזוי פֿאַרליבט אין ווערטער, אַז ער פֿאַרזעט דעם תּוך — דעם יחיד און דעם ציבור; די ראַנגלענישן פֿון ייִדישן כּלל פֿאַרן אויפֿהאַלט פֿון אונדזער נשמה, אונדזער נאַציאָנאַלער אינדיווידואַליטעט. דאָס איז אָבער אַ טעות. וואָרעם דער שפּילעוודיקער דיכטער האָט טיף געווייטיקט, און רירנדיק אויסגעזונגען אונדזער ווייגעשריי אויפֿן דריטן חורבן.

אין אַרײַנפֿיר־ליד צו זײַן בוך: „חלום עליכם״ זעען מיר ווי ער — פּונקט ווי מיר אַלע — ווייסט אַז דאָס ייִדישע ליד האָט אויך אַ נאַציאָנאַלע שליחות:

ייִדיש ליד,
זיד!
שרײַ — ניט ווער אַנטשוויגן.
זינג מיט יעדן אות און גליד,
וויין — און זינג דײַן ניגון.

ווײנען מוזסטו, ס'איז פֿאַרפֿאַלן,
ס'איז אַ קלאָג אין דיר פֿאַרזייט:
צען מאָל ששים רבוא גאַלן
ברענען אין דײַן אײנגעווייד.

צען מאָל ששים רבוא שטאַמען
רופֿן, מאָנען: „ניט פֿאַרגעס!"
היל זיי אײַן אין דײַנע פֿלאַמען,
אין די שורות פֿון דײַן נס.

ביסט דער יורש פֿון די רופֿן —
טראָג פֿאַנאַנדער דאָס געשריי.
גיב די קולות — ווערטער, גופֿן,
טראָג פֿאַנאַנדער זייער ווײ.

זײַן בוך „גוט מאָרגן, אַלף**" וואָס איז דערשינען אין 1950, איז פּרעמירט געוואָרן פֿון אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, אין 1955.**

דער דיכטער איז שוין פֿריער באַקאַנט געווען אין דער ייִדישער קינדער־ליטעראַטור מיט זײַן „טעלערל פֿון הימל**" און „**פֿון אלף ביז תּוו**". אָבער אין זײַן פּאָעמע „גוט מאָרגן, אלף", האָט ער אויף אַ װוּנדערלעך־אָריגינעלן אופֿן אויסגעזונגען אַ טרייסטליד צום ייִדישן קינד און צו אונדז אַלעמען נאָך דער תּוכחה, וואָס האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן אין די חורבן־יאָרן.**

אין דער פּאָעמע ווערט דערציילט די פֿאַנטאַסטישע געשיכטע ווי דער אלף און בית **האָבן זיך אַרויסגעלאָזט, נאָכן בלוטיקן מבול, זוכן די אַנדערע צוואַנציק אותיות פֿון אלף־בית וואָס זענען בימי־חורבן פֿאַר־**

שוווּנדן. צו ערשט זוכט זיך אָפּ דער למד און וואָוו. נאָך דעם ווי די פיר אותיות גיבן זיך אָפּ שלום עליכם, רופט דער אַלף אויס:

גלעוויבט איז גאָט, מיר זײַנען פיר!
ער וועט אונדז עפענען אַ טיר
און ווײַזן אונדז דעם וועג צו טאָלק —
גאַנץ צו מאַכן אונדזער פאָלק.

אַ ביסל שפּעטער קומען אָן דער נון און דער סמך. אין דער אַכטער סצענע זוכט זיך אָפּ אליהו הנביא וואָס רעדט צום ייִנגעלע אָט די דאָזיקע רירנדיקע רייד:

...דו ביסט אָן אָנהייב איצט אַ נײַער,
און באַשערט איז דיר צו זײַן דער יורש
פון דעם לעצטן פּינטעלע פון שורש.
אַנטרונען ביסטו פון דער נאַכט פון לאַנגן חלף,
צו זײַן דאָס ערשטע אות, דער אלף,
פון אַ נײַעם מאָרגן אויף דער וועלט.

עס קען זײַן אַז נישט אַלע קינדער וועלן באַלד פאַרשטיין דעם טיפן מיין פון דיכטערס, מיט אינהאַלט אָנגעלאָדענע, ווערטער, אָבער די פראַכטפולע פּאָעמע איז אַזוי רײַך־סוגעסטיוו, אַזוי ליטעראַר־מוזיקאַליש, אַז „די ווערטער... גלעטן און פאַרוויגן, דערקוויקן דאָס האַרץ מיט זייער ניגון". די דראַמאַטישע פּאָעמע איז פון אַזאַ קוואַליטעט אַז ס'איז כדאי די עלטערע תּלמידים אין אונדזערע שולן זאָלן אויסחזרן גאַנצע פּאַסאַזשן, כּדי שפּעטער — ווען זיי וועלן אויסוואַקסן — זאָלן זיי פאַר־שטיין „ווען קומען וועט די רעכטע צײַט"!

אין דעם זעלביקן ביכל פון אלף כּץ איז פאַראַן אַן אויסגעצייכנטע פּורים־שפּיל, געשריבן אין פאָלקסטימלעכע גראַמען; די הויפּט־כאַראַקטערן זײַנען דאָ אַזוי פאַרהײַנטצײַטיקט, פּונקט ווי די מגילה איז איבער צײַט און אָרט.

מיר האָבן נישט איצט — נאָכן חורבן — קיין הונדערטער טויזנטער קינדער־לייענערס אין ייִדיש. בלויז עטלעכע טויזנט קינדער, בכל תּפוצות ישראל, זײַנען איצט ייִדיש־לייענערס. טאָקע דערפאַר איז טויזנט מאָל

געדענקט דער דיכטער אלף כּץ, וואָס פאַרענדיקט זײַן פּרעמירטע פּאָעמע מיט אָט דעם טיף דורכגעפילטן רוף צו אונדז:

נאָר איין קינד רופט אונדז אַצינדער?
זײַן שטים איז ווי פון טויזנט קינדער!

יאָ, נאָר איין קינד אַרויס פון פײַער,
און ער איז טויזנט מאָל אונדז טײַער.

אין אים איז דער אַמאָל באַהאַלטן,
דעם סוף פון טעג וועט ער געשטאַלטן.

(1969)

בינעם העלערס „דור און דויער"

אין יעדער ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן דיכטערס וואָס געהערן נישט צו דער ליטעראַרישער מזרח־וואַנט, הגם זייער ליד איז עכט, ערלעך, און געפֿינט אַן אָפּקלאַנג בײַם סענסיטיוון לייענער. אַזעלכע דיכטערס זײַנען נישט מרעיש עולם נישט מיט דער נײַער פֿאָרם, און נישט מיטן אָריגינעלן אינהאַלט — דאָך פֿילט איר בעת איר לייענט זיך אַרײַן אין זייערע שאַפֿונגען, אַז זייער ליד רעדט צו אײַך און באַווירקט אײַער געמיט. אַזעלכע דיכטערס איז זעלטן באַשערט צו ווערן פּאָפּולער; וואָרעם זייער ליד איז שטיל, נישט דראַמאַטיש, און „וואָכעדיק". דערפֿאַר איז גוט וואָס זיי ווערן קאָמפּענסירט דורך אַ ליטעראַרישער זשורי פֿון מבינים, וואָס דריקט זיי אויס אָנערקענונג. דאָס איז טאַקע לעצטנס געשען מיטן דיכטער בינעם העלער, ווען אַ זשורי ביים קולטור־קאָנגרעס האָט צוגעטיילט אַ פּריז פֿאַר זײַן בוך לידער: „דור און דויער".

בינעם העלער איז געבוירן געוואָרן און אויפֿגעוואַקסן אין וואַרשע, אין אַ חסידיש הויז. ער האָט, ווי מערסטע יידישע ייִנגלעך אין פּוילן, געלערנט אין חדר און ישיבה, און ווי אַ סך קינדער פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט איז ער אין דער יוגנט צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. ער איז אַנטלאָפֿן אין 1937 קיין בעלגיע, און שפּעטער האָט ער געלעבט אין פּאַריז. אין יאָר 1939 איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, אין סעפּטעמבער 1939, איז ער אַנטלאָפֿן קיין ביאַליסטאָק. שפּעטער האָט ער געלעבט אין אַלמאַ אַטאַ און מאָסקווע. אין זומער 1947 איז העלער צוריקגעקומען קיין פּוילן, וווּ ער איז געווען אַקטיוו און אַ פֿירנדיקער מיטגליד אין ייִדישן קולטור־פֿאַרבאַנד, און שרײַבער־פֿאַראיין. זייט 1957 איז ער אַ תּושב אין מדינת ישראל.

ווען איך בין, זומער 1959, געווען אין ישראל, איז נאָך מײַנס אַ לעקציע אין תּל־אביבער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק צוגעקומען צו מיר בינעם

העלער און מיר האָבן זיך באַקענט. ער אַט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שטילן, באַשיידענעם מענטש, מיט ווירדיקער האַלטונג, און אַ דינעם שמייכל.

דער דיכטער, וועמען מיר באַגעגענען אָפט אין דער „גאָלדענער קייט״, געהערט צו די בעלי־תשובה וואָס האָבן איינגעזען זייער שווערן טעות אין נאָכלויפן דעם מיראַזש פון קאָמוניזם. אָבער ער געהערט נישט צו יענע בעלי־תשובה וואָס גייען אַריבער פון איין עקסטרעם צום צווייטן; ער האָט אָפּגעראַטעוועט זײַן נשמה: ער איז געבליבן באַלאַנסירט, ייִדיש־וועלטלעך. אַוודאי איז ער נאָך אַלץ — ווי מיר זעען דאָס אין די לידער פון „דור און דויער״ — פאַרוווּנדיקט, און צעפּײַניקט פון די אַלע שווערע אַנטוישונגען אין זײַנע יוגנט־געטער. דאָך איז ער אין תוך — הגם זײַנע ווונדן אײַטערן און ווייטיקן נאָך — גענעזן געוואָרן פון יענעם דעליריום וואָס האָט פאַרבלענדט — און הערט נישט אויף צו פאַרבלענדן — אַזוי פיל יונגע ייִדן. ער קען נישט פאַרגעסן דעם עבר וואָס האָט צעפּטרט און אָפּגענאַרט אַלע זײַנע האָפענונגען:

אוי ווי, האָט ער מיך אָפּגענאַרט,
דער הונדערט־פּנימדיקער ווינט!
מײַן יוגנט האָט אים נישט געאַרט,
ער האָט אין נויט זי אויסגעקרימט.
ער האָט געיאָגט אויף מיר דעם שניי,
ער האָט געפּײַפט אין קוימען ווילד,
ער האָט מיר נאָכגעשפּעט דעם ווי —
און האָט מײַן צאָרן נישט געשטילט.

ער האָט געפלאַקערט אין דער פאָן,
און האָט אויף טרויער זי פאַרברענט.
ער האָט געבליט אין רויטן מאָן,
און דורכגעשניט זיך דורך די הענט.
ער האָט פון טויט מיך נישט באַשיצט,
און אויף מײַן פרייד זיך נישט גערירכט.
ער האָט די שרעק בלויז אויפגעבליצט —

און אויסגעלאָשן אַלע ליכט.
איצט איז מײַן קאָפּ שוין גראָ פון שטויב,
אין שטוב איז אויסגעהאַקט דאָס גלאָז.
און איך האָב אים געזונגען לויב,
פאַר וואָס ?

זינט דעם יאָר 1932 האָט בינעם העלער שוין פאַרעפנטלעכט 15 לידער־ביכער. אָנגעהויבן האָט ער ווי דער דיכטער פון סמאַטשע גאַס, פון אָרעמקייט, פון סאָציאַלע מאָטיוון. שפּעטער, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער דאָ, אין אַמעריקע, געוואָרן פּאָפּולער אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן מיט זײַן צער־און־צאָרן־ליד: „אין וואַרשעווער געטאָ איז איצט חודש ניסן". און ווי בײַ יעדן ייִדישן דיכטער וואָס האָט דורכגעלעבט און מיטגעלעבט דעם חורבן־פּעריאָד פאַרנעמט דאָס דאָזיקע טראַגישע קאַפּיטל אַ צענטראַל אָרט אין זײַנע לידער:

זיי קומען איבער טריקעניש און ים —
די אותיות, די הייליקע וואָס שוועבן.
אַרויסגעראַטעוועטע פונעם פלאַם —
זיי בענקען צו די ייִדן און צום לעבן.
נאָך בולטער געוואָרן איז דאָס כּתב
אויף די יריעות פונעם אַלטן פּאַרמעט,
ווי גאָט אַליין וואָלט ערב דעם באַשאַף
מיט פײַער זיי געכּתיבהט און געשרפעט.
דער ערשטער לויפט דער וויכטיקסטער געבאָט —
די קורצע זילבן דרײַ פון דעם **לא תרצח.**
זיי זידן איצט פון צאָרן און פון שפּאָט,
און ייִדיש בלוט פון זייער פײַער שפּירט זיך.

פאַראַן אין „דור און דויער" לידער אויף „אייביקע" מאָטיוון, און אויף צײַט־מאָטיוון. אָבער אין אַלע לידער זעען מיר דעם ערלעכן, דעם אויטענטישן ליריקער וואָס מאַכט אַ חשבון־הנפש פון זײַנע אייגענע און זיין דורס שטורעמס, פון די אויסגערונענע אילוזיעס ; ער שפּיגלט אויך אָפּ די פריידיקע מאָמענטן, דאָס ביסל נחת וואָס דאָס נייע לעבן אין

מדינת ישראל טראָגט אים אונטער. ביַי בינעם העלער זיַינען נישטאָ קיין שפּראַכלעכע חידושים, קיין אָריגינעלע אימאַזשן אָדער גראַמען. ער איז אַן „אַלטמאָדישער" דיכטער, וועמענס פּערז עס איז „קלאָר", אָבער זיַין ליד איז אייגן, אויפריכטיק, באַשיידן, עכט.

יעדער אמתער פּאָעט, ווי יחידיש ער זאָל נישט זיין, גיט אויסדרוק, אַפילו ווען ער שליסט זיך אָפּ אין זיַינע אייגענע דלד אמות — נישט נאָר צו זיַין פּריוואַטער וועלט, נאָר אויך צו די זאָרגן, די פּראָבלעמען, וואָס באַשעפטיקן דעם כלל. דאָס איז אַוודאי אמת וועגן אַ „סאָציאַלן" דיכטער ווי העלער, וואָס האַלט זיַין אויער אָנגעשפּיצט צו דער ציַיט אין וועלכער ער לעבט, און צום באַדן אויף וועלכן ער געפינט זיך. לייענען מיר טאָקע ביַי אים לידער וועגן ריס צווישן דעם ייִנגערן און עלטערן דור, וואָס איז אַקטועל בכל תפוצות ישראל — סיַי אין אַמעריקע, סיַי אין ישראל.

באַקענ מיך, טאַכטער, מיט די יונגע פריַינד!
פאַרשווונדן זענען באַלד שוין פונעם לאַנד
די אַלטע, אויסגעפּרוווטע נישט פון היַינט —
טאָ לאָמיך כאָטש מיט דיַינע זיַין באַקאַנט.

איך זאָג דיר צו: איך וועל זיך האַלטן שטיל,
נישט פאָדערן, זיי זאָלן מיך פאַרשטיין.
דאָס איינציקע, דאָס לעצטע וואָס איך וויל —
נישט בליַיבן אין אַ פרעמדער וועלט אַליין.

ווי אַן עכטער דיכטער ווייסט בינעם העלער דעם פאַרבאָרגענעם כוח פון וואָרט. ער פאַרמאָגט, — הגם אין נישט קיין בליציקער, איבער־ראַשנדיקער פאָרם, — זיַין אייגענע מוזיקאַלישקייט, זיַין אויסגעמיַיס־טערטע פּשטות. ער האָט אין דעם בוך אונדז געגעבן אַ ריי לידער וועגן באַדייט פון שפּראַך, און דעם כאַראַקטער פון זיַין ליד. אויף דעם מאָטיוו זינגט ער אין אַזעלכע לידער ווי „און אויב דאָס ליד געוועזן איז, ווי אַ שפּיגל", „אַ קליינע תפילה", „איך לויער שטיל" און אַנדערע.

אַ ייִדישער דיכטער, ווו ער זאָל היַינט־צו־טאָג נישט לעבן, צי אין אַמעריקע, אָדער מדינת ישראל, קען נישט שלום מאַכן מיט דער מערכה

פון יידיש בײַם ייִנגערן דור. ער קען נישט פאַרגעסן אַז דאָס לשון וואָס ער הערט נישט אויף צו שלײַפן און ראַפינירן, דאָס לשון אין וועלכן ער שפּילט אויס זײַנע צאַרטסטע און האַרציקע ניגונים, אַז דאָס לשון זאָל זיך חלילה אָפּטאָן פון ייִדישע מײַלער. ער ווייטיקט אויף דעם מזל פון יידיש, ווײַל ער איז טיף איבערצײַגט אַז אָן יידיש וועלן מיר שטאַרק פאַראָרעמט ווערן. דריקט ער אויס דעם ווייטיק אין פערזן:

און ווידער דער האַרבסט.
נאָר אַלץ איז דאָ איבערגעשטעלט,
און מיך הערט מען אויף דערקענען
איך זוך נאָך אויף יענער זײַט וועלט
די קליאָנען וואָס וועלקן און ברענען.

און ווידער דער האַרבסט.
מען זאָגט אַז איך טויג שוין נישט מער,
עס פעלט מיר דער חוש פאַר דעם נײַעם.
דערפאַר איז מײַן שפּראַך אַזוי שווער
און דינט בלויז אויף וויינען און שרײַען.

און ווידער דער האַרבסט.
איך ווייס אַז אַ נײַער פּאָעט —
מיט איין דור פון מיר איז ער ייִנגער —
וועט מער נישט פאַרשטיין, וואָס עס רעדט
אַן עלטערער יידישער זינגער.

פון דעסטוועגן, האָט זיך בינעם העלער פאַרוואָרצלט אין ישראלדיקן באָדן, און מיר דוכט זיך, ווי עס זאָגן עדות די לידער, אַז ער פילט זיך ווי אַ תושב, און איז פאַרליבט אין אויפגייענדיקן יידישן לעבן אין ישראל. אין אַ ריי פראַכטפולע לידער דריקט ער אויס זײַן פרייד און זײַן גלויבן אין דער ייִדישער מדינה. איך וועל זיך באַנוגענען מיט ציטירן עטלעכע פערזן פון ליד „פּרוכפּערדיקער זומער" — אַ ליד ווו דער דיכטער פאַר־גלייכט זײַנע טרויעריקע יוגנט־יאָרן אין פוילן מיט זײַן איצטיקער האָפע־נונגס־פולקייט אין מדינת ישראל:

דער פרילינג מייַנער איז געווען אַ שטומער
אַ קאַרגע איז געווען די פרעמדע ערד.
מיר איז באַשערט אַ פּרוכפּעדיקער זומער
און אויך אַ לאַנגע שניטצייַט איז באַשערט.

פון מדבר־זאַמדן וועל איך זיך דערנערן,
און וואַסער וועל איך שעפּן פונעם שטיין,
און יעדעס קערנדל וועל איך באַשווערן —
עס זאָל פון היץ, חלילה, נישט אַנטגיין.
פאַרגעסן וועל איך אָן די טעג די גראָע,
פאַרגעסן וועט דערפאַר אָן מיר דער טויט,

און צו דעם שטאַרבן וועל איך ווערן ראוי —
ערשט נאָכן איינזאַמלען דאָס גאַנצע ברויט.

דער דיכטער, פאַרשפּאָרן מיר זאָגן, האָט נאָך וויַיט נישט איַינגע־זאַמלט „דאָס גאַנצע ברויט״. ער האַלט ערשט אין מיטן זומער פון זייַן שאַפן.

איז, אויב דער תמצית פון פּאָעזיע באַשטייט אין געבן אויסדרוק, אין אַן אייגנאַרטיקער, צימצומדיקער שפּראַך, צו די דערפאַרונגען פון יחיד און כלל; אויב פּאָעזיע מיינט פערזענלעכער השתפכות הנפש, וואָס פאַראייביקט אויף אַ בילדעריש־עמאָציאָנעלן אופן די עפּעמערישע מאָ־מענטן אין אונדזער עקסיסטענץ; אויב פּאָעזיע פאַרוואַנדלט פאַרגענג־לעכקייט אין דויערנדיקייט, האָט בינעם העלערס „דור און דויער״ אַרייַנ־געקייטלט אונדזער דור **אין יידישן** דויער. **ער האָט דורך דעם פּריזם פון זייַן דיכטעריש אויג, האַרץ און אויער רעפּראָדוצירט אַ פראַגמענט פון זייַן דורס פּיַין, אַנטוישונג און האָפענונג.**

(1970)

ישראל גויכבערג — דיכטער און פעדאַגאָג

(1970—1894)

עס איז אַוועק פון אונדז אַ שיינער, אַן איידעלער, אַ נשמה־יתירה־דיקער מענטש; אַן עכטער, אַן ערלעכער, אַ טאַלאַנטפולער דיכטער; אַ לערער־קינסטלער; אַ מענטש פון אַלגעמיינער און יידישער קולטור; אַ מאָדערנער ייד מיט וויסן און געוויסן.

ישראל גויכבערג איז געבאָרן געוואָרן אין טעלענעשט, בעסאַראַביע, בײַ אַ טאַטן אַ חזן. אין טעלענעשט האָט ער אין עלטער פון 9 יאָר איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם אין וועלכן ס'איז אומגעקומען זײַנס אַ ברודער. ישראל האָט געלערנט אין אַ חדר מתוקן, און געענדיקט די שטאַטישע שול אין כאָטין. און 1913 איז גויכבערג געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין באָסטאָן. אין די יאָרן 1917־1921 האָט ער שטודירט אין אוניווערסיטעט פון דע־מאָין, אייאָווא, וואָס ער האָט געענדיקט ווי אַן אינזשעניר. גלײַכצײַטיק האָט ער געגרינדעט אין דע־מאָין אַ יידישע שול. פון 1921 ביז 1926 איז ער געווען לערער פון דער אַרבעטער־רינג־שול אין באָסטאָן. און 1926 באַזעצט ער זיך אין ניו־יאָרק וווּ ער ווערט לערער פון די שלום־עליכם־פאָלקשולן. דאָ האָט ער געלערנט מיט תּלמידים אין די עלעמענטאַרע און מיטלשולן במשך 40 יאָר.

אין בנין פון שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט איז גויכבערג געווען אַ צענטראַלער זײַל. במשך 20 יאָר האָט ער צוזאַמען מיט דעם שרײַבער פון די שורות געאַרבעט אין די וויכטיקסטע אינסטאַנצן פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט: אין דער פעדאַגאָגישער קאָמיסיע, אין דער מיטלשול, אין „קינדער־זשורנאַל" (זײַט ליפע לעהרערס טויט, אין 1963, איז ער געווען מיט־רעדאַקטאָר), אין לערעררעאַט, פון וועלכן ער איז געווען דער פּאָרזיצער. ער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַ שעפערישער לערער אין קלאַס און ער איז געווען שטאַרק באַליבט בײַ די תּלמידים. די עלטערן און שולטוערס פון די שלום־עליכם־פאָלקשולן האָבן זיך צו אים באַצויגן

מיט גרויס דרך־ארץ און וואַרעמקייט. פאַר גויכבערגן איז די מאָדערנע ייִדיש־וועלטלעכע קולטור געווען דער זין און אינהאַלט פון זײַן לעבן.

גויכבערג האָט אָנגעהויבן שרײַבן לידער גאַנץ פרי, און שפּעטער איז ער געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע שרײַבערס פון קינדער־לידער. אין יאָר 1928 איז אַרויס זײַן בוך קינדער־לידער: „גוטמאָרגן" (אילוסטרירט פון נאָטע קאָזלאָווסקי); „קמצא און בר־קמצא" — אין 1931, און „מיט אַ שמייכל" (אילוסטרירט פון צירל וואַלעצקי) — אין 1963. די קינדער־לידער צייכענען זיך אויס מיט דורכזיכטיקע שפּילעוודיקע, לירישע פערזן. צו אַ סך פון זיי איז געשריבן געוואָרן מוזיק, און אייניקע זײַנען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער ווי פאָלקסלידער וואָס מען ווייסט שוין באַלד נישט ווער עס האָט זיי געשאַפן. זײַנע לידער זײַנען אַריין אין די טעקסטביכער פון די ייִדישע שולן איבער דער גאָרער וועלט.

אָט איז אַן אויסצוג פון זײַן סעריע לידער „בײַם חומש" (פון בוך: „מיט לײַב און לעבן" (1963) וואָס אילוסטרירט גויכבערגס פּשטותדיקע לירישקייט און די לײַכטקייט מיט וועלכער עס פליסט זײַן צאַרטער פערז:

צי דאַרף איך דיר, קינד מײַנס, צי דאַרף איך דערציילן,
ווי טיף כ'האָב פאַרוואָרצלט דײַן לעבן אין זיך,
אַז אָפּט מאָל איז שווער מיר פאַנאַנדערצוטיילן
די פרייד וואָס איז דו, פון דעם צער, וואָס איז איך,
און וועלן וואָלט איך אַ ירושה דיר לאָזן —
נישט גאָלד, און נישט הײַזער געמויערט פון שטיין,
נישט זאַכן וואָס ווערן פון ווינטן פאַרבלאָזן,
נישט שאָטנס וואָס טוען מיט יאָרן פאַרגיין.
אַן אוצר פון ייִדישע דורות געזאַמלט —
אים וואָלט איך פאַר דיר אַ ירושה געבראַכט,
דאָס ריינסטע געזאַנג, ווען אַ וועלט האָט געשטאַמלט,
דעם ליכטיקסטן אמת אין פינצטערער נאַכט.

אָט זיצן מיר ביידע בײַם חומש געבויגן,
איך לייען און דו הערסט זיך צו צו מײַן קול,
און ס'קוקן פאַרחידושט צוויי הירשענע אויגן
אין ווײַטן, אין וווּנדערלעך־ווײַטן אַמאָל.

ווי אַ פֿאַרליבטער אין דער ייִדיש־קולטור האָט זיך גויכבערג גע־פרייט מיט יעדן אויפטו פון אַ תּלמיד אין שול. פונקט אַזוי איז פֿאַר אים געווען אַ קוואַל פון פרייד יעדער נײַער טאַלאַנטפולער פּאָעט אָדער עסייִסט וואָס איז צוגעקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור — צי אין ניו־יאָרק, תּל־אביב אָדער מאָסקווע.

ישראל גויכבערג איז געווען אַ טעמפעראַמענטפולער מענטש, וואָס האָט געקענט ליב האָבן, און אויך האַסן.

„אַ קוואַל איז מײַן בלוט פון אַלצדינג וואָס איז הייס:
רחמנות און ליבע, און פלאַמיקער כּעס,
און טרינקסטו אַ ליד פון מײַן קאָכיקן קוואַל —
איז גלויב אין מײַן ליבע, און גלויב אין מײַן האַס.

פון דעסטוועגן איז ער געווען אַ בעל־מידות: אַ צאַרטער און איידעלער מענטש וואָס האָט אַלעמען באַאײַנדרוקט מיט זײַן עכטקייט, מיט זײַן פײַנקייט. ער איז געווען אַלע מאָל אויטענטיש, געטרײַ זיך — אָן קאָמ־פּראָמיסן, אָן אַליין־פֿאַרלייקענונג. בײַ אים איז קיין מאָל נישט געווען קיין סתּירה צווישן נאַציאָנאַלן און אוניווערסאַלן; ליבע פֿאַר דער מענטשהייט און ליבע צו זײַן אייגן פאָלק זײַנען געגאַנגען בײַ אים צוזאַמען. ער איז געווען טיף פֿאַרוואָרצלט אין ייִדישן באָדן, אין גלײַכ־צייטיק באַהאַוונט אין דער וועלטקולטור. וויקטאָר הוגאָ, בייראָן און טאָלסטאָי פונקט ווי הלל און י. ל. פּרץ געהערן אַלע אין פּאַנטעאָן פון זײַנע העלדן. אָט ווי ער טענהט זיך אויס מיט איינעם וואָס וואַרפט אים פֿאַר ווי אַ זינד די ליבע צו זײַן פאָלק:

ווער נאָך ווי איך האָלט אָפן זײַן געפיל
אַז יעדנס וואָרט און ליד געפינט אין מיר זײַן טרעגער?
צוזאַמען מיטן רוס איך זינג זײַן וואָלגאַ־ליד
און נאָענט ליגט מײַן האַרץ צום דבקות־ליד פון נעגער.

פאַר יעדן מינדסטן פאָלק — געעפנט ברייט די טיר,
פאַר יעדן שאַפונגשטראָם — צעפּראַלט האָב איך מײַן טויער,
פאַר וואָס אַ שטומע צונג פאַר אייגן פלייש און בלוט?
פאַר אייגענעם געזאַנג — פאַר וואָס אַ טויבן אויער?

איך האָב אַרײַנגעזאַפּט די תּורה פון טאָלסטאָיען:
איך זאָל דעם קליינעם און דעם שוואַכן נישט פאַרשטויסן,
פאַר וואָס נישט האַלטן שטאָלץ דעם אַלטן הללס וואָרט,
דאָס וואָרט פון יענעם ייִדן מיטן טיפן האַרץ דעם גרויסן?

דער שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט האָט אין גויכבערגן פאַרלאָרן אַ קינסטלער־לערער, אַ שעפערישן פּעדאַגאָג, איינעם פון די ראשונים וואָס איז שטענדיק געווען לאָיאַל, און גרייט צו העלפן אויפן רוף פון דער אָרגאַניזאַציע. די ייִדישע פּאָעזיע האָט אין אים פאַרלאָרן אַן עכטן, טאַלאַנטפולן פּאָעט.

(1970)

אויף אייגענע סטעזשקעס

(וועגן דער דיכטערין ביילע גאָטעסמאַן)

„סטעזשקעס צווישן מויערן" *) — פון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן איז אַן אָנזאָג פון אַ נײַעם טאַלאַנט אין דער יידישער פּאָעזיע. איז די לידער באַקענען מיר זיך מיט אַ מאָדערנער דיכטערין, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגן פּנים און אַן אייגנאַרטיקן טאָן. דאָס ערשטע ליד אין בוך ענדיקט זיך מיט די שורות: „איך כאַפּ זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרקלעמט. / כ'טאָר נישט טראַכטן, כ'טאָר נישט וויסן / איבער מיר דער הימל, אונטן די אָביסן (אָפּגרונטן). איר דערזעט דאָ גלײַך דעם הײַנטיקן צעשפּאָלטענעם מענטש וואָס רײַסט זיך צום הימל, און פאַלט כסדר אין אָפּגרונט, אין דער טראַגיק פון לעבן. און וואָס מער איר באַקענט זיך מיט די לידער, אַלץ מער איבערצײַגט איר זיך אַז די דיכטערין שפּיגלט אָפּ אין איר ליד אַ סענסיטיוון, דינעם מענטש וואָס איז צעריסן, איבער די קרומקייטן און דיסהאַרמאָניעס אין לעבן. אָט ווי זי שילדערט איר מומע:

די גוטע אַלטע מומע —
אַ שאַד מיר און אַ ווייטיק,
מײַן מומע — זי איז אַנדערש,
גאַנץ און גאָר הײַנטצײַטיק.
נישט זיסע לירע,
נישט פינגער צאַרט;
איר שמייכל איז נישט זוניק,
נאָר אָן רחמנות האַרט.
זי רײַסט מיך בײַ די האָר
ווען ס'פאַלן די אויגן צו

---

* „סטעזשקעס צווישן מויערן", לידער פון ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן, פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב, 1972, 82 זײַטן.

זי האָט מיר אין די שלייפן —
גיט מיר נישט קיין רו.

אָט דאָס איז דער סימן מובהק פון מאָדערנעם דיכטער: ער מוז אויס־דריקן זײַן ביטערקייט, זײַן טרויער, זײַן וויזיע, זײַן רעאַקציע צו אונדזער עקסיסטענץ. די מיאוסקייט און די שיינקייטש פון דער וועלט; די טונקל־קייטן און קאָמפּליצירטקייטן פון יחידס נשמה־לעבן — אָט דעם אַלעם מוז דער דיכטער געבן אויסדרוק אין זײַן ליד, וואָרעם כּדי דאָס ליד זאָל קומען ממעמקים מוז דער דיכטער זײַן גאַנץ מיט זיך. און דערפֿאַר גייט ער אָפּט קעגן אָנגענומענע אמתן, וואָס זײַנען אין אַ סך פֿאַלן בלויז האַלב־אמתן.

ווי אַ מאָדערנע דיכטערין איזביילע גאָטעסמאַן יחידיש: אירע לידער באַשעפֿטיקן זיך דער עיקר מיטן אינערלעכן סוביעקטיוון „איך". זי גייט אויף סטעזשקעס אייגענע, אַ ביסל אין אַ זײַט: אַזוי ווי עס גייען אַלע מאָדערנע דיכטערס — אָט די וואָס האָבן כאַראַקטער און דעם טאַלאַנט זיך צו דערגרונטעווען צו זייער אויטענטישן מהות.

די דיכטערין לעבט אָבער נישט אויסער צײַט און אָרט. זי געדענקט אַז זי געפֿינט זיך אין ניו־יאָרק, אַז דאָ איז איר היים — און זי האָט ליב די שטאָט, כאָטש איר לעבן „ווי דער ברוקירטער אַספֿאַלט איז געוואָרן פֿאַרגליווערט, שטיין קאַלט". הגם די צענטראַלע מאָטיוון פֿון אירע לידער זײַנען יחידישע, סוביעקטיווע און זי ראַנגלט זיך מיט אינערלעכע פּראָ־בלעמען און קאָנפֿליקטן, איז זי באַוווסטזיניק וועגן דעם גורל פֿון דער ייִדיש־קולטור וואָס איז אין שטענדיקער סכּנה מצד דעם אַלגעמיינעם שטראָם. גיט זי דערפֿאַר איבער — אין ליד „ייִדיש־קאָשמאַר" — די עלנט־קייט פֿון אַמעריקאַנער ייִדישע קינדער וואָס די עלטערן לאָזן איבער פֿאַרוואָרלאָזטע צו דער גאַס, ווי יתומים, אַנשטאָט זיי צו געבן די וואַרעמע היים פֿון דער אייגענער קולטור.

פֿאַראַן אַן אַלטע פֿאַרשפּרייטע מיינונג, אַז דיכטערס זײַנען פּעמיניניש, וואָרעם דיכטונג איז אַ סינאָנים פֿון צאַרטקייט, סענסיטיווקייט און דינקייט, און דאָס זײַנען כּלומרשט אַלץ ווײַבלעכע אייגנשאַפֿטן. איצט ווייסט מען שוין בעסער: מען ווייסט אַז פֿרויען קענען אויך זײַן דיקטאַטאָרן, געזעץ־

דורכפירערס, מיליטער־מענטשן, און מענער קענען שרײַבן לירישע, צאַר־טע לידער. פון דעסטוועגן איז אַלע מאָל אינטערעסאַנט צו זען ווי אַזוי אַנדערש די ביידע געשלעכטער נעמען אויף די אייביקע טעמע: ליבע. דערצו איז דאָס אַ טעמע אויף וועלכער נאָר אַן אמתער דיכטער קען נאָך עפּעס זאָגן וואָס מיר זאָלן וועלן הערן. ביילע האָט אין דעם בוך לידער אויף דער טעמע וואָס באַווײַזן אַז איר ליד איז ליריש — נישט סענטי־מענטאַל, אייגנאַרטיק — נישט באַנאַל. אָט איז איר ליד:

ווען דו זאָלסט קיין מאָל מער נישט זײַן
און איך בין קיין מאָל מער נישט דײַן,
ביסטו געווען איין מאָל מײַן,
אייביק מײַן —
אַ רגע.

דו גייסט אַוועק,
אַוועק אין ווײַט;
אַן אַנדערע גאַס,
אַ פרעמדע צײַט;
נאָר אייביק זײַנען מיר צו צווייט
געגאַנגען פּאָר אַ רגע.
איך צייל די טראָפּנס אין מײַן האַנט
אויסגעפּערלטע בײַנאַנד,
הענג זיי אויף אויף מײַן געוואַנט.
אייביק איז די רגע.

ווי בײַ אַ טאַלאַנטפולער מאָלערין געפינען מיר בײַ ביילען לידער פאַרבנרײַכע, און אויך זינגעוודיקע, האַסטיק־ריטמישע פערזן („בײַנאַכט אויף שאָסייען״); זי קען אויך מיט אַ זעלטענער וואָרט־עקאָנאָמיע ווײַזן דאָס שפּיל פון ליכט און שאָטן, שאַפן אַ שטימונג וואָס פאַנגט אײַך גלײַך אין איר ווערטערנעץ:

צו מאָל בין איך זיך אַליין צו שווער:
טראָגן אַזאַ פּאַק געמיט.
ס׳איז נישט מײַן ענין,
נישט מײַן עסק,
וואָס שטופּ איך זיך אַרײַן אין מיט?
אין דער אמתן בין איך גאָר
דינינק,
זוניק,
פלאַטערל נאָר —
כמעט אָן אַ גוף.
כ׳טאַנץ הימלישע באַלעטן
צעפליגלט אין דער לופט.
קלאַנגען קאָלירטע מיך פאַרשלייפן.
און געצויגן ווער איך פון פלאַמיקע געשפּאַנען,
ביז וואַנען —
כ׳פּאַל אַראָפּ.
און ווידער כ׳ווער
צעגופיקט שווער
און כ׳שלעפּ צוויי פיס ווי קאַנען.

פאַראַן נאָך אַ סך גוטע פּערזן אין בוך. מיר זײַנען געפעלן די לידער: „מסכּים", „אָפּגעשיידט", „סורעאַליסטישער פּייזאַזש" און די פריער ציטירטע. די דיכטערין ווייסט שוין דעם סוד פון וואָרט — און וואָס רײַפער זי וועט ווערן, אַלץ מער סודות און כּוחות וועט זי אַנטדעקן אין און הינטער יעדן וואָרט. זי האָט אָן ספק, מער ווי אַ פּאָר טראָפּנס גאָלד פון דער זון אַ מתּנה געקראָגן. (ז׳ 63)؛ זי בויט זיך אַ „גאָלדטראָפּן אימפּעריע" וואָס וועט אפשר פאַרקלענערן איר אייגענע מיזעריע — אויב נישט דער וועלטס, און זי קען שוין איצט אַ וואָרט אַ נישט־געזאָגטס — זאָגן.

געשיקט און געוואָגט קלעטערט ביילע גאָטעסמאַן אויפן לייטער פון דערגרייכונג. זי דראַפּעט זיך אַרויף, אַרויף. אמת, דער לייטער — ווי זי ווייסט — איז אָן אַ סוף, און קיינער קען נישט דערגרייכן צום סוף פון אין־סוף.

(1972)

נאַכטיקע דיאַלאָגן

(וועגן דעם דיכטער מנחם שטערן)

יעדער וואָס קען די יידישע ליטעראַטור און וואָס שאַצט אָפּ איר נאַציאָנאַלן באַדײַט ווערט צײַטנווייז באַווירקט פון עלעגישע שטימונגען. במשך די לעצטע יאָרן זײַנען, מיטן אַוועקגיין אין דער אייביקייט פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע דיכטערס, געוואָרן שיטערער אירע רייען. עס זײַנען געפאַלן איינער נאָכן אַנדערן אַזוי פיל דעמבעס־פּאָעטן מיט אָריגינאַליטעט, מיט קולטור און מיט פּאַרנעם. אָבער מיר מוזן זיך טרייסטן און מיר מעגן זאָגן, ווי אַ מאָל די ענגלענדער: די זון גייט קיין מאָל נישט אונטער אויף אונדזער אימפּעריע. אויב זי גייט אונטער אויף איין אָרט, גייט זי אויף אין אַן אַנדער אָרט. אַוודאי לעבט די יידיש־קולטור איבער שווערע צײַטן, אָבער דער צווײַג אירער וואָס הייסט יידישע פּאָעזיע וועלקט נישט: ער בליט און גיט אַרויס זאַפטיקע פּירות אין גרעסערע יידישע ישובים; און אַוודאי אויך אין אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ.

מיר האָבן הײַנט נישט אַזאַ דערמוטיקער פון יונגע פּאָעטן ווי ס׳איז געווען אַברהם רייזען, וואָס פלעגט אין יעדן אָנהייבער אַנטדעקן אַ „פונק״; אָדער אַזאַ היטער פון „אונדזער ווײַנגאָרטן״ ווי עס איז געווען דער קריטיקער שמואל ניגער, וואָס פלעגט האַלטן אַן אויג אויף אַלע אויפקו־מענדיקע טאַלאַנטן אין דער יידישער ליטעראַטור — סײַ אויף אַזעלכע וואָס האָבן פאַרמאָגט עלנבויגנס, סײַ אויף אַזעלכע וואָס האָבן נישט געוווּסט „ווו עס עפנט זיך אַ טיר״. איצט קומט עס אָן אַ סך שווערער פאַר אַ דיכטער וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט קיין יידיש־געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג צו ווערן באַמערקט און אָפּגעשאַצט.

אָבער דאָס האַלט נישט אָפּ, און עס דאַרף נישט אָפּהאַלטן קיין אמתן דיכטער פון שרײַבן לידער, און אויב נאָר ער האָט די מאַטעריעלע מעג־לעכקייטן, גיט ער זיי אַרויס אין בוכפאָרם. איז אָט האָט דער דיכטער מנחם שטערן — מיט דער הילף פון אַ סטיפּענדיע אויפן נאָמען פון קאַרל

ראָטמאַן בײַם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס — אַרויסגעגעבן זײַן ערשט בוך לידער: לידער אין חצות*.

דאָס איז אַ זאַמלונג פון 85 לידער וואָס האָבן זיך פריער געדרוקט אין די היגע ייִדישע זשורנאַלן. דאָס בוך טיילט דער דיכטער איין אין דרײַ טיילן וואָס ער באַטיטלט: נאַכטיקער דיאַלאָג; חורבן, יאוש, גאולה, און גרויע ערד. אין דער אמתן קענען אַלע לידער באַצייכנט ווערן ווי בײַנאַכטיקע דיאַלאָגן פון דיכטער מיט זיך, מיט דער וועלט, מיט גאָט. אַוודאי זײַנען די מאָטיוון פאַרשיידנאַרטיקע: איר האָט דאָ לידער אויף „תנכ״ישע טעמעס, אויפן חורבן, און צײַט־מאָטיוון, און אויך דידאַקטישע לידער — פאַבלען; אָבער וויכטיק איז וואָס אַלע זײַנען זיי ערלעכע, גוטע לידער, געשריבן מיט טאַלאַנט און מיט קולטור — אי פּאָעטישער, אי אַלגעמיינער.

ב

מנחם שטערן איז אַ ייִדישער אינטעליגענט וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער עיר ואם בישראל — שעדלעץ. אין עלטער פון 14 יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן לידער און קינדער־דערציילונגען, און ער איז דער־מוטיקט געוואָרן פון בעלעטריסט י. מ. ווײַסנבערג. ער האָט געלערנט אין וואַרשע אין אַ העברעיִש־פּוילישן לערער־סעמינאַר. אין 1938 איז ער אַוועק פון פּוילן און עמיגרירט קײַן האַוואַנע, קובאַ. שפּעטער איז ער אָנגעקומען קײַן אַמעריקע, ווו ער איז פאַר אַ ריי יאָרן געווען אַ לערער אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן. דאָ דרוקט ער אין פאַרשיידענע זשורנאַלן קינדער־דערציילונגען און לידער. פון צײַט צו צײַט פאַרעפנטלעכט ער אויך דערציילונגען אויף ענגליש.

אַ צענטראַלער מאָטיוו אין שטערנס לידער איז מוזיק. ספּעציעל איז זײַן ליבשאַפט גרויס צו דער פּיאַנאָ. זײַן אויג באַמערקט אַפילו אַלערליי קאָלירן אין די פּיאַנאָ־טענער און אירע „דינע, פאַרחלשטע, בלאַסע קלאַנגען פלאַטערן אַריין מיט טענה און געוויין ווי צעשלאָגענע ייִדישע קינדער... אין אַ פּוילישן פּאָגראָם״. ער איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דער פּיאַנאָ, אַז אין זײַנע אויגן שטײַגן אירע קלאַנגען איבער אין זייער שיינקייט און

* „לידער אין חצות״, מנחם שטערן, ניו־יאָרק, 1971.

פאַרביקייט אַפילו דאָס תּהילימל, דעם רעגנבויגן, די בערג און דער ים. (פּיאַנאָ־קלאַנגען, ז׳ 13).

אָבער מיר דוכט זיך אַז הגם ער זאָגט אַזוי אין אַ ריי לידער, ליגט אין דעם מאָטיוו נישט זײַן פּאָעטישער כּוח; וואָרעם פּאָעטיש געהערן אָט די לידער נישט צו די בעסטע אין בוך. שטערנס קראַפט ווי אַ דיכטער דריקט זיך אויס אין זײַנע חשבון־הנפשדיקע פערזן, סײַ אין די שטילע, בקול דממה־דקהדיקע, סײַ אין די שטורמישע, ווולקאַנישע.

אַ לויב צו אײַך — שטילע, פאַרטראַכטע רגעס.
כ׳האָב פון די רעשיקע שעהן אײַך אַרויסגעריסן,
ווי אַ פּאַס גרינע ערד אין מיטן שטאָט,
ווי אַ קוועלכל פון שטורמישן ים...
און איצט, אין די ד׳ אמות פון נאַכטיקן ליד,
וואַכט ציטערדיק איבער אײַך מײַן געמיט.

אַ לויב צו אײַך — רגעס שטילע, סאַמעט־ווייכע,
ווי דאָס געררייד פון בלוט אין שפּעטער נאַכט,
ווען זכרונות מיט ליכטיק־שאַרפן גלי
הענגען איבער ליד ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל.

אָדער דאָס ליד: „פאַרוואַנדל מיך״, ווו די אימאַזשן זײַנען אָריגינעל און סוגעסטיוו — דער סימן־מובהק פון אַן עכטן דיכטער.

פאַרוואַנדל מיך אין אַ וואָרצל פון אַ בוים
וואָס פליסטערט זײַן תּפילה צום תּהום,
און וואָס צעפירט די דינע וואָרצלדיקע פינגער
צום שטומען געזאַנג פון פאַרבאָרגענעם קוואַל.
פאַרוואַנדל מיך אין אַ וואָרצל פון אַ בוים
וואָס זינגט שטומערהייט זײַן געבעטליד
אויף דורכן שטאַם.
וואָס זײַן געבעט וואַקסט אַריין אין די הייכן,
נאָר זון און וואָלקן קען ער נישט דערגרייכן.

אין צווייטן טייל פון בוך ווו דער דיכטער רעאַגירט אויפן ייִדישן חורבן פון אונדזער צײַט, זײַנען פאַראַן אַ סך רירנדיקע לידער — וואָס ווײַזן אי עכטע איבערלעבונג, אי עלאָקווענץ אין אויסדרוק. בלויז איין ליד אַזאַ וויל איך דאָ ציטירן (ווולקאַן):

אָ, כ'ווייס אַז בטחון איז אַ דינער שיכט,
געוואָרעמט און באַהעלט מיט אמונהס ליכט.
ווי נאָענט פון פרילינדיקן גראָז
איז דער משחיתדיקער לאַווע־גאַס,
און אַ גרויזאַמער עדות איז דאָס קראַטערדרייכל
וואָס דערמאָנט אין פאַרשרפהטן געצעלט און היכל.

אַ דורותדיקער מאָנסטער אין צעשמאָלצענע קייטן!
וועט דיכטער־קלאָגער דאַרפן אויפסנײַ באַגלייטן
דעם באַרג־אַראָפּיקן משחית־צעגאָס?
כ'לעכץ נאָך אַ שיר וועגן פרילינגדיקן גראָז,
„השמים מספרים" — לויב פליסטערט דאָס מויל,
אַפילו פון אַ קווייט וואָס שפּראָצט פונעם קויל.

דער נעכטן גליט נאָך אין חורבן טאָל,
און שוין רויכערט קראַטער ווידער אַ מאָל.
נאָר מײַן הײַנט איז אַ שׂמחה־וועגטל צווישן מיר און תהום, —
— — אַ טונקלגלאָז קעגן בראַנדיקן לאַווע־שטראָם.
וועט דער מאָרגן זיך פּיטערן אויפן ראש הפסגה־גראָז,
און בטחון טרינקען פון קוואַליקן תנחומים־כּוס,
ווי אַלע מײַנע טעג, ווי אַלע מײַנע טעג,
אויפן שיפּן ווולקאַנישן וועג. — —

מנחם שטערן ווײַזט אַרויס אַ ספּעציעלע באַגאַבונג אין זײַנע די־דאַקטישע, פאַבלען־לידער מיט זייערע קלוגע מוסר־השׂכּלס. אַ מעשׂה מיט אַ קלאַנג (ז׳ 14); אויסהאַק פון אַ וואַלד (ז׳ 21־22); אַ מעסער אין דער נאַכט (ז׳ 8) און אין אַ קליינעם קוימען־שטיבל (ז׳ 52) — זײַנען

ביז גאָר אייגנאַרטיק און שאַרפזיניק, און פּאַסן זיך שטאַרק אַריין אין אַנטאָלאָגיעס פאַר די העכערע קלאַסן אין ייִדישע שולן. אַזעלכע לידער אויף תּנך־מאָטיוון ווי „צום מלך שאול" (ז׳ 27), און „דאָס וואָרט" (ז׳ 53) זײַנען פול מיט אַלוזיעס אויף אונדזער מבולבלער צײַט, און אויף אייביקער מענטשלעכער טראַגיק. דערצו זײַנען דאָס לויטערע געשליפענע פערזן ווי די ריטמישע שורות פליסן גלאַט און מעלאָדיש.

דערפאַר, מיין איך אַז די פּעסימיסטישע רייד פון דיכטער, ווו ער קלאָגט אַז „אונדזערע לידער... וועלן ווי די ביינער פון די יוצאי־מצרים בלײַבן שטעקן אין מדבר פון פאַרגעסנקייט, אין דערמיט זאַמדן און שטיי־נער פון גלײַכגילט" (ז׳ 36) — אָט דער דאָזיקער ביטערער רעפריין, וואָס מיר הערן שוין לאַנג פון אַ סך ייִדישע דיכטער, טאָר נישט — אַפילו ווען ער וואָלט געווען אמתדיק — אָפּהאַלטן קיין עכטן פּאָעט פון אויס־זינגען, אָדער אויסקלאָגן זײַן ליד, אויב נאָר ער קען דעם טרויער פאַר־וואַנדלען אין לידער... וואָרעם פּונקט ווי די קינות, וואָס אונדזערע זיידעס האָבן אויסגעקלאָגט אין חצות, האָבן נישט געהאַט קיין קליינעם חלק אין פאַרווירקלעכן דעם חלום פון שיבת ציון אין אונדזערע טעג, אַזוי קענען די געזאַנגען פון אונדזערע ייִדישע פּאָעטן העלפן אונדזער הײַנטיקער יוגנט דערזען דאָס „ליכט פון ייִדישקייט".

(1972)

אינטעלעקטואַלן
און אידעאָלאָגיעס

די אחריות פון אינטעלעקטואַלן

א

ס'איז שוין לאַנג אָפּגעפּרעגט דער געדאַנק אַז אינטעלעקטואַלן דאַרפֿן זײַן וועלט־פֿרעמדע בטלנים, אוטאָפּיסטן וואָס טאָרן זיך נישט אָפּגעבן מיט פּראַקטישע ענינים. ס'איז ברייט אָנגענומען אַז מ'דאַרף נישט אויפֿגעבן אינערלעכע איבערצײַגונגען כּדי זיך צו באַטייליקן אין דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפֿטלעכן לעבן פֿון לאַנד. פּונקט פֿאַרקערט: די אינטעליגענץ וואָס לעבט און אָטעמט מיט אידעען און געדענקט סאָקראַטעסעס זאָג, אַז אַ נישט־עקזאַמענירט לעבן איז נישט כּדאַי צו לעבן — דווקא זי דינט אָפֿט ווי די מאָראַלישע אָנטענע פֿון פֿאָלק; זי, די אינטעליגענץ, האָט אין דער מערבֿ־וועלט, אין דער מאָדערנער צײַט, אַרויסגעוויזן די טיפֿסטע זאָרג און געבראַכט גרויסע קרבנות פֿאַרן וווילזיין פֿון פֿאָלק.

אָבער אַמעריקע, האַלטן אַ סך, קוקט אַרויף און שאַצט גיכער אָפּ דעם מענטש פֿון האַנדלונג, דעם טעכניקער און אָרגאַניזאַטאָר, איידער דעם אמת־זוכער, דעם מענטש פֿון אידעען און פֿון געדאַנק. פֿון דעסטוועגן האָט זיך דער קלימאַט בנוגע אינטעלעקטואַלן עטוואָס געביטן זינט די צײַטן פֿון רוזוועלטס ניו־דיעל. די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ האָט זינט יענער תּקופֿה זיך דערנענטערט צו דער רעגירונג און האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין עפֿנטלעכן לעבן פֿון לאַנד. ווען דזשאָן קענעדי איז געוואָרן פּרעזידענט, האָט ער מיטן פֿאַרבעטן ראָבערט פֿראָסט צו דער אײַנשווערונג אידענטיפֿיצירט דאָס „ווײַסע הויז״ מיטן אינטעלעקטועלן לעבן פֿון אַמעריקע.

זינט פּרעזידענט דזשאָנסאָן איז אַרײַן אין „ווײַסן הויז״, ספּעציעל מיט דער אויסברייטערונג פֿון דער מלחמה אין וויעטנאַם, ווערט אָבער אַלץ מער פֿאַרטיפֿט דער ריס צווישן די אינטעלעקטואַלן און דער רעגירונג. אין שײַכות דערמיט איז אַרויסגעקומען האַנס מאָרגענטאַו, פּראָפֿעסאָר פֿון פּאָליטישער וויסנשאַפֿט און מאָדערנער געשיכטע אין שיקאַגער אוני־

וועוניווערסיטעט, מיט אַ שטאַרקער קריטיק אי אויף דער דזשאָנסאָן־אַדמיניס־טראַציע, אי אויף דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ. (זע: „טהי ניו רע־פּאַבליק" פון 26סטן נאָוו׳ 1966).

זײַנע טענות קען מען סומירן אַזוי: דער ריס צווישן דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ און פּרעזידענט דזשאָנסאָן שטאַמט נישט פון אַ סנאָביזם און פון אַרונטערקוקן אויף זײַן טעקסאַסער דערציִונג און סטיל, נאָר פון דעם אומפאַרמײַדלעכן אַנטאַגאָניזם צווישן פּאָליטיקער און אינטעלעקטואַל. זיי לעבן אין צוויי באַזונדערע וועלטן, און אָריענטירן זיך אויף אַנדערע ווערטן: דער אינטעלעקטואַל זוכט דעם אמת, בעת דער פּאָליטיקער זוכט מאַכט, און מאַכט קען מען נישט אָפּטיילן פון אָפּנאַרערײַ. און ווײַל מאַכט און אמת זענען זיך סותר איינס דאָס אַנדערע, דעריבער קען דער אינטע־לעקטואַל אָדער זיך אָפּזונדערן פון מאַכט און זיך אין גאַנצן צוריקציִען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אָדער ער קען אָנהאַלטן זײַן ערלעכקייט דורך בלײַבן אין דרויסן פון דער מאַכטספערע, און גלײַכצײַטיק קריטיקירן די פּאָליטיקערס אין נאָמען פון אמת.

ווי איז בנוגע דעם אינטעלעקטואַל, וואָס דינט דער רעגירונג נאָר ווי אַן עקספּערט? אין דער ראָלע, האַלט מאָרגענטאַו, שטעלט ער דעם אמת אין דינסט פון מאַכט און פון צילן מיט וועלכע ער איז נישט מסכים; דאָס איז נאָר אַ קליינער טראַט פון יענער פּאָזיציע ווו דער אינטעלעקטואַל ווערט אַן אַגענט פון דער מאַכט און לאָזט עקספּלואַטירן זײַן פּרעסטיזש מצד די רעגירערס פאַר נישט ערלעכע צוועקן. דרײַ פאַקטאָרן זײַנען, לויט פּראָפ׳ מאָרגענטאַו, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם צושטאַנד: דער קאָנ־פאָרמיזם פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט; די פּערזענלעכע אַמביציעס פון די אינטעלעקטואַלן; די באַלוינונג וואָס די רעגירונג גיט יענע וואָס שטיצן איר פּאָליטיק.

די מאַכטהאָבערס קענען זיך באַציִען צום קול פון אמת אויף פיר אופנים: 1) זיי קענען זיך צוהערן דערצו; 2) זיי קענען עס שטיל מאַכן; 3) זיי קענען עס דיסקרעדיטירן; 4) זיי קענען עס קאָרומפּירן. דאָס ערשטע איז צו ריזיקאַליש און קאָמפּליצירט פאַר זיי. געשעט דערפאַר אָפט אַזוי: ווען די רעגירערס שטייען פּנים אל פּנים מיט אַ נישט־אָנגענעמען אמת, וועלן זיי פּרובירן אים קאָרומפּירן און אויב עס געלינגט זיי נישט, וועלן זיי אים דיסקרעדיטירן אָדער, אויב דאָס גייט נישט, וועלן זיי מאַכן

דעם אמת שטיל. פּראָפ׳ מאָרגענטאַו פירט ווײַטער זײַן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער רעגירונג און דער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ אַז אין זייערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען האָט די רעגירונג זיך באַמיט צו דיסקרעדיטירן, צו מאַכן שטיל און קאָרומפּירן די אינטעליגענץ און זי האָט עס דערגרייכט מיט דער הילף פון די אינטעלעקטואַלן גופא.

מען קען פרעגן, וואָס הערט זיך מיט איינעם פון די הויפּט־קריטיקערס פון דער רעגירונגס־פּאָליטיק, סענאַטאָר פולברײַט?! ער איז דאָך אי פּאָליטיקער, אי אינטעלעקטואַל און דאָך רעדט ער — לויט מאָרגענטאַו — מיטן קול פון אמת? אויף דעם ענטפערט מאָרגענטאַו, אַז טאָקע דערפאַר, וואָס די רעגירונג האָט אים נישט געקענט שטיל מאַכן, נישט קאָרומפּירן, דערפאַר ווערט ער דיסקרעדיטירט און דער פּרעזידענט שפּאָט אָפּ פון אים. פולברייט האַנדלט אין דער ראָם פון מאַכט, אָבער פון צײַט צו צײַט רעדט ער מיטן קול פון אמת. ער ווערט אָבער צוליב דער אַמביוואַלענטער פּאָזיציע זײַנער, אי פון אַ פּאָליטיקער אי פון אַן אינטעלעקטואַל, פאַר־דעכטיקט פון ביידע גרופּעס. גרויסע סעקטאָרן פון אַמעריקאַנער אינטע־לעקטואַלן — מיינט דער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער וויסנשאַפט — האָט מען שטיל געמאַכט אָדער קאָרומפּירט.

מאָרגענטאַו פאַרענדיקט זײַן באַשולדיקונגס־אַקט מיט דערמאָנען אַז אַמעריקע האָט צו פאַרדאַנקען איר גרויסקייט דעם סינטעז פון אינטע־לעקטועלקייט און מאַכט, און אַז זי איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ יסוד וואָס ווערט באַלויכטן און געצאַמט פון אמת.

ב

אַפילו ווען מען האַלט אַז די שטעלונג פון וואַלטער ליפּמאַן, אַרטור שלעזינגער פאַרטרעט אַמבעסטן די לעבנס־אינטערעסן פון אַמעריקע — אַפילו דעמאָלט קען מען נישט אָננעמען מאָרגענטאַוס גרונטטעזיס און אַ גאַנצע ריי פון זײַנע אויספירן; זיי שטימען נישט מיטן אמת, נישט מיט דערווירקלעכקייט און זײַנען פול מיט ווידערשפּרוכן.

זײַן גרונטגעדאַנק אַז דער אמת און מאַכט זײַנען צוויי קעגנזעצלעכע כּוחות, צווישן וועלכע עס מוז הערשן אַ שטענדיקער אַנטאַגאָניזם, איז פאַלש, צי קען אַן ערנסטער היסטאָריקער זיך שטעלן אויפן שטאַנדפּונקט

אַז מאַכט בכלל איז אָפּנאַרעריש און אַז די אינטעליגענץ האָט אַלע מאָל דעם אמת? עס זײַנען דאָ מאַכטן און אמתן — ביידע אין דער מערצאָל. קען מען דען רעדן אין איין אָטעם וועגן אַ טאָטאַליטאַרער מאַכט וואָס איז געבויט אויפן „גרויסן ליגן" מיט אַ דעמאָקראַטישער מאַכט וואָס מוז כּסדר „עפענען די ביכער" און אָפּגעבן אַ דין וחשבון דעם פאָלק? צו אַזאַ מאַכט דאַרף דאָך אַן אינטעלעקטואַל — ווי אַ בירגער וואָס איז פאַראינ־טערעסירט אין ווױלזײַן פון כּלל — בײַשטײַערן זײַן טאַלאַנט ווען מ'דאַרף אים! זיך צוריקציִען אין עלפאַנטביין־טורעם צוליב דער מורא קאָרומפּירט צו ווערן, מיינט איבערלאָזן די מאַכט אָן דער הילף פון אמת־זוכערס און דערמיט פאַרגרעסערן די סכנה פון קאָרופּציע.

און איז דען פאַראַן בלויז איין אמת? ניין; עס זײַנען פאַראַן אַ סך אמתן, און אינטעלעקטואַלן האָבן זיכער נישט קיין מאָנאָפּאָל אויפן איינ־ציקן אמת. אָט האָבן אַ סך אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן — אין די 30קער יאָרן, בעת רוזוועלטס ניו־דיעל — אָפּגעוואָרפן סאָציאַלע רעפאָרמען ווי אַ צו אויבערפלעכלעכע תּרופה פאַרן עקאָנאָמישן קריזיס אין אַמעריקע. אַ סך פון זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָס טראַכטן פאַר די מיטלמעסיקייטן פון דער קאָמוניסטישער פּירערשאַפט וואָס האָט נישט פאַרמאָגט און איז נישט געווען פעיִק — אויב ס'וואָלט איר געווען דערלויבט — אויף קיין אָריגינעלן געדאַנק. זיי, די טויזנטער אינטעלעקטואַלן האָבן נאָכגעזאָגט און אַקצעפּטירט די אַלע נאַרישקייטן וועגן קלאַסן־ליטעראַטור, קלאַסן־וויסנשאַפט, קלאַסנקונסט אאַז"וו. און ווי שטימט מאָרגענטאַוס טעזיס אַז דער אינטעלעקטואַל דאַרף זיך אָפּזונדערן פון מאַכט, אָביעקטיוו זוכן דעם אמת און נישט אַרבעטן פאַר פּאָליטישע צילן — מיט מאָרגענטאַוס אויפפיר אַליין, וועלכער אַרבעט פאַר אַ פאַרקערטער פּאָליטיק אין וויעטנאַם!

לויט פּראָפ' מאָרגענטאַו איז אַן אינטעלעקטואַל קיין מאָל נישט פאַר־נומען מיט מאַכט ווײַל ער גיט זיך אָפּ מיט זוכן דעם אמת. דערפאַר קען אויך אַן אינטעלעקטואַל נישט זײַן קיין פּאָליטיקער און אַ מלוכה־מענטש קען נישט זײַן קיין אינטעלעקטואַל. אָבער דער שטאַנדפּונקט ווערט דאָך אָפּגעלייקנט פון אַזעלכע פּאָליטיקער־אינטעלעקטואַלן ווי דזשעפערסאָן, ווילסאָן, קענעדי, פּאָול דאָגלאַס, סטיווענסאָן, אַדאָלף בוירלי, גאַלברייט — זיי אַלע מאַניפעסטירן דאָך אַז מע קען אַרײַנגיין אין „פּרדס" פון מאַכט און אַרויס „גאַנץ". אַחריותדיקע אינטעלעקטואַלן זײַנען מענטשן וואָס

ווייסן אַז זיי דאַרפן באַנוצן זייער אינטעליגענץ כּדי צו פאַרשטיין די וועלט און צו העלפן לייזן אירע פּראָבלעמען. ליידער זייִנען אַ סך אינטעלעקטואַלן — אַחוץ אין זייער אייגענעם געביט — גאַנץ אָפּט אומפאַראַנטוואָרטלעך, ספּעציעל אין שײַכות צו פּאָליטיק. עס איז גענוג פאַר זיי ווען די מערהייט פון פאָלק גלויבט אין עפּעס, אַז זיי זאָלן עס באַקעמפן. זיי זענען קרבנות פון מאָדעס.

פאַלש איז אויך מאָרגענטאַוס הנחה אַז די פונקציע פון אינטעלעקטואַל איז צו זײַן אין שטענדיקער אָפּאָזיציע צום סטאַטוס־קוואָ און צו קאָנפאָרמיזם. עס ווענדט זיך צו וועלכן סדר־העולם און צו וואָס פאַר אַ ווערטן־סקאַלע מען איז מסכּים. וואָרעם גערעכט איז סידני הוק וואָס האָט אָנגעוויזן אַז ס'איז נישטאָ קיין ספּעציעלע צידקות אין דער שטעלונג פון קאָנפאָרמיזם אָדער נישט־קאָנפאָרמיזם. „די וויכטיקע זאַך איז אַז דער אײַנשטעל פון מענטשן זאָל זײַן אַ פרײַער, זאָל שטאַמען פון זײַן דורכגעטראַכטן געדאַנק און זאָל זײַן אַן אויטענטישער אויסדרוק פון אַ ווערט אָדער אַן אַרײַנבליק פאַר וועלכן דער יחיד איז גרייט עפּעס צו ריזיקירן. איידער איך שאַץ אָפּ קאָנפאָרמיזם אָדער נישט־קאָנפאָרמיזם וויל איך וויסן צו וואָס דער מענטש קאָנפאָרמירט אָדער צו וואָס ער קאָנפאָרמירט נישט.

אונטער דער ווײַמאַרער רעפּובליק זײַנען סטעפאַן געאָרג, ספּענגלער און היטלער געווען נאָן־קאָנפאָרמיסטן; דאָסטאָיעווסקי איז אין זײַנע פּרוכטבאַרסטע יאָרן אונטערן צאַרישן רעזשים געווען אַ קאָנפאָרמיסט. בנוגע די גרעסטע מענטשן — שעקספּיר, מילטאָן, געטע, פּלאַטאָן, אַריס־טאָטל, קאַנט אָדער דיואי — האָט דער באַגריף קאָנפאָרמיזם אָדער נישט־קאָנפאָרמיזם אַ גאָר קנאַפּן זינען".

פונקט אַזאַ שוואַכן יסוד האָט מאָרגענטאַוס דערקלערונג אַז די אינ־טעלעקטואַלן זײַנען געוואָרן פאַרגוואַלדיקט פון דער רעגירונג דערמיט וואָס די דזשאָנסאָן־אַדמיניסטראַציע באַלוינט אירע פּאָליטישע פרײַנד. ערשטנס, זײַנען ווײַט נישט אַלע אינטעלעקטואַלן געוואָרן פאַרשטומט פון דער רעגירונג — אַ סימן די אַלע אויפרופן אין די צײַטונגען מיט אונטערשריפטן פון הונדערטער אָנגעזעענע אינטעלעקטואַלן וואָס באַקעמפן די רעגירונגס־פּאָליטיק בנוגע וויעטנאַם. מאָרגענטאַו אַליין איז אויך ווײַט נישט פאַרשטומט אין זײַן קריטיק פון דער רעגירונג, הגם ער איז קעגן דער מלחמה. צווייטנס „פאַרגעסט" מאָרגענטאַו אַז עס קען זײַן מער

ווי איין אמת, און אַ סך אינטעלעקטואַלן קענען גלויבן אין אַן אמת וואָס איז דער היפוך פון זײַנעם.

מיר קענען אויספירן אונדזערע באַטראַכטונגען אַז דער אינטעלעקטואַל מאָרגענטאַו האָט מיט זײַן אויבערפלעכלעכן און סימפּליציסטישן צוגאַנג צו אַ ריי קאָמפּליצירטע דערשײַנונגען אין אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן באַוויזן, אַז מיטן מאָמענט ווען אַ געלערנטער טרעט אַרויף אויף דער אַרענע וווּ עס ווערן אויסגעפאָכטן קאָנטראָווערסיעלע ענינים, ווערט ער פאַרוואַנדלט אין אַ פּשוטן בשר־ודם, וואָס איז אונטערגעוואָרפן צו פאָר־אורטיילן, אײנזײַטיקייטן, און לײַדנשאַפטן לטובת דעם אידעאַל אין וועלכן ער גלויבט. און ווײַל אַן אינטעלעקטואַל קען שווימען אין ים פון אַבסטראַ־קציעס, בויט ער זיך אויף פאַר זײַנע פּרעפערענצן טעאָריעס, וואָס שפּיגלען גיכער אָפּ זײַנע ווונטשן איידער דעם אַבסאָלוטן אמת. אַזוי איז עס געשען מיטן פּראָפעסאָר מאָרגענטאַו. פאַקטיש מוז נישט הערשן קיין אייביקער אַנטאַגאָניזם צווישן אינטעלעקטואַל און מאַכט; ערנסטע אמת־זוכערס ווערן נישט קאָרומפּירט פון מאַכט.

דער ציל פון אינטעלעקטועלער טעטיקייט מוז זײַן נישט זיך אָפּצו־זונדערן פון דער וועלט, נאָר אויסצוברייטערן אונדזער באַנעמען די וועלט. דער אַמעריקאַנער דענקער ריטשאַרד האָפסטאַטער האָט ריכטיק אָנגעוויזן אַז אויב מיר זאָלן אָננעמען אַז אינטעלעקטועלע שעפערישקייט איז נאָר מעגלעך דאָרט ווו ס'איז נישטאָ קיין שום שײַכות מיט דער פּראַקטיק, אָדער מיט מאַכט, וואָלט עס געמיינט זיך אָפּזאָגן פון דער וויכטיקייט פון אַ גרויסן טייל פון דער גײַסטיקער ירושה אויפן געביט פון פּאָליטישן און סאָציאַלן געדאַנק, וואָס עס האָבן אונדז איבערגעלאָזט מענטשן וואָס זײַנען געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין פּראַקטישע אָדער מלוכה־ענינים — אַזעלכע ווי האָבס און לאָק, ווי אַדאַם סמיט, ריקאַרדאָ און קאַרל מאַרקס.

די געזעלשאַפט נויטיקט זיך שטאַרק אין אינטעלעקטואַלן און אויב די לעצטע וועלן זיך אָפּפרעמדן פון דער פּראַקטישער וועלט, וועט לײַדן סײַ דער געזעלשאַפטלעכער געדאַנק, סײַ די וועלט פון טאַט, און ס'וועט נישט בלײַבן קיינער וואָס זאָל וויסן ווי צו פאַרמיטלען צווישן אינטעלעקט און מאַכט.

(1967)

צי האַלטן מיר בײַם אונטערגאַנג פון אידעאָלאָגיעס?

1

פּראַגמאַטיזם איז, ווי באַקאַנט, אַ פילאָסאָפיע וואָס איז אויפגעקומען אין אַמעריקע, און דאָ האָט זי אויפגעבליט און זיך אָנגענומען. ס׳איז אַ געדאַנקען־גאַנג וואָס האַלט אַז פילאָסאָפיעס פאַרמאָגן נישט קיין אייביקע אמתן, נאָר אַז זיי זײַנען מעטאָדן און אינסטרומענטן אין קאַמף פאַר עקסיסטענץ. אַ טעאָריע, — האַלטן די פּראַגמאַטיקער — איז עכט אָדער פאַלש אויף וויפל זי רעאַליזירט אונדזערע לעבנסצילן און אויף וויפל זי באַפרידיקט אונדזערע באַדערפענישן. דער פּרובירשטיין פון אמת איז די פּראַקטישע קאָנסעקווענץ פאַר אונדזער לעבן, פאַר אונדזער גליק.

פאַר פּראַגמאַטיקער זײַנען נישטאָ קיין שטענדיקע דאָגמעס און דאָקטרינען; אויב זיי פירן נישט צום געווינטשטן ציל דאַרף מען זיי אויפגעבן. דאָס איז אפשר איינע פון די סיבות פאַר וואָס אין אַמעריקע האָבן זיך נישט באַפעסטיקט קיין פּאָליטישע עקסטרעמיסטן: נישט די פאַשיסטן, נישט די קאָמוניסטן.*

מיט יאָרן צוריק האָב איך געהערט, אין באָסטאָן, דעם יונגן סענאַטאָר ראָבערט לאַפאָלעט האַלטן אַ רעפעראַט, ווו ער האָט געפרײדיקט אַ ריי גרינטלעכע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע רעפאָרמען אין אַמעריקאַנער לעבן. (דאָס איז געווען פאַר רוזוועלטס „ניו־דיעל״). ווען אַן אָנגעזעענער אַמע־ריקאַנער סאָציאַליסטישער פירער האָט שפּעטער — בעת דער דיסקוסיע — געפרעגט דעם סענאַטאָר פאַר וואָס ער שליסט זיך נישט אָן ווי אַ מיטגליד אין דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי — וועלכע קעמפט פאַר אַזעלכע רע־פאָרמען — האָט ער געענטפערט אַז ער קען נישט אָננעמען אירע „איזמען״ מיט איר אַלץ־אַרומנעמענדיקער וועלט־אַנשויונג; ער האַלט פון לאַנגזאַמע

* מאַרקסיסטן וועלן מסתמא זאָגן אַז דער פּראַגמאַטיזם איז נישט די סיבה, נאָר דער רעזולטאַט פון די „אָביעקטיווע באַדינגונגען״.

פאַרבעסערונגען אין לעבנס־סטאַנדאַרד פון פאָלק, אָבער נישט פון אַ פילאָסאָפיע ווו אַלץ איז אויסגעסדרט און פאַרענטפערט. ער האָט געהאַלטן פון טיילווייַזע לייזונגען אָבער נישט פון אידעאָלאָגיעס מיט זייערע פול־שטענדיקע תּרופות. דער מעטאָד פון די פּראַגמאַטיקערס איז אָפּנהאַרציק אָפּאָרטוניסטיש, ווייַל אַזאַ פּאָליטיק, מיינען זיי, קען גיכער ברענגען רע־זולטאַטן, בעת אַלגעמיינע טעאָריעס וואָס ווערן אָנגעווענדט אין אַלע צייַטן קענען ברענגען שאָדן.

אייראָפּעישע דענקערס האָבן אָפּט אַרויסגעוויזן שטוינונג, און אַפילו פאַראַכטונג, פאַרן אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן. אייראָפּעישע סאָציאַ־ליסטישע טעאָרעטיקערס האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס דער סאָציאַליזם אין אַלע זיינע שאַטירונגען האָט זיך אין אַמעריקע נישט אָנגענומען. מען האָט אָפּגעחוזקט פון די צוויי הויפּט־פּאַרטייען — די דעמאָקראַטן און די רעפּובליקאַנער — מען האָט געלאַכט אַז דער אונטער־שייד צווישן זיי איז „טווידלדאם ביז טווידלדי״. אָבער, ווי ס'טרעפט אָפט: מ'האָט אַזוי לאַנג קריטיקירט, ביז... מ'האָט עס אָנגעהויבן פאַרשטיין, און אַפילו נאָכטאָן.

2

דער באַרימטער יידיש־פראַנצויזישער סאָציאָלאָג און פּובליציסט ריימאָן אַראָן איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָט אין זייַן בוך „דער אָפּיום פון די אינטעלעקטואַלן״ — דערשינען אין 1955 — אָנגעזאָגט אַז מיר דערנענטערן זיך אין אייראָפּע צום סוף פון דער אידעאָלאָגישער תּקופה. ער האָט אַרגומענטירט אַז ס'איז אומוויסנשאַפטלעך פאַרויסצוזאָגן דעם גאַנג פון געשיכטע און צו פּרובירן פאָרמולירן געזעצן פאַר היסטאָרישער עוואָלוציע. ער האָט דערקלערט, אַז קיינער אויף דער מערבדיקער זייַט פון אייַזערנעם פאָרהאַנג גלויבט נישט מער אַז איין קלאַס וועט אונדז דערפירן צו די גרענעצן פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. ער איז סקעפּטיש בנוגע אַ וויזיע פון דער צוקונפט וואָס איז אין האַרמאָניע מיט מענטשלעכע שטרעבונגען. אויב טאָלעראַנץ איז דער רעזולטאַט פון צווייפל — רופט ער אויס — לאָמיר לערנען יעדן איינעם צו צווייפלען אין אַלע אוטאָפּיעס, און לאָמיר אַרויספאָדערן אַלע נביאים פון דערלייזונג און אַלע אָנזאָגערס פון

קאַטאַסטראָפעס; „און אויב זיי קענען אָפּשאַפן פאַנאַטיזם, לאָמיר מתפלל זײַן אַז די סקעפּטיקערס זאָלן אָנקומען". ער האָט אָפּגעפּרעגט די גאַנצע טערמינאָלאָגיע פון „רעכטע" און „לינקע", וואָס איז געוואָרן אומקלאָר, און ער האָט געטענהט אַז דער מאַרקסיזם שלעפּערט אײַן די אינטעליגענץ, פּונקט ווי קאַרל מאַרקס האָט, אין זײַן צײַט, געהאַלטן אַז רעליגיע שלעפּערט אײַן די מאַסן.

דאָ, אין אַמעריקע, איז דער פּאָפּולערסטער אַנטי־אידעאָלאָגיע־עקספּאָנענט, דער סאָציאָלאָג דאַניעל בעל. ער איז אין זײַן בוך „דער סוף פון אידעאָלאָגיע" (דערשינען אין 1962) געגאַנגען ווײַטער ווי ריימאָן אַראָן. ער זוכט דעם מקור פון אידעאָלאָגישן אופן טראַכטן און ער קומט צום אויספיר אַז די אינטעליגענץ באַשטייט פון צווייערליי טיפּן: געלערנטע און אינטעלעקטואַלן. דער געלערנטער האָט פאַר זיך אָנגעצייכנט אַ באַגרענעצט פעלד פון וויסן, און אַ דאַנק זײַנע פאָרשונגען פאַרמערט ער די אָנגעזאַמלטע חכמה פון עבר. ער קען אויך אָפּשאַצן זיך און זײַנע פאָרשונגען מיט אָביעקטיווע מאָסן. אָבער דער אינטעלעקטואַל פאַרמאָגט נישט דעם דיסציפּלינירטן וויסן פון געלערנטן. גיט ער זיך דערפאַר אָפּ מיט סתם קריטיקירן. דערצו ווענדט ער נישט אָן קיין אָביעקטיווע מעטאָדן און ער אינפאָרמירט נישט זײַנע לייענערס, נאָר ער גיט זיי אָן אויסגאַנג פאַר זייערע אונטערגעדריקטע עמאָציעס פון אָפּפרעמדונג. זײַן אינטערעס איז נישט צו פאַרשטיין די וועלט, נאָר זי בײַצוקומען, צו באַזיגן. דער אינטעלעקטואַל מאַכט פון אידעען אַ כּלי־זין, — און דאָס איז דער סאַמע תּוך פון אידעאָלאָגיע. אָט דער סאָרט אידעאָלאָגיע גייט אונטער — לויט בעלן.

3

זינט עס זײַנען אויפגעקומען די „נײַע לינקע", די סטודענטישע, און מינאָריטעטן־באַוועגונגען, הערן זיך שטימען, צווישן די געלערנטע, וואָס טענהן אַז דאָס איז אַ סימן אַז די אַלע וואָס האָבן פּראָקלאַמירט דעם אונטערגאַנג פון אידעאָלאָגיעס זײַנען געווען אומגערעכט. זיי האָבן דערקלערט אַז אוטאָפּיעס זײַנען טויט, אָבער — אַרגומענטירן די פאַרטיידיקער פון אידעאָלאָגיעס — די לעצטע צוויי צענדליק יאָר באַווײַזן דאָך דעם היפּוך: דעם וווּקס און די פאַרשפּרייטונג פון אידעאָלאָגיעס.

אויף דער אײַנוווענדונג ענטפערט אויספירלעך דער סאָציאָלאָג סימאָר ליפּסעט אַז יענע דענקערס וואָס זײַנען איבערצײַגט אַז ס׳גייט אָן אַ ירידה פון אידעאָלאָגיעס מיינען נאָר איין באַשטימטן וואַריאַנט, אָבער נישט אַלע מינים אידעאָלאָגיעס. ער צייכנט אָן די געשיכטע פון דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג, און ער באַווײַזט אַז טעאָרעטיקערס פון אַלערליי ריכטונגען — אויך פון די „נײַע לינקע" — האָבן באַגרינדעט און פאַרשפּרייט דעם טעזיס אַז אידעאָלאָגיעס גייען באַרג־אַראָפּ.

אַזוי האָט פּראָפ. הערבערט מאַרקוזע, איינער פון די אָנגעזעענסטע טעאָרעטיקירס פון די „נײַע לינקע", אַ סך מאָל איבערגעחזרט דעם געדאַנק אַז דער קלאַסנקאַמף אין די מערב־לענדער איז פאַרענדיקט. אין זײַן בוך „דער איין־דימענסיאָנעלער מענטש" שרײַבט מאַרקוזע אַז כאָטש אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט זײַנען נאָך פאַראַן די צוויי הויפּטקלאַסן — קאַפּיטאַליסטן און אַרבעטער — זײַנען אָבער בײדע פאַראייניקט אין זייער ווילן צו פאַרבעסערן און פּרעזערווירן דעם אינדוסטריעלן סטאַטוס־קוואָ. דער זעלביקער מאַרקוזע איז אַזוי שטאַרק פּעסימיסטיש בנוגע דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון די שוואַרצע און די סטודענטן, אַז ער איז קעגן דערלויבן די ערשטע זיך צו באַטייליקן אין פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, און די צווייטע — אין די מאַכט־אינסטאַנצן אין די אוניווערסיטעטן.

אַ צווייטער אָנהענגער פון „סוף פון אידעאָלאָגיעס" איז דער סאָציאָל־פּסיכאָלאָג פּראָפ. קענעט קעניסטאָן, וואָס שטייט נאָענט צו די „נײַע לינקע". אויך ער מיינט אַז אין אַמעריקע האָבן ווילזיין און בילדונג אַ נעגאַטיווע ווירקונג אויף פּאָליטישער טעטיקייט. צווישן די אָנהענגערס פון „אַ סוף פון אידעאָלאָגיעס" געפינט מען דענקערס פון אַלערליי שאַטירונגען. אַחוץ די פריער דערמאָנטע געהערן אויך אין דער קאַטעגאָריע די ליבעראַלע סאָציאָלאָגן דייוויד ריעסמאַן, עדוואַרד שילס, און דער סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיסט פון שוועדן גאַנאַר מירדאַל. אַפילו דער טראַגיש אומגעקו־מענער אַמעריקאַנער פּרעזידענט דזשאָן פ. קענעדי, וועלכער האָט אינספּי־רירט אין אַמעריקע סטודענטישן פּאָליטישן אַקטיוויזם — אויך ער האָט אַקצעפּטירט אַ געוויסע ווערסיע פון „סוף פון אידעאָלאָגיעס". אין מאַי, 1962, האָט קענעדי אין אַ רעדע פּראָקלאַמירט, אַז די צײַט פון אידעאָלאָ־גישע צעטיילונגען איבער גרונטפראַגן איז פאַרבײַ, און אַז די צענטראַלע

אינלענדישע פּראָבלעמען, אין אונדזער צײַט, זײַנען צו קאָמפּליצירט אַז מע זאָל זיי קענען פֿאַרבינדן מיט באַשטימטע אידעאָלאָגיעס.

אָבער בעת די אַלע געלערנטע און פּאָליטיקערס האַלטן אַז אידעאָלאָגיעס און אוטאָפּיעס װעלן אויפהערן צו זײַן װיכטיקע פֿאַקטאָרן אין פּאָליטישן לעבן פון די פֿאַרגעשריטענע לענדער, האָבן זיי פון דעסטוועגן אָנערקענט אַז עטנישע, ראַסן־ און רעליגיעזע גרופּעס — װי למשל די שוואַרצע אין אַמעריקע, אָדער די אָלסטער (אירלאַנד) קאַטאָליקן — זיי װעלן זיך װײַטער באַנוצן מיט עקסטרעמע אידעאָלאָגיעס און אַקציעס.

אויך אין שײַכות צו אינטעלעקטואַלן האָבן די סאָציאָלאָגן ליפּסעט און בעל אויסגעדריקט ענלעכע אײַנװענדונגען. ליפּסעט איז איבערצײַגט אַז אינטעלעקטואַלן װעלן װײַטער באַקעמפן דעם סטאַטוס־קװאָ, װײַל יעדער סטאַטוס־קװאָ פֿאַרקערפּערט דאָגמאַטישקייטן און שטײַפקייטן װעלכע זיי (די אינטעלעקטואַלן) זײַנען גענייגט צו אַטאַקירן. בעל האָט באַגרינ־דעט ענלעכע הנחות בנוגע אינטעלעקטואַלן. דער נײַער דור אינטעלעקטור־אַלן, האַלט ער, זוכט נײַע צילן אין אַ פּאָליטישער געזעלשאַפט װאָס האָט אָפּגעװאָרפן די אַלטע אַפּאָקאַליפּטישע װיזיעס. „די איראָניע פֿאַר די אַלע װאָס זוכן אידעאַלן באַשטייט אין דעם אַז די אַרבעטער װעמענס קריװודעס עס זײַנען אַלע מאָל געװען די טרײַבקראַפט פֿאַר סאָציאַלע ענדערונגען — אַט די אַרבעטער זײַנען צופרידענער מיט דער איצטיקער אָרדנונג װי די אינטעלעקטואַלן. דער יונגער אינטעלעקטואַל איז אומגליקלעך װײַל דער „מיטעלער װעג״ איז גוט פֿאַר די מיטליעריקע, נישט פֿאַר אים. לויט דעם אינטעלעקטואַלס טעמפּעראַמענט איז פֿאַר אים אָנגעמאָסטן אַן אידעאָ־לאָגיע װאָס איז לויט איר כאַראַקטער אַלץ, אָדער גאָרנישט...״

אָװדאי קען מען פרעגן צי איז דער דאָזיקער אײַנשטעל, אַז ס׳איז געקומען אַ סוף פון אידעאָלאָגיעס, נישט אַ... נײַע אידעאָלאָגיע — אַן אידעאָלאָגיע פון פּאָליטישער אַליין־צופרידנקייט װאָס באַרעכטיקט דעם סטאַטוס־קװאָ, און װאָס װיל נישט אַז עס זאָלן פֿאָרקומען גרינטלעכע ענדערונגען אין סדר־העולם? און צי העלפט נישט דער דאָזיקער טעזיס די פּאָליטישע קאָנסערװאַטיװן אין זייער קאַמף קעגן ראַדיקאַלע רעפֿאָרמען? אויף דעם ענטפֿערט ליפּסעט אַז זײַן טעזיס זאָגט בלויז אָן דעם באַרג־אַראָפּ, די ירידה פון אידעאָלאָגיעס, פון טאָטאַלע װעלט־אַנשויונגען, פון אַפּאָקאַליפּטישע װיזיעס, אָבער נישט אַז ס׳װעט אויפהערן דער קלאַסנ־

קאַמף, די סיכסוכים וועגן עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען, וועגן סטאַטוס, אָדער וועגן אויסגעברייטערטע געלעגנהייטן פאַר די ווייניק פאַרמעגלעכע שיכטן אין דער געזעלשאַפט. די אַנטי־אידעאָלאָגיע־געלערנטע האַלטן אַז פאַקטיש איז אין דער מערב־וועלט איינגעשטעלט געוואָרן אַ קאָנסענסוס (אַ הסכמה) וועגן פונדאַמענטאַלע ענינים וואָס האָבן אַ מאָל צעטיילט די רעכטע און לינקע פּאָליטישע פּאַרטייען — די ליבעראַלן, און דעמאָ־קראַטישע סאָציאַליסטן. די דאָזיקע אידעאָלאָגישע הסכמה, וואָס מע קען באַצייכענען ווי „קאָנסערוואַטיווער סאָציאַליזם", איז געוואָרן די אידע־אָלאָגיע פון די גרויסע פּאַרטייען אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע.

גייענדיק ווײַטער אויף דעם דאָזיקן אַנטי־אידעאָלאָגישן וועג, אַרגו־מענטירן די אַלע געלערנטע, אַז די לײַדנשאַפטלעכע רעוואָלוציאָנערע אידעען־סיסטעמען וואָס זײַנען אַ ירושה פון „וויקטאָריאַנישן מאַרקסיזם", און די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיעס מצד די קעגנערס, אַז אָט די דאָזיקע טעאָריעס וועלן אין פאַרגעשריטענע אינדוסטריעלע לענדער ווערן אַלץ ווייניקער פּאָפּולער, און בהדרגה וועלן זיי אַרונטערגיין פון דער פּאָליטישער אַרענע. אָבער זיי וועלן ווײַטער עקסיסטירן אוןווירקן אין פּאָליטישן לעבן פון ווייניקער אַנטוויקלטע לענדער — אַזעלכע לענדער וואָס זײַנען איצט ענלעך צו אייראָפּע אין דער צײַט פון דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע.

און וואָס איז מכּוח די אויפגעלעבטע טאָטאַליטאַרע אידעאָלאָגיעס צווישן אַ סעקטאָר פון די אינטעלעקטואַלן און סטודענטן אין מערב־אייראָפּע? איז, ראשית — ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן — האָט מען זיי נישט איינגעשלאָסן אין דער גענעראַליזאַציע; צווייטנס, זײַנען די „נײַע לינקע" אינטעליגענטישע באַוועגונגען דורכגעפאַלן אויף אַ דראַ־מאַטישן אופן, אין פראַנקרייך, אין דײַטשלאַנד, אין איטאַליע, אין צפון־אייראָפּע, און אין אַמעריקע. נאָך מער: די „נײַע לינקע" אין אַמעריקע זײַנען אין גרויסע צאָלן לעצטנס אַרײַנגעטראָטן אין דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, ווו זיי האָבן געפונען אַן אָנהאַלט — על כּל פּנים פאַר אַ שטיקל צײַט — אין די פּאָפּוליסטישע אידעען פון סענאַטאָר דזשאָרדזש מאַקגאָווערן. פון וויכטיקער באַדײַטונג איז, אַז ס'איז פאַקטיש נישט פאָרגעקומען קיין ענדערונג אין דער רעלאַטיווער שטאַרקייט פון די פּאָליטישע פּאַרטייען אין די מערב־לענדער זינט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און דאָס

איז געשען אין אַ צײַט וואָס איז ווײַט נישט סטאַטיש אין דער פּאָליטישער געשיכטע פון די דאָזיקע לענדער.

4

נאָך די אַלע פּאַרזיכטיקע באַטראַכטונגען וועגן דעם „סוף פון אידעאָלאָגיעס”, מעגן מיר זיך דערלויבן צו צווייפלען אין דער וויסנשאַפטלעכקייט און ענדגילטיקייט פון די אַנטי־אידעאָלאָגיע־טעאָריעס. מיר מעגן קומען צום אויספיר, אַז נאָך די אַלע צעשמעטערטע אילוזיעס, וואָס אונדזער גרויליקער יאָרהונדערט האָט אונדז געגעבן — נאָך די צוויי וועלט־מלחמות מיט דעם טאָטאַליטאַרן באַרבאַריזם פון קאָמוניזם און פאַשיזם — נאָך די אַלע אַנטוישונגען און באַנקראָטן פון אַלע „איזמען”, האָט געדאַרפט און געמוזט קומען אַ סוף צום גלויבן אין סעקולערן משיחיזם, אין אוטאָפּיזם, אין די טאָטאַליטאַרע אידעאָלאָגיעס. אָבער יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער מענטשהייט מוז זיך פרעגן: צי לערנען טאַקע מענטשן פון געשיכטע? צי חזרט נישט איבער יעדער דור די טעותן פון די פריערדיקע דורות? און צי וועלן נישט גרויסע מאַסן אין צײַט פון קריזיס ווידער זיך לאָזן פאַרפירן פון אוטאָפּיעס? אַפילו די אַנטי־אידעאָלאָגיע־טעאָרעטיקערס גיבן צו, און מיר זעען עס מיט אונדזערע אויגן, ווי די נײַע אויפגעקומענע נאַציעס אין אַפריקע און אַזיע לערנען גאָר ווייניק פון די דערפאַרונגען פון די אינדוסטריעל פאָרגעשריטענע לענדער. און די אינטעלעקטואַלן וואָס דאַרפן דאָך קענען געשיכטע, און עפּעס לערנען פון איר, דווקא זיי כאַפּן זיך אָן די ערשטע אין אַלערליי משיחים און אוטאָפּיעס. דערפאַר זײַנען מיר אַזוי סקעפּטיש בנוגע דעם פּערמאַנענטן אונטערגאַנג פון אידעאָלאָגיעס אין די מערב־לענדער.

אין אונדזער קריטישער צײַט, ווען אַלע ווערטן מוזן ווערן איבער־געשאַצט, רעדט מען נישט בלויז וועגן אונטערגאַנג פון אידעאָלאָגיעס; מ׳רעדט וועגן „אונטערגאַנג” פון דער ליטעראַטור, פון דער קונסט, פון דער קולטור, און אַפילו פון דער שפּראַך גופא. אפשר וועט דער דאָזיקער חשבון־הנפש פון דער אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע פירן צו אַ נײַער דערקענטעניש אויף אַלע פעלדער פון אונדזער קולטור. די קאַטאַקליזמען פון אונדזער יאָרהונדערט האָבן געמוזט אונטערמינירן אין יעדן סענסיטיוון מענטש דעם גלויבן אין אידעאָלאָגיעס, אין דער ליטעראַטור, אין דער

קונסט, וואָס האָבן געזאָלט פאַרמענטשלעכן דעם מענטש. אָבער אָט דער חשבון־הנפש וועט מסתּמא פּראָדוצירן נײַע אידעאָלאָגיעס, נײַע פאָרמען אין דער ליטעראַטור, נײַע ריכטונגען אין דער קונסט. די מענטשהייט קען נישט אויפגעבן דעם חלום פון אַ באחרית־הימים, וואָס איז אויך אַן אידעאָלאָגיע — אין אַ רעליגיעזן אָדער וועלטלעכן לבוש.

(1973)

נישט־ייִדישע אָדער אַנטי־ייִדישע ייִדן?

(וועגן איזאַק דויטשער און זײַנס גלײַכן)

אַז די ייִדישע אינטעליגענץ האָט אין דער מאָדערנער צײַט געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען פון אַלערליי שאַטירונגען איז ברייט באַקאַנט. ס׳איז אויך נישט קיין נײַעס אַז באַדײַטנדיקע שיכטן פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ וואָס האָבן זיך געשלאָגן אויף די באַריקאַדן פאַר מענטש־ און וועלט־דערלייזונג האָבן איגנאָרירט די טאָפּלטע פאַרשקלאַפונג פון זייער אייגן פאָלק — ווי מענטשן און ווי ייִדן. אַ סך פון זיי זײַנען געגאַנגען אין פאָלק — אָבער נישט אין זייער אייגן פאָלק, נאָר צו די רוסן, די פּאָליאַקן, די דײַטשן. די ראָלע פון די מאַרטאָווס, טראָצקיס, פעליקס פערלס, זײַקטאָר אַדלערס, לאַסאַלס, און באַוערס — בלויז צו דערמאָנען עטלעכע פון די באַרימטסטע — אין די ראַדיקאַלע באַוועגונגען פון די דערמאָנטע פעלקער איז נישט קיין סוד פאַר יעדן איינעם וואָס האָט אַ שטיקל אָנונג אין דער געשיכטע פון סאָציאַליזם אין אונדזער צײַט. וואָלטן מיר דעריבער נישט נתפעל געוואָרן ווען עס קומט צו נאָך איינער פון דעם מין.

אָבער בעת דער רוב פון ייִדישן פאָלק האָט געלעבט — ביז ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, האָט אָט די אַסימילירטע ייִדישע אינטעליגענץ — מיט איר גלײַכגילטיקייט צו אונדזער נאַציאָנאַלן גורל — נישט באַדראָט אונדזער עקסיסטענץ, וואָרעם די צאָלרײַכע נאַציאָנאַל געשטימטע ייִדישע אינטעליגענץ האָט קעגנגעווירקט די אַסימילירנדיקע כּוחות אויף דער ייִדישער גאַס. הײַנט צו טאָג אָבער, ווען מער ווי אַ העלפט פון ייִדישן פאָלק לעבט אין אַמעריקע און מערב־אייראָפּע, האָט זיך די לאַגע אין דעם פּרט אַ סך פאַרערגערט. דאָ, אין די נײַע אײַנוואַנדערונגס־לענדער ווו ייִדן זײַנען אינטעגרירט אין דער לאַנד־קולטור, און ווו זיי זײַנען שפּראַכלעך אַסימילירט, פאַרמאָגן מיר נישט אַ ריי פון יענע צענטריפּעטאַלע פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט פּאָזיטיוו אין מזרח־אייראָפּע, און דער עיקר: ס׳פעלט אונדז דאָ יענע אַקטיווע

ראַדיקאַלע אינטעליגענץ וואָס זאָל זײַן איינצײַטיק באַשעפטיקט מיט ייִדישע קיום־פּראָבלעמען. לײַדער זעען מיר אַלץ מער ווי אונדזערע היגע ייִדישע אינטעלעקטואַלן ווערן אָפּגעפרעמדט פון ייִדישן כּלל־לעבן, און גאָרנישט זעלטן טרעטן זיי אַרויס ווי די אָפּאָלאָגעטן, און צײַטנווײַז אַפילו ווי די פירשפּרעכערס פון אַלערליי ישראל־פֿײַנדלעכע „אַנטי־אימפּעריאַ־ליסטישע" אָדער „נײַ־לינקיסטישע" ריכטונגען. אָט דערפאַר קענען מיר זיך נישט דערלויבן צו איגנאָרירן די אַלע ביכער וואָס קומען לעצטנס אַרויס פון יענע קרײַזן. מיר מוזן אָפּשלאָגן אַלע האַלב־אמתן און גאַנצע ליגנס.

לעצטנס איז דערשינען אַזאַ בוך פון לינק־מאַרקסיסטישן איזאַק דויטשער.* דאָס איז אַ בוך וואָס באַשטייט פון עסייען וואָס זײַנען פריער געווען געדרוקט אין די אָנגעזעענסטע ראַדיקאַלע זשורנאַלן אין ענגלאַנד און אַמעריקע.

אין אַרײַנפיר דערציילט אונדז דויטשערס אַלמנה — דויטשער איז געשטאָרבן סוף 1967 אין עלטער פון 60 יאָר — אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטעטל נישט ווײַט פון קראָקע און איז דערצויגן געוואָרן אין אַ חסידיש הויז. אין עלטער פון אַכצן יאָר, האָט ער פאַרלאָזט קראָקע און האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע. דאָ איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און אַ רעדאַקטאָר פון איר אונטערערדישער צײַטונג. אין 1931 האָט ער געמאַכט אַ טור אין סאָוועט־רוסלאַנד, און אַ יאָר שפּעטער איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. ער איז אָבער פאַרבליבן דאָס גאַנצע לעבן אַ לינקער מאַרקסיסט. אין אַפּריל 1939 איז ער געפאָרן קיין לאָנדאָן ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון אַ פּויליש־ייִדישער צײַטונג, וווּ ער איז פריער געווען דער קאָרעקטאָר. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז ער שוין פאַרבליבן אין ענגלאַנד. ער האָט זיך אויסגעלערנט ענגליש און איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון לאָנדאָנער זשורנאַל „עקאָנאָמיסט".

אויף דער צענטראַלער עסיי פון בוך — „דער נישט־ייִדישער ייִד" — וואָס איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין דער ניו־

* The Non-Jewish Jew, by Isaac Deutscher Oxford University Press, 1968.

יאָרקער אינטעלעקטועלער שריפט „פּאַרטיזאַן רעוויו" ווילן מיר זיך דאָ דער עיקר אָפּשטעלן; ווײַל דאָ קומען צום אויסדרוק אַ ריי ברייט פאַר־שפּרייטע האַלב־אמתן וואָס זײַנען פּאָפּולער צווישן דער היגער, און נישט נאָר היגער ייִדישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ. אָבער איידער מיר וועלן אַנאַליזירן דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג מוזן מיר פריער קאָמענטירן אויף עטלעכע מאָמענטן אין דער מאַרקסיסטישער פילאָסאָפיע, וואָרעם דויטשער און זײַנס גלייכן שעפּן זייערע כּלי־זיין פון דעם דאָזיקן אַרסענאַל.

קענערס פון קאָמוניזם האָבן שוין לאַנג פעסטגעשטעלט אַז דער מאַרקסיזם, ספּעציעל זײַן קאָמוניסטישער וואַריאַנט, האָט פּונקט ווי אַ רעליגיעזע באַוועגונג זײַנע אַפּאָסטאָלן, זײַנע מאַרטירערס, זײַנע „הייליקע" שריפטן, און אַפּיקורסים. פּונקט ווי אין קריסטנטום איז אין אים פאַרגע־קומען די „גרויסע שפּאַלטונג" מיט די פאַרשיידענע סעקטעס: „אמת גלויביקע" און „פאַלשע תּלמידים" פון נביא (מאַרקס) — אַ מזרח־ און אַ מערב־קירך וואָס זאָגט צו אַ באחרית הימים. דויטשער איז נאָך די אַלע שפּאַלטונגען, רייניקונגען און מאָנסטעריעזע ברוטאַליטעטן פאַרבליבן פעסט בײַ די עיקרים פון קאָמוניזם. ער איז פאַרגלויבט אין דער וויסנשאַפט־לעכקייט פון דער סעקולערער רעליגיע וואָס הייסט מאַרקסיזם. די ווײַט־גייענדיקע קריטיק אויף מאַרקסעס גרונט־אידעען וואָס דויערט שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט און וואָס האָט שוין טיף צעטרייסלט דעם גאַנצן אידעיִשן בנין — סײַ דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, סײַ זײַן סאָציאָלאָגיע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע — דאָס אַלץ עקסיסטירט נישט פאַר דויטשערן. פאַר אים איז די מאַרקסיסטישע פילאָסאָפיע ריינע וויסנשאַפט וואָס האָט אַ מאָנאָפּאָל אויפן אמת.

נעמט למשל אַ ריי דערשײַנונגען וואָס מינירן אונטער די הויפּט־הנחות פון מאַרקסיזם: איז עס טאַקע אמת — ווי מאַרקס האָט געטענהט — אַז דער אַרבעטער־קלאַס ווערט כּסדר אָרעמער און זײַן לעבנס־סטאַנדאַרד נידעריי־קער? איז עס טאַקע אַזוי אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע? פּירט טאַקע די געשיכטע אומפאַרמײַדלעך צום סאָציאַליזם? וועט דער נצחון פון סאָציאַליזם טאַקע פאַרזיכערן די הערשאַפט פון אַרבעטער־קלאַס? סאָוועט־רוסלאַנד באַווײַזט דאָך דאָס נישט און צי איז דער באחרית־הימים־עלעמענט אין מאַרקסיזם טאַקע סאָציאַלע וויסנשאַפט, אָדער גאָר פּאָליטישע אַגיטאַציע? אָט אַזעלכע „אַלטמאָדישע" און נאָך האַרבערע פילאָסאָפישע

קשיות פון די פּרווידיאַנער און עקסיסטענציאַליסטן עקסיסטירן נישט פאַר דויטשערן.

דער פּויליש־ייִדישער מאַרקסיסט קוועסטיאָנירט נישט קיין איין עיקר אין מאַרקסיסטישן קרעדאָ. ער נעמט אַפילו אָן האָק און פּאַק קאַרל מאַרקסעס נאַיוון, אויב נישט אַנטיסעמיטישן טעזיס אַז ייִדן זײַנען געבליבן לעבן צוליב זייער ראָלע ווי אַגענטן אין אַ געלטווירטשאַפט, און אַז ייִדישקייט איז אַ רעליגיע פון סוחרים. נישט די ייִדישע אמונה, נישט די ייִדישע עטיק, נישט די רדיפות, נישט די ייִדישע אינערלעכע אויטאָנאָמיע — די אַלע פאַקטאָרן האָבן נישט באַווירקט דעם ייִדישן המשך; אַזוי לערנט מיט זײַנע תלמידים דער היסטאָרישער מאַטעריאַליסט מאַרקס, און דויטשער זאָגט אים נאָך, אַז „מ׳דאַרף באַפרייען די געזעלשאַפט פון ייִדנטום". (ז׳ 32) — ד״ה פון בורזשואַזן לעבנס־שטייגער וואָס דאָס ייִדנטום פאַרקערפּערט, ווײַל ייִדנטום און געלטווירטשאַפט זײַנען אידענטיש.

אויב מען נעמט אָן אַזאַ „טעאָריע" וועגן ייִדנטום, איז שווין לײַכט זיך אײַנצורעדן, ווי דויטשער שרײַבט, אַז ספּינאָזאַ, מאַרקס, ראָזאַ לוקסעמבורג, טראָצקי, און אַנדערע זײַנען אַריבערגעגאַנגען די גרענעצן פון ייִדנטום, ווײַל „ייִדנטום איז פאַר זיי געווען צו שמאָל, צו אַרכאַיש, צו באַגרענעצנדיק. זיי האָבן געזוכט אידעאַלן און פאַרווירקלעכונג אויף יענער זײַט" (ז׳ 26). אָט די דאָזיקע „נישט־ייִדישע ייִדן" האָבן געגלויבט אין דער סאָלידאַריטעט פון דער מענטשהייט, און דערפאַר האָט טראָצקי אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון קולטור־אויטאָנאָמיע וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעשטעלט. ער האָט עס געטאָן אין נאָמען פון ברידערלעכקייט פון ייִד און נישט־ייִד אין סאָציאַליסטישן לאַגער. (ז׳ 37).

ציענדיק ווײַטער דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג פירט דויטשער אויס אַז די אַלע דערמאָנטע „נישט־ייִדישע" ייִדישע דענקערס זײַנען געווען באַרעכטיקט אין זייער אָפּטימיזם וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. אמת טאַקע, גיט ער צו, אַז דער אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדן האָט נישט שאָקירט דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט, אָבער דאָס איז די שולד פון אונטערגייענדיקן קאַפּיטאַליזם וואָס שלעפּט אַרונטער די וועלט מאָראַליש. צוליב דעם דאָזיקן בעסטיאַלישן אַנטיסעמיטיזם האָבן זיך ייִדן אָנגעכאַפּט אין דער מלוכה — מדינת ישראל, אָבער „איך האָף" — פאַרענדיקט דויטשער די עסיי — „אַז צוזאַמען מיט אַנדערע נאַציעס וועלן ייִדן ענדלעך אײַנזען...

אַז די נאַציע־מלוכה איז נישט אַדעקוואַט, און זיי וועלן צוריקגעפינען זייער וועג צו דער מאָראַלישער און פּאָליטישער ירושה וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזט דער זשעני פון די ייִדן וואָס זײַנען אַוועק ווײַטער ווי דאָס ייִדנטום — צו דער שליחות פון דער אוניווערסאַלער מענטשלעכער באַפרײַונג (ז׳ 41).

ס׳איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלע דאָגמאַטישקייטן און פּרע־טענציעזע האַלב־אמתן: נישט ווײַל זיי זײַנען נײַ; ניין! נישטאָ דאָ קיין איין נײַ וואָרט. נאָר, ווי איך האָב שוין פריער אָנגעוויזן, ווײַל מיר הערן זיי לעצטנס אַזוי אָפט פון די „נײַע לינקע״ און „אַלטע לינקע״.

צווישן די אַלע „נישט־ייִדישע״ ייִדן דערמאָנט נישט דויטשער אײַנ־שטיינען — דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס ער פּאַסט זיך נישט אַרײַן אין דער קאַטעגאָריע פון „נישט־ייִדישע ייִדן״. אײַנשטיין איז דאָך געווען אַ שטאָלצער ייִד און אַ וואַרעמער פרײַנד פון דער נײַער ארץ־ישראל. צי האָבן די דאָזיקע סימפּאַטיעס זײַנע אים געשטערט צו זײַן אַן אוניווער־סאַליסט, אַ פּאַציפיסט, אַן אינטערנאַציאָנאַליסט? זיכער נישט.

וואָס שייך ספּינאָזאַס אַוועקגיין פון ייִדנטום לייגט זיך גיכער אויפן שׂכל די דערקלערונג וואָס עס גיט אונדז דער ייִדישער היסטאָריקער דובנאָוו. זײַן טראַגעדיע איז אויפגעקומען אויפן גרונט פון דעם קאָנ־פליקט אין דער רעליגיעזער דיסציפּלין וואָס איז במשך דער ייִדישער געשיכטע געווען אויך אַ נאַציאָנאַלע דיסציפּלין. „אויף זײַנע פילאָסאָפישע הויכן וואָלט ספּינאָזאַ געקאָנט בלײַבן אין די רייען פון זײַן פאָלק אויב אין דעם פאַטאַלן גאַנג פון דער ייִדישער געשיכטע וואָלט די נאַציאָנאַלע אידעע נישט געווען אַזוי צונויפגעפלאָכטן מיט דער רעליגיעזער אידעע אַז דער אַרויסגאַנג פון דער רעליגיעזער עדה איז געווען גלײַכבאַדײַטיק מיטן אַרויסגאַנג פון דעם נאַציאָנאַלן פאַרבאַנד״. מיט אַנדערע ווערטער וואָלט ייִד־זײַן נישט מחייב געווען די אַפירמאַציע פון דער ייִדישער אמונה — ווי עס איז בײַ אונדז געווען אָנגענומען אין מיטלעלטער — וואָלט ספּינאָזאַ געווען געבליבן אין ייִדישן קאָלעקטיוו (זע ש. דובנאָוו: וועלט־געשיכטע פון ייִדישן פאָלק באַנד 6, ז׳ 213־214, ייוואָ; ווילנע, 1940). מיר קענען נאָך געפינען אַ שטיקל פאַרענטפערונג פאַר טראָצקיס „נישט־ייִדישקייט״, ווײַל ער האָט נישט געקראָגן קיין ייִדישע דערציִונג, און איז פרי געוואָרן אַסימילירט. דאָס פאַרענטפערט אָבער נישט זײַן

קעגנערישקייט צום „בונדס״ פאָדערונג פון קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר ייִדן אין רוסלאַנד. צי איז עס נישט אַ פאָרם פון קולטור־אימפעריאַליזם צו פאַרלאַנגען פון ייִדן זיי זאָלן אין נאָמען פון אַ פאַלש־פאַרשטאַנענער סאָלידאַריטעט אויפגעבן זייער אַלטע קולטור כּדי צו ווערן פאַרשלונגען פון דער יונגער, פיל אָרעמערער רוסישער קולטור?! ווי אַזוי און מיט וואָס וועט עס העלפן אין דער ברידערלעכקייט פון דער מענטשהייט, אויב ס׳וועט אָפּגעווישט ווערן אַ רײַכע, אייגנאַרטיקע ציוויליזאַציע?!

אָבער נאָך אַ האַרבערע קשיה איז: פאַר וואָס דאַרף מען אָוועקגיין פון ייִדנטום כּדי צוצוקומען צו די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט? זײַנען דאָך די ייִדישע נביאים נאָך אין ווײַטן אַלטערטום געווען פאַרעקשנטע קעמפערס פאַר די אוניווערסאַלע אידעאַלן פון דער מענטשהייט, — און די דאָזיקע אידעאַלן האָבן געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג אין זייער אייגן פאָלק, סײַ אין דער אַלטער, סײַ אין דער נײַער צייט. צווייטנס, — פאַר וואָס איז דאָס ייִדנטום נישט געווען „צו ענג, אָרכאַיִש, באַגרע־נעצנדיק״ פאַר אַזעלכע רעוואָלוציאָנערן ווי משה העס, וולאַדימיר מעדעם, באָראָכאָוו, זשיטלאָווסקי און אומצייליקע אַנדערע? קיינער וועט דאָך נישט וואַגן צו זאָגן אַז די דערמאָנטע דענקערס זײַנען געווען קלײַנזלדיק אין זייער וועלטבאַנעם, און דאָך האָבן זיי געפונען אַן אָרט און זענען געווען אַקטיוו פאַר זייערע אוניווערסאַלע אידעאַלן אין דער ייִדישער סביבה; צי האָט זיי זייער איבערגעגעבנקייט צום גורל און די אינטערעסן פון די ייִדישע מאַסן אָפּגעפרעמדט פון די אידעאַלן פון דער מענטשהייט? זיכער נישט. הײַנט ווי זאָל מען פאַרשטיין אַ דויטשערן וואָס האָט אין זײַן ייִדישער וואַרשע, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, געזען אַרום זיך אַ ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, מיט אַ מאָדערנער וועלטלעכער קולטור און דאָך איז אים דאָ געווען צו ענג, צו פּראָווינציעל?! צי איז נישט די אמתע סיבה פון דעם אַנטלויפן, פון דער זעלבסט־פאַרלייקענונג, קאַריע־ריזם, אַ שטרעבן צו וועלן שווימען אין גרויסן נישט־ייִדישן ים, ווײַל דאָ איז פאַראַן מער פּרעסטיזש און מאַכט ווי בײַ ייִדן? צי קען מען נעמען ערנסט די ליבע פאַר דער ווײַטער מענטשהייט, פון איינעם וואָס אַנטלויפט פון זײַנע נאָענטע?

ס׳איז אוממעגלעך זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלע דאָגמאַטישקייטן און נישט־אמתן, מיט וועלכע דאָס בוך איז אָנגעפּיקעוועט. אָבער נאָר אויף

עטלעכע מוז מען אָנווײַזן. אין דער עסיי „די רוסישע רעוואָלוציע און דאָס ייִדישע פּראָבלעם" חזרט דויטשער ווידער איבער דעם באַקאַנטן קאָמוניסטישן פּזמון אַז די רוסישע רעוואָלוציע האָט נישט געקענט טראַנספּאָרמירן דעם ייִדישן סוחר אין אַן אַרבעטסמענטש צוליב ייִדישער שטאָטישער טראַדיציע. דערבײַ „באַפעסטיקט" ער זײַן פּאָזיציע מיט אַזאַ אַרגומענט: אויך אין ישראל איז אַזוי, בלויז אַן אַכטל פון דער באַפעל־קערונג לעבט אין די קיבוצים, בעת די גרויסע מערהייט וויל וווינען אין די שטעט. אין דער אמתן זײַנען דאָך ביידע טיילן פון דער באַהויפּטונג אי סימפּליציסטיש, אי פאַלש. ראשית, איז שוין לאַנג אָפּגעפרעגט די הנחה אַז אַן אינדוסטריעלער אַרבעטער, אָדער פויער איז אַ גרעסערער מיוחס — ס'הייסט מער פּראָדוקטיוו — ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל, אַן אינזשי־ניער, אַ דענטיסט, אָדער אַ בוכהאַלטער. צווייטנס, האָט זיך יאָ פאַנאַנ־דערגעבליט (ביז דער 2טער וועלט־מלחמה) אַ פּראַכטפולער ייִדישער אַגראַרער ישוב אין קרים, פון ייִדישע ערד־אַרבעטער־קאָלאָניסטן, אַפילו אונטער דער ברוטאַלער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דריטנס, מאַכט זיך דויטשער „פאַרגעסן" אַז נישט בלויז אין ישראל, נאָר אין אַלע אינדוסטריאַליזירטע לענדער גייט דער שטראָם פון דאָרף אין שטאָט אַרײַן.

וואָס ווײַטער איר לייענט דאָס בוך אַלץ מער באַשײַמפּערלעך זעט איר ווי דער „נישט־ייִדישער ייִד" גייט אַריבער אין דער ראָלע פון אַן אַנטי־ייִד. אַזוי פּסקנט ער אָפּ — ווי דער פירשפּרעכער פון „נײַעם לינקיזם" — אַז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם איז פּראָגרעסיוו, כשר, בעת דער ייִדישער איז טריף; מדינת־ישראל איז ממש אַ טייל פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פראָנט אין דער וועלט. אויבנאויפיק איז דער אַראַביש־ישראלדיקער קאָנפליקט בלויז אַ צוזאַמענשטויס פון צוויי קאָנ־קורירנדיקע נאַציאָנאַליזמען, ווו יעדער איינער באַוועגט זיך אין משך־געגעם קרײַז פון זײַנע בײַ־זיך־רעכטפאַרטיקע און צערייצטע אַמביציעס. פון שטאַנדפּונקט פון אַן אַבסטראַקטן אינטערנאַציאָנאַליזם איז לײַכט אָפּצוּוואַרפן ביידע גלײַך ווי ווערטלאָז און רעאַקציאָנער. אָבער אַזאַ קוק וועט איגנאָרירן די סאָציאַלע און פּאָליטישע רעאַליטעטן פון דער סיטואַציע. דער נאַציאָנאַליזם פון אַ פאָלק אין סעמי־קאָלאָניאַלע אָדער קאָלאָניאַלע לענדער, קעמפנדיק פאַר זײַן אומאָפּהענגיקייט טאָר נישט

געשטעלט ווערן אויף דער זעלביקער מאָראַליש־פּאָליטישער מדרגה ווי דער נאַציאָנאַליזם פון זיגערס און אונטערדריקערס. דער ערשטער האָט זײַן היסטאָרישע באַרעכטיקונג אין פּראָגרעסיוון אַספּעקט, וואָס דער לעצטער פאַרמאָגט נישט. ס׳איז קלאָר אַז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם, נישט ווי דער ישראלדיקער, באַלאַנגט נאָך אַלץ צו דער ערשטער „קאַטע־גאָריע״ (ז׳ 138). דויטשער קײַקלט זיך אַראָפּ נאָך נידעריקער ביז ער דערעדט זיך צום אומזין אַז די זעקס־טאָגיקע מלחמה איז געווען אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליסטישער אָנשטרענגונג נישט צו דער־לאָזן די ראַדיקאַליזירונג פון דער פּאָליטישער שטימונג אין די אַראַבישע לענדער.

איר מוזט קאָנטראָלירן אײַער באַרעכטיקטן כּעס און פרעגן דעם „אָביעקטיוון״ דענקער: על־פּי וואָסער מאָראַלישער קריטעריע האָט ער אַרויסגעגעבן דעם פּסק־דין אַז דער קאַמף פון ישראל פאַר אַ סוווערענער עקסיסטענץ איז נישט פּראָגרעסיוו, בעת דער אויפקום פון אינדיע, בורמאַ, גאַנאַ, אאַז״וו איז יאָ כּשר־פּראָגרעסיוו; אַז דער אַראַבישער נאַציאָנאַליזם — וואָס וויל פאַרניכטן פיזיש מדינת ישראל, — איז פּראָגרעסיוו, בעת דער יידישער, ישראלדיקער נאַציאָנאַליזם, וואָס ווערט דאָמינירט פון סאָציאַליסטן פון אַלערליי שאַטירונגען, איז נישט פּראָגרעסיוו?

אויב די קריטעריע פון פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם איז, ווען אַ פאָלק ווערט אונטערגעדריקט מצד אַן אימפּעריאַליסטישער נאַציע, איז דאָך ישראלס עקסיסטענץ באַדראָט מצד מער ווי איין אימפּעריאַליזם?! איר סוווערעניטעט איז דאָך נאָך ווייניקער געזיכערט ווי די עקסיסטענץ פון אַנדערע קליינע אומאָפּהענגיקע מלוכות?! דערצו דאַרף מען דאָך זײַן בלינד נישט צו זען און נישט מיטצופילן דעם העראָישן קאַמף וואָס דאָס יידישע פאָלק און מדינת ישראל פירן פאַר פיזישן און גײַסטיקן קיום פּנים אל פּנים מיט שונאים וואָס ווילן זי פאַרניכטן און אָפּווישן.

*

צײַטנווײַז טרעפט אַז אין דעם בוך רײַסט זיך דורך — נישט געקוקט אויף אַלע פּילפּוליסטישע טעאָריעס, — דאָס פּינטעלע מענטש. ווען דויטשער פאַרגעסט אַ מאָל אין זײַן פאַפּירענער לאָגיק, און ער לאָזט קומען צום אויסדרוק די „אונטערערדישע״ פלאַסטן פון זײַן פערזענלעכ־

קייט, דערהערן מיר פלוצלינג אַזעלכע רייד: „ס׳איז פּאַראַדאָקסאַל, אָבער איך קום צו גאַנץ נאָענט צו די שרעקן פון אַן אָרטאָדאָקסישן ייִד און פון אַ ציוניסט. איך גלויב נישט אַז דער אַנטיסעמיטיזם האַלט שוין ביים פאַרשווינדן. איך האָב מורא אַז מיר לעבן אין אַ נאַרס גן־עדן אין אונדזער מערבדיקער ווילשטאַנד־מדינה״ (ז׳ 56). (און איך וואָלט צוגעגעבן נאָך ערגער איז אין דער „סאָציאַליסטישער״ מדינה פון די „ייִדן־ליבהאָבערס״ סטאַלין, כרושטשעוו, ברעזשנעוו; און אין דער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע״ פון גאָמולקאַ. — ש. ג.). אָדער אין דער עסיי „ווער איז אַ ייִד?״ צעוואַרעמט ער זיך בזה הלשון: „איך זע נאָך פאַר מיינע אויגן די מאַסן יונגע און אַלטע ייִדן, אַרבעטער, בעל־מלאכות, און אָרעמעלייט וואָס זיינען געקומען אין די אוונטן הערן פאַרלעזונגען פון פּאָעזיע און דראַמע. זיי זיינען געקומען (אין וואַרשע צווישן די צוויי וועלט־מלחמות) אין זייערע אַרבעטס־קליידער צו אַפּלאָדירן פּרץ מאַרקישן, אָדער איציק מאַנגערן וואָס האָבן רעציטירט פּאָעזיע, אָדער יוסף אָפּאַטאָשון, אָדער י. מ. וויסנבערג לייענען פּראָזע, אָדער ווי נאָמבערג דערציילט זכרונות וועגן ייִדישע שרייבערס פון עבר. אין ערגעץ נישט, אין ערגעץ נישט אין דער הויך ציוויליזירטער וועלט... זיינען מענטשן געווען אַזוי אַנטציקט ביים הערן זייערע שרייבערס און פּאָעטן ווי עס זיינען געווען די ייִדישע אַרבעטער פון וואַרשע, און פון דער פּויליש־ליטווישער פּראָווינץ״. (ז׳ 44).

אָבער די דאָזיקע ערלעכע ייִדישע מחשבות זיינען בלויז ספּאָראַדישע, קליינע אינדזעלעך אין מיטן אַ ים פון זעלבסט־פאַרלייקענענדיקע, אומ־אויטענטישע, און זיך אַליין־אָפּנאַרערישע דאָגמאַטישקייטן; דאָגמאַטישקייטן וואָס דערגייען ביז אַזעלכע פאַלשקייטן ווי די באַהויפּטונג אין שייכות צו דער זעקס־טאָגיקער מלחמה אין יוני 1967 אַז „ישראלס הערשערס זיינען געווען זיכער אַז זייער אַגרעסיווקייט לגבי סיריע אָדער עגיפּטן וועט קריגן די מערבדיקע סימפּאַטיע און וועט ווערן מצד זיי באַלוינט. די דאָזיקע אויסרעכענונג איז געלעגן אין יסוד פון זייער באַשלוס צו געבן דעם ערשטן קלאַפּ דעם 5טן יוני... זיי האָבן געוווסט אַז ווי ווייט זיי זאָלן נישט גיין אין אַטאַקירן די אַראַבער, האָבן זיי געקענט רעכענען אויף אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטישער באַשיצונג״ (ז׳ 132)...״ זיי (ד״ה די ציוניסטן) דערשיינען איצט ווידער אין מיטעלן מזרח אין דער פאַרהאַסטער ראָלע פון אַגענטן פון די מעכטיקע מערבדיקע

„וועסטעד אינטערעסטס" און ווי פּראַטעזשעען פון נעאָ־קאָלאָניאַליזם... אַזוי באַטראַכט זיי די אַראַבישע וועלט און נישט אָן רעכט" (ז' 151). אַזוי רעדט נישט בלויז „אַ נישט־ייִדישער" נאָר אַן אַנטי־ייִד; אַזוי רעדט אַ שונא־ישׂראל, נישט בלויז אַ שונא־ציון.

ווי דערקלערט מען אָט די דאָזיקע סתּירה צווישן „וויסנשאַפטלעכן" מאַרקסיסט און דעם זעלבסט־האַסנדיקן, פון זײַן אייגן פֿאָלק אַנטלויפנדיקן אינטעלעקטואַל? מיר דוכט זיך אַז אָט דער דאָזיקער גראַנגל אין אַ דויטשערן — ווי אין אַ סך אַנדערע מוחות פון אויסגעלינקטע ייִדישע אינטעלעקטואַלן — שטאַמט קודם כּל פון דעם שטרײַט צווישן דאָגמע און אמת, צווישן דעם אויסגעטרוימטן אידעאַל און דער קאָשמאַרנערווירקלעכקייט; אַ שטרײַט וואָס גייט אָן אַזוי לאַנג ביז וואַנען די דאָזיקע דאָגמאַטיקערס דערגייען צו אַ צעשפּאַלטנקייט, סכיזאָפרעניע. און כּדי צו רעכטפאַרטיקן זיך אין זייערע קרומקייטן שפּינט מען ווײַטער די פאַנטאַסטישע טעאָריעס און מ׳וויל זיך און אַנדערע אײַנרעדן אַז „מיר" — די אַנטלויפערס, די נעגאַטיווע ייִדן — האָבן דעם גאַנצן אמת, בעת „זיי" — די קעמפערס אויפן ייִדישן פראָנט זײַנען פּראָווינציאַלן, שאָוויניסטן, באַגרענעצטע מענטשן. אָט, אָט, רעדט מען זיך אײַן, — וועט מען אָפּראַמען דעם איבערבלײַב פון קאַפּיטאַליזם אויף דער וועלט, און ברעזשנעוו און נאַסער, קאָסיגין און גאָמולקאַ וועלן ווערן ייִדן־פרײַנד. אָט, אָט וועט סאָוועט־רוסלאַנד ווידער אַרויף אויף די לעניניסטישע רעלסן פון „אמתן" מאַרקסיזם, און עס וועלן מער נישט זײַן קיין דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן, און מדינת ישׂראל וועט האָבן אַ שטאַרקן אָנשפּאַר אין סאָוועט־רוסלאַנד. אָבער אין גראַנגל מיט די קאָשמאַרן פון קאָמוניסטישן גן־עדן פאַרפּלאָנטערן זיי זיך אין זײַנע זומפּן.

ייִדישע ייִדן, פּאָזיטיווע ייִדן, אָט די וואָס קענען דעם אמת פון אונדזער געשיכטע, און זײַנען גרינטלעך באַקאַנט מיט אַלע קאָמפּליצירטקייטן פון דער ייִדישער, און מערבדיקער קעגנוואַרט, טאָרן נישט מיד ווערן אויפצודעקן די פאַרסמטע קוואַלן פון אָט די אַלע פאַלשע טעאָריעס.

(1969)

האָראַס מ. קאַלען — דער ייִדישער און אַמעריקאַנער דענקער

א

מיט עטלעכע חדשים צוריק איז אַוועק אין דער אייביקייט איינער פון די גרויסע פּערזענלעכקייטן וואָס דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ האָט פאַרמאָגט — פּראָפעסאָר האָראַס מאיר קאַלען. אַ פילאָסאָף מיט אַן אייגענעם דרך; אַ שריפטשטעלער מיט אַן אייגנאַרטיקן רײַכן ענגלישן סטיל; אַ מענטש מיט אַ הדרת־פּנים פון וועלכן עס האָט אַראָפּגעשטראַלט חכמה און מענטש־ליבשאַפט; אַ לערער פון לערערס — האָט פּראָפעסאָר קאַלען אין משך פון 70 יאָר באַוויזן צו זײַן שעפעריש אין צוויי קולטורן — אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער.

האָראַס קאַלען איז געשטאָרבן דעם 16טן פעברואַר, 1974, אין עלטער פון 91 יאָר, זאַט אין יאָרן און זאַט אין אויפטוען: ער האָט אָנגעשריבן מער ווי 30 ביכער, און ער איז געוואָרן פאַרערט פון טויזנטער סטודענטן אין אַ ריי אוניווערסיטעטן — דער עיקר אין דער „ניו־סקול פאָר סאָשיעל ריסוירטש", ווו ער האָט נאָך געגעבן קורסן במשך 1973. דערצו איז ער נישט געווען אָפּגעשלאָסן אין זײַן קאַבינעט, און אין קלאַסצימער; ער האָט געפונען צײַט צו זײַן טעטיק אין אַמעריקאַנער ליבעראַלע אָרגאַני־זאַציעס, און אין ייִדישע קולטור־און דערציִונגס־אינסטיטוציעס: אין ייִדישן לערער־סעמינאַר, אין ייוואָ, אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט פאַר ייִדישער דערציִונג, און אין אַנדערע.

ב

האָראַס קאַלען איז געבאָרן געוואָרן אין אַ שטעטל אין דײַטשלאַנד, אין 1882. זײַן טאַטע, אַן אָרטאָדאָקסישער רב, האָט אים געבראַכט, אין עלטער פון 5 יאָר, קיין באָסטאָן, ווו ער האָט באַקומען זײַן ייִדישע און אַלגעמיינע בילדונג. ער האָט גראַדויִרט פון האַרוואַרד אוניווערסיטעט

מיט אַ דאָקטאָראַט אין פילאָסאָפיע; דאָ איז ער געוואָרן דער באַליבטער תּלמיד און פרײַנד פון באַרימטן אַמעריקאַנער פילאָסאָף וויליאַם דזשיימס. קאַלען האָט אויך שטודירט אין אָקספאָרד און סאָרבאָן־אוניווערסיטעטן. אָבער נישט געקוקט אויף זײַנע אַקאַדעמישע אויסצייכענונגען איז אים פון דעסטוועגן אַנגעקומען שווער אָנצוהאַלטן אַ פּראָפעסאָר־שטעלע אין אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט; פון פּרינסטאָן־אוניווערסיטעט האָט מען אים אָפּגעזאָגט — אין 1905 — ווײַל ער איז נישט געווען קיין גלויביקער. שפּעטער האָט מען אים אָפּגעזאָגט פון וויסקאָנסינער אוניווערסיטעט ווײַל ער האָט זיך בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1918, אײַנגעשטעלט פאַר פּאַציפיסטן.

ענדלעך, אין יאָר 1919, האָט ער געפונען אַ מקום־מקלט אין דער טאָלעראַנטער „ניו־סקול פאַר סאָשיעל ריסוירטש". דאָ איז ער איבער 50 יאָר געווען פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיע. אין דער דאָזיקער „ניו־סקול" האָב איך געהאַט די זכיה צו לערנען ביי אים אין משך פון עטלעכע יאָר, און שפּעטער אים צו באַטראַכטן ווי אַ רבי און אַ פרײַנד.

אַ שלאַנקע פיגור, מיט אַ שיינעם, סענסיטיוון פּנים, האָט קאַלען אויסגעזען ווי די פאַרקערפּערונג פון אַ גײַסטיקן אַריסטאָקראַט. אין זײַנע לעקציעס פאַר גרעסערע סטודענטן־אוידיטאָריעס פלעגט ער זיך אויס־צייכענען מיט זײַנע שאַרפזיניקע אַפאָריזמען־אַרטיקע פאָרמולירונגען, וואָס האָבן זיך אײַנגעקריצט אין זכרון ווי פּאָעמעס. אין די קליינע סעמינאַר־קלאַסן, ווו די סטודענטן האָבן געדאַרפט לייענען זייערע אַרבעטן, פלעגט ער זיך באַטייליקן אין דער דיסקוסיע אַרום דעם געגעבענעם ענין. אַן אַנדערש מאָל פלעגט ער געבן אַן אַרײַנפיר צו אַ פילאָסאָפישער שיטה און דערמאָנען די סטודענטן, אַז איידער זיי האָבן דורכגענומען דעם פילאָסאָף זאָלן זיי זיך צו זײַן געדאַנקען־גאַנג סימפּאַטיש, מיט אַן „אָפענעם קאָפּ", און ערשט שפּעטער אים קריטיקירן אָדער נעגירן.

צווישן די אַלע ביכער, וואָס קאַלען האָט פאַרעפנטלעכט לאָמיר דערמאָנען עטלעכע: „וויליאַם דזשיימס און אַנרי בערגסאָן", „איוב ווי אַ גריכישע טראַגעדיע", „ציוניזם און וועלט־פּאָליטיק", „קולטור און דעמאָקראַטיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן", „די דערציִונג פון פרײַע מענטשן", „ייִדישקייט אין קלעם", „קונסט און פרײַהייט", „סעקולאַריזם

איז גאָטס ווילן״. זייַנע לעצטע צוויי ביכער, וואָס זייַנען דערשינען מיט אַ קורצער צייַט צוריק, הייסן: „פרייַהייט, געלעכטער און טרערן״ און „אין וואָס איך גלויב — פּאַר וואָס, אפשר״. שוין די נעמען פון די ביכער אַליין באַווייַזן דעם פּאַרנעם פון זייַנע גייַסטיקע אינטערעסן, און די ברייטקייט פון זייַן וויסן. קענען מיר זיך דאָ, פאַרשטייט זיך, מיט די אַלע ענינים נישט פּאַרנעמען. מיר ווילן זיך דער עיקר אָפּשטעלן אויף אַ צענטראַלן זייַל אין קאַלענס אינטעלעקטועלן בנין — אויף זייַן טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם.

דער קולטור־פּלוראַליזם, וואָס קאַלען האָט אָנגעהויבן פאָרמולירן מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, איז איצט אַזוי אַקטועל ווי אין דער צייַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און האָט לעצטנס געפונען אַ געוואַלדיקן אָפּקלאַנג אין דער „נייַ־עטנישער״ באַוועגונג. דאָס איז דער געדאַנקען־גאַנג — אין קעגנזאַץ צו דער „שמעלצטאָפּ״־אידעע — וואָס שטרייַכט אונטער אַז מיר לעבן אין אַ וועלט וואָס איז פאַרשידנאַרטיק אין נאַציאָנאַלע און אינדיווידועלע אייגנשאַפטן, אין קונסט, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע; אַז די דאָזיקע פאַרשידנאַרטיקייט דאַרפן מיר מיט צופרידנ־קייט אָננעמען, ווייַל זי איז מסוגל צו באַרייַכערן דאָס לעבן פון יחיד און פון כּלל.

פאַר קאַלענען איז דער קולטור־פּלוראַליזם, דאָס רעכט צו זייַן אַנדערש, די אמתע אַמעריקאַנער אידעע; דאָס איז דער גלויבן, אַז אַלע מענטשן, ווי פאַרשיידן זיי זאָלן נישט זייַן איינער פון אַנדערן, זייַנען זיי באַרעכטיקט צו פרייַהייט, צו לעבן, און צו גליק; וואָרעם דאָס רעכט צו עקסיסטירן מיינט דאָס רעכט צו זייַן אַנדערש. עס מיינט, אַז דאָס געזעץ און די רעגירונג זייַנען די מיטלען וואָס דאַרפן פאַרזיכערן אָט די אַנדערש־קייט, צי פאַר יחידים, צי פאַר גרופּעס. מיט אַנדערע ווערטער: אַסימי־לאַציע איז פאַר קאַלענען אַנטי־אַמעריקאַניש, אַנטי־דעמאָקראַטיש. וואָרעם דאָס רעכט צו לעבן, פרייַהייט און גליק, וואָס ווערט אַרטיקולירט אין דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״ שליסט אייַן דאָס רעכט צו אַנדערשקייט נישט בלויז פאַר יחידים, נאָר אויך פאַר קאָלעקטיוון. די פאַרפאַסערס פון דער „דעקלאַראַציע״, וואָס האָבן אַרייַנגעשריבן אַז אַלע מענטשן זייַנען באַשאַפן געוואָרן „גלייַכע״ האָבן זיכער נישט געמיינט, אַז אַלע האָבן איין כאַראַקטער, אָדער אַז אַלע זייַנען די זעלביקע. מיט

דעם אויסדרוק „גלײַכע״ האָבן זיי געמיינט ווי אַנדערשדיקע. זיי האָבן אָנערקענט אַז גלײַכהייט שאַפט נישט אָפּ פאַרשידנאַרטיקייט אין דער נאַטור, אין דער קולטור, אין שפּראַך און מענטאַליטעט, נאָר אַז גלײַכהייט פּרעזערווירט די אַלע אונטערשיידן, כּדי מענטשן זאָלן ווערן באַפרײַט צו לעבן און צו וואַקסן אין הסכּם מיט זייערע פעיִקייטן.

צו „זײַן״ און צו „זײַן אַנדערש״ מיינט פאַר אַ מענטש דאָס זעלביקע, ווײַל קיין מענטשלעך לעבן — באַטאָנט דער סעקולאַריסט קאַלען — דאַרף נישט קיין סאַנקציע פון אַן אַנדער עקסיסטענץ, אַ מענטשלעכער, אָדער אַ נישט־מענטשלעכער, אַ נאַטירלעכער, אָדער אַן איבערנאַטירלעכער: „פאַר זיך אַליין האָט יעדן איינעמס לעבן אַ זינען אַפילו אויב — ווי געוויסע פראָפעסאָרן און פּאָעטן — עס קולטיווירט פאַר זיך אַ זינען דורך דעם וואָס עס באַשולדיקט יענעם אַז זײַן לעבן האָט נישט קיין זינען״.

אין דער דאָזיקן עקשנותדיקן קאַמף וואָס קאַלען האָט אָנגעפירט פאַרן רעכט פון יחידים און גרופּעס אויף אַנדערשקייט, נעמט ער צו הילף איובֿן, וואָס האָט אַרויסגעפאָדערט און אָנגעקלאָגט גאָט אַליין:

„איך האָב נישט קיין האָפענונג;
איך ווייס אַז ער וועט מיך טייטן;
פון דעסטוועגן וועל איך אויפווײַזן
מײַנע וועגן פאַר אים״. (איוב י״ג)

אַוודאי האָט קאַלען געוווּסט, אַז די דאָזיקע מאָראַלישע און גײַסטיקע וויזיע, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט אין דער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט״, איז דערווײַל נאָך נישט רעאַליזירט אין דער פּאָליטיש־קולטורעלער ווירטשאַפט פון אַמעריקע. ער האַלט אָבער אַז מיר מוזן זיך באַמיען, אַז דאָס אַמעריקאַנער לעבן זאָל שטימען מיט דער „אַמעריקאַנער אידעע״.

ג

ווען קאַלען האָט, אין ערשטן פערטל פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, פאָרמולירט זײַן שיטה פון קולטור־פּלוראַליזם, האָט דאָ דאָמינירט די וווּלגאַרע אַמעריקאַניזאַציע פון „שמעלצטאָפּ״ אַז אַלע יוונים דאַרפן האָבן איין פּנים; אַז דער אימיגראַנט וואָס קומט אַרײַן אין אַמעריקע דאַרף

אַוועקוואַרפן דעם גאַנצן גײַסטיקן באַגאַזש וואָס ער האָט מיט זיך אַריבערגעבראַכט פון יענער זײַט אַטלאַנטיק; מ׳האָט נישט געוואָלט אָנערקענען, אַז דער אימיגראַנט האָט אויך עפעס צו געבן אַמעריקע, נישט בלויז צו נעמען בײַ איר. אין יענער צײַט איז קאַלען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן קאָנפאָרמיזם, קעגן קולטור־אימפעריאַליזם, פאַר קולטור־פלוראַליזם. דעמאָלט האָט קאַלען אַנטוויקלט זײַן שיטה, אַז די אַמעריקאַנער קולטור דאַרף זײַן באַזירט אויף אונטערשידן פון ראַסע, כאַראַקטער, סאָציאַלער ירושה, אינסטיטוציעס, מענטאַליטעט. די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, האָט ער דערקלערט, איז אַ סימפאָניע וואָס ווערט אויסגעשפילט פון אַן אָרקעסטער, אין וועלכן יעדע עטנישע גרופע איז אַן אינסטרומענט; און כאָטש יעדע גרופע שפילט איר טייל, טראָגן אַלע צו זייער חלק צו אַ האַרמאָנישער גאַנצקייט. דאָס איז אָבער נישט די גאַנצקייט פון טאָטאַליטאַרער גלייכשאַלטונג, נאָר פון פאַרשידענע מעלאָדיעס, וואָס יעדע גיט צו עפעס אייגנאַרטיקס צו דער סימפאָניע.

קאַלען האָט געוווּסט, אַז מיט דער צײַט אַנטוויקלט זיך אַן אַלגעמיינער אופן פון לעבן בײַ די אַלע עטנישע גרופעס, וואָס שטעלן צונויף די אַמעריקאַנער נאַציע. אָבער ער האָט אויך געוווּסט, אַז די באַזונדערע פעלקערשאַפטן הערן נישט אויף צו זײַן אַנדערש איינע פון דער אַנדערער, און אָנצוהאַלטן די דאָזיקע אַנדערשקייט איז נישט עפעס מיט וואָס מ׳דאַרף זיך שעמען, נאָר פאַרקערט: דאָס איז אין גײַסט פון דער אמתער אַמעריקאַנער אידעע. „טאָפלטקייט (ד. ה. ייִדיש־אַמעריקאַנער איריש־אַמעריקאַנער, א.א.וו.) איז אַ פאַקט וואָס דרינגט דורך אַלע לעבנס־מדרגות. אַ מענטש איז גלײַכצײַטיק אַ זון און אַ מאַן; אַ ברודער און אַ פרײַנד; אַ פראַקטישער מענטש און אַ סטודענט; אַ מיטגליד אין אַן עטנישער גרופע און דער בירגער פון אַ נאַציע".

קאַלענס קולטור־פלוראַליזם האָט, פאַרשטייט זיך, געהאַט אויסצושטיין אַ געוואַלדיקע קעגנערשאַפט. אייניקע האָבן געטענהט, אַז דאָס קען פירן צו דער באַלקאַניזאַציע פון אַמעריקע. אַנדערע סאָציאָלאָגן — אַזעלכע וואָס האָבן אָפגעשאַצט דעם ווערט פון גרופע־אייגנאַרטיקייט — האָבן געהאַלטן, אַז דער קולטור־פלוראַליזם איז געקומען צו שפעט; אַז ס׳איז בײַ די דאָ־געבוירענע דורות נישטאָ דער ווילן און דער אינטערעס צו פרעזערווירן זייער עטנישע אידענטיטעט אין אַמעריקע; אַז אַן עטנישע

שפּראַכן וועט נישט זײַן קיין באַנד וואָס וועט צוזאַמענהאַלטן די עטנישע גרופּעס.

דער אויפשטײַג פון עטנישן באַוווּסטזיין במשך די לעצטע יאָרן לייקנט אָפּ די אַלע קאַטעגאָרישע באַהויפּטונגען. די באַוועגונג פאַר עטנישער אידענטיטעט צווישן די שוואַרצע און פּאָרטאָריקאַנער האָט אָן שום ספק אויך סטימולירט דעם ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין ביי אַ באַדײַטנדיקן סעגמענט פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער סטודענטשאַפט. אָבער וואָס עס זאָלן נישט זײַן די סיבות פון דעם נײַעם קלימאַט בנוגע די מינאָריטעט־קולטורן אין אַמעריקע, איז עס אַ פאַקט, אַז במשך די לעצטע צען יאָר האָט קאַלענס קולטור־פּלוראַליזם באַוויזן, הגם אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם, און אין אַנדערע באַדינגונגען ווי די וואָס האָבן דאָ געהערשט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, אַז די טעאָריע איז אַקטועל און אין תּוך אַנוועגדבאַר. ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט דער אַמעריקאַנער קאָנגרעס דורכגעפירט דעם „עטנישן ירושה־שטודיעס־פּראָגראַם־געזעץ”, וואָס אויטאָריזירט דעם פעדעראַלן קאָמיסיאָנער פון דערציִונג צו סובסידירן פּראָגראַמען, וואָס וועלן פאַרשפּרייטן וויסן בנוגע דער געשיכטע, קולטור און טראַדיציעס פון די פאַרשידענע עטנישע מינאָריטעטן אין אַמעריקע.

דאָס דאָזיקע געזעץ מאַניפעסטירט דעם באַנקראָט פון דער „שמעלץ־טאָפּ”־אַסימילאַציע און עס אַפירמירט עטנישקייט ווי אַ פּאָזיטיוון, קאָנסטרוקטיוון כּוח אין דער הײַנטיקער אַמעריקע. דאָס געזעץ לאָזט אונדז אויך הערן אַז די מורא וואָס קאַלענס קעגנערס האָבן פאַרשפּרייט, אַז דער קולטור־פּלוראַליזם וועט פירן צו פּאָלאַריזאַציע, צו צעברעקלונג פון אַמעריקע, אָט די מורא איז גרונטלאָז. וואָרעם אויב די אַמעריקאַנער יוגנט וועט לערנען וועגן די ספּעציפישע פּראָבלעמען, וועגן דעם פאַרשידנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, וועגן די פּרנסות, וועגן דעם בײַטראָג צו אַמעריקע וואָס אַלע מינאָריטעטן האָבן דאָ געמאַכט וועט דאָס נישט צעברעקלען אַמעריקע, נאָר זי צעמענטירן און דעמאָקראַטיזירן.

אַפילו אויב איר זאָלט זײַן סקעפּטיש וועגן דעם ווילן פון די נישט־ייִדישע עטנישע גרופּעס אין אַמעריקע אויפצוהאַלטן דאָ זייער קולטורעלע אַנדערשקייט, מוזט איר צוגעבן אַז איין עטנישע גרופּע — די ייִדישע — האָט באַוויזן דעם כּוח זיך אויפצוהאַלטן אין משך פון טויזנטער יאָרן ווי אַן אייגנאַרטיקע מינאָריטעט, און דערצו אַפילו — אין געוויסע עפּאָכעס

און לענדער — אַן אַן אייגענער שפּראַך; ביי ייִדן האָט שפּראַך נישט אַלע מאָל געשפּילט די הויפּטראָלע פון אַ צעמענטירער. מיט אַן אייגענער שפּראַך, אָדער אָן אַן אייגענער שפּראַך איז די ייִדישע עקשנות אָנצו־האַלטן די אייגענע אידענטיטעט אַ סך שטאַרקער בײַ ייִדן אין אַמעריקע, ווי בײַ אַנדערע מינאָריטעטן.

דערצו ווערט די באַוועגונג פון דעם נײַעם קולטור־פּלוראַליזם גע־שטאַרקט פון דער מאָדערנער פּסיכאָלאָגיע, וואָס לערנט אונדז, אַז עטנישע אידענטיטעט איז נישט בלויז אַן אויסדרוק פון דראַנג מצד דער גרופּע צו ווען בלײַבן לעבן; דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון דער באַדערפעניש בײַ דעם מאָדערנעם מענטש זיך צו באַשיצן קעגן אויסגעוואָרצלטקייט, אָפּגעפרעמדקייט, אַנאָנימקייט. עס איז דאָ אַ וויכטיקער עלעמענט אין דער מענטשלעכער נאַטור, וואָס צווינגט אים צוזאַמענצוגיסן זײַן אייגנזאַמע, אינדיווידועלע אידענטיטעט מיט זײַן שטאַמגרופּע. הייסט עס, אַז נישט בלויז צוליב קיום־האומה, נאָר אויך צוליב דעם יחידס פּסיכישע נויטן דאַרף אַ מענטש האָבן עטנישע אָנגעהעריקייט.

אָבער וואָס עס זאָל נישט זײַן די סיבה פון דראַנג פאַר ייִדישן קיום — סאָציאָלאָגישע, אָדער פּסיכאָלאָגישע טעמים — איז עס אַן אומבאַ־שטרײַטבאַרער פאַקט, אַז אַמעריקאַנער ייִדן ווילן לעבן ווי אַ באַזונדער קאָלעקטיוו, און צו שטאַרקן דעם ווילן בײַ סעקולערע, וועסטערניזירטע ייִדן אין היגן קיבוץ האָט אַ סך בײַגעשטײַערט דער פּיאָנער־דענקער האָראַס קאַלען.

ד

וואָס איז פאַר קאַלענען דער מהות, דער קווינטעסענץ פון ייִדישקייט? אמתע ייִדישקייט — אין קעגנזאַץ צו העלעניזם — איז גלויבן, האָפענונג, רעספּעקט פאַרן יחיד, רעכט פון מינאָריטעטן און קאַמף פאַר גערעכטי־קייט; „צו גלויבן אין לעבן אָפילו פּנים אל פּנים מיטן טויט, און גלויבן אין גוטסקייט אָפילו פּנים אל פּנים מיט רשעות, צו האָפן אויף בעסערע צײַטן וואָס וועלן קומען און צו אַרבעטן, אַז זיי זאָלן קומען — אָט דאָס איז ייִדישקייט... דער תּוך פון ייִדישקייט איז וועלטלעך, הומאַניסטיש, וויסנשאַפטלעך, און די ייִדישע רעליגיע איז בלויז איין אַספּעקט פון ייִדישקייט, דאָס וואָס האָט אַ שײַכות צו גאָט״.

אין זײַנע אויפֿטריטן פֿאַר ייִדישע דערציִערס האָט קאַלען נישט אויפֿגעהערט צו באַטאָנען, אַז ייִדישע דערציִונג אין אונדזער צײַט מוז פֿאַרבינדן דעם עבר מיטן הײַנט און צוגרייטן פֿאַרן מאָרגן — אין דער ראָם פֿון וויסנשאַפֿט און כּסדרדיקע ענדערונגען. און ווײַל ער האָט געגלויבט אַז דערציִונג איז פֿאַרן לעבן, נישט פֿאַר דאָגמעס און הייליקע טעקסטן, דערפֿאַר האָט ער אָפּגעשאַצט דעם ווערט פֿון ייִדיש און דער ייִדיש־קולטור. כּדי ייִדיש וויסן זאָל זײַן גאַנץ און געזונט, דאַרף עס אײַנשליסן אַלע קולטור־שטרעמונגען און באַוועגונגען אין ייִדישן לעבן, אויב נישט — וועט ייִדישע דערציִונג זײַן אַ טויטער רעקאָרד, נישט אַ לעבעדיקער קערפּער.

מיר קענען סומירן, אַז דער בריליאַנטענער דענקער און קעמפֿער קאַלען האָט אויסגעטראָטן אַ וועג מיט זײַן פּיאָנערישן קולטור־פּלוראַליזם פֿאַר דעם הײַנטיקן נײַעם עטניציזם; אַז ער איז געווען אַ מוסטער פֿון אַ שעפֿערישן ייִד וואָס לעבט און שאַפֿט אין צוויי קולטורן: אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער; ער האָט מאַניפֿעסטירט אַז ייִד זײַן מיינט שטיין אויפֿן פֿאָסטן פֿון גײַסטיקייט און הומאַניזם. ער האָט מיט זײַן קולטור־פּלוראַליזם אויפֿגעבויט אַן אידעיִשן יסוד פֿאַר אַ וועלטלעך, אייגנאַרטיק, שעפֿעריש ייִדיש לעבן אין אַמעריקע. פֿאַר סעקולערע ייִדן וואָס ווילן זײַן געטרײַ צו זיך וועט זײַן פּערזענלעכקייט און זײַן ירושה זײַן אַן אינספּיראַציע און אַ וועגווײַזער.

(1974)

מאָריס ר. קאָהען — דער ייִדישער און אַמעריקאַנער פילאָסאָף

עס ווערט איצט דרײַסיק יאָר זינט עס איז אַוועק פון אונדז מאָריס רפאל קאָהען, דאָס ייִדיש־רוסישע אימיגראַנטישע ייִנגל וועלכער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע אַמעריקאַנער פילאָסאָפן און באַרימטסטע אוניווערסיטעט־לערערס פון אונדזער צײַט — „אַ מאָדערנער סאָקראַטעס״. ער איז געווען נישט בלויז אַ פילאָסאָף וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די טעכנישע פּראָבלעמען פון פילאָסאָפיע, נאָר אַ ליבעראַלער דענקער פאַר וועמען דאָגמאַטיזם אויף יעדן געביט איז געווען אָפּשטויסנדיק. ער האָט האַרמאָניש קאָמבינירט דעם שאַרפן, אַנאַליטישן מוח פון אַ לאָגיקער און דעם אידעאַליזם פון אַ מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן אינטעלעקטואַל. ער איז געווען אַ קעמפער פאַר אומפּאָפּולערע זאַכן, וואָס האָט אויך נישט פאַרגעסן אַז אידעאַליסטן קענען מאַכן אַ טעות; אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט וועלכער האָט געוווּסט אַז די זוכערס פון אמת זענען בלויז אַ קליינע מינאָריטעט.

מאָריס קאָהען איז געבאָרן געוואָרן אין 1880, אין דער שטאָט נעסוויזש, ווײַסרוסלאַנד. אין עלטער פון 12 יאָר איז ער אַריבערגעבראַכט געוואָרן קיין אַמעריקע, און אַכט יאָר שפּעטער האָט ער גראַדויִרט פון סיטי־קאָלעדזש, אין ניו־יאָרק. אין 1906 האָט ער באַקומען זײַן דאָקטאָראַט אין פילאָסאָפיע, פון האַרוואַרד־ אוניווערסיטעט. פון 1912 ביז 1938 האָט קאָהען געלערנט פילאָסאָפיע אין סיטי־קאָלעדזש, און אַ דאַנק זײַן שאַרפזין און איראָניע איז ער געוואָרן באַרימט ווי אַ זייער סטימולירנדיקער לערער. צווישן די פילצאָליקע ביכער וואָס קאָהען האָט פאַרעפנטלעכט וויל איך דערמאָנען בלויז עטלעכע: „דער זינען פון מענטשלעכער געשיכטע״, „שכל און נאַטור״, „אַן אַרײַנפיר צו לאָגיק און וויסנשאַפטלעכן מעטאָד״ (צוזאַמען מיט ערנסט נאַגעל), „דער גלויבן פון אַ ליבעראַל״, „די נסיעה פון אַ בעל־חלומות״, און „באַטראַכטונגען פון אַ פרעגנדיקן ייִד״.

בײַם סוף פון די צוואַנציקער יאָרן האָב איך גענומען אַ קורס מיט קאָהענען, אין דער „ניו־סקול פאַר סאָשיעל ריסוירטש", און בין געוואָרן שטאַרק באַאײַנדרוקט פון זײַן ברילִיאַנטענער לאָגיק און ערודיציע. אַ מענטש פון מיטעלן וווּקס, מיט אַ הויכן שטערן און מידע אַנגעשטרענגטע אויגן, האָט ער דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער אַלטמאָדישער ייִדישער תּלמיד־חכם וואָס זיצט על התורה והעבודה יומם ולילה. קאָהען איז אָבער נישט געווען קיין אָפּגעשלאָסענער קאַבינעט־מענטש, נאָר ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די שטרײַט־פֿראַגן אויפן „מאַרקפּלאַץ".

קאָהענס מוטערשפּראַך איז געווען ייִדיש, און במשך זײַן גאַנץ לעבן, אַפילו דעמאָלט ווען ער איז שוין געווען באַרימט אין אַמעריקאַנער אַקאַדעמישע קרײַזן, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער ליבשאַפֿט צו ייִדיש; ער פלעגט זאָגן, אַז אַ גרויסן טייל פון זײַן בילדונג האָט ער צו פאַרדאַנקען דער ייִדישער פּרעסע. אין די פריע צוואַנציקער יאָרן איז ער געוואָרן אַקטיוו אין „אָרט", און אין 1933 האָט ער אָרגאַניזירט „די קאָנפערענץ פאַר ייִדישע באַציִונגען" צו וועלכער ער האָט זיך געווידמעט במשך די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן. ער האָט זיך באַטייליקט אין גרינדן דעם וויכטיקן קוואַרטאַלניק „דזשואיש סאָשיעל סטאַדיס", און ער איז געווען איינער פון די גרינדערס און דער ערשטער פּאָרזיצער פון דעם „פאָרשונג־אינסטיטוט וועגן שלום, און נאָך־מלחמה־פּראָבלעמען" פון אַמע־ריקאַנער ייִדישן קאָמיטעט. ער פלעגט אויך אויפטרעטן בײַם י. ל. פּרץ שרײַבער־פאַראיין און בײַם ייִוואָ. קאָהען איז געשטאָרבן דעם 25סטן יאַנואַר, 1947.

איצט, דרײַסיק יאָר נאָך זײַן טויט, ווען אידעאָלאָגיעס האָבן פאַרלאָרן זייער אַמאָליקן צויבער, ווען גרונט־דאָקטרינען אין פּאָליטישע איזמען ווערן אָפּגעפרעגט; ווען מיר ווייסן אַז מען קען נישט באַווײַזן וויסנ־שאַפֿטלעך וועלכע ווערטן עס זענען העכער ווי אַנדערע — איצט איז כּדאַי צו באַטראַכטן די יסודותדיקע אידעען פון מאָריס קאָהען; זיי האָבן אַלע אַ שײַכות צו אונדזערע הײַנטיקע פּראָבלעמען.

ב

קאָהענס וועלטבאַנעם און לעבנס־חכמה האָבן געוואָרצלט אין זײַן דאָקטרין פון פּאָלאַריטעט. די דאָזיקע דאָקטרין לערנט אונדז אַז קעגנ־

זעצלעכע עלעמענטן אָדער כּוחות עקסיסטירן זײַט בײַ זײַט אין יעדער סיטואַציע, אָדער ענטיטעט, און אַז אַלע דערקלערונגען און לייזונגען פון פּראָבלעמען זײַנען אָפּהענגיק נישט פון אָפּוואַרפן איין פּרינציפּ לטובת אַן אַנדערן, נאָר פון געפינען דעם געהעריקן באַלאַנס צווישן די צוויי היפּוכים — ווי למשל האַמעווען אַן אויטאָמאָביל בעת מען פאָרט באַרג־אַראָפּ. לויט דער דאָקטרין קומט אויס, אַז פּרינציפּן וואָס מ׳נעמט געוויינלעך אָן אַז זיי זענען זיך סותר — ווי איינִיקייט און פּלוראַליטעט, דאָס באַשטענדיקע און דאָס פליסנדיקע, דאָס אידעאַלע און דאָס רעאַלע, דאָס אוניווערסאַלע און דאָס פּאַרטיקולאַריסטישע, פּונקט ווי דער צפונדיקער און דער דרומדיקער פּאָלוס פון אַ מאַגנעט — אָט די כּלומרשט קעגנזעצלעכע פּרינציפּן זײַנען פאַרבונדן איינער מיטן אַנדערן ווען מ׳ווענדט זיי אָן צו יעדער וויכטיקער ענטיטעט.

אָט דעם פּרינציפּ פון פּאָלאַריטעט האָט קאָהען אָנגעווענדט צו סאָציאַלע, ווי צו פיזישע און ביאָלאָגישע דערשײַנונגען. „די אידעע אַז די נאַטור פון זאַכן ווענדט זיך אין אַ גלײַכוואָג פון קעגנזעצלעכע כּוחות, און אַז דעריבער, כּדי צוצוקומען צום תּוך פון דערשײַנונגען, דאַרף מען באַטראַכטן דעם ענין פון היפּוכדיקע שטאַנדפּונקטן, אָט דער פּרינציפּ איז געוואָרן אַ פּערמאַנענטער טייל פון מײַן פילאָסאָפישן באַנעם. דער איינזען אַז אייקלידישע און נישט־אייקלידישע געאָמעטריעס, אינדיווידואַליסטישע און סאָציאַליסטישע השקפות, מאָניסטישע און פּלוראַליסטישע פילאָסאָפיעס קענען עקסיסטירן איינע לעבן דער אַנדערער, און אַז יעדער איינע פון זיי זאָל אַנטפּלעקן אַ געוויסן אַספּעקט פון אַן אַלגעמיינעם אמת — אָט דאָס האָט מיר געגעבן אַן אַרײַנבליק אין כאַראַקטער פון ליבעראַלע ציוויליזאַציעס וואָס האָבן צו פאַרדאַנקען זייער שטאַרקייט, פּונקט ווי ווּיסנשאַפט און פילאָסאָפיע, צו דער דערמוטיקונג און טאָלעראַנץ פון פאַרשידענע מיינונגען לגבי דער אַלגעמיינער ווירקלעכקייט".[1]

אַרויסגייענדיק, דעריבער, פון פּרינציפּ פון פּאָלאַריטעט, האָט קאָהען נישט געהאַט קיין צוטרוי צו עקסטרעמע, איינזײַטיקע איזמען וואָס זײַנען

1. M. R. Cohen: A Dreamer's Journey: pp. 170--71, Beacon Press, Boston 1949.

אַרײַן אין דער מאָדע, און דערצו האָבן זיי געדראָט צו ווערן נײַע דאָגמעס אויפֿן פּלאַץ פֿון די אַלטע. עס איז אויך געווען אַ גרעסערע געפֿאַר אַז מענטשן וועלן אָננעמען די נײַע תּורות ווי אַבסאָלוטן, איידער זיי וועלן צוריקגיין צו די פֿריערדיקע דיסקרעדיטירטע אַני־מאמינס. דערפֿאַר איז נייטיק צו קעמפֿן שטאַרקער קעגן די נײַע געטער וואָס זײַנען נאָך יונג און פֿריש, ווי קעגן די געטער וואָס האַלטן שוין בײַם בין־השמשות. דער ליבעראַל, האַלט ער, באַטראַכט דאָס לעבן ווי אַן אַוואַנטורע אין וועלכער ער מוז ריזיקירן מיט נײַע סיטואַציעס, אָבער ווו עס איז נישטאָ קיין גאַראַנטיע אַז דאָס נײַע וועט אַלע מאָל זײַן גוט און אמתדיק.

במשך זײַן גאַנץ לעבן האָט קאָהען אָנגעהאַלטן אַן אַקטיוון אינטע־רעס אין סאָציאַלע פּראָבלעמען און רעפֿאָרמען, אײַנשטעלנדיק זיך פֿאַר פֿרײַהייט פֿון געדאַנק און פֿאָרשונגען. ער האָט באַקעמפֿט דעם קאָמוניזם און די רוסישע דיקטאַטור. ער ווענדט אָן אין זײַן סאָציאַלער פֿילאָסאָפֿיע דעם פּרינציפּ פֿון פּאָלאַריטעט: „עס דאַרף זײַן דער פּרינציפּ פֿון אָרדע־נונג, און דער פּרינציפּ פֿון פֿרײַהייט; קעגנערישע גרופּעס דאַרפֿן קאָאָפּערירן, ווײַל יעדער גרופּע מוז זײַן קלוג גענוג אײַנצוזען די נייטיקייט צו מאַכן קאָמפּראָמיסן מיט יענע, מיט וועלכע מיר מוזן לעבן און וועמען מיר ווילן נישט אויסראָטן".

ווי אַ סובטילער דענקער ווייס קאָהען אַז מיטלען ווערן אָפֿט פֿאַר־וואַנדלט אין צילן, און אַז צילן זײַנען מיטלען צו ווײַטערדיקע צילן. אין זײַן קאָרעספּאָנדענץ מיטן ריכטער פֿון הויפּטגעריכט האָמס דערקלערט דער פֿילאָסאָף בפּירוש: „איך באַטראַכט קיין מאָל נישט מיטלען ווי בלויז מיטלען. ווען מיר טראַכטן זיך אַרײַן פֿאַרשטייען מיר בעסער אַז דער אויסוואַל פֿון צילן שליסט אײַן די מיטלען, און דעריבער איז סטעריל דאָס אַלטע פּילפּוליסטישע פּראָבלעם: צי דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען? אַ ציל וואָס שליסט אײַן געוויסע מיטלען, ווי אַ הויזגעזינט וואָס שליסט אײַן געוויסע דינערס, ווערט איפּסאָ פֿאַקטאָ אומגעוווּנטשן".[2]

2. The Holmes--Cohen Correspondence, edited by Felix S. Cohen; p. 24.

ג

וואָס איז גוט, און וואָס איז שלעכט? וואָס איז מאָראַליש, און וואָס איז אוממאָראַליש? מאָריס קאָהען האָט זיך געראַנגלט מיט די דאָזיקע פראָבלעמען, און ער איז געווען באַוווּסטזיניק וועגן דעם אַז ס׳איז נישטאָ קיין וויסנשאַפטלעכער יסוד פאַר סימפאַטיזירן מיט איין אידעאַל אָדער האַנדלונג אַנטקעגן אַן אַנדער אידעאַל אָדער האַנדלונג. ער ווייסט אַז עס זײַנען דאָ אַ ריי שטערונגען וואָס דערלאָזן נישט אַז מיר זאָלן אָננעמען אַ וויסנשאַפטלעכע שטעלונג צו די לעבנסווערטן. ראשית, זײַנען מאָראַלישע שאַצונגען טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזערע אײַנגעוווינטע עמאָציאָנעלע שטעלונגען און אין דער סביבה פון וועלכער מיר זײַנען אַ טייל. עס איז דעריבער שווער פאַר אונדז זיך אָפצובינדן פון די וואָרצלען פון אונדזערע אײַנגעשטעלטע גלויבונגען און אָפצופרעגן וואָס עס שײַנט אונדז צו זײַן ריכטיק; עס איז אונדז נישט ווייניקער שווער צו האָבן די נייטיקע געדולד און אינטעלעקטועלע סימפאַטיע צו פאַר־קערטע שטאַנדפונקטן וועלכע מיר פאַראַכטן שיער נישט אינסטינקטיוו.

ענג פאַרבונדן מיט די דערמאָנטע מכשולים, איז אויך די נייגונג צו באַרעכטיקן אינסטיטוציעס וואָס עקסיסטירן. דער פאַקט וואָס אַן אינסטי־טוציע עקסיסטירט גיט די אַרגומענטן לטובת איר ווײַטערדיק לעבן אַן אומראַציאָנעלע, איבערצײַגנדיקע רבותא (פאַרהאַנט) איבער די אַרגו־מענטן קעגן איר עקסיסטענץ. פון דעסטוועגן וואַרפט קאָהען אָפ דעם שטאַנדפונקט אַז מאָראַל איז בלויז אַ פראַגע פון מיינונגען און קאָנווענ־ציאָנעלקייטן, און ער פירט אויס אַז כאָטש דער סקעפטיקער איז גערעכט, אַז ס׳איז פאַראַן אַרביטראַרקייט און נישט־באַוויזענע השערות אין יעדער מאָראַלישער שיטה, איז אָבער נישט געדרונגען אַז מאָראַלישע שיטות זײַנען געבויט אויף השערות, אָדער אַז אַלע השערות זײַנען גלײַך אמתדיק, אָדער גלײַך פאַלש.[3] מיר קענען טאַקע נישט באַשטימען וויסנשאַפטלעך אַז דער ווערט פון איין אידעאַל איז גרעסער פון אַן אַנדערן, אָבער מיר קענען קלאָר מאַכן דעם זינען און מעסטן די קאָנסעקווענצן פון געוויסע

---

3. M.R. Cohen: Reason and Nature; pp. 427-38; Harcourt, Brace & Co, 1931.

ווערטן. „אַנערקענען אַז קיין צייטעדיקע האַנדלונג קען נישט פולשטענדיק פאַרקערפערן דעם אידעאַל, אַט דאָס ראַטעוועט אונדז פון דעם געצנדי־נערישן קולט צו אַ ספּעציעלער אידעע, וואָס, ווי גוט זי זאָל נישט זיין, פאַרשטעלט זי דעם וועג צו אַ בעסערער אידעע. אַזוי אַרום האַלטן מיר אָפּן דעם וועג צו רעפאָרם. אָבער דאָס האַלט אונדז אָפּ פון דער פאַטאַלער אילוזיע אַז מיר קענען אַ מאָל האָבן, אָדער אַרונטערברענגען דעם הימל אויף דער ערד — אַן אילוזיע וואָס איז דער מקור פון אַ סך וואָס איז נאָבל, אָבער אויך פון אַ שרעקלעכן פאַנאַטיזם וועלכער האָט פאַרהאַקט די טויערן פון רחמים פאַר דער מענטשהייט״.[4])

אָבער בעת קאָהען איז פריי פון דער אילוזיע אַז מיר קענען וויסנ־שאַפטלעך באַשטימען וועלכע ווערטן עס זיינען בעסער און וועלכע ערגער, איז ער סימפּאַטיש צו ספּינאָזאָס מיינונג אַז ליידנשאַפטלעכער רחמנות פאַר אונדזערע מיטמענטשן איז אַ מענטשלעכע שוואַכקייט וואָס מיר טאָרן נישט פאַרלירן. אין דער זעלביקער צייט באַטאָנט ער אַז עס איז נישט גוט זיך צו אידענטיפיצירן אין גאַנצן מיט די מאַסן, כדי מיר זאָלן נישט ווערן אָנגעשטעקט פון זייערע צעמישענישן און קאָמפּולסיעס, „ווייל ווער עס וויל פריידיקן צו יענע וואָס זיינען אין מאַרקפּלאַץ, מוז זען ווייטער ווי דער מאַרקפּלאַץ. ער מוז אַרויפגיין אַליין אויפן באַרג תפילה טאָן... און ווייזן אַ ביישפּיל פון חכמה פון איינעם וואָס קען לעבן אַליין מיט זיין אידעאַל״[5]). אמתע אינטעליגענץ, ווייסט דער דענקער, מוז אַנערקענען די גרענעצן און באַגרענעצטקייטן פון מענטשלעכן שכל, און דער פילאָסאָף, וואָס וויל היילן די קראַנקייטן פון כלל, מוז קריטיש עקזאַמענירן און דעזינפיצירן זיינע אינסטרומענטן. אויב נישט, קען ער אָנשטעקן אַנדערע מיט זיינע טעותן.

ד

פּיעטעט — לויט סאַנטיאַנאָס דעפיניציע: יראת־הכבוד פאַר די וואָרצלען פון אונדזער זיין — איז פאַר קאָהענען געווען אַ קאָנסעקווענץ

4. ibid. p. 438.

5. M. R. Cohen: The Faith of a Liberal; pp. 385-7; H. Holt & Co., N.Y. 1946.

פון סאָקראַטעסעס דעוויז: „קען זיך". און אַ ייִד וואָס וויל זיך קענען, און וויל פירן אַ ווירדיק לעבן, מוז קענען די געשיכטע פון זײַן פאָלק; פאַר אַן אַמעריקאַנער ייִד, האָט קאָהען געהאַלטן, איז אויך וויכטיק צו פאַרשטיין די גרויסע ראָלע וואָס די ייִדישע טראַדיציע האָט געשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון אַמעריקאַנער געדאַנק, און אין דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע פון די פּוריטאַנישע צײַטן ביזן הײַנטיקן טאָג. ווי פאָרזיצער פון דער „תּלמודישער ביבליאָטעק", האָט פּראָפ' קאָהען, צוזאַמען מיט ד"ר חיים טשערנאָוויץ, זיך באַמיט צו שאַפן אַן ענציקלאָפּעדיע וועגן תּלמוד, ווײַל ער האָט געהאַלטן אַז דער תּלמוד איז אַן אייגנאַרטיקער אויפטו אין דער געשיכטע פון ציוויליזאַציע, און אַזאַ דערגרייכונג וואָס וואַרפט אַ ווײַס ליכט אויף דעם היסטאָרישן ווערט און אַלגעמיינעם באַטייט פון ייִדישע בײַשטײַערונגען צו דער וועלטקולטור.

ניִשט געקוקט אויף קאָהענס איינזײַטיקן צוגאַנג צום ציוניזם, און אויפן פאַקט וואָס ער האָט זיך באַטראַכט פאַר אַן אַטעיִסט, האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן פרוידס טעאָריע אַז רעליגיע איז אַ נעוראָזיס פון דער מענטשהייט. ווען פרויד האָט פאַרעפנטלעכט זײַן בוך „משה און דער מאָנאָטעיִזם", איז קאָהען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם פּסיכאָלאָגס טעזיס אין שײַכות צו יהדות. ווי באַקאַנט, האָט פרויד אין דעם דערמאָנטן בוך אַנטוויקלט דעם אויסטערלישן טעזיס אַז משה רבינו איז געווען אַ מצרי וועלכער האָט געבראַכט פון מצרים די רעליגיע פון מאָנאָטעיִזם, וואָס ער האָט געגעבן צו ייִדן; אַז נאָך אַ ריי מרידות וואָס ייִדן האָבן געמאַכט קעגן משהס אויטאָריטעט איז ער דערהרגעט געוואָרן אין מדבר; אַז נאָך משהס טויט האָבן ייִדן געליטן פון חרטה. דעריבער איז זײַן אָנדענק זיי געוואָרן טײַער, און דערפאַר האָבן זיי צום סוף אָנגענומען דעם מאָנאָטעיִזם.

דעם דאָזיקן טעאָרעטישן בנין האָט קאָהען פולשטענדיק דעמאָלירט און באַוויזן אַז פרוידס מעטאָד מיט וועלכן ער אָפּעריִרט איז ניִשט בעסער ווי דער מעטאָד מיט וועלכן מען וויל באַווײַזן אַז בייקאָן האָט געשריבן שעקספּירס דראַמעס און פּאָעמעס. מיטן זעלביקן מעטאָד קען מען באַווײַזן אַז שעקספּיר האָט געשריבן בייקאָנס ווערק. פרויד אַליין גיט צו אַז זײַן אופן פון באַנוצן זיך מיט ביבלישע לעגענדעס און טראַדיציעס איז „אַרביטראַר און אויטאָקראַטיש", אַז ער באַנוצט זיך מיטן תּנ"ך צו

באַשטעטיקן זײַן טעאָריע ווען עס איז אים באַקוועם, און אַז ער וואַרפט אָפּ ביבלישע ראיות ווען זיי זײַנען סותר זײַנע אויספירן. „זײַן תּירוץ אַז אַלע אַנדערע מחברים האָבן אויך אַזוי געטאָן איז איינע פון יענע דערקלערונגען וואָס מ׳קען אָנשרײַבן ווײַל פּאַפּיר איז געדולדיק און עס פּראָטעסטירט נישט״ [6]).

וואָס שייך פרוידס באַהויפּטונג אַז ייִדן האָבן דערהרגעט משהן — די צענטראַלע טעמע פון פּסיכאָלאָגס בוך — דאָס איז, לויט קאָהענען, אין גאַנצן גרונטלאָז, און אַ בײַשפּיל פון אַלטן זאָג: „איך גלייב ווײַל ס׳איז אַן אַבסורד״. קאָהען גיט אָן אַ ריי פאַקטן וואָס באַווײַזן אַז פרויד איז ווייניק באַקאַנט מיט דער וועלט־געשיכטע פון אַלטערטום, דעריבער האָט ער זיך אײַנגערעדט אַז אַלע פעלקער האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטע אויפן זעלביקן אופן לויט אַ באַשטימטן אַפּריאָרי־מוסטער וואָס ווײַזט זיך אונדז אויס גלייבווערדיק. אָבער דאָס, זאָגט קאָהען, איז מיטאָלאָגיע, נישט געשיכטע: „די אידעע אַז געשיכטע אומעטום הייבט זיך אָן מיט דעם פאָטער וועלכער הרגעט זײַנע זין, און די זין הרגענען דעם פאָטער, דאָס איז בלויז אַ מאָדערנער בײַשפּיל פון דעם נצחון פון דעם מיטאָלאָגישן אינטערעס איבער דעם זאַכלעכן, וויסנשאַפטלעכן ווונטש אויסצוגעפינען וואָס עס האָט אין דער אמתן פּאַסירט. אָבער ס׳איז נישט שווער אײַנצוזען די לאָגישע דעפעקטן פון דער פּראָצעדור. אויב מאָנאָ־טעיִזם איז געווען דער רעזולטאַט פון אוניווערסאַלן פאָטער־קאָמפּלעקס, פאַר וואָס איז דער מאָנאָטעיִזם נישט אויפגעקומען איבער דער גאַנצער וועלט זינט דעם אָנהייב פון דער געשיכטע? פאַר וואָס האָבן ייִדן פאַר־געטערט די כנענישע בעלים... און ערשט שפּעטער, נאָך אַ סך לײַדן, האָבן זיי אַנטוויקלט די קאָנצעפּציע אַז יהוה איז דער איינציקער אמתער גאָט?״ [7]).

אָפּוואַרפנדיק מיט אומבאַשטרײַטבאַרער לאָגיק די פּסיכאָאַנאַליטישע טעאָריע אין שײַכות צום מאָנאָטעיִזם, איז קאָהען געבליבן אַ קעגנער פון אַלע פאָרמען פון טעיִזם, ווײַל ער האָט נישט געקענט אויסשטימען

6. M. R. Cohen: Reflections of a Wondering Jew.; p. 141, Beacon Press, 1950.

7. ibid. p. 146.

די רעאַליטעט פון שלעכטס מיט דער אידעע פון אַ גוטהאַרציקן און אַלמעכטיקן גאָט. פון דעסטוועגן, דערציילט ער אונדז אין זיין רירנדיקער אויטאָביאָגראַפיע: „די נסיעה פון אַ בעל־חלומות״, ווי אין די שפּעטער־דיקע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער אָפּגעשאַצט די ראָלע פון ריטואַל אין מענטשנס עקסיסטענץ: „אין די טעג פון מײַן ערשטן יוגנטלעכן רעוואָלט קעגן ייִדישע פרומקייטן בין איך געווען געניגט צו באַטראַכטן קולטוס, תּפילה און ריטואַל פון קנאַפּער וויכטיקייט אין פאַרגלײַך מיט אמונה... מײַנע אייגענע שטודיעס פון די גרויסע היסטאָרישע רעליגיעס האָבן מיך אָבער געפירט אײַנצוזען אַז ריטואַל איז אַן עיקרדיקער פאַקט אין מענטש־לעכער רעליגיעזער דערפאַרונג... מענטשן טוליען זיך צו פאַרהייליקטע פּראַזן נישט בלויז צוליב די אַרײַנבליקן וואָס זיי פאַרמאָגן, נאָר מער דערפאַר ווײַל דורך ריטואַל און איבערחזרונג זײַנען זיי געוואָרן אַראָמאַ־טיש מיטן ווײַן פון מענטשלעכער דערפאַרונג. יעדן איינעם פון אונדז באַט אַן דער סימבאָליזם פון אונדזער קינדהייט אַ וועג צו שלום און פאַרשטענדעניש וואָס קען קיין מאָל נישט ווערן פאַרביטן דורך אַנדערע סימבאָליזמען. פאַר מיר זײַנען די אַלטע צערעמאָניעס וואָס פײַערן דאָס אָנקומען און אַוועקגיין פון לעבן, די חתונה־צערעמאָניע, דער ברית, די לוויה, זיי אַלע גיבן אַן אויסדרוק דער קאָנטינויִטעט פון דער גײַסטיקער טראַדיציע וואָס איז מער עלאָקווענט ווי וועלכע עס איז פּראַזן וואָס איך קען אויסטראַכטן... און כאָטש איך בין קיין מאָל נישט צוריקגעגאַנגען צו טעאָלאָגישער איבערנאַטירלעכקייט, בין איך געקומען דערצו אַז איך זאָל אָפּשאַצן מער ווי אַ מאָל דעם סימבאָליזם דורך וועלכן מיר פײַערן די מענטשלעכע נויטווענדיקייט צו געטרויען זיך אין אַ גרעסערער וויזיע לויט וועלכער קאַטאַסטראָפעס קומען און גייען אַוועק, אָבער די קאָנטי־נויִטעט פון לעבן און גלויבן אין בעסערע מעגלעכקייטן האָבן אַ תּקומה״.

דערמיט האָט מאָריס קאָהען דעמאָנסטרירט אַז אויך אַ וועלטלעכער ייִד — אויב ער איז געטרײַ צו זיך און באַוווסטזיניק וועגן די טיפסטע יוירונגען אין זײַן וועזן — איז אַ רינגעלע אין דער „גאָלדענער קייט״ וואָס ציט זיך פון הר־סיני ביז ניו־יאָרק.

(1977)

8. M. R. Cohen: A Dreamer's Journey; pp. 217–18.

נאָרמאַן טאָמאַס — דער עטישער סאָציאַליסט

פאַר ייִדישע ראַדיקאַלן פון אַלערליי שאַטירונגען, וואָס האָבן דאָ אין אַמעריקע געלעבט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, איז דער טויט פון נאָרמאַן טאָמאַס — אין עלטער פון 84 יאָר — אַ פּערזענלעכע איבער־לעבונג. וואָרעם איר האָט געמעגט האַלטן אַז דער סאָציאַליסטישער פירער האָט מער ווי איין מאָל, אין משך פון זיין רייכער און אויפטוע־רישער געזעלשאַפטלעכער קאַריערע געבלאַנדזשעט, — האָט איר פון דעסטוועגן פאַרערט זײַנע געוואַלדיקע מעלות און טאַלאַנטן ווי אַ מענטש און אַ פירער; איר האָט געמעגט וויסן, אַז ער האָט זיך נישט אויס־געצייכנט מיט קיין אָריגינעלע, טיפע געדאַנקען, אָבער איר זײַט אַלע מאָל געווען זיכער אַז „זיין האַרץ איז אויפן ריכטיקן אָרט". ער איז געווען און געבליבן זײַן גאַנץ לעבן אַן איבערגעגעבענער פירער, אַ רעבעל, וואָס איז נישט אַרײַנגעפאַלן אין נעץ פון אָפּאָרטוניזם און קאַריעריזם, ווי ס'איז ליידער געשען מיט אַ ריי סאָציאַליסטישע פירערס דאָ, און אין אַנדערע לענדער. נאָרמאַן טאָמאַס איז פאַרבליבן אַ פאָלקס־טריבון, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען צו קעמפן פאַר יעדער גערעכטער זאַך, ווי זײַן געוויסן און זײַנע איבערצייגונגען האָבן אים דיקטירט.

לאָמיר דאָ אָנצייכענען עטלעכע צענטראַלע דאַטעס אין זײַן לעבן. ווי באַקאַנט האָט טאָמאַס געשטאַמט פון אַ משפחה פון פּרעסביטעריאַנער גלחים, אין אָהײַאָ. ער האָט אין 1905 גראַדוירט פון פּרינסטאָן־אוניווער־סיטעט און איז געוואָרן אַ גײַסטלעכער אין אַ האַרלעמער קירכע. ער האָט, ווי אַ סך גײַסטלעכע אין יענער צײַט זיך אָפּגעגעבן מיט העלפן נויטבאַדערפטיקע אין די שטאָטישע „סלאָמס" און אָט די דאָזיקע דער־פאַרונגען האָבן אים געפירט צום סאָציאַליזם. גלײַכצײַטיק איז ער, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, געוואָרן אַ פּאַציפיסט. נאָך דעבסעס טויט, אין 1926, איז טאָמאַס געוואָרן דער אָנערקענטער פירער פון דער אַמע־ריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. צוויי יאָר שפּעטער איז ער געווען

איר פּרעזידענט־קאַנדידאַט, און אַזוי האָט ער קאַנדידירט אויפן זעלביקן אַמט ביז 1948. ער איז צוזאַמען מיט ראַדזשער באַלדווין געווען דער איניציאַטאָר ביים גרינדן די „סיוויל ליבערטיס יוניאַן". אין 1922 איז ער געוואָרן צוזאַמען מיטן באַקאַנטן סאָציאַליסטישן געלערנטן הערי ליידלער קאָ־דירעקטאָר פון דער „ליגע פאַר אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע", וואָס ער האָט אָנגעפירט ביז 1937. די דאָזיקע „ליגע" האָט במשך צוויי צענדליק יאָר דער עיקר זיך קאָנצענטרירט אויף פאַרשפּרייטן די סאָציאַליסטישע אידעען צווישן דער סטודענטנשאַפט.

עס איז געווען, דוכט מיר, אין סוף פון יאָר 1927, ווען איך בין ווי אַ סטודענט אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש דעלעגירט געוואָרן צו אַ קאָנפערענץ פון דער „ליגע", וווּ איך האָב נענטער אָבסערווירט נאָרמאַן טאָמאַסן. צום אָפּשלוס פון דער קאָנפערענץ איז פאַרגעקומען אַ לאָנטשען ביי טאָמאַסן אין הויז, אין דער געגנט פון גראַמערסי־פּאַרק, ניו־יאָרק. עס איז געראָד געווען אַ פּאָר טעג פאַר ניייאָר, און מיר האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן די קריסטלעכע סימבאָליק וואָס האָט באַצירט זיינע פענצטער און צימערן.

דער מכניס־אורח, טאָמאַס, איז אַרומגעגאַנגען צווישן די סטודענטן־געסט זייער פריינדלעך, צוגעלאָזן, חבריש. זיין גאַנצער אויסזען פון אַן איידעלן אַריסטאָקראַט, די הויכע שלאַנקע פיגור, די פאַרטראַכטע בלויע אויגן, דער הויכער שטערן מיט די שיטערע גרויע האָר, זיין גוטמוטיקער הומאָר, זיין רויִקער פּראָפעסאָרישער מאַניער פון רעדן, זיין רייכע מעטאַלענע שטים — אַלץ אין אים האָט געוועקט צוטרוי. ער איז געקומען צום סאָציאַליזם — ווי ער אַליין דערציילט — לאַנגזאַם, נישט־ווילנדיק, און אין זיין סאָציאַליסטישן וועלטבאַנעם איז געווען אַ גרויסער עלעמענט פון אַן עטישן צוואַנג, אַ מוז, אַ מאָראַלישער חוב.

דער עטישער מקור פון זיין סאָציאַליזם האָט אים אָפּגעראַטעוועט פון קאָמוניסטישן מיראַזש, פון וועלכן אַזוי פיל סאָציאַליסטן זיינען געוואָרן פאַר אַ צייט פאַרבלענדט. ער האָט קיין מאָל נישט געפלירטעוועט מיטן קאָמוניזם, וואָרעם פאַר אים זיינען פרייהייט, טאָלעראַנץ, ציווילע רעכט, מענטשלעכקייט, געווען גרונט־עיקרים אין סאָציאַליזם. ער האָט גאַנץ פרי דערקענט דעם אַנטי־הומאַניסטישן כאַראַקטער פון לענין־טראָצקי־סטאַלין־קאָמוניזם, און ער איז קיין מאָל נישט נתפעל געוואָרן

פון זייערע כּלומרשטע עקאָנאָמישע אויפטועון מיט די „5־יאָר־פּלענער", וואָס וועלן אַריבעריאָגן דעם קאַפּיטאַליזם. אין 1930, ווען ער איז צוריק־געקומען פון רוסלאַנד, האָט ער געזאָגט: „דאָס וואָס עס געשעט אין רוסלאַנד איז נישט סאָציאַליזם. און ס׳איז נישט דאָס וואָס מיר ווילן ברענגען קיין אַמעריקע, אָדער אין אַן אַנדער לאַנד". ער האָט געוווסט אַז דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם איז דער היפּוך פון דיקטאַטאָריש־ביוראָקראַטיש־ברוטאַלן קאָמוניזם, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר די אוממענטשלעכסטע מעטאָדן צו דערגרייכן זײַנע צילן.

אין טאָמאַסעס וואַריאַנט פון סאָציאַליזם איז נישט אַרויסגערוקט געוואָרן דער קלאַסנקאַמף — הגם ער האַלט אויך פון נאַציאָנאַליזירן די מיטלען פון פּראָדוקציע. ער איז קעגן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז פּאַקטיש די מאַכט פון אַ מעכטיקער ביוראָקראַטיע; ער איז, ווי אַ פּאַציפיסט, קעגן דער אידעע פון רעוואָלוציע. וועגן מאַרקסן זאָגט ער אין איינעם פון זײַנע ביכער: „צי קען אַ דור וואָס איז ווײַט אַוועק פון ניוטאָנס פיזיק און דאַרווינס ביאָלאָגיע, גלויבן אַז מאַרקס, וואָס איז געווען אַ קינד פון זײַן צייט, איז אומפעלבאַר?"

ווי אַ פּאַציפיסט איז טאָמאַס געווען קעגן אַמעריקעס אַרײַנטריט אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אָבער אָט דער פּרינציפּ האָט אים געפירט אויך אַרויסצוקומען קעגן אַמעריקעס אָנטייל אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער נאַציזם האָט געדראָט — דורך זײַן מעגלעכן נצחון — אָפּצווישן אַלע פרײַהייטן, און אײַנצושטעלן אַ ממשלה פון שקלאַפעריי פאַר אַלע פעלקער. ער איז דאָ געפאַלן אַ קרבן פון אַ פּרינציפּ, וואָס איז נישט געווען גילטיק אין שײַכות צום נאַציזם. וואָרעם עס איז דאָך געווען נאַיִוו צו טראַכטן, אַז צווישן נאַציזם־פאַשיזם און אַמעריקאַנער דעמאָק־ראַטיש קאָנטראָלירטן קאַפּיטאַליזם איז נישטאָ קיין וועזנטלעכער אונטער־שייד. ער האָט אָבער געמיינט, אַז די מלחמה קען ברענגען פאַשיזם אין אַמעריקע גופא. שפּעטער האָט ער טײלווײַז פאַרריכט זײַן טעות, ווען ער האָט אײַנגעזען אַז אַ דײַטשישער נצחון אין דער צווייטער וועלט־מלחמה „קען פאַראורטיילן די וועלט צום נידעריקסטן קרײַז פון גיהנום". אָבער ווען אַמעריקע האָט גענוצט די אַטאָמישע באָמבע אין יאַפּאַן, איז ער שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן. פּונקט אַזוי האָט ער באַקעמפט אַמעריקעס

אָנטייל אין דער וויעטנאַמער מלחמה. „מיר מוזן אויפהערן צו טראַכטן אַז גאָט האָט אונדז גערופן צו זײַן די פּאָליציי פון דער וועלט״.

צווישן טאָמאַסעס נאָענטע אַרויסהעלפערס זײַנען געווען אַזעלכע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן ווי דזשאָן דיואי, דער גײַסטלעכער פּאַצי־פיסט דזשאָן היינז האָלמס, דער אַמעריקאַנער ייִדישער מנהיג ראַביי סטיווען ווייז, און דער פילאָסאָף־טעאָלאָג ריינהאָלד ניבויר. להיפּוך צו ניבוירן וואָס האָט אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר ייִדיש־נאַציאָנאַלע נויטן — סיי דאָ, סיי אין ישראל — הערן מיר פון טאָמאַסן קיין מאָל גאָרנישט אין שײַכות צו די פּראָבלעמען פון ייִדישן קאָלעקטיוו. בעת דער טיפער דענקער ניבויר וואַגט צו פאַרגלײַכן — אין שײַכות מיט דער פראַגע פון מינאָריטעט־פעלקער — דעם רוסישן מאַרקסיסטישן אוניווערסאַליזם (לייען: קאָמוניזם) צום אַמעריקאַנער ליבעראַלן אוניווערסאַליזם מיט זײַן „שמעלצטאָפּ״־טעאָריע — ביידע * זײַנען, לויט אים, אין דער אמתן קולטור־אימפּעריאַליזמען וואָס ווילן אויפעסן די מיעוט־קולטורן דורך אַסימילאַציע — בלײַבט טאָמאַס גלײַכגילטיק צום פּראָבלעם פון ייִדישן קיום. דער ערשטער באַטאָנט אַז ייִדן האָבן אַ רעכט צו בלײַבן לעבן ווי אַן אייגנאַרטיקער קאָלעקטיוו סיי דאָ אין אַמעריקע, סיי אין ארץ־ישראל — און דאָס נישט בלויז אין נאָמען פון גערעכטיקייט, נאָר אויך צוליב דער הויכער קוואַליטעט פון דער ייִדישער קולטור. פון טאָמאַסן הערן מיר גאָרנישט וועגן דעם. אין דעם פּרט איז ער נישט אַנדערש פון אַ סך נישט־ייִדישע סאָציאַליסטן וואָס זײַנען בלינד צום נאַציאָנאַלן אַספּעקט אין דער מענטשלעכער עקסיסטענץ. זיי מיינען אַז מיטן לייזן געוויסע עקאָנאָמישע נויטן האָבן זיי שוין פאַרענטפערט אַלע קאַרדינאַלע לעבנס־פּראָבלעמען.

מיט טאָמאַסעס טויט איז אַוועק אַ קעמפער־אידעאַליסט וואָס האָט דערלעבט צו זען ווי אַ סך פון זײַנע אידעען זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געזעץ — אונטערן „ניו־דיל״ פון רוזוועלטן און „פעיר־דיל״ פון טרומאַנען. ער האָט מיט זײַן אַגיטאַציע, מיט זײַן קאַמפּיינעווען אַ סך בײַגעטראָגן צו העלפן שאַפן די איצטיקע „וווילשטאַנד־מלוכה״. ער איז

---

* ס׳איז, פאַרשטייט זיך, אַ גרויסער אונטערשיד צווישן רוסישער „טאָלעראַנץ״ צו ייִדישער קולטור און אַמעריקאַנער טאָלעראַנץ.

געווען אַן אָפּנייגער וואָס האָט געוווּסט אַז דער ווערט פֿון אָפּנייגן ליגט ניִשט אין סתּם נאָן־קאָנפֿאָרמיזם, נאָר כּדי איבערצושאַצן כּסדר אונדזערע ווערטן אין ליכט פֿון אמת.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט טאָמאַסן רעדן מיט צוויי יאָר צוריק ביי אַ טרויער־פֿאַרזאַמלונג אין אָנדענק פֿון זײַן פֿריינד א. דזש. מאָסטי — דער רעליגיעזער סאָציאַליסט. טאָמאַס איז שוין געווען דרײַ פֿערטל בלינד, און מען האָט אים געדאַרפֿט צופֿירן צו דער פּלאַטפֿאָרם. אָבער זײַן שטים האָט נאָך אַלץ געקלונגען קלאָר, רײַך, און דער אינהאַלט פֿון זײַן רעדע פּרעציז און עלאָקווענט, — און ווי אַלע מאָל עכט און אויפֿריכטיק. ער איז אַוועק רײַך אין אויפֿטוען, מיט זייער אַ גוטן נאָמען, פֿאַרערט און אַפֿילו געליבט פֿון אַ סך מענטשן אין אַמעריקע. ער איז געווען באַרעכטיקט צו טראַכטן ווי ער האָט ניִשט לאַנג צוריק געזאָגט — „ס'איז אַן אויפֿטו צו פֿילן אַז איך האָב פּראַקטיצירט מײַן גלויבן, אָדער איך האָב זיך באַמיט עס צו טאָן; צו האָבן געהאַט אַ חלק אין געוויסע זאַכן וואָס מיר האָבן דערגרייכט אויפֿן פֿעלד פֿון ציווילע פֿרײַהייטן, אויפֿן פֿעלד פֿון בעסערע ראַסן־באַציִונגען — דאָס זײַנען אויפֿטוען צו מײַן קרעדיט".

(1969)

האַנס קאָהן — היסטאָריקער פון נאַציאָנאַליזם

א

דער מאָדערנער נאַציאָנאַליזם וואָס איז דערשינען אויף דער וועלט־אַרענע אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט, שטעלט מיט זיך פאָר — ווי באַקאַנט — אַ מעכטיקן עקספּלאָזיוון כּוח, וואָס האָט באַווירקט די נײַ־צײַטיקע געשיכטע נישט ווייניקער ווי רעליגיע און סאָציאַליזם; און פּונקט ווי רעליגיע איז געווען דער הויפּטפּאַקטאָר אין די אייראָפּעיִשע מלחמות און בירגער־קריגן פון 16טן און 17טן יאָרהונדערט, אַזוי האָט דער נאַציאָנאַליזם געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין „צוגרייטן" און דערפירן אונדזער יאָרהונדערט צו צוויי וועלט־מלחמות. אַוודאי טאָר מען נישט פאַרגעסן די טיפע אונטערשידן צווישן די פאַרשידענע שאַטי־רונגען אין נאַציאָנאַליזם, און דעם געוואַלטיקן מהלך וואָס עס טיילט אָפּ דעם ליבעראַלן מאַזיני פון דעם רעאַקציאָנערן דאָסטאָיעווסקי — די „נביאים" פון איטאַליענישן און רוסישן נאַציאָנאַליזם, — אָבער דערבײַ מוז מען אויך געדענקען אַז כאָטש די כּלומרשט סאָציאַליסטישע אימ־פּעריעס פון אונדזער צײַט, — סאָוועט־רוסלאַנד און כינע, — זײַנען נאָך אַלץ אין זייערע אָפיציעלע דעקלאַראַציעס אוניווערסאַליסטיש, איז פון דעסטוועגן קלאָר פאַר יעדן ערלעכן אָבסערווירער אַז דער הויפּט־יסוד פון זייער פּראַקטישער פּאָליטיק איז אַזאַ אָדער אַנדער וואַריאַנט פון נאַציאָנאַליזם.

דער היסטאָריקער האַנס קאָהן, וואָס איז נאָר וואָס אַוועק פון דער וועלט (דעם 16טן מערץ 1971) האָט זיך דער עיקר אָפּגעגעבן מיט פאָרשן און פאַרטײַטשן דעם נאַציאָנאַליזם. ער האָט אָנגעשריבן אַ סך ביכער איבער דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, אָבער זײַן הויפּט־ווערק איז „די אידעע פון נאַציאָנאַליזם"; עס איז דערשינען אין עטלעכע שפּראַכן און אין עטלעכע אויפלאַגעס.

פאַר האַנס קאָהנען, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין 1891 אין פּראָג,

דער הויפּטשטאָט פון דער שפּעטערדיקער טשעכאָסלאָוואַקיע — אַ שטאָט אין דער האַבסבורגער פיל־פעלקערלעכער עסטרייך־אונגאַרן — איז געווען נאַטירלעך ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט פאָרשן די נאַציאָנאַלע פראַגע. אויף דער טעריטאָריע האָבן געלעבט אַ סך פעלקער און דאָ זענען אויפגעקומען אַ ריי טעאָרעטיקערס וואָס האָבן געגעבן אויסדרוק צו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן.

ווי די מערסטע יידישע יונגעלייט אין פּראָג איז האַנס קאָהן אויפגעוואָקסן צווישן דער דייטש־רעדנדיקער מינאָריטעט. ער האָט געלערנט אין אַ דייטשישער גימנאַזיע, און אין דייטשישן אוניווערסיטעט האָט ער באַקומען — אין עלטער פון 21 יאָר — זיין דאָקטאָראַט אין יוריספּרודענץ.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען אַ סאָלדאַט אין דער עסטרייכישער אַרמיי, איז ער געוואָרן געפאַנגען פון די רוסן. פאַר פינף יאָר צייט האָט ער געלעבט, ווי אַ מלחמה־געפאַנגענער, אין טורקעסטאַן און סיביר. דאָ האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צוצוקוקן פון דער נאָענט צו דער רוסישער רעוואָלוציע און דעם בירגערקריג. ער איז צוריקגעקומען דורך יאַפּאַן קיין אייראָפּע און געלעבט במשך עטלעכע יאָר אין פּאַריז און לאָנדאָן, ווו ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „אינדעפּענדענט לייבאָר־פּאַרטי". שפּעטער, אין 1925, באַזעצט ער זיך אין ירושלים ווו ער שטודירט במשך 8 יאָר די פּאָליטיק און געשיכטע פון מיטעלן מזרח. ער פאַרעפנטלעכט דעמאָלט זיינע ערשטע שטודיעס — דריי ביכער — איבער דעם נאַציאָנאַליזם אין אָריענט.

אין אַמעריקע האָט קאָהן זיך באַזעצט אין 1933, און דאָ האָט ער געלעבט ביזן סוף פון זיינע טעג. ער איז באַלד נאָכן אָנקומען אַהער געוואָרן פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין סמיט־קאָלעדזש, און שפּעטער אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש.

ב

קאָהנס הויפּט־ווערק „די אידעע פון נאַציאָנאַליזם" וואָס איז דאָ דערשינען אין 1944, איז אַ טיפע שטודיע איבער דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם פון די עלטסטע צייטן ביז 1789 — ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע וואָס האָט גרינטלעך געענדערט די מערב־וועלט. די רעוואָלוציע וואָס

האָט זיך צו ערשט אָנגעהויבן אין אַמעריקע און פראַנקרײַך האָט אַרויס־גערוקט, און געשטויסן פאָרויס דעם נאַציאָנאַליזם; וואָרעם דער מאָדערנער נאַציאָנאַליזם און די דעמאָקראַטיע זײַנען אויפגעקומען אין דער זעלביקער צײַט, אָבער געוואָרצלט האָבן זיי אין באַזונדערע קוואַלן. דער נאַציאָנאַליזם האָט זיך גענערט פון די קאָלעקטיווע געפילן פון כּלל, בעת די דעמאָק־ראַטיע איז געווען באַזירט אויפן גלויבן אַז יעדער מענטש האָט אַ רעכט צו פרײַהייט, גלײַכהייט, און איז „אַ ציל פאַר זיך", נישט קיין מיטל צו אַן אַנדער ציל. יעדער מענטש — האָט געלערנט יאָהאַן הערדער, — אַ פאָטער פון נאַציאָנאַליזם — קען דערגרייכן זײַן אַליין־רעאַליזירונג בלויז און דורך זײַן נאַציאָנאַליטעט. און דאָס איז אמת וועגן אַלע נאַציאָנאַלי־טעטן, סײַ די פאָרגעשריטענע, סײַ די פרימיטיווע. אַלע זײַנען הייליק. די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז די אָפּהיטערן פון דער נאַציע און דער באָדן אויף וועלכן ס'וואַקסט אויס די נאַציאָנאַלע קולטור, אַזוי אַז די נאַציאָנאַלע שפּראַך איז געוואָרן פאַר הערדערן אַ הייליקער אינסטרומענט. יעדער יחיד קען זײַן עכט בלויז ווען ער טראַכט און שאַפט אין זײַן נאַציאָנאַלער שפּראַך. פאַר הערדערן האָבן שפּראַך און נאַציאָנאַליטעט די בכורה איבער דער מלוכה.

אָבער בעת אַזוי איז עס געווען בײַם אָנהייב פון מאָדערנעם נאַציאָ־נאַליזם, איז די שפּעטערדיקע אַנטוויקלונג אַוועק אויף פאַרשידענע וועגן אין פאַרשידענע לענדער. בײַ די סקאַנדינאַוון, בײַ די שווייצער, בײַ די אַמעריקאַנער און ענגלענדער איז דער נאַציאָנאַליזם געוואָרן געקירעוועט אין אַ פרידלעך־דעמאָקראַטישער ריכטונג, בעת בײַ די דײַטשן, די רוסן, און די איטאַליענער איז ער געוואָרן שאָוויניסטיש־טאָטאַליטאַריש.

אין אַ ריי פאַרשונגען וואָס האַנס קאָהן האָט פאַרעפנטלעכט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ווײַזט ער אָן אויף דער סכּנה וואָס עס דראָט דער פרײַער וועלט מצד די מערב־אינטעלעקטואַלן וואָס העלפן אונטער־מינירן איר פעיִקייט צו טראַכטן קלאָר און ערלעך, און צו משפּטן מאָראַלישע ווערטן. זיי פאַרשפּרייטן דעם מיטאָס, אַז נאַציאָנאַליזם איז אַלע מאָל גוט, בעת אין דער אמתן ווענדט זיך דאָס אין דער קאָנקרעטער היסטאָרישער סיטואַציע, אין אינדיווידועלן פאַל, אין סאָציאַלן און קול־טורעלן קאָנטעקסט. ער רופט אויפסנײַ צו באַטראַכטן דעם באַגריף נאַציאָ־נאַליזם — אַ שלאָגוואָרט מיט פאַרשידענע טײַטשן.

אַזוי למשל זײַנען די גלאָררײַכע פּעריאָדן פון אויפבלי אין איטאַליע־נישער שעפערישקייט — אין דער צײַט פון מיקעל אַנדזשעלאָ, טאַסאָ און גאַלילעאָ; און פון דער דײַטשישער קולטור אין די צײַטן פון לעסינג, קאַנט, געטע און בעטהאָווען — פאָרגעקומען בעת די צוויי לענדער זײַנען געווען שוואַך אין נאַציאָנאַליסטישן זין. דאָך פּרובירן נאַציאָנאַליסטישע שרײַבערס אונדז אײַנרעדן — קעגן אַלע היסטאָרישע באַווײַזן — אַז מאַכט און נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט זײַנען די פאָרבאַדינגונגען פאַר דעם יחידס אינטעליגענץ, און דעם נאַציאָנאַלן זשעני צו ווערן צײַטיק.

בײַם אויפקום פון נאַציאָנאַליזם איז עס געווען אַ באַוועגונג פאַר די רעכט פון יחידישער פרײַהייט, פאַר די רעכט פון בירגער, פאַר אַן אָפענער געזעלשאַפט. יאָהאַן הערדער, דער פאָטער פון דײַטשישן נאַציאָנאַליזם, האָט פײַנט געהאַט דעם פרײַסישן מיליטאַריזם. מאַזיני, דער פאָטער פון איטאַליענישן נאַציאָנאַליזם, האָט געהאַלטן אַז דעם מענטשנס ערשטער חוב איז צו דער מענטשהייט, און אַז מאָראַל איז נישט באַגרענעצט צו לאַנד און פאָלק. אַזוי האָט מען געגלויבט מיט הונדערט יאָר צוריק.

אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — האַלט האַנס קאָהן — אַז ס׳איז געווען אַ שרעקלעכער טעות אויסצומישן נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט מיט אינדיווידועלער פרײַהייט. אין די מערסטע פאַלן — צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — זײַנען די נײַע נאַציאָנאַליזמען, דער פאַשיסטישער און דער קאָמוניסטישער, פײַנטלעך און פאַראַכטלעך צו אינדיווידועלער פרײַהייט און קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס. דער קאָמוניזם, וואָס איז אין אָנהייב געווען אַן אַנאַציאָנאַלע און אַנטי־נאַציאָנאַלע באַוועגונג, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „נאַציאָ־נאַלן סאָציאַליזם”. אַפילו אין די האָניק־חדשים פון פרײַנדשאַפט צווישן אַמעריקע און רוסלאַנד — אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָט קאָהן געוואָרנט אַז דער פאַשיזם און דער קאָמוניזם זײַנען צווילינג־ברידער.

אוודאי ווייסט פּראָפ׳ קאָהן אַז בײַם איבערשאַצן דעם נאַציאָנאַליזם טאָר מען נישט באַרעכטיקן אונטערדריקונג אָדער דאָמינירונג פון איין פאָלק איבערן אַנדערן. אָבער דאָס מיינט נישט אַז דער וואָס איז הײַנט דער אונטערדריקטער איז מאָראַליש העכער און גערעכט אין יעדער סיטואַציע. אַזעלכע זייער קאָמפּליצירטע דערשײַנונגען ווי נאַציאָנאַליזם,

סאָציאַליזם, אימפּעריאַליזם זײַנען פאַרשידן אין אינהאַלט, און קאָנסע־קווענצן לויט די היסטאָרישע באַדינגונגען.

מיט אומבאַשטרײַטבאַרער לאָגיק באַווײַזט פּראָפ׳ קאָהן די פאַלשקייט פון לענינס טעאָריע אַז אימפּעריאַליזם איז דער פּראָדוקט פון שפּעטן קאַפּיטאַליזם, און אַז דאָס מיינט עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע. רוסלאַנד און כינע זײַנען לויט זייערע אייגענע דעפיניציעס אַנטי־קאַפּיטאַליסטיש און דעריבער אַנטי־אימפּעריאַליסטיש. אין דער אמתן פאַרדעקן די אַלע פאַלשע דעפיניציעס אַ ווירקלעכקייט אין וועלכער די צוויי קאָמוניסטישע אימפּעריעס דריקן אונטער צענדליקער פעלקער אין אייראָפּע און אַזיע אויף אַ ברוטאַלן אופן.

ג

האַנס קאָהן איז אויפגעוואַקסן אין פּראָג, און די לופט פון דער שטאָט האָט אים געמאַכט פאַר אַ סטודענט פון געשיכטע. די שטודיע פון געשיכטע האָט אים איבערצײַגט אַז די מאַרקסיסטישע קאָנצעפּציע פון געשיכטע ווי אַ ראַציאָנעלער פּראָצעס וואָס פירט צו אַן ענדציל, שאַצט אונטער די איראַציאָנעלע, עמאָציאָנעלע כּוחות וואָס מאָטיווירן מענטשן, און זי שאַצט אויך אונטער די ראָלע און די וויכטיקייט פון צופאַל אין דער געשיכטע. די דאָזיקע מאַרקסיסטישע קאָנצעפּציע איז פאַקטיש די סעקולאַריזירונג פון דעם אַלטן רעליגיעזן גלויבן אַז די מענטשהייט וועט דערלייזט ווערן דורך אַ באַשטימט פאָלק, אָדער קלאַס. אַזאַ אויפפאַסונג פון אַ משיחיש־זינפולער געשיכטע איז צומערשט פּראָקלאַמירט געוואָרן דורך די נביאים. אָבער ווי יורשים פון דער השׂכּלה — האַלט קאָהן — קענען מיר נישט צוריקגיין צו אַ נײַעם רעליגיעזן, אָדער וועלטלעכן דאָגמאַטיזם, אַז ס׳איז דאָ אַן אומפאַרמײַדלעכער געשיכטלעכער גאַנג.

אָבער, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער היסטאָריקער קען נישט אָננעמען דעם נביאישן קוק אויף געשיכטע, איז אים פון דעסטוועגן שטאַרק טײַער די נביאישע עטיק, און טראַדיציע. ייִדישקייט און די ייִדישע פּראָבלעמאַטיק האָבן קאָהנען באַשעפטיקט במשך אַ סך יאָרן.

אין עלטער פון 17 יאָר, ווען ער איז נאָך געווען אַ סטודענט אין גימנאַזיע, האָט זיך קאָהן אָנגעשלאָסן אין „מכּבי־פאַראיין" און איז געוואָרן אַ קולטור־ציוניסט. זײַנע שול־חברים זײַנען דעמאָלט געווען דער

פּראָפעסאָר אין ירושלימער אוניווערסיטעט הוגאָ בערגמאַן, און דער פּראָמינענטער ציוניסטישער פּובליציסט ראָבערט וועלטש. שפּעטער, ווען קאָהן האָט געלעבט אין ארץ ישראל, האָט ער צוזאַמען מיט מאַרטין בובער און יהודה לייב מאַגנעס געגרינדעט דעם „ברית שלום". ער האָט דעמאָלט, אין 1931, אַרויסגעגעבן אַ בוך (אויף פראַנצויזיש): „יידישער הומאַניזם" — ווי ער ווידמעט אַן עסיי דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור: י. ל. פּרץ. ער באַצייכנט פּרצן ווי אַ סקעפּטיקער און מיסטיקער מיט קלאָרע אויגן. אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער דערציילונג „צווישן צוויי בערג" און אויף דער דראַמע „די גאָלדענע קייט", דערקלערט פּראָפ' קאָהן אַז פּרץ איז דער ערשטער אויטענטישער שרײַבער אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער יידישער ליטעראַטור, וועלכער דריקט אויס דעם גורל און די טראַגיק פון מאָדערנעם מענטש.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש אַז דער פאַרדײַטשטער, אַסימילירטער מערב־אייראָפּעיִשער ייד האַנס קאָהן, האָט געפונען זײַן הויפּט־רבי אין יידיש־קייט אין דעם מזרח־אייראָפּעיִשן יידישן דענקער אחד העם. דער באַגרינ־דער פון גײַסטיקן ציוניזם, דער „עטישער נאַציאָנאַליסט" אחד העם, האָט אים אימפּאָנירט און באַגײַסטערט. אַ דאַנק אחד־העמס אינטעלעקטועלער ערלעכקייט, אַ דאַנק זײַן ניכטערן און אחריותדיקן רעאַליזם, און זײַן פאַראַכטונג פאַר רעטאָריק און דעמאַגאָגיע, האָט האַנס קאָהן אַרײַנ־געשטעלט אחד העמען אין דער גאַלעריע פון זײַנע באַליבטע טעאָרעטי־קערס פון נאַציאָנאַליזם — אין דער זעלביקער ריי ווי עס שטייען דזשאָן סטואַרט מיל און טאָמאַס מאַסאַריק.

אחד העמס טיפסטער אַרײַנבליק און זײַן אָפּווײַכן פון הויפּטשטראָם אין פּאָליטישן ציוניזם, איז באַשטאַנען אין זײַן באַטאָנען אַז נישט דער ציוניזם, און נישט קיין שום אַנדער „איזם" קענען לייזן ענדגילטיק דאָס „יידישע פּראָבלעם", ווײַל עס איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַזוי אייגנאַרטיק, אַז עס פאַרלאַנגט פון זײַנע אָנהענגערס אַ זייער טיפן באַנעמען פון געשיכטע, פון נאַציאָנאַליטעט, און פון יידישן לעבן; און דאָס אַלץ צו פאַרלאַנגען איז „אומנאָרמאַל", נישט־שכלדיק.

דאָס האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן — האַלט קאָהן — אין שײַכות צו דער ישראלדיקער יוגנט. דער דור פון אייראָפּעיִש געבוירענע ציוניסטישע דערציִערס וואָס האָט געשטרעבט צו „נאָרמאַליזירן" די סאַבראַס, איז

געוועץ אַזוי דערפאַלגרייך, אַז זייערע „נאָרמאַליזירטע״ פּראָדוקטן פּילן נישט קיין באַזונדער קרובהשאַפט מיטן ייִדישן עבר און מיט די תּפוצות. דאָס איינפירן די „תּודעה יהודית״ (ייִדישער באַוווסטזיין) שפּיגלט אָפּ אַ גרינטלעכע איבערשאַצונג פון דער ציוניסטישער פילאָסאָפיע מיט איר נעגאַטיוון צוגאַנג צום גלות.

דאָס באַווייזט אָבער אויך אַז יחידים און באַוועגונגען לערנען עפּעס פון דערפאַרונג. מיר האָבן זיך טאַקע צום טייל אויסגעלערנט נישט האָבן קיין צוטרוי צו אַן אַבסאָלוטן מיטל צו אַלע צרות און אוטאָפּיעס, וואָס קומען מיט פּרעטענזיעס אויף ענדגילטיקע לייזונגען פון קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען; אָבער טיילווייזע לייזונגען טאָר מען אויך נישט פאַראַכטן. שפּאַנונגען און קאָנפליקטן צווישן פעלקער און יחידים וועלן פאַרבלייבן, פּונקט ווי אונטערשידן אין כאַראַקטער, טעמפּעראַמענט און אינטערעסן.

פון דעסטוועגן, ווייסט דער היסטאָריקער קאָהן, אַז מע טאָר נישט זיין פאַרצווייפלט. מע קען עפּעס — נישט אַלץ — דערגרייכן דורך כּסדרדיקן שטיין אויף דער וואַך און אויפקלערן דעם אמת. עס זיינען אויך פאַראַן האָפנונגספולע אַספּעקטן אין דעם איצטיקן וועלטבילד. זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קומט פאָר אַן איבערגאַנג פון אַן אייראָפּעיִש געפירטער וועלט צו אַן אוניווערסאַלער אָרדענונג, אין וועלכער אַלע פעלקער און ציוויליזאַציעס באַגעגענען זיך צום ערשטן מאָל אין אַ געמיינזאַמער אָנשטרענגונג. עס קומט אויף — הגם פּאַמעלעך און פאַרן פּרייז פון אַ סך ליידן — אַ בשותּפותדיקע מענטשהייט. און אין דעם אַלעם האָבן נישט קיין קליינעם חלק אַזעלכע היסטאָריקערס ווי האַנס קאָהן.

(1971)

וואַלטער ליפּמאַן — דער פּאָליטישער דענקער

ווען וואַלטער ליפּמאַן איז דעם 14טן דעצעמבער 1974 געשטאָרבן אין עלטער פון 85 יאָר, איז עס געווען אַן איבערלעבונג פאַר אַ סך, וואָס האָבן אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אים געלייענט מיט טיפן אינטערעס, אַפילו ווען זיי האָבן נישט געקענט מיטגיין מיט אים דעם „גאַנצן וועג". איר האָט געקענט נישט מסכּים זײַן מיט געוויסע שטעלונגען זײַנע, וואָס ער האָט גענומען צו „אייביקע" און צײַטפראַגן, האָט איר זיך דאָך נישט געקענט באַפרײַען פון זײַן באַצווינגענדיקער לאָגיק, זײַן שאַרפן אַנאַליז און זײַן פּשטותדיק־עלעגאַנטן סטיל.

ליפּמאַן, דער זון פון רײַכע, ייִדיש־דײַטשישע עלטערן, איז געבאָרן געוואָרן אין ניו־יאָרק, און ער האָט, ווײַזט אויס, נישט געקראָגן קיין שום ייִדישע דערציִונג. ער האָט געענדיקט דעם האַרוואַרד־אוניווערסיטעט נאָך דרײַ יאָר שטודיום און איז אין די סטודענטישע יאָרן געוואָרן אַ סאָציאַליסט. שפּעטער, אין 1914, איז ער געווען איינער פון די גרינדערס פון דער ליבעראַלער וואָכנשריפט „ניו־רעפּאָבליק". בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט בײַם פאָרמולירן פּרעזידענט ווילסאָנס „פערצן פונקטן". נישט לאַנג נאָך דעם איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „דהי וואָרלד", און ווען די „וואָרלד" איז אונטערגעגאַנגען, אין 1931, איז ליפּמאַן אַריבער צו דער רעפּובליקאַנער צײַטונג „העראַלד טריביון", ווו ער האָט געשריבן צוויי מאָל אַ וואָך אַ קאָלום אונטערן נאָמען „הײַנט און מאָרגן". דער דאָזיקער קאָלום פלעגט ווערן געדרוקט אין 200 צײַטונגען איבערן גאַנצן לאַנד. די דערמאָנטע ניו־יאָרקער צײַטונג איז טאַקע געווען אַ רעפּובליקאַנישע, אָבער ליפּמאַן איז נישט געוואָרן קיין רעפּובליקאַנער, ער איז געבליבן אומאָפּהענגיק אין זײַנע מיינונגען, און איר פלעגט פילן ביים לייענען זײַן קאָלום אַז ער פּרובירט זיך דערגרונטעווען צום תּוך פון פּראָבלעם, נישט געקוקט דערויף, צי ס׳וועט געפעלן דעם אָדער יענעם פּאָליטיקער. די הויפּט־קריטעריע פאַר ליפּמאַנען איז געווען, צי וועט די לייזונג פון

פּראָבלעם פירן צו דעם, אַז אַמעריקע זאָל פאַרבלײַבן אַ מוסטער־דעמאָק־ראַטיע פאַר דער מערב־וועלט. זײַן קאָלום איז טאַקע פאַר מיר און פאַר אַ סך אַנדערע געווען אַ „מוז", אַ נויטווענדיקייט. און ווען ער האָט, אין 1967, זיך צוריקגעצויגן פון דער צײַטונג, האָט ער שטאַרק אויסגעפעלט. עס האָט זיך אַ סך מאָל געוואָלט וויסן וואָס טראַכט ליפּמאַן וועגן די אַלע נײַע קאָמפּליצירטע סיטואַציעס, אין וועלכע אַמעריקע און די מערב־וועלט געפינען זיך די לעצטע יאָרן.

אין די 20 ביכער, וואָס ליפּמאַן האָט אָנגעשריבן, האָט ער זיך דער עיקר געראַנגלט מיט דער פּראָבלעם ווי פאַרזיכערט מען, אַז אַמעריקע זאָל פאַרבלײַבן אַ ליבעראַלע דעמאָקראַטיע אין אַ וועלט פון געוואַלט און קאָנטער־רעוואָלוציעס. ער האָט געגלייבט, אַז די געניאַליטעט פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און איר אייגנאַרטיקייט צווישן די וועלט־דעמאָקראַטיעס ליגן אין דעם, וואָס די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע באַגרענעצט מאַכט, אײַנשליסנדיק די מאַכט פון דער מערהייט. „די טיפסטע פּראָבלעם פון אונדזער צײַט" — האָט ער געשריבן — „באַשטייט אין דעם, צי ציוויליזירטע מענטשן וועלן קענען אָנהאַלטן און אַנטוויקלען אַ פרײַע געזעלשאַפט, אָדער זיי וועלן צוריק אַרײַנפאַלן אין אַלטן לעבנס־סדר, ווען די גאַנצע מענטשלעכע עקסיסטענץ, זייער געוויסן, זייער וויסנשאַפט, קונסט, אַרבעט, אינטעגריטעט ווי יחידים זײַנען גע־שטאַנען צו דער דיספּאָזיציע פון שטאַט".

ער האָט פאָרמולירט די דילעמע פון דער דעמאָקראַטיע אַזוי: אין אַ דעמאָקראַטיע דאַרפן די פירערס רעפּרעזענטירן די מאַסן און זיי מוזן פאַרשטיין און פאַרטיידיקן דעם פאָלקס אינטערעסן. אָבער צי דאַרפן די פירערס בלויז זײַן דער שפּיגל פון די מאַסן? און ווי איז, אויב די מאַסן זײַנען פאַרבלאָנדזשעט און בלינד בנוגע זייערע אייגענע בעסטע אינטע־רעסן? דאַרפן זיך די פירערס אַלץ נאָכשלעפּן יעדן מאַסן־פּסיכאָז אָדער דאַרפן זיי האָבן דעם מוט צו גיין קעגן שטראָם? און די זעלביקע דילעמע, האָט ער געהאַלטן, איז חל אויף פּובליציסטן: צי האָט נישט דער פּוב־ליציסט אַ רעכט אויף זײַן אייגענער מיינונג, אַפילו ווען זי גייט קעגן דער מאַסן־שטימונג?

אין זײַן בוך „די עפנטלעכע פילאָסאָפיע" (געשריבן אין 1956) האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט דעם דאָזיקן ענין. זײַענדיק באַקאַנט, פון

איניווייניק, מיט דער רעגירונגס־מאַשינעריע, ווייסט ער, אַז דעמאָקראַ־טישע פּאָליטיקערס דערלויבן זיך זעלטן דעם לוקסוס צו דערציילן דעם גאַנצן אמת דעם עולם. פּאָליטישע פירערס אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד אַוואַנסירן אין זייערע קאַריערעס דעמאָלט, ווען זיי חנפענען, באַרויִקן, גלעטן די מאַסן. דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר איז ביַי זיי נישט, צי אַ פּראָפּאָזיציע איז גוט, נאָר צי זי איז פּאָפּולער. די פּאָליטיקערס ראַציאָנאַליזירן עס דערמיט, וואָס זיי זאָגן, אַז זיי זיַינען די דינערס פון פאָלק און זיי דאַרפן טאָן וואָס דאָס פאָלק וויל. אָבער ליפּמאַן זעט די געפאַר אין אַזאַ סימפּליציסטישן צוגאַנג.

ערשטנס, האַלט ער, אַז די וואַלן שפּיגלען נישט אָפּ, אין די מערסטע פאַלן, דעם ווילן פון פאָלק. ער באַוויַיזט מיט ציפערן פון אַ ריי צענזוסן, אַז אין אַ סך פאָלקס־אָפּשטימונגען — ווען עס ווערט דעצידירט דער גורל פון לאַנד און אַ מאָל פון דער וועלט — באַטייליקט זיך בלויז אַ מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג. צווייטנס, זינדיקן די פירערס דערמיט, וואָס זיי דערציילן נישט דעם פאָלק דעם גאַנצן אמת אין גע־פערלעכע סיטואַציעס. אין אונדזער יאָרהונדערט, שטריַיכט ליפּמאַן אונטער, האָט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג באַקומען אַ געוואַלדיקע מאַכט, אָבער פאַסירונגען לויפן אַ סך שנעלער, ווי עס באַוועגט זיך דער דעת־הקהל. עס נעמט לענגער צו ענדערן מאַסן־שטימונגען, ווי צו ענדערן די מיינונגען פון די פירערס. ער אילוסטרירט דאָס מיטן דעת־הקהל בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט פאַרלאַנגט נקמה פון דיַיטשלאַנד. דערפאַר האָט דער שלום לאַנג נישט געדויערט. אַ דויערנדיקער שלום פאַרלאַנגט קאָמפּראָמיסן.

אונדזער עפּאָכע פון קאָנטער־רעוואָלוציעס קעגן דעמאָקראַטיע האָט ליפּמאַן גרינטלעך אַנאַליזירט. ער איז איבערציַיגט, אַז דאָס איז אַ רעאַק־ציע צום דורכפאַל פון דער מערב־ציוויליזאַציע אָפּצושאַפן די צרות, די מלחמות, די אַנגסטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ווי אַ סאָציאַליסט אין דער יוגנט, האָט ליפּמאַן געלערנט די תורה פון מאַרקס און לענין. פרעגט ער: פאַר וואָס האָבן די לענינס, היטלערס, סטאַלינס אָקצעפּטירט דעם געדאַנק, אַז מ׳מעג אַלץ מקריב זיַין — די דעמאָקראַטיע, די פריַי־הייט, די רעכט פון יחיד — אויב די רעוואָלוציע פאָדערט עס? וויַיל זיי האָבן זיך איַינגערעדט, אַז זייערע אוממענטשלעכע מיטלען ווערן באַרעכ־

טיקט דורך זייערע איבערמענטשלעכע צילן. זיי מיינען, אַז זיי זײַנען די אַגענטן פון דער געשיכטע אָדער פון דער נאַטור. „די דאָזיקע אַטעיִסטן האָבן געמאַכט גאָט פאַר זייער שׂונא, נישט צוליב זייער אַטעיִזם, נאָר ווײַל זיי האָבן אויף זיך גענומען זײַנע פונקציעס און זײַנע רעכט" (די „עפּנטלעכע פילאָסאָפיע"). זיי האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז די יאַקאָבינער תּורה פון 18טן יאָרהונדערט און די מאַרקסיסטישע פון 20סטן יאָרהונדערט וועלן שאַפן אַ נײַעם מענטש. אָבער אַזוי ווי דער נײַער מענטש איז נישט אויפגעקומען, האָבן סטאַלין און היטלער באַשלאָסן אויסצוהרגענען אַלע מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט איבערמאַכן. ליפּמאַן ווייסט, אַז די אַלע פאָרויסזאָגונגען זייערע זײַנען פאַלש: די מלוכה פאַרשווינדט נישט, נאָר זי ווערט שטאַרקער און דער מיטלקלאַס האַלט נישט בײַם אונטערגיין. אָבער לעניִן האָט „געלייזט" די פּראָבלעם מיט דעם, וואָס ער האָט צוגעזאָגט „די גלייביקע" אַז די אוטאָפּיע וועט קומען נאָך דעם ווי די רעוואָלוציע וועט אויסראָטן יעדער אָפּאָזיציע — פּאַקטישע אָדער פּאָטענציעלע. אָט די דאָזיקע „לייזונג" האָט געענדערט די געשיכטע פון אונדזער וועלט.

אַוודאי האָט ליפּמאַן געמאַכט נישט ווייניק טעותן אין זײַנע אָפּשאַצונגען פון סיטואַציעס און פון פּירערס. ער האָט, אין די 30ער יאָרן, נישט גענומען ערנסט די היטלער־געפאַר; ער האָט אונטערגעשאַצט די סכּנה פון קאָמוניסטישן רוסלאַנד אין דער צײַט פון דער „קאַלטער מלחמה"; ער האָט איבערגעטריבן די געפאַר פון דער ביוראָקראַטישער רעגימענטאַציע אין דער צײַט פון רוזוועלטס „נײַ־דיעל". אַ ייִד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן גורל פון זײַן פאָלק, האָט פאַרדראָסן און ווײ געטאָן, ווען ער האָט געזען, אַז דער פּובליציסט, וועלכער איז אַזוי עלאָקווענט און פילעווודיק בנוגע „פרעמדע" פעלקער און קולטורן, ווײַזט נישט אַרויס קיין טראָפּן וואַרעמקייט, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ייִדישע לײַדן און פּראָבלעמען. וועגן מדינת־ישׂראל פלעגט ער שרײַבן מיט דער זעלביקער „אָביעקטיווּיטעט" ווי וועגן אַן אַראַבישער מלוכה, אַלע מאָל פון שטאַנדפּונקט פון „אַמעריקאַנער אינטערעסן", ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען. זײַן „אָלימפּישע" רויִקייט בנוגע ייִדישע דילעמעס האָט ממש שאָקירט.

און דאָך טאָרן מיר אויך נישט פאַרגעסן זײַן פּאָזיטיוון צושטײַער צו אַמעריקע, און דאָס מיינט אויך צו ייִדישער עקסיסטענץ. מיר געדענקען

גוט, ווי אין מיטן דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ליפּמאַן געוועקט, געמוטיקט און באַוויזן מיט אומבאַשטרײַטלעכע ראיות אַז היטלער וועט נישט געקוקט אויף זײַנע דעמאָלטיקע נצחונות, פאַרלירן די מלחמה. עס האָט זיך בפירוש אײַנגעקריצט אין מוח ליפּמאַנס אַ קאָלום, וואָס האָט אין פינצטערן יאָר 1944, ווען די נאַצישע בערלינער ראַדיאָ האָט פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט, אַז די דײַטשישע אַרמיי האָט אַוועקגעשטעלט די סוואַסטיקאַ־פאָן אויפן באַרג אָלימפּוס, אין גריכנלאַנד. אין יענעם יאָר פון דעפּעטיס־טישע שטימונגען, ווען ס'האָט אויסגעזען, אַז די אַליאַירטע אַרמייען זײַנען פאַרמישפּט, האָט ליפּמאַן באַוויזן, אַז ס'איז דער אָנהייב פון היטלערס סוף; אַז כאָטש ער האָט ביז איצט געוווּנען אַלע שלאַכטן, וועלן זײַנע ניצחונות נישט אַנטשיידן דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה, פּונקט ווי אַזעלכע זיגן האָבן, אין זײַן צײַט, נישט געהאָלפן נאַפּאָלעאָנען בלײַבן דער הערשער פון אייראָפּע.

מיט היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס און פאַקטן האָט ליפּמאַן באַוויזן אַז אַזוי לאַנג ווי ענגלאַנד האַלט זיך און אַמעריקע שטייט הינטער איר, מוז היטלער האַלטן גרויסע אַרמייען אין אַלע אָקופּירטע לענדער, און דאָס מיינט, אַז ער האָט זיי נישט אײַנגענומען, וואָרעם זײַן אַרמיי וועט נישט קענען ווערן דעמאָביליזירט. און ווייל ער קען נישט מאַכן שלום, מוז ער אויסברייטערן די מלחמה. ער וועט דערפאַר נישט קענען אײַנשטעלן קיין סטאַבילע אָרדענונג און אַ פּראָדוקטיווע ווירטשאַפט. דעריבער וועלן אַלע נאַצישע ניצחונות נישט אַנטשיידן די מלחמה, נאָר בלויז זי אויסברייטערן און פאַרלענגערן. ווען מעטערניך האָט געזאָגט נאַפּאָלעאָנען, אַז כּדי אײַנצושטעלן שלום, דאַרף ער זיך באַנוגענען מיט ווייניקער לענדער, האָט אים נאַפּאָלעאָן אויף דעם געענטפערט: „קיין מאָל נישט! קיניגן, וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן אויף זייערע טראָנען, קענען פאַרלירן טויזנט שלאַכטן און יעדער זאָל זיך צוריקקערן אין זײַן הויפּטשטאָט, אָבער איך בין בלויז אַן אַוואַנטוריסט און כ'וועל אויפהערן רעגירן אין דעם טאָג, ווען כ'וועל מער נישט זײַן דער שטאַרקערער און וועל מער נישט אַרויס־רופן קיין רעספּעקט".

דאָס איז דער גורל — פירט ליפּמאַן אויס — פון אַלע זיגערס: פון אַלעקסאַנדערן, די רוימישע צעזאַרן, נאַפּאָלעאָנען, אָנצוגייין ווײַטער מיט זייערע דעראָבערונגען, ביז זייערע קרבנות שטייען אויף קעגן זיי, און

דער סוף איז וואַטערלאָ. אַזעלכע אַרטיקלען האָבן נישט ווייניק בײַגע־טראָגן צום זיג איבערן נאַצי־שׂונא.

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר ליפּמאַנס ווײַטן בליק און זײַן נישט אַרונטערפאַלן אונטערן מאַסן־פּסיכאָז איז זײַנער אַ צווייטער קאָלום, וואָס האָט אויף מיר אין יענער צײַט געמאַכט אַ רושם. ס׳איז געווען אין מיטן דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע איז געשטאַנען אין שווערן געראַנגל מיט יאַפּאַן; ס׳איז געווען נאָך ווײַט פון סוף און פון אַבסאָלוטער זיכערקייט, ווי דער אויסגאַנג וועט זײַן. אין יענער גאָר אַנגעגליטער אַנטי־יאַפּאַנישער אַטמאָספער האָט ליפּמאַן אײַנגעטענהט מיטן אַמעריקאַנער עולם אַז אַמעריקע טאָר נישט גרינטלעך צעשטערן די יאַפּאַנישע מלוכה, ווײַל אויב מען וועט זי צו פיל אָפּשוואַכן, אַז זי זאָל נישט קענען אויף אַ לאַנגער צײַט אויפשטיין תּחית המתים, וועט עס שאַפן אַ חלל, וואָס וועט אומפאַרמײַדלעך מיטהעלפן אויפצובויען אַ מעכטיקע כינע. ליפּמאַן האָט במשך פון זײַן גאַנצער פּובליציסטישער קאַריערע געפּרוווט זען דאָס פאַרגענגלעכע אין טערמינען פון אַ היס־טאָרישער פּערספּעקטיוו.

אין דער יוגנט האָט ער געגלייבט אַז „אין אַ רעזשים פון פּערזענלע־כער פרײַהייט קען יעדער פאָלק, דורך אַ פאַרגרעסערטער פאָלקס־סוווערעניטעט, שאַפן פאַר זיך בהדרגהדיק אַ ברייט פּלאַנירטע און אינטעליגענט געפירטע סאָציאַלע אָרדענונג״. אָבער דער פּעריאָד צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט אים אַנטוישט אין דעם גלויבן. די דער־פאַרונגען מיט רוסלאַנד, איטאַליע און דײַטשלאַנד האָבן אים געלערנט, אַז פּלאַנירונג קען פירן צו אַן ערגערער אָרדענונג. „די בראַווע פּלאַנירטע וועלט״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טאָטאַליטאַרן דעספּאָטיזם, אַזוי אַז די דעספּאָטיע פון פּלאַנירונג איז נישט געווען פאַר אים מער אָנציִענ־דיק, ווי די כאַאָטישע וועלט פון „פרײַהייט״. „מען וויל אַז מענטשן זאָלן זיך אויסקלײַבן צווישן זיכערקייט און פרײַהייט. כּדי צו פאַרבעסערן זייער מערכה, זאָגט מען זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע רעכט. כּדי אויסצומײַדן אָרעמקייט דאַרפן זיי אַרײַנגיין אין אַ תּפיסה. כּדי צו האָבן נאַציאָנאַלע אייניקייט דאַרפן זיי אונטערדריקן די דיסידענטן. כּדי צו פאַרשטאַרקן זייער ווערדע דאַרפן זיי לעקן די שטיוול פון טיראַנען״.

ליפּמאַן האָט דעריבער אָפּגעוואָרפן דעם קאָלעקטיוויזם, אָבער ער

האָט געפּאָדערט אַז דער שטאַט זאָל אויפהייבן דעם יחידס ווערדע; זאָל אויסגלייכן די געלעגנהייטן פון אַלע בירגערס און אָפּשאַפן פּריווילעגיעס; אויסגלייכן אײַנקונפטן דורך שטײַערן, פאַרבאָטן מאָנאָפּאָלן און האָבן השגחה איבער פּראָפיטן און אינוועסטירונגען. ער איז געבליבן אַן אָנהענגער פון סאָציאַלע רעפאָרמען און פון „ניו דיעל", אָבער נישט פון ביוראָקראַטישע מעטאָדן און רעגירונגס־דעקרעטן. די אַלע סאָציאַלע רעפאָרמען דאַרפן דורכגעפירט ווערן נאָר דורך דעמאָקראַטישע פּראָצעסן, ווײַל די מיטלען זײַנען פּונקט אַזוי וויכטיק ווי די צילן. וואָרעם אין לעצטן סך־הכּל באַשטימען די מיטלען דעם ווערט פון די צילן, און יעדער רעגירונג, וואָס נוצט און נוצט אויס דעם מענטש ווי אַ מיטל צו אַ ציל, וועט אומפאַרמײַדלעך ענדיקן דערמיט, אַז די צילן וועלן דערגרייכט ווערן אויפן חשבון פון דעם מענטשנס דעגראַדאַציע.

ווו איז געלעגן דער סוד פון ליפּמאַנס פּאָפּולאַריטעט סײַ בײַ די אינטעלעקטואַלן, סײַ בײַ די גרויסע מאַסן, בײַ דיפּלאָמאַטן און זשורנאַליסטן? אָן שום ספק האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע זײַן אומאָפּהענגיקער כאַראַקטער און זײַן אינטעגריטעט, זײַן שאַרפע אַנאַליטישקייט און טיפער וויסן אין געשיכטע, אין פילאָסאָפיע און פּסיכאָלאָגיע. דערצו איז נאָך צוגעקומען זײַן באַקאַנטשאַפט מיט פּראַקטישער פּאָליטיק — ער האָט במשך פון דער ווילסאָן־אַדמיניסטראַציע געהערט צו די אייבערשטע עשאַלאָנען אין דער רעגירונג. אָבער אַחוץ דעם אַלעם איז ליפּמאַן געווען באַשאָנקען מיט נאָך צוויי מעלות: זײַן פעיִקייט צו דערזען דעם צענטראַלן נערוו אין אַ סאָציאַלער אָדער פּאָליטישער פּראָבלעם און זײַן אומדערשראָקנקייט לגבי דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אויב דער אמת פאַרלאַנגט דאָס, כאָטש מיט דעם האָט ער ריזיקירט צו ווערן אומפּאָפּולער. ער איז געווען אַ סינטעז פון אַן אינטעלעקטואַל און אַ פּראַגמאַטיקער. אַ פּאָליטישער דענקער, וואָס האָט געוווסט ווי צו קאָמבינירן דאָס אייביקע מיטן צײַטלעכן; אַ הומאַניסט, וואָס האָט זיך נישט אָפּגעשלאָסן אין קאַבינעט, נאָר געווען אַ דרייסטער קעמפער, ווי ער האָט דאָס דעמאָנסטרירט מיט זײַן קעגנערשאַפט צו דער אַמעריקאַנער מלחמה אין וויעטנאַם — וואָס שאַנעוועט נישט קיינעם, ווען עס האַנדלט זיך אין די לעבנס־אינטערעסן פון דער דעמאָקראַטישער וועלט.

(1975)

ריינהאָלד נייבויר — פון די חסידי אומות העולם

נישט געקוקט אויף דעם וואָס יודאַיזם, און די ייִדישע קולטור — אין אַלע שפּראַכן — איז איצט אַ פּאָפּולערער ענין, מיט פּרעסטיזש, אין די אינטעלעקטועלע קרײַזן פון דער גאַנצער מערב־וועלט, — איז נאָך אַלץ קליין די צאָל קריסטן וואָס זײַנען באַהאַוונט אין ייִדישקייט; און נאָך קלענער איז די צאָל אמתע ייִדן־פרײַנד צווישן קריסטלעכע גע־לערנטע; דאָס הייסט, אַזעלכע וואָס דערוואַרטן נישט פון אונדז מיר זאָלן זיי באַלוינען פאַר זייער פרײַנדשאַפט מיט אָנערקענען די העכער־קייט פון דער „אמתער" אמונה, דעם קריסטנטום.

דער נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענער פּראָטעסטאַנטישער דענקער — טעאָ־לאָג ריינהאָלד נייבויר, האָט זיך אָנגעזען מיט זײַן באַהאַוונטקייט אין דער ייִדישער קולטור, מיט זײַן זעלטענעם טיפן פאַרשטיין די נויטן, — פיזישע און גײַסטיקע — פון ייִדן, און מיט זײַן אָנערקענען די רעכט פון ייִדישן פאָלק אויף אַ קאָלעקטיווער עקסיסטענץ, סײַ אין מדינת ישראל, סײַ אין די תפוצות. דאָס איז אַזאַ אומגעווייגלעכע דערשײַנונג אין דער קריסטלעכער אינטעלעקטועלער וועלט, אַז ס'איז כּדאַי זיך באַקענען נעענטער מיט אָט דעם אויסנעמלעכן אַמעריקאַנער טעאָלאָג, וואָס איז געשטאָרבן דעם 1טן יוני 1971, אין עלטער פון 78 יאָר.

נייבויר איז נישט געשטאַנען „איבער דער שלאַכט"; ער האָט גע־פּריידיקט און געשטריטן אויפן מאַרקפּלאַץ. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט „אייביקע" פראַגן, און גלײַכצײַטיק איז ער געווען פאַרנומען ווי אַ פּראַגמאַטישער ליבעראַלער פּאָליטיקער מיט צײַט־פּראָבלעמען. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם אַ מאָל שטאַרק פאַרשפּרייטן גלויבן אין אַמעריקע, אַז דורך בילדונג, דורך טעכנישע אויפטוען וועט ממילא קומען מאָראַ־לישער פּראָגרעס. נייבויר, אַ פירנדיקער טוער, במשך אַ סך יאָרן, אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, און שפּעטער וויצע־פּאָרזיצער פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי, האָט נישט געהאַלטן פון דער אוטאָפּישקייט אַז מענטשן וועלן ווען עס איז אײַנפירן אַן אידעאַלע געזעלשאַפט. ער

איז געווען איבערצייַגט אַז מענטשן וועלן קיין מאָל נישט דערגרייכן קיין שלימות, און דערפאַר דאַרפן מיר זיך צופרידנשטעלן מיט האַלבע דער־גרייכונגען, אַנשטאָט אַבסאָלוטע לייזונגען צו געזעלשאַפטלעכע פּראָב־לעמען. „די קונסט פון פּאָליטיק" — זאָגט ער — „באַשטייט אין דירעקטירן שׂכלדיק די אומשׂכלדיקייט פון מענטשן".

נייבור האָט צו זיך געצויגן אויפמערקזאַמקייט אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט נישט צוליב דער פילאָסאָפיע פון רעליגיעזן עקסיסטענציאַ־ליזם וואָס ער האָט אויפגעבויט. דאָ האָט ער ווייניק מחדש געווען, ווײַל זײַנע הויפּט־אידעען שטאַמען פון דענישן דענקער קיערקעגאַרד. דער עיקר האָט ער געווונען אַזוי פיל פּאַרערערס צווישן וועלטלעכע ראַדיקאַלן און ייִדן אַ דאַנק זײַן מאָראַלישער ערלעכקייט און אינטעלעקטועלער שאַרפזיניקייט מיט וועלכע ער האָט אַנאַליזירט די צענטראַלע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

ב

ריינהאָלד נייבור איז געבוירן געוואָרן אין רײַט־סיטי, מאָנטאַנאַ, ווו זײַן פּאָטער איז געווען אַ גלח פון אַ לוטעראַנישער קירך. אויך ריינהאָלד איז געוואָרן אַ גײַסטלעכער און ער האָט איבערגענומען אַ קירך אין דעטראָיט, ווו ער האָט געלעבט 13 יאָר. דאָס איז די צײַט ווען אין אַמעריקע ברייטערט זיך אויס דער אינדוסטריאַליזם, און ווען הענרי פאָרד מיט זײַן סיסטעם, וואָס האָט נישט געלאָזט כאַפּן דעם אָטעם בײַ דער אַרבעט, ווערט דער מוסטער־קאַפּיטאַליסט פון אַמעריקע. פאָרדס אָפּזאָגן אַרבעטער אין פּריען עלטער, ווען זיי האָבן לויט זײַן „האַרי־אַפּ"־סיסטעם נישט גענוג פּראָדוצירט, רופט אַרויס אַ שאַרפע קריטיק מצד נייבורן. ער ווערט דאָ דער צענטער פון מחלוקת צוליב זײַן אונטערשטיצן די אַרבעטער אין קאַמף מיט די באַלעבאַטים. ווי אַ רעאַקציע צו דעם, וואָס ער האָט געזען אין דער אינדוסטריעלער דעטראָיט, ווערט נייבור אַ סאָציאַליסט. ער איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין מאַרקסיסט, און ער איז אַלע מאָל געבליבן אַ שאַרפער קעגנער פון קאָמוניזם.

אין יאָר 1928 ווערט נייבור פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע פון רעליגיע אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט — יוניאָן טעאָלאָגישן סעמינאַר. דאָ, אין

ניו־יאָרק, האָט ער געלעבט ביז ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין אָנהייב פון די 60ער יאָרן.

אין 1939 ווערט ער פאַרבעטן צו האַלטן אַ סעריע לעקציעס („גיפאָרד־לעקציעס") אין עדינבורגער אוניווערסיטעט, ענגלאַנד. ווי אַ רעזולטאַט פון די לעקציעס זײַנען שפּעטער דערשינען די צוויי בענד: „דער כאַראַקטער און גורל פון מענטשן" (אין 1943). אָט דאָס ווערק האָט אים געשאַפן אַ גרויסן נאָמען אין דער אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער וועלט. ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט נאָך אַ סך ביכער. דערצו איז ער געווען אַ גלענצנדיקער רעדנער, וואָס האָט געקאָנט רעדן פּשוט וועגן קאָמפּליצירטע ענינים.

זײַן הויפּט־אינטערעס איז פאַרבליבן אין סאָציאַלע ענדערונגען, אין די רעכט פון אַרבעטסמענטש, און אין מינאָריטעטן.

ג

דער תּמצית פון ניבורס פילאָסאָפיע, — אויב מ'זאָל זי איבערגעבן בקיצור — איז אַזאַ: דער מאַרקסיזם וואָס זאָגט אונדז צו אַ גן־עדן אויף דער וועלט, אויב מיר וועלן גלויבן אין דעם „נביא" מאַרקס און זײַנע אַפּאָסטאָלן, איז אין דער אמתן אַ נאַיווער, סענטימענטאַלער אָפּטימיזם. וואָרעם, דעם מענטשנס האַרץ איז שלעכט פון זײַן יוגנט אָן (כּי יצר לב האדם רע מנעוריו; בראשית ח'). רשעות אין מענטש און אין דער געזעלשאַפט איז טיף פאַרוואָרצלט און דויערנדיק. ווײַל מיר האָבן זיך אײַנגערעדט די אוטאָפּיסטישע אילוזיעס פון מאַרקסיזם, דערפאַר זײַנען מיר אַרײַנגעפאַלן אין אַזאַ פאַרצווייפלונג, ווען מיר האָבן דערזען די ברוטאַלקייטן פון נאַציזם און קאָמוניזם. אין דער אמתן, האַלט ניבור, איז דער מענטש עגאָיִסטיש, און ער וועט קיין מאָל נישט דערגרייכן קיין שלימות. וואָלטן מיר דאָס פאַרשטאַנען, וואָלטן מיר געוווּסט אַז מ'טאָר נישט איבערגעבן אַזוי פיל מאַכט צו פירערס. און ווײַל דער מענטש איז צו שוואַך זיך צו קענען אויפפירן לויט דעם אידעאַל פון גוטסקייט; און ווייל דער מענטש האָט צו פיל צוטרוי צו זײַנע כּוחות, און ווײַל ער איז צו אָפּטימיסטיש, איז ער פאַרמשפּט צו אַ טרויעריקן סוף. טיף אין האַרצן פון יעדן מענטש ליגט אַנגסט און אומזיכערקייט און די דאָזיקע

אומזיכערקייט קען נישט באַזייטיקט ווערן דורך סאָציאַלע אָדער עקאָנאָ־מישע ענדערונגען. דעריבער דאַרף דער מענטש לעבן אין דער בעסטער געזעלשאַפט, וואָס ער איז בכּוח צו שאַפן, ווייל סײַ ווי קען עס נישט זײַן אַ גאַר גערעכטע וועלט; ס'קען בלויז זײַן אַ ביסל אַ בעסערע וועלט.

יענע וואָס פּלאַנירן אוטאָפּיעס, ווײַל זיי דערוואַרטן צו פיל פון זיך און פון אַנדערע, קענען ווערן די אובאַוווסטזיניקע אַרכיטעקטן פון אַ וועלט פון רשעות. דאָס זוכן טאָטאַלע לייזונגען צו דעם מענטשנס פּראָב־לעמען מוז זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. דער מענטש מוז לייזן זײַנע פּראָבלעמען שטיקלעכווײַז. אַפילו אין דער בעסטער געזעלשאַפט וועלן מענטשן זיך מוזן אויסלערנען לעבן מיט טויט, דורכפאַלן, טראַגעדיעס.

פון דער אַנדערער זײַט, דאַרף מען געדענקען, אַז מענטשן קאָנען עפּעס אויפטאָן. און אויב מ'קען נישט אײַנפירן קיין אידעאַלע געזעל־שאַפט, מיינט עס נישט אַז מ'דאַרף זײַן ציניש אָדער גלײַכגילטיק. אידעאַלן זײַנען נישט קיין צילן צו פאַרווירקלעכן; זיי זײַנען בלויז פּרינציפּן וואָס מ'דאַרף משפּטן לויט די רעזולטאַטן. די אידעאַלע געזעל־שאַפט וועט מען קיין מאָל נישט דערגרייכן, אָבער דאָס דאַרף אונדז נישט אָפּהאַלטן פון אַרבעטן פאַר אַ וועלט אין וועלכער ס'זאָלן זײַן ווייניקער מלחמות, ווייניקער אונטערדריקונג און ווייניקער אָרעמקייט.

אויב דאָס איז דער צוגאַנג פון נייבורירן צו די גרונט־פּראָבלעמען פון אונדזער הײַנטיקער וועלט, דעמאָלט דאַרף מען זיך גאָרנישט וווּנדערן פאַר וואָס ער האָט געפונען אַזוי פיל אָנהענגערס אין אַלע געזעלשאַפט־לעכע קרײַזן. מ'דאַרף נישט אָננעמען זײַן טעאָלאָגיע, כּדי זיך צוצוהערן צו זײַנע וואָרענונגען קעגן פאַנאַטיזם. לאַנג פאַר אים האָבן ענלעכע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט טאָמאָס האָבס, דייוויד יום, וויליאַם דזשיימס, דזשאָן דיואי. אין אונדזער צײַט — אַ צײַט ווען די אינדוסטריעלע ציוויליזאַציע מיט איר מעכאַנישקייט, מיט אירע גרויליקע מלחמות, מיט איר פאַרוואַנדלען דעם מענטש אין די גרויסע שטעט אין אַ היימלאָזן אַנאָנים — אין אַזאַ צײַט האָט נייבויר, פּונקט ווי אַנדערע עקסיסטענציאַליסטישע דענקערס, ווידער באַטאָנט די עלנטקייט פון סענסיטיוון יחיד אין אַ זינלאָזער וועלט.

ד

אַט די מיושבדיקע, נישט דאָגמאַטישע פילאָסאָפיע האָט נייבויר אַנטוויקלט בײַם סוף פון די 30ער יאָרן, אונטערן רושם פון די שרעקלעכע ברוטאַלקייטן מצד דעם רוסישן קאָמוניזם און דײַטשישן נאַציזם. ער האָט זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט רעווידירן בלויז זײַנע אַנשויונגען אין שײַכות צו אַלגעמיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. ער פאַרטיפט זיך דעמאָלט אין דער ספּעציפישער ייִדישער פּראָבלעמאַטיק און אין מיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרעפנטלעכט ער אַ סעריע אַרטיקלען וועגן „ייִדן נאָך דער מלחמה" (אין דער „ניישאָן" 1942) ווו ער באַשולדיקט די קריסטלעכע וועלט אַז זי האָט נישט געגעבן קיין הילף צו ייִדן, ווײַל זי קען נישט באַגעגענען די פולע דימענסיעס פון דעם פּראָבלעם, און זי זאָל גלײַכצײַטיק נישט אונטערמינירן די ליבעראַלע אַני־מאמינס אירע.

זײַן קוק אויפן ייִדישן פאָלק איז אַזאַ: די קריסטלעכע, ליבעראַלע וועלט וויל אָפּווישן די פאָראורטיילן צווישן ייִדן און גויים דורך פריידיקן טאָלעראַנץ און גוטן ווילן. די פרײַנד פון ייִדן ווילן איבערצײַגן זייערע פאַרלוימדערס אַז די באַשולדיקונגען קעגן ייִדן זײַנען פאַלש. אָבער דאָס — האַלט ער — דערגרייכט נישט דעם תּוך פון פּראָבלעם. די אמתע פראַגע איז: פאַר וואָס זאָלן די דאָזיקע ליגנס וועגן ייִדן ווערן פאַברי־צירט, און פאַר וואָס זאָל מען זיי גלויבן? יעדע עטנישע גרופּע האָט דאָך אירע חסרונות און מעלות.

אַט די דאָזיקע אַמעריקאַנער טעאָריע פון „טאָלעראַנץ", האַלט נייבויר, איז באַזירט אויף אַ פאַלשן יסוד וואָס נעמט אָן אַז די מאַיאָריטעט־גרופּע וועט צעשטערן די מינאָריטעט־גרופּע דורך אַסימילאַציע. די דאָזיקע „שמעלצטאָפּ"־אילוזיע, וואָס וויל אָפּווישן עטנישע באַזונדערקייטן אין אַמעריקע, איז פאַקטיש אַן אומבאַוווּסטזיניקער קולטור־אימפּעריאַליזם. איז מילא די אירלענדער, די פּאָליאַקן, די פינלענדער, זיי האָבן זייער קולטור־באַזע אין אירלאַנד, אין פּוילן, אין פינלאַנד; דריקט זיך זייער ווילן אויס, צו בלײַבן לעבן ווי אַ קאָלעקטיוו, אין זייערע טעריטאָריעלע היימלענדער. אָבער וואָס איז מכּוח ייִדן וואָס זײַנען צעשפּרייט אין אַ סך לענדער? (דאָס איז געוואָרן געשריבן פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל).

צי פֿאַרשטייט נישט די ליבעראַלע נישט־ייִדישע וועלט — כאָטש זי זאָגט עס נישט אַרויס בפּירוש — אַז זי פֿאַרלאַנגט פּאַקטיש פֿון ייִדן, פֿאַרן פּרײַז פֿון איר טאָלעראַנץ, זיי זאָלן אונטערגיין ווי אַ באַזונדער פֿאָלק?

דאָ ציט נייבויר ווײַטער זײַן געדאַנקען־גאַנג אַז ייִדן זײַנען נישט בלויז אַ רעליגיעזע גרופּע, נאָר אַ נאַציאָנאַליטעט. ער ווענדט זיך צו די ייִדישע אַסימילאַטאָרן אַז זיי האָבן אַ רעכט צו ווערן „שפּורלאָז פֿאַרשווונדן". אָבער, טענהט ער אײַן מיט זיי, זיי טוען דערמיט נישט קיין טובה נישט דער וועלט, און נישט זייער אייגן פֿאָלק. ווײַל אויפֿהאַלטן אַ קולטור־פּלוראַליסטישע אַמעריקע איז נויטיק נישט בלויז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון גערעכטיקייט פֿאַר ייִדן, נאָר אויך פֿון שטאַנדפּונקט פֿון דער קוואַליטעט פֿון אונדזער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. אַ פּשוטער אויסמיש, אַ „שמעלצטאָפּ", וועט זיך ענדיקן מיט אַ שבטימדיקער פּרימיטיווקייט, מיט אַ טאָטאַליטאַרער גלײַכשאַלטונג.

אוודאי האָבן ייִדן אַ רעכט — לויט נייבוירן — זיך צו אַסימילירן. אָבער — שטרײַכט ער אונטער דעם צווייטן אַספּעקט — ייִדן האָבן אַ רעכט צו בלײַבן לעבן ווי אַ פֿאָלק. ראשית, דערפֿאַר, וואָס ייִדן האָבן במשך צוויי טויזנט יאָר אַרויסגעוויזן זייער ווילן צו בלײַבן לעבן ווי אַ קאָלעקטיוו. אַ סימן — זיי זײַנען געבליבן לעבן. צווייטנס, ווײַזן ייִדן אַרויס אַ קיום־דראַנג אויך אין דער מאָדערנער תּקופֿה, וואָרעם דער הײַנטיקער נאַציאָנאַליזם בײַ אַלע פֿעלקער דעמאָנסטרירט אַז נאַציאָנאַלע באַזונדערקייט און קיום־אימפּולסן זײַנען אַ סך שטאַרקער ווי דער ליבעראַליזם מיינט. דער אויפֿקום פֿון ציוניזם איז אַן אויסדרוק פֿון ייִדישן קיום־דראַנג, ווײַל ייִדן ווייסן אַז דער פֿאַנאַטיזם פֿון מערהייט־פֿאָלק לגבי דעם מינדערהייט־פֿאָלק איז אַ שטענדיקע דערשײַנונג, און זיי ווילן האָבן אַ פּלאַץ אין דער וועלט, ווו זיי ווערן נישט „טאָלערירט", „פֿאַרשטאַנען" אָדער מיספֿאַרשטאַנען; נאָר ווו זיי קענען זײַן וואָס זיי זײַנען, און ווו זיי קענען פּרעזערווירן זייער אייגנאַרטיקע אידענטיטעט אָן טובֿות.

פֿון דאַנען גייט שוין אַ דירעקטע ליניע צו נייבוירס אויספֿיר: דער ייִדישער קאָלעקטיווער קיום־דראַנג איז פּונקט אַזאַ לעגיטים רעכט ווי דער דראַנג פֿון ייִדישן יחיד צו אַן אינדיווידועל לעבן. גערעכטיקייט מוז זיך דעריבער באַשעפֿטיקן מיט ביידע אַספּעקטן פֿון ייִדישן פּראָב־

לעם: ערשטנס, אויפהיטן, אויסברייטערן דעם קולטור־פּלוראַליזם אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, וואָס וועט געבן ייִדן לעבנסרוים צווישן די פעלקער פון דער וועלט. און, צווייטנס, שטיצן ברייט די ייִדישע אַספּיראַציעס פאַר ארץ ישראל, ווו ייִדן וועלן נישט נאָר ווערן טאָלערירט, נאָר וועלן זײַן די באַלעבאַטים. ווײַל דער פּאָליטיקער־טעאָלאָג ווייסט אַז יענע וואָס רעדן זיך אײַן אַז די געשיכטע גייט אין דער ריכטונג פון אַן אוניווערסאַלער קולטור, וואָס וועט אָפּווישן אַלע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, לעבן אין אַ „גן־עדן פון נאַראָנים"; די דאָזיקע אײַנרעדעניש איז אָפּגעפרעגט געוואָרן פון געשיכטלעכע פאַקטן און פון מאָדערנעם נאַציאָנאַליזם בײַ אַלע פעלקער. נייבויר באַדויערט נישט די דאָזיקע קולטור־פּלוראַליסטישע טענדענצן אין אונדזער צײַט, ווײַל ער, פּונקט ווי האָראַס קאַלען און לואיס בראַנדייס, האַלט אַז דורך פאַרשידנאַרטיקייט, נישט דורך פאַרשמעלצונג, וועט מען דערגיין צו אַ העכער ציוויליזאַציע.

ה

דוכט זיך אַז ס'איז נישט פון די אָפּטע דערשײַנונגען צו הערן אַזעלכע ייִדיש־נאַציאָנאַלע געדאַנקען מצד קריסטלעכע געלערנטע; און וואָלט נייבויר זיך בלויז אײַנגעשטעלט פאַר די פריער רעזומירטע אידעען לגבי דעם ייִדישן פאָלק, וואָלט עס געווען גענוג אים צו פאַרשרײַבן אין רעגיסטער פון די חסידי אומות העולם. אָבער, מען מוז אויך פרעגן: וואָס טראַכט דער פּראָטעסטאַנטישער ייִדן־פרײַנד וועגן אַן „עיקר־פּראָגע" אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע: וועגן דער ייִדישער אמונה? אָט ווייסן מיר פון אַן אַנדער קריסטלעכן ייִדן־פרײַנד, דעם פראַנצויזיש־קאַטוילישן דענקער זשאַק מאַריטען, וואָס האָט פאַרדאַמט דעם אַנטיסעמיטיזם, און פון דעסטוועגן איז ער געבליבן בײַ דעם אַלטן קאַטוילישן שטאַנדפּונקט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק דאַרף ווײַטער לײַדן צוליב דעם טויט פון נוצרי, אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט אָננעמען די קריסטלעכע אמונה. צי טראַכט נישט אויך אַזוי דער אַמעריקאַנער פּראָטעסטאַנטישער טעאָלאָג נייבויר? דאָס איז דאָך דער אמתער פּרוּוושטיין אין שײַכות צו ייִדן און ייִדישקייט. וואָרעם אויב איר גלויבט אַז די ייִדישע אמונה איז נידעריקער ווי די קריסטלעכע, און ייִדן זײַנען פאַרעקשנטע נישט־אָנערקענערס פון „אמתן

משיח״ — אויב איר האַלט אַזוי ווי מאַריטען, גיט איר דאָך פאַקטיש אַ טעאָלאָגישע באַרעכטיקונג פאַרן אַנטיסעמיטיזם.

אין אַן עסיי וואָס נייבויר האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1958 (אין בוך: „די פרומע און די סעקולערע אַמעריקע״) — פאַר דער עקומענישער באַוועגונג — הערן מיר גאָר עפּעס אַנדערש ווי מיר זײַנען געוווינט צו הערן פון קריסטלעכע טעאָלאָגן: קריסטן דאַרפן אויפהערן צו וועלן אָפּשמדן ייִדן, באַטאָנט ער.

די קריסטלעכע מערהייט אין אַמעריקע — דערקלערט ער — דאַרף אָקצעפּטירן דעם פאַקט אַז ייִדן זײַנען אַן אייגנאַרטיק פאָלק, און זיי האָבן אַ רעכט זיך צו האַלטן בײַ זייער רעליגיע און קולטור, וואָרעם יהדות איז נישט קיין נידעריקערע רעליגיע ווי דאָס קריסטנטום, נאָר אַ ספּעציפישע אמונה וואָס שפּיגלט אָפּ דעם ייִדס היסטאָרישע דערפאַרונג. דער נביאיש־ייִדישער גערעכטיקייט־אידעאַל — האַלט ער — האָט מער שײַכות צו די הײַנטיקע סאָציאַלע פּראָבלעמען ווי דער קריסטלעכער אידעאַל פון ליבע, וואָס איז אַבסטראַקט און נישט פאַרפליכטנדיק אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

ער אַטאַקירט שאַרף טאָיִנבין פאַר זײַן מיסאינטערפּרעטירן די ייִדישע קולטור, צוליב זײַנע קריסטלעכע פאָראורטיילן. נאָכן אָנווײַזן אויף די אונטערשיידן צווישן ייִדנטום און קריסטנטום קומט ער צום אויספיר אַז ס'איז פאַלש צו וועלן אָפּשמדן ייִדן, ווײַל דער ייִד וואָס זוכט גאָט וועט אים גיכער געפינען אין טערמינען פון זײַן רעליגיעזער ירושה, איידער אין קריסטנטום, וואָס איז פאַר אים דער סימבאָל פון אַן אונטערדריקערישער קולטור.

אַפילו בנוגע דעם „אייביקן״ פאָרוואָרף וואָס קריסטלעכע טעאָלאָגן מאַכן דעם ייִדנטום — דעם כּלומרשטן ווידערשפּרוך צווישן ייִדישן פּאַרטיקולאַריזם, נאַציאָנאַליזם, אתּה בחרתּנו פון איין זײַט, און ייִדישן אוניווערסאַליזם, פון דער אַנדערער זײַט; אַפילו בנוגע דעם ענין, ווײַזט נייבויר אַרויס אַן אינעווייניקסטע סענסיטיווקייט און פאַרשטענדעניש. די שפּאַנונג פון אַן אוניווערסאַלער רעליגיע וואָס שטייט אויפן היסטאָרישן יסוד פון אַ באַזונדער פאָלק, אויך אין דעם זעט ער נישט קיין אויסטערלישקייט. אויך קריסטלעכע פעלקער — טענהט ער — נוצן זייער רעליגיע צו פאַרשטאַרקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, אַזוי איז עס בײַ די אירלענדער,

ביַי די באַלקאַנישע פעלקער, און אַפילו ביַי אונדז אין אַמעריקע, ווו פּראָטעסטאַנטן האַלטן זיך פאַר מיוחסים. ס'איז דעריבער אַן אינטער־נאַציאָנאַלער פּראָבלעם — דאָס צוזאַמענמישן נאַציאָנאַליזם און אוניווער־סאַליזם.

ייִדן — פאַרענדיקט ער זיַין עלאָקווענטע עסיי — זיַינען אַן אויסער־געוויינלעכער ווונדער אין דער וועלט־געשיכטע, זיי האָבן געגעבן אַן אייגנאַרטיקן צושטיַיער צו דער מערב־ציוויליזאַציע. „מיר טאָרן נישט פאַרלאַנגען אַז דער אומגעוויינלעכער היסטאָרישער נס זאָל זיך אַריַינ־פּאַסן אין וועלכער ס'איז לאָגיק, אָדער זאָל זיך צופּאַסן צו אַ היסטאָרישער אַנאַלאָגיע. עס האָט נישט קיין פאַרגליַיך. מען דאַרף עס אָנערקענען און אַקצעפּטירן אַזוי ווי עס איז".

מעגן די אַלע געדאַנקען איצט אונדז קלינגען ווי טרויִזמען, טאָרן מיר אָבער נישט פאַרגעסן אַז די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע וועלט־באַפרייערס, פון קאַרל מאַרקסן דורך קאַוטסקין, לענינען, פּלעכאַ־נאָוון, ביז די היַינטיקע מושלים פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן געפּסקנט אַז דאָס צעשפּרייטע ייִדישע וועלטפאָלק פּאַסט זיך נישט אַריַין, לויט זייערע דעפיניציעס, אין דער קאַטעגאָריע נאַציע, און דעריבער דאַרפן מיר, לויטן מאַרקסיסטישן שולחן־ערוך, פאַרשווינדן. די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע טעאָרעטיקערס האָבן געהאַט איין קריטעריע: דאָס גויִישע סדום־בעטל פאַר נאַציע: אַן איין־שפּראַכיק פאָלק, וואָס איז קאָנצענטרירט אויף איין טעריטאָריע. איז, אויב מיר ייִדן פּאַסן זיך נישט אַריַין אין סדום־בעטל, דאַרף מען אונדז, מיט גוטן אָדער בייזן, אַסימילירן. דער אַמעריקאַנער דענקער נייבויר מיט זיַין טיפן אַריַינבליק אין אונדזער ייִדישער קולטור האָט געוווּסט אַז מיר זיַינען אַן עם לבדד ישכון, אַז מיר זיַינען אַ פאָלק — אויב נישט העכער — הגם מיר זיַינען אין אַ ריי אייגנשאַפטן אַן אוניקום. ער האָט אונדזער אַנדערשקייט נישט באַצייכנט ווי שאָוויניזם, אָדער אומנאָרמאַלקייט. אפשר וועלן, אַ דאַנק אָט דעם נישט־ייִדישן דענקער, אַסימילירטע ייִדן דערזען דעם נס פון אונדזער קיום, כאָטש דורך אַזעלכע „גויִישע" אויגן.

(1971)

זשאַק מאַריטען און דער טעאָלאָגישער אַנטיסעמיטיזם

זינט שלום אַש האָט אָנגעשריבן זײַן „מאַן פון נצרת״, איז די טעמע „יעזוס״ געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע אין אונדזער פּובליציסטיק. דוכט מיר אַז אַ סך פון אונדזערע זין און טעכטער וועלכע האָבן געלייענט, אין ענגליש, דעם „בעסט־סעלער״ און לעצטנס אויך דעם „אַפּאָסטאָל״ (סט. פּאָול) ווייסן מער וועגן די צוויי גערוואַנטע יידן ווי וועגן די פאַרבליבענע יידן וועלכע מען הערט נישט אויף צו קרייציקן. מיינען מיר נישט, חלילה, צו זאָגן אַז די טעמע איז טאַבו. ניין. מאָדערנע יידן מעגן וועגן אַלץ שרײַבן. אָבער עס ווערט אײַך פאָרט אומפאַרשטענדלעך וואָס אין מיטן דער מאַיומדיקסטער טראַגעדיע אין אונדזער געשיכטע, ווען מען דאַרף שטאַרקן אונדזער גײַסט מיט אונדזערע גיבורים און קדושים, ווערן מיר פאַרקאָכט און פאַרכאַפּט פון די אָפּגעפרעמדטע און אַוועקגעגאַנגענע.

דער פראַנצויזיש־קאַטוילישער דענקער זשאַק מאַריטען איז, צווישן קריסטן, איינער פון די באַהאַוונטסטע אין אונדזער געשיכטע און קולטור. ער איז אַן עלאָקווענטער און אויפריכטיקער פאַרטיידיקער פון יידן קעגן די בילבולים פון די אַנטיסעמיטן (זע: „אַ קריסט באַטראַכט די יידן־פראַגע״, לאָנגמאַנס, גרין און קאָמפּ., ניו־יאָרק, 1939). אמתע, ערלעכע קריסטן קאָנען — לויט אים — נישט זײַן קיין אַנטיסעמיטן. „אויב די וועלט האָט פײַנט יידן, איז עס דערפאַר וואָס די וועלט האָט פײַנט זייער ליידנשאַפט פאַרן אַבסאָלוט. דאָס וואָס די וועלט האָט זיי פײַנט, איז צו זייער רום... די שנאה צו יידן און קריסטן שטאַמט פון זעלביקן מקור. די נאַצישע שנאה צו יידן איז דעריבער אַ פּסיכאָפּאַטיש־פאַרשטעלטע שנאה צו קריסטן; ווײַל די יידן האָבן געגעבן דער וועלט יעזוסן און זיי זײַנען גאָטס פאָלק, דערפאַר האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיי דער צאָרן פון די נאַצים״. (זע: זשאַק מאַריטען: „וועלט־משפט: זײַן באַדײַטונג פאַר דער צוקונפט״. „קאָנטעמפּאָרערי דזשואיש רעקאָרד״, אויגוסט, 1943).

ווי אַ פרומער קאַטאָליק האַלט מאַריטען אַז קריסטנטום איז דער

העכסטער שטאַפּל פון יודאַיִזם און אַז די ייִדן־פראַגע וועט נישט ענד־גילטיק געלייזט ווערן ביז... ייִדן וועלן זיך אויסשמדן. ד"ה אונטערגיין. אָבער פּונקט ווי אַ וואַלדאָ פראַנק, אַ דוד אייבהאָרן און אַנדערע, דערקלערט ער אַז די מיסיע פון ייִדישן פאָלק איז צו סטימולירן די וועלט, זי נישט צו לאָזן איינשלאָפן, צו לערנען זי אומצופרידנקייט און אומרויִקייט ביז וואַנען זי וועט זיין פול מיט נאָט.

נו, האָט דער זשורנאַל „דזשוּאיש פראָנטיער" איצט אָפּגעדרוקט זשאַק מאַריטענס אַן אַרטיקל, אויף דער טעמע: די קרייציקונג פון יעזוסן (אויגוסט, 1944, „אַ קאַטוילישער בליק אויף דער קרייציקונג"). לייענט איר אָט די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג פון קאַטוילישן פילאָסאָף און ייִדנפריינד און עס ווערט אייך טרויעריק אויפן האַרצן.

אין אַ פרום־קאַטוילישן נוסח, פול מיט ציטאַטן פון נייעם טעסטאַ־מענט, באַווייזט אייך מאַריטען אַז צוויי טויזנט יאָר נאָך דער קרייציקונג דאַרף דאָס ייִדישע פאָלק נאָך אַלץ ליידן צוליב דעם טויט פון נוצרי, אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט אָננעמען די קריסטלעכע אמונה, ווייל „דער קריסט, וויסנדיק אַז קריסטוס איז די צווייטע פּערזאָן אין דער געטלעכער דריי־אייניקייט, האָט אַ רעכט צו באַטראַכטן דאָס (די קרייצי־קונג פון יעזוסן) ווי די זינד פון הרגענען גאָט: עס איז פּאַקטיש אַזוי געוועזן". פאַרשטייט זיך אַז די גרעסטע זינד פון די ריכטערס וואָס האָבן פאַרמשפּט יעזוסן איז געוועזן זייער בלינדקייט פון האַרץ און מאַנגל אין גלויבן אַז יעזוס איז גאָטס זון; אָבער אַזוי ווי דאָס ייִדישע פאָלק — אַרגומענטירט מאַריטען — סאָלידאַריזירט זיך דאָך מיט זיינע דעמאָל־טיקע פירערס דערמיט וואָס עס האָט נישט אָנגענומען די קריסטלעכע אמונה ביז היינט־צו־טאָג „וועט עס ווייטער פאַרבלייבן אין גלות אַזוי לאַנג ווי עס וועט נישט גלויבן אין זיין געקרייציקטן משיח".

צי האָט איר נישט דאָ אַ טעאָלאָגישע באַגרינדונג פון אַנטיסעמיטיזם? וועט דען די קריסטלעכע יוגנט און די פּשוטע פאָלקסמאַסע וועלכע לערנט אָט די אויסטייטשונג פון דער קרייציקונג אין אַלע שול־טעקסט־ביכלעך נישט ווערן אָנגעשטעקט מיט שנאה צו ייִדן? וועט זי דען קענען, אָדער וועלן פאַנאַנדערפלאָנטערן די אַלע סובטילקייטן פון דער קאַטוילישער טעאָלאָגיע, און איינזען, צוזאַמען מיט מאַריטענען אַז בלויז גאָט „מעג" באַשטראָפן זיין פאָלק, און זי, די יוגנט און פאָלקסמאַסע, דאַרף נישט

צולייגן אַ האַנט צו אָט דער „הייליקער אַרבעט”? יעדער לייענער פון מאַריטענס אַרטיקל ווײס, דוכט מיר, קומען צום אויספיר אַז אַפילו דער סאָפיסטיצירטער, ייִדן־פֿרײַנדלעכער טעאָלאָג קען נאָך אַלץ נישט מוחל זײַן דעם הײַנטיקן ייִדישן פֿאָלק די זינד פון עטלעכע ייִדן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק — ספּעציעל, ווען די גאַנצע געשעעניש איז מער לעגענדע ווי היסטאָרישער פֿאַקט.

(1944)

סידני הוק און דער קריזיס אין דעמאָקראַטיע

פּראָפ. סידני הוק, דער אָנגעזעענער ייִדיש־אַמעריקאַנער דענקער, איז ווי באַקאַנט אַ תּלמיד פון אַמעריקאַנער פילאָסאָף דזשאַן דיואי, אַן עקספּאָנענט פון דער שיטה וואָס גייט אונטערן נאָמען אינסטרומענטאַליזם (אַ וואַריאַנט פון פּראַגמאַטיזם). דזשאַן דיואי ווערט באַטראַכט ווי דער באַגרינדער פון דעמאָקראַטישן וועלטבאַנעם, אין הײַנטיקן יאָרהונדערט.

פּונקט ווי זײַן „רבי" דיואי! אַזוי האָט סידני הוק זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשלאָסן אין עלפאַנטביין־טורעם פון אוניווערסיטעט, און זיך נישט באַהאַלטן אונטער אַ באַרג פון ציטאַטן פון פּלאַטאָן אָדער אַריסטאָטעל. ער שטייט אין משך פון פערציק יאָר אין מיטן שלאַכטפעלד פון אידעען־שטרייטן, און ער פאַרטיידיקט מוטיק און שאַרפזיניק דעם דעמאָקראַטישן וועלטבאַנעם קעגן אַלערליי טאָטאַליטאַריער פון רעכטס און פון לינקס. ער איז דערפאַר אַ צילברעט פאַר די פײַלן פוןביידע עקסטרעמען.

פּונקט ווי דער שטערן פון זײַן רבין איז לעצטנס פאַרטונקלט אין דער פילאָסאָפישער וועלט, אַזוי איז די פּאָפּולאַריטעט פון סידני הוקן געפאַלן — צוליב דעם אויפקום פון „נײַעם לינקיזם" — אין די רייען פון דער סטודענטשאַפט און דער יוגנט בכלל. ס'איז אַלע מאָל אינטערעסאַנט — אַפילו ווען איר קענט נישט אין אַלץ מסכּים זײַן מיט אים — צו לייענען וואָס סידני הוק האָט צו זאָגן. ער צייכנט זיך אויס מיט אַ קלאָרן, אַנאַליטישן מוח, אַ שאַרפער פּען און אַ קרישטאָל־ריינעם סטיל — אַן דריידלעך, אָן חנדלעך.

אין שײַכות מיט די געשעענישן וואָס קומען פאָר די לעצטע צײַט אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, ווו עס פאַרשפּרייט זיך דער אײַנפלוס פון יענע וואָס פריידיקן און ווענדן אָן געוואַלט־מיטלען, איז סידני הוק אַרויסגעקומען מיט אַ פאַרטיידיקונג פון דזשאַן דיואיס געדאַנק־קען־גאַנג, וואָס איז אין תּוך אַ רעכטפאַרטיקונג פון דעמאָקראַטישן לעבנסבאַנעם. (אין „אַנטיאָק רעוויו" זומער, 1969). אויף עטלעכע צענט־

ראַלע פּונקטן אין דער עסיי וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן; ווײַל זיי זײַנען וויכטיק פאַר יעדן אײנעם וואָס גלויבט אין דעמאָקראַטיע.

ס׳איז קודם־כּל נויטיק אונטערצושטרײַכן אַן עיקר אין דעמאָקראַטישן באַנעם: די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און ווערטן זײַנען באַזירט אויף דער פרײַער הסכּמה פון דער מאַיאָריטעט, און די באַרעכטיקונג פון דעמאָקראַטיע ליגט, ראשית כּל, אין פאַקט וואָס זי ברייטערט אויס, מער ווי יעדער אַנדער פּאָליטישע סיסטעם, די שטחים פון מענטשלעכער פרײַהייט, פון סאָציאַלער זיכערקייט און אינדיווידועלער חשיבות. אַ וויכטיקע באַטאָנונג אין דיוואיס סאָציאַלן און פּאָליטישן געדאַנקען־גאַנג איז דאָס אָנערקענען דעם פאַקט אַז אמתע דעמאָקראַטיע איז מחייב אָפּצושאַפן עקאָנאָמישע, עטנישע, רעליגיעזע און דערציִערישע אומ־גערעכטיקייטן. „איין מענטש — איין שטימע״ איז נישט גענוג — אויב איין מענטש קען אַליין באַשליסן וועגן דער פּרנסה פון אַ סך אַנדערע ווי און אונטער וואָס פאַר אַ באַדינגונגען זיי קענען לעבן, וואָס זיי קענען לייענען אין דער פּרעסע, אָדער הערן אין דער לופט. אויף דעם געביט — האָלט סידני הוק — זעען מיר אַז דיוואיס אײנפלוס האָט זיך פאַרשטאַרקט און באַווירקט די אַמעריקאַנער פּאָליטיק אין דער ריכטונג: די פּאָליטישע פּאַרטייען רעכענען זיך מער מיטן דרוק פון די מאַסן („גראַס־רוטס״), מיט פאָלקס־באַטייליקונג אין דער דערציִונג, און ברייטערער טרייד־יוניאָן־אָרגאַניזירונג. די דאָזיקע אַנטוויקלונגען האָבן באַשטעטיקט דיוואיס טענה אַז פּאָליטישע דעמאָקראַטיע אַליין איז נישט גענוג.

עס איז מאָדנע וואָס דיוואיס אידעען, הגם נישט זײַן לשון, געפינט מען אַפילו בײַ די עקסטרעמע קריטיקערס פון דער הײַנטיקער געזעל־שאַפט, וואָס שליסן אײַן דיואין אין זייערע אַטאַקעס. אַזוי, למשל, איז אין דער 1962 פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער ס.ד.ס. (סטודענטן פאַר דעמאָ־קראַטישער געזעלשאַפט) פאַראַן אַן אָפּקלאַנג פון דיוואיס קריטיק בנוגע דער ציללאָזיקייט און זינלאָזיקייט פון מאַסנלעבן אין אַן אינדוסטריעלער געזעלשאַפט. עס זאָגט זיך דאָרט: די ברוטאַלקייטן פון 20סטן יאָרהונדערט לערנען אונדז אַז מיטלען און צילן זײַנען ענג פאַרבונדן אײנס מיטן אַנדערן, אַז אומקלאָרע רופן צו די צוקונפטיקע דורות קענען נישט באַרעכטיקן די פאַרקריפּלונגען פון דער קעגנוואַרט.

אויב אַזוי, אין וואָס שיידן זיך אונטער די הײַנטיקע רעוואָלוציאָנערן

פון דיואיס פילאָסאָפיע? נישט אין צילן און אידעאַלן, נאָר אין מעטאָדן — האַלט סידני הוק. זיי מינירן אונטער דעם גלויבן אין ראַציאָנאַלע מעטאָדן בײַם לייזן פּאָליטישע קאָנפליקטן, דורך פאַרשפּרייטן געוואַלט, דורך קאָנפראָנטאַציעס, דורך דירעקטע האַנדלונגען וואָס איגנאָרירן דעם דעמאָקראַטישן מעטאָד. עס פאַרשפּרייט זיך אויך אַן אומגלויבן, אַז דורך דעמאָקראַטישע מעטאָדן וועט מען קענען דורכפירן אויף אַ פרידלעכן אופן, סאָציאַלע רעפאָרמען. מ׳הערט אַלץ אָפטער אַן אומפאַראַנטוואָרט־לעכע פראַזן־שיסערײַ וועגן רעוואָלוציע.

אָבער דזשאָן דיואיס פילאָסאָפיע פון דעמאָקראַטיע איז באַזירט אויף דעם גלויבן אין מענטשלעכער אינטעליגענץ, אין ראַציאָנאַליזם, אַז דער שׂכל וועט האָבן די אויבערהאַנט אין מענטשנס לעבן און אויפפיר. דער דאָזיקער גלויבן אין „פּאָטענציעלקייטן פון דער מענטשלעכער נאַטור״ האָט זיך נאָך די סטאַלין־ און היטלער־יאָרן, אַרויסגעוויזן צו זײַן אַ פאַנטאַזיע. וואָרעם די ווערטן און באַציִונגען אויף וועמענס יסודות דיואי האָט אויפגעבויט זײַן דעמאָקראַטישן בנין זײַנען באַשטאַנען אין אָט וואָס: „אַ פעיִקייט צו צווייפלען ביז וואַנען מען האָט אַלע באַווײַזן; אַ גרייט־קייט צו גיין דאָרטן וווּהין די פאַקטן פירן, אַנשטאָט צו באַשליסן פריער; די פעיִקייט צו האַלטן אידעען אין אַ פליסיקן צושטאַנד, כּדי זיי צו קענען נוצן ווי אַ היפּאָטעזע וואָס מען דאַרף ערשט באַשטעטיקן, און נישט ווי דאָגמעס וואָס מען קען באַהויפּטן״. צי איז אַזאַ גלויבן, אַז מענטשן וועלן אין זייער אויפפיר אַרויסווײַזן אַזעלכע זעלטענע מעלות, נישט אַ פאַנ־טאַזיע? צי איז אַזאַ גלויבן אין מענטשן רעאַליסטיש? „צי איז אַ גלויבן אין שׂכל שׂכלדיק?״

אַפילו וויסנשאַפטלערס, וואָס זיי דאַרפן זײַן מוסטערן פון מענטש־לעכע עקזעמפּלאַרן ווי דיואי מאָלט זיך אויס, האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין אימוניטעט צו אַלע האַלב־אמתן, צו אַלע פאַרשפּרייטע פאַלשקייטן פון אונדזער צײַט. סידני הוק גיט אָן ווי אַ מוסטער אַלבערט אײַנשטיין וואָס האָט אונטערגעשריבן אָפּנאַרערישע „שלום־פּעטיציעס״ פון קרעמלין.

יעדער איינער קען אילוסטרירן דעם טעזיס מיט אַ סך אַנדערע נעמען פון באַרימטע וויסנשאַפטלערס און קינסטלערס וואָס גייען נאָך איינ־זײַטיק, דאָגמאַטיש און פאַרגלויבט נאָך די פאַרשידענע שאַטירונגען פון טאָטאַליטאַריזם.

די שווערסטע קלעפּ אָבער פאַרן דעמאָקראַטישן גלויבן אין דער שכלדיקייט פון מענטשן האָט אונדז צוגעשטעלט דער לעצטער האַלבער יאָרהונדערט מיט זײַנע אָפּגעטער פון קאָמוניזם און פאַשיזם וואָס האָבן געפאַנגען די נשמות פון מיליאָנען מענטשן, אין לענדער מיט אַלטע ליבעראַלע טראַדיציעס. אַלע פּסיכאָלאָגישע שטודיעס וועגן דער אויטאָ־ריטאַרער פּערזענלעכקייט — פון אַן עריק פראָם, עריק האָפער, אַדאָרנאָ און אַנדערע — באַשטעטיקן אַז עס איז אויפגעקומען אַ נײַער טיפּ מענטש: „להיפוך צום פאַנאַטיקער פון אַלטן סטיל, פאַראייניקט ער אין זיך אידעען און פעיִקייטן וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַן אינדוסטריאַליזירטער געזעלשאַפט מיט אַנטי־ראַציאָנאַלע גלויבונגען. דער נײַער טיפּ מענטש איז גלײַכצײַטיק אויפגעקלערט און איבערגלויביש; ער איז שטאָלץ מיט זײַן אינדיווידואַליזם, און איז אין שטענדיקער מורא אַז ער וועט נישט געפעלן אַנדערע. ער איז אַ קנאי בנוגע זײַן אומאָפּ־הענגיקייט, און אין דער זעלבער צײַט איז ער גרייט זיך אונטערצוואַרפן בלינד צו מאַכט און אויטאָריטעט״.*

אַט דער טיפּ מענטש איז זיך גרייט צו באַטייליקן אין געוואַלטזאַמע האַנדלונגען, ווײַל ער מיינט אַז מיט די דאָזיקע בלוטיקע מעטאָדן וועט ער שנעלער דערגרייכן זײַנע צילן. סידני הוק איז איבערצײַגט — און ער איז גערעכט אין דעם — אַז די וויכטיקסטע געווינסן פאַר אַרבעטער און מינאָריטעטן אין אַמעריקע זײַנען דערגרייכט געוואָרן דורך פרידלעכע מיטלען. פון דעסטוועגן — גיט ער צו — אַז אַ גרויסע צאָל אַמעריקאַנער גלויבט אין דער „שעפערישער״ ראָלע פון געוואַלט. אָבער, אי די היס־טאָרישע, אי די קעגנוואַרטיקע דערפאַרונגען — ווי מיר אַלע ווייסן — באַווײַזן אַז קאָנפראָנטאַציעס און געוואַלט וועלן פירן צו קאָנטער־געוואַלט און ס׳קען זיך ענדיקן מיט אַ בירגערקריג.

פּראָפעסאָר הוק פאַרענדיקט זײַן אַקטועלע שטודיע מיט דעם זייער ריכטיקן אויספיר, אַז דעמאָקראַטיע און ליבעראַליזם זײַנען ווײַט נישט קיין פאַרלאָרענע זאַך, נאָר אַ שווערער אידעאַל; אַז שכלדיקייט אַליין

* T.W. Adorno: The Authoritarian Personality, N.Y. 1950, Harper Bros.

איז נישט גענוג. מיר מוזן שטאַרק אונטערשטרײַכן אַז ס'איז נויטיק מוט. וואָרעם נישט די הכנעהדיקע וועלן ירשענען די וועלט, אַפילו נישט די אינטעליגענטע, אויב ס'פעלט זיי מוט, נאָר די בראַווע. און מיר מעגן צוגעבן אַז צווישן די מוטיקסטע פון אונדזער צײַט, צווישן די ערלעכע און אומדערשראָקענע קעמפערס פאַרן אמת, וועט פראָפ. הוק פאַרנעמען אַ פּלאַץ אין דער ערשטער שורה.

(1969)

יודל מאַרק — פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע

(צו זײַן אָפּשליסן 25 יאָר ווי דער קאָנסולטאַנט פון ייִדישע שולן)

א

יודל מאַרק פאַרמאָגט אַ סך טאַלאַנטן: ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע ייִדישע פילאָלאָגן; ער איז דער רעדאַקטאָר פון „גרויסער ייִדישער ווערטערבוך״; ער איז אַ פאָלקלאָריסט, אַ פאָרשער, אַ היסטאָריקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור; ער איז דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „ייִדישע שפּראַך״. ווײַל איך זיך מיט זײַנע אויפטוען אויף די אַלע אויסגערעכנטע געביטן דאָ נישט פאַרנעמען. איך וויל בלויז אָנצייכענען יודל מאַרקס פאַרדינסטן ווי דער פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע. אונדז, זײַנע שטענדיקע מיטאַרבעטערס און מיטקעמפערס, פעלט טאַקע פּערספּעקטיוו און דיסטאַנץ צו קענען רויִק מעסטן און וועגן זײַנע 25 יאָר אויפן געביט פון ייִדישן חינוך אין אַמעריקע. פון דעסטוועגן קענען מיר אָפּשאַצן זײַן בלײַביקן אויפטו במשך דעם פערטל יאָרהונדערט, ווי דער קאָנסולטאַנט פון די שלום־עליכם־ און אַרבעטער־רינג־שולן בײַם ייִדישן דערציִונגס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק.

מאַרקן קומט אויס צו אַרבעטן טאָג־טעגלעך מיט ייִדישע לערערס. דער רוב אונדזערע לערערס זענען איבערגעגעבענע מענטשן מיט פּרינציפּן און אידעאַלן. מיט אַזעלכע אידעאַליסטישע יחידים מיט בולטער אינדיווידואַליטעט איז געוויינלעך שווער אויסצוקומען. יודל מאַרק מיט זײַן מיושבדיקייט, מיט זײַן שטילן קול און זײַן רויִקייט האָט באַוויזן צו קריגן די קאָאָפּעראַציע פון די לערערס און שול־טוערס.

די 216 נומערן פון חודשלעכן „פּעדאַגאָגישער בולעטין״, וואָס ער האָט כמעט אַליין אויסגעפילט מיט וויכטיקן אינהאַלט, שטעלן מיט זיך פאָר אַ רײַך קאַפּיטל אין אונדזער ייִדישער פּעדאַגאָגיק. ווער עס וועט

זיך באַקענען מיט די ביז איצט דערשינענע 216 נומערן „פּעדאַגאָגישער בולעטין”, וועט איינזען אַז די אַלע פּעדאַגאָגישע, מעטאָדישע און דידאַק־טישע מאַטעריאַלן אויף די געביטן פון לערנען ייִדיש, געשיכטע, תּנ״ך, אויפן געביט פון פּייערן יום־טוב — אַט די אַלע אַרטיקלען, דיסקוסיעס, אָנווייזונגען זײַנען וויכטיק פאַרן ייִדישן לערער, פאַר ייִדישן קינד און ממילא פאַרן ייִדישן קולטור־המשך אין אַמעריקע. אַ דאַנק מאַרקס באַקענען די לערערס מיט די נײַסטע אידעען אין דער מעטאָדיק פון שפּראַך, ווי בכלל זײַן ברענגען צו אונדזער אויפמערקזאַמקייט די נײַסטע ביכער און עקספּערימענטן אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט האָט ער געהאָלפן דעם לערער צו ווערן סענסיטיווער און קריטישער צו זײַן אַרבעט אין קלאַס.

ווען יודל מאַרק איז געקומען קיין אַמעריקע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז נאָך אונדזער היגע ייִדיש־וועלטלעכע גאַס געווען דאָמינירט פון אַ כּכל־הגוידימדיקער וועלטלעכקייט, וואָס האָט געהאַט ווייניק פאַרשטענדעניש פאַר אונדזערע ספּעציפישע גײַסטיקע נויטן. די דאָזיקע פּרימיטיווע וועלטלעכקייט האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך גענוג ייִדישע לעבנס־וויטאַמינען זיך צו קענען קעגנשטעלן דער דיסאינטעגרירנ־דיקער ווירקונג פון דער סביבה. דעמאָלט האָט יודל מאַרק, דער תּלמיד פון דובנאָוו און פּרצן, בהדרגה אַרײַנגעבראַכט זײַן ניואַנס אין אונדזער ייִדיש־ייִדישקייט. ער האָט איבערצײַגנדיק אַרגומענטירט אַז ייִדישע וועלט־לעכקייט איז דער הויפּטשטראָם פון דער ייִדישער געשיכטע במשך די לעצטע 200 יאָר; אַז די גרונטאידעע פון ייִדישער וועלטלעכקייט, אַז ייִדן זײַנען אַ פאָלק און נישט קיין רעליגיעזע גרופּע, בלײַבט ווײַטער אמת; „אַז קיין שיטה און כּיתּה קען נישט האָבן קיין אָביעקטיווע באַווײַזן אַז איר אמת איז דער איינציקער אמת; אַלע רייד וועגן ווויסנשאַפטלעכע ראיות פאַר איבערצײַגונגען זײַנען אומוויסנשאַפטלעכע רייד; קיין שום וויסנשאַפט קען נישט שאַצן ווערטן. זיי ווערן געשאַצט פון געוויסן — נישט פון וויסנשאַפט... דעם וועג אין לעבן ווײַזט דער אייגענער אידעאַל — אויב מען האָט אַן אידעאַל”.

דעריבער איז יודל מאַרק געקומען צום אויספיר אַז קיינער קען אונדז נישט אָפּזאָגן דאָס לעבן, און די פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן פּרציזאַניש: נישט צי וועלן מיר קענען אויפהאַלטן אַ ייִדיש־וועלטלעכע שול, נאָר צי

קענען מיר ווען, צי ווילן מיר געגוג שטאַרק די יידישע שול? „צי וויל אַ דור וואָס האָט אָנגעהויבן ווי רעוואָלוציאָנערן... פאַרענדיקן מיט מושב־זקנימדיקייט אָדער מיט אַ המשך דורך שולן וואָס גיבן איבער אַ גילגול פון ניגון אין די יונגע יאָרן?"

יודל מאַרק איז אַ יידישיסט, דאָס הייסט ער גלויבט אַז דאָס לעבן פון יידיש איז נייטיק פאַרן שפּעפּערישן לעבן פון יידישן פאָלק, און כאָטש יידיש איז מער נישט די מוטערשפּראַך פון אַמעריקאַנער יידישן קינד, פון דעסטוועגן קענען מיר ווײַטער אויפהאַלטן יידיש ווי אַ ספּעציעלע סביבה־שפּראַך פאַר יענעם טייל פון אונדזער לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט יידישע טעטיקייטן, מיט „אינדזל־יידישקייט". ער איז טיף איבער־געצייגט אַז דאָס איז לעבנסוויכטיק פאַר אונדז, ווײַל אַ קללה פון צווייט־ראַנגיקייט, אָדער דריט־ראַנגיקייט ליגט אויף די שאַפונגען פון יידישע שרײַבערס אויף פרעמדע לשונות, און „צו זײַן קולטור־שעפּעריש... איז נייטיק די אָפּגעגרענעצטקייט פון דער אַרומיקער סביבה וואָס איז נאָר מעגלעך דורך אַן אַנדער שפּראַך. דעריבער דאַרף די דערציִונג פון דער יידישער פערזענלעכקייט זיך בינדן נאָר מיט דערציִונג אין יידיש".

און טאָמער וועט מען פרעגן: ווייסט דען נישט יודל מאַרק אַז ס'איז נישטאָ מער די יידישע מזרח־אייראָפּע: אַז ס'איז נישטאָ אין אַמעריקע קיין יידיש־רעדנדיקע סביבה אין עלטער פון יונגע מענטשן מיט קינדער; אַז ס'איז נישטאָ מער דער ריס צווישן צווייטן און דריטן דור — ווי ס'איז געווען אַ מאָל צווישן די עלטערן־אימיגראַנטן און זייערע הי־געבוירענע קינדער; צי איז דען יודל מאַרקן נישט באַקאַנט די מערכה פון יידיש אין די מײַלער פון אונדזערע קינדער? וויפל יידיש לערנען זיי אויס, און ווי אָפט באַנוצן זיי עס? ער ווייסט עס שוין גאָר. אָבער ער ווייסט אויך אַז וויפל יידיש מען זאָל נישט האָבן אויסגעלערנט — לוינט זיך עס, „וואָרן דער פּראָצעס פון לערנען זיך רעדן איז זייער אַ וויכטיקע איבער־לעבונג פון קינד. דער תּלמיד איז דעמאָלט אין סאַמע מיטן פון אונדזער בולטער יידישער אַנדערשקייט. ער לעבט באמת ווי אַ ייד. בפרט נאָך ווען דאָס לערנען רעדן פאַרבינדט זיך מיט יידישקייט, מיט יום־טוב, מיטן יידישן לעבן פון אַמאָל און הײַנט". מאַרק איז אַ רעאַליסט וואָס איז באַזעלט פון אַן אידעאַל וואָס ער פאַרגעסט קיין מאָל נישט. ער זאָגט אָפן אַז ער איז נישט קיין שפּראַכיסט; ער האַלט נישט אַז שפּראַך איז

אַלץ; ער האַלט אויך נישט אַז ייִדיש איז געגנוג פאַר קיום־האומה. ער האַלט אָבער — און מיר דוכט זיך אַז דאָס קען מען נישט באַשטרייטן — אַז ביי די איצטיקע באַדינגונגען קומט אויס צו לעבן דעם ייִדישן מענטשן אין צוויי באַזונדערע קולטור־ספערעס: אין דער קולטור־ספערע פונעם לאַנד און אין דער קולטור־ספערע פון זיין פאָלק. עס האָט נישט קיין ממשות די צווייטע קולטור־ספערע, אויב זי שיידט זיך נישט אָפּ מיט יענער בולטער אַנדערשקייט וואָס איז אַ שפּראַכיקע אַנדערשקייט; און ספּעציעל איז דאָס גילטיק פאַר וועלטלעכע ייִדן.

אין משך פון די לעצטע 25 יאָר הערן מיר נישט אויף ביי יעדער געלעגנהייט איבערצושאַצן אונדזער אידעאָלאָגישע באַגרינדונג, אונדזער מאָטיווירונג פאַר ייִדיש, אונדזער גאַנצן איינשטעל, און יודל מאַרק איז איינער פון די וואָס גיבן דעם טאָן. אָבער נאָך אַלע ראַדיקאַלע שינויים אין דער ייִדישער וועלט, און נאָך אַלע צייטמאָדעס וואָס זיינען אין משך פון לעצטן פערטל יאָרהונדערט אויפגעקומען, האָט ער באַוויזן מיט אייזערנע ראיות אַז די ייִדישע אַמעריקע וואָלט שטאַרק פאַראָרעמט געוואָרן גייסטיק, אויב מיר, דער ייִדיש־וועלטלעכער סעקטאָר, זאָל חלילה נישט זיין. וואָרן אַן אונדז ייִדיש־ייִדן איז נישטאָ קיין איין קלאָרע און בפירושע גרופּע וואָס האָט אָנגעשריבן אויף איר פאָן: „דאָס ייִדישע פאָלק אומעטום". זיינען דען פאַראַן געטרייערע אַריבערגענגערס פון ווערטן פון וואַרשע, פון ווילנע, פון זשיטאָמיר? זיינען דען פאַראַן בעסערע אויפהאַלטערס פון בריקן איבער דורות און איבער קיבוצים? אונדזער שליחות איז צו זיין דער רינג צווישן צוויי טיפן ייִדן — דעם טויזנט־יאָריקן טיף פון צווישן ווייסל און דניעפּער און דעם קומענדיקן טיף צווישן אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק. מיר זיינען די בריק איבער דעם אַטלאַנטיק".

אָן ספק איז מאַרק איינער פון די הויפּטבויערס וואָס בויען אָט די גייסטיקע בריק. ער איז במשך פון 25 יאָר אַן אָרגאַניזאַציע־מענטש וואָס האָט נישט אויפגעלייזט זיין פּערזענלעכקייט אין קיין אָרגאַניזאַציע; ער וואָגט צו מוסרן די אָרגאַניזאַציעס אין וועלכע ער איז איינער פון די טוערס. ער איז פּראַקטיקער און טעאָרעטיקער, ער רעכנט זיך מיט דער פּראַקטישער ווירקלעכקייט און האַלט גלייכצייטיק אַן זיינע איבער־צייגונגען. הגם ער איז געצוואונגען, ווי מיר אַלע, צו מאַכן קאָמפּראָמיסן

און זיך בייגן פֿאַר דערווירקלעכקייט, האַלט ער אָן זײַן אומאָפּהענגיקייט און אומקאָמפּראָמיסלעכקייט אין אידעאַלן און ווערטן.

אין אַ צײַט, ווען אַ סך אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן האָבן אויסגעביטן זייער יוגנט־אידעאַל מתקן צו זײַן די וועלט, אויף דער באַקוועמער אַרבעט צו אינטערפּרעטירן און אָפּט צו באַרעכטיקן דעם סטאַטוס־קוואָ, הערט ער נישט אויף אונדז צו וועקן, צו מאָנען און דערמאָנען אַז אונדזער געוויסן דאַרף זײַן די קריטעריע פֿון אונדזערע טווּנגען; אַז אונדזער ייִדישקייט איז „אַ פּרוּוו פֿון אַ סינטעז פֿון אָפּזונדערן זיך אין אַנדערש־קייט און דאָך שטיין מיטן פּנים צו דער גאָרער וועלט... כּדי צו נעמען פֿון איר אַלץ וואָס איז ווערט צו נעמען, און כּדי זי מתקן צו זײַן עס זאָל זיך לוינען באמת צו לעבן אויף דער וועלט". דאָס איז דער קרעדאָ פֿון ייִדישן הומאַניסט יודל מאַרק, און דער אני־מאמין איז אין תּוך דער אײַנשטעל פֿון גאַנצן ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר.

(1967)

מאָריס סעמיועל — אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע

(צו זײַן ערשטן יאָרצײַט)

I

עס איז איצט פונקט אַ יאָר זינט עס איז אַוועק אין דער אייביקייט מאָריס סעמיועל, איינער פון דער קלײנער צאָל ייִדיש־אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן וואָס האָבן געלעבט אין צוויי וועלטן — אין דער מערב־דיקער קולטור און אין דער ייִדישער קולטור; אַ ייִדישער דענקער און ליטעראַט, וואָס האָט געטראַכט און געשריבן אויף ענגליש, און אין דער זעלבער צײַט געווען אַ קענער פון דער ייִדישער און העברעיִשער ליטע־ראַטור; אַ לעבנסלאַנגער ציוניסט און גלײַכצײַטיק אַ באַיאָער — נישט אַ פאַרלייקענער — פון גלות; אַן ענגלישער נאָוועליסט און עסייִסט, און דער אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדיש־ליטעראַטור צו די שפּראַכלעך־אַסימי־לירטע ייִדן.

דאָס איז געווען אין יאָר 1926. איך בין דעמאָלט געווען אַ סטודענט אין ניו־יאָרקער סיטי־קאָלעדזש, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל געהערט רעדן עפנטלעך מאָריס סעמיועלן. ער האָט פאַרגעשטעלט און געגעבן אַן אָפּשאַצונג פון חיים נחמן ביאַליק, בעת זײַנעם (ביאַליקס) אַן אויפטריט פאַר די היגע ייִדישע סטודענטן. אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז סעמיועל אינטעלעקטועל אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַנערקענט ווי אַ שאַרפזיניקער פּאָלעמיקער, ווי אַן עלאָקווענטער פירשפּרעכער פאַר דער ייִדישער און ייִדיש־ציוויליזאַציע און אינטערפּרעטירער פון ייִדישן עטאָס; ווי אַ טיפ־זיניקער לעקטאָר איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון אַמעריקע.

II

מאָריס סעמיועל, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין רומעניע, אין 1895, איז געבראַכט געוואָרן קיין ענגלאַנד אין עלטער פון 5 יאָר. ער

האָט שפּעטער געלערנט אין מאַנטשעסטער אוניווערסיטעט, ווו פּראָפ. חיים ווײַצמאַן איז געווען איינער פון זײַנע לערערס, מיט וועמען ער איז געוואָרן נאָענט באַפרײַנדט. אין 1914 האָט סעמיועל עמיגרירט קיין אַמעריקע, און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי, אין פראַנקרײַך. צוזאַמען מיט אַ יידישער דעלעגאַציע פאָרט ער נאָך דער מלחמה קיין פּוילן, ווו ער באַקענט זיך מיט אַלע שטרעמונגען אין דאָרטיקן שעפערישן יידישן ישוב און מיט דער רײַכער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט דעמאָלט פּראָדוצירט. אין די יאָרן 1929—1939 האָט סעמיועל געלעבט אין ארץ־ישראל.

סעמיועל האָט אָנגעשריבן 25 ביכער; ער איז געווען אַ באָוועליסט און עסייִסט; אַן איבערזעצער פון העברעיִש און יידיש; אַן אײַנפלוס־רייכער לעקטאָר און אָראַטאָר. אָבער נישט מיט אַלע זײַנע ביכער און נישט מיט אַלע פּאַזן פון זײַן שעפערישקייט קען איך זיך דאָ פאַרנעמען. אַזאַ אויפגאַבע פאַרלאַנגט שיער נישט אַ גאַנץ בוך. איך וויל זיך דער עיקר דאָ אָפּשטעלן אויף זײַן ראָלע ווי דער יידיש־אַמבאַסאַדאָר און ווי דער פירשפּרעכער פון דער יידישער קולטור און ציוויליזאַציע.

אין דער אַנגלאָ־סאַקסישער וועלט האָבן געווירקט אַזעלכע יידישע אינטעלעקטואַלן־שריפטשטעלערס ווי ישראל זאַנגוויל אין ענגלאַנד און לודוויק לואיסאָן אין אַמעריקע. זיי האָבן פּרובירט בויען בריקן פון דער יידישער צו דער מערבֿ־קולטור, און זיי האָבן געהאַט אַ וואַרעמע, פּאָזי־טיווע באַציִונג צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור. אָבער נישט זאַנגוויל און נישט לואיסאָן האָבן פאַרמאָגט סעמיועלסעס באַהאַוונטקייט און זײַן טיפן אַרײַנבליק אין דער יידיש־קולטור. דערצו איז דער אַמערי־קאַנער בעל־תשובה, לואיסאָן, דערגאַנגען צו אַזעלכע עקסטרעמקייטן און איינזײַטיקייטן וואָס האָבן נישט געקענט צוציען צום יידישן פאָלק די סאָפיסטיצירטע, אָפּגעפרעמדטע יידישע אינטעלעקטואַלן. דאָס איז נישט געווען דער פאַל מיט סעמיועלן: ער איז פאַרבליבן דער באַלאַנסירטער יידישער הומאַניסט וואָס זעט אויך ליכט אין דער פאַרטונקלטער נישט־יידישער וועלט. ער האָט געפילט אַז זײַענדיק יידיש צענטרירט איז מען אויך וועלט־צענטרירט. „מײַן פאָלק איז מײַן אינסטרומענט צו קאָאָפּערירן מיט דער מענטשהייט, מײַן קאַנאַל צו דער מענטשהייט... ליבע צו דער

מענטשהייט ווען זי ווערט נישט אימפּלעמענטירט מיט ליבע צו אַ פאָלק איז געווייַנלעך צעשוווּמענע, מטושטשע סענטימענטאַלקייט״.

דער ציוניסט סעמיועל האָט געגלויבט אַז אין דער הײַנטיקער סעקו־לאַריזירטער וועלט און אין דער אָפענער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט קען ייִדישקייט נישט האָבן קיין תּקומה אָן מדינת ישראל. ייִדישקייט — האָט ער באַטאָנט — איז נישט בלויז אַ קלאַסישע ירושה ווי די גריכישע און רוימישע ציוויליזאַציעס; ס׳איז נישט בלויז אַן עטיש־פילאָסאָפישע סיס־טעם; נישט בלויז אַ וועלט־אַנשויונג און נישט בלויז אַ רעליגיע. עס איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם מיט די דאָזיקע אַלע אַספּעקטן און מער.

אָבער גלײַכצײַטיק מיט זײַן פּאָזיטיווער באַציִונג און אַקטיווער אַרבעט פאַר ישראל, גלויבט ער אין דער צוקונפט פון ייִדן אין אַמעריקע. ער איז איבערצײַגט אַז אַמעריקאַנער ייִדישער חלוציזם מוז אַרויספליסן פון ליבע צו ישראל און נישט פון נעגאַטיוויזם בנוגע אַמעריקע. „מיר מוזן געבן די אַמעריקאַנער ייִדן עפּעס וואָס זיי באַזיצן נישט, כּדי זיי זאָלן מורא האָבן עס צו פאַרלירן. אין צוגאָב צו דעם וואָס זיי ווייסן אַז זיי זײַנען ייִדן דאַרפן מיר זיי געבן ייִדיש וויסן וואָס וועט פאַרשטאַרקן סײַ זײַער שרעק אַז זיי זאָלן עס נישט פאַרלירן, סײַ זייער פעיִקייט זיך אויסצוהיטן פון דעם... און ערשט ווען זיי וועלן באַזיצן ייִדיש וויסן, וועט דער גענוס דערפון ווערן פאַר זיי אַ דרינגענדיקע נויטווענדיקייט״. אַוודאי איז סעמיועל, דער שאַרפער אָבסערוואַטאָר, נישט קיין אומקריטישער חסיד פון אַלע דערשיינונגען אין דער ייִדישער מדינה. איבערגעבנדיק זײַנע שטימונגען און רעיונות אויפן אײַכמאַן־פּראָצעס אין ירושלים פּאָלעמי־זירט ער מיט די האַנאַ אַרענדטס און די סאַבראַס, וואָס מאָנען העלדיש־קייט בײַ די זעקס מיליאָן אומגעקומענע ייִדישע מאַרטירערס. ער פילט אַן עקל, ווען ער לייענט אַרענדטס קאָמענטאַרן אויף די „פאַקטן״ וועלכע שטעלן פאַר די פירערס פון געפאַנגענעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה ווי אויסוווּרפן פון דער מענטשהייט. ער טענהט אַז אירע אויסטײַטשונגען פירן צום אויספיר אַז, ווען מענטשן־פּחדנים ווערן דערמאָרדעט, זײַנען זיי אַליין שולדיק אין דעם. דאָס איז אַ האַרצלאָזער שטאַנדפּונקט פון איינעם וואָס האָט נישט די מינדסטע פאַרשטענדניש פאַר דער דילעמע פון ייִדישן גלות ווו אַנגרײַפן דעם אונטערדריקער האָט געמיינט פולשטענדיקע פאַרניכטונג, בעת נישט

אַנוועגדן אַגרעסיווע פּאַרטייִדיקונג־מיטלען האָט געפירט דערצו אַז אַ טייל פון די ייִדישע קהילות זאָלן קענען ווײַטער עקסיסטירן. אָבער דאָס חײַטערדיקע לעבן פון דער „שארית" איז נישט געווען קיין צוועק פאַר זיך; דאָס איז געווען דער באַדינג פאַרן ווײַטערדיקן קיום פון דער ייִדישער אמונה. און אין אַזאַ „פּחדנות" מוז יעדער אינעווייניקסטער וואָס האָט אַ חוש פאַר מאָראַלישער גרויסקייט זען גײַסטיקע און פיזישע גבורה. ייִדן זײַנען במשך 2000 יאָר אויסגעשטאַנען אַלע דערנידעריקונגען און אכזריותדיקע האַנדלונגען כּדי צו קענען ווײַטער עקסיסטירן צוזאַמען מיט זייער חלום פון אַ באחרית־הימים.

„טויזנטער סאַבראַס זעען אינעם גלות, אין די 2000 יאָר צווישן בר־כּוכבא און בן־גוריון אַ תקופה וועלכע רירט אָן זייער כּבוד. זיי, די וויינקע (ד.ה. די ישראלים; ש.ג.), האָבן געקעמפט קעגן אַ סך; זיי האָבן אַרויפגעלייגט דעם גורל פון דער נײַער מדינה אויף דער וואָגשאָל, און אַרויס ווי זיגערס. זיי לייגן אָבער נישט קיין אַכט אויף דעם וואָס די אויסזיכטן פון שטעלן אַ ווידערשטאַנד די שונאים אין גלות זײַנען געווען וויינקער ווי איינס אויף אַ מיליאָן. זיי פאַרגעסן אַז זייער עצם עקזיסטענץ האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דער עקשנותדיקער פּאַסיווער האַלטונג פון זייערע עלטערן, וועלכע זײַנען אײַנגעבויגענע געלאָפן צווישן די רייען מערדערס".

און נאָך דעם ווי ער האָט מיט אומבאַשטרײַטבאַרער לאָגיק באַוויזן אַז די כּלומרשטע „ייִדישע פּחדנות" אין גלות איז אין דער אמתן געווען גבורה אויף דער העכסטער מדרגה, טענהט סעמיועל זיך אויס מיט יענע ישראל־ייִדן וואָס פאַראַכטן ייִדיש, ווײַל זי איז פאַר זיי דער סימבאָל און די שאַפונג און דער שפּיגל פון גלות — און דעריבער פון זײַן חרפּה. זיי האָבן אָבער נישט — שטרייכט אונטער סעמיועל — קיין באַגריף וועגן ייִדיש ווי די אָפּהיטערין פון דער ייִדישער אידעע און זיי האָבן נישט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דער רײַכקייט און די דערפאַרונגען וואָס זײַנען דיסטילירט געוואָרן אין דער שפּראַך. ער האָפט אַז די דאָזיקע גרינג־שעצונג צו דער אָנשטרענגונג פון דורות איז אַ פאַרגייִיקע חוצפּה. וואָרעם אויב חלילה נישט, קען דער גײַסטיקער זין פון דעם ווידער־אויפקום פון ישראל ווערן אויף לאַנג פאַרשאָטנט. „אַ ייִדישע מלוכה וואָס אַבסאָרבירט נישט דעם פּאָזיטיוון טייל פון גלות, איז נישט געטרײַ אַפילו צום ווײַטן עבר אין וועלכן די מלוכה שטרעבט צו געפינען איר באַרעכ־

טיקונג; וואָרעם דער דאָזיקער ווײַטער עבר האָט פּאָרויסגעזאָגט דעם גלות, און האָט אָנגעזאָגט דעם ייִדישן פאָלק צו לערנען פון אים״.

III

ווי אַ שפּראַכן־קענער און ווי אַ סטיליסט מיט אַ סענסיטיוון אויער האָט סעמיועל געוווסט אַז שפּראַך איז נישט בלויז אַ מיטל פון קאָמוניקאַציע, נאָר אַז זי איז אי אַ שפּיגל פון אַ ציוויליזאַציע, אי אַ רעזערוואָאַר פון דעם פאָלקס ווערטן, פון זײַן ספּעציפישקייט, פון זײַן טרויער און פרייד. דערפאַר זײַנען זײַנע צוויי פון זײַנע בעסטע ביכער וועגן די ייִדישע קלאַסיקערס שלום־עליכם און פּרץ. „די וועלט פון שלום־עליכם״, וואָס איז דערשינען אין 1943, איז געוואָרן פּרעמירט פון דער שטאָט ניו־יאָרק; „דער פּרינץ פון געטאָ״ (וועגן י. ל. פּרץ), וואָס איז דערשינען אין 1948, האָט געוווּנען די אָנערקענונג אי פון דער ייִדישער, אי פון דער אַלגעמיינער קריטיק. פאַר יענע וואָס קענען נישט לייענען אין אָריגינאַל אונדזערע צוויי קלאַסיקערס זײַנען סעמיועלס דערמאָנטע ביכער נאָך אַלץ אומפאַרבײַטלעך, און אַ גלענצנדיקער אַרײַנפיר אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער ציוויליזאַציע.

אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון „דער פּרינץ פון געטאָ״ פאַרענטפערט זיך סעמיועל פאַר וואָס ער, וועלכער איז במשך זײַן יוגנט געווען — אַ צאָל יאָרן — אָפּגעפרעמדט פון ייִדישקייט, האָט זיך גענומען שרײַבן וועגן דעם ייִדיש־קלאַסיקער פּרץ. אַ מענטש וואָס קערט זיך אום אַהיים צו זײַן פאָלק נאָך אַ פּעריאָד פון אָפּגעפרעמדקייט, האָט געוויסע פּלוסן אין פאַרגלייך מיט איינעם וואָס איז אַלע מאָל געווען אַן אינעווייניקסטער — זאָגט סעמיועל. ער קען זען דאָס ייִדישע לעבן אי פון דרויסן, אי פון אינעווייניק. ער קען פאַראייניקן די אָפּשאַצונג פון אַ פרעמדן מיט דער ליבשאַפט פון אַ קרוב, און, שטאַמענדיק פון צוויי וועלטן, קען ער אינטערפּרעטירן ביידע.

אָבער ער ווייסט אויך אַז דער פּלוס האָט זײַן מינוס. זײַענדיק אַ מענטש פון צוויי וועלטן, קען ער נישט געהערן צום סאַמע אינעווייניקסטן קרײַז פון ייִדישקייט. אָבער, נישט געקוקט אויף דעם מינוס — האָלט סעמיועל — האָט ער, דער האַלב־פרעמדער, געוויסע מעלות לגבי דעם

אינעווייניקסטן. דער ייִדיש־ אָדער העברעיִש־שרײַבער קומט נישט צו ייִדישקייט מיט דער קוריאָזיטעט פון דעם אָפּגעפרעמדטן. זיי האָבן נישט אַליין באַשטימט צו ווערן נאָך אַ מאָל ייִדן. זיי האָבן נישט קיין באַגריף וואָס עס פילט איינער ווי סעמיועל וואָס האָט ווייניק געוווּסט וועגן ייִדישקייט.

אָבער אָט דער כּלומרשטער האַלב־פרעמדער סעמיועל, וואָס איז אין זײַן יוגנט געווען אַ ביסל דערווײַטערט פון ייִדישקייט — ער איז אַרײַנגעדרונגען אין תּוך פון דער ייִדיש־ייִדישקייט; ער האָט אויפגעכאַפּט דאָס עפּיזאָדישע און דאָס פּערמאַנענטע אין פּרצן. ער אינטערפּרעטירט פּרצעס חסידישע און פאָלקסטימלעכע געשיכטעס נישט ערגער פון אַ ייִדיש־קריטיקער, און ער אַנאַליזירט ווי אַן אינעווייניקסטער עסייִסט דעם „געשפּאָלטענעם מענטש" — דעם דור־דורותדיקן און דעם מאָדערנעם ייִד, פּרץ.

IV

איינס פון די בעסטע ביכער וואָס סעמיועל האָט אָנגעשריבן איז די פּאָלעמיק קעגן דעם ענגלישן היסטאָריקער־טעאָלאָג אַרנאָלד טאָינבי. דאָס איז אַפּאָלאָגעטיק אויף דער העכסטער מדרגה — נישט ווי יענע זעלבסט־פאַרלייקענדיקע, הכנעהדיקע אַפּאָלאָגעטיק וואָס מערב־אייראָפּעיִשע ייִדישע געלערנטע פלעגן שרײַבן אין 19טן יאָרהונדערט, ווו מ'לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו באַווײַזן אַז יודאַיִזם שטימט מיט דײַטשישער אָדער פראַנצויזישער קולטור. מאָריס סעמיועלסעס ענטפער צו טאָינבין געהערט נישט צו דעם סאָרט קנעכטישער אַפּאָלאָגעטיק. אין זײַן בוך „דער פּראָפעסאָר און דער פּאָסיל" טרעט סעמיועל אַרויס מוטיק און שאַרפזיניק קעגן די אַלע האַלב־אמתן, גאַנצע ליגנס, קעגן די אַלע דאָגמאַטישקייטן און סתּירות מיט וועלכע עס צייכנט זיך אויס טאָינביס שטעלונג צו ייִדן און ייִדישקייט.

דער ענגלישער היסטאָריקער האָט אין זײַן ווערק „אַ שטודיע פון געשיכטע" דערקלערט מיט זעלבסטזיכערקייט אַז דאָס ייִדישע פאָלק איז גײַסטיק און אינטעלעקטועל אַ פּאָסיל, אַ פאַרשטיינערטע גרופּע, אַ טויטע אומפּראָדוקטיווע קוריאָזיטעט, וועמען עס פעלט שוין צוויי

טויזנט יאָר לעבעדיקער זאַפט, שעפערישקייט. ער ווייסט נישט — דער אַלצווייסער טאָינבי — פון קיין שום מאָראַלישע, אינטעלעקטועלע און גײַסטיקע ווערטן, וואָס ייִדן האָבן באַשאַפן זינט דעם אַלטערטום. ער טאַדלט ייִדן פאַר דער קאָנצעפּציע פון אַן „עם־סגולה"; ער איז אין כעס אויף ייִדן פאַר וואָס זיי האָבן איבערגענומען דעם אייראָפּעיִשן נאַציאָנאַליזם און דעם נאַציאָנאַלן שטאַט, וואָס ער באַטראַכט פאַר אַלדאָס בייז. אָבער אין דער זעלביקער צײַט פאָדערט ער פון ייִדן אַז זיי זאָלן זיך פירן... ווי אַן אויסדערוויילט פאָלק.

סעמיועל באַווײַזט אים ווי פּניותדיק, ווי גאַוהדיק, און אינטעלעקטועל אומערלעך זײַן צוגאַנג צו ייִדן איז. דער ענגלישער היסטאָריקער וואָס געהערט צו אַ פאָלק וועמענס קולטור עס פאַרמאָגט עטלעכע היימען — ענגלאַנד, קאַנאַדע, אויסטראַליע — טאַדלט דאָס היימלאָזע ייִדישע פאָלק פאַר אויפבויען אַ היים פאַר זײַן קולטור אין ארץ־ישראל. ער באַווײַזט טאָינבין זײַנע טעותן, זײַן גײַסטיקע קאָנפוזיע, און ער באַקענט אים מיטן ייִדישן עטאָס, און מיט ייִדישער שעפערישקייט במשך דעם מיטלעלטער און דער נײַער צײַט.

ערשטנס, האָבן ייִדן באַוויזן אין דער מאָדערנער צײַט צו פאַר־וואַנדלען אַ וויסטעניש אין אַ בליענדיק לאַנד. זיי האָבן אויפגעבויט מדינת ישראל — אַן איבערמענטשלעכער אויפטו. נאָך די אַלע מאָנסטער־יעזע גרוילטאַטן, וואָס די נאַציס האָבן אָפּגעטאָן צו ייִדן, איז דאָס בלײַבן לעבן פון אַ געזונט ייִדיש פאָלק שוין אַליין דעם פאָלקס גרעסטער אויפטו.

צווייטנס, האָבן ייִדן אין גלות געשאַפן די ייִדישע שפּראַך און ליטע־ראַטור, וואָס איז אַ קולטורעלער פענאָמען פון ערשט־ראַנגיקער וויכטי־קייט, און דעמאָנסטרירט די כּסדרדיקע גײַסטיקע שעפערישקייט פון ייִדישן פאָלק. עס איז פאַלש צו באַהויפּטן — ווי טאָינבי טוט — אַז ייִדיש איז נישט מער ווי אַ דײַטשישער דיאַלעקט. דער רוי־מאַטעריאַל פון ייִדיש איז נאָענט צו דײַטש, אָבער אין גײַסט איז ייִדיש ווײַט פון דײַטש. ווי אַ בײַשפּיל נעמט סעמיועל דאָס וואָרט גלות, וואָס מ'זעצט איבער אין ענגליש מיטן וואָרט „עקזייל". אָבער פאַר איינעם וואָס קען ייִדיש איז די איבערזעצונג פון גלות אויף „עקזייל" גאָרנישט זאָגנדיק. אין ענגליש איז דאָס וואָרט עקזייל נישט אָנגעלאָדן מיט באַזונדערע אַסאָציאַציעס; אין ייִדיש איז דאָס וואָרט גלות אַ סך־הכּל פון געשיכטע, אַן אידענטיפי־

קאַציע, אַן אָפּצייכן, כּמעט דער עקוויוואַלענט פון וואָרט ייִד. „אַ ייִד איז אין גלות״ זאָגט מען אין ייִדיש, וואָס מיינט פּאַקטיש: „צו זײַן אַ ייִד, מיינט צו זײַן אין גלות״, מיינט צו לײַדן, צו ווערן באַליידיקט, צו וואַנדערן, צו ווערן פאַגראַמירט. דאָס זעלביקע — ווײַזט סעמיועל — איז מיטן וואָרט שבת אין ייִדיש, און סאַבאַטה אין ענגליש.

אָדער נעמט דאָס וואָרט גאָט אין ייִדיש. אין ייִדיש קען מען רעדן וועגן גאָט ווי דער וואָס לעבט אייביק. און מ׳קען זיך צו אים אויך ווענדן: „גאָטעניו״, „טאַטעניו״. די אינטימקייט מיט וועלכער אַ ייִד רעדט צו גאָט וואָלט שאָקירט פרעמדע. אָט טענהט זיך אַ ייִד אויס מיט גאָט חוצפּהדיק, ווי מיט אַ נאָענטן פעטער און אָט רעדט ער צו גאָט מיט רעזיגנאַציע, אָדער מיט פּיעטעט. אָט די זעלטענע באַציִונג שפּיגלט זיך אָפּ אין שלום־עליכמס „טביה דער מילכיקער״, אין פּרצעס „חסידישע מעשיות״, אין די סאַטירעס פון מענדעלען. דאָס אַלץ איז אין גאַנצן אָפּהענגיק אינעם גײַסט פון ייִדיש, וואָס דאָס מיינט אינעם גײַסט פון דעם פאָלק וואָס האָט געשאַפן די ייִדישן שפּראַך.

אָט אַזוי באַווײַזט סעמיועל טאַינבין די אָריגינעלע שאַפונג פון ייִדן אין גלות — די שפּראַך ייִדיש, וואָס נאָר ייִדן האָבן געקענט שאַפן.

אַ יאָר פאַר זײַן פּטירה האָט סעמיועל פאַרעפנטלעכט זײַן לעצט בוך: „אַ לויב צו ייִדיש״ — אַ בוך וואָס איז דורכגעדרונגען מיט טיפער ליבשאַפט און פאַרשטענדניש פאַר די ספּעציפיש ייִדישע און אוניווערסאַלע ווערטן וואָס זײַנען פאַרקערפּערט אין דער שפּראַך. „פונקט ווי דער תנ״ך, אַזוי פאַרלירט די ייִדישע שפּראַך איר זינען אויב מ׳זעט זי נישט אונטער אַן איבער־ליטעראַרישן אַספּעקט. ביידע זײַנען געוואָרן די פּראָדוקטן נישט פון קונסט צוליב קונסט, נאָר פון קונסט צוליב גאָט. מ׳קען נישט לייענען ייִדיש אויף אַן אינטעליגענטן אופן אַז מ׳זאָל נישט דערשפּירן אין צענטער פון לשון גאָט, שבת, די ימים נוראים, דעם גלות, שיבת ציון״.

דער פירשפּרעכער פון ייִדישן פאָלק און דער אַמבאַסאַדאָר פון דער ייִדיש־ציוויליזאַציע און ליטעראַטור — מאָריס סעמיועל — האָט מאַניפעסטירט אַז מ׳קען צוגעבן צו דער תּורה — אין אַלע שפּראַכן וואָס ייִדן רעדן. וואָרעם אַלץ וואָס פאַרפעסטיקט און באַרײַכערט דעם ייִדישן קאָלעקטיוו און יחיד איז תּורה אין ברייטן זין פון וואָרט.

(1973)

אברהם מענעס און וועלטלעכע ייִדישקייט

דער היסטאָריקער און פּובליציסט אַברהם מענעס געהערט צו די ערנסטע און אַחריותדיקע ייִדישע טראַכטערס; אַפילו ווען איר קענט נישט מסכּים זײַן מיט זײַן שטעלונג צו געוויסע ענינים, מוזט איר רעספּעקטירן און אַפילו סימפּאַטיזירן מיט זײַן נייגונג צו רעווידירן אַלטע אידעאָלאָגיעס, אָנגענומענע אמתן און באַשטימטע דרכים. די נײַע צײַט, די נײַע באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבן איצט אין לעצטן דריטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, די נײַע דורות פאָדערן, אַז מיר זאָלן זוכן נײַע ענטפערס אויף אַלט־נײַע פּראָבלעמען. איז מיר דעריבער נאָענט דער גײַסט פון רעוויזיע, — אויב נישט די רעוויזיע גופא, — וואָס איז אַ צענטראַלער שטריך פון מענעסעס פּובליציסטיק.

קיינער קען נישט אָפּפרעגן מענעסעס רעכט צו עצהן אַמעריקאַנער ייִדן, אַז זיי זאָלן נישט זײַן אַזוי קעמפעריש, אַז זיי זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין דער אַנטי־מלחמה־באַוועגונג; אַז זיי זאָלן נישט באַקעמפן רעגירונגס־שטיצע צו פּריוואַטע (פּאַראָקיאַל) שולן; אַז ייִדן זאָלן זיך ווייניקער באַטייליקן אין סאָציאַלע באַוועגונגען, נאָר זיי זאָלן גיין אויפן וועג פון פּשרות, פון אײַנגעהאַלטנקייט, פון קאָנסערוואַטיזם. צײַטנווײַז דוכט זיך אײַך אַפילו, אַז דאָס מיינט פּאַקטיש, אַז ייִדן זאָלן זיך אַליין רעדוצירן צום סטאַטוס פון צווייט־קלאַסיקע בירגערס. איז אויב אַזוי צו וואָס־זשע טויג די פרײַהייט און די גלײַכע רעכט אויב מע האָט מורא זיי צו באַנוצן? אָבער איצט וויל איך אויף די אַלע אַקטועלע שטרײַט־פראַגן זיך נישט אָפּשטעלן. איך וויל דאָ באַרירן אַן ענין, וואָס איז נישט ווייניקער אַקטועל, און וואָס איז נוגע דעם אינערלעכן לעבן פון די אַמעריקאַנער ייִדן: רעליגיעזע און וועלטלעכע ייִדישקייט.

ווי באַוווּסט — גלויבט מענעס — אַז מיר, הײַנטיקע ייִדן, דאַרפן געפינען דעם וועג צוריק צו גאָט. איז דאָס אַוודאי זײַן רעכט אַזוי צו גלויבן. אָבער אויף וואָסער סמך — ווילט זיך אים פרעגן — פּסקנט ער

אַזוי שטרענג אָפּ אַז דאָ אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר ייִדישער וועלטלעכקייט? (זע: „פאָרווערטס״ פון 12טן מערץ 1966).

דער פאָרשער מענעס האָט נישט קיין אילוזיעס בנוגע דעם מצב פון רעליגיעזער ייִדישקייט אין אַמעריקע. ער ווייסט, אַז די סינאַגאָגעס פוסטע־ווען אַ גאַנץ יאָר; אַז ס׳איז נישטאָ קיין רעליגיעזע אויפלעבונג אין טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַמעריקאַנער ייִדן; אַז דאָס היגע ייִדישע לעבן איז שטאַרק סעקולאַריזירט, און אַז דער הײַנטיקער ייִד איז אַ נישט־גלויביקער. און דאָך טענהט ער אַז: „די פרומע אַלטמאָדישע ייִדן האָבן אַ פולע ייִדישקייט פון עולם הזה און עולם הבא. זייער וואָך איז ייִדיש און זייער שבת איז ייִדיש, זיי זײַנען ייִדן אין זייער טראַכטן און ייִדן אין זייערע מעשים, און אָט די פרומע ייִדן באַזאָרגן די ברעקלעך ייִדיש־קייט פאַר אונדזערע וועלטלעכע ייִדן״.

זיכער מיינט דאָך דאָ מענעס די ליובאַוויטשער און וויליאַמסבורגער ייִדן. הײַנט פרעגט זיך, ראשית, צי קענען מיר, די ייִדן וואָס זײַנען דער־צויגן געוואָרן אין מאָדערנע ייִדישע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונ־גען, צוריקגיין אויף 200 יאָר, אַפילו ווען דאָס זאָל זײַן גוט פאַר קיום־האומה? מיר קענען דאָך נישט ווערן ווי אונדזערע זיידעס — אַפילו ווען מיר זאָלן עס וועלן. והשנית, ווי אַזוי באַזאָרגן אָט די עקסטרעם פרומע ייִדן מיט ברעקלעך ייִדישקייט אונדז, וועלטלעכע ייִדן? זיי וואָס האַלטן די ביאַליקס און די פּרצס און די דובנאָוו פאַר טריף־פּסול — צי זײַנען זיי נעענטער צום מקור פון ייִדישקייט ווי מיר? מיר דוכט זיך, אַז מיר זײַנען נישט ווײַטער אָפּגערוקט פון אויטענטישער ייִדישקייט — פון עטישן דינאַמיזם — ווי לעאָ בעק האָט עס באַצייכנט — ווי זיי.

אַ צווייטע טענה וואָס מענעס רוקט אַרויס איז באַזירט אויף דער דערפאַרונג פון דער מזרח־אייראָפּעיִשער וועלטלעכער ייִדישקייט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער פּרוּוו אויפצוריכטן דעם בנין פון דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור אין מזרח־אייראָפּע — מיינט ער — איז געווען אין געפאַר פאַרשוועכט צו ווערן פון אַסימילאַציע־שטראָם. לאָמיר אָננעמען אַז דאָס איז ריכטיק: ווי־זשע איז די תּרופֿה? האָבן דען די מאָדערנע ייִדן פון מזרח־אייראָפּע זיך געקענט צווינגען צוריקצוגיין צום גלויבן פון זייערע עלטערן? זיי זײַנען דאָך אַוועק פון יענעם דרך און

געזוכט נײַע וועגן צום פאָלק. און איז דען די פּאָלאַניזירטע רעליגיעזע ייִדישקייט — פּונקט ווי די היגע אַנעמישע סינאַגאָגאַלע ייִדישקייט — געווען אַ גענוגנדיקע גאַראַנטיע פאַר אַ שעפערישן זינפולן ייִדישן קיום?

אויף נאָך איין טענה איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן. וועלטלעכע ייִדן — האַלט מענעס — האָבן נישט באַוויזן איבערצוגעבן זייער קולטור־ירושה צו אַ ווײַטערדיקן דור, ווײַל „די טאַטעס האָבן צעריסן מיט דער טראַדיציע פון זיידעס, טוען די קינדער נאָך דעם בײַשפּיל. אויב מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן רעספּעקטירן אונדזער ירושה, מוזן מיר אַרויס־ווײַזן דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר דער קולטור־טראַדיציע פון אונדזערע עלטערן".

איז דאָס טאַקע אַזוי פּשוט? מיר דוכט זיך אַז ס'איז אי נישט לאָגיש, אי עס שטימט נישט מיט די פאַקטן; וואָרעם האָבן דאָך אונדזערע טאַטעס אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן רעספּעקט צו דער קולטור־ירושה פון זייערע טאַטעס און דאָך האָבן מיר — די אייניקלעך פאַרלאָזט דעם דרך אי פון אונדזערע טאַטעס, אי פון אונדזערע זיידעס. און וואָלטן מיר אָנגעהויבן פּראַקטיצירן די הלכה־ייִדישקייט פון שולחן־ערוך נישט האָבנדיק דערבײַ די טיפע אמונה פון אונדזערע עלטערן — און מען קאָן זיך דאָך נישט צווינגען צו זײַן אַ מאמין — וואָלט אַזאַ צעשפּאָלטנקייט, אַזאַ אומעכטקייט, געוווּנען דעם רעספּעקט פון אונדזערע קינדער? מיר מיינען פּונקט פאַר־קערט.

עס וווּנדערט אונדז אויף אַ גאַנצער ריי האַלב־אמתן, וואָס מענעס באַנוצט צו פאַראורטיילן וועלטלעכע ייִדישקייט. ער פרעגט: „האָבן מיר דען אַ דוחק אין וועלטלעכקייט אין אַמעריקע? פעלט אונדז דען דאָ וואָכעדיקייט?... אין אָט דער רײַכער קולטור אין ענגליש איז ממש נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר ייִדישער וועלטלעכקייט. נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר ייִדישע יוניאָנס, פאַר ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען, נישטאָ אַפילו קיין פּלאַץ פאַר ייִדישע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן זיך אָפּגעבן בלויז מיט ייִדישער וועלטלעכקייט. אַפילו די ייִדישקייט פון אונדזערע וועלט־לעכע ייִדן איז אַ מיסטישע, אַ ייִדישקייט פון בענקעניש, פון זוכן אַ פּלאַץ אין דער ייִדישער אייביקייט, און דאָס איז אין תּוך רעליגיע".

אַט דער גאַנצער פּאַראַגראַף איז געבויט אויף הנחות, וואָס מוזן אָפּגעפרעגט ווערן. וואָס באַדײַט די קשיא „האָבן מיר דען אַ דוחק אין וועלטלעכקייט אין אַמעריקע?” ראשית, אויב אַמעריקע איז וועלטלעך, איז עס דאָך דערפאַר, ווײַל דער מאָדערנער אַמעריקאַנער מענטש — און אַוודאי דער אַמעריקאַנער ייִד — איז סעקולער אין זײַן לעבנס־שטייגער. איז דערפאַר נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר ייִדישער וועלטלעכקייט? זאָל דערפאַר דער אַמעריקאַנער ייִד לעבן אין צוויי קולטור־ספערן — אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער —וואָס איינע איז סותר די אַנדערע? דאָס מיינט דאָך שאַפן אַ צעשפּאָלטנקייט אין דעם ייִדס נשמה; ווי אַן אַמעריקאַנער זאָל ער לעבן אין 20סטן יאָרהונדערט, און ווי אַ ייִד אין 18טן? איז דאָס מעגלעך אַפילו אויב ס'וואָלט געווען ווינטשנסווערט?

און איז וואָכעדיקייט אַ סינאָנים פון וועלטלעכקייט? איז דען די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער ליטעראַטור און פּאָעזיע, דאָס אַמעריקאַנער טעאַטער, די מוזיק און קונסט אַ וואָכעדיקער ענין? און צי שעפּט זיך דען ייִדישע וועלטלעכקייט אויס בלויז מיט ייִדישע יוניאָנס, ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען און ענלעכע אינסטיטוציעס? מיר מיינען, אַז וועלטלעכע ייִדישקייט שליסט אײַן אַלע אַספּעקטן פון ייִדישער קולטור וואָס זײַנען שייך צום מיטמענטשן, בין אָדם לחברו: די ייִדישע געשיכטע, ייִדיש און העברעיִש, די ייִדישע מדינה, די ייִדישע ליטעראַטור אין אַלע שפּראַכן, אָנהייבנדיק פון תּורת־משה ביז לייוויקן; ייִדישע עטיק, ייִדישער לעבנס־שטייגער, ייִדישע יום־טובים, ייִדישע מנהגים, און אַלע אַנדערע אויסשטראַלונגען פון ייִדישן פאָלקס־זשעני. פּונקט אַזוי איינזײַטיק איז מענעסעס דערקלערונג, אַז דער תּוך פון רעליגיע באַשטייט אין זוכן אַ פּלאַץ אין ייִדישער אייביקייט. אייביקייט־בענקשאַפט איז איין קאָמפּאָנענט פון רעליגיע, אָבער איז ווײַט נישט אויסשעפּנדיק פאַר דעם באַגריף רעליגיע. אמונה איז קודם כּל אַן אידעען־סיסטעם וואָס פאַרלאַנגט מצד דעם אָנהענגער זײַן הסכּמה צו אַ ריי עיקרים. סײַ אין „אָקספאָרד אוניווערסאַל ווערטערבוך”, סײַ אין אַנדערע אַקאַדעמישע ווערטערביכער וועט איר געפינען אונטער די דעפיניציעס פון רעליגיע אַז אמונה איז מחייב אַז דער גלויביקער זאָל אָנערקענען אַז ס'איז דאָ אַן איבערמענטשלעכער כּוח וועמען מ'דאַרף געהאָרכן, פאַרערן און ליבן ווי דעם באַשאַפער און הערשער פון אוניווערס.

איז וואָס־זשע זאָל מען טאָן מיט די אַלע מאָדערנע ייִדן, וואָס קענען נישט אַפּירמירן נישט דעם גאָט פון אַברהם און אַפילו נישט דעם גאָט פון רמב״ם? זאָל מען אָט די אַלע בראַנדייסעס, דובנאָווס, זשיטלאָווסקיס, איינשטיינס, האַראָס קאַלענס, מאָריס קאָהענס, באַראָכאָווס, מעדעמס, אַרונטערוואַרפן פון ייִדישן וואָגן און זיי דערקלערן פאַר אַפּטריניקעס פון ייִדישן פאָלק? מיר מיינען פאַרקערט: ס׳איז דער חוב פון נאַציאָנאַלע ייִדישע דענקערס צו שאַפן אַזאַ ראַציאָנאַל וואָס זאָל מאַכן מעגלעך פאַר יעדן ייִדישן יחיד — גלויביקן אָדער נישט־גלויביקן — צו געהערן צום ייִדישן כּלל. עס מוז זײַן אין רשות פון יחיד יאָ אָדער נישט צו גלויבן. אַנדערש וועלן מיר מאַכן אוממעגלעך פאַר די סאַמע שעפערישסטע ייִדן פון אונדזער צײַט און פאַר אַ סך נישט־אַפיליאירטע אַמעריקאַנער ייִדן (וואָס באַטרעפן פון 30 ביז 40 פּראָצענט פון היגן ייִדישן קיבוץ) — זיך צו באַטראַכטן ווי מיטגלידער פון אונדזער פאָלק. און דאָס טאָרן מיר נישט טאָן. אין דעם גײַסט האָבן אויך געטראַכט די פאָרמולירערס פון ייִדישער וועלטלעכקייט: אַ חיים זשיטלאָווסקי, אַ שמעון דובנאָוו, אַ י. ל. פּרץ.

געדענקען דאַרף מען אויך, אַז וועלטלעכע ייִדן זײַנען אידעיִש, פּונקט ווי ייִדישע סאָציאַליסטן, ווי רעליגיעזע ייִדן, פון פאַרשידענע מינים, פון אַלערליי שאַטירונגען; זיי זײַנען נישט אַלע פון איין גוס. אַמעריקאַנער וועלטלעכע ייִדן, אויב זיי מיינען ערנסט מיט איבערגעבן די ייִדישע קולטור־ירושה צו די קומענדיקע דורות, טאָרן זיי זיך נישט באַנוגענען מיט שיריים פון ייִדישקייט, טאָרן זיי נישט זײַן קיין מינימאַליסטן. מענעס איז, לײַדער, גערעכט, אַז דאָ אין אַמעריקע האָט דער וועלטלעך־ייִדישיסטישער לאַגער אַרויסגעוויזן ווייניק אַמביציע און האָט זיך באַנוגנט מיט קליי־ניקייטן. מיר, וועלטלעכע ייִדן, דאַרפן אָפּקלײַבן אַלץ וואָס איז ווערטפול, אַלץ וואָס איז זינפול אין דער דורותדיקער ייִדישער קולטור און עס איבערגעבן אונדזערע קינדער. די רײַכע אַמעריקאַנער קולטור וועט פאַרפלייצן אונדזער „ייִדיש־אינדזל״ אויב ער וועט נישט זײַן פעלדזן־פעסט, און אַזוי סטראַטעגיש באַפעסטיקט, אַז ער זאָל קענען בײַשטיין די פאַרפלייצנדיקע כוואַליעס פון „הויפּטלאַנד״. דער ייִדישקייט־עקס־טראַקט וואָס וועלטלעכע ייִדן וועלן איבערגעבן די קומענדיקע דורות מוז זײַן אַזוי ווערטפול, אַזוי רײַך אין ייִדישע וויטאַמינען אַז ער זאָל שפּײַזן

דעם אַמעריקאַנער ייִד און זאָל אים געבן זינען און אינהאַלט. אין דעם פּרט האָבן מיר נאָך אַ סך צו לערנען פֿון זשיטלאָווסקין, פֿון דובנאָוון, פֿון פּרצן, פֿון ש. ניגערן. זייער ייִדישע וועלטלעכקייט איז געווען אַ שבת־יום־טובדיקע, אַ נשמה־יתירהדיקע — און אָט דעם וואַריאַנט דאַרפֿן מיר ווײַטער אַנטוויקלען און פֿאַרשפּרייטן.

(1967)

אברהם העשעל — פּאָעט פון מזרח־איראָפּעיִשער ייִדישקייט

אַ פּאָר טעג איידער ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דאָס יאָר 1972 — זונטיק אין דער פרי, דעם 24סטן דעצעמבער — האָבן מיר דערהערט דורך דער ראַדיאָ אַז „ראַבײַ" העשעל איז אַוועק אין דער אייביקייט. דער דאָזיקער „ראַבײַ" איז דאָך פאַר אונדז ייִדיש־ייִדן געווען אַ פּירשפּרעכער מיט וועמען מיר האָבן שטאָלצירט, אַפילו ווען מיר האָבן נישט געקענט מיטגיין מיט אים דעם גאַנצן וועג. ער איז אונדז געווען נאָענט, אייגן, אַפילו ווען מיר האָבן זײַן טעאָלאָגיע נישט געקענט אָננעמען. מיר האָבן אים באַגעגנט אויף אונדזערע היימיש־ייִדישע אסיפות: אין ייִוואָ, בײַם גרויסן ייִדישן ווערטערבוך, און ווו מ׳האָט זיך געעסקט אין אַ וויכטיקן ייִדישן ענין. זײַן וועלט־באַרימטקייט, זײַן פירנדיקע ראָלע אין דער רעליגיעזער ייִדישער וועלט, זײַן אָנזען אין די העכסטע קרײַזן פון קריסטלעכע טעאָלאָגן האָט נישט אָפּגעשוואַכט זײַן ליבע צו ייִדיש און מזרח־איראָפּעיִשער ייִדישקייט. ערשט לעצטנס האָט ער געדרוקט, אין המשכים, אַן אַרבעט איבער מענדל קאָצקער אין דער „גאָלדענער קייט". ער איז געבליבן געטרײַ זײַן יוגנט, זײַן מזרח־איראָפּעיִשן שורש, זײַן פאַרלענדט פויליש ייִדנטום פון וואַנען ער האָט געשטאַמט.

אברהם העשעל איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1940 — מלא וגדוש מיט תורה און חכמה. ער האָט פריִער געלערנט אין די ישיבות פון זײַן געבוירנשטאָט וואַרשע, און שפּעטער האָט ער באַקומען דעם טיטול דאָקטאָר־פילאָסאָפיע אין בערלין. זינט 1945 איז העשעל געווען פּראָ־פעסאָר פון ייִדישער עטיק און קבלה אין ניו־יאָרקער ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר. טאָקע אין יענעם יאָר האָט ער געהאַלטן זײַן רעפעראַט איבער דער מזרח־איראָפּעיִשער תקופה אין דער ייִדישער געשיכטע, אַ רעפעראַט, וואָס האָט געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם אויף די צוהערערס און וואָס האָט באַוויזן אַז דער יונגער וואַרשעווער ייִדישער דיכטער איז

געוואָרן דער פּאָעט, דער באַזינגער פון דער מזרח־איירָאָפּעיִשער ייִדיש־קייט. מיט אַ סך וויסן און עלאָקווענץ האָט העשעל, אין אַט דעם רעפעראַט, געצייכנט די קאָנטורן פון מזרח־איירָאָפּעיִשן ייִד, וואָס אַפילו אויב ער איז געווען אידעאַליזירט, האָט ער אײַך באַצוונגען און גערירט מיט זײַן (העשעלס) פּאַטאָס און ליבשאַפט.

נאָך דעם ווי העשעל מאָלט די וועלט פון אונדזערע זיידעס און באָבעס, די וועלט פון תּורה און פרומקייט, גייט ער איבער צו שילדערן די מאָדערנע ייִדן, די וועלטלעכע ייִדישע אידעאַליסטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. ס'איז זעלטן אַז מיר זאָלן הערן אַזאַ געזאַנג פון אַ רעליגיעזן דענקער צו די פּראָגרעסיווע, פרײַדענקערישע ייִדן:

...„עס קומט אויף די השׂכּלה, די ייִדישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, דער ציוניזם, די חלוציות. וויפל קידוש־השם, וויפל מסירת־נפש און אהבת ישׂראל שטעקן אין די מאָדערנע ייִדן, אין זייער רצון צו לײַדן כּדי צו העלפן; די קנאותדיקע אָפּגעהיטנקייט פון פרומע ייִדן האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף זייערע פרײַע זין און אייניק־לעך. די התלהבות און בענקשאַפט פון חסידים, די אַסקעטישע עקשנות פון מקובלים, די אײַזערנע לאָגיק פון לומדים האָבן געפונען אַ גילגול אין די טרעגערס פון די מאָדערנע ייִדישע באַוועגונגען. זיי האָבן אַרײַנגעלייגט פרומקייט אין זייער אמונה: אין די נײַע אידעאַלן. אין השׂכּלה האָבן זיי דערזען אַ „בת השמים", אין העברעיִש אַ בית־מקדש, אין מאַמע־לשון דעם תּוך פון ייִדיש־קייט. זיי זײַנען געווען פאַרגלייבט אין איירָאָפּע און באַהערשט פון יראת־הכּבוד פאַרן „צוואַנציקסטן יאָרהונדערט". זוכה צו זײַן צו בילדונג איז געווען זייער לײַדנשאַפטלעכער באַגער, דער חלום פון גליק. אַפילו די וואָס זײַנען אַוועק פון טראַדיציע, אַפילו די וואָס דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט האָט זיי פאַרטראָגן צו דער אַנטיטעזע, האָבן זיך נישט אָפּגעטיילט ווי אַמאָליקע סעקטעס, נאָר זײַנען געבליבן בײַם פאָלק. דער מעכטיקער דראַנג צו גאולה האָט אין זיי ווײַטער געלעבט. די ייִדן, וואָס האָבן נישט קאַפּיטולירט, וואָס זײַנען נישט אַנטלאָפן פון דער ייִדישער אָרעמקייט, וואָס האָבן מפקיר געווען קאַריערעס, גלאַנץ און באַקוועמלעכקייט כּדי

צו געפינען אַ תיקון פאַר זייער פאָלק, וואָס זײַנען אַוועק פון ספרי־מוסר צי פון אוניווערסיטעטס־בענק צום אַקעראייזן, צו טרי־קענען זומפן אין ארץ ישראל, זײַנען געווען ווי אַלטער ווײַן אין נײַע לאָגלען.

די מאָדערנע ייִדן אין מזרח־אייראָפּע, מיט אויסנעמען פאַרשטייט זיך, האָבן נישט נאָר אָפּגעוואָרפן אַסימילאַציע, נאָר אויך אַנט־וויקלט אַ קעמפערישע האַלטונג. פרומע און פרײַע קעמפן פאַרן ייִדישן כבוד, פאַר אַ שטאָלצן קיום. זיי באַמיען זיך צו זיכערן די רעכט פונעם ציבור, נישט נאָר פונעם יחיד. זיי ווײַזן אַרויס אַ קאָלעקטיוון רצון פאַר אַ קאָלעקטיוון תכלית. מיט בליצשנעל־קייט האָבן זיי אויסגעגלײַכט די רוקנס און זיך אויסגעלערנט שבע חכמות.״

און העשעל פאַרענדיקט זײַן אָדע צום מזרח־אייראָפּעישן ייִד אַזוי:

„דער איצטיקער דור פאַרמאָגט נאָך די שליסלען צו די אוצרות. אויב מיר וועלן נישט אַנטפּלעקן די אוצרות, וועלן די שליסלען פאַרזונקען ווערן מיט אונדז אין קבר, און די שאַצקאַמער פון דורות וועט בלײַבן פאַרשלאָסן אויף תּמיד. די מזרח־אייראָפּעישע תקופה קאָן ווערן אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אונדז אַלעמען. עס ליגט אויף אונדז אַ מיצוות עשה: קיין מאָל נישט צו פאַרגעסן די ייִדן וואָס האָבן געמאַכט הייליק זייער לעבן מיט זייער נאָענט־קייט צום הימל.״

עטלעכע יאָר שפּעטער האָט העשעל פאַרעפנטלעכט אין ענגליש אַ ריי ווערק וועגן ייִדישקייט און דעם ייִדישן וועלטבאַנעם וואָס האָבן אים אַרויסגערוקט ווי אַ ייִדישן דענקער־טעאָלאָג מיט אַ סענסיטיוון אויער און חוש פאַר די גײַסטיקע נויטן פון הײַנטצײַטיקן ייִד און מענטש. ציענדיק יניקה פון זײַנע זיידעס, די חסידישע רביים, האָט העשעל סינ־טעזירט חסידישע תורה מיט הײַנטיקע עקסיסטענציאַליסטישע אַרײַנבליקן אין דעם גורל פון מענטשן.

אויף דער אידעאָלאָגישער קאָנפערענץ אין ירושלים (אין יאָר 1959) באַשעפטיקט זיך העשעל — פונקט ווי אונדזער דיכטער ה. לייוויק — מיטן פּראָבלעם פון ר׳ ישראל, און ער טענהט אַז מיר זײַנען צו פיל פאַרנומען מיט כלל־ענינים און מיר פאַרגעסן די נויטן פון יחיד. מיר

מיינען אַז מיט עפנטלעכע אסיפות און שיינע בנינים וועלן מיר היילן די קראַנקייטן פון אונדזער דור. גײַסטיקע פּראָבלעמען — דערמאָנט ער אונדז — קענען נישט געלייזט ווערן דורך אַדמיניסטראַטיווע טעכניקעס. ייִדישע אָנגעהעריקייט, באַלאַנגען צו אַן אָרגאַניזאַציע איז נישט קיין סובסטיטוט פאַר לעבן ווי אַ ייִד. ס'איז נישטאָ קיין שליח פאַר ייִדישקייט; קיין שום אינסטיטוציע קען נישט פאַרטרעטן די אחריות פון יחיד. פונקט ווי יעדער מענטש איז אַן עולם קטן, אַזוי איז יעדער ייִד דאָס ייִדישע פאָלק אין מיניאַטור.

אָט דער „ראַבײַ" העשעל וואָגט אַפילו צו זאָגן אַז ייִדישקייט טאָר זיך נישט באַגרענעצן בלויז צו הלכה. „אַזאַ פּראָווינציעלקייט האָט ווייניק פון דעם פאַרנעם און שווונג פון די נביאים. ווער עס וועט באַגרענעצן ייִדישקייט צו הלכה וועט פאַרקריפּלען איר אימאַזש און וועט זי באַרויבן פון איר גראַנדיעזקייט". ער האַלט אַז די דעפּערסאָנאַליזירונג פון דער ייִדישער מחשבה האָט אויף אונדז אַרויפגעוואָרפן אַ נעגאַטיווע קאָנ־צעפּציע פון הלכה. די הלכה איז געוואָרן אַ „לא" מיט אַן אלף. מיר מיינען אַז זי איז נעגאַטיוו: גלײַך ווי איר הויפּטפונקציע וואָלט געווען צו פאַרווערן און צו באַרויבן פון עפּעס. אָט אַזאַ ייִדישקייט — טענהט ער — איז נישט פון די גליקלעכסטע פּראָדוקטן פון גלות.

אין די 50ער יאָרן, ווען עס האָט אין די אַמעריקאַנער ייִדיש־רעליגיעזע קרייזן דאָמינירט די סאָציאָלאָגישע ייִדישקייט פון אָנגעהעריקייט, פון שטייגערישקייט, פון מנהגים און צערעמאָניעס, פון מצוות מעשיות, האָט העשעלס אַרויסטריט קעגן אידענטיפיקאַציע־ייִדישקייט געמוזט אַפּעלירן צו יעדן וואָס האָט געוואָרצלט אין דער היסטאָרישער יהדות, און איז געווען באַקאַנט מיט איר אינטעלעקטועלן מהות. אַפילו אַ ייִדישער אַגנאָסטיקער, וועמען עס האָט געפעלט העשעלס אמונה; אַפילו אַ וועלט־לעכער ייִד, אויב נאָר ער האָט פאַרמאָגט פּיעטעט פאַר די אייביקע ווערטן פון יהדות — אַזאַ ייִד האָט נישט געקענט מיטזינגען מיטן דעמאָלטיקן כאָר: „גלויב יאָ, אָדער גלויב נישט, אָבי דאַוון".

די טעאָלאָגיע פון רעספּעקט; רעליגיעזער ביהייוויאָריזם — רופט העשעל אַזאַ צוגאַנג צו אמונה. צי קענען האָבן אַ זינען די מצוות מעשיות — פרעגט ער — אין אַ גײַסטיקן חלל, דאָרטן וווּ עס פעלט די נשמה, דאָרטן וווּ עס איז נישטאָ קיין דרך־ארץ פאַר ספּאָנטאַנקייט? צי איז

רעספּעקט אָן פאַרשטענדעניש, לאָיאַליטעט צו די אבות אָן אמונה, כּלל־באַוווסטזײַן אָן פּערזענלעכער איבערצײַגונג — צי איז דאָס בהסכּם מיטן לעבן פון אַ פרײַען מענטש? עס איז אויך נישט — באַווײַזט העשעל — בהסכּם מיט דער היסטאָרישער ייִדישקייט. יהדות איז נישט לעגאַליזם; הלכה איז בלויז אַ מיטל, נישט דער ענדציל. די תּורה שליסט אײַן הלכה און אגדה און ביידע זײַנען גלײַך וויכטיק. בלויז אַ קלענער טייל פון תּנ״ך באַשטייט פון חוקים ומשפּטים. די נביאים, דער תּהילים, די מדרשים זײַנען נישט קיין טייל פון דער הלכה.

אין תּנאים־פּעריאָד איז אגדה געווען אַן אָרגאַנישער טייל פון ייִדישער לומדות. העשעל ציטירט די חז״ל, אַז פּונקט ווי די תּורה שבכתב באַשטייט פון דרײַ טיילן — פון תּורה, נביאים און כּתובים. אַזוי באַשטייט די תּורה שבעל־פּה פון מדרש, הלכה און אגדה.

די איבערזעצערס פון תּנ״ך — די סעפּטואַגינטאַ — זײַנען באַגאַנגען אַ פאַטאַלן און שווערן טעות, ווען זיי האָבן, צוליב דעם וואָס עס האָט זיי געפעלט אַ גריכישער עקוויוואַלענט, איבערגעזעצט תּורה מיטן גריכישן וואָרט נאָמאָס, וואָס מיינט געזעץ. דערמיט האָבן זיי אײַנגעשטעלט אַ מיסקאָנצעפּציע פון ייִדישקייט, און זיי האָבן געגעבן אַ געווער אין האַנט יענע וואָס האָבן געוואָלט אַטאַקירן ייִדישקייט. אַז ייִדן האָבן באַטראַכט דעם תּנ״ך ווי אַ לערע, זעט מען פון דעם וואָס אין דער אַראַמעיִשער איבערזעצונג ווערט גענוצט פאַר תּורה דאָס וואָרט אוריתא וואָס מיינט לערע, נישט געזעץ. אַזוי אַרגומענטירט העשעל.

✶

אָבער צי איר נעמט יאָ אָן אָדער נעמט נישט אָן העשעלס פילאָסאָפיע פון ייִדישקייט, צי איר זײַט אַ רעליגיעזער אָדער אַ וועלטלעכער ייִד, אויב נאָר איר פרייט זיך מיט ייִדישע אויפטוען, און איר פילט זיך דערהויבן ווען איר זעט אַז מיר פאַרמאָגן און פּראָדוצירן מענטשן פון גײַסט און כּאַראַקטער — דעמאָלט ווייסט איר אַז ס'האָט געלעבט צווישן אונדז אַ געטרײַער ייִד, אַ תּלמיד חכם, אַ פּאָעט, וואָס האָט אונדז באַוויזן די אייביקע, אומפאַרגענגלעכע שיינקייט פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

(1973)

אוירווינג האַו און די וועלט פון אונדזערע קינדער

א

אונדזער צײַט איז אַ תקופה ווען דער וועלטלעכער גלויבן אין געשיכטע, איז שיער נישט געוואָרן אַ במקום פאַרן רעליגיעזן גלויבן אין גאָט. „די געשיכטע וועט משפטן" קלינגט בײַ אַ סך ווי דער ענדגילטיקער פסק; הגם אין דער אמתן מיינט דאָס פּאַקטיש: די היסטאָריקערס וועלן זאָגן זייער וואָרט. דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער, טשאַרלס ביערד, האָט עס שאַרף פאָרמולירט: די געשיכטע פון אַ ציוויליזאַציע קען ווערן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין ווײַטערדיקן גאַנג פון דער ציוויליזאַציע. דאָס איז ספּעציעל אמת פאַר יענע וואָס גלויבן נישט אין היסטאָרישע געזעצן, אָדער אין היסטאָרישער אומפאַרמײַדלעכקייט, נאָר זיי האַלטן אַז דער מענטשלעכער ווילן און די גרויסע פּערזענלעכקייט באַווירקן דעם גאַנג פון דער געשיכטע.

אין יעדער היסטאָרישן באַריכט איז דאָ אַ צומיש פון פּערזענלעכן עלעמענט, ס'איז נישטאָ קיין אַבסאָלוט אָביעקטיווע געשיכטע. יעדער היסטאָריקער קלײַבט אויס זײַנע מאַטעריאַלן, און דורך זײַן אָפּקלײַב, זײַן וויזיע, מאַכט ער געשיכטע. קאַרל מאַרקס האָט פאָרויסגעזאָגט דעם אומפאַרמײַדלעכן נצחון פון סאָציאַליזם — צו ערשט אין מערב־איראָפּע; אָסוואַלד ספּענגלער האָט פאָרויסגעזאָגט דעם אונטערגאַנג פון דער מערב־ציוויליזאַציע; אַרנאָלד טאָינבי האָט געמאָסטן דעם פּראָגרעס און רעגרעס אין דער וועלט לויט דעם באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פון קריסטנטום, און אַט שרײַבט מען די געשיכטע פון אַמעריקאַנער ייִדנטום; מען שרײַבט זי פאַרשידנאַרטיק אָפּהענגיק פון די פאַרשידנמיניקע וועלט־אַנשויונגען, היסטאָריאָסאָפיעס, און סימפּאַטיעס פון די היסטאָריקערס. דער רוב ביכער וועגן עבר און קעגנוואַרט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ ווערן געשריבן פון רעליגיאָניסטן, און פון זייער קוקווינקל. אָבער אַט איז דערשינען:

„די וועלט פון אונדזערע פאָטערס", פון אירווינג האַו * — אַן אַנגע־זעענער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער, אַ וועלטלעכער ייִד, און אַ סאָציאַליסט.

ס'איז אַ גרויס־פאָרנעמיק בוך פון 700 זײַטן, אײַנגעטיילט אין פיר טיילן, וואָס שליסן איין 18 קאַפּיטלעך. אין אַרײַנפיר זאָגט אונדז דער מחבר אַז ס'איז אַ סאָציאַל־קולטורעלע געשיכטע פון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן וואָס האָבן, זינט 1880, אײַנגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. הגם ער אַנערקענט אַז ס'איז נישט קיין געשיכטע פון גאַנצן אַמעריקאַנער ייִדנטום, און אויך נישט פון זײַנע וועלטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, פון דעסטוועגן ווערן אין בוך באַהאַנדלט כמעט אַלע אַספּעקטן פון ייִדישן לעבן אין ניו־יאָרק, די ליכטיקע און אויך די שאָטנדיקע: די לײַדנשאַפט פאַר בילדונג בײַ ייִדישע אימיגראַנטן, און ייִדישע גענגסטערס; ייִדישער אידעאַליזם און פּראָסטיטוציע; די בעלי־חלומות און דער „באָרשט־בעלט" אין די קעטסקילבערג; דער ייִדישער טעאַטער און די אַמעריקאַנער ייִדישע קאָמיקערס.

פּראָפ. האַו האָט זיך באַנוצט מיט אַ רײַכער מעמואַרן־ליטעראַטור, מיט אַ סך שטודיעס איבער פאַרשידענע פאַזן פון היגן ייִדישן לעבן; מיט דער ייִדישער און ענגלישער פּרעסע און פּעריאָדיק; מיט פּערזענלעכע אינטערוויוען, און אויך מיט אַרכיוון פון צענטראַלע אינסטיטוציעס. לאָמיר גלײַך פון אָנהייב באַשטעטיקן אַז דאָס ווערק איז גוט דאָקומענטירט, גלענצנדיק אויפגעבויט, די באַטראַכטונגען פון מחבר — אויף אַ הויכן ניוואָ, און אַ סך פון זײַנע אַרײַנבליקן — שאַרפזיניק און אָריגינעל. ס'איז אַ דרײַ־דימענסיאָנעל בוך, וואָס לייענט זיך גוט, הגם נישט אַלע געביטן וואָס דער מחבר באַהאַנדלט זײַנען אין איכות אויף דער זעלביקער מדרגה, און אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער ייִד, פאַר וועמען ייִדישער קיום איז אַ סינע־קוואַ־נאָן, וועט נישט קענען מיטגיין מיט אַ ריי גרונט־הנחות און אויספירן פון מחבר. אירווינג האַו איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער ייִדישער היס־טאָריקער אָדער פילאָסאָף, און ער פּרעטענדירט נישט צו זײַן אַ שמעון דובנאָוו, אָדער אַ שמעון ראַווידאָוויטש.

* World of Our Fathers, by Irving Howe, with the assistance of Kenneth Libo, Harcourt Brace Jovanovich, New York and London, 1976.

ב

אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון בוך סקיצירט האָט די קאַנטורן פון דער השׂכּלה אין מזרח־אייראָפּע און די נעגאַטיווע באַציִונג פון די ערשטע משׂכּילים צו ייִדיש. שפּעטער האָט די נויט זיי געטריבן צו באַנוצן ייִדיש, ווײַל זיי האָבן געוואָלט אויפקלערן די מאַסן, און די מאַסן האָבן קיין אַנדער שפּראַך נישט געקענט. די פירשפּרעכערס פון ייִדישקייט (פאַר האַוען מיינט ייִדישקייט די פאָלקסטימלעכע, סעמי־וועלטלעכע קולטור אין ייִדיש, וואָס ייִדן האָבן אַנטוויקלט במשך די לעצטע צוויי הונדערט יאָר — ש. ג.) — האַלט האַו, — האָבן געמוזט אָננעמען אַז דער המשך פון דער ייִדיש־קולטור איז נישט אין סכּנה: „הײַנט ווייסן מיר אַז דער קיום פון דער ייִדיש־קולטור איז שוין גאָר געווען אין ספק, וואָרעם אויף וויפיל די ייִדיש־אינטעלעק־טואַלן האָבן פאַרגעזעצט אויפן וועג פון זייער אייגענער טראַדיציע, אויף אַזוי פיל האָבן זיי זיך נישט געקענט אויפעפענען צו די אַרומיקע קולטורן פון אייראָפּע און אַמעריקע, און זיך אויך נישט געקענט גענוג אַנגאַזשירן אין די ווערטן פון מאָדערנקייט צו וועלכע זיי האָבן ווידער און אָבער געשטרעבט". (זייט 17־18).

דאָ מוזן מיר אײַנווענדן קעגן ביידע באַהויפּטונגען. ראשית, האָבן פּרץ און זשיטלאָווסקי אויסגעצייכנט געוווּסט וועגן די סכּנות וואָס באַדראָען ייִדיש: דערפאַר האָבן זיי געשאַפן אַ באַוועגונג און אַ טשערנאָוויץ־קאָנ־פערענץ, וואָס זאָל קעמפן פאַרן אויפהאַלט און דער אָנערקענונג פון ייִדיש. און אויב די ייִדישיסטן האָבן געוואָלט פאַרגעסן וועגן דעם, האָבן די העב־רעיִסטן — אַן אחד־העם, אַ בריינין און קלויזנער — זיי אָפט דערמאָנט אין דער „פאַרגענגלעכקייט" פון ייִדיש.

עס איז טאַקע ריכטיק אַז ייִדישע אינטעלעקטואַלן האָבן געהאַט אַן אַמביוואַלענטע באַציִונג צו דער מערבֿ־קולטור, אָבער זיי האָבן זיך שוין לאַנג געהאַט אויסגעלערנט, זינט זייער צוזאַמענטרעף מיט דער גריכישער קולטור — מיט דער הילף פון אַ פילאָן, אַ רמב"ם, מענדעלסאָן און קראָכ־מאַל — צו נעמען דאָס בעסטע פון ביידע וועלטן. די סכּנה פאַר דער ייִדיש־קולטור איז נישט געלעגן, דער עיקר, אין איר אינהאַלט, נאָר אין איר מינאָריטעט־סטאַטוס, און במילא אין איר קנאַפּן פּרעסטיזש, און רעכט־לאָזיקייט.

אַ ביסל ווײַטער אין בוך, ווען האָו גייט איבער צו דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער אימיגראַציע אין אַמעריקע, און צו דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער וואָס עס האָט זיך דאָ אויסקריסטאַליזירט אַרום אָנהייב פון הײַנטיקן י"ה, שטרײַכט ער אונטער אַז ייִדן האָבן דעמאָלט דאָ אָנגעהאַלטן אַן אייגענע קולטור וואָס איז געווען אי אַ המשך, אי אַנדערש פון דער מזרח אייראָפּעיִשער ייִדישקייט. דער טראַדיציאָנעלער גלויבן איז געווען דער יסוד פון דער קולטור, אָבער וועלטלעכע ייִדישקייט איז געוואָרן אַ קוואַל פון אידעען, צונויפגיסנדיק זיך מיט רעליגיעזע עלעמענטן, שאַפנדיק אַ ווערטן־סקאַלע וואָס איז נישט געווען שטרענג רעליגיעז, נישט שטײַף סקעפּטיש; די אימיגראַנטישע מאַסע האָט זיך באַוועגן אין דער ריכטונג פון צוויי־קולטורישקייט, הגם אירע „פּיפּיקסטע פּירשפּרעכערס, ווי אייב קאַהאַן, האָבן פאַרשטאַנען אַז אויב מ'זאָל עס אַפילו דערגרייכן, וועט אַזאַ גלײַכגעוויכט צווישן עבר און קעגנוואַרט נישט קענען לאַנג אָנהאַלטן". (זייט 229).

מען קען ווידער אָפּפרעגן דעם מחבר; עס איז דאָך מעגלעך אַז ווען די דעמאָלטיקע קאָסמאָפּאָליטן — אַן אייב קאַהאַן, אַ הילקוויט, אַ מאיר לאַנדאַן — וואָלטן געווידמעט זייער טאַלאַנט, אידעאַליזם און ענערגיע פּאַרן אויפהאַלט פון ייִדישקייט — לויט האָוס דעפיניציע — וואָלטן מיר איצט בעסער אויסגעזען?

די מערכה און די ראָלע פון דער ייִדישער פרוי אין יענעם אימיגראַנ־טישן פּעריאָד ווערט פון האָוען געצייכנט סימפּאַטיש און סענסיטיוו: „פון איר פּלאַץ אין קיך ווערט זי די הויפּטפיגור וואָס אינספּירירט, זי לאָזט נישט אָפּ און זי איבערגעוועלטיקט דורות זין. זי האָט פאַרשטאַנען אינטויִטיוו אַז אויף וויפיל די דרויסנדיקע וועלט האָט טיראַניזירט און אויסגעמאַטערט די מענער, רעדוצירנדיק זיי צו אַ האַלטונג פון נאָכגיביקייט, האָט זי אַליין געקענט שאַפן אַן אָאַזיס פון אָרדענונג. זי איז געווען די יעניקע וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין באַקומענע ווערטן, און זיך קעגנגעשטעלט דעם דרוק פון צעשטערונג. זי פלעגט אויפהאַלטן די מאָראַל פון אַלע אַרום איר, מאַכן שלום אין מחלוקות, פאַרגלעטן ווייטיקן, אָנצייכענען אַ קרײַז פון זיכערקייט אין וועלכן די קינדער האָבן געקענט אָטעמען, און אַ מאָל... צעטרעטן אירע באַליבטע אונטער דער וואָג פון איר ליבע". (זייט 174).

ג

ווען עס קומט צו דער עפּאָפּעע פון ייִדישן אַרבעטער, און ייִדישן סאָציאַליזם אין אַמעריקע, דאָ דערפילט זיך דער מחבר אין זײַן עלעמענט: ער ווערט פון אַ „קאַלטן" אַנאַליטיקער פאַרוואַנדלט אין אַ חסיד וואָס פרעגט: „איז דען אַ מאָל נאָך געווען אַזאַ אַרבעטער־קלאַס?" (כּמעט אַ פּאַראַפראַזע פון „מי כּעמך ישראל גוי אחד בארץ?"). ער שרײַבט אויספירלעך וועגן דעם אויפשוווּנג פון סאָציאַליזם אויף דער אַמעריקאַנער ייִדישער גאַס, און וועגן דעם שטרײַט צווישן די קאָסמאָפּאָליטן און די נאַציאָנאַל־געשטימטע ייִדישע סאָציאַליסטן און בונדיסטן וועלכע זײַנען אַהער געקומען נאָך 1905. ער לויבט די בונדיסטן פאַר זייער אידעאָלאָגישער סאָפיסטיצירטקייט, און פאַר זייער וועלטלעכן בליק אויף דער מאָדערנער ייִדישער קולטור. אָבער ער דערציילט אונדז אויך וועגן די קריטיקערס פון „בונד" וועלכע האָבן געטענהט אַז אָן רעליגיע, אָדער אָן אַן אייגענער טעריטאָריע וועלן ייִדן אין אַמעריקע זיך לאַנג נישט קענען אויפהאַלטן ווי אַ באַזונדער פאָלק. אויף דער קריטיק קאָמענטירט האַו: „עס איז געווען, זעט מען איצט, אַ באַשטימטע באַרעכטיקונג אין דער קריטיק" (זייט 293). אויך בײַם סוף פון בוך חזרט האַו איבער דעם זעלביקן טעזיס, אַז אַמעריקע האָט מיט איר פרײַהייט און „נאָרמאַליזאַציע" פון ייִדישן סטאַטוס אַרײַנגעכאַפּט ייִדן אין אַ פּאַסטקע: זי האָט דערמיט צוגעגרייט דעם אונטערגאַנג פון ייִדישקייט.

דאָ ווילט זיך פרעגן: און אפשר איז דער האַרבער פּסק פון וועלטלעכן און נישט־ציוניסטישן מחבר איבערגעאײַלט? איז עס טאַקע אַזוי אַקסיאָמאַטיש אַז אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט און אין אַ פרײַ לאַנד וועלן ייִדן נישט קענען אויפהאַלטן זייער קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט? מיט געשיכטלעכע אַנאַלאָגיעס קען מען דאָס נישט באַווײַזן, ווײַל די וועלט איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי סעקולאַריזירט ווי זי איז הײַנט, און במשך דער גאַנצער גלות־געשיכטע זײַנען ייִדישע ישובים נישט געווען אַזוי ברייט עמאַנציפּירט ווי דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ. דערצו קען אונדז אין דעם וויכּוח אַרויסהעלפן דער ציוניסטישער שריפטשטעלער און דענקער, מאָריס סעמיועל, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פּעסימיזם פון זײַנע חברים בנוגע דער צוקונפט פון אַמעריקאַנער ייִדנטום.

דער טיף פאַראַנקערטער אין דער ייִדישער קולטור, און דער קענער פון דער מערבֿ־קולטור, סעמיועל, האָט אַרגומענטירט אַז הגם אַמאָליקע ייִדישע ישובֿים אין מזרח־אייראָפּע האָבן פאַרמאָגט אַן אייגענע שפּראַך, ייִדיש, און אַן אינטענסיוו רעליגיעז לעבן, בעת מיר, אין אַמעריקע, האָבן דאָס נישט, פון דעסטוועגן באַווייַזט דאָס נישט אַז מיר זייַנען פאַרמשפּט צו אַסימילאַציע. ווייַל די אונטערגעגאַנגענע ייִדישע קיבוצים האָבן אין זייער צייט נישט פאַרמאָגט דעם אינסטרומענט פון אַ ווידערגעבאָרענער ייִדישער מלוכה, וואָס זאָל אויפוועקן זייער דראַנג צו המשך. זיי האָבן פאַרמאָגט אַ גלויבן אַז גאָט וועט ווידער אויפריכטן ארץ־ישׂראל; מיר, וואָס האָבן נישט דעם גלויבן, האָבן אָבער די באַוויַזן — און דאָס טאָר מען נישט איגנאָרירן. סעמיועל ברענגט אויך אַ סך ראיות אַז אַמעריקאַנער ייִדישקייט גייט נישט באַרג־אַראָפּ, און מאָרגן און איבערמאָרגן וועט זי וואַרשיינלעך זייַן שטאַרקער ווי הייַנט. (זע „קאָנגרעס וויקלי" פון 14טן יוני, 1954).

צום גליק איז האָו נישט אין גאַנצן האָפענונגסלאָז בנוגע דער צוקונפט; ער זעט אַ שטראַל זיך דורכשפּאַרן דורך די וואָלקנס. צו האָראַס קאַלענס קולטור־פּלוראַליזם דריקט ער אויס אַ פּאָזיטיווע באַציִונג: „קאַלען האָט צוגעשטעלט דעם תּוכיקן אַרגומענט לויט וועלכן אַמעריקאַנער ייִדן וואָלטן געקענט דערקלערן זייער פּאָזיציע אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט" — צו אַקצעפּטירן אירע אָבליגאַציעס, אירע נאָרמעס, אָבער אין דער זעלבער צייַט אָנצוהאַלטן זייער אייגנאַרטיקע קולטור. (זייט 413). עס איז נאָר אומפאַרשטענדלעך וואָס אַזאַ קאַרדינאַלער ראַציאָנאַל פאַר ייִדישן קיום אין אַמעריקע ווי קאַלענס טעאָריע פון קולטור־פּלוראַליזם ווערט נישט ברייט באַהאַנדלט אין בוך, נאָר ווערט אָפּגעפּטרט מיט עטלעכע פּאַראַגראַפן.

ד

מיר האָבן שוין איצט אין ענגליש אַ רײי שטודיעס וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אָבער קיין איינע פון זיי קען זיך נישט פאַר־גלייַכן אין ניוואָ, אין וואָגיקייט מיט האָוס מיניאַטור־געשיכטע, וואָס ער האָט אייַנגעשלאָסן אין דעם ווערק. דער מחבר האָט זיך באַנוצט מיט אַ רײי פריערדיקע אַרבעטן וואָס ער האָט (צוזאַמען מיט אליעזר גרינבערג)

פאַרעפנטלעכט אין זײַנע אַנטאָלאָגיעס פון דער ייִדישער פּראָזע און פּאָעזיע. דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז יעדער קענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור וועט מוזן אָננעמען האָוס אָפּשאַצונג פון ייִדישע וואָרט־קינסטלערס. ליטעראַטור־קריטיק איז, נאָך אַלעמען, נישט קיין עקזאַקטע וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין מיט פון־אַלעמען־אָקצעפּטירטע קריטעריעס. דאָ ווירקן און באַווירקן דעם קריטיקער זײַן וועלטבאַנעם, זײַן קונסט־פילאָסאָפיע, זײַן טעמפּעראַמענט און זײַן געשמאַק.

האָו צייכנט אָן די פּאָעטישע סילועטן פון די „סוועט־שאָפּ־דיכטערס": ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, באָווישאָווער און מאָריס ראָזענפעלד. ער אונטערשאַצט אַ ביסל ליעסינען דעם דיכטער, אָבער ער איז אומגערעכט ווען ער זאָגט וועגן דעם פּאָעט־פּובליציסט אַז ער (ליעסין) איז געווען במשך אַ צײַט אין אַ פּאַסטקע צווישן די אידעאָלאָגן פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם. אַוודאי האָט ליעסין, ווי באַקאַנט, נישט געהאַט קיין גוטע מערכה בײַ דעם דעמאָלטיקן סאָציאַליסטישן עסטאַבלישמענט פון די ייִדישע „קאָסמאָפּאָליטן", אָבער בײַ ליעסינען איז קיין מאָל נישט געווען קיין סתירה צווישן ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און סאָציאַליזם. ער האָט אין דער זעלביקער צײַט אידעאַליזירט סײַ די אַלטערטימלעכע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן, ווי אַ רבי עקיבא, און די מאָדערנע ייִדישע קעמפּערס. אין 1894 האָט ער געשריבן זײַן ליד „דער אייביקער ייִד", און אין 1895 — „אין לאַנד ווו עס קײַקלט די לענאַ".

צו דער אַמעריקאַנער ייִדישער פּאָעזיע זינגט האָו אַן אָדע, וואָס מיר אַלע מעגן מיטזינגען. ער רירט בלויז אָן די הויכפּונקטן פון דער ייִדישער דיכטונג אין אַמעריקע, באַנוצנדיק זיך דאָ מיט זײַנע פריערדיקע אַרבעטן, וועלכע ער האָט איצט פאַרטיפט און פאַרפּרײַנערט. רעדנדיק וועגן די מעלות און חסרונות וואָס די גײַסטיקע נאָענטקייט צווישן ייִדישן שרײַבער און לייענער האָט מיט זיך געבראַכט, באַמערקט האָו טרעפלעך אַז די קינסטלערס, וואָס האָבן זיך באַטראַכט ווי רעבעלן, האָבן זיך נישט געפילט פרײַ צו שרײַבן מיט אַן אויג צו די האָריזאָנטן פון זייער פאַנטאַזיע, נאָר גיכער צו די באַגרענעצונגען פון זייערע לייענערס... אַ ייִדיש־ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד האָט זיך קיין מאָל נישט געקענט אײַנשטעלן: „די לייענערס וואָס וואָלטן אפשר געוואָרן די נאַטירלעכע אוידיטאָריע פון אַ ייִדישן אַוואַנגאַרד — די זין און טעכטער פון אימיגראַנטן וואָס זײַנען איצט געגאַנ־

געגן אין קאָלעדזש — זיי האָבן באַלד זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו ייִדיש בכלל. די פּאָטענציִעלע לייענערס פון גלאַטשטיינען זײַנען געוואָרן די פּאַקטישע לייענערס פון ט. ס. עליאָט״ (זייט 441).

פאַר דעם קריטיקער האָט איז פאַרשטענדלעך פאַר וואָס אַמעריקאַנער ייִדישע בעלעטריסטן האָבן זיך נישט געקענט נעמען צו שילדערן אַמע־ריקאַנער ייִדישע טיפּן; זיי האָבן נישט פאַרמאָגט יענע אינטימקייט מיטן היגן באָדן וואָס ס'איז נייטיק פאַר אַ פּראָזאַיִקער. ער כאַראַקטעריזירט און לויבט דעם נאָוועליסט י. י. זינגער, און ער פּרובירט אָפּשוואַכן שלום אַשס פּאָזיציע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער, אויב ער ווייסט אַז „אין דער ליטעראַטור פון אַן אונטערדריקט פאָלק קען נישט פעלן אין גאַנצן דער ראָמאַנטישער אימפּולס״ — דעמאָלט דאַרף ער פאַרשטיין פאַר וואָס אַשס „שטעטל״, „קידוש השם״, „די כּישוף־מאַכערין פון קאַסטיליע״ האָבן אַרויסגערופן אַזאַ וואַרעמען אָפּקלאַנג בײַ דער ייִדישער קריטיק, און בײַ די מאַסן.

עס איז כּדאַי זיך אָפּשטעלן אויף דעם קאַפּיטל ווו האָט סקיצירט די פּען־פּאָרטרעטן פון די „געלערנטע אינטעלעקטואַלן״: זשיטלאָווסקי, סירקין, ניגער, חיים גרינבערג, ווײַנרײַך און שאַצקי. דער מחבר דערציילט אונדז וועגן דער דעבאַטע וואָס עס האָבן געפירט (אין דער „צוקונפט״, 1910) זשיטלאָווסקי און אייב קאַהאַן. דער לעצטער האָט אָפּגעחוזקט פון די „גײַסטיקע אַריסטאָקראַטן״, און זיך אײַנגעשטעלט פאַר די פּאָפּולאַריזאַטאָרן אין ייִדיש, וועלכע פלעגן פאַרטיידיקן זייערע האַלב־געבאַקענע אידעען און האַלב־צעקײַטן וויסן מיטן תּירוץ אַז מ'דאַרף בילדן די מאַסן. זשיט־לאָווסקי האָט געענטפערט קאַהאַנען, אַז כּדי צו פּאָפּולאַריזירן דאַרף מען פריער האָבן וויסן, בעת די אַרטיקלען אין דעמאָלטיקן „פאָרווערטס״ און „וואָרהייט״ זײַנען פול מיט טעותן: „מיר מוזן שאַפן אַן אַטמאָספער וואָס וועט צושטעלן דעם ייִדישן אינטעליגענט גוטע סחורה, ווי ער קריגט עס אין אַנדערע שפּראַכן... אַנדערש וועט ער אונדז פאַרלאָזן, און ער וועט אונדז איבערלאָזן מיט בלויז מלמדים״.

האָט קאָמענטירט אויף דער דעבאַטע, אַז אויף ווי פיל דאָס ייִדיש־אינטעלעקטועלע לעבן האָט דערגרייכט אינהאַלט און חשיבות, אויף אַזוי פיל איז זשיטלאָווסקיס באַשטיין אויף אַ הויכן סטאַנדאַרד געווען אַנטשיי־

דנדיק. אָבער דער אויטאָר מיינט אויך אַז קאַהאַנס קריטיקערס האָבן נישט אָפּגעשאַצט זײַן אויפטו פאַר ייִדיש. ער האָט געעפנט דעם „פאָרווערטס" פאַר דער בעסטער ייִדישער ליטעראַטור פון יענער צײַט. אמת טאַקע אַז קאַהאַן האָט באַטראַכט ייִדיש בלויז ווי אַ מיטל צו דערגרייכן די מאַסן, אָבער שפּעטער האָט ער זיך צעוואַרעמט פאַר ייִדיש. אָבער, אויב דאָס איז אַזוי, פאַר וואָס האָט קאַהאַן נאָך אַזוי שפּעט ווי 1931 געעפנט אַ קאַמפּאַניע אין „פאָרווערטס" קעגן די אַרבעטער רינג־שולן?

ה

ביז גאָר אַקטועל און קאָנטראָווערסיאַל איז דער לעצטער טייל פון בוך, געווידמעט די פּראָבלעמען און דילעמעס פון די ייִנגערע דורות אין אַמעריקע, דעם היינט און מאָרגן פון אַמעריקענער ייִדנטום. ווי איינער פון די עלאָקווענטע פּירשפּרעכערס פון צווייטן דור, אַנאַליזירט האַו דעם מהות פון די ענגליש־שרײַבנדיקע אַמעריקאַנער ייִדישע נאָוועליסטן און אינטעלעקטואַלן. ער דיסקוטירט די שאַפונגען פון סאַול בעלאָו, דעלמאַר שוואַרץ, בערנאַרד מאַלאַמוד און אַנדערע, און ער קומט צום אויספיר, אַז דער צענטראַלער פאַקט אין זייער קולטורעלער דערפאַרונג איז אַן איבער־געריסענע טראַדיציע. זיי האָבן פאַרביטן דעם אינעווייניקסטן בילינגוויזם פון אַשכּנז־העברעיִש און ייִדיש אויף אַן אומזיכערן סובסטיטוט, אַ האַלב־אינעווייניקסטער, האַלב־אויסערלעכער צוויי־שפּראַכיקייט פון אַ פאַרענג־לישטן ייִדיש און אַ פאַרייִדישטן ענגליש — אַ סטיל וואָס ווערט פאַר־וולגאַריזירט און פאַראַדירט פון אַ סך אַמעריקאַנער ייִדן־שרײַבערס, און וואָס ווערט אַטאַקירט מצד קריסטלעכע אַמעריקאַנער שרײַבערס.

האַו האַלט אַז ס'איז דאָ אַן ענלעכקייט צווישן שלום־עליכמס מנחם־מענדל און בעלאָוס כאַראַקטערן; בעלאָו נעמט באַוווּסטזיניק פון דער עלטערער ייִדישער און אימיגראַנטישער טראַדיציע, און אַ טייל פון זײַנע העלדן קען מען באַטראַכטן ווי די קינדער פון די באַראַנדעסעס און פייגנ־בוימס. אויך אין די בעסטע דערציילונגען פון בערנאַרד מאַלאַמוד געפינט האַו דעם עפּאָס פון ייִדיש. פון דעסטוועגן פירט האַו אויס לאַמענטירנדיק: די אַמעריקאַנער ענגליש־שרײַבנדיקע ייִדישע קינסטלערס שטייען פאַר ענלעכע פּראָבלעמען ווי די ייִדיש־שרײַבערס נאָכן חורבן:ביידנס וועלט

פון זייער יוגנט עקזיסטירט נישט מער, ס׳הייסט נישט מזרח־אייראָפּע, און נישט די אימיגראַנטישע איסט־סייד.

פאַרשטייט זיך אַז דער פאַרגלײַך האַלט נישט אויס אין אַ סך פּרטים, און האָו ווייסט עס. אָבער צי איז — און דאָס איז די עיקר־פראַגע — דער דאָזיקער פּעסימיזם בנוגע דער צוקונפט פון ייִדישער שעפערישקייט אין אַמעריקע באַרעכטיקט? צי איז נישט וואַרשײַנלעך אַז דער איצטיקער גײַסטיקער קלימאַט אין דער וועלט אין היגן ייִדישן קיבוץ וועט פּראָדוצירן אַ דור ענגליש־שרײַבנדיקע ייִדן וואָס וועט וועלן זײַן פאַרבונדן מיט דער ייִדישער טראַדיציע? ווײַל אויב מאָריס סעמיועל איז גערעכט אַז אַמעריקאַנער ייִדישקייט איז נישט געוואָרן אין דער נאָך־חורבן־תּקופה אַנעמישער, נאָר פּולבלוטיקער — און ער איז גערעכט, — דעמאָלט ענדיקט זיך עס נישט מיט „די איבערנייסערס פון דער טראַדיציע". עס זײַנען דאָ געזונג ראיות אַז עס קומט שוין אויף אַ נײַער דור ייִדישע שרײַבערס אין אַמעריקע, וואָס וויל נישט אַנטלויפן פון זיך, פון זײַן וועלט, נאָר ער שטייט מיט ביידע פיס אויפן ייִדישן היסטאָרישן באָדן: אַ סינטיאַ אָזיק, היו ניסענסאָן, דאַן דזשייקאָבסאָן, הערבערט גאָלד, און נאָך אַנדערע. זיי זײַנען אפשר די ערשטע שוואַלבן וואָס זאָגן אָן אַ ייִדישן פרילינג אין אַמעריקע. ס׳איז אויך נישט אויסגעשלאָסן אַז אפילו די „איבערײַסערס מיט טראַדיציע" זאָלן ווערן רינגען אין דער „גאָלדענער קייט" און זאָלן אָקצעפּטירן באַוווסטזיניק, נישט נאָר אינטויִטיוו, די וועלט פון זייערע טאַטעס. מיר באַמערקן, למשל, אַז דער זשורנאַל „קאָמענטאַרי" איז לעצטנס געוואָרן ייִדישלעכער און אפילו דער מחבר פון דעם בוך ווײַזט אַרויס די לעצטע יאָרן אַ טיפערן אינטערעס אין די פּראָבלעמען פון אַמעריקאַנער ייִדנטום, און אין מדינת ישׂראל, ווי מיר האָבן עס געזען מיט יאָרן צוריק.

און ווי ווײַט איז סאַמלער, דער צענטראַלער כאַראַקטער אין סאַול בעלאָוס ראָמאַן: „מר. סאַמלערס פּלאַנעט", פון שלום אַשס זאַכאַרי סירקין אין דער טרילאָגיע „פאַרן מבול"? צי זײַנען זיי נישט נאָענטע קרובים אין זייער קוק אויף אונדזער ציוויליזאַציע, און אין זייער וועלטבאַנעם? דער אַלטער ייִדישער אינטעלעקטואַל, סאַמלער, וועלכער איז געבליבן בלויז מיט איין אויג, אַנטלויפנדיק פון די נאַציס, און וועמענס ווײַב ס׳איז דערשאָסן געוואָרן צום טויט אין דעם זעלביקן גרוב פון וועלכן ער איז אַנטלאָפן, צי פאַרסאָניפיצירט ער נישט דעם אייביקן ייִדישן וויזיאָנער? פאַר מיר

זײַנען הערצאָג און סאַמלער „אײביקע" ייִדישע אינטעלעקטואַלן, וואָס ווילן געפינען אַ תּיקון פֿאַר זיך דורך מתקן זײַן די וועלט.

האַו פֿאַרענדיקט זײַן ווערק עלעגיש, אָבער נישט פֿאַרצווייפֿלט. ער גלייבט נישט אַז ייִדן אין אַמעריקע האַלטן חלילה בײַם אונטערגיין. אַמע־ריקאַנער ייִדן ווילן בלײַבן ייִדן, נאָר זיי ווילן זײַן אַנדערע ייִדן. ער האָט מורא אַז דער משיחיזם, וואָס האָט געפֿלאַקערט אין אימיגראַנטישן ייִדישן לעבן און אין דער וועלטלעכער ייִדישקייט, האַלט בײַ ווערן אויסגעלאָשן, הגם ער האָפֿט אַז ס׳איז נישט אַזוי. אַוודאי איז אונדז ייִדיש־ייִדן ליב דעם מחברס קריטיש־וואַרעמע אָפּשאַצונג פֿון דער איסט־סײַדער ייִדישקייט, אָבער מען דאַרף זיך אויך אויסהיטן פֿון אַרונטערקוקן אויף דער קעגנוואַרט און צו פֿיל אידעאַליזירן דעם עבר. אויך די טאַטעס און די זיידעס זײַנען נישט געווען קיין מלאכים און... מיר זײַנען נישט קיין טייוואַלים.

עס האָט זיך געענדיקט אַ תּקופֿה אין ייִדישן לעבן און ס׳הייבט זיך אָן אַ נײַע — אָבער ס׳איז דאָ אַ המשך. די נײַע דורות ווען איבערנעמען גאָר אַ סך פֿון דער חכמה, פֿון די ווערטן, פֿון די שאַפֿונגען פֿון די פֿריערדיקע דורות. נישט געקוקט אויפֿן דריטן חורבן, אויף אונדזער דיסאילוזיאָנירונג מיט דער מערבֿ־ציוויליזאַציע, ווייסן אַ סך ייִדן, אַז אויב מיר ווילן לעבן אין אַ מענטשלעכער וועלט, מוזן מיר ייִדן זי העלפֿן פֿאַרמענטשלעכן; ייִדישקייט און מענטשלעכקייט זײַנען אויף אייביק פֿאַרקנסט.

„די וועלט פֿון אונדזערע טאַטעס" פֿילט אויס אַ גרויסן בלויז אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער היסטאָריאָגראַפֿיע; ענדלעך האָט די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסע געפֿונען איר אפֿשר ערשטן אַמעריקאַנער היסטאָריקער. וועלטלעכע ייִדישקייט און די ייִדיש־ציוויליזאַציע שטייען אויף לעבעדיק, מיט זייער ליכט און שאָטן, זייערע קרומקייטן און דערהויבנקייטן. זיי ווערן געצייכנט מיט אַ סך ליבשאַפֿט און באַלאַנסירטקייט, ווײַל דער היסטאָריקער בלײַבט דעטאַשירט פֿון זײַן מאַטעריאַל און ער לאָזט זיך נישט אַרונטער צו דער אומווערדיקער אַפּאָלאָגעטיק פֿון אַמאָליקע מערבֿ־אייראָפּעיִשע ייִדישע רעפֿאָרמערס.

ווי אַן אַמעריקאַנער ייִדישער אינטעלעקטואַל שטעלט האַו אָפּט אַרײַן ייִדישע דערשײַנונגען אין אַן אַלגעמיינער ראַם און ער ציט אַנאַלאָגיעס מיט ענלעכע דערשײַנונגען בײַ די אומות העולם. דאָס מאַכט זײַן בוך נעענטער און פֿאַרשטענדלעכער פֿאַר אָפּגעפֿרעמדטע ייִדן. למשל: שילדערנדיק דעם

חדר אויף דער אַמאָליקער איסט־סייד, און דעם אַנטאַגאַניזם פון די קינדער צום מלמד, דערמאָנט עס אים אין טשאַרלס דיקענס אַ בילד פון אַ נישט־ייִדישער שול. אָדער ווען ער באַשרײַבט דעם גורל פון אימיגראַנטישן ייִדישן מיידל, וועלכע גאַרט צו האָבן אַ צימער פאַר זיך, דערמאָנט עס אים אין אַ פאָדערונג וואָס ווירדזשיניאַ וווּלף האָט אַרויסגעשטעלט אין איר אומגעבונג צו האָבן אַ צימער מיט אַן אויסבליק.

יוסף ראָלניקס לידער פאַרגלײַכט ער צו ראָבערט פראָסט, און ווען מאַני לייבס פּאָזיציע אין דער ייִדישער פּאָעזיע גלויבט ער אַז מען וואָלט וועגן אים געקענט זאָגן דאָס וואָס דזשאָן דריידען האָט געזאָגט וועגן אַן ענגלישן פּאָעט (עדמונד וואַלער): „די חשיבות און אויסגעצייכנטקייט פון גראַם זײַנען קיין מאָל נישט געווען אין גאַנצן באַקאַנט ביז וואַנען מר. וואַלער האָט עס אונדז געלערנט״.

מיר פעלן אין דעם בוך פּען־פּאָרטרעטן פון לודוויק לואיסאָן, מאָריס סעמיועל און האָראַס קאַלען — ייִדיש־אַמעריקאַנער שריפטשטעלערס און דענקערס, וואָס האָבן אין משך פון צענדליקער יאָרן יודאַיִזירט און פאַר־פלאַנצט ייִדישע הומאַניסטישע ווערטן אין אַמעריקאַניזירטן סעגמענט פון היגן ייִדנטום. עס פעלט מיר אויך אַ פּען־פּאָרטרעט פון ברוך וולאַדעק, איינער פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן אין סאָציאַליסטישן קרײַז. עס פעלן מיר אויך פּובליציסטן און עסייִסטן, וואָס האָבן געפירט אידעיִשע שטרײַטן לשם שמים און האָבן דערצויגן און דערהויבן אַ סך ייִדישע פאָלקס־אינטעליגענטן: א. קאַראַלניק, יודל מאַרק, א. גלאַנץ־לעיעלעס, ש. מאַרגאָשעס און שלמה ביקל. אויב ס׳איז געווען אַ פּראָגע פון מאַנגל אין פּלאַץ, וואָלט דער מחבר, לפי דעתי, געמעגט אויסלאָזן פון דער גאַלעריע „פּאָרטרעטן״ עטלעכע טרייד־יוניאָניסטן.

מיר האָפן אַז ס׳וועלן קומען נײַע שרײַבערס־געלערנטע, וואָס וועלן אונדז געבן די געשיכטע פון ייִדישן געדאַנק אין אַמעריקע, ווי דאָס האָבן געטאָן העברי קאָמאַדזשער און ווערנאָן פּאַרינגטאָן פאַרן אַמעריקאַנער געדאַנק.

ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ ווערק, וווּ דער הויפּט־העלד איז דער „פאַרגעסענער מענטש״, פאַרענדיקט האַו זיין בוך מיט די דאָזיקע ווערטער: „לאָמיר איצט לויבן אומבאַקאַנטע מענטשן״.

(1976)

אַלפרעד קייזין — ניו־יאָרקער ייִדישער קריטיקער

1

עס איז נישט נויטיק צו באַווייַזן אַז ייִדישע שרייבערס — נאָוועליסטן, פּאָעטן, דראַמאַטורגן און עסייִסטן — פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור; דאָס איז אַלעמען באַקאַנט. ס׳איז אויך באַוווּסט אַז אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיק פאַרנעמען ייִדן אַ צענטראַלע פּאָזיציע, און צווישן די דאָזיקע קריטיקערס איז אַלפרעד קייזין איינער פון די אָנגעזעענסטע. שוין עטלעכע צענדליק יאָר אַז קייזין איז אַ וויכטיקע פיגור אין אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלן לעבן און אין דער ליטעראַטור. איצט איז דערשינען זייַן דריט אויטאָביאָגראַפיש בוך: „אַ ניו־יאָרקער ייִד״.*

קייזין, וועלכער איז געבאָרן געוואָרן אין 1915 אין ברוקלין, ווערט פון אַ סך אַמעריקאַנער אינטעלעקטואַלן באַטראַכט ווי דער יורש פון פּראָמינענטסטן אַמעריקאַנער קריטיקער עדמונד ווילסאָן. ער שמט מיט זייַן אייגנאַרטיקן סטיל און מיט זייַנע סענסיטיווע אַרייַנבליקן און אָפּשאַצונגען פון דיכטערס און פּראָזאַיקערס. ווען ער איז אַלט געווען בלויז 27 יאָר איז ער באַרימט געוואָרן מיט זייַן ערשט בוך: „אויפן היימישן באָדן״ / אָן נייטיוו גראַונדס״ / — — — אַ קריטישע געשיכטע פו די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער שריפטשטעלערס פון 1890 ביז 1940. שפּעטער האָט ער פאַר־עפנטלעכט עטלעכע ביכער איבער ליטעראַטור. און צוויי בענד אויטאָביאָ־גראַפיע — — „אַ גייער אין שטאָט״ / 1951 / און „אָנהייבנדיק אין די דרייַסיקער״ / 1962 / — — ביכער וואָס זייַנען שטאַרק געלויבט געוואָרן. ער האָט אַלע מאָל אָפן אַפירמירט זיין ייִדישקייט, און נאָך שטאַרקער קומט עס צום אויסדרוק אין זייַן איצטיקן בוך, וואָס שוין דער טיטל זייַנער — — „אַ ניו־יאָרקער ייִד״ — — איז אַרויסרופעריש און באַטאָנט זייַן ניו־יאָרקיש־קייט און ייִדישקייט, נאַטירלעך און אויפריכטיק, אָן אַפּאָלאָגעטיק. ער

* New York Jew by Alfred Kazin. Alfred A. Knopf; N.Y. 1978, 307 pp.

דערקלערט בפירוש מיט אַ געפיל פֿון שטאָלץ: „מיר ייִדן האָבן פֿאַרקערפּערט אַ שול פֿון דערפֿאַרונג, מיר זײַנען געווען אין צענטער פֿון דער בינע בײַ אַלע גרויסע אינטעלעקטועלע דראַמעס און פּאָליטישע טראַומעס פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט". איז דעריבער אינטערעסאַנט צו זען ווי האָט אָט דער גײַסטרײַכער, מוטיקער, אָבער שפּראַכלעך־אַסימילירטער ייִד רעאַגירט אויף דעם דריטן חורבן אונדזערן, און ווי איז ער באַווירקט געוואָרן פֿון די טראַגישע געשעענישן אין דער ייִדישער וועלט במשך דער ערשטער העלפֿט פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט.

אין זײַן פֿריערדיקן אויטאָביאָגראַפֿישן בוך: „אַ גייער אין שטאָט" האָט קייזין אויסגעדריקט זײַן עמאָציאָנעלע פֿאַרבונדקייט מיט דער וועלט פֿון זײַן קינדהייט. ער דערציילט אונדז דאָרטן אַז יעדער מאָל ווען ער פֿאָרט צוריק קיין בראַנזוויל, ווו ער איז געבאָרן געוואָרן און אויפֿגעוואַקסן, פֿילט ער ווי ער וואָלט קיין מאָל נישט אַוועק פֿון דאָרטן. ווען ער גייט אַראָפּ פֿון דער סאָבוויי אויף ראָקאַוויי עוועניו, אין ברוקלין, און ער דערשפּירט דעם געשטאַנק פֿון וואַשצימער, די זויערע אוגערקעס לעבן דער סאָבוויי, באַפֿאַלט אים אַ געוואַלדיקער צאָרן געמישט מיט פּחד, און צאַרטקייט: „איך בין צוריק ווו איך האָב אָנגעהויבן. איך בענק נאָך די אַלע אָפּגעלאָזענע הילצערנע הײַזלעך וואָס זײַנען אויפֿגעקומען מיט זייער געשטאַנק פֿון פֿײַכטקייט, אין וועלכע עס זײַנען אויסגעוואַקסן ווער ווייסט וויפֿיל לערערס, חשבון־פֿירערס / אַקאַונטענטס /, ראַבײַס, קענסער־ספּעציאַליסטן, פֿונקציאָנאַרן פֿון דער רעוואָלוציע, און אונטערוועלט־מענטשן".

אין דעם זעלביקן בוך דערציילט ער וועגן זײַן צוגעבונדנקייט צום ייִדישן פֿאָלק, און ס'איז פֿאַר אים געווען אומדעגקבאַר זיך אָפּצוזונדערן און צו פֿאַרלייקענען דעם פֿאַקט אַז ער איז אַ ייִד: „איך האָב געהערט וועגן ייִדן וואָס האָבן פּרעטענדירט אַז זיי זײַנען נישט קיין ייִדן, אָבער איך האָב זיי נישט געקענט פֿאַרשטיין. מיר האָבן אַלע אַזוי לאַנג געלעבט צוזאַמען אַז מיר וואָלטן נישט געוווּסט ווי זיך אָפּצוזונדערן איינער פֿון אַנדערן, אַפֿילו ווען מיר וואָלטן עס געוואָלט. דאָס שרעקלעכסטע וואָרט איז געווען אַ ל י י ן". פֿאַר אַ געוויסער צײַט איז קייזין געוואָרן דער־ווײַטערט פֿון זײַן אַמאָליקער סביבה, אָבער פֿון צײַט צו צײַט כאַפּט זיך אויף אין אים דער ייִדישער באַוווּסטזײַן. בײַם סוף פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז געווען אין לאָנדאָן, אין גאָס, — דערציילט ער

אונדז אין דעם לעצטן בוך — האָט ער דערהערט אויף דער ראַדיאָ ווי אַ גרופּע גערעטעוועטע ייִדן פון די נאַצי־לאַגערן זײַנען מתפּלל. גיסט ער זיך צוזאַמען מיט זייערע איבערלעבונגען; אין דרויסן, אין רעגן, איז ער אַ וויינענדיקער מתפּלל מיט זיי, און ער איז „ווידער געווען אין דער היים״.

2

זײַן אויטאָביאָגראַפיע אין איצטיקן בוך הייבט קייזין אָן אין 1940, דאָרט ווו די פריערדיקע צוויי ביכער האָבן זיך געענדיקט. ער דערציילט דאָ וועגן זײַנע ליבעס און הייראַטן, און ער גיט אונדז אַן אַרײַנבליק אין דער וועלט פון די ניו־יאָרקער אינטעלעקטועלע און ליטעראַרישע קרײַזן. ער צייכנט אָן גאָר לעבעדיק, בעלעטריסטיש, די קאָלירפולע פּאַנאָראַמע פון דער ניו־יאָרקער וועסט־סייד, ווו עס וווינען אַ סך ייִדישע פּראָפעסיאָנאַלן און אינטעלעקטואַלן. מיר באַקענען זיך מיט זייערע האָוועניש, בענקענישן און אַנטוישונגען אין קאָמוניסטישן משיחיזם. די מעק־קאַרטי־עפּאָכע מיט איר היסטעריע קעגן ראַדיקאַלן און ליבעראַלן שטייט אויף לעבעדיק פאַר אונדז, און קייזין גרענעצט זיך שאַרף אָפּ סײַ פון די קאָמוניסטן, סײַ פון די געוועזענע קאָמוניסטן וואָס ווערן מעק־קאַרטיס אַרויסהעלפערס. די רעוואָלוציאָנערע זעכציקער יאָרן מיט זייער ניהיליסטישן אײַנשטעל בנוגע אַלע אָנגענומענע ווערטן ווערן דאָ רעזומירט — אַ דעקאַדע ווען די יוגנט איז געוואָרן אַנטי־ליטעראַטור, אַנטי־ביכער, אַנטי־פאַמיליע, אַנטי־זעלבסט־דיסציפּלין; ווען קייזינס אייגענער זון האָט געקוקט אויפן טאַטן מיט פאַראַכטונג.

אפשר די סאַמע אָריגינעלסטע, און ווערטפולסטע קאַפּיטלעך אין בוך זײַנען יענע ווו דער מחבר סקיצירט אויף זײַן סוביעקטיוו־אימפּרעסיאָניסטישן אופן די פּראָפילן פון אַ ריי אַמעריקאַנער געלערנטע און קינסטלערס: עדמונד ווילסאָן, לייאָנעל טרילינג, סאָול בעלאָו, ט. ס. עליאָט, דעלמאָר שוואַרץ, ראָבערט פראָסט, האַנאַ אַרענדט און נאָך אַנדערע. ער קאָמענטירט טרעפלעך און עלאָקווענט וועגן ליטעראַרישע מאָדעס און אויפטואונגען אין די פערציקער, פופציקער, און זעכציקער יאָרן אין שײַכות מיט די אַמעריקאַנער פּאָליטישע ברוזונגען פון יענער צײַט. מיר באַקענען

זיך מיט זײַנע אײַנדרוקן פון לאָנדאָן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, מיט איטאַליע, דײַטשלאַנד און ישראל. אויף די אַלע אינטערעסאַנטע מאָמענטן אין בוך וועלן מיר זיך, פאַרשטייט זיך, נישט קענען אָפּשטעלן. אונדז אינטערעסירט קודם־כּל אויף ווי פיל דער קריטיקער איז געוואָרן נעענטער באַהאָפטן מיטן גורל און דער קולטור פון זײַן פאָלק, און ווי עס שפּיגלט זיך אונדזער טראַגישע עפּאָכע אָפּ אין דעם בוך.

און ווײַל די דאָזיקע גרויליקע תּקופֿה פאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין קייזינס אויטאָביאָגראַפֿיע, דערפֿאַר איז עס אַן עכט ייִדיש בוך; דער דריטער חורבן פון 1939—1945 געפינט דאָ, בײַם ניו־יאָרקער ייִדישן קריטיקער, אַ טיפן ווייטאָגדיקן אָפּקלאַנג. ער רעאַגירט שאַרף אויף דער גלײַכגילטיקייט מצד דער קריסטלעכער וועלט צום ייִדישן אומגליק. ער רעדט אָפּענע דיבורים, און ער שאַנעוועט נישט רוזוועלטן, דעם וואַטיקאַן, די שווײַגנדיקע, אַוועקקוקנדיקע ליבעראַלן. אַפֿילו זײַן פאַרערטער עלטערער קאָלעגע עדמונד ווילסאָן קומט אַרויס נישט קיין געוואָלדיקער צדיק בנוגע ייִדן. ווילסאָן האָט זיך דערלויבט, ווי קייזין דערציילט, צו זאָגן קאַלטבלוטיק: „הגם ייִדן האָבן געהאַט שטאַרקערע סיבות צו קעמפן קעגן היטלערן, ווי זייערע אָבות צו קעמפן קעגן די גריכן און רוימער, איז עס געווען אומלאָגיש פון זיי, ווײַל די אויסראָטונג פון זעקס מיליאָן ייִדן איז שוין געהאַט ווײַט פאַרגאַנגען אין דער צײַט, ווען אַמעריקע האָט אָנגעהויבן צו טאָן עפּעס“. דער איזאָלאַציאָניסט ווילסאָן האָט געהאַלטן אַז די קאַטאַסטראָפֿע אין פּוירל האַרבאָר, וואָס די יאַפּאַנער האָבן גורם געווען, איז געווען אַ קאָנספּיראַציע מצד רוזוועלטן, כּדי אַרײַנצושלעפּן אַמעריקע אין דער מלחמה. צו אַזעלכע אַבסורדן איז דערגאַנגען עדמונד ווילסאָנס איזאָלאַציאָניזם.

קייזין פאַרצייכנט דעם מאָרד פון ערליכן און אַלטערן, און ער באַמערקט זייער ריכטיק, אַז כאָטש ייִדן זײַנען געווען די הויפּט־אָביעקטן פון היטלערס האָס, זײַנען זיי געווען אַ זײַטיקע זאַך פאַר אַלע אַנדערע. „עס איז קיין מאָל נישט געווען קיין אמתער פּלאַץ פאַר זיי אין סעקולערן געדאַנק פון דער אויפֿקלערונג; עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר זיי אין די קאָמוניסטישע אימאַזשן פון „לעצטן קאָנפליקט“, וואָס האָט געזאָלט לייזן אַלע צעטיילונגען פון דער מענטשהײַט דורך אָפּמעקן דעם קלאַסן־שונא; עס איז ספּעציעל נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר זיי אויף אַן ערד וואָס איז דאָמינירט געוואָרן פון די נאַציס“. ער דרוקט איבער דעם בריוו פון קדוש

אַרטור זיגעלבוים איידער ער איז באַגאַנגען זײַן העראָישן אַקט פון זעל־בסטמאָרד, און ער זאָגט: „איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָשמאַר וואָס האָט אַלצדינג געשטעלט אונטער אַ פרעגצייכן, וואָס וועט מיך פאַרפאָלגן ביז מײַן לעצטן אָטעמצוג".

די פאָרטרעטן, וואָס קייזין צייכנט פון זײַנע באַרימטע קאָלעגן, וואַרפן אַ העל ליכט אויף אים גופא, און אויך זײַן שטאָלצן אידענטיפיצירן זיך מיט זײַן שטאַם. גאָר שאַרף רעאַגירט ער וועגן די קנעכטיש־אַסימילירטע גדולים וואָס פאַרלייקענען זייער פאָלק און ווילן גילטן ווי „אוניווערסאַליסטן". דאָס קומט צום אויסדרוק אין זײַן איראָניזירן איבער דעם קונסט־קריטיקער בערנאַרד בערענסאָן, אַ ליטוויש ייִדיש ייִנגל, וועלכער איז געקומען קיין אַמעריקע, און, קריגנדיק אַן אַרײַנטריט אין דער באָסטאָנער „הויכער געזעלשאַפט", האָט ער זיך געשמדט. קייזין דריקט אויס זײַן פאַראַכטונג צו אים, ווען ער באַגעגנט אים אין איטאַליע. אויך צו זײַן עלטערן קאָלעגע לייאָנעל טרילינג וויַזט קייזין אַרויס אַ קריטישע באַציונג. טרילינג, דער זון פון אַ ייִדישן שנײַדער, וואָס איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט, קאָקעטירט מיט זײַן איבערגעטריבענער ראַפינירטקייט און צירלעך־מאַנירלעכקייט; וועגן אים קאָמענטירט קייזין: „פאַר טרילינגן וועל איך אַלע מאָל זײַן צו ייִדיש, צו פול מיט מײַן דער־פאַרונג פון אַ מיטגליד פון נידעריקן קלאַס... אין טרילינגס אַמעריקע זײַנען נישטאָ קיין אַרבעטער, קיינער לײַדט נישט פון מאַנגל אין געלט; נישטאָ דאָ קיין קאַפּיטאַליסטן, קאָרפּאָראַציעס, אינדיאַנער, אָדער שוואַרצע, און נישטאָ דאָ אויך קיין ייִדן פאַר אים".

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר קייזינען איז זײַן אײַנדרוק פון איליאַ ערענבורג, בעת דעם קריטיקערס וויזיט אין סאָוועט־רוסלאַנד, מיט אַן אַמעריקאַנער שרײַבער־דעלעגאַציע נאָך דער וועלט־מלחמה. דער „קולטור־אויסטויש", דערציילט אונדז קייזין, איז באַשטאַנען פון אומענד־לעכע טאָסטן פאַר שלום און פרײַנדשאַפט: „אין נישט געדענקן דעם גורל פון באַבעל און מאַנדעלשטאַם, דעם אַקטיאָר מיכאָעלס, די דערמאָר־דעטע ייִדישע שרײַבערס בערגעלסאָן, פעפער, מאַרקיש און קוויטקאָ... אין צוהערן זיך מיט דאַנקבאַרקייט צו איליאַ ערענבורגן, וועלכער האָט אונדז אויפגענומען אויף אַ טיי אין זײַן גלענצנדיקער זומערהיים, און האָט אונדז אַלצדינג דערקלערט, אַחוץ דעם פאַקט פאַר וואָס בלויז ער אַליין

איז דער איינציק לעבן־געבליבענער פון דעם קאָמיטעט וואָס איז באַשטאַנען פון באַרימטע רוסישע ייִדן, וועמען מע האָט באַפוילן צו קריגן אינטער־נאַציאָנאַלע שטיצע פאַר סאָוועט־רוסלאַנד, ווען היטלער איז זי באַפאַלן". אָט דער ערענבורג מיט זײַן געקנייטשטן, קלוגן, אַראָגאַנטן, טרויעריקן פנים, ווי קייזין צייכנט אים, האַלט זיך אין איין באַרימען מיט זײַן פּאָפּו־לאַריטעט בײַ די סאָוועטישע לייענערס, פון וועלכע ער קריגט „גאַנצע קוישן מיט בריוו".

3

פאַראַן, ווי געזאָגט, אַ סך אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן און פּראָפילן פון באַרימטהײַטן אין בוך. אָבער פּאַר קיינעם פון זיי ווײַזט קייזין נישט אַרויס אַזאַ באַוווּנדערונג ווי פאַר סאָול בעלאָו. דער קריטיקער און דער נאָוועליסט האָבן זיך באַקענט נאָך איידער בעלאָו האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט זײַן ערשטן ראָמאַן. ווען בעלאָו האָט גערעדט צו אים, האָט קייזין געפילט ווי עס וואָלט צו אים גערעדט אַ פעטער אין אַלטן גריכישן סטיל, אַ קאָנטע־סטאַנט, וועלכער קעמפט פאַר אַ פּריז: „בײַ אים איז נישט געווען קיין פוסטע רייד, אָדער אָנשטעל. ער האָט נישט גערעדט פאַרן עפעקט וואָס זײַנע רייד וועלן מאַכן. זײַנע דעפיניציעס, עפּיגראַמען זײַנען באַשטאַנען פון אַ פאָרמעלער פשטות, וואָס איז גלײַך צוגעטראָטן צום פּונקט און זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז נישט געווען קיין ווערטער־אינפלאַציע אין זײַנע רייד. דאָך זײַנען זײַנע באַטראַכטונגען געווען דירעקט און שאַרפזיניק. ער איז געווען שטאָלץ אויף אַ לאַקאָנישן אופן ווי אַן אַלטער ייִד, וואָס פילט זיך נעענטער צו גאָט ווי יעדער אַנדערער; קיין מאָל נישט צופרידן מיט זיך, און איינער וועמען מע קען גרינג ווײ טאָן. ווי דער יונגער יוסף אין תנ"ך האָט ער לײַכט פאַרטרויט זײַנע חלומות צו זײַנע ברידער... איך האָב געגלויבט אין אים ווי אַ נאָוועליסט ווײַל אַזוי ווי זײַן כוח אין ייִד־זײַן איז ד אָ ס געווען אַ פאַרחתמעטער אוצר אומבאַשעדיקט פון זײַנע אַלע דאגות. סאָול איז בפירוש געווען אַ מענטש, וואָס איז געוואָרן אויסדערוויילט פון טאַלאַנט, אַזוי ווי די ייִדישע ווירטואָזן חפץ, רובינשטיין, מילסטיין, האָראָ־וויץ... עס איז געווען אָפּפרישנדיק צו זײַן מיט אַ מענטשן, וועלכער האָט אָפּגעוואָרפן אַזוי פיל פּעדאַנטישע דיסטינקציעס. דאָס האָט געמוזט האָבן צו

טאָן מיט זײַן ליבשאַפט פאַר ייִדיש און ייִדישע וויצן. זײַן ליבשאַפט פאַרן גרויסשטאָטישן נידעריקן לעבן, זײַן געפּיל וועגן זיך ווי אַ שעפערישער ייִד. סאָול איז געווען דער ערשטער ייִדישער שרײַבער, וועמען איך האָב באַגעגנט, וואָס האָט אויסגעזען צו זײַן אַזוי קלוג וועגן יעדער זײַט פון לעבן ווי אַ געשעפטסמאַן".

אין דער הימנע צו סאָול בעלאָו מאַניפעסטירט זיך קייזינס שטאָלץ און התפעלות פאַרן ייִדישן זשעני בכלל. און בעת דער קריטיקער באַ־שרײַבט ווי אַזוי אַ סך אַמעריקאַנער קינסטלערס זײַנען געוואָרן פאַרבלענדט פון האַנאַ אַרענדטס „אַלצוויסנדיקייט", פאַרגעסט ער נישט צוצוגעבן אַז בעלאָו איז אויך אין דעם פּרט געווען אַן אויסנאַם: ער האָט נישט געקענט סובל זײַן איר אינטעלעקטועלע אַראָגאַנץ, און ווען ס'איז דערשינען איר בוך וועגן דעם אייכמאַן־פּראָצעס, האָט בעלאָו זיך נוקם געווען, אָנרופנדיק אירע „אָריגינעלקייטן": „די קאָנסערווירטע זויערקרויט פון די ווײַמאַרער אינטעלעקטואַלן".

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר קייזינען איז זײַן דערפאַרונג אין דײַטשלאַנד, (קעלן) ווו ער איז נאָך דער מלחמה געווען אַ לעקטאָר וועגן אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער הערט זיך צו ווי די דײַטשן פאַרענטפערן זיך אַז זיי האָבן נעבעך גאָרנישט געוווסט וועגן די הריגות פון ייִדן; זיי האָבן עפּעס געהערט וועגן שיסערײַען, אָבער זיי האָבן, טענהן זיי, גאָרנישט געהאַט צו טאָן דערמיט. זיי זײַנען געווען די רעגולערע אַרמיי. קייזין פאַרענדיקט זײַנע באַטראַכטונגען וועגן דעם מיט די ווערטער: „בײַ די טײַכן פון קעלן, דאָרטן זײַנען מיר געזעסן, מיר האָבן געוויינט, ווען מיר האָבן געדענקט ציון".

צאַרט און רירנדיק שילדערט קייזין דעם טויט פון זײַנע עלטערן: ערלעכע, האָרעפּאַשנע ייִדישע פּאָלקסמענטשן מיט אַ פרומען סאָציאַליס־טישן אידעאַליזם; גלויביקע ייִדישע אַרבעטס־מענטשן וועלכע הערן נישט אויף צו האָפן אויף אַ באַחרית־הימים. און ווען איר פאַרענדיקט דעם ניו־יאָרקער ייִדס אינערלעכע ביאָגראַפיע, פילט איר אַז הגם ער איז ווײַט אין לעבנסטיל, אין השגות, אין וועלטבאַנעם, אין גײַסטיקע אינטערעסן פון דער בראָנזווילער וועלט פון זײַנע עלטערן, שטרעבט ער פון דעסטוועגן, פונקט ווי זיי, נאָר מיט אַנדערע מיטלען, מתקן צו זײַן די וועלט, און ער זעט זי אויך מיט ייִדישע אויגן. און הגם אַ ייִדיש־ייִדישער ייִד ווייסט

אַז האַרץ־ייִדישקייט איז נישט גענוג און איז נישט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ שעפערישן ייִדישן המשך, געדענקט ער אויך אַז זיי, די פרעמד־שפּראַכיקע ייִדן, האָבן אויך צוגעטראָגן זייער חלק צום ייִדישן נצח, און זייער בייטראָג איז עלול צו ברענגען אַהיים די אָפּגעפרעמדטע.

(1979)

שלמה סיימאָן — דער שריפטשטעלער און שולבויער

(רעדע געהאַלטן צו זײַנע שלושים)

עס איז אַוועק פון אונדז אַ ייִדישער שריפטשטעלער און כלל־טוער, אַ קינסטלער און שולבויער, אַ מענטש פון וואָרט און טאַט, אַ וועקער און מאָנער, וואָס האָט כּסדר אויפגערודערט די סטאַגנאַנטע וואַסערן פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט, פון דער ייִדישער מחשבה און ייִדישער פובליציסטיק.

שלמה סיימאָן האָט געהערט צו די „צאָרנדיקע מענטשן", צו די דאָזיקע, וואָס שטעלן „אומטאַקטישע" פראַגן. האָט ער געהאַט טענות: טענות צו מדינת ישראל, צו די ייִדישע מנהיגים פון אַמעריקע, צו דער ייִדישער יוגנט, צו די וועלטלעכע שולטוערס. אַוודאי האָט ער געוווּסט אַז געבורט איז אַ בלוטיקער פּראָצעס, אַז אַ יונגע מדינה מוז דורכמאַכן אַ פּעריאָד פון חבלי־לידה. אָבער ווײַל ער האָט געהאַט אַ הויכן סטאַנדאַרד פאַר ייִדן, האַלט ער דעריבער, אַז צו מדינת ישראל מעג מען האָבן טענות, און איר שטעלן הויכע פאָדערונגען.

ער האָט טענות צו די וואָרטזאָגערס פון זײַן דור: פאַר וואָס גייען נישט די קינדער אין אונדזערע וועגן? פאַר וואָס איז זייער ייִדישקייט אַזאַ אַנעמישע? פאַר וואָס אַזעלכע מינימאַליסטן? אפשר איז דאָס צוליב דער פאַרשפּרייטער אַמעריקאַנער סאָציאָלאָגישער ייִדישקייט וואָס איז בלויז אויסערלעכקייט, אָן אמונה, אָן אַן אידעע. די סאָציאָלאָגישע ייִדישקייט פון אָנגעהעריקייט, פון אַנטי־אַנטיסעמיטיזם לאָזט דאָך אויס דעם עיקר: דאָס ליכט פון ייִדישקייט, ייִדישע שעפערישקייט, די גײַסטיקע אויסשטראַלונגען פון דער ייִדישער נשמה. קיום־האומה — האַלט ער ווי אַ סך פון אונדז — איז נישט קיין גענוגנדיקע מאָטיווירונג פאַר ייִד־זײַן, פאַרן שווערן קאַמף אויפצוהאַלטן ייִדישקייט אין די תּפוצות, וואָס פאַרלאַנגט אין יעדן דור קרבנות. און ווײַל ער האָט נישט געקענט אַקצעפּטירן דעם גאַנג פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע, הערט ער נישט אויף צו זוכן אַ נײַעם דרך פאַר זיך און זײַן דור. ער האָט זיך נישט געוואָלט באַנוגענען מיט אינטערפּרעטירן

די ייִדישע וועלט, נאָר זי געוואָלט איבערמאַכן. ער שאַנעוועט נישט קיין איין ריכטונג אין ייִדנטום. ער פּרובירט פאָרמולירן זײַן ייִדישן וועלטבאַנעם אין זײַנע ווערק: „תּוך־ייִדישקייט״; „אויף אייגענע דרכים״ און „אמונה פון אַ דור״.

שלמה סיימאָן איז במשך אַ סך יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער און שפּעטער רעדאַקטאָר פון „קינדער־זשורנאַל״, וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט „שמערל נאַר״, „דאָס קלוגע שנײַדערל״, „די העלדן פון כעלם״, און אַ סך אַנדערע דערציילונגען, וואָס זײַנען שפּעטער אַרויס אין ביכער.

פון 1928 געדענק איך זײַן „ווידוי פון אַ ייִדישן אינטעליגענט״, וווּ ער האָט זיך געגריבלט, געזוכט און געפּאַרשט. ער האָט געגלויבט אַז ער האָט געפונען דעם ענטפער אויף זײַנע שאלות און אבעיות. ער מיינט אַז די הויפּט־סיבה פון גײַסטיקן קריזיס אין ייִדישן לעבן שטאַמט דערפון, וואָס מיר האָבן פאַרוואָרפן די ספּעציפיש ייִדישע ווערטן; די נאַציאָנאַליסטישע ייִדישקײַט — האַלט ער — באַרעכטיקט נישט דעם ייִדישן המשך און גלות. אָן אַ גאָט־גלויבן זעט ער נישט קיין זינען אין אָפּהיטן מצוות־מעשיות.

אַוודאי ווייסט ער אַז דער קולטור־ניהיליזם איז נישט בלויז אונדזער מחלה. ער ווייסט אַז אויך די אומות העולם לײַדן פון סקעפּטיציזם און רעלאַטיוויזם, און אַז אַ סך מענטשן לעבן אין אַ גײַסטיקן חלל. אָבער דאָס איז פאַר אים אַ קנאַפּע טרייסט. ער ראַנגלט זיך, ער זוכט, און אפילו ווען ער געפינט נישט דעם אמתן אמת, איז דאָס זוכן אַליין אָנרעגנדיק, באַנײַענדיק.

שלמה סיימאָן איז געווען אַ מענטש פון וואָרט, פון דער פּען און אויך פון מעשים. ס׳איז אים אָנגעשטאַנען נישט בלויז צו שוועבן אין דער וועלט פון געדאַנק, נאָר אויך צו טראָגן אחריות פאַר דעם אויפהאַלט פון די אינסטיטוציעס וואָס פאַרקערפּערן זײַן אידעאַל. ער איז דערפאַר געווען אי טעאָרעטיקער, אי פּראַקטיקער. ער איז געווען אַ נאה דורש ונאה מקיים. ער האָט גערופן מענטשן צו די אונטערנעמונגען פון שול און אַליין געמאַכט דעם אָפּיל; ס׳איז אים אָנגעשטאַנען צו טאָן די שוואַרצע אַרבעט.

אין שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט איז שלמה סיימאָן געווען אַ צענ־טראַלער זײַל, אַ ראש־פּינה. ער איז אין משך פון אַ סך יאָרן געווען דער פאָרזיצער פון שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט, און ער און זײַן פרוי לאה זײַנען שטענדיק גרייט געווען צו געבן זייער היים פאַר יעדער אינסטיטוט־

און שול־סעטיקייט. מיט זײַן מאַנען און וועקן צו עקזאַמענירן אַלטע דרכים האָט ער געהאַט נישט קיין קליינעם חלק אין אַרײַנברענגען מער ייִדישקייט און ייִדישע טראַדיציעס אין די לימודים פֿון די שלום־עליכם־שולן.

לויט זײַן כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט האָט סיימאָן נישט געקענט גיין אין שפּאַן פֿון אַ פּאַרטיי. ער איז געווען אומאָפּהענגיק אין טראַכטן און אין אויפֿפֿיר. אפֿשר דערפֿאַר האָט ער נישט געקענט געפֿינען קיין שטענדיק אָרט אין דער ייִדישער פּרעסע, אין די ייִדישע פּעריאָדישע זשורנאַלן. ער איז נישט געווען קיין יאָ־זאָגער און דערפֿאַר האָט ער אַזוי אָפֿט געשטורעמט קעגן דעם אָפֿיציעלן ייִדישן עסטאַבלישמענט.

ער האָט געפֿונען זײַן גײַסטיקע היים אין נישט פּאַרטייִשן, נישט־דאָג־מאַטישן שלום־עליכם־פֿאָלק־אינסטיטוט, אין דער חברה־תּנ״ך, מיט וועלכער ער האָט אָנגעפֿירט. און אין זײַן שרײַבן און טראַכטן. ער האָט געפֿונען און געוווּנען תּלמידים, חברים, מיטקעמפֿערס אין אַלע קרײַזן פֿון ייִדישן פֿאָלק ווו מ׳שאַצט אָפּ דאָס אומאָפּהענגיקע וואָרט.

(1971)

די יוגנט און דער יידיש־
וועלטלעכער סעקטאָר

אַ האַלבער יאָרהונדערט קולטור־ייִדישקייט

(50 יאָר שלום עליכם פאָלק־אינסטיטוט)

עס איז איצט פונקט אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט. בײַם אָפּצייכענען אַזאַ דאַטע פּאַסט זיך מאַכן אַ חשבון־הנפש פון דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג און וואַרפן אַ בליק אין דער נאָענטער צוקונפט.

דאַרף מען קודם־כל באַטאָנען אַז ווי חשבון־הנפשדיק מען זאָל נישט וועלן זײַן, טאָר מען נישט אונטערשאַצן וואָס דאָס הייפל עקשנים, קיומיסטן האָבן אויפגעטאָן. אַ מחנה פרײַוויליקע אידעאַליסטן — אָן דער הילף פון דער אָרגאַניזירטער ייִדישער קהילה — האָבן אין משך פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט אויפגעבויט אַ נעץ שולן ווו עס האָבן געלערנט 40—50 טויזנט ייִדישע קינדער. די תלמידים האָבן אײַנגעזאַפּט ייִדישע תורה און חכמה און פּאָעזיע; זיי האָבן געפּײַערט שבתים און יום־טובים; זיי האָבן זיך באַקענט און געוואָרן אינספּירירט פון גרויסע שעפערישע ייִדן — פון אַ מאָל און פון הײַנט. זיי האָבן זיך מיטגעפרייט מיט ייִדישע נצחונות און מיטגע־טרויערט אויף ייִדישע רדיפות און פורעניות; זיי האָבן געהערט פון זייערע לערערס און אַליין געלייענט ייִדישע שרײַבערס און פּאָעטן; זיי האָבן דעקלאַמירט שאַפונגען פון ייִדישע דיכטערס, אויפגעפירט פּיעסן און גע־זונגען ייִדישע לידער. אויב דאָס איז אַלץ וואָס עטלעכע צענדליק טויזנט ייִדישע קינדער האָבן אויפגעטאָן אין די שלום־עליכם־שולן — דיינו! מעג עס די טוערס און לערערס אָנפילן מיט שטאָלץ! אָבער ס׳איז מער ווי דאָס: עטלעכע טויזנט תלמידים האָבן געלערנט און גראַדויִרט די מיטלשול, און נאָך מער טויזנטער קינדער האָבן פאַרבראַכט זייערע זומערס אין „קעמפּ בויבעריק״, אָנגעפירט און געפורעמט פון לייבוש לעהרערן. דאָ האָבן זיי אויף אַ שפּילעוודיקן אופן געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין אַ ייִדישער סביבה, געלערנט ייִדיש און ייִדישקייט פאַרמעל און אומפאַרמעל, און געהאַט פריידיקע ייִדישע איבערלעבונגען. דיינו!!

דער פאַרלאַג „מתנות״ האָט אין משך פון 49 יאָר — צו ערשט אונטער

דער פּירערשאַפט פון י. קאַמינסקי און שפּעטער ליפּע לעהרער — אַרויס־געגעבן קינדער־ביכער, טעקסט־ביכלעך, די ווערק — קינסטלערישע פּראָזע, פּאָעזיע, מחשבה — פון די אָנגעזעעענסטע יידישע שרײַבערס. דער „קינדער־זשורנאַל" האָט מיט זײַנע לידער, מעשהלעך און שפּילן געדינט דעם יידישן לערער אין אַלע לענדער ווו עס געפינען זיך יידיש־וועלטלעכע שולן. שפּעטער זײַנען אַ סך פון די מאַטעריאַלן אין „קינדער־זשורנאַל" אײַנגע־שלאָסן געוואָרן אין די כרעסטאָמאַטיעס פאַר יידישע שולן. אָט די אַלע אויפטועו פון די לערערס און שולטוערס אין די שלום־עליכם־שולן, פאַרלאַג „מתנות" און קעמפ בויבעריק באַרעכטיקן די שלום־עליכמניקעס צו פילן אַז זיי האָבן אַרײַנגעשריבן אַ שיין, וויכטיק קאַפּיטל אין דער גײַסטיקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

און דאָ — נאָך דעם ווי מיר האָבן דערמאָנט די אויפטועו פון דער מחנה שלום־עליכמניקעס — וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פאַרגלײַכן די יידישע וועלט פון 1918, ווען דער אינסטיטוט איז געגרינדעט געוואָרן, מיט דער יידישער וועלט אין 1968. בלויז אויף עטלעכע מאָמענטן אין דער עפּאָכע וויל איך זיך דאָ אָפּשטעלן.

בײַם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אויף דער יידיש־אַמעריקאַנער גאַס דאָמינירט די אידעאָלאָגישע גרופּירונגען פון די אַנאַר־כיסטן און סאָציאַליסטן, שפּעטער בונדיסטן. דעם אויבן־אָן אין יידיש־ראַדיקאַלן לאַגער האָבן פאַרנומען — ווי באַוווסט — די קאָסמאָפּאָליטן (לייען אַסימילאַטאָרן) פון אייב. קאַהאַנס און יאַנאָווסקיס חדר. די אידעע פון „מעלטינג־פּאָט" האָט דעמאָלט אויסגעדריקט די הערשנדיקע שטימונג. דער קולטור־פּלוראַליזם פון האָראַס קאַלען, און שפּעטער קאַפּלאַנס רעקאָנסטרוקציאָניזם —ביידע אַנטי־אַסימילאַטאָרישע אַמעריקאַנישע טעאָרעטיקערס — זײַנען נאָך געווען ווייניק באַקאַנט און האָבן פאַרמאָגט ווייניק חסידים. דאָס זעלביקע איז געווען אמת וועגן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע יידיש־יידן פון חיים זשיטלאָווסקיס חדר. אויך זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאָר קליינע מחנה.

די שלום־עליכמניקעס, וואָס האָבן געהערט צו דעם לעצטן קרײַז, זײַנען געשווומען קעגן קאָסמאָפּאָליטישן שטראָם און זיי האָבן מאָטיווירט די יידיש־וועלטלעכע שול ניט ווי אַ קעגנגיפט צו דער קאַפּיטאַליסטישער פּאָבליק־סקול, נאָר כּדי צו דערציען מאָדערנע נאַציאָנאַלע יידן, וואָס וועלן

ממשיך זײַן אַ ייִדישן פֿאָלקס־קיום אין אַמעריקע. אין דער פּרינציפּן־דערקלערונג פון שלום־עליכם־פֿאָלק־אינסטיטוט, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער קאָנפֿערענץ אין 1927, ווערט געזאָגט אַז די ייִדיש־וועלטלעכע סביבה „גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון גרויסער קאָנסטרוק־טיווער אַרבעט אין אַלע לענדער ווו עס געפֿינען זיך ייִדישע מאַסן. אונדזער הויפּטציל איז ברייטער צו מאַכן דעם קרײַז פון דער ייִדיש־וועלטלעכער סביבה, העלפֿן שאַפֿן אינסטיטוציעס און אַנטוויקלען לעבנספֿאָרמען פון אַלע אירע מיטגלידער, און זען אַז זיי זאָלן ווערן פֿאַרזענלעך און געזעל־שאַפֿטלעך אַקטיווע מיטבויערס פון דעם נײַעם ייִדישן לעבן, וואָס האַלט זיך אין קריסטאַליזירן. די וויכטיקסטע פון די דערמאָנטע אינסטיטוציעס איז די נײַע שול. זי דאַרף זאָרגן פֿאַר דער אַלזײַטיקער דערציִונג פון דעם ייִדישן קינד און פֿאַר זײַן אײַנגעוואַקסן ווערן אין דער קולטור פון זײַן פֿאָלק". די רביים פון די שלום־עליכמניקעס זײַנען געווען חיים זשיט־לאָווסקי, שמעון דובנאָוו, י. ל. פּרץ, שמואל ניגער און דער טעאָרעטיקער־פּראַקטיקער לייבוש לעהרער.

אַ גרונטשטריך אין פּרצוף־פּנים פון דער ייִדישער וועלט אין 1918 איז געווען דאָס רײַסן זיך צו דער גרויסער אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנישער ציוויר־ליזאַציע און קולטור. מ'האָט טיף געוואָרצלט אין אייגענעם שטייגער פון מזרח־אייראָפּע, אָבער מען האָט געשטרעבט און געפּריידיקט אַמעריקאַני־זאַציע און שיער־נישט — בײַ געוויסן און יאַהודים — אַסימילאַציע. אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער וועלט פון 1968 האָבן מיר איבערגעגנוג אַמעריקאַני־זאַציע, אַקולטוראַציע. ייִדישיזאַציע איז איצט אַ שרײַענדיקע נויט. נאָכן חורבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום און צוואַנציק יאָר נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל זײַנען דער גרעסטער רוב פון אַמעריקאַנער ייִדן, אַרײַנ־גערעכנט די אַמאָליקע געוויסן און יאַהודים, קיומיסטן פון אַ געוויסן סאָרט. אַלע רעדן איצט „קולטור־פּלוראַליסטיש", אַפֿילו ווען זיי נעמען נישט אָן די טעאָריע ווי קאַלען האָט זי פֿאָרמולירט. אַלע זינגען איצט אין כאָר: וואָס מיר זײַנען, זײַנען מיר, אָבער ייִדן זײַנען מיר!

אַלע ווילן איצט המשך, אָבער דער רוב אַמעריקאַנער ייִדן מיינט איצט מיט ייִדישער קאָנטינויִטעט אין אַמעריקע ווײַט נישט דאָס וואָס המשך האָט געמיינט אין 1918. דעמאָלט האָט המשך באַטײַט — אין אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ — לעבן ווי אין מזרח־אייראָפּע — אַ ברייטע קהילה־אויטאָנאָמיע,

טאַקע אַ פּריוואַוויליקע, אָבער דאָך אַ דעמאָקראַטיש געפירטע. מען האָט פּרובירט שאַפן אַן אַל־ייִדישע נאַציאָנאַלע רעפּרעזענטאַנץ — דעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס — און מען האָט געהאָפט אויף אָרגאַנישע ייִדישע קהילות אין די גרויסע היגע ייִדישע געמיינדעס.

איצט הערט מען זעלטן וועגן אַן אַל־אַמעריקאַנישער דעמאָקראַטישער ייִדישער רעפּרעזענטאַנץ. עס דאָמינירט אין היגן ייִדישן לעבן אַן אָליגאַרכיע, מיט דער הילף פון אַ פּראָפעסיאָנאַלן־קלאַס. די היגע ייִדישע מאַסן כאַפּן זיך אויף בלויז אין אַ קריזיסצייט. המשך באַטײַט איצט אַ ייִדישע סובקולטור, וואָס איז סובאָרדינירט צו דער אַרומיקער קולטור. די קאָנצעפּציע פון צוויי־קולטורישקייט ווערט איצט אַקצעפּטירט פון אַלע וואָס רעכענען זיך מיט דער היגער ווירקלעכקייט.

אָבער אויב ייִדישקייט קען בלויז פאַרנעמען די פּאָזיציע פון אַ סובקולטור, ווי מאַכט מען אַז דער ייִדישער עקסטראַקט זאָל זיך נישט אויפלייזן אין דער אַמעריקאַנער קולטור? ווי מאַכט מען אַז ייִדישקייט זאָל זײַן זינפול פאַר מאָדערנע, וועלטלעכע ייִדן? וואָס זאָל מען אָפּקלײַבן פון דער רײַכער ייִדישער ירושה? און נאָך עפּעס האָט זיך געענדערט: אין 1918 האָבן אין היגן ייִדישן קיבוץ דאָמינירט די ראַדיקאַלע, אַפּיקורסישע ייִדן. איצט באַהערשן די היגע ייִדישע וועלט די דרײַ דענאָמינאַציעס פון אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיוון און רעפאָרמער. גלײַכצײַטיק דערמיט האָט זיך אָבער די רעליגיעזע ייִדישקייט סעקולאַריזירט, בעת די וועלטלעכע ייִדן — אַ גרויסער טייל פון זיי, אויב נישט אַלע — האָבן זיך אַרומגעזען אַז אַפילו נישט־פרומע בייטיקן זיך, פאַר דער באַרײַכערונג פון עמאָציאָנעלן לעבן פון ייִדישן יחיד און פאַר זײַן אינטימער פאַרבינדונג מיטן כלל־ישראל, אין געוויסע טראַדיציעס.

דער קבלת־שבת און די יום־טוב־פײַערונג ווערט איצט פּראַקטיצירט פון די וועלטלעכע ייִדן פון שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט. לייבוש לעהרער האָט דאָס באַצייכנט ווי טראַדיציאָנאַליזם, אַ ייִדישער לעבנסשטייגער פון טראַדיציאָנעלע פאָרמען וואָס פּאַסט זיך אַרײַן אין אַ סעקולאַריזירטער וועלט, און וואָס וויל נישט קאָפּירן דאָס אַלטע אין אינהאַלט און פאָרם. אין דעם זין זײַנען שלום־עליכמניקעס טראַדיציאָנאַליסטן.

שלום־עליכמניקעס זײַנען געבוירן געוואָרן מיט אַ לײַדנשאַפט: ייִדישער שעפערישער קיום — דאָ; מיט אַ וואַרעמער באַציִונג צו ישראל; אָבער

דאָ — ווו מיר לעבן — מוזן מיר פונקט ווי אין בבל, ווי אין שפּאַניע און פּוילן, אויפהאַלטן אַ פולסירנדיק קולטור־לעבן. צווישן די אָבות פון שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט זײַנען געווען די אַלע וואָס האָבן געהערט די שטים בײַם סנה: די נביאים, די תּנאים, די אמוראים, די גאונים, די מקובלים, די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ייִדישע דענקערס, די שאַפערס פון אונדזער מאָדערנער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור.

און אויב איר שרעקט זיך — און ווער פון אונדז איז נישט באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט? — צי וועט דער דריטער דור, אָט דער, וואָס לערנט איצט אין די שולן, בויען אַזעלכע לערן־אינסטיטוציעס פאַרן פערטן דור? מעג מען אָפנהאַרציק ענטפערן, אַז קיינער ווייסט נישט. ס'איז זייער מעגלעך אַז אַ טייל פון דריטן דור וועט פאַרזעצן אין די דרכים פון זײַנע זיידעס. מיר וועלן זיך אָבער קענען טרייסטן אַז ס'איז אַ צרת רבים; אַז קיין ריכטונג אין ייִדישן לעבן האָט נישט קיין גאַראַנטיע אַז אירע קינדער וועלן גיין אין די וועגן פון זייערע טאַטעס: נישט די סינאַגאָגע־ייִדן, נישט די ציוניסטן, נישט די סאָציאַליסטן. מיר האָבן געלייענט חיים פּאָטאָקס „די טשאָזען" — און געזען ווי דער זון פון דעם חסידישן רבין וויל נישט פאָרזעצן דעם טאַטנס טראַדיציע. ער ווערט אַ משכּיל, וואָס וויל שטודירן פּסיכאָלאָגיע אַנשטאָט זײַן אַ רבי! און ווי גוט מיר געדענקען דאָס פון אונדזער יוגנט! הײַנט פאַר וואָס זאָלן אונדזערע קינדער און אייניקלעך זיך וועלן האַלטן בײַם גאַנצן גײַסטיקן באַגאַזש וואָס מיר האָבן זיי איבערגעגעבן? צי איז עס לאָגיש צו דערוואַרטן אַז אונדזערע קינדער, וואָס זײַנען אויסגעוואַקסן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, זאָלן נישט וועלן מאַכן קיין „אַמענדמענט" צו דער „קאָנסטיטוציע" וואָס מיר האָבן פאָרמולירט? די וועלט האָט זיך דאָך אַזוי ראַדיקאַל געביטן אין די לעצטע פופציק יאָר!

ייִדן זײַנען אַלע מאָל געווען צעלרײַך צווישן דער אינטעליגענץ — ד"ה צווישן יענע, וואָס לעבן מיט אידעען און זוכן דעם אמת. אָט דערפאַר האָבן מיר אַזוי פיל אומצופרידענע צווישן דער ייִדישער אינטעלעקטועלער יוגנט אויפן קעמפּוס. דער לעבנסטיל — דערציילן אונדז אַלע פאָרשונגען צווישן אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן — אויפן קעמפּוס מיט זײַנע אוניווערסאַלע סטאַנדאַרדן בײַם אָפּשאַצן די וועלט איז עלול אָפּצורײַסן דעם ייִדישן אינטעלעקטואַל פון ייִדישן כּלל. דערפאַר איז דאָ אַ סכּנה נישט בלויז פאַר ייִדיש, נאָר פאַר ייִדישקייט בכלל, פאַר ייִדישן קיום אין אַמע־

ריקע. אויפן קאַלעדזש־קעמפּוס ווו דער גורל פון אַמעריקאַנער ייִדישקייט וועט אפשר ווערן דעצידירט, ווײַזן אַלע פאָרשונגען, אַז טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט ווערט שוואַכער. די אָפֿענע אַמעריקאַנער געזעלשאַפט און דער מאָדערניזם גראָבן אונטער טראַדיציאָנעלע ווערטן אי בײַ ייִדן, אי בײַ קריסטן.

דער אוניווערסאַלער, סעקולאַריסטישער לעבנסשטיל פון אוניווערסיטעט שוואַכט אָפּ די נאַציאָנאַלע לאָיאַליטעט פון ייִדישן סטודענט. עטנאָצענט־רישקייט ווערט באַטראַכט ווי אַ מינוס, ווי צוריקגעשטאַנענקייט אין אַן אוניווערסאַליסטישער אַטמאָספער. אַז דאָס איז אַ האַלבער אמת, אַ פאָרם פון קולטור־אימפּעריאַליזם מצד די גרויסע פעלקער, איז איבעריק צו באַ־ווײַזן. אָבער אַ גרויסער טייל פון אונדזער קאַלעדזש־יוגנט מיינט אַז דאָס איז דער גאַנצער אמת. דערצו קוקן אַ סך אויף ייִדישקייט — אַזוי ווי ס'איז געווען בײַ די אַסימילירטע מערב־אייראָפּעישע ייִדן — דורך קריס־טלעכע ברילן; דורך אַזעלכע סטערעאָטיפּן וואָס „וואַשן דעם מוח" פון ייִדישן סטודענט. ייִדישקייט מיינט פאַר זיי לעגאַליזם, פאַרשטיינערטקייט, פּאַסיוויזירטקייט, ווי טאַינבי האָט געדרשנט, נאָכזאָגנדיק מיט נײַע ווערטער די „אַלטע חכמות" פון וועלהאַוזענס צײַטן.

אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלע ייִדישקייט מיטן טראָפּ אויף עטיק, אויף סאָציאַלער גערעכטיקייט, אויף דעם מענטשלעכן גורל, אויף תּיקון העולם, אויף ייִד און וועלט־דערלייזונג — אָט אַזאַ צוגאַנג וואָלט אפשר גיכער אַפּעלירט צו דער סענסיטיווער אידעאַליסטישער יוגנט.

יאָ, עס האָט זיך אַ סך געביטן אין אונדזער לעבן און אין דער גרויסער וועלט, און דעריבער האָט זיך אונדזער לעבן־פּראָגראַם געביטן אין דער ריכטונג פון מער ייִדישקייט־אינהאַלט און טראַדיציע. אָבער דער גרונטציל פון אונדזער שול איז געווען און פאַרבלײַבט צו פאַראַנקערן אונדזערע תּלמידים — קינדער פון פרײַע ייִדן אין אַ פרײַ לאַנד, — אין דער פיר טויזנט־יאָריקער ייִדישער קולטור. אַוודאי קלײַבן מיר אָפּ פון דער ייִדישער ירושה. אָבער מען קען נישט דערציען אַ ייִדישע פערזענ־לעכקייט אָן ייִדיש, אָן העברעיִש, אָן תּנ"ך. מיר בלײַבן ווײַטער ייִדישיסטן — נישט אין זין אַז ייִדיש קען זײַן אַ רפואה פאַר אַלע ייִדישע קיום־פּראָבלעמען; ניין! נאָר אין זין וואָס מיר גלויבן אַז ייִדיש איז נייטיק און ווערטפול פאַרן שעפערישן לעבן פון ייִדישן פאָלק; אַז מיר קענען און

דאַרפן וויַיטער אויפהאַלטן ייִדיש ווי אַ ספּעציעלע שפּראַך פאַר געוויסע שטחים פון ייִדישן לעבן, ווי אַ לשון, וואָס איז פאַרבונדן מיט געוויסע טעטיקייטן, מיטן ייִדישן יום־טוב, מיט ייִדישער גײַסטיקייט. ייִדיש מוז פאַרבלײַבן אַ צענטראַלער לימוד אין אונדזער פּראָגראַם, ווײַל אין ייִדיש זײַנען דאָ אָפּשטראַלונגען פון דער נאַציאָנאַלער נשמה, וואָס באַווירקט אַלע וואָס טראָגן ייִדיש אין האַרץ און אין מויל. אַפילו ווען אונדזערע קינדער באַנוצן ייִדיש בלויז בײַ געוויסע געלעגנהייטן, ווערן זיי דורך דעם לשון סענסיטיווער, אינטימער מיט די קוואַלן פון אונדזער פאָלקס זײַן.

מיר בלײַבן וועלטלעכע ייִדן, וואָס שאַצן איבער אין ליכט פון די נײַסטע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן אַלע אונדזערע גײַרשנטע אוצרות. אָבער מיר גייען צו צו אַלע פאַרהייליקטע ווערטן און דאָקומענטן אין אונדזער געשיכטע בדחילו ורחימו — מיט ערפורכט און ליבשאַפט. אונדזער וועלט־לעכקייט גייט געפּאָרט מיט שבת, מיט יום־טוב, מיט תנ״ך, מיט תלמוד, מיט קבלה און חסידות און אַוודאי מיט דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור.

סתם קיום איז פאַר אונדז נישט גענוג. ייִדישע עקסיסטענץ איז אַלע מאָל מאָטיווירט געוואָרן דורך אַ ציל, דורך אַ שליחות. ספּעציעל אין פרײַע לענדער — ווו ייִדישער פיזישער קיום איז נישט באַדראָט — קען סתם קיום נישט באַפליגלען די יוגנט. מיר פאַרבלייבן פּרציאָנער, וואָס זעען די וועלט מיט ייִדישע אויגן; מיר ווילן מתקן זײַן די וועלט, ווי היסטאָרישע ייִדן, וואָס ברענגען מיט זיך אַ גרויסן צושטײַער.

צו אַזאַ היסטאָרישער געלעגנהייט מעג מען באַגריסן די יונגע עלטערן און שולטוערס, אָט די וואָס האָבן געלערנט אין די שלום־עליכם־שולן. לאָמיר זיי ווינטשן אַז זיי זאָלן אין דער איצטיקער צײַט זײַן אַזוי נאָך־קאָנפאָרמיסטיש ווי זייערע עלטערן זײַנען עס געווען אין זייער דור. ס׳איז גוט צו געדענקען אַז אויב די מערב־אייראָפּעיִשע השׂכּלה האָט געפירט צו אַסימילאַציע, איז עס געווען דערפאַר, ווײַל זי האָט זיך צו פיל צוגע־פּאַסט צום דרויסן: זי האָט אויפגעגעבן צו ערשט ייִדיש און שפּעטער העברעיִש, און זיך ווייניק גערעכנט מיט אונדזער אייגענעם היסטאָרישן דרך. זי האָט צו פיל געוואָלט געפעלן דער קריסטלעכער וועלט. די מזרח־אייראָפּעיִשע השׂכּלה האָט געפירט צו אַ רענעסאַנס אין ייִדישן לעבן, ווײַל זי האָט זיך גערעכנט מיט אונדזער אייגנאַרטיקן גאַנג. זי

האָט ווײַטער קולטיווירט ייִדיש און העברעיִש, זי האָט געהאַט דעם מוט צו זײַן אויטענטיש ייִדיש.

די לערערס און שולטוערס האָבן פֿאַרפֿלאַנצט אין די הערצער פֿון די תּלמידים אין די שלום־עליכם־שולן און מיטלשול אײַערע־אונדזערע חלומות, וויזיעס, ראַנגלענישן, דיאַלאָגן מיט זיך, מיט דער וועלט, מיט גאָט. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור, וואָס שטראַלט אַרויס דאָס ליכט פֿון עטלעכע ייִדישע דורות אין דער נײַער צײַט, איז אַזוי צענטראַל אין לערן־פּראָגראַם פֿון דער שלום־עליכם־שול, ווי די פֿאַרהייליקטע ליטעראַטור פֿון אַלטערטימלעכן ארץ־ישראל און בבל. אָט דאָס האָבן „שלום־עליכמניקעס” געטאָן במשך דעם ערשטן האַלבן יאָרהונדערט. אַזאַ שיין קאַפּיטל ייִדישע גײַסטיקע געשיכטע מוז ווערן אַ טרײַבקראַפֿט צו ווײַטערדיקע, גרויסע אויפֿטוען אין דער צוקונפֿט.

(1968)

גערעכטע טענות פון אונדזער יוגנט

א

אין דער ערשטער וואָך פון חודש דעצעמבער, 1969, איז אין ניו־יאָרק אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער וועלט־צונויפֿפֿאָר פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. ס׳איז געווען אַן אימפּאָזאַנטע אַסיפֿה אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט אונדזערע פּראָמינענטע, און אַחריותדיקסטע שרײַבערס, לערערס, און קולטורטוערס. דער כּינוס האָט דעמאָנסטרירט ראשית, אַז ס׳איז דאָ אַ היפּשע מחנה, וואָס איז באַזאָרגט וועגן ייִדיש — און די דאָזיקע קוואַנטיטעט איז אַ געוואַלדיקער פּלוס; צווייטנס, האָט מען געהערט אויף די פּלענאַרע זיצונגען, ביי די פּאַנעלן, אין די דיסקוסיעס, אַ סך קאָנסטרוקטיווע אידעען, פּלענער, און פֿאָרשלאָגן, וואָס האָבן דעם מוט צו מאַכן אַן ערלעכן חשבון־הנפש, און צו רעווידירן פֿאַרעלטערטע מעטאָדן און געוווינהייטן, וואָס פּאַסן זיך נישט פֿאַרן לעצטן דריטל פון אונדזער יאָרהונדערט.

ס׳איז נישט נייטיק צו באַווײַזן אַז כּדי אונדזער ייִדיש־קולטור זאָל האָבן אַ מאָרגן מוז מען קודם כּל געווינען דעם ייִנגערן דור ווי אַ שותּף אין דעם דאָזיקן געראַנגל. דערפֿאַר ווילן מיר זיך הײַנט פֿאַרנעמען מיט דעם ברענענדיק־אַקטועלן ענין. לאָמיר פֿריער דערמאָנען דעם טרויזם — וואָרעם צײַטנווײַז פֿאַרגעסן דאָס אַלטע ייִדישיסטן — אַז ס׳איז כּדאַי צו ברענגען גרויסע קרבנות פֿאַר דער פֿאַרשטאַרקונג פון ייִדיש אין די מײַלער פון די ייִנגערע דורות: ווײַל די נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע ווערטן וואָס זײַנען פֿאַרקערפּערט אין דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור, דער עטישער און עסטעטישער אוצר וואָס עטלעכע דורות ייִדישע שריפֿטשטעלערס האָבן אַרײַנגעבויט אין בנין פון דער ייִדישער ליטעראַטור — דאָס אַלץ קען בעסער ווי וועלכער עס איז אַנדער אינסטרומענט פֿאַרפֿלאַנצן די יוגנט אין גײַסטיקן ייִדישן באָדן.

פון דער אַנדערער זײַט, וואָלט געווען קורצזיכטיק זיך צו באַגרענעצן

צו דער אַלטערנאַטיווע: אָדער יידיש, אָדער ענגליש־שפּאַניש (אין דרום־אַמעריקע). ס׳איז אַן עת־צרה נישט בלויז פֿאַר דער יידישער שפּראַך, נאָר פֿאַר יידישקייט בכלל, פֿאַר דער גאַנצער יידישער קולטור. די יידישע קולטור — נישט נאָר יידיש — איז אין סכּנה צו ווערן פֿאַרפּלייצט פֿון דעם נישט־יידישן אַרום. ס׳איז אַ פֿראַגע נישט נאָר פֿון שפּראַך, נאָר אויך פֿון אינהאַלט, פֿון דער באַציִונג און לאָיאַליטעט מצד די יינגערע דורות צו אונדזער לעבן און שאַפֿן. דער קולטור־קאָנגרעס דאַרף דערפֿאַר ערנסט באַטראַכטן צי מיר קענען איצט, בעת דער רוב פֿון דער יידישער יוגנט אין די תּפֿוצות איז שפּראַכלעך אַסימילירט, פֿאַרבלייבן אַן איין־שפּראַכיקע אָרגאַניזאַציע. אַ גרויסער טייל, פֿון אונדזער אַקאַדעמישער יוגנט איז אָפּגעפֿרעמדט פֿון אונדז און שטעלט אונטער אַ פֿרעגצייכן די זינפֿולקייט, דעם ווערט פֿון דער יידישער גייסטיקער ירושה, אין וואָס פֿאַר אַ שפּראַך עס זאָל נישט זיין.

גראַד איז דער וועלט־צוזאַמענפֿאַר פֿון קולטור־קאָנגרעס פֿאַרגעקומען אין די טעג פֿון חנוכּה — דער קלאַסישער יום־טוב פֿון קאַמף קעגן און נצחון איבער אַסימילאַציע, אַ יום־טוב וואָס איז אויפֿגעקומען אין דער העלעניסטישער תּקופֿה, וועלכע איז אין אַ ריי גרונט־מאָמענטן ענלעך צו אונדזער צייט. אין יענער עפּאָכע פֿון אַלטערטום האָבן די יידן אין אַלעקסאַנדריע, ווי באַקאַנט, געמוזט איבערזעצן דעם תּנ״ך אויף גריכיש (די סעפּטואַגינטאַ), ווייל די עגיפּטישע יידן האָבן שוין נישט פֿאַרשטאַנען דעם העברעישן אָריגינאַל, און מ׳האָט געדאַרפֿט באַווייזן די דעמאָלטיקע אָפּגעפֿרעמדטע יידישע אינטעלעקטואַלן די גרויסקייט און ווערטפֿולקייט פֿון יודאַיזם. אויף ענלעכע דערשיינונגען האָבן זיך אָנגעטראָפֿן, אין שפּעטערדיקע תּקופֿות, דער רמב״ם, משה מענדעלסאָן, גרעץ און דובנאָוו, און אויך זיי האָבן אייגעזען אַז מען מוז ברענגען צו די שפּראַכלעך אַסימילירטע יידישע אינטעליגענטן יידישקייט אויף אַראַביש, דייטש, רוסיש. דאָס טוען איצט אין אונדזער „אַלעקסאַנדריע״ (ניו־יאָרק) סאַלאָ באַראָן, אַבֿרהם העשעל, מאָריס סעמיועל, אליעזר וויזעל — אויף ענגליש. און איך מיין אַז זיי טוען גוטע נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַרבעט, וואָס איז אויך גוט פֿאַר אונדז יידיש־וועלטלעכע יידן.

פֿון חנוכּה־יום־טוב קענען מיר אָפּלערנען נאָך אַ מוסר־השׂכּל וואָס איז זייער אַקטועל: אַז ס׳איז לייכטער צו באַזיגן אַ גוואַלד־אַסימילאַציע

וואָס אַ פרעמדע מאַכט פיל דיקטירן, די גזירות פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, איידער אַ פּריַוויליקע, אָדער סטיכישע אַסימילאַציע, וואָס דער נישט־ייִדישער אַרום פאַרסירט, ווי אין אַלעקסאַנדריע. און דאָס איז געשען אין אַלטערטום און אין מיטלעלטער, ווען אַ דאָגמאַטישע אמונה און אַן אַלץ־אַרומנעמענדיקע הלכה האָבן דיסציפּלינירט און רעגולירט דאָס ייִדישע לעבן. מכּל שכּן איצט, אין אונדזער צײַט פון סקעפּטיציזם און ניהיליזם, ווען דער כּוח פון דער ייִדישער אמונה איז אַ סך שוואַכער און די נישט־ייִדישע קולטור פאַרכאַפּט אַלץ גרעסערע שטחים אין לעבן פון ייִדישן יחיד. דאָ, אין די פרײַע תּפוצות, ווו אַסימילאַציע איז נישט אַ וועלט־אַנשויונג, נאָר אַ לעבנס־פּענאָמען, דאָ, מוז מען זיך אויפריכטיק פרעגן: צי איז דער וועג אויף וועלכן מיר גייען דער ריכטיקער? צי דאַרפן מיר נישט אָנצייכענען נײַע סטראַטעגיעס, נײַע ריכטליניעס?

ב

ס׳איז גוט אַ מאָל צו פרעגן דעם אָביעקט גופא. לאָמיר הערן וואָס טראַכט די בעסערע ייִדיש יוגנט — יענע וואָס האָט זיך נישט אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אונדז, נאָר זי פירט מיט אונדז אַ „דיאַלאָג", זי האָט צו אונדז טענות ומענות. מיט אַ יאָר צוריק האָט דער „אַמעריקאַנער ייִדישער קאָמיטעט" צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון ייִדישע סטודענטן אין צען קאַלעדזשעס, וואָס געפינען זיך איבער פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין טאַריטאַון, נ. י. מ׳האָט אויס־געקליבן דרײַ סטודענטן פון יעדן קעמפּוס: איינער אַ פּאָזיטיווער און אַקטיווער ייִד; דער צווייטער אַזעלכער וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט ייִדן, אָבער ער איז אומזיכער אין זײַן באַציִונג צו ייִדישקייט און דער דריטער אַזאַ, וואָס איז גלײַכגילטיק, אָדער אָפּגעפרעמדט פון ייִדישקייט.

וואָס איז דער הויפּט־אויסגעפינס פון אָט דער קאָנפערענץ? דער וויכטיקסטער אויספיר איז אַזאַ: אויב דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ וויל באמת געווינען די לאָיאַליטעט פון דער היגער ייִדישער סטודענטנ־שאַפט, מוז ער באַווײַזן אַז זײַן ייִדישקייט האָט אַ דירעקטע שײַכות צו די קעגנוואַרטיקע פּראָבלעמען און ער מוז זײַן גרייט זיך אַקטיוו צו באַטייליקן אין קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס צעטרייסלט איצט די גאַנצע וועלט.

אין פאַרלויף פון די דיסקוסיעס האָבן אַלע אָנטיילנעמערס געזוכט און פּרובירט געפינען ספּעציפישע ייִדישע ווערטן, אָבער זיי האָבן פון דעסטוועגן געהאַלטן אַז דאָס איז ווייניקער וויכטיק ווי די פּאַקטישע פּראַקטיק פון ייִדישן קאָלעקטיוו, פון וועמען זיי פילן זיך אָפּגעפרעמדט. די סטודענטן האָבן זיך באַקלאָגט אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע אינסטיטוציעס לײַדן פון זעלבסט־צופרידנקייט און פון אַ „סטאַטוס־קוואָ־מענטאַליטעט", וואָס איז זיי אַזוי אַנטיפּאַטיש אין דער אַלגעמיינער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. זיי האָבן אויסגעדריקט דעם פאַרלאַנג צוריק אויפצווועקן די סענסיטיוויקייט און מאָראַלישקייט וואָס — ווי זיי האַלטן — מוזן זײַן אַ קענצייכן פון היגן ייִדישן קיבוץ. אינסטיטוציעס — האָט איין סטודענט געטענהט — ווערן געשאַפן, כּדי צו באַפרידיקן מענטשלעכע נויטן, און אין יעדן דור ענדערן זיך די באַדערפענישן פון מענטשן. אונדזערע הײַנטיקע ייִדישע אינסטיטוציעס זײַנען אָבער געבויט געוואָרן פאַר די נויטן פון פריערדיקע דורות.

מען האָט זיך באַקלאָגט אויף דערשײַנונגען אין ייִדישן לעבן, וואָס מיר אַלע, עלטערע פירערס און טוערס, טאָרן נישט איגנאָרירן: אויב די ייִדישע געמיינדע וויל געווינען אונדזער לאָיאַליטעט מוז זי ווערן די וועג־ווײַזערין פאַר אַן עטישער וועלט! אַ מינאָריטעט וואָס פירט זיך אויף ווי די מאַיאָריטעט האָט נישט קיין זכות־הקיום! ייִדישע ווערטן, כּדי זיי זאָלן זײַן ווערטפול, דאַרפן באַווירקן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, נישט בלויז זײַן פאַרשריבן אין הייליקע ביכער! דער ייִדישער אַמעריקאַנער קאָלעקטיוו — האָבן אַנדערע געצאָרנט — איז געוואָרן אַנטיייִדישט, און ער ווערט אַלץ מער פאַרגויִישט, און אַזאַ גרופּע איז נישט כּדאַי אויפצוהאַלטן! אַנדערע האָבן געמאָנט ענדערונגען אין אַלגעמיינעם לעבנס־סדר, ווײַל ווי ייִדן זײַנען זיי סענסיטיוו צו אומרעכט, אָבער דער היגער ייִדישער קיבוץ איז דער עיקר פאַרנומען מיט קלײַבן געלט. אייניקע האָבן אָפּגעוואָרפן קיום לשם קיום, און זיי האָבן באַטאָנט אַז די פראַגע איז נישט קיום, נאָר וואָס פאַר אַ קיום, און צו וואָס פאַר אַ המשך דאַרף מען שטרעבן. די איצטיקע ייִדישע אינסטיטוציעס — האָט מען זיך באַקלאָגט — זײַנען געבויט געוואָרן און ווערן געפירט לויט די קאַפּריזן פון די רײַכע מנדבים, און די דאָזיקע גבירים שטערן פּאַקטיש צו רעאַליזירן די אמתע ווערטן פון דער ייִדישער קולטור.

פון די אַלע דיסקוסיעס איז קלאָר געוואָרן אַז אַ סך ייִדישע סטודענטן וואָלטן געוועט גרייט צו ווערן אַקטיוו אין ייִדישן לעבן, אויב אונדזער פּירערשאַפט וועט מאַניפעסטירן אַ סענסיטיווקייט צו נײַע אידעען און אַ גרייטקייט צו באַהאַנדלען די יוגנט ווי גלײַכע, וואָס זײַנען באַרעכטיקט צו מאַכן וויכטיקע ענדערונגען, כּדי צו רעוויטאַליזירן דעם כאַראַקטער, דעם אינהאַלט, דעם געבוי פון ייִדישע אינסטיטוציעס; וואָרעם איצט גיט זיך דער ייִדישער „עסטאַבלישמענט" אָפּ מער מיט אויסערלעכקייטן, ווי מיטן תּוך פון ייִדישקייט. די ספּעציפישקייט פון ייִדישן מינאָריטעט־סטאַטוס, וואָס דער צווייטער דור — ד.ה. זייערע עלטערן — האָט באַט־ראַכט ווי אַ מינוס, אָט די ייִדישע אַנדערשקייט באַטראַכט די ייִדישע יוגנט — ד.ה. דער דריטער דור — ווי אַ פּלוס, ווי אַן אַטראַקציע אין ייִדישקייט, ווײַל די דאָזיקע אַנדערשקייט — פילט זי — האָט פאַרשאַרפט די ייִדישע עמפּינדלעכקייט צו אומגערעכטיקייט; ייִדישקייט וועט נאָר דעמאָלט לעבן, אויב זי וועט ווידער אַקטיוויזירן אירע בביאישע אידעאַלן. די ייִדישע יוגנט פאָדערט דעריבער אויף די ייִדישע פירערשאַפט אַרײַנ־צוברענגען אין אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס דעם עטישן דינאַמיזם.

ענלעכע רייד האָבן מיר אָקאָרשט געהערט לעצטן נאָוועמבער פון דרײַ הונדערט ייִדישע סטודענטן, וואָס זײַנען אויפגעטראָטן בײַ דעם צוזאַמענפאָר, אין באָסטאָן, פון „ראַט פון ייִדישע פעדעראַציעס, און וועל־זיין־פאָנדן". צי איז די דאָזיקע אומצופרידנקייט פון דער ייִדישער יוגנט מיט דער פירערשאַפט באַרעכטיקט? מיר מיינען אַז יאָ! וואָרעם דער תּמצית פון די אַלע מאַנונגען און טענות איז דאָך אייגנטלעך דער זעל־ביקער וואָס מיר — די אַ מאָל יונגע רעבעלן, אין ערשטן פערטל פון הײַנטיקן יאָרהונדערט — האָבן געוואָלט: מתקן צו זײַן דאָס ייִדישע לעבן, עס איבערבויען אויף דעמאָקראַטישע יסודות, עס געבן אַ מאָדערנעם זין און אינהאַלט. צי האָבן מיר דעמאָלט, ווען מיר זײַנען יונג געווען, נישט פּראָקלאַמירט דעם תּוך פון דעם וואָס עס פּראָקלאַמירט די בעסערע הײַנטיקע ייִדישע יוגנט: „ייִדישקייט וועט נאָר דעמאָלט האָבן אַ זין פאַר דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט, אויב עס וועט האָבן אַ זין פאַר דער ברייטער וועלט?!" צי דאַרפן מיר נישט אויסדריקן אונדזער צופרידנ־קייט מיט זייער אומצופרידנקייט? מיר האָבן דאָך שטענדיק פאַרקניפּט

אונדזער קאַמף פאַר יידישן קיום מיט תּיקון־העולם, מיט אוניווערסאַליזם, מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט!

אויב דאָס איז צו וואָס עס שטרעבט די בעסערע יידישע יוגנט, דעמאָלט זיינען דאָ פּערספּעקטיוון פאַר אונדזער וועלטלעכער יידישקייט. די שוועריקייט באַשטייט דער עיקר אין דעם צי קענען מיר וועלן, ווי י. ל. פּרץ האָט עס אַ מאָל אויסגעדריקט; צי קענען מיר איבערגיין פון רעזאָלוציעס צו מעשים, צו רעאַליזירן די אַלע גוטע מעגלעכקייטן. דאָס ווענדט זיך אַ סך אין דעם צי מיר — מענטשן פון וואָרט — יידישע שרייבערס, טראַכטערס, לערערס, שול־ און קולטור־טוערס, זיינען גרייט צו ווערן מענטשן פון טאַט, פון האַנדלונג.

(1970)

דער אַמעריקאַנער ייִדישער סטודענט

אַלע ייִדן, וואָס זײַנען פֿאַראינטערעסירט אין דער ייִדישער צוקונפֿט אין אַמעריקע, מוזן טראַכטן אין דער ערשטער ריי וועגן דעם היגן ייִדישן קאָלעדזש־סטודענט. פֿאַראַן איצט אַרום 275,000 ייִדישע סטודענטן אין די היגע אוניווערסיטעטן און דאָס באַטרעפֿט צווישן 70 און 82 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער יוגנט אין קאָלעדזש־עלטער. אויף די קעמפּוסן זײַנען דאָ פֿאַרשידענע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער די צענטראַלע פּאָזיציע פֿאַרנעמען די הלל־פֿונדאַציעס וואָס ווערן אָנגעפֿירט פֿון „בני־ברית“־אָרדן.

ס׳איז באַקאַנט אַז די צאָל ייִדן איז פֿאַרטראָטן 40% אין „שלום־קאָרפּוס“, 70 ביז 80 פּראָצענט צווישן די „ציווילע רעכט“־ענטוזיאַסטן, און אַ קאָלאָסאַלער פּראָצענט אין דער אַנטי־מלחמה־באַוועגונג פֿון וויעטנאַם. אָבער בעת ייִדישע סטודענטן זײַנען אַזוי שטאַרק פֿאַרטראָטן אין די אַלגעמיינע ראַדיקאַלע באַוועגונגען, איז די פּראָפּאָרציע וואָס באַטייליקט זיך אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס גאָר קליין. דער קעמפּוס עפֿנט פֿאַר אַ סך די טיר פֿון אַסימילאַציע און געמישטע חתונות.

וואָס זײַנען די סיבות פֿון אָט דער געוואַלדיקער דיספּראָפּאָרציע אין אינטערעסן? פֿאַר וואָס זײַנען ייִדישע סטודענטן אַזוי שטאַרק פֿאַרקאָכט אין אַלגעמיינע באַוועגונגען, בעת ייִדישע ענינים געפֿינען בײַ זיי אַזאַ שוואַכן אָפּקלאַנג? אומצייליקע סימפּאָזיומס קומען פֿאָר אויף דער טעמע, פֿאַרשידענע דיאַגנאָזן ווערן געשטעלט, און אַלערליי רעצעפּטן ווערן פֿאַרשריבן. אָבער דער ענין בלײַבט אַקטועל, ווײַל ביז איצט האָט נאָך קיינער נישט געפֿונען די רפֿואה צו דער מכּה.

אַנומלטן האָט דער זשורנאַל „רעקאָנסטראַקשיאָניסט“ (26סטן מאַי, 1967) אָפּגעדרוקט אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע ראַבייס וואָס פֿאַרטרעטן פֿאַרשידענע שטאַנדפּונקטן און, כאָטש דער ענין איז נישט אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין גאַנצן פֿאַרנעם, ווײַל דער וויכּוח דרייט זיך אַרום דער טעמע: כּלל־ישׂראל אָדער:

דריי באַזונדערע דענאָמינאַציעס — פון דעסטוועגן איז ווערט זיך צו באַקענען מיט די מיינונגען פון די סימפּאָזיאַנטן.

ראַביי יוסף ה. לעווין — דירעקטאָר פון דער „הלל־פונדאַציע" אין ראָטשעסטער אוניווערסיטעט, — האַלט אַז די הויפּט־סיבה פאַר וואָס דער ייִדישער סטודענט ווײַזט אַרויס אַזוי ווייניק אינטערעס אין ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איז, ווײַל דער קאַמף צווישן די ייִדישע אינסטיטוציעס און דענאָמינאַציעס איז אַ קאַמף צווישן טיילן פון דער ייִדישער געמיינשאַפט פאַר דעוואָקסענע, און דעם סטודענט אינטערעסירן זייער ווייניק אָרגאַניזאַציעס. אים אינטערעסירן דער עיקר ווערטן וואָס וועלן געבן אַן אינהאַלט זײַן לעבן און וועלן באַרײַכערן זײַן פּערזענלעכקייט. סטודענטן זײַנען פאַראינטערעסירט אין אידעאַלן, אויב זיי גיבן אַן אויסגאַנג פאַר זייער שעפערישער ענערגיע. ער מיינט דעריבער אַז מ׳דאַרף פאַראייניקן ייִדישע סטודענטן אַרום אַזעלכע פראַגן ווי ציווילע רעכט, ניוקלעאַרע מלחמה, וויעטנאַם, קאַמף קעגן אָרעמקייט, די זיך־בײַטנדיקע סטאַנדאַרדן פון פּערזענלעכער מאָראַל, די כּוחות וואָס אַנטמענטשן דעם מענטשן.

לויט דעם רעפאָרם־ראַביי וועט מען דערגרייכן דעם ייִדישן סטודענט אויב די „הלל־פונדאַציע" וועט דינען פאַר אים ווי אַ קאָמפּאַס, וואָס פירט אים צו די גרויסע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט, צי דאָס זענען פּערזענלעכע, עטישע אָדער היסטאָרישע פראַגן, וואָס באַרירן זײַן לעבן ווי אַ ייִד און מענטש. דאָס קלינגט זייער לאָגיש און שיין אויפן פּאַפּיר. אָבער ס׳בלײַבט דאָך אַלץ די קשיה וואָס דער ייִדישער סטודענט פרעגט: צוליב וואָס זאָל ער באַלאַנגען צו אַ ייִדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט אַלגעמיינע ענינים, ווען ער קריגט די אַלע גוטע זאַכן אין אַמעריקאַנער אָרגאַניזאַציעס? און נאָך מער — ווי אַזוי וועט אַזאַ אָרגאַניזאַציע, אויב זי קאָנצענטרירט זיך דער עיקר אויף אַלגעמיינע פּראָבלעמען, פאַרזיכערן אַ ייִדישן שעפערישן המשך אין אַמעריקע?

אַ סך ברייטער און טיפער נעמט אויף דעם ענין דער סימפּאָזיאַנט ראַביי אַרטור דזש. צוקערמאַן, דער דירעקטאָר פון דער „הלל־פונדאַציע" אין ניו־יאָרקער סיטי־קאַלעדזש. ער שטעלט פעסט אַז דעם ייִדישן סטודענט אין אַמעריקע וועט מען נישט געווינען פאַר ייִדישקייט ביז וואַנען מ׳וועט נישט לייזן די פונדאַמענטאַלע פראַגן פון ייִדישער אידענטיטעט, און די זינפולקייט פון דער ייִדישער טראַדיציע פאַרן מאָדערנעם

ייִדישן יחיד. אַפּיליאַציע מיט אַ סינאַגאָגע — האַלט ער — איז ווי געהערן צו אַ קלוב. עס גיט נישט דאָס געפּיל פון אָנגעהעריקייט צום ייִדישן פאָלק. דאָך בענקט אונדזער יוגנט נאָך אָנגעהעריקייט צום כּלל־ישׂראל ווײַל דאָס וואָלט איר געגעבן אַליין־אָנערקענונג און ווערטפולקייט ווי ייִדן.

ער קומט אַרויס מיט אַ באַשולדיקונג אַז די דרײַ סינאַגאָגאַלע דענאָ־מינאַציעס — אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיוון און רעפאָרמער — האָבן גע־האָלפן אַנטוויקלען אַ דור, וואָס באַטראַכט דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום ווי אַ דריטן גלויבן (די אַנדערע צוויי זײַנען פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן) אין דער אַמעריקאַנער נאַציע, וואָס האָט אַ קנאַפּע שײַכות מיטן ישׂראל־דיקן אָדער סאָוויעטישן ייִדנטום. ס׳איז אַ דור וואָס מ׳האָט געלערנט „גאָטעסדינדס״, „הייליקטימער״, באַזוכן „רעליגיעזע״ שולן, זיך צוהערן צו ראַביים וואָס פּריידיקן פון „אַלטאַרן״, דיסקוטירן ייִדישע טעאָלאָגיע, וואָס נעמט אירע באַגריפן פון קריסטנטום, בעת אַזעלכע קאָנצעפּציעס ווי ייִדיש פאָלק, קהילה, העברעיִש און ייִדיש, ליטעראַטור, טעאַטער, טענץ, אַפּילו ישׂראל ווערן אַוועקגערוקט אין אַ זײַט, ווײַל זיי זײַנען סעקולערע ענינים. אַ פאַלשע פרומקייט — מיינט ער — איז אַרײַנגעדרונגען אין די סינאַגאָגעס, אָנשטאָט לערער־ראַביים האָבן מיר איצט גײַסטלעכע פּריידי־קערס — און דאָס פאַרקריסטלעכן ייִדישקייט האָט אַ שלעכטע ווירקונג אויף יונגע מענטשן. דאָס ערשטע מאָל במשך 25 יאָר, — דערציילט ער, — זינט ער איז אַ ראַביי פון דער „הלל־פונדאַציע״ קריגט ער בריוו פון סטו־דענטן וואָס רעזיגנירן פון „הלל״, ווײַל — ווי איינער שרײַבט אים — „איך קען מיט אַ ריינעם געוויסן נישט באַלאַנגען צו אַ רעליגיעזער אָרגאַניזאַציע״. רעליגיעזער גלויבן ווערט באַטראַכט אין די היגע אוני־ווערסיטעטן ווי אַ פּרײַוויליקע פּערזענלעכע איבערצײַגונג, נישט ווי אַ סיטואַציע אין וועלכער מ׳ווערט געבאָרן. און אויב מ׳האָט נישט אַזאַ איבערצײַגונג — און אַ סך קענען נישט אַפירמירן רעליגיע — מאַכט מען דעם אויספיר אַז מ׳קען נישט מיט אַ ריינעם געוויסן זיך פאַרבינדן מיטן אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנער ייִדנטום. און ראַביי צוקערמאַן פאַרענדיקט זײַן אַנאַליז פון דער לאַגע מיט די ווערטער: „דאָס פאַרוואַנדלען אַמעריקאַנער ייִדנטום אין אַ רעליגיע און דער אויפקום צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון געדאַנק אַז ייִדישקייט איז אַ „גלויבן״, האָט ביטערע רעזולטאַטן. אַ פּאָפּולער קאַלעדזש־לידל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער

„גאָט איז טויט" און ס'פאַרענדיקט זיך: „און ס'איז נישטאָ קיין תחית־המתים!"

ווו איז די לייזונג צו דעם פּראָבלעם? ראַביי צוקערמאַן מיינט אַז נאָר אַן אַלץ אַרומנעמענדיקע קהילה וועט זיך פאַרנעמען מיט גרויסע אויפגאַבן. די יוגנט וועט דעמאָלט באַקומען אַ וויזיע און אַ האָפענונג, און זי וועט דערזען אַ לעבעדיק יידיש פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַ רייכע, ווערטפולע און לעבנספעיִקע ציוויליזאַציע.

אַוודאי איז דאָס אַלץ נישט קיין נייעס פאַר אונדז. מיר האָבן אַליין אויסגעדריקט ענלעכע געדאַנקען, און מיר האָבן עס געלייענט אין דער יידישער פּובליציסטיק פון וועלטלעכן קרייז. אָבער ס'איז גוט אַז יענע, וואָס האַלטן אונדז אין איין רופן צוריק, זאָלן הערן וואָס עס טראַכט אַן ערנסטער, מוטיקער ראַביי וואָס איז אַ יוגנט־פירער. ס'וואָלט נאָך בעסער געווען, מיר — יידיש־וועלטלעכע קולטור־יידן — זאָלן זיך לאָזן הערן אויף די קעמפּוסעס צווישן די יידישע סטודענטן אין אַמעריקע. אפשר וועט דער „יוגנטרוף" זיך שטעלן ווי אַ ציל אויסצונוצן דעם איצטיקן שעת־הכושר פאַר זיינע־אונדזערע אידעאַלן?

(1968)

זוכונגען פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט

1

ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט עס אויסגעזען גאָר אַנדערש. דער גרעסטער רוב פון אונדזער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט איז געווען פאַר־נומען, דער עיקר, מיט פּערזענלעכע קאַריערעס: מיט קריגן דאָקטאָראַטן, מיט צוגרייטן זיך צו ווערן פּראָפעסאָרן, מיט זוכן שטעלעס ווי מיטאַרבעטערס אין די פּאָפּולערע אַמעריקאַנער זשורנאַלן; און אויב אַ גאָר קליינער טייל אירער האָט פאַרמאָגט אידעאַלן — אַחוץ דעם אָרטאָדאָקסישן סעקטאָר — זײַנען זיי געווען על פּי נוסח מאַרקסיזם־לעניניזם.

אַזוי האָט עס אויסגעזען ביז מיט אַ 4—5 יאָר צוריק. איצט האָט זיך דאָס בילד ראַדיקאַל געביטן. ווען איר קוקט אַרײַן אין די קעמפּוס־זשורנאַלן, וואָס ייִדישע סטודענטן גיבן אַרויס אין די גרעסטע אוניווערסיטעטן פון לאַנד, מערקט איר אַ נײַעם גײַסטיקן קלימאַט אין דער אַמעריקאַנער ייִדי־שער סטודענטשאַפט. עס קומט פאָר בײַ דער געבילדעטער ייִדישער יוגנט אַן אינטעלעקטועלע פערמענטאַציע, אין וועלכער עס הערט זיך אַלץ שטאַרקער דאָס קול פון ייִדישן סטודענט, וואָס איז פּאָזיטיוו צו ייִדישן קיום אין אַמעריקע און איבער דער גאָרער וועלט, הגם ער איז אין דער זעלביקער צײַט אויך שאַרף קריטיש צו די עטאַבלירטע ייִדישע אינסטיטוצ־יעס. איצט טרעפט מען אָפט דעם שטאַנדפּונקט אַז ייִדישער קיום איז נישט קיין סתירה צו אוניווערסאַלע אידעאַלן. מ׳קען זיין קעגן דעם הײַנ־טיקן סדר־העולם און דאָך האָבן אַ טיפן אינטערעס אין ייִדישן וועלטפאָלק און אין מדינת ישראל. אַזוי טראַכט אַ צאָל ייִדישע סטודענטן.

וואָס זײַנען די סיבות פון דער דאָזיקער ראַדיקאַלער ענדערונג? עס קען זײַן אַז די 6־טאָגיקע מלחמה, אין 1967, האָט געהאָלפן אויפוועקן אַ ייִדישן באַוווסטזיין בײַ אַ טייל אַפּגעפרעמדטע ייִדישע סטודענטן; עס קען זײַן דער „רויטער" אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע, און דער „שוואַרצער" — בײַ אונדז אין אַמעריקע. עס קען אויך זײַן די נײַע שטימונגען בײַ די

אַמעריקאַנער נישט־ייִדישע מינאָרטעטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם קולטור־פלוראַליזם. אָט די אַלע דערשײַנונגען האָבן מסתּמא גורם געווען די רעאַקציעס ביי אונדזער יוגנט. דער רעזולטאַט איז: אַליין־דערקענטעניש, אָנשטאָט אַליין־פאַרלייקענונג, און אַן אינטערעס אין ייִדיש און אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די אַמעריקאַנער ייִדישע סטודענטן באַמיען זיך צו שאַפן אַ סינטעז צווישן ייִדישן קיום און פראָגרעסיווקייט. זיי באַדויערן דעם טאָפלטן סטאַנדאַרד פון ייִדישע לינקע אַקטיוויסטן, וואָס שטיצן דעם שוואַרצן סעפאַראַטיזם, אָבער פאַרלאַנגען אינטעגראַציע (לייען: אַסימי־לאַציע) פאַר זיך.

בײַ דרײַ געלעגנהייטן האָב איך זיך לעצטנס „באַגעגנט" מיט דער דאָזיקער „נײַער" ייִדישער יוגנט און ס'איז כּדאַי אַז מיר זאָלן זיך מיט איר אַ ביסל נענטער באַקענען. ראשית, דער סימפאָזיום בײַ דער יערלעכער ייוואָ־קאָנפערענץ, אויף דער טעמע: „אַמעריקאַנער ייִדישע קעגן־קולטור: די יוגנט זוכט אַ שאַפערישן קיום", דאָ זײַנען אויפגעטראָטן זעקס פאָרשטיי־ערס פון אונדזער יוגנט, און הגם זיי האָבן רעפרעזענטירט פאַרשיידענע אײַנשטעלונגען — רעליגיעזע, פאָליטישע, און קולטורעלע — האָט זיי אָבער אַלע פאַראייניקט אַ פאָזיטיווע באַציִונג צום ייִדישן קיום און אַ טיפער אינטערעס אין אַ שעפערישער, זינפולער ייִדישער עקסיסטענץ אין אַמעריקע.

דער לייטמאָטיוו בײַ אַלע סימפאָזיאַנטן איז געווען אַ שאַרפע קריטיק אויף די טאַטעס, און אַן אידעאַליזאַציע פון די זיידעס און פון דעם ייִדישן שטעטל אין מזרח־אייראָפע. איין רעדנער האָט קריטיקירט דעם היגן ייִדישן „עסטאַבלישמענט", וואָס זאָרגט ווייניק פאַרן כּלל, נאָר איז פאַרנומען מיט גרויסן זיך מיט באַרימטע ייִדישע יחידים: מיט נאָבעל־פרייז־געווינערס, מיליאָנערן־מעצענאַטן וכדומה. אַן אַנדער רעדנער האָט קריטיקירט דעם היגן ייִדישן קיבוץ, וואָס מאָביליזירט זײַנע כּוחות בלויז אין צײַט פון אַ קריזיס. ער האָט געטענהט אַז מ'דאַרף שעפן אינספיראַציע פון ייִדישן שטעטל אין מזרח־אייראָפע, ווו דער ייִדישער יחיד איז געווען עכט און האָט געשטרעבט צו פערזענלעכער שלימות. אַ דריטער אָנטיילנעמער האָט געפרעגט: ווי קען זײַן אַ ייִדישע קעגן־קולטור אין אַמעריקע אַז ס'איז דאָ בכלל נישטאָ קיין ייִדישע קולטור. ער האַלט אַז די מאַטעריעלע עשירות וואָס אַמעריקאַנער ייִדן האָבן דערגרייכט איז געגאַנגען אויפן חשבון פון אמתע ייִדישע ווערטן. ייִדן אין מזרח־אייראָפע האָבן נישט געהאַט קיין אידענטיטעט־פראָבלעם,

ווײַל זיי זײַנען געווען גאַנץ מיט זיך, עכט. אַ פּערטער רעדנער האָט געד־פאָדערט, אַז אַמעריקאַנער ייִדן זאָלן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין קאַמף פאַר שלום און גערעכטיקייט; די ייִדישע יוגנט זאָל פאַרבינדן רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם מיט ייִדישקייט.

דאָ, אין דעם סימפּאָזיום, האָט אײַך באַאײַנדרוקט נישט אַזוי דער אינהאַלט, ווי דער טאָן, און דער אויבערטאָן. איר האָט געמעגט טראַכטן אַז די סימפּאָזיאַנטן טרײַבן שטאַרק איבער, און ראָמאַנטיזירן וועגן מזרח־אייראָפּעישן שטעטל, און וועגן דער גאַנצקייט פון זייערע זיידעס. די יוגנט איז אויך נישט גערעכט צו זייערע אַמעריקאַנער טאַטעס, וואָס האָבן מיט זייער „קאַריעריזם" — מיט זייער דראַנג נאָך בילדונג, כּדי אַרויפצוקלעטערן אויפן סאָציאַלן לייטער — מעגלעך געמאַכט אַז זייערע קינדער (די איצטיקע סימפּאָזיאַנטן), זאָלן הײַנט „פון אַ פּאָזיציע פון שטאַרקייט" פּריידיקן אידע־אַליזם. איר האָט אויך געמעגט האָבן „פּרווידיאַנישע" רעיונות: אפשר איז דאָס די אייביקע קריגערײַ פון טאַטעס און זין, און די אייביקע קעגנזײַטיקע ליבע פון זיידעס און אייניקלעך...

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע רעזערוואַציעס בנוגע דער איינזײַ־טיקייט פון דער יוגנט, האָט אײַך פאָרט הנאה געטאָן די וואַרעמע באַציונג צו ייִדישקייט און די בענקשאַפט נאָך אַן אויטענטיש ייִדיש לעבן. עס האָט געוואַרעמט צו זען אַז זיי ווייסן כאָטש עפּעס וועגן דער רײַכער וועלט פון די זיידעס און אַז זיי אַרט די גײַסטיקע אָרעמקייט פון זייערע טאַטעס. ליידער האָט זיך אויך געוואָרפן אין די אויגן דער פאַקט אַז די יוגנט וואָס איז אַזוי קעגנעריש צום סטאַטוס־קוואָ, און צום מאַטעריאַליזם פון די טאַטעס, ווייסט אַזוי ווייניק וועגן דער רײַכער ייִדיש־וועלטלעכער ירושה פון די זיידעס. מ'האָט געהערט דערמאָנען די נעמען פון בעש"ט, פון ר' לוי יצחק, פון ר' נחמן בראַצלאַווער — אָבער נישט פון ר' מענדעלע, פּרץ, אָדער ביאַליק. עס האָט געעקבערט אין קאָפּ די פראַגע: צי האָבן די סימ־פּאָזיאַנטן כאָטש אַ ביסל געטרונקען פון דעם קוואַל וואָס הייסט: ייִדישע ליטעראַטור, ווו זיי וואָלטן אפשר געקענט שטילן אַ טייל פון זייער דורשט?..

2

די צווייטע „באַגעגעניש" מײַנע מיט אונדזער יוגנט האָב איך געהאַט אין זשורנאַל „רעספּאָנס" (אָפרוף), וואָס דערשײַנט במשך פון די לעצטע

פיר יאָר, ווי אַ פּערטליאַר־שריפט אויפן קאַמפּוס פון בראַנדייס־אוניווער־
סיטעט, און וואָס ווערט רעדאַקטירט פון אַ ריי סטודענטן. די שריפט דער־
קלערט, אַז זי איז אומאָפּהענגיק, נישט געבונדן מיט קיין שום ליניע, אָדער
אידעאָלאָגיע, נאָר זי שטרעבט קלאָר צו מאַכן „וואָס עס איז און וואָס עס
דאַרף זײַן אונדזער שײַכות צו עקסיסטירנדיקע קאָמונאַלע אינסטיטוציעס,
צו ישראל, צו סעקולערע, אָדער פּאָליטישע אינסטיטוציעס, ווי אַזוי מ׳קאָן
זיך אָמבעסטן אַרײַנטאָן אין ייִדישער קונסט און ליטעראַטור״.

מיט אַ יאָר צוריק האָט די רעדאַקציע פון „רעספּאָנס״ אָפּגעדרוקט אַן
אַנקעטע צו אירע לייענערס, וואָס איז באַשטאַנען פון 7 פּראַגעס. דעם תּמצית
פון דער אַנקעטע קען מען סומירן אַזוי: צי האָט די איצטיקע תּקופה אין
דער ייִדישער געשיכטע — די תּקופה פון חורבן, און געבורט פון מדינת
ישראל — באַווירקט אײַער פּערזענלעך לעבן און אײַער באַציִונג צו ייִדיש־
קייט? נעמענדיק אין באַטראַכט די אומרויִקייט פון יונגע מענטשן און די
„אַנגענומענע״ צביעות פון ייִדישע אינסטיטוציעס, צי זײַנען די דאָזיקע
אינסטיטוציעס באַרעכטיקט צו פאָדערן די געטרײַשאַפט פון הײַנטיקע ייִדן?
צי איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ אַזוי רעאַקציאָנער, אָדער אַזוי
שוואַך, ווי ראַדיקאַלע ייִדן זאָגן? ווי אַזוי קען מען דאָס אויסבעסערן?
וועלכע אַספּעקטן, אידעען, אָדער געזעצן אין דער ייִדישער טראַדיציע
האָבן אַמשטאַרקסטן באַאײַנפלוסט דײַן לעבן? אויף וואָס פאַר אַן אופן?
וואָס פאַר אַ ראָלע שפּילט דער ציוניזם, ישראל, און ספּעציעל עליה אין
דײַן פּערזענלעכן לעבן?

אויף דער דאָזיקער אַנקעטע זײַנען אָנגעקומען 29 ענטפערס, וואָס
זײַנען אָפּגעדרוקט אין „רעספּאָנס״ פון העפט „ווינטער 1970־1971״; ס׳איז
אַ ביכל פון 128 זײַטן. מיר ווייסן נישט ווי גרויס עס איז די צירקולאַציע
פון זשורנאַל, און ס׳איז אויך אַ ספק צי ער שפּיגלט אָפּ דעם הויפּטשטראָם
אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער סטודענטשאַפט. נישט געקוקט אויף זײַן
אומאָפּהענגיקייט, איז ער רעליגיעז באַאַרבעט, און אין נאָענטן קאָנטאַקט
מיט די „חבורות״ (אַ סאָרט רעליגיעזע קאָמונעס). פון דעסטוועגן קען נישט
זײַן קיין שום ספק, אַז די אַלע וואָס באַטייליקן זיך אין „רעספּאָנס״־
סימפּאָזיום זײַנען רעפּרעזענטאַטיוו פאַר אַ וויכטיקן סעגמענט — אי
קוואַנטיטאַטיוו, אי קוואַליטאַטיוו — פון דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמישער
יוגנט.

אין סימפּאָזיום באַטייליקן זיך אויך אַ ריי אַנגעזעענע אַמעריקאַנער ייִדישע געלערנטע, פּובליציסטן, און ראַבייס. אָבער אַזוי ווי אונדז אינטע־רעסירט דאָ דער עיקר די יוגנט, וועלן מיר זיך באַקענען בלויז מיט אירע זוכונגען, איינשטעלונגען און שטימונגען. מיר ווילן הערן די שטימען פון עטלעכע אויטענטישע יחידים, ווי סימפּאַטיש, אָדער אַנטיפּאַטיש זייערע מיינונגען זאָלן אונדז נישט זײַן. און לאָמיר באַטאָנען אַז די ענטפערס אויף דער אַנקעטע שפּיגלען אָפּ אַ קווערשניט פון אַלערליי שאַטירונגען, רעליגיעזע און וועלטלעכע.

שעלי שרעטער, אַ מאָנטרעאָלער סטודענט, איז אומצופרידן מיט דער אַמעריקאַנער ייִדישער געמיינדע, ווײַל זי דעפינירט דעם היגן ייִדישן ישוב ווי אַ רעליגיעזע גרופּע, און דאָס — האַלט ער — איז פאַלש. דערמיט וואָס מיר האָבן רעדוצירט אַמעריקאַנער ייִדן צו אַ דענאָמינאַציע, האָבן מיר מיטגעהאָלפן אין דער אַסימילאַציע. ער ציטירט דעם פראַנצויזיש־ייִדישן שרײַבער אַלבער מעמי, אַז דער ייִד ווערט אונטערדריקט ווי אַ מיטגליד פון אַ פאָלק, און ער מוז דערפאַר אויסקעמפן אין אַלע מערב־לענדער, דאָס רעכט אויסצודריקן זײַן פאָלקישע אַנדערשקייט. דאָס איז מחייב פרײַהייט און אינערלעכע אויטאָנאָמיע. ער האַלט, אַז די מערסטע ייִדישע אינסטי־טוציעס זײַנען נישט גרייט צו נעמען אַ פּאָליטישע שטעלונג, ווײַל זיי האָבן אינטערפּרעטירט דעם באַגריף ייִד ווי אַ רעליגיעזע, אַפּאָליטישע קאַטעגאָריע. דאָס איז אַן אויסדרוק פון דער צעשפּאַלטונג צווישן ייִד און מענטש, ווו פאַר רעליגיעזע צוועקן אידענטיפיצירט מען זיך ווי אַ ייִד, אָבער פאַר פּאָליטישע צילן — ווי אַ בירגער, ווי אַ מענטש. די דאָזיקע שפּאַלטונג דאַרף מען אויפדעקן, און אָפּוואַרפן. מדינת ישראל — פירט ער אויס — „איז דער אָנהייב פון וועלכן מ'קען האָפן פאָרצוזעצן ביז צום לייזן דעם פּראָבלעם פון אונדזער איראַציאָנאַלער היסטאָרישער און מיטאָלאָגישער ירושה".

אַ גראַדואַנט פון ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, וואָס איז איצט אַן אינסטרוקטאָר אין אַ קאַנאַדישן אוניווערסיטעט — ניעל ראָוז — דערקלערט, אַז פאַר אים זײַנען דער חורבן און מדינת ישראל פון גרויס באַדײַט. ער האַלט אַז איצט, נאָכן מבול און חורבן פון איראָפּעיִשן ייִדנטום, דאַרף קומען אַ באַנײַונג דורך אַ ריי מצוות, וואָס יעדער ייִד זאָל אויף זיך פרײַוויליק נעמען. קודם־כּל האַלט ער — מוזן מיר ייִדן צוריקגיין צו דער ייִדיש־ציוויליזאַציע פון מזרח־איראָפּע מיט איר קעגנערשאַפט צו געוואַלט־מיטלען.

ער ציטירט פון לייוויקס סאָנעטנרינג אַז „משיח רײַט איצט אויף אַ טאַנק״, און ער פירט אויס אַז מ׳טאָר נישט ברענגען די גאולה דורך בלוט־פאַר־גיסונג. ער שטעלט זיך אײַן פאַר אויפהאַלטן ווײַטער, דאָס הייסט לערנען און קענען, יידיש און לאַדינאָ. דאָס איז פאַר אים אַ מצווה, וואָס אויב מיר וועלן זי נישט אָפּהיטן, ריזיקירן מיר מיט נאַציאָנאַלער משוגעת — מיר וועלן בלײַבן אָן אַ נאַציאָנאַלן זכרון, ווי עס ווילן די „כּנענים״. ער טרעט אַרויס שאַרף קעגן די „כּנענים״, וואָס ווילן אָפּמעקן 2000 יאָר יידישע געשיכטע און דאָס איז אַ היסטאָרישער שניט, „אויסצושנײַדן אַ טייל פון מוח״. די „נײַע כּנענים״ ווילן זיך אָפּזאָגן פון עבר צוליב עולם הזה. אָבער דער עבר, ספּעציעל דער באַלדיקער עבר, איז וויכטיק פאַרן סינטעז, וואָס מיר רופן קעגנוואַרט. נאָך עזרא הסופרס שיבת ציון — פירט אויס ראָוז, — האָט דאָס יידישע פאָלק דורכגעפירט אַ נײַעם בונד, אַ ברית, מיט גאָט. דער הײַנטיקער חורבן און דער איצטיקער צוריקקער קיין ישראל פאַרלאַנגען אויך נײַע מצוות און אַ נײַעם „בונד״.

מעגלעך אַז ראָוז איז באַאײַנפלוסט געוואָרן פון מרדכי קאַפּלאַן, וועלכער פריידיקט אַן ענלעכע אידעע שוין אַ ריי יאָרן. אין זײַן דורכגעטראַכטער עסיי זײַנען פאַראַן נאָך אַ ריי אינטערעסאַנטע באַמערקונגען, ווי למשל דאָס אָנרופן אוישוויץ די שטאָט פון חורבן און היראָשימאַ — די שטאָט פון במול; אָדער זײַן אָפּוואַרפן דעם פאַרשפּרייטן פּזמון אַז דער שטעטליד איז געווען אַ פּאַסיווער שעפּס. ער ווייסט, אַז דער מזרח־אייראָפּעישער ייד האָט זיך געקאָנט פאַרטיידיקן, נאָר — זאָגט ער — די דאָזיקע יידן זײַנען געווען אַ בריק צום אמתן איבערמענטש — צום נאָך־גוואַלט מענטש. וועלט־לעכע יידן דאַרפן זיך נישט „שרעקן״, וואָס ראָוז פאַרקליידט זײַנע געדאַנקען אין אַ רעליגיעזן לבוש. נאָך די ביטערע דערפאַרונגען וואָס אונדזער יאָר־הונדערט האָט דורכגעמאַכט אין נאָמען פון „וויסנשאַפטלעכן״ מאַרקסיזם־לעניניזם, נאָך דעם אַנטי־הומאַניסטישן „גן־עדן״, וואָס די „סעקולערע רעליגיע״ אין די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס״ האָבן געשאַפן פאַר יידן און נישט־יידן, איז עס פאַרשטענדלעך פאַר וואָס די יוגנט „זינדיקט״ איצט אונטער מיט אַ ביסל רעליגיע. אגב, מיינט זי נישט מיט דעם באַגריף דאָס וואָס אונדזערע זיידעס האָבן געמיינט.

אַלען מינץ — אַ דאָקטאָראַנט אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט און ערשטער רעדאַקטאָר פון „רעספּאָנס״, — דערציילט וועגן די צילן, וואָס דער זשורנאַל

האָט זיך לכתחילה געשטעלט: ייִדישקייט זאָל זײַן היימיש, זאָל האָבן אַ שייכות צו די איצטיקע נויטן; שאַפן אַ לעבנסטיל פאַר יונגע ייִדן, וואָס איז אַנדערש פון דער סינאַגאָגע־קולטור פון זייערע עלטערן. פאַר דעם צוועק האָבן זיי געגרינדעט די „חבורות". איצט, פיר יאָר שפּעטער, גיט ער צו אַז ס׳איז געווען אַ טעות צו דענקען, אַז מיט גרינדן די חבורות וועט מען דערגרייכן די דאָזיקע צילן. איצט זעט ער איין אַז מען קען נישט לייגן אַזעלכע גרויסע האָפענונגען אויף זייערע חבורות, אײַנדזלען אין מיטן אָקעאַן. עס הייבן אָן אויפקומען סיכסוכים צוליב פאַרשיידענע באַדערפענישן און פאַרשיידנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן. ער פילט ווי צו זאָגן אָשמנו וועגן זײַן לײַכטגלויביקייט אַז ער האָט אַ תּרופה צו אַלע צרות. ער דריקט אויס די האָפענונג אַז דער סימפּאָזיום וועט אָנשלאָגן אַ רעאַליסטישן טאָן וואָס וועט העלפן שאַפן אַ פּראָדוקטיווע וויזיע פאַר דער צוקונפט.

מיר קענען אויף דעם בלויז זאָגן אמן, און אויסדריקן אונדזער צופרידנקייט מיט דער שנעלקייט — בלויז פיר יאָר — מיט וועלכער אונדזער יוגנט „עלטערט" זיך, און דערגייט צו רײַפקייט.

אין אַן ענלעכן טאָן ווי ראָוז דריקט זיך אויס אַרטור גרין, אַ גרינדער פון „חבורת שלום". אין נוסח בובער — מאַגנעס, דערציילט ער אונדז אַז ער זעט איין דעם אַבסורד פון אמונה, און דאָך מוז ער גלויבן. ער פאַרשטייט — זאָגט ער — די טיפע מאָראַלישע און פּאָליטישע אונטערשיידן צווישן דער וויעטנאַם־ און מדינת ישראל־סיטואַציע. פון דעסטוועגן קען ער נישט אָננעמען די מענטאַליטעט פון יענע וואָס פילן אַז גאָט פירט אונדז אין שלאַכט קעגן דעם שונא. ער האָט נישט ליב סעקולערע נאַציאָנאַליזמען, אָבער אַ נאַציאָנאַליזם, וואָס ווערט באַרעכטיקט מיט רעליגיעזע אַרגומענטן, שרעקט אים נאָך מער אָפּ.

ער באַטאָנט אַז ער איז אַ גלות־ייִד, כאָטש זייער שכלדיקע מענטשן אין ישראל זאָגן, אַז דער גלות האָט אונדז געמאַכט יענוועלטיק און אַבסטראַקט. ער זאָגט אָפן: „איך האָב ליב ייִדן מיט אַ ספּעציעלער ליבע, און איך שעם זיך מער נישט מיט דעם. דער קיבוץ־גליות זינט 1948 איז פאַר מיר זייער אַן אויפרודערנדיקער ענין". ס׳קען זייער זײַן אַז ער און זײַן ווײַב זאָלן זיך באַזעצן אין ישראל; אָבער, — שטרייכט ער אונטער — ער קען נישט אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, אַז שיבת־ציון מיינט ווערן ככל הגויים: אַ לאַנד־צענטרישער, סעקולערער קיבוץ.

פאַראַן אַ גאַנצע ריי סימפּאָזיאַנטן, וואָס זייערע רייד קלינגען ווי אַן עכאָ פון וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, און פון וולאַדימיר מעדעם — וואָס פריידיקן אַ מין רעליגיעזן נעאָ־בונדיזם. אָבער מיר קענען דאָ, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, נישט איבערגעבן די מיינונגען פון אַלע סימפּאָזיאַנטן. וויל איך פאַרענדיקן מיט יוסף ריימער, אַ גראַדואַנט פון קווינס־קאַלעדזש, און אַ גראַדואיר־סטודענט אין האַרוואַרד.

ריימער דערציילט אונדז אַז די ציווילע רעכט־ און שלום־באַוועגונגען פון אונדזער צייט זיינען די ווינקלשטיינער אין זיין עטישער וועלט; אַז דער עקסיסטענציאַליזם איז זיין פילאָסאָפיע; אַז מאַרטין בובער, אַלבער קאַמי, און מאַרטין לוטער קינג זיינען געווען זיינע רביים. לעצטנס איז ער שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דער 6־טאָגיקער מלחמה און פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג אין די היגע אוניווערסיטעטן. ער איז איצט דערוויטערט — דערציילט ער — פון די „ניי־לינקע" צוליב זייער קעגנערשאַפט צו ישראל, אָבער, ער האַלט אַז מען טאָר אויך נישט ווערן אַ ייִדישער איזאָלאַציאָניסט, וואָס זעט אין יעדן גוי אַן אַנטיסעמיט. דאָס איז איבערגעטריבן, זאָגט ער.

ער טרעט אַרויס קעגן דעם היגן ייִדישן „עסטאַבלישמענט" פאַר זיין פאַרשלאָסענער סטאַטוס־קוואָ־מענטאַליטעט. אָפּוואַרפנדיק עמיל פאַקענהיימס (אַ רעפאָרם־ייִדישער טעאָלאָג) רוף צו ייִדישקייט צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם, דריקט ער אויס דעם שטאַנדפּונקט אַז די איינציקע סיבה פאַר וואָס מען זאָל וועלן פאַרבלייבן אַ ייִד אין אַ פּלוראַליסטישער געזעלשאַפט, איז ווייל דאָס גיט אַ זין און אַ ציל צום לעבן פון יחיד. אַזאַ פילאָסאָפיע וועלן מיר, אַמעריקאַנער ייִדן, קענען פאַרמולירן, אויב מיר וועלן האָבן אַ שעפערישע און איבערצייגנדיקע עטישע וויזיע. ער פאַררופט זיך אויף סאַרטרס שילדערונג פון נישט־אויטענטישן ייִד, וועמענס אידענטיטעט עס ווערט פאַרמירט ווי אַ רעאַקציע צום אַנטיסעמיטיזם.

וואָס שייך זיין רעאַקציע צום חורבן 1939־1945 האַלט ער, אַז מענטשלעכע גרויזאַמקייט גייט ווייטער אָן אויך היינט־צו־טאָג און ייִדן זיינען נישט די איינציקע קרבנות. פונקט ווי די התגלות אויפן הר־סיני, אַזוי איז דער חורבן נישט קיין איינמאָליקע דערשיינונג. דערפאַר מוזן מיר כסדר זיין סענסיטיוו צו מענטשלעכע ליידן איבער דער גאַנצער וועלט. „איך גלויב" — פאַרענדיקט ער זיין ערלעכן קרעדאָ — „אַז מיר, די אַמעריקאַנער

ייִדישע יוגנט, זײַנען גרייט אָנצונעמען אונדזער ייִדישע אידענטיטעט אויב גערעכטיקייט וועט בײַ אונדז הערשן; און אויב מיר זאָלן דורכפאַלן אין אונדזערע מאָראַלישע התחייבותן אין שײַכות צו אונדזערע שכנים, דעמאָלט האָב איך מורא אַז מיר ייִדן וועלן טיילן דעם גורל פון אַמעריקע אין איר וויעטנאַמער מלחמה: מיר וועלן פאַרלירן די לאָיאַליטעט פון אונדזער יוגנט. איך האָף אַז לאָגיק און יושר וועלן מנצח זײַן".

3

וואָס איז דער אידעיִשער צד־השווה פון די אַלע און אַנדערע ייִדישע סטודענטן וואָס באַטייליקן זיך אין „רעספּאָנס"־סימפּאָזיום? מיר דוכט זיך אַז פון די אויבן ציטירטע אַני־מאמינס און מיינונגען דערשײַנט פאַר אונדז אַ טייל פון דער היגער ייִדישער סטודענטנשאַפט, וואָס איז פּאָזיטיוו צו אַ שעפערישן ייִדישן קיום אין אַמעריקע און וואָס איז שטאַרק פּאַראינטע־רעסירט אין מדינת ישראל. סתם קיום איז נישט גענוג פאַרן רוב אָנטיילנע־מערס אין דער אַנקעטע; די מיטלקלאַס־פּסיכאָלאָגיע און די סטאַטוס־קוואָ־מענטאַליטעט פון דעם היגן ייִדישער עסטאַבלישמענט זײַנען אַן אָבן־נגף פאַר דער לאָיאַליטעט פון דער יוגנט צום אָרגאַניזירטן אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ; דאָס רעדוצירן דאָס היגע ייִדנטום צו אַ רעליגיעזער געמיינדע איז אַ מינוס בײַ דער ייִדישער יוגנט; און אויב מיר ווילן באמת אַז אונדזער אינטעליגענטע, קריטיש־טראַכטנדיקע יוגנט זאָל זיך אַקטיוו באַטייליקן אין אָרגאַניזירטן ייִדישן לעבן, מוזן מיר זי לאָזן זוכן — ווי שווער עס זאָלן אונדז נישט דערשײַנען זייערע טעותן און בלאָנדזשענישן — זייערע אייגענע ענטפערס אויף די שווערע, פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען פון אונדזער צײַט.

איר מעגט טראַכטן אַז דאָ אין „רעספּאָנס" זײַנען פאַראַן ווייניק חידו־שים; מיר האָבן דאָס געהערט אַ סך פריער פון די ייִדישע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע דענקערס אין אָנהייב פון הײַנטיקן יאָרהונדערט. מיר מעגן אויך זײַן אומצופרידן מיט דער אָדער יענער פאָרמולירונג פון דער קריטיק. פון דעסטוועגן דוכט מיר, אַז נאַציאָנאַלע ייִדן פון עלטערן דור דאַרפן זײַן צופרידן מיט אָט דער רעבעלישער יוגנט אונדזערער; ווײַל מיר הערן בײַ איר אָפּקלאַנגען פון אונדזערע אידעען און שטרײַטן מיט 50—60 יאָר צוריק.

אמת, דאָס ווערט ביי זיי אויסגעדריקט נישט אין דער ראַציאָנאַליסטישער ראַם, נישט אינעם כּלומרשט וויסנשאַפטלעכן—לייען דאָגמאַטיש־פּאַנאַטישן—זשאַרגאָן, ווי מען פלעגט עס טאָן אין ערשטן פערטל פון הײַנטיקן יאָר־הונדערט. דאָס איז דערפאַר וואָס מיר לעבן איצט אין אַ תקופה, ווען דאָג־מעס, אידעאָלאָגיעס און אוטאָפּיעס האָבן געפּלאַצט און דער ניהיליזם און אַבסורדיזם דאָמינירן אין דער ליטעראַטור און קונסט.

פאַרן תוך פון דעם געדאַנקען־גאַנג, פאַר וועלכן אונדזער יוגנט שטעלט זיך איצט איין, האָבן מיר געשטריטן ווען מיר זײַנען געווען יינגער. מיט די יאָרן זײַנען אַ סך פון אונדז געוואָרן פשרהדיקער, קאָנסערוואַטיווער, און מיר פאַרגעסן „די אַמאָליקע יוגנטזינד". איז גוט וואָס אונדזערע זין און טעכטער דערמאָנען אונדז וועגן דעם, און מאָנען ביי אונדז אַ חשבון־הנפש.

4

דער דריטער „צוזאַמענטרעף" מיט דער יוגנט אונדזערער איז אפשר דער סאַמע אינטערעסאַנטסטער. דאָ האָב איך אין זינען דאָס נאָר־וואָס דערשינענע בוך „די נײַע ייִדן"*. מיר טרעפן דאָ אַ ריי באַקאַנטע — מיט־אַרבעטערס פון פריער דערמאָנטן זשורנאַל „רעספּאָנס". אָבער דער פאַרנעם פון דער אַנטאָלאָגיע איז אַ ברייט פאַרמאָסטענער, דער אינהאַלט — אַ פאַרשיידנאַרטיקער און דער גאַנצער „כאַר" — אַ סך רײַכער סײַ אין סאָלאָ, סײַ אין קאָלעקטיוון געזאַנג... כּמעט אַלע וואָס באַטייליקן זיך אין בוך זײַנען נאָך גאָר יונג — אין די 20־ער — און אַלע זײַנען גראַדויִרטע פון אַמעריקאַ־נער אוניווערסיטעטן.

אין דער אַנטאָלאָגיע — דערציילן אונדז אין אַרײַנפיר די צוויי רע־דאַקטאָרן, סליפּער און מינץ — פּרוּוון די אַלע באַטייליקטע יונגע שרײַבערס אויפכאַפּן און רעאַגירן אויף זייערע ייִדישע וואָרצלען, אין עסייען, דער־ציילונגען און לידער; וואָרעם די איצטיקע יוגנט־רעוואָלוציע שליסט אײַן נישט בלויז פּאָליטישע האַנדלונג נאָר אויך ווײַט גרייכנדיקע פּרוּוון פון

* The New Jews: edited by James A. Sleeper and Alan L. Mintz, Vintage Books, N.Y. 1971.

זעלבסט־דעפיניציעס. און זי צילט אויך צו באַשאַפן געמיינשאַפטן פון וואַרעמקייט, זין און באַטײַט. אין בוך פון 250 זײַטן באַטייליקן זיך 17 שרײַבערס. אָבער מיר קענען דאָ בלויז לאָזן הערן עטלעכע שטימען.

ריטשאַרד נאַרוואַ, וואָס איז געבאָרן אין באָסטאָן, און האָט געענדיקט דעם בראַון־אוניווערסיטעט, טרעט אַרויס מיט אַ שאַרפער אָנקלאַגע קעגן די איצטיקע פירערס פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. ער האַלט אַז די היגע ייִדישע געמיינדע „דערלאַנגט" ייִדישקייט צו די סטודענטן ווי זיי וואָלטן געווען קינדער אין אַ „דזשוניאָר־קאָנגרעגאַציע", בעת יענע סטודענטן וואָס זײַנען פּאַראינטערעסירט אין ייִדישע פּראָבלעמען זײַנען די סאַמע אינטע־ליגענטסטע. די דאָזיקע יונגע, סענסיטיווע מענטשן, וואָס זײַנען פּאַראינ־טערעסירט אין אידעען, זעען אַז דער ייִדישער „עסטאַבלישמענט" האָט נישט קיין רעספּעקט פאַר גײַסטמענטשן. דער צווייטער דור, וואָס פירט אָן מיט די ייִדישע אינסטיטוציעס, וויל פון דריטן דור אַז „זיי זאָלן טאָן ווי איך זאָג, נישט ווי איך טו". וואָרעם זיי האָבן אויפגעגעבן אַ גרויסן טייל פון ייִדישקייט. כּדי צו ווערן מער אַמעריקאַניש. איצט פאַרלאַנגען זיי אַז דער דריטער דור זאָל נישט גיין אין זייערע וועגן. ער האַלט אויך אַז אַ סך ייִדישע סטודענטן ווילן נישט ווערן דאָמינירט פון ראַבייס; דערפאַר גייען זיי אַוועק פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אויפן קעמפּוס. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שווײַגן וועגן אַלע גרויסע פראַגן וואָס באַשעפטיקן די סטודענטן, זײַנען אַ שטערונג פאַר ייִדישער אידענטיפיקאַציע, און זייערע רייד וועגן דעם אַז ייִדישקייט איז רעלעוואַנט זײַנען בלויז פּוסטע רייד. אַזוי מיינט נאַרוואַ.

ווו איז דער אויסוועג פון דער לאַגע? לויט נאַרוואַן דאַרפן די עצה־געבערס פון ייִדישע סטודענטן־אָרגאַניזאַציעס זײַן די פּראָפעסאָרן פון ייִדישע שטודיעס, און נישט די ראַבייס. די סטודענטן דאַרפן נישט ווערן דאָמינירט פון דרויסן, נאָר אַליין פאַרוואַלטן מיט דער אָרגאַניזאַציע. זי וועט אַוודאי — גיט ער צו — גיין אויף אַנדערע דרכים ווי די פירערס פון די עלטערן ווילן. זי וועט אַראָנזשירן פּראָגראַמען וואָס וועלן זײַן ראַדיקאַל און קאָנטראָווערסיאַל פאַר דעם „עסטאַבלישמענט". אָבער אַנדערש וועט ייִדישקייט זײַן אַ דורכפאַל אויפן קעמפּוס.

אויף די טענות פון נאַרוואַן הערן מיר, אומדירעקט, אַן ענטפער פון אַ יונגען רעפאָרם־ראַביי אַלבערט ס. אַקסעלראַד (טשאַפּלען אין בראַנדייס־

אוניווערסיטעט). ער דריקט אויס זײַן סימפּאַטיע צו די ייִדישע ראַדיקאַלן וואָס זײַנען אָפּגעפּרעמדט פון דעם ייִדישן „עסטאַבלישמענט", וואָרעם אַ סך פון זיי זײַנען בלויז צעטומלט, און אין דער זעלביקער צײַט זענען זיי פּאָזיטיוו צו זייער ייִדישער אידענטיטעט. אין דער אמתן ווילן אַ סך פון זיי זיך דערנענטערן צו ייִדישקייט, אָבער זיי מיינען, אַז זייערע ראַדיקאַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע סימפּאַטיעס גייען להיפּוך צו ייִדישע אײַנשטעלונגען.

זייער צעטומלטקייט — נישט אַנטיפּאַטיע — בנוגע ייִדישקייט שטאַמט לויט אַקסעלראָדן פון אַ ריי שפּאַנונגען: 1) זיי ווייסן נישט אַז זייערע סאָציאַלע אידעאַלן זײַנען גיכער אין האַרמאָניע מיט ייִדישקייט, ווי די ווערטן וואָס עס פּראַקטיצירן ייִדישע אינסטיטוציעס און זייערע פירערס. 2) זיי קענען נישט אָננעמען סתּם ייִדישן קיום; דאָס איז פאַר זיי נישט גענוג. אויך דער נאַציאָנאַליזם בײַ די שוואַרצע — האַלטן זיי — איז בלויז אַ צײַטווײַליקע נויטווענדיקייט, וואָס שפּיגלט אָפּ די איצטיקע סיטואַציע. 3) אַ סך פון זיי סימפּאַטיזירן מיט ישׂראל, אָבער זיי שרעקן זיך פאַר אַן עווענטועלן ייִדישן שאָוויניזם און מיליטאַריזם. 4) זיי זײַנען נישט אַנטי־רעליגיעז, אָבער זיי קענען נישט אָננעמען די קאָנווענציאָנעלע און אינ־סטיטוציאָנעלע קאַנאַלן דורך וועלכע מ׳דערלאַנגט זיי רעליגיע. אָבער, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם — האַלט ראַביי אַקסעלראָד — געהערן די דאָזיקע ייִדישע סטודענטן צו די אידעאַליסטישסטע, מאָראַלישסטע, סענ־סיטיווסטע און שעפערישסטע; און ייִדיש־נביאישע אידעאַלן זײַנען אַ סך נעענטער פאַר זיי, ווי פאַר דער אָפיציעלער ייִדישער געמיינדע. די דאָזיקע ייִדישע ראַדיקאַלן וואַקסן כּסדר אין צאָל.

וואָס איז די תּרופה צו געווינען זייער לאָיאַליטעט פאַרן ייִדישן קיבוץ אין אַמעריקע? לויט אַקסעלראָדן דאַרף מען טאָן אָט וואָס: ערשטנס, דאַרף מען זיי באַקענען מיטן פאַקט אַז נישט אַלע אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען קאָנסערוואַטיוו; עס זײַנען דאָ אויך מיליטאַנטישע, סאָציאַל קעמ־פערישע ייִדן סײַ דאָ, סײַ אין ישׂראל. צווייטנס, כּדי אָפּצושוואַכן זייער שרעק פאַרן ייִדישן שאָוויניזם, דאַרף מען שאַפן פאַר זיי קאָנטאַקטן מיט ישׂראלדיקע לינקע גרופּירונגען, און מיט זייערע פאַרשטייערס אין אַמע־ריקע.

ס׳איז אויך וויכטיק פאַר וועלטלעכע ייִדן צו הערן ווי אַזוי ראַביי

אַקסעלראַד פּאַרענדיקט זײַן גוט דורכגעטראַכטע עסיי. ער פּירט אויס אַז די איצטיקע רובריקעס אויף „אָרטאָדאָקסן", „קאָנסערוואַטיוון", און „רעפאָרמער" שפּיגלען נישט אָפּ אַלע ריכטונגען, וואָס מיר געפינען אויפן קעמפּוס. וואָרעם אַ סך יונגע ייִדן וואָס זײַנען פאַראינטערעסירט אין ייִדישקייט זײַנען נישט צופרידן מיט די דאָזיקע פּאָזיציעס און באַצייכענונגען. די נײַע ווירקלעכקייט פאַרלאַנגט אַז מ'זאָל אײַנשליסן די ראַדיקאַלע ייִדן צווישן ייִדישע גרופּירונגען.

אויב מיר ווילן אין זינען האָבן אַז דעם אַנאַליז האָט געמאַכט אַ ראַביי — אַליין סאָציאַל־באַוווסטזיניק — וואָס איז אַקטיוו אויפן קעמפּוס פון בראַנדייס־אוניווערסיטעט, אַ הויכשול ווו עס געפינט זיך אַ היפּשע קאָנצענטראַציע פון ייִדישע סטודענטן — ווילן מיר ערשט פאַרשטיין ווי וויכטיק עס איז זיך צוצוהערן צו זײַנע רייד.

אין דעם כאָר פון פאַרשיידענע שטימען הערן מיר איך דאָס קול פון אַ רעוואָלוציאָנערן גלותיסט ראָבערט גרינבלאַט, וואָס איז אַ גרינדער פון דער „סטודענט מאָביליזיישאָן קאָמיטי טו ענד די וואָר", און וואָס איז אויך אַ דאָקטאָר אין מאַטעמאַטיק. ער אַרגומענטירט אַז כדי צו זײַן באמת אַן עכטער, אינטעגרירטער, הומאַניסטישער ראַדיקאַל, דאַרף אַ ייִד זיך אידענטיפיצירן מיט זײַן פאָלק. אַ דאַנק די באַוועגונגען צווישן די שוואַרצע און די אונטערדריקטע פעלקער איז צעשטערט געוואָרן, לויט אים, דער מיטאָס פון אַמעריקאַנער „שמעלצטאָפּ", הגם ער גילט ווײַטער ווי אַ יסוד פאַר די הויכע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אויף וועלכע אַמעריקאַנער ייִדן שטייען איצט.

ער טרעט אַרויס ווי אַ „נײַ לינקער" גלותיסט, אַרגומענטירנדיק אַז אונדזער קיום ווי אַ פאָלק איז קיין מאָל נישט געווען אָפּהענגיק פון צוגעבונדנקייט צו אַ לאַנד. ווײַל מיר זײַנען נישט ככל הגויים, דעריבער מיינט ער אַז אַמעריקאַנער ייִדן ווילן זיך דאַרפן דעפינירן דער עיקר אין שײַכות צום אָנגייענדיקן קאַמף איבערצובויען אַמעריקע. ער זעט דעם מוסטער פאַר אַמעריקאַנער ייִדן אין... וויעטנאַם און קובאַ, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט די מעגלעכקייט פון רעוואָלוציאָנערן נאַציאָנאַליזם. ווי אייבערפלעכלעך און וויניק איבערצײַגנדיק זײַן געדאַנקען־גאַנג זאָל אײַך נישט אויסזען — און דער טעזיס איז פול מיט דאָגמאַטישקייטן און סימ־

פליפיקאַציעס — איז פון דעסטוועגן וויכטיק צו וויסן אַז עס זײַנען פֿאַראַן אויך פּאָזיטיווע ייִדן אין עקסטרעמען „נײַ־לינקס״.

ווי אַן ענטפער צו גרינבלאַטן, קענט איר לייענען די עסיי פון מ. י. ראָזענבערג: „ישראל אָן אַן אַפּאָלאָגיע״. ראָזענבערג, אַ סטודענט אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט, ענטפערט דאָ פּאַקטיש די „נײַ־לינקע״ אוני־ווערסאַליסטן, וואָס געפינען אַ זכות אויף אַלע נאַציאָנאַליזמען, אַחוץ אויפן ייִדישן. מדינת ישראל — האַלט ער — איז די אולטימע רעאַליטעט אין לעבן פון יעדן ייִד הײַנט־צו־טאָג. עס איז וויכטיקער ווי ייִדישער ריטואַל, מער ווי טראַדיציע, און אַפילו — ווי אמונה. פאַר וואָס זײַנען ייִדן דאָס איינציקע פאָלק וואָס דאַרף צוגרייטן ראַציאָנאַלע, און גוט אויסגעפּאָרשטע אַנאַליזן אַז מיר האָבן אַ רעכט צו עקסיסטירן? ייִדישע ראַדיקאַלן, אַפילו פּראָ־ישראלדיקע, וועלן אייך באַווייזן, אַז אַזעלכע גוייִשע גדולים ווי האָ־טשי־מין, פידעל קאַסטראָ, עלדרידזש קליווער, האָבן אַ מאָל געגעבן זייער הסכמה אויף אַ זעלבסטשטענדיקער ישראל. דאָס איז זייער שיין, זאָגט ראָזענבערג; אָבער אָן שום ווערט, וואָרעם ס׳איז אַ דעגראַדאַציע פאַר ייִדן צו זוכן אַ הכשר אויף ישראל בײַ זיי.

ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען קליווער זאָל באַרעכטיקן זײַן באַוועגונג מיט ציטאַטעס פון בן־גוריון און זשאַבאָטינסקי. מיר דאַרפן זיך נישט אַנטשולדיקן בײַ דער וועלט פאַרן ווילן צו לעבן. פאַרקערט. די אויפטועך פון ציוניזם מעגן דינען ווי אַ מוסטער פאַר יעדן אונטערגעדריקטן פאָלק. און אויב די עקסיסטענץ פון מדינת ישראל איז אַ דאָרן אין דער זײַט פון דער „דריטער וועלט״ זאָל עס זײַן... אויב דער קיום פון ישראל מאַכט קאָמפּליצירטער די לאַגע פאַר די קאַלטע־מלחמה־סטראַטעגן פון סאָוועט־רוסלאַנד און אַמעריקע, איז עס זייער פּראָבלעם; עס איז נישט אונדזער דאגה. נאָך אוישוויץ איז עס נישט אונדזער אויפגאַבע צו פאַרלײַכטערן די משא פון די סופער־מאַכטן. זיי מעגן פאָרזעצן זייער קאַמף איבער אײַנפלוס־ספערן. ישראלס קאַמף איז צו בלײַבן לעבן.

ראָזענבערג דערציילט ווײַטער, אין זײַן לאָגיש־עמאָציאָנעלן סטיל, וועגן „יד ושם״ אין ירושלים, און ער פאַרענדיקט אַז אין דעם טאָג ווען די „פּראָגרעסיווע באַפרײַונגס־כּוחות״ מיט דער דערמוטיקונג פון אַלע אַנטי־ישראל־ייִדן זאָלן חלילה „באַפרײַען״ דעם „יד־ושם״־בנין, צי וועט די וועלט זיך אָפּשטעלן? ער ווייסט — און מיר ווייסן — אַז די וועלט וואָלט

זיך וויַטער אָנגעגאַנגען אַזוי ווי זי גייט איצט אָן אין „ייִדן־רייַנעם" פּוילן.

מיר מעגן טראַכטן אַז דאָס איז צו אויבנאויפיק פאַר אַ זייער קאָמ־פּליצירט פּראָבלעם. מיר מעגן האַלטן אַז אויך אַנדערע אונטערדריקטע פעלקער ווי אירלענדער, טשעכן, אוקראַיִנער, מוזן כסדר זוכן אַ „הכשר" אויף זייער נאַציאָנאַלן קאַמף פאַר עקסיסטענץ. פון דעסטוועגן קען איך גוט „פאַרשטיין" דעם שטאָלצן יונגן ייִד ראָזענבערג און זײַן צאָרן אויף די אַלע כלומרשט רעוואָלוציאָנערע ייִדישע מה־יפיתניקעס. וואָרעם דער אַלטער אַרײַנבליק פון אחד־העמען וועגן דעם שפלות־קאָמפּלעקס בײַ די „עמאַנציפּירטע" מערב־אייראָפּעיִשע ייִדן לאָזט זיך לײַכט אויפדעקן אויך בײַ אַ סך ייִדישע רעוואָלוציאָנערן, וואָס זײַנען גרייט חרוב צו מאַכן ייִדישע וועלטן, אָבער זיי פאַלן כּורעים פאַר אַלץ וואָס איז גויִיש, און כלומרשט נײַ...

5

ווען איז נישטאָ קיין קריזיס אין דער ייִדישער דערציִונג? דוכט זיך אַז דאָס איז אַ פּערמאַנענטער קריזיס, וואָס יעדער דור מיינט אַז ער איז נאָר וואָס אויפגעקומען. אין אונדזער צײַט קומען אַרויס מחנכים סײַ בײַ אונדז, סײַ אין דער אַמעריקאַנער וועלט, מיט תּרופֿות וואָס דאַרפן איין מאָל פאַר אַלע מאָל ברענגען די ישועה. און דאָך, ווי סקעפּטיש איר זאָלט נישט זײַן צו די אַלע פאַרגעשלאָגענע רעצעפּטן, וועט יעדער דור אַלע מאָל זוכן דעם עליקסיר וואָס זאָל פאַרזיכערן אַז די קינדער וועלן איבערנעמען די ירושה פון די טאַטעס און זיידעס. איז אפשר כּדאַי אַ מאָל צו הערן וואָס עס טראַכטן יענע וועלכע זײַנען די אָביעקטן פון אונדזער זאָרג: די תּלמידים אין די ייִדישע שולן?

דזשיימס סליפּער, וואָס האָט אין 1969 גראַדוירט פון יעיל און איז איצט אַ סטודענט אין „האַרוואַרד־גראַדואיר־שול פון דערציִונג", וואָגט זיך צורירן צו דער דאָזיקער „אייביקער" טעמע, און... אַלטע, דערפאַרענע ייִדישע דערציִערס מעגן זיך צוהערן צו זײַנע רייד. ער האָט אַ גוטן זכּרון, אַ סענסיטיוון געהער. ער געדענקט נאָך מסתּמא זײַנע אייגענע דערפאַרונגען ווי אַ תּלמיד אין אַ ייִדישער שול. ס'איז דאָך געווען נישט לאַנג צוריק — און ער הערט זיך גוט צו צו זײַנע תּלמידים איצט, ווען ער איז שוין אַ לערער.

סליפּער דערמאָנט אונדז, צו ערשט, אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדישע קינד וואַקסט אויף אין אַן אָפֿענער געזעלשאַפֿט — נישט ווי אין מזרח־אייראָפּע, אין אַן אָפּגעשלאָסענער ייִדישער וועלט, וווּ יעדער ייִדיש קינד האָט פֿאַרמאָגט דאָס פּינטעלע ייִד. אין דער הײַנטיקער אַמעריקע וואַקסט ער אין אַ נישט־ייִדישער סביבה וווּ ס׳איז נישטאָ קיין ייִדיש לשון, קיין ייִדישע סימבאָלן, אָדער ווערטן. אין אַזאַ אויסגעליידיקטער ייִדישער עדה דאַרף די ייִדישע שול אַנטוויקלען בײַם תּלמיד אַן עמאָציאָנעלע צוגעבונדנ־קייט צו ייִדישקייט; זי דאַרף פֿאַר אים שאַפֿן אַ סאָציאַלע סביבה וווּ ייִדישע ווערטן און ייִדישע סימבאָלן זאָלן זיך אָנזען. אַפֿילו די גרעסטע בודזשעטן — טענהט סליפּער — מיט דער בעסטער אויסשטאַטונג וועלן נישט פֿורעמען קיין ייִדן, ספּעציעל דורכן מעדיום פֿון אַ נישט־ייִדישער שפּראַך (ענגליש). דערפֿאַר מוז דער ייִדישער דערציִער ראשית כּל קענען דעם נישט־ייִדישן קאָנטעקסט, אין וועלכן די תּלמידים אין אונדזערע ייִדישע שולן וואַקסן אויף.

צווייטנס באַטאָנט ער, אַז אידעאַלן, איבערצײַגונגען קריגט מען נישט ווי אַ רעזולטאַט פֿון בלויז פֿאָרשן, דיסקוסיעס און ראַציאָנאַלן טראַכטן. עס האָט דעריבער נישט קיין זין צו וועלן באַווײַזן דעם תּלמיד, דורך אַלערליי פּילפּולים, אָדער פֿאַרוואָסערונגען, אַז ייִדישקייט שטימט מיט אַמעריקאַנישקייט, ספּעציעל הײַנט־צו־טאָג, ווען אַזוי פֿיל יונגע ייִדן זײַנען אומצופֿרידן מיט דער אַמעריקאַנער קולטור און סביבה. נאָר דורך דעם וואָס דער לערער וועט אַליין לעבן און פֿאַרקערפּערן די דאָזיקע אידעאַלן, וואָס ער וויל פֿאַרפֿלאַנצן ביי דער יוגנט, וועט ער געווינען זײַנע תּלמידים.

דער ערשטער תּנאי איז אַז דער לערער זאָל גוט קענען ייִדישקייט און ער זאָל פּראַקטיצירן דאָס וואָס ער וויל איבערגעבן די תּלמידים. אָבער ער מוז אויך זײַן גרייט צו נעמען ערנסט דעם זאָג: „פֿון מײַנע תּלמידים האָב איך געלערנט מער ווי פֿון אַלעמען". סליפּער צייכנט דאָ אָן די קאָנטורן פֿון אַ ריי יוגנטלעכע און ער פֿירט אויס אַז זייער אָפּפֿרעמ־דונג פֿון דער געזעלשאַפֿט איז אַ באַראָמעטער פֿון דעם הײַנטיקן קריזיס אין דער גאַנצער ציוויליזאַציע, און עס שפּיגלט אָפּ אַ קראַנקע וועלט וואָס זיי האָבן נישט געשאַפֿן, נאָר פֿון וועלכער זיי באַמיִען זיך צו אַנטלויפֿן. דערפֿאַר דאַרפֿן מיר זען אין יוגנט־רעוואָלט אַ קריטיק און אַ סילועט פֿון אונדזער גאַנצער געזעלשאַפֿט.

אָבער די אָרגאַניזירטע ייִדיש־אַמעריקאַנער געמיינשאַפט — איינ־שליסנדיק די מערסטע ראַביים און דערציִערס — קומט נישט צו הילף דער דאָזיקער יוגנט וואָס וויל געפינען אַ זין אין איר עקסיסטענץ. אַזוי באַקלאָגט זיך סליפּער. און מיר מיינען אַז ער איז אין גאַנצן גערעכט. פאַראַן נאָך אַ סך פייַנע אַרייַנבליקן אין סליפּערס עסיי, וואָס באַווייַזן אַז ער האָט געלערנט ביי בובערן, און וואָס איז נאָך וויכטיקער — וויַיל די אַלע געדאַנקען וואָס סליפּער דריקט אויס זייַנען נישט קיין חידושים פאַר קרעאַטיווע ייִדישע לערערס — אַז די אַלע אידעען און טענות זייַנען דורכגעגאַנגען דורכן פילטער פון זיין אייגענער דערפאַרונג.

סליפּער ווייסט — וואָס יעדער ייִדישער דערציִער מוז וויסן — אַז ייִדישע דערציִונג מיינט קודם כּל שאַפן פאַר די תּלמידים אַ סביבה ווו זיי זאָלן לעבן דעם וואַריאַנט פון ייִדישקייט וואָס מ׳וויל זיי זאָלן איבער־נעמען. ייִדישע דערציִונג מיינט נישט רעדן וועגן ייִדישע ווערטן אָדער ריטואַלן, נאָר אויפבויען אַ געמיינשאַפט, אַ כּמו קיבוץ ווו די יוגנט וועט זען פאַר זיך אַ לעבנספּעציִקע, קולטורעלע, גייסטיקע ייִדישע ברודערשאַפט. אונדז וווּנדערט אָבער וואָס אַ סענסיטיווער דערציִער ווי סליפּער פאַרזעט די צענטראַלע ראָלע וואָס אַן אייגענע שפּראַך — ייִדיש — קען שפּילן בייַם פורעמען אַן אויטענטישע, עכט ייִדישע שול־סביבה. ער וואָלט געדאַרפט פאַרשטיין אַז ייִדישע ווערטער וואָס זייַנען אָנגעלאָדן מיט ייִדישע ווערטן פאַרלייַכטערן געוואַלדיק די שווערע אויפגאַבע פון ייִדישן דער־ציִער; אַז מיט דער הילף פון ייִדישן לשון וועט דער תּלמיד אייַנאָטעמען אַ ייִדישע אַטמאָספער, און ער וועט זיך לכתּחילה באַוועגן אין אַ ייִדישער ראַם.

6

אין צווייטן טייל פון בוך פאַרנעמט מען זיך דער עיקר מיט פילאָ־סאָפיש־קינסטלערישע פּראָבלעמען. פאַראַן דאָ אינטערעסאַנטע עסייען און דערציילונגען פון דוד ראָסקעס, אַרטור גרין, און הלל לעווין. אונדז האָט פאַראינטריגירט די עסיי פון יונגן דיכטער יואל ראָזענבערג. ער איז אַ גראַדואַנט פון בערקלי־אוניווערסיטעט אין קאַליפאָרניע, און אַ מיטגליד פון דער חבורה אין באָסטאָן.

אין אַ ליריש־געדאַנקלעכער עסיי — „דער ייִד ווי אַ פּאָעט" — סוגע־רירט ער, אַז כּדי צו זײַן אַ ייִדישער פּאָעט דאַרף מען האָבן דעם מוט צו ריזיקירן אַ שפּרונג טאָן, און זיך באַגעגענען מיט די צווייטײַטשיקייטן פון ענין ייִדיש־פּאָעטישע שפּראַך און ייִדישע דערפאַרונג. ער איז דער־שטוינט, וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד באַטראַכט מען שרײַבערס פאַר געפער־לעך און מ׳זעצט זיי אײַן אין תּפיסה, אָדער אין אַ משוגעים־הויז. דאָ אין אַמעריקע איז אַ שרײַבער פאַרמשפּט צו... גלײַכגילטיקייט, נישט צו טורמע. ער קען שרײַבן וואָס ער וויל, ער מעג אַפילו זײַן אין דער מאָדע, אָבער קיין געפאַר שטעלט ער מיט זיך נישט פאָר.

בײַ אונדז אין אַמעריקע — קלאָגט ער — האָבן מיר אַזאַ שײַכות צו ווערטער ווי אינפלאַציע צו געלט. מיר האָבן פּערפעקטירט ווערטער כּדי צו דינען ליגנס און טריוויאַליטעטן. אין אַזאַ מיליע דאַרף מען זיך שטאַרק אָנשטרענגען צו ווען זיך צוהערן צום דיכטערס וואָרט, וואָס שטרעבט צו געבן אויסדרוק צו זײַן נשמה, זײַן פאָלק, זײַן צײַט.

ראָזענבערג וואָגט נישט צו דעפינירן וואָס עס מיינט אַ ייִדישער פּאָעט. אויב מיר זאָלן זאָגן פּשוט אַז אַ ייִדישער פּאָעט איז אַ ייִד וואָס שרײַבט פּאָעזיע, דעמאָלט קען מען אָוועקשטעלן זײַט בײַ זײַט אַזעלכע נעמען ווי ביאַליק און די דיכטערין לעווערטאָוו, טשערניכאָווסקי און דעם פּאָעט נעמעראָוו, גלאַטשטיין און דעם פּאָעט באָב דילאַן — און מ׳וועט גלײַך דערזען די איראָניע פון אַזעלכע פאַרגלײַכן. צו זײַן אַ ייִד אין דער וועלט מיינט זײַן אַ פּאָעט. פאַר ראָזענבערגן איז אַ פּאָעט אַ מעטאַפאָר פאַר אַ ייִד, און פאַרקערט.

דער דור ייִדישע דיכטערס וואָס איז געקומען נאָך ביאַליקן האָט אויסגעמיטן די רביאיש־נביאישע ראָלע צו שטראָפן אָדער וועקן ס׳פאָלק, און האָט געגעבן אויסדרוק צום יחידס, צום דיכטערס „איך", און אַפילו ווען דער דיכטער איז צוריקגעקומען צו דער רביאישער ראָלע, ווי אַ ריי מאָדערנע דיכטערס נאָכן חורבן, איז עס אַלץ געווען הכנעהדיק, טרויעריק, אינטראָספּעקטיוו, ווי אַ בײַשפּיל, ציטירט ער פון גלאַטשטיינס בראַצלאַווער סעריע:

נו, בין איך אַ גוטער ייִד?
אוי ווײ, טאַטע געטרײַער, בין איך אַ גוטער ייִד?

טשירי באַם, טשירי באַם,
בין איך אַ גוטער ייִד?

וואָרעם דער דיכטער — ציט ער ווײַטער זײַנע מעדיטאַציעס — גייט דורך פאַרשיידענע פאַזעס אין זײַן פּאָעטישער אידענטיטעט — פון זאַכן, אין דער עפּאָכע אין וועלכער ער לעבט, ביז צום אָפּשפּיגלען דעם גורל פון כּלל אונטער דעם אַספּעקט פון אייביקייט. און ווען דער פּאָעט דער־גרייכט שוין די דאָזיקע לעצטע דימענסיע, דעמאָלט ווערן שוין זײַנע ווערטער דיבּרות, זעונגען.

ראָזענבערגן אינטריגירט די מעגלעכקייט צו פאַרייִדישן ענגליש. אים רעגט אָן די פּערספּעקטיוו אַז אין דער צוקונפט וועלן „ספּעראַטיסטישע עלעמענטן" אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער באַפעלקערונג רעדן אַ ייִדיש־ענגליש, אָדער אַ ניַוועלט־ייִדיש, וואָס וועט זיך אַריבערגיסן אין הויפּט־שטראָם פון היגן ייִדישן קיבוץ. איצט שמעקט דאָס באַנוצן זיך מיט אַ ייִדיש וואָרט (ווען מ'שרײַבט ענגליש) מיט אויסטערלישקייט און זעלבסט־באַוווסטזיניקייט. איצט קען מען בלויז נוצן אָן אַ קורסיוו אַזעלכע ייִדישע ווערטער ווי קיבעץ, קוועטש, שמאַלץ. אָבער דאָס זײַנען באַדײַטלאָזע ווערטער.

דער ייִדישער טיפער אינטערעס אין ווערטער — זאָגט ער — איז נישט בלויז דערפאַר וואָס ייִדן זײַנען איבערגעשפּיצטע מענטשן. דאָס וואָרט האָט אַ לעגאַלן, אַ קאָסמישן באַדײַט. וואָרטשפּיל איז אין צענטער פון דער ייִדישער נשמה. עס שנירלט זיך דורך אין ייִדישן שפּריכוואָרט, אין פאָלקלאָר, אין פאָלקסליד. ווי אַ מוסטער גיט ער דאָס חסידישע ליד: קאָ קאָצק דאַרף מען עולה רגל זײַן מיטן וואָרט־שפּיל רגל — וואָס מיינט פוס, געוויינהייט (רגילות) און עולה רגל זײַן קיין ירושלים. די אַסאָציאַציע פון עולה רגל — מיט קאָצק האָט נאַטירלעך אַ שטאַרקן עפעקט. אָבער ווי דערגרייכט מען דאָס אין ענגליש? דערווײַל איז אַ ייִדיש־פּאָעטישע שפּראַך אין ענגליש ערשט אין די וויקעלעך. אָבער — מיינט ער — מ'דאַרף האַלטן אַן אויג אויף ווערטער פון ייִדישער געשיכטע און טראַדיציע, וואָס האָבן אַן אומגעוויינלעכע און הײַנטצײַטיקע אָנווענדונג, ווי: מסירת־נפש, עולה רגל זײַן, און ענלעכע.

דער יונגער דיכטער איז באַוווסטזיניק וועגן שאַפערישן פּראָצעס:

ער ווייסט אַז פּאָעטן שרײַבן נישט קיין לידער כּדי צו לייזן פּראָבלעמען, נאָך כּדי „צו לייזן דאָס וואָס איז נאָך נישט פאָרמולירט געוואָרן ווי אַ פּראָבלעם. זיי פּלירטעווען מיטן תּוהו־ובוהו כּדי אַרויסצוקריגן אַן אונץ וווּנדער". דערקלערט ער בפירוש אַז ס'איז צו פּרי פאַר אים צו פאָרמולירן די פּראָבלעמען, „די טעמעס, די שדים, און מלאכים" מיט וועלכע זײַן דור דאַרף זיך ראַנגלען בײַם שאַפן ייִדיש־קינסטלערישע ווערק.

ווי סקעפּטיש ייִדיש־העברעיִש־ייִדן זאָלן זיך נישט באַציען צום חלום פון אַ „נײַ־וועלט־ייִדיש" אָדער אַ ייִדיש־ענגליש, ס'וואָלט געדויערט הונדערטער יאָרן ביז עס וועט דערגיין צו דער עשירות, זאַפטיקייט, און אידיאָמאַטישקייט פון אונדזער ייִדיש־לשון. דערוועקט עס אַ שטיקל האָפע־נונג, ווען מ'זעט כאָטש אַ פּאָר שוואַלבן צווישן יונגע, קרעאַטיווע ייִדן, וואָס הייבן אָן זיך ראַנגלען מיטן פּראָבלעם: צי קען מען שאַפן עכט ייִדישע קינסטלערישע ווערק אין אַ נישט־ייִדישן אידיאָם? צי איז מעגלעך צו נוצן דעם אַנגלאָ־סאַקסישן שפּראַך־אינסטרומענט אויף אויסצודריקן דעם אייגנאַרטיקן ייִדישן געמיט, ניגון, קרעכץ, טרויער, און געלעכטער?

7

און איצט, אַז מיר האָבן זיך אַ ביסל נעענטער באַקענט מיט די „נײַע ייִדן" — ווייסן מיר אַז דאָס זײַנען כּמעט „אַלטע ייִדן", קינדער פון ישׂראל־סבא. וואָרעם אין דער אמתן, ווען איך דערהער „אַ נײַער מענטש", „אַ נײַער ייִד", וועקט עס מײַן אומצוטרוי. נאָך די אַלע ביטערע דער־פאַרונגען מיטן „נײַעם מענטש", וואָס די רעוואָלוציעס פון אונדזער יאָר־הונדערט האָבן אונדז צוגעשטעלט, דערלויב איך זיך צו זאָגן: איך האָב ליב אַ מענטש, און נאָך מער אַ ייִד — מיט די אַלע אייגנשאַפטן וואָס אידעאַלע ייִדן האָבן פאַרמאָגט אין אַלע צײַטן: אהבת ישׂראל, אהבת הבריות, אהבת תּורה — אין ברייטסטן זין פון וואָרט. געפעלן מיר דעריבער די „נײַע ייִדן", ווײַל זיי זײַנען... „אַלטע ייִדן" געקליידט אין נײַע מלבו־שים, לויט דער לעצטער מאָדע. דאָס זײַנען בלי תּנאַי־ייִדן, ווי מיר זײַנען עס געווען במשך דעם גאַנצן גלות אונדזערן. אויך די „נײַע" אַמעריקאַנער ייִדן מיט וועמען מיר האָבן זיך דאָ באַקענט זײַנען אין זייער גאַנצן מהות, אין טיפסטן תּוך — אַפילו ווען זיי רעדן אַ ביסל פאַרשײַט און קריגן זיך מיט דעם היגן ייִדישן עסטאַבלישמענט — אַן אינעווייניקסטער טייל פון

דער משפּחה. ס׳איז אַ מחלוקת לשם שמים, ווי די רעדאַקטאָרן סליפּער און מינץ דערקלערן אונדז אין דער הקדמה און אין עפּילאָג. די יוגנט וואַרפט אָפּ די אָרגאַניזירטע ייִדישע געמיינדע נישט ווײַל זי פאַרלייקנט ייִדישקייט, נאָר ווײַל זי קען נישט אָקצעפּטירן דעם אויסגעליידיקטן לעבנסטיל פון „סובוירביאַ״ (פאָרשטאָט). די מאַטעריעלע רײַכקייטן פון דער נײַער וועלט קענען זי נישט באַפרידיקן און די וואַרעמקייט און פרומקייט פון דער אַלטער וועלט איז דאָ נישט פאַראַן. זאַטקייט און זיכערקייט איז נישט גענוג, ווײַל „פּערל אַרום האַלדז נעמען נישט צו די שטיינער פון האַרץ״.

די אַלע וואָס באַטייליקן זיך אין בוך — ציוניסטן, ייִדישיסטן, סעקו־לאַריסטן, רעליגיעזע — שפּיגלען אָפּ די שטימונגען און אידעען פון אַ וויכטיקן סעגמענט פון יונגן דור, וואָס זוכט זיך און זײַנע אידעאַלן. זיי ווייסן אַז זיי האַלטן ערשט בײַם אָנהייב פון וועג. זיי פאַרשטייען אַז זייערע חבורות זײַנען בלויז אין דער ערשטער סטאַדיע פון עקספּערימענט. זיי זײַנען נאָך ווײַט נישט זיכער צי די דאָזיקע קאָמונעס וועלן בלײַבן לעבנספּעיִק ווען די מיטגלידער וועלן האָבן פאַמיליעס און דאַרפן „מאַכן אַ לעבן״.

אָבער, אין דער זעלביקער צײַט האָבן די אַלע יונגע אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעלעקטואַלן און קינסטלערס אָנערקענט אַז וואָס מער זיי וועלן זײַן פאַרוואָרצלט אין ייִדיש־היסטאָרישן באָדן, אַלץ אויטענטישער וועלן זיי זײַן ווי מענטשן. זיי האָבן שוין אויסגעפונען אַז אמתע אידענטיטעט איז מחייב זיך אויסצודריקן דורך אייגנאַרטיקע סימבאָלן און דורך פּראַק־טיצירן אַן אייגענעם לעבנשטייגער. אָט די דאָזיקע אַנטדעקונגען — ווי אַלט זיי זאָלן אונדז נישט אויסזען — זײַנען אַ ריזנטראָט פאָרויס. באַגריסן מיר זיי, און ווינטשן: הלוואי וואָס מער אַזעלכע „נײַע״ ייִדן!

(1971)

דער דריטער דור מיטן פּנים צו זיך

א

יעדער וואָס האַלט אַן אויג אויף דעם יונגן ייִדישן דור אין אַמעריקע ווייסט, אַז במשך פון די לעצטע יאָרן איז דאָ אויפגעקומען אַ היפּשע אינטעליגענץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט ייִדישע פּראָבלעמען און איז באַזאָרגט וועגן מאָרגן פון היגן ייִדישן קיבוץ. פאַראַן איצט ביי אונדז אַ סך יונגע אַקאַדעמיקערס און סטודענטן, וואָס נישט געקוקט אויף זייער קריטישער באַציִונג צו דעם ייִדישן „עסטאַבלישמענט", זיינען זיי איינגעשטעלט פּאָזיטיוו אי צו מדינת ישראל, אי צו די תּפוצות. דער דריטער דור, וואָס רוקט זיך איצט צו דער פירערשאַפט אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן, איז טאַקע צום גרעסטן טייל שפּראַכלעך אַסימילירט, אָבער אַ באַטייטיקער סעגמענט זיינער אַמפּערט זיך, דיסקוטירט, ווייזט אַרויס אַן אינטערעס אין ייִדישע גורל־פראַגן.

צווישן די פּילצאָליקע אַמעריקאַנער ייִדיש־סטודענטישע זשורנאַלן פאַרנעמט די פּערטליאַר־שריפט „רעספּאָנס" (אָפּרוף) אַ צענטראַלע פּאָזיציע. זי איז אומאָפּהענגיק פון יעדער אידעאָלאָגיע, הגם אָנגעהויכט מיט רעליגיעזע שטימונגען; זי איז נישט פאַרגליווערט אידעיִש און גאַנץ וואַגיק אין אינהאַלט. האָט די רעדאַקציע פון דעם קוואַרטאַלניק לעצטנס אַראַנזשירט אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: „ייִדיש לעבן אין צוויי קולטורן". זי האָט פאַרבעטן זיך צו באַטייליקן אין סימפּאָזיום נאָר אַזעלכע, וואָס זיינען אַקטיוו אָדער פאַרבונדן מיטן ייִדישן לעבן — מיטן אויסנאַם פון יענע, וואָס האָבן באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ישראל — אָדער זיי האָבן שוין אויסגעקליבן אַ ייִדישע פּראָפעסיע. זי האָט אויך פאַרבעטן אַ ריי יונגע ייִדישע אַקאַדעמיקערס, וואָס זיינען השפּעהדיק צווישן דער יוגנט.

אויף דער פאַרבעטונג האָבן געענטפערט 23 מענטשן, און צווישן זיי טרעפן מיר אַזעלכע באַקאַנטע נעמען, ווי דער היסטאָריקער יעקב נויסנער,

דער סאָציאָלאָג לענאַרד פײַן, דער טעאָלאָג ריטשאַרד רובענסטיין, די שרײַבערין סינטיאַ אָזיק, און אַנדערע. די ענטפֿערס אויף דער אַנקעטע פֿאַרנעמען 135 געדרוקטע זײַטן, אין צוויי נומערן פון זשורנאַל (האַרבסט, 1972, און ווינטער 1973). עס קען נישט זײַן קיין ספק, אַז די געדאַנקען, וואָס ווערן אויסגעדריקט מצד די סימפּאָזיאַנטן, זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ באַטײַטיקער שיכט פון דער אַמעריקאַנער יונגער ייִדישער אינטע־ליגענץ, און ס'איז דעריבער כּדאַי זיך צו באַקענען מיט די טראַכטענישן פון דריטן דור אין שײַכות צו ייִדיש לעבן אין צוויי קולטורן. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר קענען בלויז לאָזן הערן עטלעכע אַרויסזאָגונגען, און דער עיקר — פון דער יוגנט גופא.

דער מיט־רעדאַקטאָר פון זשורנאַל אַלען מינץ באַטאָנט אין זײַן אַרײַנפיר צום סימפּאָזיום, אַז די הויפּט־פּראָבלעם פֿאַר דעם מאָדערנעם אַמעריקאַנער ייִד איז: ווי צו לעבן אין צוויי קולטורן — אין דער ייִדישער און אין דער אַמעריקאַנער, ווי זאָל מען בײַקומען ראַנדקייט, קולטורעלע געשפּאָלטנקייט, קאָנקורענץ, צווישן צוויי וועלטן. דער תּמצית פון די זיבן פֿראַגן, וואָס ער שטעלט, איז אַזאַ: צי איז דער ענין צוויי קולטורן אַ פּראָבלעם פֿאַר דיר? איז דאָס אַ פּראָבלעם פֿאַרן היגן ייִדישן קאָלעק־טיוו? האָסטו געלייזט די פּראָבלעם? צי האַלטסטו, אַז די ציבורדיקע ייִדישע אינטערעסן ווערן דאָ באַדראָט צוליב דעם, וואָס במשך פון די לעצטע צען יאָר איז אויפגעקומען אַ פּאָליטישע קעמפעריש־קייט בײַ די היגע עטנישע געמיינשאַפֿטן? אין שײַכות צום נײַעם קולטור־פּלוראַליזם, וואָס איז זיך לעצטנס דאָ פונאַנדערגעוואַקסן, מיינסטו, אַז די דאָזיקע טענדענץ פֿאַר עטנישקייט איז אַ פּראָגרעסיווע דערשײַנונג אָדער פֿאַר־קערט? צו די דאָזיקע פֿראַגן גיט מינץ צו זײַן פּירוש אויף דעם גאַנצן ענין.

לויט מינצן שטייט דער דריטער דור ייִדן אין אַמעריקע פּנים אל פּנים מיט דער זעלביקער פּראָבלעם, ווי די פֿריִערדיקע נאָך־עמאַנציפּאַציע־דורות: ער מוז אויסקלײַבן צווישן אַסימילאַציע און אַ סינטעז פון ייִדיש־קייט און אַמעריקאַנער קולטור. אָבער מרדכי קאַפּלאַן, וועלכער האָט דאָ פֿאָרמולירט דעם סינטעז, דעם רעקאָנסטרוקציאָניזם, האָט מער נישט קיין ווירקונג, ווײַל די סעקולערע אידעאָלאָגיעס, אויף וועלכע דער קאַפּלאַניזם אין באַזירט, האָבן פֿאַרלאָרן זייער אימפּעט; אַזוי מיינט מינץ. אָבער פֿאַר וואָס האָט דער רמב״ם, אין דער מיטלעלטערלעכער שפּאַניע, און פֿראַנץ

ראָזענצווײַג, אין דײַטשלאַנד, יאָ געקענט אינטערפּרעטירן ייִדישקייט אין ליכט פֿון די דאָמינירנדיקע אַלגעמיינע פֿילאָסאָפֿיעס אין זײַער צײַט און מיר אין אַמעריקע קענען עס נישט? צי מעגן מיר נישט דערוואַרטן, אַז אויך דאָ וועט, פֿריִער אָדער שפּעטער, אויפֿשטיין אַ נײַער סינטעטיקער, וואָס וועט קאָמבינירן ייִדישקייט מיט די הײַנטצײַטיקע פֿילאָסאָפֿיעס? און צי איז טאַקע אמת, ווי מינץ מיינט, אַז דער אַנטי־ראַציאָנאַליזם און מיסטיציזם, וואָס איז אין דער מאָדע בײַ אַ טייל פֿון דער אינטעליגענץ, האָבן אונטערמינירט אַלע סעקולערע ייִדישקייט־פֿילאָסאָפֿיעס? לאָמיר הערן, וואָס די יונגע סימפּאָזיאַנטן האָבן צו זאָגן.

דער קריטיקער און עסײַיִסט ראָבערט אַלטער, ווײַזט ריכטיק אָן, אַז די סתּירה, וואָס מינץ זעט צווישן „רעליגיעז־טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַל" פֿון איין זײַט און „וועלטלעך־מאָדערן־אוניווערסאַל" פֿון דער אַנדערער זײַט, — אַז דער דאָזיקער כּלומרשטער קעגנזאַץ איגנאָרירט אַ צענטראַלן פֿאַקט אין ייִדישער עקסיסטענץ פֿון די לעצטע 150 יאָר — די וועלטלעכע ייִדישקייט: דער ייִדישער המשך, וואָס איז געוואָרן פֿאַרקערפּערט אין דער ייִדישער קולטור — נישט בלויז אין דער ייִדישער אמונה אָדער אין דער הלכה. וועלטלעך־מאָדערן־נאַציאָנאַל איז פּונקט אַזאַ לעגיטימע רובריק אין ייִדישן לעבן ווי רעליגיעז־טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַל. מרדכי קאַפּלאַן און פֿראַנץ ראָזענצווײַג, וואָס האָבן אַנטוויקלט זייערע וויזיעס פֿון ייִדישער עקסיסטענץ אין אַ טעאָלאָגישער ראַם, זײַנען נישט קיין אויטענטישערע ייִדן ווי יעקב גלאַטשטיין, שאול טשערניכאָווסקי, אירווינג האַו און דער היסטאָריקער י. ל. טאַלמאָן. אַלטער גיט צו, אַז אַ וועלטלעכער צוגאַנג צום ייִדישן וועלטבאַנעם עלימינירט נישט די שפּאַנונג צווישן דער ייִדישער און אַמעריקאַנער קולטור, אָבער עס פֿאַרקלענערט די סתּירהדיקייט צווישן זיי.

אין אַן אָנערגנדיקער פֿאָעטיעשער עסיי פֿון אַלווין ראָזענפֿעלד — פּראָפֿעסאָר פֿון ליטעראַטור אין אינדיאַנאַ־אוניווערסיטעט — ווערט כאַראַקטיריזירט דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער זשעני. פּראָפֿ' ראָזענפֿעלד, אַ טיף גראָבנדיקער ייִדישער אינטעלעקטואַל, באַטאָנט אַז די ייִדישע נאַציאָנאַלע אינדיווידואַליטעט איז נישט גענייגט צו פֿאַרהערלעכן אומבאַגרענעצטע מאַכט אָדער אומבאַגרענעצטן פֿאַרגעניגן, און ווען מיר גייען צו מיט אָט דער מאָס צום איצטיקן גאַנג פֿון אַמעריקאַנער לעבן, קענען מיר נישט

זײַן גליקלעך. ווי אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע אַנטוויקלונגען, האַלט ראָזענפעלד, קערן זיך ייִדן אין אַמעריקע אום מיטן פּנים צו זיך, און דאָס איז אַ פּאָזיטיווע דערשײַנונג. און אויב עמעצער זאָל אײַנווענדן, אַז אַזאַ בליק אויף דער שײַכות צווישן ייִדן און אַמעריקע איז פּראָווינציעל און רעאַקציאָנער און איזאָלירנדיק; אויב עמעצער זאָל טענהן, אַז דער ייִדישער חלום איז דאָך אַלע מאָל געווען: אוניווערסאַליזם, נישט קולטור־נאַציאָנאַליזם, — וועט דעמאָלט ראָזענפעלד אים אַזוי ענטפערן: אמת, אוניווערסאַליזם איז אַלע מאָל געווען אַ טייל פון דער ייִדישער וויזיע, אָבער אונדזער ייִדישער אוניווערסאַליזם מוז אַרויסקומען פון דער באַזונדערער לאַגע, אין וועלכער ייִדן געפינען זיך אין אַ באַשטימטער עפּאָכע; און די איצטיקע תּקופֿה איז נישט גינסטיק פֿאַרן אוניווערסאַליסטישן חלום.

אין יעדער עפּאָכע, ווען ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן פֿילן אומבאַקוועם אין דער אַרומיקער קולטור, האָט עס פֿאַרשאַרפֿט זייער ראָלע ווי קולטור־קריטיקערס, און אין דער ראָלע האָבן ייִדן דערגרייכט שלימות אין הײַנטיקן יאָרהונדערט. פּראָפֿ׳ ראָזענפעלד געפֿינט אַ באַשטעטיקונג פֿאַר זײַן טעזיס בנוגע צוויי־קולטורישקייט אין סאָול בעלאָוס „סאַמלערס פּלאַנעט״, אין דזשאָרדזש סטיינערס „בלויבאָרדס שלאָס״ און בײַ אַנדערע ייִדיש־אַמעריקאַנער שרײַבערס. ער פֿאַרענדיקט זײַן גײַסטרײַכע עסיי מיט אַ ציטאַט פֿון י. ל. פּרצעס „עצה צו די צוריקקומענדיקע״. אין אָנהייב פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט האָט פּרץ באַטראַכט דעם קאָנטאַקט פֿון די צוויי קולטורן — ייִדישע און נישט־ייִדישע — ווי צוויי קײַלעכלעך, וואָס זײַנען אָנגעלאָדן מיט אַנטקעגנגעזעצטער עלעקטריציטעט, וואָס הענגען אויף צוויי באַזונדערע פֿעדעם אין דער לופֿט — זיי ציִען זיך צו און שטויסן זיך אָפּ.

„אַ מאָמענט לויפֿט מען זיך אַנטקעגן מיט ליבשאַפֿט און בענקשאַפֿט — באַהעפֿטן וויל מען זיך; און אַ מאָמענט פֿון אָפּשפּרינגען איינס פֿון צווייטן מיט עקל און האַס, און איינער נעמט פֿון צווייטן דעם ווײַטסטן וועג. דאָס זעלבע צווישן פֿעלקער; צײַטן פֿון צוציִען, אָקעגנלויפֿן, און צײַטן פֿון אָפּשפּרינגען, און אָפּשטויסן בײַטן זיך.

„דאָס זײַנען היסטאָרישע מאָמענטן: טעזע און אַנטי־טעזע.

„אין מאָמענט פֿון צוציִען וואַקסט דאָס מענטשלעכע, דאָס האַרציקע געפֿיל פֿאַר אַלעם וואָס מענטשלעך איז. שפּינען זיך פֿון

האַרציק גאַלדענע פעדעם די אַלגעמיין־מענטשלעכע אידעאַלן, און ס׳וועבן זיך די אַלגעמיין־מענטשלעכע אינטערעסן.

„אין מאָמענט פון אָפּשטויסן ציט זיך יעדעס פאָלק צוריק צו זיך אַליין, וויל עס האָבן התבודדות, חשבון הנפש, אַרײַנקלערן זיך אין זײַן אייגענער נשמה, שעפּן אוצרות פון אונטער דער באַוווסט־זיניקער שוועל. נעמט זיך יעדעס פאָלק צו זײַן היימישער אַרבעט, אַנטוויקלט עס זײַן אייגנאַרט; שפּינט און וועבט זיך דאָס אינטימע, היימיש־נשמהדיקע, דאָס פאָלקסטימלעכע, דאָס אינדיווידועל־נאַציאָ־נאַלע.

„און דער סינטעז?

„די קינפטיקע מענטשהייט, וואָס וועט באַשטיין פון איינצלנע פרײַע, זעלבשטענדיקע, און אייגנאַרטיקע פעלקער. אָבער פון דער צוקונפט האַלטן מיר נאָך ווײַט.״

אין פּשוטע ווערטער מיינט עס, אַז ראָזענפעלד רופט די אַמעריקאַנער ייִדישע יוגנט אַהיים, צו דער אייגענער קולטור און אָנצוהאַלטן ווײַטער און אויפצוהאַלטן בײַ זיך — ווי לייוויק האָט עס אויסגעדריקט — די הייליקע שליחות: אין אַ זאַטער וועלט זײַן דער אומרוגלאָק.

איז עס אַוודאי דערמוטיקנדיק פאַר ייִדיש־ייִדן צו הערן פון איינעם, וואָס קען זײַן דור און זײַן מיליע, אַז דער דריטער דור איז נישט אין גאַנצן אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין „נײַעם לינקס״, אָדער אין אַבסורדיזם און עזאָטעריקעס.

צווישן די יונגע אַמעריקאַנער ייִדישע אינטעלעקטואַלן זײַנען, פאַר־שטייט זיך, פאַראַן פרויען מיט אַלגעמיינער און ייִדישער לומדות, און עטלעכע האָבן אי וואָס צו זאָגן, אי זיי ווייסן ווי אַזוי עס צו זאָגן. פּאַולאַ היימאַן, וואָס פאַרענדיקט איצט איר דאָקטאָראַט אין ייִדישער געשיכטע, אין קאָלומביע־אוניווערסיטעט, מאַכט אַ קורצע עקסקורסיע אין ייִדישן עבר און זי קומט צום אויספיר, אַז ייִדישקייט איז קיין מאָל נישט געווען אַ מאָנאָליטישע קולטור פון איין גוס: אין יעדער תקופה זײַנען פאָרגע־קומען ענדערונגען אין דער ייִדישער מחשבה און פּראַקטיק. די הלכה האָט אַ מאָל רעאַגירט אויף דער ייִדישער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, אָבער אין אונדזער צײַט האָט זי עס אויפגעהערט טאָן, און עס זײַנען נישט אויפגעקומען קיין נײַע רעגולירנדיקע מעכאַניזמען צו לעגיטימירן ענדע־

רונגען. זי שטרײַכט אונטער, אַז עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז ייִדישקייט איז אַ פאַרענדיקטער פּראָדוקט, אַן אַנטיק, וואָס מען דאַרף פּרעזערווירן ווי עס גייט און שטייט. וואָס ס'איז רעלעוואַנט וועט בלײַבן לעבן און וואָס ס'איז נישט, וועט פאַרשווינדן. אַוודאי מוזן קרעאַטיווע ייִדן זײַן פאַר־וואָרצלט אין די שאַפּונגען פון די פריערדיקע דורות, אָבער מיר מוזן זײַן פרײַ צוצוטשעפּען נײַע צווײַגן אויפן געזונטן שטאַם פון דער ייִדישער טראַדיציע.

ייִדישקייט, אונטערשטרײַכט פּאָולאַ הײמאַן, איז דאָך נישט בלויז אַ דאָקטרין, נאָר אויך אַ לעבנסשטייגער. אפשר דערפאַר ווילן מיר נישט צוגעבן, אַז געוויסע שטחים אין אונדזער לעבן ווערן נישט באַלויכטן פון דער ייִדישער טראַדיציע. אַזוי, למשל, וועט אַ ייִדישע פעמיניסטקע דאַרפן פאַרשטיין, אַז די טראַדיציאָנעלע ייִדישע שטעלונג צו דער פרוי שפּיגלט אָפּ אַ סאָציאַלע רעאַליטעט, וואָס פאַרשווינדט צום גליק. מיר ייִדן וועלן בלײַבן לעבן אין אַ סעקולערער געזעלשאַפט, וואָס קען אונדז נישט געבן די זיכערקייט פון אַ געטלעכער אויטאָריטעט, ווי עס איז געווען ביז דער מאָדערנער צײַט. מיר וועלן כּסדר מוזן אויף ס'נײַ דעפינירן אונדזער ייִדישקייט, ווײַל מען קען נישט היילן דעם דורכרײַס אין היסטאָרישן המשך, וואָס איז געשען צוליב אונדזער אַרײַנשפּרונג אין מאָדערנקייט.

באַהאַוונטקייט אין דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור און אַ פּײַנעם אַרײַנדרינג אין איר מהות ווײַזט אַרויס דער סימפּאָזיאַנט לעאָנאַרד לעווין, וועלכער פאַרענדיקט זײַן דאָקטאָראַט אין ייִדישער געשיכטע און בראַנדייס־אוניווערסיטעט. ער טרעט אַרויס קעגן דעם סאָציאָלאָגיש־פּראַגמאַטישן צוגאַנג צו ייִדישקייט, וואָס איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען פּאָפּולער אין אַמעריקע. דער עיקר, האַלט ער, דאַרפן מיר זײַן פאַראינטערעסירט צו וויסן, צי אַן אידעע איז אמתדיק, וואָרן דער הויפּטקריזיס אין ייִדיש־קייט, פונקט ווי אין דער מערבֿ־קולטור, נעמט זיך פון דעם, וואָס די וויסנשאַפט און די פילאָסאָפיע האָבן אונטערגעגראָבן דעם באָדן פון רע־ליגיע. מיר מוזן דעריבער אָננעמען, אַז: 1) מיר קענען רעדן ווי ייִדן נאָר ווען מיר אַנערקענען, אַז מיר זײַנען אין אַ גרויסער מאָל געפורעמט געוואָרן פון דער אַלגעמיינער קולטור; 2) דער גײַסט פון אונדזער ייִדיש־קייט מוז ווערן געמאָסטן דורך אונדזער פעיִקייט זיך צו האַלטן שטאַרק

אַפילו ווען די מאָדע איז קעגן איר; 3) צו זײַן געדעכט צו די אַלגעמיינע און ייִדישע קאָמפּאָנענטן פון אונדזער איך מוזן מיר די דאָזיקע באַשטאַנד־טײלן אינטעגרירן.

ער גיט דערנאָך אָן איבערבליק איבער די גײַסטיקע שטרעמונגען אין ייִדנטום במשך פון די לעצטע צוויי הונדערט יאָר און ער פירט אויס, אַז די ייִדישע קולטור האָט דערגרייכט רײַפקייט אין מזרח־אייראָפּע נאָך 1880, ווען ייִדן האָבן אָנגענומען די אַרומיקע וועלטלעכע קולטור און זי קאָמבי־נירט מיט ייִדישער פאָלקישקייט. אין דער דאָזיקער סביבה איז אויפגע־קומען דער העברעיִשער רענעסאַנס, די גאָלדענע תקופה פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דער ציוניזם, דער גלות־נאַציאָנאַליזם און דער ייִדישער סאָציאַליזם. די דאָזיקע קולטור־ירושה איז צום גרעסטן טייל צעטרענצלט געוואָרן אין אַמעריקע צוליב דער שפּראַך־באַריערע און צוליב דעם גײַסטיק נאָך מאַטעריעלן דערפאָלג.

דער פאַקט, וואָס די סינאַגאָגע אין אַמעריקע האָט געקראָגן די אייבער־האַנט איבער וועלטלעכער ייִדישקייט, מיינט לעווין, איז אַ באַווײַז אַז מיר נייטיקן זיך אין טראַדיציעס, און אויך אַז מיר האָבן נישט געשאַפן קיין אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן באַפרידיקן די נויטן פון איצטיקן דור. ער האַלט דעריבער, אַז מיר דאַרפן זיך באַמיען צוריקצוקריגן די פאַרוואָרפענע מזרח־אייראָפּעיִשע ירושה, און אַמעריקאַנער ייִדן מוזן ווידער אָנהייבן לערנען תורה לשמה, און נישט תורה, כּדי צו מאַכן געלט. פאַר אַזאַ סאָרט ייִדישקייט דאַרף מען אַרבעטן.

הגם מיר קענען נישט מסכּים זײַן מיט לעווינען אַז אין דער ביטערער מערכה פון דער וועלטלעכער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע זײַנען די הויפּט־שולדיקע בלויז סוביעקטיווע פאַקטאָרן — דאָס איז זייער סימפּלי־ציסטיש — פון דעסטוועגן איז „זײַן האַרץ אויפן ריכטיקן אָרט״.

יונתן ב. דוביצקי, אַ סטודענט אין האַרוואַרד, ווײַזט אַרויס אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דער אַמעריקאַנער ייִדישער ווירקלעכקייט און ער לייגט פאַר אַ פּראָגראַם, ווי צו פאַרשטאַרקן ייִדיש לעבן און שאַפן אין צוויי קולטורן. ראשית, קען די פּראָבלעם נישט פאַרענטפערט ווערן דורך אַנטלויפן קיין ישראל, און, צווייטנס, אַ ייִדיש לעבן אין אַמעריקע, וואָס וועט קאָנען זײַן לעבנספעיִק, פאַרלאַנגט אַן ענגע שײַכות מיט דער היגער

פּאָליטיש־סאָציאַלער סביבה. דער פּאַקט, וואָס מרדכי קאַפּלאַנס רעקאָנ־סטרוקציאָניזם איז געוואָרן אַ סטאַגנירנדיק וואַסערל — אָט די דאָזיקע גלײַכגילטיקייט מצד אַמעריקאַנער ייִדן צו אידעאָלאָגיעס באַווײַזט, אַז די פּראָבלעם פון לעבן אין צוויי קולטורן איז נישט מאָטיווירט געוואָרן דורך טיפע שטראָמען. אָבער דאָס איז נישט דערפאַר, וואָס דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ האָט שוין אויפגעגעבן זײַן אייגענע קולטור. דער קריזיס אין אימיגראַנטן־דור ווערט איצט אָפּגעשלאָסן: דער איצטיקער דור איז נישט געוואָרן אַסימילירט, ער אַקצעפּטירט זײַן ייִדישקייט, הגם בלויז אויסערלעך, אָבער ער האָט נישט אָנגענומען אַלע אַריבערגעבראַכטע אידעאָלאָגיעס. אַמעריקאַנער ייִדן זײַנען לאָיאַל צו מדינת ישראל, אָבער זיי קענען נישט פאַרבלײַבן כּסדר אין אַ סיטואַציע פון נישט־אַהין־נישט־אַהער, ווען מען פּראָקלאַמירט נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אידענטיפיקאַציע און מען טוט ווייניק וועגן דעם.

דערבײַ קומט דוביצקי אַרויס מיט אַזאַ געדאַנק: די פּראַגע פון לעבן אין צוויי קולטורן, האַלט ער, איז אויך חל אין ישראל. אויך דאָרטן עקסיסטירט די פּראָבלעם, אָבער אין דער ייִדישער מדינה קען מען אָפּלייגן דעם ענין. לויט דוביצקין איז פאַראַן אַ סכּנה, אַז אין מדינת ישראל זאָל ייִדישקייט ווערן אַראָפּגעשווענקט, און אָט פאַר וואָס:

דער פּראָגרעס פון מאַטעריעלער קולטור האָט זײַט דער השכּלה אָפּ־געווישט נאַציאָנאַלע ספּעציפישקייטן. אין די מערב־אייראָפּעיִשע לענדער זעט מען די זעלביקע טעלעוויזיע־פּראָגראַמען, מען אַרבעט פאַר די זעל־ביקע אינטערנאַציאָנאַלע טראַסטן און מען קויפט די זעלביקע אויטאָ־מאָבילן. דאָס גיט אייראָפּעער מער בשותּפותדיקס ווי זייער נאַציאָנאַלע קולטור־ירושה קען האַלטן אָפּגעזונדערט. פאַר ישראל איז נישט געוווּנטשן און נישט מעגלעך זיך צו איזאָלירן פון דער אייראָפּעיִש־אַמעריקאַנער טעכנאָלאָגיע. אָבער אין אַזאַ טעכנאָלאָגיש־אויסגלײַכערישער ראַם ווי וועט מען קענען אויפהאַלטן אַ ספּעציפיש ייִדישע קולטור? דאָס איז אַ פּראַגע פון לעבן אין צוויי קולטורן, וואָס מען קען אויך נישט אויסמײַדן אין ישראל.

אָבער דער יונגער דוביצקי געפינט אויך אַ לייזונג פאַר אַמעריקאַנער ייִדן. אויב מיר מוזן שנעלער ווי ישראל געפינען אַן ענטפער אויף דער

פּראָבלעם פון צוויי־קולטורישקייט, זײַנען מיר גליקלעך דערמיט, וואָס די לעצטע אַנטוויקלונגען אין אַמעריקע גיבן אונדז ייִדן נײַע געלעגנהייטן אויסצואַרבעטן נײַע צופּאַסונגען. וואָרעם אין די לעצטע יאָרן זעען מיר אין אַמעריקע צוויי טענדענצן אין שײַכות צו דער ייִדישער סיטואַציע: מען וועט קענען אָפענער דערקלערן עטנישע אָנגעהעריקייט; מען וועט קענען בעסער אָפּהיטן עטנישע ווערטן און מער משפּיע זײַן אַמעריקאַנער פּאָליטיק אַז ייִדישע אינטערעסן זאָלן קריגן אַ שטאַרקערע אָנערקענונג. און דאָ באַקלאָגט זיך דוביצקי — און מיר מיינען, אַז מיט רעכט — אַז די דאָזיקע טענדענצן האָבן אַ שוואַכן אָפּקלאַנג אין דעם היגן ייִדישן קיבוץ, גלײַך ווי מיר וואָלטן שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז דאָס געשטאַלט פון דער ייִדישער שײַכות צו דער אַמעריקאַנער סביבה איז שוין אויף אייביק פולשטענדיק אויסגעפורעמט און ס'האָט נישט קיין זין עס צו ווענדן ענדערן.

דוביצקי איז איבערצײַגט, אַז די ענדערונגען, וואָס קומען פאַר הײַנט אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט, וועלן פירן דערצו אַז דאָס לעבן אין צוויי קולטורן וועט פאַר ייִדן שאַפן אַ גײַסטיק העכערע און שאַפערישערע אַטמאָספער. ער פירט דעריבער אויס זײַן לאָגיש קאָנסטרויִרטע עסיי, אַז די הײַנטיקע איבערגאַנג־צײַט אין אַמעריקע גיט אַ גוואַלדיקע געלעגנהייט די ייִדן צו העלפן שאַפן דאָ אַ סביבה, וואָס וועט זײַן גינסטיק פאַר אַן אויטאָנאָם ייִדיש לעבן. ער באַקלאָגט זיך אָבער, אַז אַמעריקאַנער ייִדן ווײַזן אַרויס ווייניקער קעמפערישקייט ווי יעדער אַנדער עטנישע גרופּע פאַר זייערע קאָלעקטיווע אינטערעסן, אַחוץ אין שײַכות צו ישראל. ער רופט די ייִדישע יוגנט צו שטיצן אַלע ייִדישע טאָגשולן, די ייִדישיסטישע און די רעליגיעזע.

פאַרשטייט זיך אַז דוביצקי איז אויך באַוווסטזיניק וועגן די נעגאַטיווע זײַטן פון דער נײַער עטנישער פּאָליטיק. ער ווייסט, אַז עטנישקייט קען באַדראָען ייִדישע אינטערעסן און טראַדיציאָנעלע דעמאָקראַטישע באַגריפן. קוואָטעס לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער באַפעלקערונג — דאָס איז געפערלעך פאַר ייִדן, וואָס באַטרעפן קנאַפּע דרײַ פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג. אָבער די דאָזיקע נעגאַטיווע זײַט פון דער נײַער עטנישקייט — האַלט ער — איז אַ באַווײַז, אַז די פּראָבלעם פון לעבן אין צוויי קולטורן האָט צוויי אַספּעקטן: אַן אינעווייניקסטן און אַן אויסנווייניקסטן, וואָס

זײַנען צום טייל אָפּהענגיק פֿון פּאָליטישער אַקציע. אויב ייִדן און ספּעציעל די ייִדישע יוגנט זאָלן אַרויסווײַזן מער מיליטאַנטישקייט, קען מען לײַכט בײַקומען די מינוסן פֿון דער עטנישער באַוועגונג.

*

דער נײַער עטניציזם אין אַן ענין וועלכן מיר האָבן באַזונדער באַהאַנדלט. דאָ ווילן מיר בלויז מאַכן עטלעכע אויספֿירן אין שײַכות מיט אָט דעם סימפּאָזיום. די דאָזיקע אַנקעטע איז נישט דורכגעפֿירט געוואָרן לויט די סאָציאָלאָגיש־סטאַטיסטישע פֿאָרשמעטאָדן פֿון אַ „גאַלאָפּ־פּאָל״. מיר קענען פֿון דעם נישט אַרויסדרינגען, ווי גרויס ס׳איז דער פּראָצענט פֿון פּאָזיטיוו אָריענטירטע צו ייִדישן קיום אין אַמעריקע בײַם דריטן דור. איר קענט זיך פֿון דעם אויך נישט דערוויסן, ווי גרויס ס׳איז די פּראָפּאָרציע פֿון רעליגיעזע צו וועלטלעכע. וואָס מיר קענען אָבער יאָ אָפּלערנען פֿון דעם סימפּאָזיום איז: אַ קוואַליטאַטיוו וויכטיקער טייל פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט ווערט געטראָגן פֿון די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, פֿאַר וועלכע דער ערשטער דור — די ייִדישע אימיגראַנטן פֿון מזרח־אייראָפּע — האָט זיך געווידמעט. מיר זײַנען נישט אָן יורשים — ווי מען וויל אונדז אײַנרעדן — הגם די יורשים אונדזערע זײַנען נישט אַזוי פּילצאָליק, ווי מיר וואָלטן געוואָלט און ווי מיר פֿאַרדינען. אַלע באַטייליקטע אין סימפּאָזיום אַפֿירמירן ייִדישע עקסיסטענץ און די ייִדישע קולטור־ירושה; זיי זײַנען באַזאָרגט, ווי זי צו מאַכן לעבנספֿעיִק אין לעצטן פֿערטל פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט. ס׳איז נישט וויכטיק, צי אונדז געפֿעלט די אָדער יענע תּרופֿה צו אונדזערע דילעמעס; וויכטיק איז, וואָס די יונגע אינטעליגענץ זוכט רעצעפּטן צו היילן די קראַנקייטן — און אַז מען זוכט — געפֿינט מען.

(1973)

יידישע טאָגשולן אין אַמעריקע

עס איז אַלעמען באַקאַנט אַז די יידיש־וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע פון אַלע שאַטירונגען מאַכן דורך אַ שווערן קריזיס דווקא איצט ווען דער אינטערעס צו יידיש שטייגט. די צאָל תּלמידים איז לעצטנס געפאַלן און אויך קיין יונגע לערערס מיט אַ גענוגנדיקן יידישן באַגאַזש קען מען נישט קריגן. דערפאַר טאָרן די אַלע וואָס זיינען זיך מתעסק מיטן יידישן חינוך נישט שווייגן, אויב זיי גלויבן אַז ס'איז נישט צו שפּעט אָפּצושטעלן דעם באַרג־אַראָפּ. און הגם קיינער קען נישט גאַראַנטירן פון פאָרויס, אַז די אָדער יענע תּרופה וועט ברענגען די ישועה, מוז ער פון דעסטוועגן פאָרלייגן דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט זיין רפואה צו דער קראַנקייט.

אַז יידישע דערציִונג מוז האָבן אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט די סאַמע ערשטע פּריאָריטעט, איז נישט נייטיק צו באַווייזן; אָן אַ תּוכיקער יידישער דערציִונג וואָס וועט פאַרוואָרצלען די יידישע יוגנט אין דער יידישער קולטור קען נישט זיין קיין שעפערישער המשך. דאָס איז געווען אמת אין אַלע צייטן, אין אַלע לענדער פון דער יידישער צעשפּרייטקייט, און נאָך מער איז עס ריכטיק איצט, ווען יידן ווערן אַלץ מער אינטעגרירט אין דער אַרומיקער נישט־יידישער ציוויליזאַציע.

אַוודאי זיינען פאַראַן נעגאַטיווע פאַקטאָרן, ווי רדיפות, אַנטיסעמיטיזם, און פּאָזיטיווע פאַקטאָרן, מדינת ישראל, יידישע אינסטיטוציעס, וואָס העלפן מיט אין קאַמף פאַר נאַציאָנאַלן יידישן קיום אין די תּפוצות. אָבער די דאָזיקע פאַקטאָרן אַליין — אָן אַ יידישן חינוך — זיינען ווייט נישט קיין גאַראַנטיע פאַר אַ שעפערישן המשך.

אויף רדיפות און אַנטיסעמיטיזם אַליין קען זיך נישט אָנשפּאַרן דער יידישער קיום; וואָרעם, ראשית, האָפן מיר נאָך אַלץ אַז די שׂנאת־ישׂראל וועט ווען עס איז פאַרשווינדן. והשנית קען אַנטיסעמיטיזם אויך האָבן — און ער האָט טאַקע — אַ פאַרקערטע ווירקונג. אויב יידיש־זיין איז פאַרבונדן מיט ליידן און סכּנות, לאָמיר דערפון פּטור ווערן; אַזוי טראַכט אַ היפּש ביסל יידישע יוגנט וואָס האָט קיין יידישע דערציִונג נישט באַקומען.

אויך מדינת ישראל — אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר לטובת ייִדישן קיום אין גלות — קען נישט זײַן געגוג ווי אַן אויפהאַלטנדיקער כּוח פון ייִדישן לעבן אין די תּפוצות. אַוודאי איז די עקסיסטענץ און די זאָרג פאַרן גורל פון מדינת ישראל אַ באַנד וואָס האַלט צוזאַמען און פילט אַן מיט שטאָלץ די ייִדן אין אַמעריקע. דאָך צעצינדט זיך דאָס „פּינטעלע ייִד" בײַ די היגע ייִדן דער עיקר אין דראַמאַטישע סכּנה־מאָמענטן, אַזוי ווי אין 1948 אָדער 1967, בעת דעם 6־טאָגיקן קריג. אין שטילע צײַטן קען מען זיך נישט פאַרלאָזן אַז די זון פון ישראל, „דעם גײַסטיקן צענטער", וועט אַזוי באַשטראַלן דעם היגן גלות אַז דאָ זאָל אויפבליִען, מיטן כּוח פון דער ישראלדיקער זון אַליין, ייִדישע תּורה און חכמה. אויב דאָ, אין די תּפוצות, זאָל חלילה ווערן אַ גײַסטיקער מדבר, וועלן פון דער ישראלדיקער זונס שטראַלן נישט וואַקסן דאָ קיין ייִדישע לומדים און שעפערישע מענטשן. דער גלות־ייִד קען נישט לעבן בלויז אויף אימפּאָרטירטער תּורה; ער מוז זי אַליין אויך פּראָדוצירן.

דערפאַר קען אַן ייִדישער דערציִונג נישט זײַן קיין ייִדישער קולטור־המשך. ספּעציעל דאָ, אין צפון־אַמעריקע, ווו מיר בילדן בלויז 3 פּראָצענט פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג, און ווו די נישט־ייִדישע קולטור דרינגט אַרײַן אין אַלע ווינקעלעך פון ייִדישן פּריוואַטן און עפנטלעכן לעבן. דאָ מוז ייִדישער חינוך זײַן די צענטראַלע פראַגע אין אונדזער לעבן. צי וועלן אונדזערע קינדער טאַקע זײַן אונדזערע? צי וועלן אונדזער גורל, אונדזערע ווערטן, אונדזער ליטעראַטור זײַן זייער נאָענט און אייגן? — אָט דאָס איז די פראַגע איבער אַלע פראַגן.

ס'איז נייטיק דאָ צו דערמאָנען, אַז די אַמאָליקע מאָטיווירונגען פאַר דער ייִדישער שול אויף ייִדיש קענען איצט, אין לעצטן דריטל פון יאָר־הונדערט, מער נישט זײַן גילטיק. אין דער אימיגראַנטישער תּקופה, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט מען מאָטיווירט די ייִדישע וועלטלעכע שול דערמיט וואָס זי וועט דערנעענטערן די קינדער צו די עלטערן; זי וועט העלפן אָפּשאַפן די וואַנט צווישן די ייִדיש־רעדנדיקע עלטערן און די ענגליש־רעדנדיקע קינדער. מען פלעגט אויך אַרגומענטירן אַז די פּאַבליק־סקול שטעקט אַן די קינדער מיטן גײַסט פון מאַטעריאַליזם, בעת די ייִדישע שול וועט פאַרפלאַנצן אין די קינדער דעם אידעאַל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

הײַנט־צו־טאָג איז אַזאַ מאָטיווירונג נישט גילטיק, ווײַל אי דער צווייטער, אי דער דריטער דור אין אַמעריקע רעדט ענגליש; נישטאָ צווישן זיי קיין שפּראַך־מחיצה. ס׳איז אויך מער נישט חל דער געדאַנק אַז צוליב וועלכן ס׳איז „איזם״ דאַרף מען אַ שול אויף ייִדיש; די קינדער קענען יעדן „איזם״ וואָס איז טײַער די עלטערן לערנען אויף ענגליש. איצט, אין די 70־ער יאָרן, ווען ייִדישע עלטערן זײַנען אין זייער גרויסער מערהייט מער נישט פאַרקאַכט אין פּאָליטישע „איזמען״, איצט קען מען די ייִדיש־וועלטלעכע שול בלויז מאָטיווירן מיט שעפערישן ייִדישן קיום, און דאָס איז מחייב ייִדיש און ייִדישקייט.

ייִדיש — ווײַל דאָס ייִדישע לשון און די ליטעראַטור אויף ייִדיש זײַנען דער שליסל, דער טויער צו אַ טויזנט־יאָריקער ציוויליזאַציע: ווײַל דורך ייִדיש, דורכן ייִדישן ליד, דורך דער ייִדישער דערציילונג ווערן די קינדער אינטים פאַרקניפּט מיטן לעבן און מיט די חלומות פון פריִערדיקע ייִדישע דורות. אַן אַמעריקאַנער ייִדיש קינד, אַפילו ווען עס וועט טאָג־טעגלעך נישט רעדן קיין ייִדיש, אָבער עס וועט האָבן געלערנט במשך עטלעכע יאָר שלום־עליכמען, פּרצן, רייזענען, מאַני לייבן, וועט זײַן אַ סך סענסיטיווער צו ייִדן, זייערע לײַדן און פריידן, ווי אַ קינד וועמען ייִדיש איז פרעמד. אַן אַמעריקאַנער ייִדישער קריטיקער האָט אַנומלט אויסגע־דריקט דעם געדאַנק אַז ייִדישע וואָרטקינסטלערס וואָס שרײַבן ענגליש, אָבער זיי קענען ייִדיש, ווי אַ סאָול בעלאָו, אַ בערנאַרד מאַלאַמוד — אַז די ווערק פון די דאָזיקע שרײַבערס זײַנען עכטער, טיפער, קינסטלערישער ווי די ענגלישע ווערק פון די ייִדן־שרײַבערס וואָס קענען נישט קיין ייִדיש.

פון מענדעלען ביז לייוויקן, און די הײַנט שרײַבנדיקע קינסטלערס, איז געשאַפן געוואָרן אַ גראַנדיעזער פאָלקס־בנין — די ייִדישע ליטעראַטור — וואָס טאָר נישט זײַן אומבאַקאַנט אונדזערע קינדער. אויב מיר זאָלן פון דעם אוצר נישט איבערגעבן, אין אָריגינאַל, כאָטש פראַגמענטן, וואָלטן זיי אָרעמער געוואָרן און אונדזער קאָלעקטיוו גייסטיק לעבן וואָלט דורך דעם געוואָרן בלאַס, אַנעמיש, טונקל. און קיין אַנדער טיפּ שול, ווי די ייִדיש־וועלטלעכע, טוט דאָס נישט! דערפאַר איז ייִדיש ווײַטער אַ מוז אין קוריקולום פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול.

ייִדישקייט ד.ה. די ייִדישע קולטור און אַלע אירע אויסשטראַלונגען, אײַנשליסנדיק העברעיִש, דעם תּנ״ך, ייִדישע געשיכטע, ייִדישע טראַדיציעס,

שבת און יום טוב־פייערונגען — אַט דאָס אַלץ מוז ווײַטער פאַרבלײַבן אין לימודים־פּראָגראַם פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול. אַן ייִדישקייט איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט, אַז די קומענדיקע דורות וועלן ממשיך זײַן אַ שעפערישן קיום אין אַמעריקע; דאָס איז אַזאַ באַשײַמפּעלעכער אמת אַז ס׳איז איבעריק וועגן דעם צו רעדן.

ס׳איז אָבער יאָ וויכטיק צו באַטאָנען אַז די פּיאָנערן און די בויערס פון די ייִדיש־וועלטלעכע שולן פון אַלע שאַטירונגען האָבן געגלויבט און גלויבן נאָך הײַנט, אַז ס׳איז מעגלעך און ווינטשנסווערט אָנצוהאַלטן אַ שעפערישע עקסיסטענץ אין אַמעריקע. דער אינהאַלט פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער קולטור וועט אפשר נישט זײַן אַזוי מקורותדיק ווי דער תּוכן פון דער ישראלדיקער ייִדישקייט, וואָס מ׳שאַפט אין אַן אייגענער מדינה; אָבער הגם אַנדערש פון דער ייִדישער קולטור אין דער אייגענער מדינה, קען דאָך די אַמעריקאַנער וועלטלעכע ייִדישקייט זײַן אי דורותדיק אי מאָדערן, און ממילא ווערטפול פאַר ייִדן אין דער וועלט.

עס איז דעריבער קלאָר אַז אַ תּוכיקע ייִדישע דערציִונג מוז האָבן די ערשטע פּריאָריטעט אויפן סדר היום פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכ־קייט אין אַמעריקע. איז ווו האַלטן מיר, אין ליכט פון די פריער דער־מאָנטע הנחות, מיט דער ייִדיש־וועלטלעכערשול אין אַמעריקע? במשך די לעצטע 20 יאָר זײַנען, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, פאָרגעקומען פיר גרונט־אַנטוויקלונגען אין שײַכות צום ייִדישן חינוך:

א) די היגע ייִדן זײַנען איצט מער אינטעגרירט אין דער קולטור פון לאַנד, און, ווי אַ רעזולטאַט דערפון, שפּראַכלעך מער אַסימילירט. דערפאַר, אין דער ערשטער ריי, איז געפאַלן די צירקולאַציע פון די ייִדישע צײַטונגען און ס׳האָט זיך פאַרשטאַרקט דער קריזיס אין בעסערן ייִדישן טעאַטער. בײַם רודער פון רוב ייִדיש־וועלטלעכע שולן שטייט איצט דער צווייטער דור, די קינדער פון די פּיאָנערן וואָס האָבן געגרינדעט די שולן. מערסטע פון די איצטיקע דאָ־געבאָרענע שולטוערס זײַנען טעטיק אין שול כּל־זמן זייערע אייגענע קינדער לערנען דאָרטן. מיטן מאָמענט ווען זייערע קינדער האָבן גראַדויִרט פון דער שול, הערן זיי אויף זייער טעטיקייט. פאַראַן צווישן זיי ווייניק שולטוערס פאַר יענעמס קינדער, ווי דער פאַל איז געווען בײַם ערשטן דור.

ב) דער איצטיקער קאַדער לערערס אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן שטאַמט נאָך צום גרעסטן טייל פון מזרח־אייראָפּע: ער פאַרענדיקט איצט זיין ראָלע, און זיינע לעצטע רעשטלעך גייען ליידער שנעל אַראָפּ פון דער סצענע. די דאָזיקע לערערס זיינען נישט אַלע מאָל געווען געשולטע פּעדאַגאָגן, אָבער וואָס עס האָט זיי געפעלט אין אויסשולונג, האָבן זיי דערגאַנצט מיט ליבשאַפט, מיט אידעאַליזם, מיט אמונה. די ייִדישע שולן לעבן איצט אויף די שיריים פון דעם דור. עס זעט זיך נישט קיין רעזערוו־וואַר פון יונגע, דאָ־דערצויגענע לערערס מיט באַהאַוונטקייט אין דער ייִדישער און אַמעריקאַנער קולטור, ווייל מיר האָבן דאָך איצט צו טאָן מיט אַן אַנדער דור עלטערן. אמת, מיר פאַרמאָגן אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אַ צאָל דאָ־געבוירענע ייִדישע לערערס, אָבער דאָס זיינען צום גרעסטן טייל, אָדער יונגע פרויען וואָס קענען בלויז אָפּגעבן איין־צוויי טעג אַ וואָך אויף ייִדישער לערעריי, אָדער יונגעלייט וואָס שטודירן אַ פּראָפעסיע און זיינען לערערס אויף דערווייל, ביז זיי וועלן פאַרענדיקן זייערע שטודיעס.

ג) ס׳האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט די קאָנגרעגאַציע־שול. יעדע סינאַגאָגע האָט איר קינדערשול, און דאָס איז די גרעסטע אַטראַקציע אויף צו קריגן מיטגלידער. פאַרשטייט זיך אַז די גרעסערע קאָנגרעגאַציעס — די טעמפּלען און סינאַגאָגעס — פאַרמאָגן אַ היפּשן שטאַב אָנגעשטעלטע; אַ ראַביי און עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר, אַ פּרינציפּאַל, סעקרעטאַרינס און לערערס. די אַלע קענען ווערן איינגעשפּאַנט לטובת דער קינדערשול. אַפילו דאָרט ווו די ייִדישע וועלטלעכע שולן געפינען זיך אין אייגענע בנינים, פאַרמאָגן זיי נישט אַזעלכע אַפּאַראַטן מיט די נויטיקע בודזשעטן.

ד) במשך די לעצטע צען יאָר זיינען זיך שטאַרק צעוואַקסן די ייִדיש־רעליגיעזע טאָגשולן, אַזוי אַז איצט זיינען שוין פאַראַן אַרום 300 טאָגשולן מיט 60,000 תּלמידים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. געמערט האָבן זיך די טאָגשולן ווייל די אָרטאָדאָקסיע האָט איינגעזען פריער ווי די אַנדערע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ, אַז כּדי צו האָבן אַ רעזערוואַר פון לערערס און רבנים מוז מען געבן אונדזערע קינדער אַן אינטענסיווע ייִדישע דערציִונג, און דאָס איז מחייב טאָגשולן.

לעצטנס איז צוגעקומען אַ נייער פאַקטאָר לטובת דער ייִדישער טאָג־

שול: די וואַקסנדיקע אַקצעפּטירונג פון קולטור־פּלוראַליזם און עטנישע באַזונדערקייט ווי לעגיטימע אויסדרוקן פון אַמעריקאַנער לעבן. די מינאָ־ריטעט־קולטורן פון די שוואַרצע און די פּאַרטאָריקאַנער ווערן אַלץ ברייטער אָנגענומען אין די לערן־פּראָגראַמען פון די אַמעריקאַנער בילדונגס־אינסטיטוציעס, אָנהייבנדיק פון די פּאַבליק־סקולס ביזן אוניווערסיטעט. דערצו פאַלט איצט אָפּ די אַלטע טענה קעגן דער ייִדישער טאָגשול, אַז זי איז סעפּאַראַטיסטיש, ווײַל די אָנגייענדיקע דעצענטראַליזאַציע פון די פּאַבליק־סקולס אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע טיילן פון לאַנד, באַדײַט אַז די עפנטלעכע שול הערט אויף טיילווײַז צו זײַן דער „שמעלצטאָפּ". די פּאַבליק־סקולס וואָס ווערן אַלץ מער עטניש־אָריענטירט, וועלן נישט זײַן קיין סך אַנדערש אין זייער דערציִערישן אינהאַלט פון דער פּריוואַטער טאָגשול. דערפאַר קען מען איצט נישט מער באַרעכטיקן די קעגנערשאַפט צו דער ייִדישער טאָגשול מיטן אַרגומענט אַז זי איז עטניש־סעפּאַראַטיסטיש, וואָרעם די פּאַבליק־סקולס זײַנען דאָך נישט אַ סך אַנדערש. די טענדענץ צו קולטור־פּלוראַליזם, די שטרעבונג איבערצוגעבן די קינדער די אייגענע קולטור־ירושה בײַ די פאַרשידענע עטנישע מינאָריטעטן אין אַמעריקע. מוז באַווירקן אויך דעם היגן ייִדישן קיבוץ און וועט אַלץ מער אַרויסרופן די ייִדישע טאָגשול אין סאַמע צענטער פון סדר־היום אין דער ייִדישער אַמעריקע.

אָבער אויב דאָס אַלץ איז חל אויף אַלע ריכטונגען אין אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן, איז עס אָבער נאָך מער אָנווענדלעך לגבי דעם ייִדיש־וועלטלעכן סעקטאָר, וווּ די ייִדישע שפּראַך פאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין זײַן לעבן און אין זײַנע חינוך־אינסטיטוציעס. דאָ, אין דעם סעקטאָר, זײַנען פאַראַן ספּעציעלע סיבות וואָס פאָדערן דאָס באַלדיקע עטאַבלירן כאָטש עטלעכע טאָגשולן, מיטן לימוד פון ייִדיש אין סאַמע צענטער פון קוריקולום.

איצט, ווען די ייִדיש־אַמעריקאַנער היים פון צווייטן און דריטן דור איז שפּראַכלעך אַסימילירט — איז נישט מעגלעך אַ פּעולהדיקע דערציִונג סײַדן אין אַ טאָגשול. אויף אַ מאָגערער דיעטע פון 3־2 שעה אַ וואָך, אין אַ נאָכמיטאָג־ אָדער זונטיקשול וועלן די תּלמידים דערגרייכן אַזוי ווייניק אַז זיי וועלן נישט קענען לייענען אַפילו אברהם רייזענען אָדער מאַני לייבן, און אַוודאי נישט שלום־עליכמען און פּרצן.

צווייטנס, פון וואַנען וועלן מיר נעמען לערערס, שרײַבערס און ייִדיש־קענערס, סײַדן פון טאָגשולן! דער מזרח־אייראָפּעיִשער רעזערוואַר איז מער נישטאָ און אויך די סאַבראַס זײַנען אין זייער רוב נישט קיין ייִדיש־קענערס, און ממילא נישט קיין קוואַל פון וואַנען מ׳קען דערוואַרטן ייִדישע לערערס. מ׳קען אויך נישט בויען די צוקונפט אויף די ייִדיש־אולפּנים וואָס עטלעכע ייִדישע העכערע לערנאַנשטאַלטן האָבן לעצטנס אײַנגעשטעלט די גראַדואַנטן פון די דאָזיקע קורסן וועלן אין בעסטן פאַל ווערן לערערס פון ייִדיש־קורסן אין די קאַלעדזשעס. הלוואי! זיי גרייטן זיך אָבער נישט צו ווערן לערערס אין עלעמענטאַרע שולן.

פאַרשטייט זיך אַז מיר מיינען נישט מ׳זאָל אויפגעבן די נאָכמיטאָג־שולן. ניין! דאָ רעדט זיך נישט וועגן קאָנצענטרירן בלויז אויף טאָגשולן. און אויב מיר זאָלן בויען עטלעכע טאָגשולן — ייִדישע — אין די גרויסע ייִדיש־אַמעריקאַנער שטעט, וועט עס נאָך אַלץ נישט באַטרעפן אַפילו איין פּראָצענט (5400) קינדער פון די 540,000 תּלמידים וואָס לערנען איצט אין אַלערליי ייִדישע דערציִונגס־אַנשטאַלטן אין אַמעריקע.

דערפאַר איז אַזוי שווער צו פאַרשטיין די קעגנערשאַפט צו ייִדיש־וועלטלעכע טאָגשולן. סײַדן מיר זאָלן אָננעמען אַז די דאָזיקע קעגנערס זײַנען אין דער אמתן אַ גילגול פון די אַמאָליקע „קאָסמאָפּאָליטן״, וועמען ס׳אַרט ווייניק דער קולטור־המשך פון זייער אייגענעם סעקטאָר — דעם ייִדיש־וועלטלעכן. וואָרעם אויב מיר אַליין וועלן נישט צוגרייטן אין ייִדיש־וועלטלעכע שולן קיין לערערס, קיין ייִדיש־אינטעליגענץ, ווי אַזוי קען מען פאַרזיכערן אַ צוקונפט פאַר דער ייִדיש־קולטור?

מיר קענען דאָך נישט בויען די צוקונפט אויפן יסוד פון... אַריבער־לויפערס פון אַנדערע ריכטונגען. אַפילו ווען דאָס זאָל געשען, קענען דאָך די דאָזיקע אַריבערלויפערס נישט די ייִדיש־קולטור!

ס׳איז אַוודאי וויכטיק צו געדענקען אַז ווי אַ פאַרבאַדינג צום שאַפן פון ייִדיש־וועלטלעכע טאָגשולן איז נייטיק אַ פאַראייניקונג פון אַלע כּוחות וואָס שטייען אויפן יסוד פון ייִדיש; ייִדיש ווי אַ וועזנטלעכער באַשטאַנד־טייל פון דער גײַסטיקער ירושה וואָס מיר ווילן איבערגעבן די קומענדיקע דורות. עס זײַנען פאַראַן אידעאָלאָגישע אונטערשיידן צווישן די עטלעכע

שאַטירונגען וואָס שטעלן צוזאַמען דעם ייִדיש־סעקטאָר אין אַמעריקע, אָבער דאָס זײַנען בלויז אַנדערשקייטן אין ניואַנסן, נישט אין יסודותדיקע ענינים. די דאָזיקע מיינונגס־פֿאַרשידנקייטן זײַנען נישט גרויס גענוג אַז מ׳זאָל צוליב זיי שטעלן אין געפֿאַר דעם גאַנצן ייִדיש־סעקטאָר. מיט פֿאַראייניקטע כּוחות וועט מען קענען שאַפֿן גענוג פּרעסטיזש, באַלוינונג, און סאַטיספֿאַקציע פֿאַר יונגע, טאַלאַנטפֿולע מענטשן וואָס זאָלן זיך ווידמען ייִדישער לערערײַ.

(1971)

די צוקונפט פון וועלטלעכער ייִדישקייט

(אַן אינטערוויו)

י. ש.: די ערשטע און אפשר די וויכטיקסטע פראַגע איז: וואָס מיינט איר, איז דער טײַטש פון דער פראַזע „וועלטלעכע ייִדישקייט"?

גוטמאַן: קודם־כּל הייב איך אָן מיט דעם וואָס מיינט ייִדישקייט און נאָך דעם קומען מיר צו וועלטלעכער ייִדישקייט. ייִדישקייט איז פֿאַר מיר אַלע עמאַנאַציעס פון ייִדישן גײַסט, אײַנגעשלאָסן אויך רעליגיעזע ליטע־ראַטור, וואָס ייִדן האָבן געשאַפֿן, ייִדישע געשיכטע, ייִדישע מנהגים, ייִדישע פּאָליטיק, ייִדישע קונסט. ייִדישקייט איז פֿאַר מיר אַ סינאָנים פֿאַר ייִדישער קולטור. און וועלטלעכע ייִדישקייט: אַלץ וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם מענטשנס אינטערעסן אויף דער וועלט, וואָס איז שייך צווישן מענטש און מענטש, זאַכן וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט יענער וועלט. וועלטלעכע ייִדישקייט איז ייִדישקייט מינוס יודאַיִזם, מינוס ייִדישע רעליגיע, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט ענינים צווישן מענטש און גאָט.

י. ש.: וועלכע ייִדישע דענקערס האָבן גענוצט די פראַזע אינעם זעלביקן זין ווי איר?

גוטמאַן: סײַ זשיטלאָווסקי, סײַ דובנאָוו, האַראַס קאַלען און אַ סך אַנדערע האָבן עס גענוצט אין דעם דאָזיקן זין. מעגלעך אַז איך האָב אַרײַנגעבראַכט געוויסע ניואַנסן. יעדער איינער פון די דערמאָנטע דענ־קערס איז אַ ביסל אַנדערש פונעם אַנדערן. אָבער אין תּוך גענומען פֿאַראייניקט אונדז אַלע איין צד־השווה און דאָס איז אַז ייִד־זײַן איז נישט אָפּהענגיק פון דעליגיע, אַז מען קען זײַן אַ גוטער ייִד און אַן ערשטקלאַ־סיקער בירגער פון ייִדישן וועלטפֿאָלק, נישט גלויבנדיק אין יודאַיִזם און נישט אָפּהיטנדיק דעם שולחן ערוך.

י. ש.: אינעם אַרײַנפיר צו אײַער בוך „The Faith of Secular Jews" האָט איר געשריבן אַז ייִדישיזם איז געווען פֿאַרבונדן מיט דער פילאָסאָפיע פון ייִדישער וועלטלעכקייט אין אַ געוויסער עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע, אָבער אַז ייִדישיזם און וועלטלעכקייט מוזן נישט זײַן געבונדן איינע מיט

דער אַנדערער. וואָס וואָלט געווען דער אינהאַלט פון אַ וועלטלעכער ייִדישקייט וואָס איז נישט געבויט אויף ייִדיש?

גוטמאַן: דאָ מוז איך מודה זײַן אַז בעת ייִדיש אָדער ייִדישיזם, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט וועלטלעכקייט, איז די וועלטלעכקייט געווען אין אַ פּיל בעסערער לאַגע ווי איצטער... ווײַל זי האָט געהאַט אַ שפּראַך אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. און אויב אַפילו מיר זאָלן נישט האַלטן מיט זשיט־לאָווסקין אַז ייִדיש איז דער סימן־מובהק, דער צענטראַלער באַנד וואָס האַלט צוזאַמען ייִדן, אַפילו ווען ער האָט איבערגעטריבן, איז ייִדיש געווען אַ וויכטיקער צוזאַמענהאַלטנדיקער באַנד פון אַלע ייִדן איבער דער וועלט; אָבער דאָ קומט אַרײַן דער אָבער מײַנער, די דײַטשישע ייִדן האָבן נאָך דער השׂכּלה נישט פאַרמאָגט ייִדיש ווי זייער לשון. די שפּאַנישע ייִדן האָבן נישט פאַרמאָגט זייער אייגענעם לשון און זיי זײַנען געבליבן לעבן. איר וועט זאָגן מיטן כּוח פון רעליגיע זײַנען זיי געבליבן לעבן. אמת, אַז מיט רעליגיע איז אַ סך לײַכטער זיך אויפצוהאַלטן ווי אַ באַזונדערע גרופּע. אָן אַ שפּראַך וועט עס זײַן אַ סך שווערער. מוז דאָ, דערפאַר, אַרײַנקומען אַ פּיל מער פּאַרטיפּטער ייִדישער לעבנשטייגער אין דער ייִדישער היים. ס'איז נישט גענוג למשל פאַר מיר אַז מען זאָל בלויז פּײַערן דעם דריטן סדר. איך דאַרף האָבן דעם ערשטן סדר אין דער אינטימער היים־אַטמאָס־פער. איך האַלט אַז אַלע ייִדישע יום־טובים דאַרפן ווערן געפּײַערט אין דער היים און אויך עפנטלעך. וועלטלעכע ייִדן מוזן שאַפן אַ סאָרט ריטואַל. איך מיין, אַז אויך ראש־השנה, יום־כּיפּור, דאַרפן מיר פּײַערן און מיר קענען לײַכט שאַפן אַ ריטואַל פאַר זיי, דאָס מיינט אַ מין „וועלט־לעכן מחזור". נעמט יום־כּיפּור: ווען איר שטעלט עס אַריבער אַ ביסל אין אַן אַנדער שליסל, ווי אַ דיאַלאָג צווישן דעם מענטש און זײַן געוויסן, אַנשטאָט מענטש און גאָט. יעדער מענטש האָט אַ וועלט־אָנשויונג, אַ קרעדאָ, אַן אני־מאמין, לויט וועלכן ער וואָלט געוואָלט לעבן. נאָר מיר לעבן זעלטן 100 פּראָצענט אין איינקלאַנג מיט די דאָזיקע אני־מאמינס אונדזערע. זאָג איך, אַז איין מאָל אַ יאָר מעג אויך אַ וועלטלעכער ייִד ראש־השנה, יום־כּיפּור, האָבן אַ סאָרט דיאַלאָג מיט זיך, מיט זײַן געוויסן ווי ווײַט ער לעבט אין האַרמאָניע מיט זײַן אידעאַל. דער ייִדישער לעבנשטייגער אין דער היים און אין דער עפנטלעכקייט דאַרף פאַר וועלטלעכע ייִדן ווערן אַ מוז. עס דאַרפן זיך צוזאַמענקומען ייִדישע פּאָעטן, ייִדישע דענקערס,

ייִדישע קינסטלערס, וואָס וועלן צוזאַמענשטעלן פּאַר וועלטלעכע ייִדן די מאַטעריאַלן אויף וועלכע צו בויען אַזאַ מין צערעמאָניאַל.

י. ש.: איר זאָגט אַז ס'זײַנען געווען צײַטן און לענדער ווו ייִדן האָבן נישט גענוצט אַ ייִדישע שפּראַך אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבן, און אַז דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט דורכגעלעבט אַזעלכע צײַטן. איר ברענגט ווי אַ בײַשפּיל שפּאַניע און דײַטשלאַנד. מען קען אָבער ווײַזן, אַז גראָד אין שפּאַניע און אין דײַטשלאַנד זײַנען ייִדן שווער געפּײַניקט געוואָרן. ס'זײַנען שוין מער נישטאָ קיין גרויסע, לעבעדיקע, ייִדישע קהילות אין די צוויי לענדער. מען קען אויך ווײַזן אַז אין די צײַטן ווען ייִדן האָבן זיך אַסימילירט אין שפּאַניע און דײַטשלאַנד, האָט דאָס ייִדישע פֿאָלק געהאַט אַ „רעזערוואַר״, ד.ה. אַ גרויסע ייִדישע באַפֿעלקערונג אין אַנדערע לענדער, ווו ייִדן האָבן נישט אַזוי גיך זיך אַסימילירט. הײַנט צו טאָג, מיין איך, האָבן מיר נישט אַזאַ מין רעזערוואַר. ייִדן ווערן אַלץ מער באַ־אײַנפֿלוסט דורך אַנדערע, נישט־ייִדישע קולטורן אין יעדן לאַנד ווו ס'איז דאָ אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג. צי וואָלט איר געקענט פֿאַרטיידיקן אײַערע היסטאָרישע בײַשפּילן?

גוטמאַן: איך מיין אַז יאָ. קודם־כּל גיי איך זיך מיט אײַך פֿונאַנדער אַז ייִדן אין שפּאַניע זײַנען געווען אַסימילירט. זיי זײַנען געווען אַן אייגנ־אַרטיקער קיבוץ. אויב מע זאָל אָננעמען שפּראַך ווי דעם צענטראַלן שטריך פֿון אַ פֿאָלקס כאַראַקטער, זײַט איר גערעכט. אָבער ייִדן האָבן גערעדט פֿאַרשידענע שפּראַכן אין משך פֿון זייער געשיכטע. זיי האָבן גערעדט אַראַמעיִש, נישט קיין העברעיִש, אין דער צײַט פֿון בית שני. שפּעטער, אין שפּאַניע, זײַנען זיי אַריבערגעגאַנגען צו לאַדינאָ און זיי זײַנען געבליבן ייִדן. לויט דובנאָוון זײַנען אויטאָנאָמיע, ייִדישע קהלישע אינסטיטוציעס, ייִדישער לעבנסשטייגער און נישט בלויז שפּראַך צוזאַמענהאַלטנדיקע בענדער. אָבער דער עיקר וואָס איך וויל זאָגן איז אַז אין אונדזער צײַט איז מיט אַן אייגענער שפּראַך אַ סך שטאַרקער און געזיכערטער, ווײַל אַ פֿאָלק וואָס באַשטייט בלויז פֿון דרײַ פּראָצענט קעגן 97 נישט־ייִדן (אין אַמעריקע), אַזאַ פֿאָלק דאַרף האָבן וואָס מער צוזאַמענהאַלטנדיקע בענדער. און צווישן אַזעלכע צוזאַמענהאַלטנדיקע בענדער איז ייִדיש אפשר דער וויכטיקסטער. אָבער מען קען זיך נישט העלפֿן. אַלע סימנים ווײַזן אַן אַז ייִדיש לעבן אין אַמעריקע האַלט נישט בײַ ווערן מער פֿאַרוואָסערט,

אָפּגעשוואַכט, צוליב דער אָפּשוואַכונג פון ייִדיש. אָט איז אַ בײַשפּיל: מיט דרײַסיק יאָר צוריק, מיט פערציק יאָר צוריק, האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם, אַז מיט יעדן דור וועט אַלץ ווערן שוואַכער. די אַמעריקאַניזאַציע וועט ממש אַראָפּשווענקען אין גאַנצן די ספּעציפישקייט פון ייִדישן לעבן. נו, שטעלט זיך אַרויס, אַז נישט נאָר די אָרטאָדאָקסיע אין אַמעריקע האָט געעפנט טאָגשולן, די קאָנסערוואַטיוון האָבן אַ גאַנצע קייט מיט סאָלאָמאָן שעכטער־טאָגשולן; אַפילו די רעפאָרמער האָבן שוין געשטימט 94% בײַ זייער לעצטן צוזאַמענפאָר צו עפענען טאָגשולן... די אַלע זאַכן זײַנען נישט געווען מעגלעך מיט 50 יאָר צוריק. ס'האָט אויסגעזען אַז מיטן אָפּשטעלן פון דער אימיגראַציע, מיטן אָפּשטאַרבן פונעם ערשטן דור, גייט אויך אונטער ייִדיש לעבן.

אַסימילאַציע אין אַמעריקע ווערט נישט שטאַרקער. ייִדן ווערן מער אַמעריקאַניזירט, אָבער זיי ווערן אויך מער „נאַציאָנאַליזירט" און האָראָס קאַלען האָט דאָס אָנגעוויזן לאַנג צוריק. בעת די אַנדערע פעלקער וואָס פּאַסן זיך צו צו דעם אַרום, אַנדערע מינאָריטעטן אין אַמעריקע, וואָס מער זיי אַקאָמאָדירן זיך צום אַרום, אַלץ מער ווערן זיי אַסימילירט; אָבער ייִדן אַקאָמאָדירן זיך צום אַרום, און זיי ווערן נישט אַסימילירט; זיי ווערן, וואָס מע רופט אָן הײַנטיקע צײַטן, אַקולטורירט. און מיר טיילן זיך אויך נישט אָפּ פון רעליגיעזע ייִדן. מיר זײַנען דאָך נישט קיין באַזונדער שבט. מיר זאָגן בלויז, אַז מיר האָבן צוגעגעבן סופּלעמענטן צו דער אַלטער ייִדישער קאָנסטיטוציע. אונדזער ייִדישקייט איז די מאָדערנע, די פּאָסט־השׂכּלה־ייִדישקייט פון ייִדיש, העברעיִש, פון ליטעראַטור, קונסט א.א.וו. אָבער מיר זאָגן זיך נישט אָפּ פון אַלע רינגלעך אין דער קייט וואָס ציט זיך פון באַרג סיני ביז צו דער השׂכּלה: מיר ווילן בלויז וועבן ייִדישקייט ווײַטער, און מיר ווילן זי מאָדערניזירן. מיר ווילן מאַכן מעגלעך אַז אַ מאָדערנער ייִד, אַ הײַנטצײַטיקער ייִד, זאָל קענען לעבן אין הסכּם מיט דער מערבֿ־קולטור, ער זאָל נישט מוזן לעבן ווי אַ ייִד אין מיטלעלטער אין דער צווייטער העלפט פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דערצו איז אויך מדינת־ישׂראל, און די זאָרג פאַר איר זיכערקייט, אַ באַנד וואָס האַלט צוזאַמען ייִדן אין אונדזער צײַט.

י.ש.: וועלטלעכע ייִדישקייט האָט געהאַט אַ גרויסן אײַנפלוס צווישן אַמעריקאַנער ייִדן אין די יאָרן צווישן דער ערשטער און דער צווייטער

וועלט־מלחמה, אָבער הײַנט צו טאָג זײַנען די אידעען פון די דענקערס וועלכע איר דערמאָנט נישט אַזוי ווײַט פאַרשפרייט. וואָס, מיינט איר, זײַנען געוועזן די פאַקטאָרן וועלכע האָבן געפירט צו דעם הײַנטצײַטיקן, קלענערן אײַנפלוס פון ייִדיש־וועלטלעכע אידעען אין דער ייִדישער עפנט־לעכקייט?

גוטמאַן: מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אין די צײַטן פון זשיטלאָווסקי, אַז דאָ וועט אויפוואַקסן אַ דור וואָס וועט רעדן ייִדיש טאָגטעגלעך. מיר האָבן געמיינט, און זשיטלאָווסקי האָט אין זײַן נאַיִוויטעט אַרגומענטירט, אַז אַכט שעה אַ טאָג וועט מען לעבן מיט ענגליש, אין דער ביוראָ, אין שאַפּ, אין אוניווערסיטעט, און קומענדיק אַהיים וועט מען זיך אָוועקזעצן לייענען די ייִדישע קלאַסיקערס, פּרצן, שלום־עליכמען ביז לייוויקן. ער האָט פאַרגעסן, אַז ענגליש האָט אויך אַ גרויסע קולטור, אַ רײַכע ליטע־ראַטור, און אַז זי וועט זיך אַרײַנגיסן — די דאָזיקע קולטור — אין דער היים אַרײַן; און אַז די קינדער, וועלכע וועלן נישט האָבן אַזוינע טיפע וואָרצלען אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט, וועלן זײַן אויסגעשטעלט צו שפּראַכלעכער אַסימילאַציע. דאָס האָט מען פאַרגעסן. ייִדן אין אַמעריקע, אין דעם ערשטן דור, האָבן קודם־כּל געדאַרפט מאַכן אַ לעבן, איידער זיי האָבן געזוכט אַ זין אין לעבן. זיי האָבן זיך געדאַרפט עקאָנאָמיש פאַר־וואָרצלען. נומער צוויי: זיי זײַנען געווען פרעמד דאָ אין לאַנד, זיי זײַנען געווען פאַרבלענדט פון דער אַמעריקאַנער פרײַהייט, און זיי האָבן גע־פּריידיקט, אייב קאַהאַן און זײַנע צײַט־חברים, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען נישט האָבן קיין ייִדישע קולטור, אַז מיר דאַרפן ווערן אַ טייל פון דער אַמעריקאַנער קולטור און שוין... פאַרגעסט נישט, אַז די קאָסמאָ־פּאָליטישע באַוועגונג האָט דעמאָלט דאָמינירט אין וועלטלעכן קרײַז; פאַרגעסט נישט, אַז אייב קאַהאַנס און זײַנע חברימס אײַנפלוס איז געווען געוואַלדיק שטאַרק ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די זעלביקע שטעלונג האָבן געהאַט די ייִדישע אַמעריקאַנער אַנאַרכיסטן: „ביז מיר וועלן אויסלערנען ענגליש מוזן מיר האָבן אַ ייִדישע צײַטונג. מיר וועלן זײַן העכסט צופרידן, האָבן זיי געזאָגט, אויפצולייזן דעם פאַרווערטס און די פרײַע אַרבעטער שטימע, ווען מיר וועלן זיך אויסלערנען ענגליש". די דאָזיקע פירערס האָבן פאַקטיש געפּריידיקט אַסימילאַציע. און די דאָזיקע אידעען זײַנען געווען שטאַרק פאַרשפרייט. ערשט נאָכן קישינעווער

פּאַגראָם (1903) און ווען די בונדיסטן האָבן אָנגעהויבן אַריבערקומען דאָ אַהער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סאָציאַליסטיש־נאַציאָנאַלע באַוועגונג. דאָס הייסט סאָציאַליזם האָט אָנגעהויבן אָנערקענען ייִדן ווי אַ באַזונדערע נאַציאָנאַליטעט. מען האָט קולטיווירט די ייִדישע קולטור, די ייִדישע שפּראַך, ווי אַ יש, ווי אַ ווערט, נישט נאָר ווי אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן סאָציאַליזם. אָבער איך האַלט אַז אַפילו מיט שפּראַכלעכער אַסימילאַציע ווערט ייִדיש לעבן דאָ אין אַמעריקע לעצטנס שטאַרקער. און וועלטלעכע ייִדן, ייִדישע ייִדן, האָבן אַ ספּעציעלע אויפגאַבע: זיי דאַרפן זײַן אַן אַוואַנגאַרד, נישט קיין נאָכשלעפּערס. זיי דאַרפן גרינדן ייִדישע טאָגשולן וואָס זאָלן אונדז געבן כאָטש אַן אינטעליגענץ וואָס וועט העלפן אויפ־האַלטן ייִדיש ווי אַ צווייטע שפּראַך; אַ שפּראַך וואָס כאָטש זי ווערט נישט געניצט טאָגטעגלעך, זאָל זי זײַן אַ שפּראַך פון בוך, אַ שפּראַך פון האַרץ, אַ שפּראַך פון פײַערונג, אַ שפּראַך פון יום־טוב. דערצו דאַרף מען אויך האָבן טאָגשולן, ווײַל אַפילו מיט טאָגשולן בין איך מסופק צי מיר וועלן לעבעדיק מאַכן ייִדיש ווי אַ גערעדטע שפּראַך. אָבער מיר דאַרפן זיי האָבן כּדי ייִדיש זאָל זײַן כאָטש אַ צווייטע שפּראַך, אַזוי ווי העברעיִש איז פאַר די אַמעריקאַנער העברעיִסטן.

י. ש.: איינער פון די עלטסטע אַרגומענטן קעגן „וועלטלעכער ייִדיש־קייט" איז אַז עס איז די פילאָסאָפיע פון אַן איבערגאַנג־פּעריאָד אין דער געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק, אַז עס איז אַ בריק צווישן פרומקייט און אַסימילאַציע. וואָס ענטפערט איר צו אַזאַ מין קריטיק?

גוטמאַן: אַזאַ מין סאָרט קריטיק, האַלט איך, קען בלויז קומען פון רעליגיעזע דאָגמאַטיקערס. פאַר מיר האָט דער דאָזיקער אַרגומענט נישט קיין שום האָפּט. פאַר וואָס? ווײַל וועלטלעכקייט, האַלט איך, איז געבוירן געוואָרן אין דער מאָדערנער צײַט פון ראַציאָנאַליזם, פון וויסנשאַפט־לעכקייט, פון סקעפּטיציזם. דער מאָדערנער מענטש קען נישט אָננעמען דאָגמאַטיש קיין איבערנאַטירלעכן גלויבן, ווײַל ער שטימט נישט מיט זײַן גאַנצער דערציִונג, מיט זײַן מענטאַליטעט.

י. ש.: כמעט אַלע גרעסטע דענקערס פון וועלטלעכער ייִדישקייט האָבן געשטאַמט פון פרומע משפּחות. די משפּחה פון אחד־העם איז געווען אַ חסידישע. דובנאָוו האָט געשטאַמט פון רבנים און לומדים. ווי ווײַט איך זע, האָט דער דור וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ייִדיש־וועלטלעכע

קרײַזן נישט פּראָדוצירט ביז איצט אַזעלכע גרויסע ייִדישע דענקערס. צי איז דאָס נישט אַ באַווײַז אַז וועלטלעכע ייִדישקייט האָט נישט דעם כּוח אויפצוהיטן אונדזער פֿאָלק ווי טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט האָט געהאַט?

גוטמאַן: אויף דער פֿראַגע וועל איך ענטפֿערן זייער קורץ. אַמעריקאַנער ייִדן האָבן דערווײַל נישט פּראָדוצירט אויך נישט קיין גרויסע רעליגיעזע דענקער, מיט וועלכע מ׳קען זיך באַרימען, ווי אַ בובער אָדער ראָזענצווײַג. עס נעמט עטלעכע הונדערט יאָר, ביז וואַנען אַ ייִדישער ישוב פּראָדוצירט גרויסע, שעפֿערישע ייִדישע פּערזענלעכקייטן אויף וועלכן געביט דאָס זאָל נישט זײַן. איז דעריבער וואָס קומט מען מיט טענות צו וועלטלעכע ייִדן אַז זיי דאַרפֿן באַווײַזן זייער זכות הקיום דורך צושטעלן אַ גאַלעריע פֿון גרויסע פּערזענלעכקייטן? מיר האָבן זיך גאָר נישט וואָס צו שעמען אין פֿאַרגלײַך מיט אַלע אַנדערע ייִדישע סעקטאָרן אין אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ. די ייִדיש־ייִדן האָבן דאָ באַוויזן צו שאַפֿן אַ וווּנדערלעכע ליטעראַטור. איך גלויב, אַז ווען ייִדן אין אַמעריקע וועלן אָפּלעבן דאָ עטלעכע הונדערט יאָר און ס׳וועט זיך פֿונאַנדערבליִען, ווי איך האָף, אַ רײַך ייִדיש לעבן, וועט אויך זײַן דאָ אַ וועלטלעכער ייִדישער סעגמענט אָדער אויב איר ווילט, אַ וועלטלעכע „דענאָמינאַציע", וואָס וועט האָפֿנטלעך שאַפֿן אַ נײַע „גאָלדענע תּקופֿה" אין דער אַמעריקאַנער ייִדישער געשיכטע.

(„די יוגנט־שטימע", ווינטער, 1978)

עפּילאָג

די צוקונפט פון אַמעריקאַנער ייִדישן קיבוץ

(באַטראַכטונגען צום צווײ־הונדערט־יאָריקן יובל פון אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט)

1

ייִדן זײַנען געוווינט צו זײַן חשבון־הנפשדיק; ספּעציעל, ווען עס קומט אונטער אַ קײַלעכדיקע דאַטע, ווילט זיך וויסן וווּמיר האַלטן אין דער וועלט: צי גייען מיר נישט, חלילה, באַרג־אַראָפּ, ווי עס קלאָגן די פּעסימיסטן, אָדער אפשר האַלטן מיר, ווי עס מיינען די אָפּטימיסטן, ביי אַ רענעסאַנס פון ייִדישקייט אין אַמעריקע. איז אויב מיר ווילן אַרײַנקוקן אין דער נאָענטער צוקונפט, מוזן מיר פריער זיך באַקענען מיטן הײַנט פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט אין אַמעריקע.

לאָמיר אָנצייכענען די הויפּט־קאָנטורן פון היגן ייִדישן קיבוץ הײַנט־צו־טאָג. אַלע וויסן אַז די אַמעריקאַנער ייִדישע געמיינדע באַשטייט פון אַ קיבוץ־גלויות: פון ספרדישע ייִדן, וואָס זײַנען אַהערגעקומען אין מיטן 17־טן יאָרהונדערט; פון דײַטשישע ייִדן, וועלכע האָבן אײַנגעוואַנדערט אין דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט, און פון מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, וועלכע זײַנען געלאָפן אַהער פון פּאָגראָמען און אונטערדריקונג, אָנהייבנדיק אין די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. עס איז אויך ברייט באַקאַנט, אַז עס זײַנען געווען פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און קולטורעלע אונטערשידן צווישן די לענדער, פון וואַנען ייִדן האָבן עמיגרירט.

ווי אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע אַנדערשקייטן, האָבן מיר געהאַט שאַרפע קולטורעלע אומענלעכקייטן צווישן די דרײַ אימיגראַנטישע כוואַליעס: די ספרדישע ייִדן, וועלכע האָבן בײַם אָנקומען אַהער גערעדט שפּאַניש־פּאָרטוגעזיש, האָבן פאַרמאָגט אַ היפּשע מאָס אַלגעמיינע בילדונג, אָבער ווייניק ייִדישע קולטור; זיי זײַנען שנעל אַריבער אויף ענגליש.

די דײַטשישע ייִדן זײַנען נישט געווען אַזוי האָמאָגען אינערלעך ווי אַ

צבור, ווײַל דײַטשלאַנד איז געווען צעטײלט אין אַ סך פּראָווינצן, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף פאַרשידענע קולטור־מדרגות. אָבער די דײַטשישע ייִדן האָבן געלעבט אין אַן אײראָפּעיִשער אַטמאָספער, וואָס האָט פאַר־לײַכטערט זײער צופּאַסונג צו אַמעריקע. זײ זײַנען, אַנדערש פון די ספרדישע ייִדן, פאַרבליבן צוגעבונדן צו דער דײַטשישער קולטור און האָבן זי געוואָלט באַפעסטיקן אין אַמעריקע.

מער ייִדיש וויסן האָט מיט זיך געבראַכט די גרויסע מאַסע מזרח־אײראָפּעיִשע אימיגראַנטן, אָבער ווייניק אַלגעמײנע קולטור. דאָס קולטור־לעבן, וואָס מזרח־אײראָפּעיִשע ייִדן האָבן געשאַפן אין אַמעריקע, איז געווען אַן אויסערגעווײנלעכער אויפטו.

די הײַנטיקע אַמעריקאַנער ייִדישע געמײנדע רעפּרעזענטירט אַ סינטעז פון מזרח און מערב. ס׳איז אַ קיבוץ, וואָס האָט נישט געדאַרפט דורכמאַכן דעם קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע, נאָר האָט צונויפגעשמאָלצן די אימיגראַציע־כוואַליעס פון אײראָפּע און איז געוואָרן אַן אײן־אײנציקער פאַל פון אַ דערפאָלגרײַכן מוסטער פון עמאַנציפּאַציע. הײַנט־צו־טאָג באַשטײט דער גרויסער רוב פון היגן ייִדישן קיבוץ פון דאָ־געבוירענע. גאָר אַ סך ייִדן האָבן הויכע בילדונג. זײ זײַנען צוגעפּאַסט צו דער אַמעריקאַנער קולטור און מאָדערנקײט; זײ געהערן צו די שיכטן פון פּראָפעסיאָנאַלן, אַקאַדע־מיקערס און מיטלקלאַס. עס זײַנען מער נישטאָ יענע אידעאָלאָגישע שטרײַטן מיט וועלכע דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישוב האָט זיך אויסגעצײכנט ביז דער צווײטער וועלט־מלחמה. דער חורבן פון אײן זײט און די זאָרג פאַר מדינת ישראל פון דער צווײטער זײַט, האָבן אָפּגעשטעלט די אינערלעכע קאַמפן. דערצו האָט מסתּמא אויך בײַגעטראָגן די פּראַגמאַטישע, פּלוראַ־ליסטישע, טאָלעראַנטע אַמעריקאַנער אַטמאָספער.

פון דעסטוועגן קען מען אַנצײכענען זעקס אידעאָלאָגישע הויפּט־גרופּירונגען בײַ אַמעריקאַנער ייִדן: א) די אָרטאָדאָקסיע, וועלכע זעט ייִדישן המשך אין רעליגיעזן סעפּאַראַטיזם, אין שולחן־ערוך; ב) עקסטרעמע ציוניסטן, וועמענס אידעאַל ס׳איז עמיגראַציע קײן ישראל; ג) ייִדישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע שטרעבן צו אַן אַלגעמײנעם פּראָגרעסיוון פראָנט, כּדי צו קעמפן פאַר אַ ברײטערער סאָציאַלער געזעצגעבונג, וואָס זײ האַלטן, אַז ס׳איז אויך גוט פאַר ייִדן; ד) אַ באַשטימטער טײל צווישן קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרם־ייִדן גלויבט אין אַ ייִדיש־אַמעריקאַנער

רענעסאַנס: אַז ס'וועט אויפקומען דאָ אַ טיפּ אַמעריקאַנער ייִד, וואָס וועט זײַן אַ סינטעז פון ייִדישע און אַמעריקאַנער ווערטן; ה) די אַנטי־קולטור־ראַדיקאַלן, וועלכע זײַנען קעגן דעם עסטאַבלישמענט און אומצופרידן מיטן סטאַטוס־קוואָ, מיטן „מאַטעריאַליזם" פון עלטערן דור און ווילן ראַדיקאַ־ליזירן די היגע ייִדישע געמיינדע; ו) ייִדיש־רעדנדיקע ייִדן, וועלכע זײַנען, אין זייער רוב, ליבעראַל, וועלטלעך, פּראָ־ישראלדיק.

ווי אַ רעזולטאַט פון דער ייִדישער אַקולטוראַציע און דער אַלגעמיינער סעקולאַריזאַציע איז אויפגעקומען אין היגן ייִדישן קיבוץ אַ קריזיס פון אידענטיפיקאַציע: ווער בין איך און אין וואָס דריקט זיך אויס מײַן ייִד־זײַן? אין דער פאַרמאַכטער געזעלשאַפט פון מזרח־אייראָפּע איז דער צענטראַלער פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון אידענטיטעט געווען די ייִדישע משפּחה און דער ייִדישער ציבור. דאָרטן איז נישט געווען נויטיק זיך אָפּצוגעבן מיט אַנטוויקלען אַ ייִדישע אידענטיטעט, ווײַל זי איז ממילא געווען. מען האָט געדאַרפט באַרײַכערן דעם ייִד מיט ייִדיש וויסן און באַטאָנען ייִדישע ווערטן. אָבער אין דער פרײַער אַמעריקע, וווּ די ייִדישע קולטור דאַרף זיך דער־ווערבן לעבנסרוים אין קאָנקורענץ מיט דער אומעטום אַרײַנדרינגענדיקער אַמעריקאַנער קולטור — דאָ איז דער ייִדישער כּלל נישט זיכער אין זײַן כּוח צו פאַרפלאַנצן אין יונגן דור לאָיאַליטעט צו ייִדישן המשך. די סעקו־לאַריזאַציע און מאָדערנקייט האָבן פאַרשאַרפט דעם אידענטיפיקאַציע־פּראָבלעם בײַ ייִדישע אינטעלעקטואַלן — נישט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד און אַפילו אין מדינת־ישראל.

אַן ערך צען־פופצן פּראָצענט פון דער אַמעריקאַנער ייִדישער יוגנט איז פאַרבונדן מיט דער אַנטי־קולטור און עס קומט בײַ איר פאָר אַ ראַנג־לעניש וועגן ייִדישער לאָיאַלקייט. אַ טייל פון דער דאָזיקער יוגנט וואַרפט אָפּ איר ייִדישע אידענטיטעט — צוליב אַנטאַגאָניזם צו די עלטערן אָדער צוליב דער מוח־געוואַשנקייט מצד דעם קריסטלעכן אַרום. נישט געקוקט אויף דעם, איז בײַ אַ טייל פון דער ייִדישער יוגנט פאַראַן אַן אויפשטײַג פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזײַן צוזאַמען מיט איר אַנטי־עסטאַבלישמענט־אײַנשטעל. זי איז טאַקע אומצופרידן מיט דער צדקה־און קאַמפּיין־ייִדישקייט, אָבער זי וויל נישט אַנטלויפן פון ייִדן. ס'איז אויפגעקומען אַ נײַער טיפּ: אַן עטניש באַוווסטזיניקער ייִד מיט אַ פליכט־באַוווסטזיין, וואָס איז סײַ אַנטי־עסטאַבלישמענט, סײַ פּאָזיטיוו צו ייִדישקייט. און הגם די „ראַדיקאַלע

ייִדן" אין די אוניווערסיטעטן, וועלכע זײַנען פּאָזיטיוו צו ישראל, שטעלן מיט זיך פאַר בלויז אַ מינאָריטעט צווישן דער ייִדישער סטודענטנשאַפט. פון דעסטוועגן שפּיגלען זיי אָפּ די סענטימענטן און דעם נײַעם ייִדישן באַוווּסט־זײַן בײַ אַ סך ייִדישע סטודענטן. זיי באַטייליקן זיך אין פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס לטובת ישראל, לטובת די רוסישע ייִדן און לטובת ייִדישע שטודיעס אין די אוניווערסיטעטן. זיי זײַנען אומגעדולדיק לגבי די לאַנגזאַמע, „פּראַקטישע" טאַקטיקעס און אויפפירונגען פון דער איינגעפונדעוועטער ייִדישער פירערשאַפט. אָבער זיי שאַצן איבער דעם איינזײַטיקן אוניווערסאַליזם פון פריערדיקן דור ייִדישע אַמעריקאַנער ראַדיקאַלן. זיי זײַנען באַשעפטיקט מיט אַלגעמיינע סאָציאַלע פּראָבלעמען און גלײַכצײַטיק האָבן זיי אַ פּאָזיטיוון אײַנשטעל צום ייִדישן וועלטפאָלק. די צעטיילונג צווישן ייִדישער באַזונדערקייט און אוניווערסאַליזם איז בײַ זיי מער נישטאָ. זיי ווייסן שוין ענדלעך דאָס, וואָס ייִדישע סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען אין מזרח־אייראָפּע האָבן געוווּסט — און וואָס חיים זשיטלאָווסקי האָט אַזוי איבערצײַגנדיק באַוויזן אין זײַנע שטודיעס איבער פאַלשע „אידעען־פאַרבינדונגען" — אַז ייִדישער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזײַן איז נישט קיין סתירה צו סאָציאַלן באַוווּסטזײַן.

מיר מעגן דעריבער דרייסט זאָגן, אַז ייִדן אין אַמעריקע זײַנען אי געוואָרן אינטעגרירט אין דער לאַנדקולטור, אי זיי מאַכן ערנסטע אָנשטרענגונגען אויפצוהאַלטן אַ ייִדיש־קאָלעקטיוו לעבן, וואָס האָט אַלע אויסזיכטן אויף דערפאָלג.

2

סאָציאָלאָגן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז יעדער עטנישע מינאָריטעט איז אונטערגעוואָרפן צו צוויי קעגנזעצלעכע טענדענצן: אַן איזאָלירנדיקע און אַן אַסימילירנדיקע. די איזאָלירנדיקע זײַנען יענע פאַקטאָרן פון אַ פּאָזיטיוון, אינערלעכן כאַראַקטער, וואָס דערלאָזן נישט, אַז די מינאָריטעט זאָל ווערן פאַרשלונגען פון דער מאַיאָריטעט. די אַסימילירנדיקע טענדענצן באַשטייען פון יענע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאַקטאָרן, וואָס שאַפן פאַר דער מינדערהייט די נויטווענדיקייט און דעם ווילן זיך אויפצולייזן אין דער מערהייט. די דאָזיקע פאַקטאָרן זײַנען אויך חל אויף דער ייִדישער מינדערהייט אין אַמעריקע.

ביי אַמעריקאַנער ייִדן האָבן אָבער די דאָזיקע פאַקטאָרן, צוליב דער אויסנאַמלעכער ייִדישער געשיכטע און גורל, גאָר אַנדערש זיך אויסגע־ווירקט, ווי ביי די אַנדערע עטנישע מינדערהייטן. פאַר אַנדערע פאָלקישע גרופּעס איז די געטאָ געווען אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, אָבער פאַר ייִדן איז עס געוואָרן אַ פּערמאַנענטער מצב. אַנדערע עטנישע גרופּעס האָבן געשאַפן געטאָס אין אַמעריקע צום ערשטן מאָל, ייִדן אָבער האָבן שוין געבראַכט מיט זיך די געטאָ. די געטאָ איז געווען די ייִדישע כּמו־טעריטאָריע, וועלכע איז געוואָרן צוזאַמענגעהאַלטן פון אַן אינעווייניקסטן כּוח. די געטאָ איז נישט אומעטום געוואָרן אַרויפגעצוווּנגען אויף ייִדן פון דרויסן. דער צווייטער דור אַמעריקאַנער ייִדן האָט זיך באַמיט אָוועקצוגיין פון די שטאָ־טישע געטאָס אין די פאָרשטעט, אָבער ער האָט בלויז אויסגעביטן אַן אַלטע געטאָ אויף אַ נייע, ווייל ווען ייִדן האָבן זיך דאָרטן — אין די נייע „געטאָס" — באַזעצט, האָבן אַ סך נישט־ייִדן זיך אַרויסגעצויגן. די טראַדיציאָנעלע ייִדן האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די ייִדישע סביבה צוליב זייערע סאָציאַל־רעליגיעזע בויטן: זיי האָבן געדאַרפט אַ סינאַגאָגע, אַ ייִדישן צענטער א.אַ.וו. די געטאָ איז פאַר זיי אי אַ פיזישע אינסטיטוציע, אי אַ מקור פון גייסטיקער שטיצע. דאָ ווערן די עקאָנאָמיש דיפערענצירטע ייִדן עטניש קאָנסאָלידירט. די נישט־רעליגיעזע ייִדן ווידער זיינען בעל־כּרחם געבליבן וווינען מיט ייִדן.[1]

ביי ייִדן איז די רעאַקציע צו אַסימילירנדיקע פאַקטרן גאָר אַנדערש ווי ביי אַנדערע עטנישע מינדערהייטן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ייִדן זיינען שנעל געשטיגן אויפן עקאָנאָמישן לייטער און נישט געקוקט אויף דער סאָציאַלער, קולטורעלער און רעליגיעזער דיפערענצירטקייט פון היגן ייִדישן קיבוץ, איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קאָלעקטיוו קאָנסאָלידירט און שעפעריש. דאָס לייקנט נישט דעם פאַקט, אַז אַ סך פון די ערשטע ספרדישע און דייטשישע ייִדן זיינען אָוועק פון ייִדישן כּלל.

פּראָפעסאָר האַראָס קאַלען איז אַריינגעדרונגען אין סאַמע תּוך פון דער ייִדישער ספּעציפישקייט אין אַמעריקע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז ייִדן האַלטן אָן זייער עטנישע אידענטיטעט דווקא דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך

1. C. B. Sherman. The Jew Within American Society, pp. 148—150, Detroit, Wayne University Press, 1965.

צוגעפּאַסט צום אַמעריקאַנער לעבן, בעת אַנדערע עטנישע מינדערהייטן דערגרייכן די צופּאַסונג צום לאַנד בלויז דורך אַסימילאַציע. און אַט פּאַר וואָס: אימיגראַנטן פון אַנדערע פעלקער האָבן אין אַמעריקע געזוכט נײַע היימען פאַר זיך ווי יחידים, בעת ייִדישע אימיגראַנטן זײַנען געווען מיט־גלידער פון אַ פאָלק, וואָס איז אַליין געווען היימלאָז. אַנדערע זײַנען צום ערשטן מאָל געוואָרן אַ מינדערהייט אין אַמעריקע, בעת ייִדן זײַנען פאַר אַ לאַנגער צײַט געווען אומעטום אַ מינדערהייט. אַנדערע זײַנען געקומען אַהער מיט איין קולטור, ייִדן — מיט צוויי אָדער מער. ייִדן האָבן, הייסט עס, געדאַרפט אויסבײַטן איין קולטור (אַ פרעמדע) אויף אַן אַנדערער, כּדי זיך צו אינטעגרירן מיטן נײַעם לאַנד, בעת אַנדערע מינדערהייטן האָבן געדאַרפט אויפגעבן זייער נאַציאָנאַלע קולטור, כּדי זיך אײַנצוגלידערן אין דער לאַנד־קולטור.[2]

אַחוץ דעם האָבן ייִדן נאָכן אָנקומען אַהער דערזען, אַז ס'איז דאָ אַ גײַסטיקע קרובהשאַפט צווישן דער סאָציאַלער וויזיע פון די נביאים און די פּרינציפּן, וואָס ווערן פעסטגעשטעלט אין דער אַמעריקאַנער „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט". דאָס האָט ייִדן געגעבן אַ געפיל פון היימישקייט און דאַנקבאַרקייט צו אַמעריקע. די אַמעריקאַנער פרײַהייט און די גרויסע מעגלעכקייטן פאַר ייִדן צו פאַרנעמען די אָנגעזעענסטע פּאָזיציעס אין לאַנד האָבן אָנגעפילט ייִדישע הערצער מיט האַפעדיקייט און ליבשאַפט צו אַמעריקע. ייִדישע פּאָעטן האָבן געגעבן אויסדרוק צו זייערע געפילן אין אָדעס, הימנען און עפּישע לידער:

שוין איין־און־פערציק יאָר, אַז כ'לעב אין דײַנע גרענעצן, אַמעריקע,
און כ'טראָג אין זיך די ברכה פון דײַן פרײַהייט, יענע פרײַהייט,
וואָס איז געהייליקט און געבענטשט געוואָרן דורכן קרבן־בלוט
פון לינקאָלן,
און דורך די הימנעס פון וואָלט וויטמאַן.
...אויך דו, אַמעריקע, ביסט נאָענט מיט זיי אַרומגעגאַנגען (**מיט די אבות**),
אויך דו האָסט אין דײַן האַרץ פאַרנומען גאָטס געבאָט און ברכה
צו זײַן אַ לאַנד, וואָס רינט מיט מילך און האָניק,

2. Horace M. Kallen: Culture and Democracy in the U.S. p. 113; Boni and Liveright, N.Y. 1924.

צו זיין נביאיש פריי, ווי ס׳האָבן וועגן דיר געחלומט דיינע שעפער.
אָ, זאָל דער חלום פון וואָלט וויטמאַן און פון לינקאָלן אויך היינט
דיין חלום זיין!
(ה לייוויק)

און אַן אַנדער יידישער פּאָעט פּראָקלאַמירט אָפן זיין ליבע צו אַמע־ריקע:

כ׳האָב ליב דעם חלום פון דער וואָר, וואָס הייסט אַמעריקע.
כ׳האָב דאָ געפונען ברויט צו עסן, קלייד צו טראָגן,
כ׳האָב דאָ באַקומען ס׳העכסטע מענטשלעכע געשענקעניש —
דעם גראָדן קוק, דאָס רעכט אַ ווילן צו פאַרמאָגן
און כ׳ליב דיך, לאַנד, מיט צערטלעכקייט, מיט בענקעניש.
ווי דיינע וואָלקנקראַצערס רייסן זיך צו הימלען,
רייסט אויך דיין זעל זיך פון דער טיף אַקעגן שלעכטיקייט.
ווי דיינע אויטאָס איילן אומעטום און ווימלען,
איילט אויך דיין אומרויקער גייסט צו טאָן גערעכטיקייט.

(אהרן גלאַנץ־לעיעלעס)

3

די גרויסע מערהייט פון די אַמעריקאַנער יידן, ווי מיר האָבן שוין פריער באַטאָנט, זיינען דאָ געבוירן און דערצויגן געוואָרן. זיי האָבן קיין מאָל נישט געזען און נישט געלעבט אין דער אָפּגעשלאָסענער יידישער, אייג־נאַרטיקער וועלט פון מזרח־אייראָפּע מיט אירע רעליגיעזע און וועלטלעכע משיחישע דערוואַרטונגען. און דאָך גלויבן מיר, אַז ס׳איז דאָ אַ גרונט צו האָפן אויף דער דויערנדיקייט, ווי ווייט דאָס אויג קען זען, פון היגן יידישן לעבן. מיר זעען אַ ריי פּאָזיטיווע פאַקטאָרן לטובת אַ יידישן המשך: א) מדינת ישראל און די זאָרג פון אַמעריקאַנער יידן פאַר דער זיכערקייט און וווקס פון דער יידישער מדינה, שטאַרקן יידישן המשך אין אַמעריקע; ב) דער דריטער הורבן, וואָס האָט טראַוּמאַטיש געווירקט אויפן היגן יידישן ישוב, איז אָן ספק אַ צוזאַמענהאַלטנדיקער פאַקטאָר; ג) די קאָנצענטראַציע פון אַמעריקאַנער יידן אין גרויסע שטעט מאַכט מעגלעך צו האָבן דערציִע־רישע, קולטורעלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, וואָס פאַרטיפן יידישע

לאָיאַלקייט צווישן דער יוגנט און דעם עלטערן דור; ד) די טענדענץ צו באַזעצן זיך אין די פּאַרשטעט סטימולירט ייִדן צו געהערן צו אַ ייִדישער אינסטיטוציע: אַ קאָמונאַלן צענטער, אַ סינאַגאָגע, אָדער אַ ייִדישן אָרדן.

אָבער — הערט מען ווי עס טענהן די פּעסימיסטן — אַמעריקאַנער ייִדן האָבן טאַקע אויפגעבויט אַן אימפּאָזאַנטן קאָמונאַלן בנין פון עטלעכע דימענסיעס: ייִדישע קהילה־צענטערס, פראַטערנאַלע אָרדנס, פילאַנטראָפּישע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס. אָבער וואָס הערט זיך מכוח שעפערישקייט, מכוח דער קוואַליטעט און דעם אינהאַלט פון ייִדישן גייַסטיקן לעבן? צי וועלן מיר, אין אַ צייַט ווען דאָס לעבן בכלל און אויך דאָס ייִדישע, ווערט אַלץ מער סעקולאַריזירט און ווען ייִדיש ווערט אַ זייַטיקער ענין פאַר די ייִנגערע דורות — צי וועלן מיר לאַנג קענען אויפהאַלטן אַן אייגנאַרטיקן ייִדישן המשך? אין אַ צייַט, ווען אַלע טירן און טויערן שטייען אָפן פאַר אונדזער יוגנט — צי וועלן מיר קענען אָנהאַלטן די לאָיאַלקייט פון די קומענדיקע דורות?

לאָמיר קודם־כּל פעסטשטעלן, אַז אַרום זיבעציק פּראָצענט פון אַלע ייִדישע קינדער אין אַמעריקע באַזוכן אַ געוויסן סאָרט ייִדישע שול, אין עלטער פון 8—13; אָבער די צאָל תּלמידים אין די ייִדישע מיטלשולן איז קליין. די סטאַטיסטיק באַווייַזט אויך, אַז עס וואַקסט די צאָל בייַשטייַערערס צום פאַראייניקטן ייִדישן אַפּיל, צו די צדקה־פעדעראַציעס. אָבער פון דער אַנדערער זייַט קען מען אויך נישט פאַרמאַכן די אויגן אויפן פאַקט, אַז בייַ אַמעריקאַנער ייִדן איז פאַראַן אַ גאַר קנאַפּע באַהאַוונטקייט אין דער אַלטער און נייַער ליטעראַטור אויף העברעיִש, אַראַמיִש און ייִדיש. אויב מען זאָל משפּטן לויט אָט די קריטעריעס, איז דער אַמעריקאַנער ייִדישער ישוב שטאַרק הינטערשטעליק.

עס וואָלט אָבער געווען אַ האַלבער אמת, ווען מען זאָל פאַרזען די צווייטע זייַט פון דער מטבע: במשך די לעצטע יאָרן איז דאָ אויפגעקומען אַ ייִדישע אינטעליגענץ, וואָס פאַרנעמט זיך מיט לערנען און פאָרשן ייִדישע ליטעראַטור, ייִדישע געשיכטע, פילאָסאָפיע און אַנדערע צווייגן פון יודאַיסטיק. מיטן וווּקס פון טאָגשולן, ייִדישע אוניווערסיטעט־פּראָגראַמען, ייִדישע שטודיעס בכלל, סטודענטן־זשורנאַלן שאַפן זיך באַדינגונגען פאַרן אויפקום פון אַ וויטאַלער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע. מען קען נישט באַווייַזן מיט היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס פון אַלעקסאַנדריע, בבל, שפּאַניע,

מזרח־איראָפּע, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ האָט נישט קיין צוקונפט, ווײַל דעם אונטערגאַנג פון היגן ישוב אין דער נאָענטער צוקונפט קען מען זיך נאָר פאָרשטעלן אין אַזעלכע אַפּאָקאַליפּטישע צײַטן, ווען די גאַנצע וועלט זאָל, חלילה, חרוב ווערן.

ס'איז אויך נישטאָ קיין גרונט צו טראַכטן, אַז דער אַמעריקאַנער ייִדישער קיבוץ גייט באַרג־אַראָפּ קולטורעל, נישט געקוקט אויף דער אָפּגעשוואַכטער פּאָזיציע פון ייִדיש; דער אמת איז פּונקט פאַרקערט: ס'איז געווען אַ טעות, ווי מיר האָבן געמיינט מיט פופציק יאָר צוריק, אַז רעפאָרם־ייִדישקייט איז אַן אַרײַנפיר צו דער אויפלייזונג פון ייִדנטום. מיר זעען הײַנט, אַז די רעפאָרם־ייִדן זײַנען געוואָרן פּראָ־ישראלדיק, אויב נישט קיין ציוניסטן, און זיי נעמען אָן אויך אַנדערע אַספּעקטן פון ייִדישקייט. די אַמעריקאַנער ייִדישע צענטערס זײַנען די לעצטע יאָרן געוואָרן ייִדישלעכער; די זומער־אינסטיטוטן פון בני־ברית זײַנען זיך צעוואַקסן און ייִדישע טאָגשולן האָבן צו פאַרצייכענען אַ באַרג־אַרויף. די אַלע דערשײַנונגען פאַרשטאַרקן אונדזער איבערצײַגונג, אַז עס קומט פאָר אַן אויפשטײַג אין ייִדישן באַוווּסטזײַן און אין ייִדישקייט, פון אַלע וואַריאַנטן אין אַמעריקע.[3]

מיט פופציק יאָר צוריק האָט זיך אויסגעוויזן, אַז רעפאָרם־ייִדישקייט טריומפירט דאָ; מיט פופצן־צוואַנציק יאָר צוריק האָט מען געמיינט, אַז די קאָנסערוואַטיווע ייִדישקייט איז די כוואַליע פון דער צוקונפט אין אַמעריקע; איצט וויל די אָרטאָדאָקסיע פון די פאַרשידענע נוסחאות זיך אײַנרעדן, אַז זי וועט באַלד אַרויסשטופן פון דער ייִדישער גאַס די דערמאָנטע צוויי רעליגיעזע שיטות. יעדע פון די דרײַ רעליגיעזע שיטות לעבט מיט דער אילוזיע אַז זי וועט האָבן דעם מאָנאָפּאָל אויף ייִדישקייט אין אַמעריקע, בעת אין דער אמתן ווערן די אונטערשיידן צווישן אַלע דרײַ רעליגיעזע שאַטירונגען אַלץ שוואַכער — אין דער פּראַקטיק פון דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער ייִד וועלכער געהערט צו אַ סינאַגאָגע.[4] דאָס באַשטעטיקט בלויז די טעזע, אַז אין דער פּראַקטישער אַמעריקע זײַנען אַלע אידעאָלאָגישע שטרײַטן בלויז דער קנין פון קליינע גרופּעס, אָבער עס פרעגט נישט

3. Maurice Samuel, The Long Way Round; in The Faith of Secular Jews. Edited by Saul L. Goodman, pp. 249—56.

4. „New York Times", September 12. 1977.

אָפּ אונדזער באַהויפּטונג, אַז אַמעריקאַנער ייִדישקייט בכלל איז נישט געוואָרן שוואַכער.

אַוודאי געדענק איך אויך די שאַטנדיקע זײַטן פון ייִדישן לעבן אין אַמעריקע. מיר האָבן נישט באַוויזן דאָ אויפצושטעלן אַ דעמאָקראַטיש־געוויילטע רעפּרעזענטאַנץ פון אַמעריקאַנער ייִדנטום. אין אָרגאַניזירטן ייִדישן קאָלעקטיוו דאָמינירט אַ פּראָפעסיאָנעלע ביוראָקראַטיע בשותּפות מיט די גרויסע מנבֿים־פּלוטאָקראַטן. און כּל־זמן ס'וועט אַזוי בלײַבן, קענען מיר נישט האָפן צו געווינען די גרויסע צאָל ייִדישע אַקאַדעמיקערס און אינטעלעקטואַלן ווי אַקטיווע מיטבאַטייליקטע אין אָרגאַניזירטן ייִדנ־טום. עס איז אויך נישט פון קליינעם באַדײַט פאַר דער ייִדישער צוקונפט די פּראָבלעם פון געמישטע חתונות. לויט געוויסע פאָרשונגען קומט אויס, אַז מיטן צעשפּרייטן זיך פון דער היגער ייִדישער באַפעלקערונג איבער די קלענערע אַמעריקאַנער שטעט, פאַרגרעסערט זיך דער פּראָצענט פון געמישטע חתונות. מען קען זיך בלויז טרייסטן דערמיט, וואָס דער רוב פון די קריסטלעכע מיידלעך, וועלכע האָבן חתונה מיט ייִדישע בחורים, שליסן זיך שפּעטער אָן אין ייִדישע אינסטיטוציעס און די קינדער ווערן אָפּט דערצויגן ווי ייִדן. עס קען אויך זײַן, אַז דער דראַנג פאַר ייִדישער אידענ־טיפיקאַציע, וואָס איז סטימולירט געוואָרן דורך דעם דריטן חורבן און דעם אויפקום פון מדינת־ישׂראל, וועט פאַרלאַנגזאַמען די געמישטע חתונות.

4

עס איז דעריבער ווײַט נישט זיכער, ווי עס אַרגומענטירן די פּעסי־מיסטן, אַז אין דער סעקולאַריזירטער און פרײַער אַמעריקע וועלן ייִדן נישט קענען אויפהאַלטן און באַרײַכערן זייער ספּעציפיש לעבן. מען קען דאָס נישט באַווײַזן מיט געשיכטלעכע פאַרגלײַכן, ווײַל אַמעריקע איז אַנדערש אין איר סאָציאַלער סטרוקטור און אַפילו אין איר עטאָס פון אַלע אַנדערע לענדער, ווו ייִדן האָבן געלעבט. און בעת מען קען נישט לייקענען, אַז אין דער קולטור־דראַמע פון אַמעריקאַנער ייִדנטום זײַנען ביז איצט די הויפּטהעלדן ייִדישע יחידים, וואָס זײַנען געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אייראָפּע און אַז די הויפּטשאַפערס פון דער ייִדיש־קולטור אין אַמעריקע זײַנען ייִדן פון מזרח־ און צענטראַל־אייראָפּע, איז אויך זיכער, אַז ס'איז

נישטאָ קיין אומבאַשטרײַטבאַרער, אַבסאָלוטער ענטפער אויף דער פראַגע: צי ייִדן קענען, זײַענדיק אַזוי עמאַנציפּירט ווי זיי זײַנען אין אַמעריקע, זײַן שעפעריש גלײַכצײַטיק אי אין דער ייִדישער, אי אין דער אַמעריקאַנער קולטור. מיר קענען נישט געפינען קיין ענטפער אין דער ייִדישער געשיכטע, ווײַל — ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן — במשך דער גאַנצער לענג פון דער ייִדישער געשיכטע אין די תּפוצות איז נישט געווען אַזאַ עמאַנציפּירטער ייִדישער קיבוץ ווי דער אַמעריקאַנער.

ווען די היגע ייִדישע געמיינדע וועט ווערן ייִדיש־באַוווסטזיניק, ווי עס קוקט איצט אויס אַז זי ווערט, בנוגע איר חוב צו דער ייִדישער דערציִונג, דעמאָלט וועט וואַרשײַנלעך אין דער צוקונפט דאָ אויפבליִען אַזאַ רײַכע ייִדישע קולטור, ווי בעת דער גאָלדענער תּקופה אין שפּאַניע. עס מוז דויערן עטלעכע הונדערט יאָר איידער אַ ייִדישער קיבוץ שלאָגט וואָרצלען אין אַ נײַ לאַנד און אַנטוויקלט זײַן אייגנאַרטיקע קולטור. ווען מען פאַרגלײַכט אַמעריקע מיט די ייִדישע קיבוצים אין עבר, האָבן מיר אַ סך געשאַפן במשך די ערשטע הונדערט יאָר דאָ.

מיר דאַרפן אָבער נישט וואַרטן נאָך צוויי הונדערט יאָר צו קריגן אַן ענטפער אויף אונדזער פראַגע. אויב אַ ייִדיש בוך איז לויט לודוויק לואיזאָנס דעפיניציע: אַ בוך וואָס איז געשריבן פון אַ מענטש, וועלכער ווייסט אַז ער איז אַ ייִד, דעמאָלט טאָרן מיר נישט אויסשליסן פון קאָלעקטיווער ייִדישער שעפערישקייט אַ צאָל אַמעריקאַנער, ענגליש־שרײַבנדיקע, פּאָעטן, נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן: סאָל בעלאָו, בערנאַרד מאַלאַמוד, מאיר לעווין, דעלמאָר שוואַרץ, אברהם קליין א.אַ., וועלכע ווייסן, אַז זיי זײַנען ייִדן. ביודעים, אָדער בלא־יודעים, זײַנען זיי אָפּשפּיגלערס פון ייִדישע ווערטן. אַזעלכע נאָוועלן ווי מאַלאַמודס „דער אַסיסטענט", אָדער בעלאָוס „הערצאָג" און „מר. סאַמלערס פּלאַנעט" קענען פאַררעכנט ווערן צו דער ייִדישער ליטעראַטור, אין פרעמדע שפּראַכן, פּונקט אַזוי ווי זאַנגווילס „קינדער פון געטאָ" און אַנדרע שוואַרץ־באַרטס „דער לעצטער פון די גערעכטע".

הערצאָג, וועלכער זוכט דאָס פּערמאַנענטע און דאָס אמתע אין מענטשלעכן לעבן; אָדער סאַמלער, אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז געבליבן מיט איין אויג, וואָס די נאַציס האָבן אים איבערגעלאָזט, נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון גרוב, וווּ זײַן ווײַב איז דערשאָסן געוואָרן — אָט די „העלדן" זײַנען אייביקע ייִדן, וועלכע זוכן אַ תּיקון פאַר זיך דורך מתקן זײַן די וועלט.

לויט דעם קריטיקער אַלפרעד קייזין איז מר. סאַמלער דער ייִד, וועלכער האָט קריטיש באַטראַכט די וועלט און באַשלאָסן, אַז דאָס מענטשלעכע האַרץ איז די וועלט. איז דאָס נישט אַ ייִדיש ווערק?!

מיר קומען דעריבער צו דער מסקנא, אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום — נישט בלויז דער אימיגראַנטן־דור — שטעלט מיט זיך פאָר אַ קיבוץ פול מיט לעבנסקראַפט און מיט גוטע אָנזאָגן פאַר דער צוקונפט. ערשט אין די לעצטע דרײַ־פיר צענדליק יאָר, ווי אַ סך האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף — צוליב סיבות, וואָס מיר האָבן אויבן באַטראַכט. פאַראַן אין אונדזער ישוב אַ סך לערן־אינסטיטוציעס: סעמינאַרן, אַקאַדעמיעס פאַר פאָרשונגען, פאַ־קולטעטן, לערער־קאָלעדזשעס, ביבליאָטעקן און מוזייען. וויכטיקע ייִדישע ווערק דערשײַנען אין ייִדיש און ענגליש. אין אַ סך אַמעריקאַנער אוניווער־סיטעטן קומט פאָר אַ גײַסטיקע יוירונג בײַ אונדזער יוגנט, וועלכע אַנטדעקט ערשט איצט די עשירות, וואָס איז פאַרקערפּערט אין יודאַיִסטיק, אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראַטור. די דאָזיקע אויפרודערונג איז אַן אָנזאָג אויף אַ ייִדישן קולטור־רענעסאַנס אין אַמעריקע.

(1977)

נ אָ כ װ אָ ר ט

אַלע אַרבעטן אין דעם בוך זײַנען פֿריִער געװאָרן פֿאַרעפֿנטלעכט אין די פּעריאָדישע שריפֿטן: „פֿאָלק און װעלט" (פֿון ייִדישן װעלטקאָנגרעס), „די צוקונפֿט", „דרך" (פֿון שלום־עליכם פֿאָלק־אינסטיטוט), „סביבה", „גאָלדענע קייט", „אויפֿן שװעל", „פֿרײַע אַרבעטער שטימע", „דער װעקער", „חשבון", „אונדזער װעג", „אונדזער צײַט", און אַנדערע. זיי זײַנען געװאָרן אויפֿסנײַ רעדאַגירט, און צום טייל געענדערט.

אינדעקס פון נעמען און ענינים

אביעקטיוויזם און סוביעקטיוויזם (ביי קינסטלערס) 142 ;
אדארנא ט. וו. 298 ;
אודען, וו. ה. 133 ; 144 ;
אויערבאך, אפרים, 158—164 ;
אוישוויץ, 111—124 ;
אזיק, סינטיא, 333 ;
אחד־העם, 11, 28, 32, 44, 96, 104—105 ; 273—274, 326, 381 ;
אידעאלאגיעס, 229—236 ;
אייגוס, יעקב, 52—53 ;
איינהארן, דוד, 144—149 ;
איינשטיין, אלבערט, 128, 241 ;
אינזיכיסטן, 142, 158, 168—173 ;
אינטעלעקטואלן, 223—228 ;
איסלאם, 41 ;
איקאנאקלאסטן, 11 ;
אלטער וויקטאר, 339 ;
אליהו בחור, 29 ;
„אמעריקאנער יידישער קאמיטעט״, 69—77, 359 ;
„אמעריקאנער יידישער קאנגרעס״, 93 ;
אמעריקאנער יידנטום, 34—40, 73—77, 98—108, 415—426 ;
אמעריקאנער ציוויליזאציע, 17—25, 71 ;
אנדערשקייט פון אמעריקאנער יידנטום, 34—40, 73—77, 98—108, 415—426 ;
אנטיסעמיטיזם, 75—78, 293—294, 367—368 ;
אפאטאשו, יוסף, 245 ;
אקא, אדאלף; 45—48 ;
אקולטוראציע, 72—77 ;
אקסעלראד, אלבערט, 377—379 ;
אקסענפעלד, ישראל, 28 ;
אראן, ריימאן, 36—40, 230—231 ;
ארבעטער רינג־שולן, 93, 300;
ארענדס, האנא, 307—308, 342;
אש, שלום, 138—139, 141—142, 331, 333 ;

באבעל, איזאק, 106, 340 ;
באראכאוו, בער, 11, 73, 82, 242 ;
באוושאווער, יוסף, 330 ;
באראן, סאלא, 43, 358 ;
בובער מארטין, 105 ;
בונדיסטן, 73, 241—242, 328 ;
ביאליק, ח. נ., 44 ;
בייראן, דזש. פ. 9
„ביל״ו״, 31 ;
ביערד, טשארלז, 324 ;
ביקולטוריזם, 41—56, 352, 388—397 ;
ביקל, שלמה, 335 ;
בן־אדיר, 96 ;
„בני ברית״, 93 ;
בן־גוריון, דוד, 380 ;
בעל, דאניעל, 63—64, 231—232 ;
בעל שם טוב, 9, 96 ;
בעלאו, סאול, 106, 332—342, 425—426 ;
בעק, לעא, 314 ;
בעקער, קארל, 26 ;
בערגסאן, אנרי, 128 ;
בערגעלסאן, דוד, 340 ;
בערגער, אהרן, 192—197 ;
בערדיטשעווסקי, מיכה, יוסף, 107 ;
בערלין, ישעיה, 34—35 ;
בערענסאן, בערנארד, 340 ;

בראַנדייס, לואי, 40 ;
בראַצלאַווער, נחמן, 9, 44, 140 ;
בריינין, ראובן, 326 ;

גאַטעסמאַן, ביילע, 212—215 ;
גאָלד, הערבערט, 333 ;
גאָרדיס, ראָבערט, 52 ;
גויכבערג, ישראל, 208—211 ;
גייגער, אַברהם, 44 ;
גינזבורג, לוי, 43 ;
„גלאָבוס", 128 ;
גלאַטשטיין, יעקב, 165—167, 331, 384—385, 390 ;
גלאַנץ, יעקב, 188—191 ;
גלייזער, נאַטאַן, 70—71 ;
גרילי, אַנדריו, 70—72 ;
גרין, אַרטור, 373, 383 ;
גרינבלאַט, ראָבערט, 379—380 ;
גרינבערג, אליעזר, 139, 329 ;
גרינבערג, חיים, 331 ;
גרעץ היינריך, 358 ;

דאַווידאָוויטש, לוסי, 43 ;
דאָסטאָיעווסקי, פיאָדאָר, 128 ;
דוביצקי, יונתן, 394—397 ;
דובנאָוו, שמעון, 11, 32—33, 73, 97—98, 105, 241, 325, 351, 358 ;
דויטשער, יצחק, 237—246 ;
דזשאָנסאָן, לינדאָן, פּרעזידענט, 223—224 ;
דזשיימס, וויליאַם, 12 ;
דזשייקאָבסאָן, דאַן, 333 ;
דזשעפערסאָן, טאָמאָס, פּרעזידענט, 19 ;
דיואי, דזשאָן, 95, 295—299 ;
דיקענס, טשאַרלז, 335 ;
דעמאָקראַטיע, 271, 276—282, 295—299 ;
„דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט", 26—28, 420 ;
דריידען, דזשאָן, 335 ;

האַדאַס, מאָזעס, 43, 48—50 ;
האַו, אירווינג, 78—85, 139, 324—335, 390 ;
האַלקין, הלל, 98—108 ;
האַפּמאַנסטאַל הוגאָ, 115 ;
האָפּסטאַטער, ריטשאַרד, 228 ;
הוק, סידני, 227, 295—299 ;
היימאַן, פּאָולאַ, 392—393 ;
הײַנע, היינריך, 106 ;
הילקוויט, מאָריס, 327 ;
„הלל־פונדאַציעס", 363 ;
הימעלפאַרב, מילטאָן, 79 ;
הלכה, 13—14, 322—323 ;
העגעל, געאָרג, 35 ;
העלעניזם און העלעניסטישע תקופה, 41, 253, 358—359 ;
העלער, בינעם, 202—207 ;
העס, משה, 96, 104—105, 242 ;
הערדער, יאָהאַן, 105, 271—272 ;
הערצל, טעאָדאָר, 96 ;
העשעל, אַברהם, 319—323, 358 ;
השכלה, 26—33 ;

וואַלערי, פּאָול, 133 ;
וואָלף, ווירדזשיניאַ, 335 ;
וואָלפסאָן, הערי, 43 ;
וואָלטעיר, 111 ;
וויזעל, אליעזר, 358 ;
ווײַלד, אָסקאַר, 142 ;
ווײַנרײַך, מאַקס, 331 ;
ווײַסענבערג, י. מ., 245 ;
ווילסאָן, עדמונד, 339 ;
ווינטשעווסקי, מאָריס, 330 ;
וויקאָ, דזש. ב., 17 ;
וואָלאַדעק, ברוך, 335 ;
וועלטלעכע ייִדישקייט, 12—15, 26—33, 61, 86—97, 301—304, 313—318, 406—412 ;

זאנגוויל, ישראל, 43, 106, 140, 306;
זיגעלבוים, אַרטור, 339—340;
זינגער י. י., 331;
זשאַבאָטינסקי, וולאַדימיר, 374—380;
זשיטלאָווסקי, חיים, 32—33, 73, 87—97, 105, 141, 242, 326, 331—332, 351, 410—412;

„חבורה", 80—81;
חדר־מתוקן, 32;

טאָגשולן, (יידישע), 398—405;
טאָינבי, אַרנאָלד, 35, 290, 310—312, 324, 354;
טאַלמאַן, י. ל., 390;
טאָמאָס, נאָרמאַן, 264— 268;
טאָפּלטע לאָיאַליטעט, 36—40;
טאָפּלטער סטאַנדאַרד, 20;
טאָקוויל, אַלעקסיס דע, 37;
טעריטאָריאַליסטן, 73;
טקאַטש, מאיר, זימל, 174—179;
טראַגיק, 20;
טראַדיציאָנאַליזם, 352;
טראָצקי, לעוו, 240;
טרילינג, לייאָנעל, 340;
טשערנאָוויץ, חיים (רב צעיר), 261;
טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, 326;
טשערניכאָווסקי, שאול, 44, 390;

יאַנעסקאָ, אייזשען, 115;
יהדות, 41, 47—48;
יהודה הלוי, 9, 96;
יוגנט (יידישע סטודענטנשאַפט), 357—397;
יוחנן בן־זכאי, 42;
„יונגע" (אין אַמעריקע), 142, 155, 158;
יודישע פאָלקס־צייטונג, 32, 151;
יידיש, יידישיזם, יידישע ליטעראַטור, 101—103, 107, 136—143, 301—30;, 307—309, 311—312, 400—401, 406—412;
יידיש־וועלטלעכע שולן, 398—405;
יידיש־וועלטלעכער סעקטאָר, 61;
יידיש־ליטעראַרישער אַוואַנגאַרד, 330—331;
יידישער הומאַניזם, 44—45, 119—121;
יידישער סאָציאַליזם, 327;
„יידישע פּאַרטיידיקונג־ליגע", 82;
יידישע פּרוי, 327;
יידישע קולטור, 10—14, 47;
יידישע קינדער שולן, 93, 300, 346, 398—405;
יידישקייט, 86—97, 253—254;
ירמיהו, 116;

כּל־הגויימדיקייט, 98—108;
כּץ, אַלף, 198—201;

לאָוענטאַל, מאַרווין, 43, 44—45;
לאַנדאַן, מאיר, 327;
לאַפּאַלעט, ראָבערט, סענאַטאָר, 229—230;
לוי יצחק בערדיטשעווער, 96;
לוויסאָן, לודוויק, 52, 140, 306, 425;
לוקסעמבורג, ראָזאַ, 240;
„ליטעראַרישע מאַנאַטסשריפטן", 136;
ליוויק, ה., 139, 180, 321, 420—421;
ליעסין, אַברהם, 141, 150—157, 330;
ליפּמאַן, וואַלטער, 225, 276—282;
ליפּסעט, סימאָר, 232—233;
לעהרער, לייבוש, 349, 351—352;
לעהרער, ליפּע, 349—350;
לעווין, הלל, 383;
לעווין, יוסף, 364;
לעווין, לענאַרד, 393—394;
לעווין, מאיר, 52, 425;
לעווינזאָן, יצחק בער, 28;
לעיעלעס (גלאַנץ), אַהרן, 168—173, 335, 421;
לענין, ניקאָלאַי, 273, 278—279;

מאַנגעס, יהודה לייב, 105 ;
מאַזיני, 105, 269—272 ;
מאַלאַדאָווסקי, קאַדיע, 170 ;
מאַלאַמוד, בערנאַרד, 332, 425 ;
מאַנאַטעיִזם, 261—263 ;
מאַנגער, איציק, 245 ;
מאַנדעלשטאַם, אָסיפּ, 340 ;
מאַנטעסקיע, 38 ;
מאַרגאַשעס, שמואל, 335 ;
מאַרגענטוי, האַנס, 223—228 ;
מאַריטען, זשאַק, 289—290, 292—204 ;
מאַרק, יודל, 300—304 ;
מאַרקוזע, הערבערט, 232 ;
מאַרקיש, פּרץ, 245, 340 ;
מאַרקס, קאַרל, 35, 63, 120, 239—246, 273, 285—287, 324 ;
מדינת ישראל, 98—108, 399—401 ;
מהר"ם ראָטענבערג, 96 ;
מזרח־אייראָפּעיִשע תקופה, 319—323 ;
מיטלען און צילן, 258, 278—279 ;
מיימון, שלמה, 29 ;
מיכאָעלס, שלמה, 340 ;
מיליקאַן, ראָבערט, 128 ;
מינץ, אַלען, 372—373, 376, 389—390 ;
מינץ, מאָזעס, 151 ;
מינקאָוו, נחום, 168 ;
„מנורה־זשורנאַל", 41—56 ;
מעדעם, וולאַדימיר, 82, 242, 374 ;
מעמי, אַלבער, 371 ;
מענדעלסאָן, משה, 96, 326, 358 ;
מענדעלסאָן, שלמה, 11, 96 ;
מענדעלע מוכר ספרים, 139 ;
מענעס, אַברהם, 213—318 ;
מערב־ציוויליזאַציע, 21—23, 111—124 ;

נאָוואַק, מייקל, 65—69 ;
נאַמבערג, ה. ד., 245 ;
נאַפּאָלעאָן, 280 ;
נאַציאָנאַליזם, 65, 269—275 ;
נאַרוואָ, ריטשאַרד, 377 ;
נויסנער, יעקב, 388 ;
„ניו־סקול פאַר סאָשיעל ריסוירטש", 248 ;
ניגער, שמואל, 30, 41, 96, 136—144, 331, 351
ניטשע, פרידריך, 128 ;
נייבויער, ריינהאָלד, 267, 283—291 ;
„נייע לינקע", 295—299 ;
ניסענזאָן, היו, 333;
„נישט־ייִדישע ייִדן", 237—246 ;

סאַבראַס, 307—309 ;
סאָוויעט־רוסלאַנד, 21—24 ;
סאַנטאַיאַנאַ, דזשאָרדזש, 73, 260 ;
סאָקאָלאָוו, נחום, 31 ;
סטיינבערג, מילטאָן, 43 ;
סטיינער, דזשאָרדזש, 111—124 ;
סיימאָן, שלמה, 344—346 ;
סיימיסטן, 73 ;
סימבאָליזם, 263 ;
סירקין, נחמן, 331 ;
סליפּער, דזשיימס, 376, 381—383 ;
סמאָלענסקין, פּרץ, 31 ;
סעפּטואַגינטאַ, 323, 358—359 ;
ספּינאָזאַ, ברוך, 46, 240—241, 260 ;
ספּענגלער, אָסוואַלד, 35, 324 ;
סקעפּטיציזם, 11 ;

עדינגטאָן, אַרטור, 128 ;
עדמאַן, אירווין, 43 ;
עדעלשטאַט, דוד, 330 ;
עטנישקייט, 36—40, 52—61, 62—77, 247—254, 394—397, 418—420 ;
עליאָט, ט. ס., 121—122, 133, 331 ;
„עם־עולם", 31 ;
עקסיסטענציאַליזם, 283—286 ;
ערליך, הענריק, 339 ;
ערענבורג, איליאַ, 340—341 ;

פּאָלאַריטעט, 256—258 ;
פּאַסקאַל, בלעז, 132 ;
פּאַציפיסטן, 24 ;
„פּאַרטיזאַן רעוויו", 239 ;
פּאַרינגטאָן, ווערנאָן, 335 ;
פּועלי־ציון, 73 ;
פּינסקער, לעאָן, 31 ;
פּלוראַליסטישע אַמעריקע, 39—40 ;
„פּעדאַגאָגישער בולעטין", 300—301 ;
פּעין, טאָמאַס, 27—28 ;
פּראַגמאַטיזם, 15, 18, 36—40, 229—330 ;
פּרילוצקי, נח, 96 ;
פּרץ, י. ל., 82, 138—139, 143, 274, 326, 351, 262 ;

פאַלקיסטן, 73 ;
פאַרלאַג מתּנות, 349—350 ;
פיין, לענאַרד, 389 ;
פילאָן, 29, 44, 96, 326 ;
פילאָסאָפיע, 46 ;
פינלאַנדיזאַציע, 21 ;
פעפער, איציק, 340 ;
פראָם, עריק, 298 ;
פראַנק, וואַלדאָ, 52 ;
פראַנקלין, בענדזשאַמין, 27 ;
פראַנקרייך (מאַנאַליטישע), 37—40 ;
פראָסט, ראָבערט, 335 ;
פרויד, זיגמונד, 261—262 ;

צונץ, לעאָפּאָלד, 44 ;
„צוקונפט", 151—152 ;
צוקערמאַן, אַרטור, 364—366 ;
ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד, 93 ;
ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, 93 ;
צייטלין, אַהרן, 116, 125—135 ;
צייטלין, הלל, 125—128 ;
ציגבערג, ישראל, 106 ;

קאַהאַן, אייב, 327, 331—332, 410—412 ;
קאָהן, האַנס, 269—275 ;
קאָהען, מאָריס ר., 43, 95, 255—163 ;
קאַלען, האָראַס, 11, 36—40, 41—43, 60, 66, 92—97, 247—254, 329, 350, 419—420 ;
קאָמאַדזשער, הענרי, 335 ;
קאָמוניזם, 265—266, 272—373 ;
„קאָמענטאַרי", 69, 79, 333 ;
קאָנגרעגאַציע־שול, 402 ;
קאָסמאָפּאָליטן, 31, 67, 151—153, 328 ;
קאַפּלאַן, מרדכי, 43, 350 ;
קאַפקאַ, פראַנץ, 115—119 ;
קאַצקער, מענדל, 313 ;
קאַראַלניק, אַ., 335 ;
קאַמינסקי, י., 349—350 ;
קוויטקאָ, לייב, 340 ; 158 ;
קולטור־פּלוראַליזם, 36—40, 52—77, 247—254, 288—291, 329, 396—397, 402—403 ;
קייזין, אַלפרעד, 336—346, 426 ;
קינג, מאַרטין לוטער, 81;
„קינדער־זשורנאַל", 345—350 ;
קיסינדזשער, הענרי, 17 ;
קיערקעגאַרד, סאָרען, 182, 284—286 ;
קלויזנער, יוסף, 326 ;
„קעמפּ בויבעריק", 349—350 ;
קענען, דזשאָרדזש, 18 ;
קלאַצקין, יעקב, 94 ;
קליין, אַברהם, 140, 325 ;
קעניסטאָן, קענעט, 232 ;
קענעדי דזשאָן, פּרעזידענט, 232—233 ;
קראַכמאַל, נחמן, 96, 326 ;
קריסטנטום, 287—294 ;
קרעסקאָס (קרשקש), חסדאי, 96 ;

ראַווידאָוויטש, שמעון, 325 ;
ראָוז, ניעל, 371 372 ;
ראָזענבערג, בערנאַרד, 78—85 ;
ראָזענבערג, יואל, 383—386 ;

ראָזענבערג, מ. י., 380—381;
ראָזענפעלד, אַלווין, 390—392;
ראָזענפעלד, מאָריס, 330;
ראָטה, העגרי, 52;
ראָלניק, יוסף, 335;
ראָסעל, בערטראַנד, 9;
ראָסקעס, דוד, 383;
רוזוועלט פראַנקלין, פּרעזידענט, 339;
ראָקמאַן, עמנואל, 52;
רובענסטיין, ריטשאַרד, 389;
ריטואַל אין יידישקייט, 263;
ריימער, יוסף, 374—375;
רמב"ם, 29, 44, 96, 326, 358;
רעליגיע, 46, 313—318;
„רעספּאָנס", 369—376;
רעפאָרמירטע יידן, 423—424;

שאָפּענהאַוער, אַרטור, 46;
שאַצקי, יעקב, 331;
שוואַרץ, דעלמאַר, 332, 425;
שוואַרץ, לעאָ, 42, 53;
שוואַרצע און יידן (אין אַמעריקע), 70—77, 81—85;
שווייקער, ריטשאַרד, סענאַטאָר, 57;
שטאָטישע ציוויליזאַציע, 19;
שטיינבערג, יצחק, נחמן, 146;
שטיינגאַרט, משה, 180—187;
שטיף, נחום, 29—30;
שטערן, מנחם, 216—220;
שיינבערג, אַרנאָלד, 115;
שינדלער, אַלעקסאַנדער, 84;
שלום־עליכם, 44, 139, 332;
שלום־עליכם־פאָלק־אינסטיטוט, 345—346, 349—356;
שלום־עליכם פאָלקשולן, 300, 346, 398—405;
שלעזינגער, אַרטור, 225;
„שמעלצטאָפּ"־טעאָריע, 57—58, 62—77, 287—289;
שעקספּיר, וויליאַם, 9;
שערמאַן, בצלאל, 419;
שפראַך־קאָרופּציע, 113—124;
שפּראַכן ביי יידן, 371;

תודעה יהודית, 275;

ביכער פון שואל גוטמאַן

טראַדיציע און באַנייאונג (עסייען), ניו־יאָרק, 1967.

דער דרך פון שלום־עליכם־אינסטיטוט (אַ היסטאָרישער איבערבליק) ניו־יאָרק, 1972.

דער גלויבן פון וועלטלעכע ייִדן (אין ענגליש — The Faith of Secular Jews) ניו־יאָרק, 1976.

די יאָרביכער פון שלום־עליכם פאָלק־אינסטיטוט, פאַר די יאָרן 1954, 1963, 1965 און 1968. (רעדאַגירט)

ביבליאָגראַפיע וועגן ש. גוטמאַן:

אפרים אויערבאַך, אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 6סטן אויגוסט, 1967; יעקב גלאַטשטיין, אין „אידישער קעמפּער", 21סטן יולי, 1967; ד"ר ש. מאַרגאָשעס, אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל", 7טן מאַי, 1967; ישראל עמיאָט, אין „פאָרווערטס", 28סטן מאַי, 1967; קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אין „ש"ע בולעטין" נומער 117, 19טן מאַי, 1967; ל. דאָמאַנקעוויטש, אין „אונזער וואָרט", פּאַריז, 3טן יאַנואַר, 1970; באַרוין פּרענקעל, אין „אונזער שטימע", פּאַריז, 22סטן סעפּטעמבער 1969; וואָלף יאַסני, אין „לעצטע נייעס", תל־אביב; יודל מאַרק, אין „שלום־עליכם־בולעטין" נומער 117, 19טן מאַי, 1967; יעקב גלאַנץ, אין „דער וועג", מעקסיקאָ, 1טן מאַרץ, 1974; יהושע ראָטענבערג, אין „וועקער", ניו־יאָרק, מאַי־יוני, 1974; ד"ר סאָל ליפּצין, אין „לעצטע נייעס", תל־אביב, 10טן יוני, 1977; ס. שניאור, אין „חשבון", האַרבסט 1977, לאָס־אַנדזשעלעס; פּראָפעסאָר א. לערמער, אין „צוקונפט", סעפּטעמבער, 1978; ד"ר אליהו שולמאַן, אין „קולטור און דערציאונג", דעצעמבער 1960, ניו־יאָרק;

Sol Lipzin, in **Books in Review,** Oct. 1977, and in **Congress Monthty,** Dec. 1978; **The Jewish Monthly,** June, 1977; David M. Szonyi in **Jewish Press Features,** May, 1977; **Choice,** July-Aug. 1977; Maurice Tuchman, **Library Journal,** April 15, 1977; Zvi Yetiv, **The Jerusalem Post,** May 27, 1977; Chaim Rapahel, **Jewish Chronicle** (London); Israel Feinstein, **The Jewish Journal of Sociology,** Dec. 1977, (London); Emanuel S. Goldsmith, **Jewish Frontier,** March, 1977; Meir Ben-Horin, **Judaism,** Fall, 1976; Judah Pilch, **Jewish Frontier,** June, 1973; Sarah Schmidt, **Judaism,** Fall, 1978; Max Rosenfeld, **Jewish Currents,** May 1978; Allan A. Warsen, **Detroit Jew. News,** Oct. 28/77.

✓ 12/30/77